STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00221

YIDISHE TUER IN DER PARTEY SOTSIALISTN REVOLUTSIONERN

V. M. Chernov

Permanent preservation of this book was made possible by
The family of Louis & Fannie Katz Bertelli
in memory of
their grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע טוער אין דער פּאַרטיי
סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן

ווי‌קטאָר טשערנאָוו

יידישע טוער
אין דער פאַרטיי
סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן
ביאָגראַפּישע עסייען

פון רוסישן מאַנוסקריפּט איבערגעזעצט —
ווי‌קטאָר שולמאַן

אַרויסגעגעבן פון
גריגאָרי גערשוני ברענטש, 247 אַרבעטער רינג
ניו־יאָרק, 1948

JEWISH LEADERS IN THE PARTY SOCIALIST-REVOLUTIONISTS

By

VICTOR CHERNOV

Copyright, 1948, by
VICTOR CHERNOV
New York, N. Y.

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, New York, N. Y.
255

אינהאַלט

פּערציק יאָר גערשוני ברענטש 5

מיינע וועגן און שטעגן צו יידן 15

דער ערשטער יידישער שול־חבר. — ערשטע דיסקוסיע וועגן דער יידן פראַגע.

אַ וועטעראַן פון דער רעוואָלוציע — מאַרק נאַטאַנסאָן 27

ערב דער רעוואָלוציע פון 1905. — פּרווו פון אַן־איינהייטלעכן פראָנט פון אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. — נאטאנסאָן — דער „צונויפזאמלער פון דער רעוואָלוציע". — דער דורכפאַל פון דער פּאַרטיי „פּאָלקסרעכט". — דער וואָרם פון פּראָוואָקאַציע — אַזעף. — די רעוואָלוציע פון 1917. — נאטאנסאָן ראַט לענינען פאַנאַנדערצוטרייבן די גרינדונג־פארזאמלונג.

ש. אַנ־סקי־ראַפּאָפּאָרט 52

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט. — די אַגראַר־סאָציאַליסטישע ליגע. — טויט פון פעטר לאַווראָוו. — אַנ־סקי — אַ לערער און אַ קוילנגרעבער. — אַ באַגעגעניש מיט גליעב אוספּענסקי. — אַנ־סקי דער שריפטשטעלער. — אַ פאַמיליע־דראַמע. — אַנ־סקי און די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע. — אַנ־סקי אַ בעל־תשובה. — אין די לעצטע יאָרן פאַרן טויט.

איליאַ רובאַנאָוויטש 91

אַ פּראָווינציז פון אָדעס. — מעשה לעוו טיכאָמיראָוו. — דער אויסלענדישער אַמבאַסאַדאָר פון דער רעוואָלוציע. — דער קאַמף אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. — קאַמף קעגן דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי אין אויסלאַנד. — רובאַנאָוויטשעס ראָל אינעם קאַמף צווישן די ס.ר. דעמ. און עס־ערן אין אינטערנאַציאָנאַל. — דער פּראַנצויזישער אָרגאַן „רוסישע טריבונע". — דער באָלשעוויסטישער פּראָצעס קעגן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער עסערישער פּאַרטיי. — דער טויט פון רובאַנאָוויטש.

מיכאיל ראַפּאַילאָוויטש גאָץ 129

ראַפּאַילאָוו־גאָץ דער מענטש און דער רעוואָלוציאָנער. — מעמואַרן־ליטעראַטור וועגן ראַפּאַילאָוו־גאָץ. — היטער פון מאָראַלישער היגיענע און זעלבסטדיסציפּלין. — קאַפּיטאַליסטן — בעלי־תשובה פון דער טיי־דינאַסטיע „וויסאָצקי". — די פּראָוואָקאַציע שפּרייט־אויס איר נעץ. — זובאַטאָוו. — אין מאָסקווער טורמע. — אויפן מאַרטירער־וועג קיין יאַקוטסק. — די יאַקוטסקער טראַגעדיע (1889). — אין ווילויסקער טורמע. — פון דער טורמע אין ווילויסק אויף קאַטאָרגע און אויף פאַרשיקונג. — אויף עמיגראַציע — רעדאַקטאָר פון צענטראַל־אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא". — שיפּרען, באַמבעס, אַטענטאַטן, צוגעגרייט אויף דער פרייער שווייצאַרישער ערד. — אַרעסט אין איטאַליע. — די צאַרישע רעגירונג פאָדערט אַרויסגעבן גאָצן. — ראַפּאַילאָוו רייסט זיך קיין רוסלאַנד — גערשוני לאָזט אים נישט. — אַזעף פאַרטרעט גערשונין. — דער טויט.

גריגאָרי גערשוני 219

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט. — גערשוני און די זובאַטאָווששינע. — גערשוני — דער גרינדער פון דער טעראָריסטישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. — די ערשטע אַטענטאַטן. — דער אַרעסט אין קיעוו. — דער געריכט־פּראָצעס. — אין דערוואַרטונג פון טויט. — שליסלבורג. — חבר „קאַפּוסטין". — נאָכן אַנטלויפן פון קאַטאָרגע. — סאַווינקאָוו, אַזעף און גערשוני. — דער טראַגישער טויט.

אָסיפּ מינאָר 246

דער לעבנסוועג פון אַ רעוואָלוציאָנער־מאַרטירער. — דער סוד פון אַ טייוולישער נשמה. — אַזעף וויל ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין קרבן.

אַבראַם גאָץ 259

אין אויסלאַנד צווישן רעוואָלוציאָנערע סטודענטן. — אַטענטאַט אויפן מאָסקווער גראַדאָנאַטשאַלניק גראַף שוואַלאָוו. — אַבראַם גאָץ — דער „איזוואָשטשיק אליאָשאַ". — אויף קאַטאָרגע. — אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע 1917. — די באָלשעוויקעס צעטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג. — דער בירגער־קריג. — מאַרטירערישער טויט אין אַ סאָוועטישער טורמע.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט. — אין דער עמיגראַנטישער קאָלאָניע אין בערן. — אידייאישער כאַאָס נאָכן אונטערגאַנג פון „נאַראָדנאיא וואָליאַ“. — זשיטלאָווסקי און די פּראָבלעם: סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף. — זשיטלאָווסקי און פּלעכאַנאָוו. — זיין נייגונג צו פּאַראַדאָקסן. — זשיטלאָווסקיס פאַמיליען־דראַמע — זיין קריסטלעכע פרוי. — זשיטלאָווסקי און שארל ראַפּאָפּאָרט. — דער ריס אין זשיטלאָווסקיס פאַמיליע־לעבן. — זשיטלאָווסקי אין אַמעריקע. — אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1906־7. — זשיטלאָווסקי און ראַפּאָפּאָרט און זייערע אידייאישע וואַנדלונגען.

פערציק יאָר גריגאָרי גערשוני ברענטש

דאָס זאַמלבוך פון אַכט ביאָגראַפישע עסייען וועגן יידישע טוער אין דער רוסישער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" איז אַ יובילייאויסגאַבע פון גריגאָרי גערשוני ברענטש 247 אַרבעטער רינג צו זיין פערציק־יאָריקער עקסיסטענץ.

דער גריגאָרי גערשוני ברענטש האָט זיך געגרינדעט אין 1908, כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם גריגאָרי גערשוני. דער ברענטש האָט זיך אויסגעבילדעט פון אַ צונויפשמעלצונג פון דער גרופּע „דאָס נייע לעבן" און אַנדערע אומאָפּהענגיקע גרופּעס און יחידים, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע.

די יידישע אימיגראַציע אין דעם פּעריאָד ווען דער גערשוני־ברענטש האָט זיך געגרינדעט, האָט מיטגעבראַכט אַ גרויסע צאָל פון דער יוגנט, וואָס איז געווען מער אָדער ווייניקער באַאיינפלוסט פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אידייען. דער דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 האָט ביי זיי ניט פאַרניכטעט דעם גלויבן אין פרייהייט און סאָציאַליזם, און אין אַמעריקע, אין לאַנד פון פרייען וואָרט, האָבן אָט־די נעכטיקע בירגער פון פאַרשקלאַפטן רוסלאַנד זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט אין דעם ברויזנדיקן גייסטליכן לעבן אויף דער יידישער גאַס. אין די צענטראַלע פּונקטן וואו די יידישע אימיגראַציע האָט זיך קאָנצענטרירט האָבן די ניי־אַריבערגעקומענע גענומען פאַרמירן אָרגאַניזאַציעס, קלובן, זיי האָבן זיך גענומען גרייטן פאַר דער רעאַליזירונג פון אַ נייער בעסערער וועלט. אין דעם געראַנגל פון פאַרשיידענע גרופּעס און פּאַרטייען, אין זייער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָנהייגער, האָבן זיי פאַר די ניי־אַריבערגעקומענע פאַנאַנדערגעוויקלט נייע פּראָבלעמען, נייע באַגריפן. דער האָריזאָנט איז ברייטער געוואָרן, עס האָבן אָט־די יונגע נעאָפיטן פאַראינטערעסירט פראַגן וועלכע אין שטורם פון די רעוואָלוציאָנערע טעג זיינען געווען אָפּגערוקט אין אַ זייט.

איינע פון די שאַרפסטע דיסקוסיעס, וואָס האָט פאַרכאַפּט די אויפמערקזאַמקייט פון די ניי־אַריבערגעקומענע איז געווען די יידישע נאַ־

ציאָנאַלע פראַגע, — די פראַגע, צי די יידישע שפּראַך איז און דאַרף נאָר דינען ווי אַ מיטל פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָדער די יידישע שפּראַך איז אַ רייכער אינסטרומענט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן. סיי די אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען וועלכע האָבן געהאַט אַ העגעמאָנישן אויטאָריטעט אויף דער יידישער גאַס אין אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַזוי אויך די יונגע פּרעדיקער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שניט האָבן געהאַט איין לייזונג פאַר דער פאַר־פלאָנטערטער יידישער פראַגע, נעמלעך — די סאָציאַלע רעוואָלוציע; זי, די וועלט באַפרייענדיקע רעוואָלוציע וועט אַלע פּראָבלעמען — נאַציאָ־נאַלע, קלאַסן־צוטיילונג און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קראַנקייטן, היילן און פאַרענטפערן. דאָס יידישע פאָלק איז צוטיילט אין קלאַסן, די יידישע אַרבעטער מיט די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער האָבן נאָר איין אויפ־גאַבע — פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און דאַן, דאַן וועלן אַלע צרות פאַרשווינדן.

צווישן די ערשטע אַפּיקורסים וועגן דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע לויט דעם אויבן אָנגעגעבענעם רעצעפּט, איז געווען דער גער־שוני־ברענטש מיט חיים זשיטלאָווסקין בראש; ער האָט פּאַנאַנדערגע־וויקלט אַ גרויסע באַוועגונג פאַר דער עטאַבלירונג פון אַן אַרבעטער־רינג־בילדונג דעפּאַרטמענט, וואָס זיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו עטאַב־לירן אַ יידישן שולוועזן, ווי אויך אַרויסגעבן ביכער און בראָשורן פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון סאָציאַליסטישע אידייען ווי אויך פאַרשפּרייטן אַלגעמיינעם וויסן פון סאָציאַלן און וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, אַ פאַרביסענער, אָבער די מיטגלידערשאַפט האָט אָנגענומען די פּראָגראַם פאַר בילדונגס טעטיקייטן פון אָרדן לויט די אידייען, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט דער ברענטש אונטער דער אָנפירונג פון חיים זשיטלאָווסקין.

דער צווייטער קאַמף אין וועלכן דער גערשוני־ברענטש האָט פאַר־נומען אַ בכבודיקן אָרט איז געווען — פאַר דער רעפאָרמירונג פון אָרדן, אַוועקשטעלן אים אויף אַ געזונטן פאַרזיכערונג־פונדאַמענט; אַט דער קאַמף איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „די באַוועגונג פון די יונגע". אָנגעפאַנגען האָט זיך דער קאַמף איבער דער פראַגע פון די פּראַטוירנעל רייטס און האָט זיך אַריבערגעטראָגן — פאַר אַ ראַדיקאַלער איבערבוי פון אָפיס־פאַרוואַלטונג ווי אויך פאַר אַ נאָרמאַלער קעגנזייטיקער באַ־ציאונג צווישן אָפיס און איינצלנע ברענטשעס און יחידים־מיטגלידער. דער אָרדן איז געווען אין געפאַר. אייניקע סטייט־אינשורענס־דעפּאַרט־מענטן האָבן געפאָדערט אַ וויסנשאַפטלעכן אַפּצאַל־סיסטעם, וואָס זאָל פאַרזיכערן די מיטגלידער זייערע אינשורענס, — אַז יעדער פאָנד אין

אָרדן זאָל ניט גענוצט ווערן פאַר אַנדערע פאָנדן, וועלכע זיינען הינטערשטעליק אין איינקונפט, און אַז די אינשורענס־אָפּצאָלונגען זאָלן זיין לויט דעם עלטער פון אַ מיטגליד, דערמיט פאַרזיכערן, אַז די עלטערע מיטגלידער זאָלן ניט ווערן אַ פינאַנציעלע ריזיקע פאַרן גאַנצן אָרדן. די אַלטע האָבן געקעמפט מיט אַלע מיטלען, נאָר די אַ. ר. קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די פּלענער פון די „יונגע", אייניקע מיטגלידער פון ברענטש זיינען אויסגעוויילט געוואָרן צו דער נייער עקזעקוטיווע, וועלכע האָט דעם אָרדן אַוועקגעשטעלט אויף אַ געזונטן פונדאַמענט.

די מיטגלידער פון ברענטש זיינען געווען פאַרנומען ניט נאָר מיט אַרבעטער־רינג פּראָבלעמען. דער ברענטש האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין סאָציאַל־פּאָליטישן אָפּשטאַם, די פּאַרטיי ס. ר. מיטגלידער פון ברענטש זיינען געווען אויך די טוער פון דער פּאַרטיי־גרופּע אין ניו־יאָרק, זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט זאַמלען פאָנדן פאַר דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, און מיר קענען מיט שטאָלץ זאָגן, אַז צו דעם פינאַנציעלן פונדאַמענט פון דער פּאַרטיי האָט דער ברענטש צוגעטראָגן אַ היפּשע צאָל ציגל.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט דעם ברענטש געטראָפן ניט צוגעגרייט. גלייך פונעם ערשטן טאָג פון קאָנפליקט האָבן מיר פאַרלאָרן די פאַרבינדונג, פון וואַנען מיר האָבן געשעפּט אונדזער סאָציאַל־פּאָליטישן איינשטעל. די מלחמה האָט געבראַכט נייע פּראָבלעמען; סימפּאַטיעס האָבן זיך געבויגן צו ביידע צדדים פון די קעמפנדיקע לענדער, אַ סך האָבן געהאַלטן מיט דייטשלאַנד צוליב דער שנאה צו דער צאַרישער רעגירונג, אַנדערע האָבן פאַרטיידיקט די אַליאירטע, די לענדער פון פרייהייט, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד; עס זיינען אויך געווען אָנהייגער פון דעם אַלטן סאָציאַליסטישן איינשטעל; „די מלחמה איז אַ אימפּעריאַליסטישע, אונדזער שטעלונג ווי סאָציאַליסטן איז אַ קלאָרע — ניט צו העלפן קיין איינעם פון די קריגערישע צדדים", וואָס איז געווען די פּלאַטפאָרמע וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. די וואַקלדיקע שטעלונג איז אָבער פאַרשוואונדן אַזוי גיך ווי אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה.

פאַר דער צייט פון די עטלעכע מלחמה־יאָרן איז די טעטיקייט אין ברענטש שוואַכער געוואָרן; עס האָט געפעלט דער סטימול פאַר אַנדערע זאַכן אויסער די מלחמה געשעענישן, אָבער די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 האָט אַלעמען אויפגעוועקט ווי פון אַ הינערפלעט. דער ברענטש האָט אויפגעלעבט, מיטגלידער וועלכע זיינען פאַר יאָרן ניט געקומען צו די מיטינגען זיינען מיט אַמאָל געוואָרן טעטיק,

מען איז געקומען הערן נייעס פון דער אַלטער היים, וועגן די גרויסע געשעענישן וואָס האָבן זיי נעענטער געבראַכט צו זייערע יוגנט־חלומות פון אַ פרייען רוסלאַנד, פון אַ גרויסער פאַרצווייגטער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. אַ סך האָבן געוואָלט פאָרן צוריק, העלפן איבערבויען די אַלטע רוסלאַנד, צום באַדויערן, האָבן די גליקלעכע טעג פון אַ פרייער רוס־לאַנד לאַנג ניט געדויערט, די אומרואיקע נייעס פון דער אַלטער היים זיינען מיט יעדן טאָג געוואָרן אומפאַרשטענדלעכער, נעכטיקע חברים זיינען איבער נאַכט געוואָרן בלוטיקע שונאים, פאַרשוואונדן געוואָרן די פאַרטיי־דיסציפּלין, דער פאַרטיי־פּאַטריאָטיזם, די לופט איז געוואָרן פאַר־סמט פון ווילדע לאָזונגען, אויפרופן, פאַרטייען האָבן זיך געשפּאָלטן, דעמאַגאָגן האָבן זיך געטראָגן איבער דעם ברויזנדיקן ים פון די רוסישע מאַסן, וועלכע זיינען ניט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ גוואַלדיקער אי־בערקערעניש, בפרט נאָך אין אַ צייט פון הונגער און אַזאַ בלוטיקע מלחמה.

מיר האָבן זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן וואָס דאָרטן קומט פאָר, די נייעס האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן, מיר האָבן גיכער געפילט ווי געוואוסט, אַז אַ קריזיס וואַקסט, און לאַנג וואַרטן האָבן מיר ניט באַ־דאַרפט; די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט אונדז אַלעמען ווי פריטשמע־לעט, און גאָר אין גיכן האָבן מיר דאָס פיזיש דערפילט. אין אונדזערע רייען האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון די נייע אידייען, די לאָ־זונגען פון דער מאַכט „אַז ווער עס איז ניט מיט אונדז איז קעגן אונדז, אַזעלכע דאַרף מען פאַרניכטן.״

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס האָט באַ־שלאָסן צו פאַרכאַפּן דעם אַרבעטער־רינג, אָדער אים פאַרניכטן, די מגיפה פון צעשטערער פון אינעווייניק האָבן דערפילט אַ סך ברענטשעס. די קאָמוניסטן האָבן אָנגעפירט אַן אָרגאַניזירטן סאַבאָטאַזש, כדי ניט צו דערלאָזן אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל פונקציאָנירן נאָרמאַל; אָבער אויב אין אַנדערע ברענטשעס האָט דאָס אַריינגעבראַכט אומאָרדנונג, האָט די טאַקטיק זייערע אין אונדזער ברענטש אָנגענומען אַ שטורמדיקן כאַ־ראַקטער, די אורזאַכע פאַר דעם איז געווען ,וואָס די קאָמוניסטישע צעל־מיטגלידער אין אונדזער ברענטש זיינען געווען אַלטע טוער פון דער פאַרטיי אין רוסלאַנד, זיי האָבן געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, זיי האָבן געפירט זייערע אַטאַקעס מיט אימפּעט, איינגעשפּאַרטקייט און אָפט מיט רציחה; זיי האָבן אָבער באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד דער מאַיאָריטעט, וואָס האָט זיך אַנטזאָגט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן, — דאָס זיינען געווען די גרינדער פון ברענטש, די מער אויסגעהאַלטענע ס. ר.; זיי האָבן געוואוסט וואָס זיי ווילן, בעת דער קאָמוניסטישער צד האָט געוואָלט דאָס וואָס מען האָט זיי געהייסן ווען.

דער גאַנצער אָרדן האָט געליטן פון דער מגיפה, אין אונדזער ברענטש איז דאָ דערגאַנגען צו אַ שטורמדיקן אויסדרוק, מיר האָבן די קאָמוניסטן געשטעלט אַן אולטימאַטום : אָדער איר וועט האַנדלען לויט די פּרינ־ציפּן און סטאַטוטן פון דער אָרגאַניזאַציע, אָדער מיר וועלן אייך אויס־שליסן פון ברענטש ! עס האָט ניט געהאָלפן, מיר האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע לשונות. דער צענטראַל־אָפיס האָט זיך געמוזט אַריינמישן און מיט זיין צושטימונג איז די קליינע גרופּע קאָמוניסטן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון ברענטש.

דער ברענטש איז פון דער אָפּעראַציע שטאַרק אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. אַקטיווע מיטגלידער זיינען געוואָרן מיד נאָכן זיג, ביי אייניקע איז דאָס געווען אַ מין פּסיכישע רעאַקציע, די אַלגעמיינע מיטגלידערשאַפט האָט פאַרלאָרן דאָס געדולד פון די צווישן פּאַרטיי־דיסקוסיעס, דאָס „שפּאַלטן האָר" אין דער אַרגומענטאַציע פון ביידע צדדים, די מיטינ־גען זיינען געוואָרן ווייניק באַזוכט, אָפט, גאַנץ אָפט האָט מען ניט געקאָנט פאַרזאַמלען אַ קוואָרום, די קאָלעקטירונג פון מיטגלידער־אָפּצאָ־לונגען איז געפאַלן, און דער חוב אין אָרדן איז געוואַקסן צו אַ געפער־לעכער הויך.

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן האָט אַ גרופּע אַלטע טוער צוזאַמען מיט אייניקע נייע אַריבערגעקומענע חברים פון יענער זייט ים באַשלאָסן אָנצופאַנגען אַן אויפלעבונג־באַוועגונג אין ברענטש. מיר האָבן גענומען אָרגאַניזירן לעקציעס, דיסקוסיעס וועגן פאַרשיידענע פראַגן, דער ברענטש האָט גענומען אויפלעבן. אמת עס איז געווען אַ שווערער באַרג־אַרויף, אָבער גאָר אינגיכן האָבן מיר דערפילט דעם פּראָגרעס. אין יענער צייט האָט דער ברענטש באַשלאָסן צו פייערן דעם 25־יאָריקן געבורט פון ברענטש און פאַר דעם צוועק קלייבן אַ פאָנד. צו דעם יום־טוב האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסגעבן אַ בוך געווידמעט גריגאָרי גערשוניס לעבן און טעטיקייט. מיר האָבן געוואָלט באַקאַנען דעם יידישן עולם מיט גריגאָרי גערשוני דעם שטאָלצן יידן, דעם רעוואָלוציאָנערן פירער, — מיט זיין מאַרטירער־לעבן און זיין טראַגישן יונגן טויט, און מיר קענען היינט זאָגן מיט שטאָלץ, אַז מיר האָבן די אויפגאַבע דער־גרייכט. דאָס איז געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג פון אַ קליינעם ברענטש, וואָס איז אָקאָרשט געקומען צו זיך.

דער ברענטש האָט זיך געווענדעט צו אייניקע חברים אין פּאַריז זיי זאָלן זאַמלען אַרטיקלען פאַרן בוך, אָבער די אַרבעט האָט זיך גע־שלעפּט ווי פון פעך, ביז אונדזער אַלטער חבר און פירער פון דער פּאַרטיי, ו ו י ק ט אָ ר ט ש ע ר נ אָ ו ו איז געקומען קיין אַמע־

ריקע פאַר אַ טור לעקציעס. מיר האָבן אים איבערגעגעבן צו זיין דער רעדאַקטאָר, שרייבער און זאַמלער פון אַרטיקלען ביי די חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד. ער האָט זיין אויפגאַבע דורכגעפירט גלענצנדיק, מיט ליבע און חברשער באַציאונג צו דער זאַך. אין 1934 איז דאָס בוך גריגאָרי גערשוני דערשינען פאַרן יידישן לעזער.

אין 1932 האָט דער צענטראַלער אָפיס אונדז פאַרגעשלאָגן אַריינצונעמען אַ קליינעם ברענטש אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, דאָס איז געווען אַן אָפגעשפאָלטענער טייל פון יערמאָלינצער לאַנדסמאַנשאַפט־ברענטש, וועלכער איז צעריסן געוואָרן אין דער צייט פון דער קאָמוניסטישער בהלה. זיי זיינען געווען צו קליין אין צאָל אויפצוהאַלטן אַן אָרגאַניזאַציע מיט זייערע אייגענע כוחות. מיר זיינען גיך דורכגעקומען וועגן די באַדינגונגען פאַר דער פאַראייניקונג, און מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן, אַזביידע צדדים האָבן זיך ניט אָפגענאַרט. אין אונדזער ברענטש זיינען צוגעקומען אַ צאָל אינטעליגענטע מענטשן, גוטע טוער, וועלכע זיינען געווען גרייט צו יעדער אַקציע, וואָס דער ברענטש האָט זיך געשטעלט. מיר ווילן ביי דער געלעגענהייט דערמאָנען איין מיטגליד פון די ניי־צוגעקומענע, וועלכער איז מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, דער אייביק־יונגער־אַלטער יעקב רובינשטיין, וואָס האָט געברויזט מיט ענערגיע, איז קיינמאָל ניט געווען מיד, שטענדיק געהאַט צייט צו טאָן אַרבעט פאַרן ברענטש. דעם פאַרלוסט פילן מיר נאָך היינט פונקט ווי דעם ערשטן טאָג נאָך זיין טויט.

אין די לעצטע צענדליק יאָר, — דער פעריאָד פון קריזיס און די צווייטע וועלט־מלחמה — האָט דער ברענטש דורכגעמאַכט אַ מער נאָרמאַלן לעבן, ניט געהאַט קיין אינערלעכע שפּאַלטונגען אָדער רייסענישן. די טעטיקייט פון ברענטש איז געווען געווידמעט — אויסער די רוטינע אויפגאַבן פון אַן אַרבעטער־רינג־ברענטש, — אונדזער אייגענער אויסבילדונג און אינפאָרמירונג וועגן סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויך היינט פאַר די בירגער פון אַמעריקע, — קאַמפּיינס פאַר פאָנדן צו שטיצן יעדע הילפאַקציע פאַר אונדזערע סאָלדאַטן־קינדער אויפן פראָנט, אין די שפּיטאָלן, און נאָכן קריג — די שטענדיקע הילף־טעטיקייטן פאַר די יידן אויף יענער זייט ים. פאַר די עטלעכע יאָר נאָכן קריג האָט אונדזער ברענטש געזאַמלט איבער פינף טויזנט דאָלאַר וואָס מיר האָבן צוטיילט צווישן די צענטראַלע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער הילף־אַרבעט אין אייראָפּע. לויט דער צאָל מיטגלידער זיינען מיר אַ קליינער ברענטש, אָבער יעדער מיטגליד פילט די אחריות וואָס עס ליגט אויף אונדז, אַמעריקאַנער יידן. „העלפט!״

— אַט־דעם ווײ־געשרײ פון אונדזערע ברידער און שוועסטער וועט דער גרויסער שטח וואַסער פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ניט דערשטיקן!

צו דעם פערציק יאָריקן יובילײ פון ברענטש האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די עראינערונגען פון וויקטאָר מיכאַילאָוויטש טשערנאָוו וועגן אַכט יידישע פאַרטײ־טוער, אַכט חברים, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער; די אַלע אַכט זיינען מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, אייניקע פון זײ זיינען געשטאָרבן אין דער פרעמד, פאַרטריבן פון דעם לאַנד, פאַר וועלכן זײ האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס דאָס לאַנד צו באַפרייען; אייניקע זיינען געשטאָרבן אין רוסלאַנד פאַרוואָגלטע, פאַריאָגטע, איינעם האָט די איצט הערשנדיקע מאַכט פון רוסלאַנד דערמאָרדעט. אין דער פאָרם פון צייטונגס־אַרטיקלען זיינען די עראינערונגען טיילוויז געווען גע־דרוקט אין „פאָרווערטס"; מיר האָבן באַשלאָסן די אַרטיקלען צו דער־גאַנצן מיט מער מאַטעריאַל און אַרויסגעבן אין אַ בוך, וואו זייער מאַרטי־ראָלאָגיע זאָל זיין מער קאָמפּלעט אַרויסגעבראַכט. דער ברענטש וויל, אַז דאָס בוך זאָל זיין ווי אַ מצבה אויף זייערע צעוואָרפענע קברים. דאָס וועט זיין אונדזער קדיש נאָך די געפאַלענע.

מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אונדזער גרויסן דאַנק צו אונדזער פריינט כאַנין, דעם דירעקטאָר פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג פאַר זיין גרויסער הילף, וואָס ער האָט געגעבן דער קאָמיטעט פון ברענטש; זיינע עצות און דערמוטיקונג האָט אין אַ גרוי־סער מאָס מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען. מיר ווילן אויך אוידריקן אַ גרויסן דאַנק צו אַלע פריינט און חברים פאַר דער הילף, וואָס זײ האָבן אונדז געגעבן — סיי פינאַנציעלע, אַזוי אויך מאָראַלישע. מיר מוזן מודה זיין, אַז אָן זייער חברשער הילף וואָלטן מיר ניט געווען בכוח דאָס צו דערגרייכן. מיר לאָזן זײ אַנאָנים, אָבער דער ברענטש וועט זייערע נעמען ניט פאַרגעסן.

מיר ווילן אויך אויסדריקן אַ ספּעציעלן דאַנק דעם בילדונג־דעפּאַר־טאַמענט פון אַרבעטער־רינג פאַר דער גרויסער הילף, וואָס ער האָט אונדז אַרויסגעוויזן מיטן אונטערנעמען זיך צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך דורך זיין אַפּאַראַט; מיר האָפן, אַז דאָס בוך וועט זיין אַ שטאָלץ פאַרן אַרבעטער־רינג, וואָס דער גערשוני־ברענטש איז זיין צווייג.

מיר ווילן דאָ אויך דאַנקען דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר דער הילף וואָס ער האָט אונדז געגעבן מיטן שאַפן די נייטיקע בילדער וואָס האָבן אונדז געפעלט. מיר ווילן דאָ אָנצייכענען ווי וויכטיק דער ייוואָ איז פאַר יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווען זײ נייטיקן זיך אין הילף פאַר אַ וויכטיקער אונטערנעמונג פון אַ קולטורעלן כאַראַקטער.

מיר ווילן אויך באַדאַנקען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף אונדזער בקשה פאַר הילף: דעם נאַציאָנאַל־אַרבעטער־פאַרבאַנד, די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג־וואָרקערס יוניאָן, דזשאָינט באָרד פון די קלאָוק־מאַכער יוניאָן, די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און אַ סך איינצלנע לאָקאַלן און אָרגאַניזאַציעס. אַ גרויסן יישר־כוח צו אַלע פריינט און חברים.

די יובילײ קאָמיטעט פון
גריגאָרי גערשוני ברענטש 247 אַרב. רינג



וויקטאָר טשערנאָוו

מיינע וועגן און שטעגן צו יידן

נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן די פראַגע:

— פאַר וואָס האָט איר קיין איין מאָל נישט דערציילט פאַרן עולם לייענער עפּעס פון אייערע זכרונות וועגן די יידן־רעוואָלוציאָנערן אין די רייען פון אייער פאַרטיי? דאַכט זיך, אַז זיי זיינען געווען נישט אַזוי ווייניק. און דער עיקר — עס זיינען דאָך געווען צווישן זיי מענטשן און טוער פון גאָר אַ הויכן גראַד! צי קאָן מען דערלאָזן, אַז זייער אָנדענק זאָל ווערן אינגאַנצן פאַרטושט? ווער־זשע אויב נישט איר, איינער פונעם הייפל איבערגעבליבענע לעבעדיקע וועטעראַנען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער פאַרטיי, דאַרף טראָגן די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר איינהיטן זייערע געשטאַלטן אינעם זכרון פון די קומענדיקע דורות?

איך פיל, אַז די פראַגע איז אַ גערעכטע, און אפשר איז אויך גע־רעכט דער טאָן פון אַ שטיקל פאַרוואורף, וואָס הערט זיך אין דער· דאָ־זיקער פראַגע. איך האָב אויך נישט קיין ערנסטע פאַרענטפערונג. פאַר וואָס? גאַנץ איינפאַך — ס׳איז אַזוי געשען, ס׳איז עפּעס נישט געווען קיין געלעגנהייט. און אַט איצט, ווען אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט — הויב איך אָן אויפצולעבן מיין זכרון. און דאָס ערשטע, אויף וואָס איך שטויס זיך אָן דאָס איז — די שפּעטקייט, וואָס איך אַליין און נאָך אַזעלכע ווי איך, ריינע, עכטע גרויסרוסן, האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דער יידן־פראַגע בכלל און מיט איר באַזונדערער שאַרפקייט און וויטיק־לעכער אָנגעשטרענגטקייט אין רוסלאַנד בפרט.

איך בין געבוירן געוואָרן אין די סטעפּעס, זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער וואָלגע, וואו ס׳האָט זיך אויסגעפורעמט מיין גייסטיקער פּנים. אין די דאָזיקע געגנטן האָב איך נישט נאָר נישט געזען קיינמאָל קיין יידן, נאָר אפילו כמעט נישט געהערט פון אַזעלכע.

איך האָב נישט באַקומען קיין רעליגיעזע דערציאונג אינעם גייסט פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. ביי אונדז אין הויז, ביזן סאַמע אָפּפאָרן

מיינעם קיין סאַראַטאָוו, כדי אָנצוקומען אין גימנאַזיע, בין איך אַרונ־טערגעפאַלן אונטער אַ קאָנפליקט צווישן צוויי שטראָמען אין דער רע־ליגיעזער ספערע: איינער איז געפלאָסן לויט דער פרויען־ליניע, דער צווייטער — לויט דער מענלעכער.

דער ערשטער האָט גאַנץ פּשוט איבערדערציילט לויט די לערנביכער פון רעליגיע, די געשיכטע וועגן די יידן, ווי וועגן אַן אויסדערווילט און פון גאָט באַליבט פאָלק. דאָס דאָזיקע פאָלק האָט אונדז געגעבן די ביבל, די צען געבאָט, יאהאָן דעם טויפער, גאָטס מוטער, קריסטוסן אַליין, די אַפּאָסטאָלן; אָן אים וואָלטן מיר געבליבן געצנדינער, ד. ה. וואַלד־חיות אויף צוויי פיס. לויט דער צווייטער שטרעמונג — די מענ־לעכע ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן פון מיין זיידן, אַ געוועזענער באַ־אַמטער פון דער קאָנסיסטאָריע, — זיינען די היינטיקע לעבעדיקע יידן עפּעס מאָדנע מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פון דער גאַנצער אי־בעריקער וועלט (מסתמא האָבן זיי דאָך וואָס צו באַהאַלטן!); מיט איין וואָרט, זיי זיינען עפּעס אינגאַנצן נישט ענלעך צום אוראַלטן פאָלק, וואָס איז געווען „אויסדערווילט פון גאָט."

אין די מעשיות וועגן די יידן איז געווען עפּעס אַ סך נישט דערציילט ביזן סוף, רמזים, אָנדייטונגען, וואָס האָבן מער נישט צעהיצט די קינדערישע פאַנטאַזיע.

בכלל גענומען זיינען רעליגיעזע וויכוחים כמעט נישט געווען אין אונדזער משפחה. קיין שום זאַך האָט אַזעלכע וויכוחים נישט אַרויס־גערופן. דער ברייטער וואַסער־וועג פון דער וואָלגע מיט אַלע אירע צופלוסן, וואָס האָט אַרומגענומען שיער נישט דאָס גאַנצע אייראָפּעאישע רוסלאַנד, האָט אַריינגעבראַכט צו אונדז, אַוועקגעטראָגן פון אונדז און פאַרבייגעטראָגן אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרשיידנפאַרביקן געמיש פון קליידונג, פּנימער, דיאַלעקטן, שטאַנדן, שיכטן. דאָ זיינען געווען מאַכ־מעדאַנער, קינדער פון איסלאַם: טאָטערן, באַשקירן, קירגיזן; געווען דייטשישע קאָלאָניסטן, כמעט אַלע מענאָניטן; *) געווען איבערוואַנ־דערער פון אוקראַינע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט צו אונדז באַפּטיזם און דוכאָבאָרטשעסטוואָ; געווען קאָזאַקן פון אוראַל, וואָס האָבן זיך שטרענג געהאַלטן ביי די טעקסטן פון די אַלטע ספרים, וועלכע פלעגן אפילו צעברעכן די כלים, פון וועלכע ס'פלעגן עסן אָדער טרינקען די „ניקאָני־אַנער" (אַ סעקטע, אָנהענגער פון פּאַטריאַרך ניקאָן); געווען אויך „אינאָראַדצעס" — האַלבע געצנדינער. און אויב עס זיינען נישט געווען אָדער כמעט נישט געווען קיין עכטע יידן, זיינען אָבער געווען

*) ליוטעראַני'שע סעקטע, גרינדער מענאָן.

זייערע אַזוי צו זאָגן אומגעזעצלעכע קינדער — די „סובאָטניקעס" (קריסטן, וואָס האַלטן פון שבת). די אַלע געגנטן ביים נידעריקן לויף פון דער וואָלגע („פּאָוואָלזשיע") זיינען פון קדמונים אָן געווען שוץ־ערטער פאַר אַלע געיאָגטע און געפּלאָגטע פון אַלט־רוסלאַנד; דאָ האָט מען נישט געוואוסט פון רעליגיעזע קאָנפליקטן; דאָ זיינען געווען, פּונקט ווי אין דער אַמאָליקער „זאַפּאָראָזשיע" אין אוקראַינע, אויסגעגלייכט און צונויפגעשמאָלצן אין איין פרייע ברודערשאַפט אַלע אָן אויסנאָם, וואָס זיינען געקומען אַהער.

און דעריבער — האָט דער מוסולמענער אויסגעשפּרייט זיין טעפּיך און אויף אים געדאַוונט מיטן פּנים צו מזרח, — האָט דער ייד אָנגעטאָן זיין טלית און מתפלל געווען אויף זיין שטייגער, האָט דער טשערעמיש געזאָגט זיינע תפילות צו זיין קערעמעט — דער איינגעבוירענער וואָלגע־מענטש פלעגט געלאָסן, מיט פאַרשטענדעניש און אַכטונג זאָגן: „דאָס איז ביי זיי אַזאַ גלויבן," דאָס איז ביי זיי אַזאַ מנהג פון די גאָר אַלטע צייטן". עס הייסט — אַלץ איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

אַזוי איז עס געווען „אונטן", ביים פאָלק. נישט אַזוי איז אָבער געווען „אויבן" — ביי די טשינאָווניקעס, די באַאַמטע, באַזונדערס ביי די פון זיי, וואָס זיינען געווען פון די גייסטלעכע. איך געדענק אַ דיס־פּוט וועגן גלויבן, אויב מ'קען דאָס אַזוי אָנרופן, אינעם קרייז פון מיינע קרובים פון מיין מאַמעס צד. עס האָבן זיך צעקריגט און גאַנץ שאַרף טאָקע צוויי: איינער אַ רייכער, אַ מאַנופאַקטור־סוחר, אַ פּראַוואָסלאַוונער, — דער צווייטער, אַן אָרעמער, אַן אייגנטימער פון אַ טראַנספּאָרט־געשעפט, אַ „מאָלאָקאַנער" פון דער שיטה „סובאָטניקעס". בייביידן איז גאָר גיך אויסגעגאַנגען דער קאַרגער זאַפּאַס פון טעאָלאָגישע באַווייזן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, אָבער דער אזארט האָט זיך נישט איינגעשטילט. און אָט זיינען זיי געקומען צו אַ הסכם: אויסגלייכן דעם סכסוך דורך „גאָטס משפט", דאָס האָט געהייסן דורך אַ געוועט: ווער וועט גיכער ווערן שיכור. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דועל אויף שפּירט־משקה, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט אין דער פרי איז געקומען די אַנטשיידונג: געזיגט האָט דער פּראַוואָסלאַוונער.

אָבער מיין פעטער דער „סובאָטניק" האָט, אויסערלעך שווייגנדיק, אינערלעך זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט פאַרבעטן צו זיך אין שטוב מיין עלטערן ברודער וולאַדימיר, דאָרטן האָט ער אים באַקענט מיט אַ גרייז־גראָען, 70־יאָריקן זקן, אַ באַקאַנטן סעקטאַנטישן מגיד. יענער האָט אים דערציילט פון וואַנען עס שטאַמען אָט די „סובאָטניקעס". די געשיכטע, אַפילו ווי מיין ברודער האָט זי איבערדערציילט, איז געווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע און עקספּאַנסיווע, מיט גאָר נישט קיין

היימלעכן סוף. אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך זי ווידער געהערט אין טאַמבאָוו פון אַ וואַנדערנדיקן סעקטאַנט־פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ למדן, וואָס האָט זיך פאַרנומען נאָכצוקאָנטראָלירן די לעגענדעס, וואָס האָבן קורסירט אין זיין סביבה לויט היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע ווערק. ער האָט מיר דערוויזן, אַז די דאָזיקע געשיכטע איז בכלל גענומען נאָענט צום היס־טאָרישן אמת, מ'האָט עס מער נישט צוגעפּוצט און צוגעפאַרבט, ס'זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די סעקטאַנטישע באַגריפן.

די געשיכטע איז אַזאַ: נאָך פאַרן צאַר איוואַן דער 3־טער, דעם זיידן פון איוואַן דעם שרעקלעכן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער רעליגיע־זער קריג. איוואַן דער 3־טער האָט באַשלאָסן צו בינדן די הענט ביי די בעלי־גופים פון די צערקוועס און קלויסטערס און האָט צוגענומען פאַר דער מלוכה די רייכע אוצרות, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין די קלויסטערס און צערקוועס. איוואַנען האָבן געשטיצט די בעסטע עלע־מענטן פון די גייסטלעכע און וועלטלעכע שיכטן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מען אויסהיילן די „פירשטן פון דער קירכע" פון קאָנקורענץ, קנאה און עולם־הזהדיקע תענוגים, און זיי אומקערן צו פרידלעכער אַרבעט, צו פרומקייט, פריי פון דער תאווה צו געלט. די בעסטע יערעיען (העכערע גייסטלעכע אָנפירער), דערין אויך די פּראָטאָפּאָפּן פון די דריי גרעסטע מאָסקווער סאָבאָרן — אוספּענסקער, סאָפיער און אַרכאַנגעלסקער, אַלעקסיי, גאַווריל און באַריס. ס'האָט מיט זיי אויך געהאַלטן דער מיטראָפּאָליט זאָסימא און די גרויספירשטין העלענא, אויך דער דיאַק קוריצין, וואָס זיין אַמט דעמאָלט איז געווען ענלעך צו אַ היינטיקן אויסערן־מיניסטער. אָבער קעגן זיי האָט זיך אויפגעהויבן די גאַנצע כאָפּטע שוואַרצע ראָבן, וואָס זיינען אָנגעפלויגן אויף רוסלאַנד דער עיקר פון וויזאַנטיע — די גריכישע שוואַרצע מאָנאַכן, — זיי האָבן אַריבערגענומען אויף זייער זייט איוואַנס פרוי, די הערשערישע און איינגעשפּאַרטע סאָפיע. לכתחילה האָט איוואַן זיך נישט אונטערגעגעבן — ער האָט סאָפיען מיט איר זון וואַסילי פאַר־שיקט אין אַ קלויסטער, און פאַר זיין נאָכפאָלגער (טראָנפאָלגער) האָט ער באַשטימט דימיטרין, העלענאַס זון.

— גיט נאָר אַ טראַכט, האָט געזאָגט דער סעקטאַנט: ווען איוואַן האָט מער מוט און כאַראַקטער — וויפל צרות וואָלט רוסלאַנד אויסגע־מיטן! נישט וואַסילי איוואַנאָוויטש וואָלט געוואָרן אַ צאַר און נישט זיין זון, איוואַן דעם 3־טנס איניקל, איוואַן דער 4־טער, דער גרויזאַ־מער; ס'וואָלט דעמאָלט נישט געווען אין רוסלאַנד זיין טעראָר־הער־שאַפט מיט דער „אָפּריטשינע", וואָס האָט צעשמעטערט די זעמשטשינע...

דער אַלטער סעקטאַנטישער מגיד האָט זיך דערביי אַזוי צעהיצט,

אַז ער האָט ווי נביאות געזאָגט — אַז ס'וואָלט אפילו נישט געוואָרן איינגעפירט די לייב־אייגנטום־הערשאַפט (קרעפּאָסטנישעסטוואָ), און רוסלאַנד וואָלט טאַקע נישט איבערגעלעבט דעם פּעריאָד פון מהומות און אויפשטאַנדן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליבן איינפירן דאָס לייב־אייגנטום. צום אומגליק, האָט איוואַן דער 3־טער נישט אויסגעהאַלטן, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון די כיטרע פּאָפּעס, וואָס האָבן אים אָנגע־שראָקן, אַז אָט־אָט קומט שוין דער סוף פון דער וועלט, דער „שרעק־לעכער יום הדין" שטייט שוין ביי דער טיר, און אַז אַלע, וועמען ער גלויבט זיינען „נעכריסטן", טייוואָנים, וואָס זיינען אָנגעשטעקט פון די זשידעס. פאַרוואָס? ס'איז טאַקע געווען צווישן זיי אַ צדיק און אַ גוטער מענטש, אַ ייד זכריה און זיינע חברים — יוסף שמואל סקאָ־ראָוועי און משה כאָנוש; זיי האָבן געקענט די ביבל בעסער פון אַלע גריכישע פּאָפּעס; אָט אויף זיי האָט מען דאָס אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד. צום אומגליק נאָך איז אויך אָוועקגעשטאָרבן זייער באַשיצער דער דיאַק קוריצין. די גרויספירשטין העלענאַן האָט מען נאָך באַ־שולדיקט, אַז זי זאָל האָבן כלומרשט אַריינגעבראַכט פון טשעכן־לאַנד הוסיטישע אַפּיקורסות. דאָס איז אָבער געווען נישט קיין אפיקורסות, נאָר דער ריינער געדעכטער אמת. זאָסימאַן האָט מען אַראָפּגעזעצט פון מיטראָפּאָליט־טראָן ווי אַן אפיקורס, וואָס האָט מסכים געווען מיט דער גאַנצער חברה; מ'האָט געמאַכט שלום צווישן איוואַן דעם 3־טן און סאָפיען, אָנשטאָט איר האָט מען אין קלויסטער פאַרשיקט די אומשול־דיקע העלענאַ מיט איר זון דימיטרין; די בעסטע קעפּ און די בעסטע מענטשן פון די גייסטלעכע און וועלטלעכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט זיי — האָט מען אומגעבראַכט מיט אַ שרעקלעכן טויט: מ'האָט זיי אַריינגע־זעצט אין הילצערנע שטייגן און פאַרברענט לעבעדיקערהייט!

איך געדענק, אַז לאַנג־לאַנג נאָכדעם פלעגן מיר קומען צו חלום מענטשן, וואָס גוואַלדעווען מיט ווילדע קולות, וואַרפן זיך אין ברענענ־דיקע הילצערנע שטייגן, פייער־צונגען לעקן זיי פון אַלע זייטן, עס טראַס־קעט די ברענענדיקע האָר פון זייערע בערד און קעפּ...

דער ערשטער יידישער שול־חבר

ערשטע דיסקוסיעס וועגן דער יידן־פראַגע

איך האָב זיך געלערנט אין דער סאַראַטאָווער גימנאַזיע. אָבער צוליב פּאָליטישע סיבות האָב איך דעם גימנאַזיע־קורס דאָ נישט גע־ענדיקט און אַריבער אין דער גימנאַזיע אין דאָרפּאַט (שפּעטער יוריעוו), אין דער באַלטישער געגנט; דאָ איז געפירט געוואָרן אַ פּאָליטיק פון רוסיפיקאַציע און מ'האָט באַזונדערס גערן אַריינגענומען שילער פון רוסישן אָפּשטאַם. דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ שול־חבר אַ יידן, וואָס האָט מיך אויסערגעוויינלעך פאַראינטערעסירט.

דאָס איז געווען יעקב ווילענסקי — אַ מאָגערער, הויכער, נערוועזער בריונעט, מיט אַ מאָדנעם גרויען פאַרב אין די האָר, ווי ער וואָלט געווען אַלט נישט 20 יאָר, נאָר ווייט אַריין אין די דרייסיקער. ער איז געווען אַ פלאַמיקער דיספּוטאַנט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אָנגעלאָדן מיט קוועקזילבער. איך האָב זיך מיט אים געלערנט צוזאַמען בלויז איין יאָר: נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט דאָס לעבן אונדז פאַרוואָרפן אין גאָר פאַרשיידענע זייטן. און דאָך מוז איך זאָגן, אַז ער איז געווען מיין ערשטער ערנסטער און טיף נאָענטער פריינט; דאָס צעשיידן זיך מיט אים האָב איך געפילט ווי אַ גרויסע אבידה, נישט אָפּצושאַצן.

יעקב ווילענסקי, האָט דער ערשטער פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר מיר אַ קאָשמאַר־בילד פון יידישן עלנט אָן אַן אויסוועג, וואָס איז מיר ביז איצט געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. ווי אַזוי און וואוהין אַנטלויפט מען דערפון? און ער האָט מיר דערציילט, אַז די גאַנצע יידישע אינטע־ליגענץ, וואָס ווייטיקט מיט אַ־דער פראַגע, האָט זיך נישט לאַנג צע־טיילט אויף צוויי לאַגערן: „פּאַלעסטינצעס" און „אַרגענטינצעס". ער אַליין האָט געהאַלטן מיט די לעצטע, און ווען ער האָט גערעדט וועגן באַראָן הירש און זיין ברייטן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער נביא. מיט פלאַמיקע אויגן האָט ער פאַר מיר געשילדערט דאָס בילד, ווי איצט ווידער, ווי בעתן אַמאָליקן יציאת מצרים, ציען זיך פון אַלע עקן וועלט די קינדער פון צעזייטן און אונטערגעדריקטן פאָלק אין אַ ניי, פון גאָט צוגעזאָגט לאַנד; זיי מיידן אויס פּאַלעסטינע, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז פון די פאַרשימלטע טראַדיציעס און הייליקייטן, און לאָזן זיך אַהין אויף די אוראַלטע אַרגענטינער סטעפּעס, אין אַ לאַנד, וואָס איז ריין פון יעטווידער אַלטקייט און אָפּגעלעבטקייט, — כדי דאָרטן אָנצוהייבן פונדאַסניי די יידישע געשיכטע און ווידער אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק אין אַ באַנייטער, רייכער פאָרם, אויף נייע

שעפערישע יסודות. פון אומעטום, פון אַלע ברייטן און לענגן פונעם ערד־קוגל, וועלן די קינדער פון פאָלק ישראל אַפּטרייסלען פון זייערע פיס דעם שטויב פון די פאַרשיידנסטע פרעמדע נאַציאָנאַלע קולטורן, און וועלן אַריינברייגנען מיט זיך אין נייעם לאַנד אַריין די גאַנצע פאַר־שיידנקייט, די גאַנצע רייכקייט פון זייערע איבערלעבונגען, איינדרוקן, פעאיקייטן און פּראַקטיק, — און וועלן נאַטירלעך שאַפן אַ נייע ציוויליזאַציע און מלוכה־אָרדענונג, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געווען אין אַזאַ פאַרנעם, מיט אַזאַ גייסטרייכער קולטור...

איך האָב אויפמערקזאַם, מיט גרויס מיטגעפיל, זיך צוגעהערט צו די נביאישע חלומות פון מיין פריינט. צו יענער צייט האָב איך, דאַכט זיך, שוין געהאַט גענוג געקענט און פאַרשטאַנען די וועלט־געשיכטע, כדי זיך אָפּצוגעבן אַ פולן חשבון דערפון, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן ענין, וואָס איז נאָך נישט געשען אין די אַנאַלן פון דער דאָזיקער געשיכטע.

פאַר מיין אייגענעם אינטעלעקטועלן געוויסן האָב איך געדאַרפט אָוועקשטעלן בלויז די איין פראַגע: צי האָט טאַקע אַ גרונד זייער פול־שטענדיקער יאוש — אַז די יידן האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט זיך צו דערשלאָגן נאָרמאַלע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ, זייענדיק ווי ביז איצט איינגעגלידערט צווישן אַנדערע פעלקער? צייטנווייז האָט זיך מיר נישט געוואָלט „אַרויסלאָזן״ די יידן. סטייטש? די אַנטיסעמיטן שרייען חוצפּהדיק: נידער מיט די יידן! יידן אַרויס! איז אַנשטאָט צו קעמפן קעגן זיי — נעמען די בעסטע יידן און ווילן זיי העלפן אָפּטרעטן דאָס שלאַכט־פעלד? גיבן אָפּ זייערע פּאָזיציעס?!

איך געדענק שוין נישט, צי דאָס איז געווען אויף „ראָזשדעסטוואָ״ צי אויף פּסח, — איך בין אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, וואו איך בין גלייך אַריינגעפאַלן אין דער פעריפעריע פון אַ גרופּע „נאַראָדאָוואָלצעס״, וואָס איז אַקאָרשט אַנטשטאַנען. זיי האָבן אַלע מיט אַ הייליקן ציטער גערעדט אויף דער אויפלעבונג פון אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן טראַגישן נאָמען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. צוריקגעקומען קיין יוריעוו האָב איך, פאַרשטייט זיך, פריער פאַר אַלץ זיך געטיילט מיט ווילענסקין מיט די אַלע נייעסן, מיט וועלכע איך האָב געפיבערט. אומדערוואַרט האָב איך זיך אָנגעשטויסן ביי אים אויף אַ מערקווירדיקע, איינגעשלאָסענע קאַלטקייט. איך האָב אים אַפילו געמאַכט פאָרוואורפן — אָבער באַקומען אַ שאַרפן ענטפער:

— מיר, יידן, האָבן שוין פון לאַנג־אַן כסדר געבראַכט קרבנות פון די קינדער פון אונדזער פאָלק אויפן מזבח פון דער רוסישער רעוואָלו־ציע. איר אַלע ווערט דערשיטערט ווען איר לייענט אין דער ביבל די

געשיכטע מיט אברהמען, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו ברענגען זיין זון יצחק אַ קרבן פאַר גאָט. אָבער אייער רעוואָלוציע איז פאַר אונדז געווען לאַנג — זייער לאַנג! — דער זעלביקער שטרענגער גאָט, וואָס הערט נישט אויף צו פאָדערן קרבנות; וויפל יצחקס האָט אים ישראל שוין אַוועקגעגעבן! זייט איר אַריינגעפאַלן אין שרעק צוליב דעם? ניין! איר האָט אַלץ צוגענומען פונקט ווי ס׳וואָלט אייך געקומט, און איר הערט נישט אויף צו פאָדערן ווייטער אַלץ נייע און נייע קרבנות! און מיט וואָס צאָלט איר אונדז דערפאַר? דאָס בלוט פון די בעסטע מענטשן פון אונדזער צייט מאַכט פעט דעם באָדן, וואָס גיט פאַר אייך אַ גוטן שניט. אָבער מיר זיינען אויף דער דאָזיקער סעודה נישט קיין געבעטענע געסט, וועמען מ׳טרייבט אַוועק ווי זלידנע בעטלער אָדער ווי גנבים און רויבער! און וואָלט דאָס געשען בלויז אין רוסלאַנד אַליין! ניין, אומעטום איז דאָס זעלביקע, אומעטום, אומעטום! נישטאָ אַ לאַנד, וואו מ׳זאָל נישט האָסן און פיינט האָבן יידן, נישטאָ אַ לאַנד, וואו מ׳זאָל זיך אויף אונדז נישט איזדיעקעווען! דאָרטן אָבער איז כאָטש צוניץ געקומען די מענטשלעכע קרבנות. אָבער ביי אייך? פינצטערער און מער פאַרגרעבט ווי ווען נישט איז אין רוסלאַנד איז אייער שקלאַפן־פאָלק, עס הונגערט איצט און וועט ווייטער הונגערן, וועט ווייטער אויסגיין, אויסשטרעקנדיק דערנידעריקט זיינע הענט נאָך נדבות, — וועט בענטשן יענע זאַטע, וואָס וועלן אַריינוואַרפן אין זיינע אויסגעדאַרטע הענט נעבעכדיקע ברעקלעך פון זייער רייכן טיש.

— אייער אינטעליגענציע צינדט זיך לייכט אָן גלייך אַ הויפן טרוקענע שטרוי, עס ברענט מיט אַ העלן פייער טאַקע, אָבער אין אַ מינוט אַרום בלייבט אויפן דאָזיקן אָרט גאָרנישט, מער נישט אַ ביסל אַש! איר האָט גערודפט אונדזער פאָלק, אָבער די דורות פון רדיפות האָבן אים נאָכמער פאַרהאַרטעוועט אַקוראַט ווי די אייביקע משא פון די ערד־שיכטן שאַפט, פרעסט־אויס שטיין־קוילן, — אונדזער פאָלק ברענט נישט ווי שטרוי, נאָר מיט אַ גלייכן און שטאַרקן ליכט, עס לייכט און וואַרעמט צוגלייך. פאַרוואָס ברענט איר בלויז ווי שטרוי און נישט ווי אָנגעגליטער שטיינקויל? דאָס האָט אייער פאַרשאָלטענע סלאַווישע פלאַכערד געמאַכט פון אייך פוילער, אָפּגעלאָזענע, צעקראַכענע, — איר צינדט זיך אָן לייכט מיט כעס, זייט נישט שטאַנדהאַפטיק אין ליבע, שלאַבעריק ביי דער אַרבעט; איר זייט גוטמוטיק, ווייל איר פוילט זיך צו זיין שלעכט, איר זייט ברייטהאַרציק, ווייל קאַנצענטרירטקייט באַטייט פאַר אייך — טויט! און איר זייט נאָך שטאַלץ דערמיט, איר האַלט אַלעמען פאַר צו ענגהאַרציק און נישט דערוואַקסן צו אייך. — גראָד איר, ביי וועמען דער „ניעדאָראָסל״ (נישט דערוואַקסענער) איז אַ נאַצי־

אַנאַלער טיפּ! אייער אינטעליגענץ איז אַ נישט דערוואַקסענע, אייער קולטור איז נישט דערוואַקסן, אייער מלוכה־אָרדענונג — נישט דערוואַקסן, אייער פאָלק — נישט דערוואַקסן! אייערע בעסטע מענטשן קאָנען בלויז דברן נעבעכדיקע רייד, פּונקט ווי טשאַטצקי מיט וועמען איר גרויסט זיך אַזוי, וואָס אָבער אין לעבן גיט ער זיך אונטער אי מאָלטשאַ־לינען, אי פאַמוסאָוון אי סקאַלאָזובן; איר אַלע, זיינע נאָכפאָלגער, קליגלט זיך אַרויסצואווייזן זיך אין לעבן נאָר ווי „קלוגע טויגעניכטסן" און „איבעריקע מענטשן"!

— ניין, אונדז האָט שוין דערעסן צו פאַרטאָכלעווען צוליב אייך דאָס הייליקע בלוט פון די קינדער פון אונדזער פאָלק, — אונדז האָט שוין דערעסן צו זיין היסטאָרישע לוין־שקלאַפן, קאָטאָרזשנע אַרבעטער פאַר אַ פרעמדער זאַך. אַזוי ווי דער ביבלישער יעהאָווא האָט סוף כל סוף זיך מרחם געווען און אָוועקגענומען דעם טאָטנס האַנט, וואָס איז שוין געווען אויסגעשטרעקט צו שעכטן יצחקן, — אַזוי איז שוין אויך צייטיק געוואָרן דער כוח, וואָס וועט ראַטעווען די קינדער פון אונדזער פאָלק פון צו זיין אומנוצלעכע קרבנות אויפן מזבח פון פרעמדע געטער. ניין! מער וועט איר פון אונדז גאָרנישט קריגן — גענוג, גענוג!

מיר איז נישט שווער געווען צו פאַרדייען דאָס אַלץ, וואָס מיין פריינד האָט אָנגערעדט אויף אונדז, — קריטיקירט אומגערעכט און מיט גוזמות אונדזער נאַציאָנאַלן טיפּ, אונדזער קולטור, דאָס בעסטע פון אונדזערע ציוויליזירטע שיכטן. אָבער ווען ער האָט זיינע גיפטיקע פיילן געצומען ווענדן קעגן דאָס רוסישע פאָלק גופא און זיין אינטעליגענץ — האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. זיינע אָנפאַלן האָבן מיר אויסגעזען ווי עפּעס אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליקייט, און מיר האָבן שיער נישט איבער־געריסן איינער מיטן צווייטן.

איך האָב מיט ווילענסקין ביז דעמאָלט דיסקוטירט וועגן אַ סך זאַכן, אָבער אונדזערע דיספּוטן האָבן נאָכמער אונדז דערנענטערט איינער צום אַנדערן. איך האָב מיט אים דיסקוטירט, ער מיט מיר, ס'האָט אויסגעקוקט ווי יעטווידער פון אונדז ביידן דיסקוטירט אין געדאַנק מיט זיך אַליין. איצט אָבער איז צום ערשטן מאָל אויסגעוואַקסן צווישן אונדז אַן אייז־קאַלטער תהום פון אומפאַרשטענדעניש און פרעמדקייט. אַ, ווי ווייט מיר זיינען געווען פון באַוואוסטזיין, אַז דער גורל קען אונדז אויסגלייכן, — אַז ס'קאָנען זיין שטיפקינדער ביי אַ לעבעדיקער מוטער און אַהאַסווערס פון טרייהייט צום פאָלק און פאָטערלאַנד...

פון דעמאָלט אָן האָב איך בכלל געמוזט זיין פאַרזיכטיק און וואַכ־זאַם. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַנדערש קאָן נישט זיין. צו פיינלעך איז געווען פאַר אַ מענטשן ווי ווילענסקי מקנא צו זיין אונדז, וואָס

וואוינען „ביי זיך אין דער היים", אונטערן פריינטלעכן דאַך פון „פּאָ־טערלאַנד". ווי נאָך דער ליבע פון אַ מוטער אַזוי האָט ער געדורשט נאָך אַ היימלאַנד, האָט זיך געפייניקט מיט זיין „פּאַריתומטקייט". געקוקט אויף אונדז פונקט אונטערגעוואָרפענע ממזרים קוקן אויף געזעצלעכע קינדער, צעבאַלעוועטע ליבלינגען פון דער נאַטור. דאָס איז געווען אַ וואונד, וואָס יעטווידער צוריר רופט אַרויס ברענענדיקן שמערץ. און אַפילו ווען ווילענסקי האָט אויפן דאָזיקן שמערץ רעאַגירט מיט אויסער־געוויינלעכער צערייצטקייט, וואָס איז אַריבער אין אומגערעכטיקייט, — האָב איך דאָך זיך געפילט „שולדיק אָן אַ שולד" בנוגע אים — אויף מיר איז געלעגן עפּעס אַ שווערע משא פון אַ היסטאָרישער זינד, גע־ירשנט פון טאַטעס און זיידעס — מיינע טאַטעס און מיינע זיידעס בנוגע זיינע טאַטעס און זיינע זיידעס...

אויף אַזאַ אופן האָב איך נאָך אויף דער שולבאַנק געגומען אַריינ־דרינגען אין דער גאַנצער מאָראַלישער קאָמפּליצירטקייט און טראַגישער פאַרשאַרפטקייט פון דער „יידן־פראַגע". און כדי צו פאַרפולקומען מיינע אויספירן און טיפער זיך פאַרטראַכטן פנים אל פנים מיט מיין אינטע־לעקטועלן געוויסן, האָט געדאַרפט געשען, אַז ביים אַריבערגיין פון דער יוריעווער גימנאַזיע אין מאָסקווער אוניווערסיטעט האָב איך זיך אָנגע־שטויסן אויף פרישע שפּורן פון אונדזער סלאַווישער צעקראַכנקייט און כאַראַקטערלאָזיקייט אויפן געביט פון אַנטקעגנשטעלן זיך דער אַנטי־סעמיטישער וואַקכאַנאַליע.

דאָס איז געשען אַזוי. אין די יאָרן 1890־1891 האָבן די צייטונגען אינפאָרמירט, אַז דאָס אינערן־מיניסטעריום גרייט צו נייע געזעץ־פּראָ־יעקטן וועגן באַגרענעצן די שוין אַזוי אויך נישט איינמאָל אַרומגעשני־טענע יידישע רעכט. וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, דער מערקווירדיקער פילאָ־זאָף און מיסטיקער, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען קעמפער פאַר דער אויפלעבונג פון קריסטנטום ווי איין אַלוועלטלעכע רעליגיע, זאָל זיין אַפילו פאַרן פרייז פון גרויסע קרבנות, וואָס די מזרח־פּראַוואָסלאַוויע דאַרף ברענגען דעם מערבדיקן קאַטאָליציזם, — האָט זיך שריפטלעך געווענדעט צו לעוו טאָלסטאָי מיט אַ פאָרשלאַג צונויפ־צושטעלן אַ שריפטלעכן פּראָטעסט קעגן די פּראָיעקטירטע אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען, אין נאָמען פון די העכסטע פּרינציפּן פון פרייהייט, מענטשלעכקייט און קולטור. לעוו טאָלסטאָי האָט מיט סימפּאַטיע זיך באַצויגן צו סאָלאָוויאָווס אידייע; ער האָט פאָרגעלייגט אים אַליין, ווי דער איניציאַטאָר, אָנצושרייבן און רעדאַגירן אַזאַ פּראָטעסט און פון פאַראויס צוגעזאָגט אויך זיין אונטערשריפט צו דער אונטערשריפט פון מחבר. אַזוי איז געשען. דערביי האָבן צווישן די מאָסקווער פּראָפע־

סאָרן זיך געפונען איבערגעגעבן אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט, אַז זייערע אונטערשריפטן זאָלן פיגורירן צוזאַמען מיט די אונטערשריפטן פון טאָלסטאָי און סאָלאָוויאָוו. עטלעכע צענדליק אונטערשריפטן זיינען שוין געשטאַנען אונטער דעם שטאַרקן און שיינעם פּראָטעסט.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די צאַרישע רעגירונג און גע־איילט אָפּצושטעלן די גאַנצע „שעדלעכע אַגיטאַציע". לויט אַ ספּע־ציעלער פאַראָרדענונג איז פאַרבאָטן געוואָרן נישט נאָר צו פאַרעפנט־לעכן דעם גאַנצן טעקסט פון פּראָטעסט־בריוו אין דער רוסישער פּרעסע, נאָר אַפילו צו דערמאָנען וועגן דעם. אַ שטרענגע וואָרנונג איז פאַנאַנ־דערגעשיקט געוואָרן צו אַלע פעדאַגאָגישע אַמטן, די פּראָפעסאָרן איינ־געשלאָסן, קעגן מיטאַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט מיט אַזעלכע שעד־לעכע מענטשן ווי לעוו טאָלסטאָי און וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו. אויפן ראַ־פּאָרט וועגן דעם האָט דער צאַר מיט זיין אייגענער האַנט אונטערגע־שריבן, אַז ס'איז אין קיין פאַל נישט דערלויבט צו געבן דער אויסלענ־דישער פּרעסע מאַטעריאַל וועגן דעם דאָזיקן ענין: ווייל צו די אויערן פון זיין מאַיעסטעט זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז דער באַוואוסטער ענג־לישער זשורנאַליסט דילאָן קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן צו באַקומען אַט דעם סענסאַציאָנעלן דאָקומענט...

פּילנדיק איבער זיך דעם חלף פונעם צאַרן פון זיין מאַיעסטעט, האָבן אַ סך פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן פריער אַרויסגעוויזן צופיל דרייסט־קייט — איצט זיך גענומען צוריקציען. און וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו אַליין האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון זיין מאָראַלישן געוויסן: סטייטש, די פּראָפעסאָרן האָבן דאָך געגעבן זייערע אונטערשריפטן, ווען מ'האָט געהאַט בדעה לעגאַל צו פאַרעפנטלעכן דעם דאָקומענט אין דער לעגאַלער פּרעסע און נישט אין דער אויסלענדישער, וואָס איז קעגן פאַרבאָט פון דער מאַכט... צי האָט ער איצט רעכט, לויט זיין אייגענעם איינזען, טאָן מיט די אונטערשריפטן אַנדערש, ווי דאָס האָבן אים אָנפאַרטרויט די אונטערגעשריבענע?

אַזוי אָוועקשטעלן די פראַגע — האָט באַטייט געבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו האָט טאַקע פאַר זיך באַשלאָסן נעגאַ־טיוו. מיר, לינקע, זיינען דעריבער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. אין די ליבעראַלע סאַלאָנען אין מאָסקווע האָט מען לאַנג וועגן דעם דיסקו־טירט. און אויף וויפל מיר, די ראַדיקאַלע יוגנט, האָט געהאַט צו זיי אַ צוטריט, — פלעגן מיר מיטן גאַנצע יוגנטלעכן ברען באַגריסן וולאַדי־מיר סאָלאָוויאָוון פאַר זיין איניציאַטיוו מיטן פּראָטעסט; אָבער פונקט אַזוי דעצידירט האָבן מיר אויך פאַראורטיילט זיין קאַפּיטולאַציע פאַר דער קאָלעקטיווער פחדנות פון די פּראָפעסאָרן. מענטשן האָבן זיך

געקליבן צו געבן אַ האַרמאַטן־שאָס, און געענדיקט האָט עס זיך מיט אַ נעבעכדיקן גרעגער. איך האָב זיך דערמאָנט מײַנע וויכּוחים מיט ווילענסקין: וואָס פֿאַר אַ בעסערע אילוסטראַציע וואָלט ער געהאַט פֿאַר זײַן טעזע, אַז די רוסישע אוניווערסיטעט־וויסנשאַפֿט, וואָס איז פֿאַרקערפּערט אין דער רוסישער פּראָפֿעסור — איז אין דער אמתן פּאָליטיש און מאָראַליש בלויז אַ נישט דערוואַקסן מפֿיל־קינד, אַ „נידעראָראָסל״?

מאַכנדיק אַ סך הכּל פֿון מײַנע טראַכטענישן וועגן דער ערשטער לעבנס־פּראַקטיק מײַנער ביים צוזאַמענשטויסן זיך מיט דער טראַגיק פֿון דער יידן־פֿראַגע, וועל איך זאָגן: דאָס, וואָס האָט אין דער „נאַראָדניטשעסטווע״ מיר אימפּאָנירט מיט אינערלעכער מאָראַלישער שיינקייט, וואָס איז געווען דער טרעגער פֿון דער נאַראָדניטשעסקער באַגייסטערונג איז געווען: דער דוואָריאַנין, „דער פּריץ — דער בעל־תּשובֿה״ איך פּערזענלעך, אַן אייניקל פֿון אַ לייב־אייגענעם פּויער, אַ זון פֿון אַ באַאַמטן, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט פֿון פּויערים־שטאַנד, בין נישט געווען און נישט געקאָנט זײַן אַזעלכער. אין איין פּרט בין איך געבליבן נאָענט צו דער פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ „דוואָריאַנין אַ בעל־תּשובֿה״. איך בין געווען אַ „וועליקאָראָס״ — האָב געהערט צום גרויס־רוסישן פֿאָלק, צו דער „הערשנדיקער״ נאַציע. צווישן די אַנדערע פֿעלקער די „אינאָראָדצעס״, די שטיף־פֿעלקער, די פֿעלקער פֿון דער צווייטער מדרגה — איז מײַן פֿאָלק פֿאָרמעל געווען דער באַלעבאָס־פֿאָלק, אַ פּריווילעגירטער צווישן נישט פּריווילעגירטע. אין פֿאַרגלײַך אַפֿילו מיט די ריין־אַרבעטנדיקע עלעמענטן פֿון מײַן פֿאָלק זײַנען די „אינאָראָדצעס״ געווען באַרויבט פֿון זייערע עלעמענטאַרע רעכט, און צום מערסטן באַרויבט פֿאָלק איז געווען דאָס יידישע. און דערפֿאַר האָט אין אַ געוויסער מאָס געלאָסטעט אויך אויף אונדז דער נישט באַצאָלטער היסטאָרישער „חובֿ פֿאַרן פֿאָלק״ — פֿאַר יעטווידן פֿאָלק פֿון די „אינאָראָדצעס״. צוזאַמען מיט אַלע מײַנע חבֿרים האָב איך געהאַלטן, אַז פֿאַרגעסן אָט דעם חובֿ באַטײַט אַ גרויסע מאָראַלישע זינד, אַ מאָראַלישע זעלבסט־פֿאַרקריפּלטקייט. דערמיט זײַנען מיר אַרײַן אין פּעריאָד פֿון אונדזער בירגערלעכער רײַפֿקייט.

אַ וועטעראַן פון דער רעוואָלוציע — מאַרק נאַטאַנסאָן

מאַרק נאַטאַנסאָן
(1849 — 1919)

דער גורל האָט מיר פאַרוואָרפן קיין אויסלאַנד, וואו איך בין געוועזן טעטיק אין דער ליטעראַרישער און אַלגעמיין־פּאָליטישער פאָרשטייער־שאַפט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס אין איר אויספאָרמירן האָב אויך איך זיך באַטייליקט לויט מיינע כוחות. אין אויסלאַנד האָב איך געאַרבעט מיט אַזעלכע מענטשן ווי דער אומפאַרגעסלעכער מיכאַאיל ראַפאַילאָוויטש גאָץ, אָסיפּ מינאָר, איליאַ רובאַנאָוויטש, שישקאָ, לאַזאַרעוו, וואָלכאָווסקאָי א״אַנד.

און אָט איז פון רוסלאַנד געקומען די ידיעה, אַז אונדזער אַלטער באַקאַנטער מאַרק נאַטאַנסאָן, דער כסדר פאַרפאָלגטער וואָלף, איז צוריק אויף דער פריי, נאָכן אָפּקומען 5 יאָר מזרח־סיביר. ווידער אַ מאָל פּאַ־דיעט אַרום אים די סוחריש־אינדוסטריעלע וועלט: פון נאָבעלן אַליין שיקט מען צו אים שלוחים. דאָרטן, אין באַקו, וואו דאָס ערד איז אַזוי רייך מיט נאַפט, איז אָבער אין די פינאַנצן, אין דער בוכפירונג און קאָנטראָל קיין אָרדענונג נישטאָ.

און צוגלייך מיט דער דאָזיקער ידיעה — אַ צווייטע. ערגעץ דאָרטן, אין די זעלביקע קאַווקאַזער שלוכטן, האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אַ גרויסע געהיימע דרוקעריי. זי געהערט נישט צו עפּעס אַ באַזונדערער פּאַרטיי: זי אַרבעט בכלל פאַר דער רעוואָלוציע. אויסער וועלכער נישט איז פּראַקציע. „דאָ שטעקט די האַנט פון מאַרקן"! האָבן מיר אַלע איינשטימיק געזאָגט.

מיר האַלטן פאַר אונדזער חוב צו פאַרבינדן זיך מיט אים. מיר ווייזן אים אויף, אַז דאָס מאָל וועט מען מיט אים זיך לאַנג נישט צערע־מאָניען. ביים מינדסטן חשד וועט מען אים פּאַרפּאַקן. אויב ער האָט כוחות און חשק צו אַרבעטן — זאָל ער גלייך זיך אַריבערפּעקלען קיין אויסלאַנד.

און אָט איז נאַטאַנסאָן מיט אונדז, אין דער שווייץ. דאַכט זיך דער זעלביקער נאַטאַנסאָן, אָבער דאָך נישט דער זעלביקער. ער רעדט עפּעס מיט אַן אויסגעלאָשענער, געבראָכענער שטים; צופיל פאַרטראַכט; ס'איז פאַרשוואונדן דער מעטאַל־קלאַנג, זיין זיכערער טאָן, — ער איז מאַט, שלאַבעריק, צופיל פאַרזאָרגט. עס איז געווען אים נישט שווער זיך איינצולעבן אין די נייע באַדינגונגען פון אונדזער עמיגראַנטישער אַרבעט, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אירע רעלסן, אָבער איידער ער איז אין דער אַרבעט אַריין, האָט ער נישט ווייניק זיך גע־וואַקלט. גלייך פון אָרט האָט ער אויסגערעדט, אַז ער דאַרף האָבן צייט — זיך אַרומצוקוקן, זיך אָריענטירן אין דער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. בכלל קען ער נאָך נישט זאָגן — מיט וועמען ער וועט באַשליסן צו אַרבעטן: מיט אונדז, צי מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן?

מאַרק נאַטאַנסאָן וויס נאָך נישט מיט וועמען צו גיין? אַזאַ נאַ־טאַנסאָנען האָבן מיר ביז איצט נישט געקענט און קוים געגלויבט אונ־דזערע אייגענע אויערן.

אינגיכן האָבן מיר דערזען, אַז זיינע אויגן לויפן אַרום נישט בלויז צווישן אונדז און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן: ער האָט אַן אינטערעס אויך אין פּיאָטר סטרואוועס „אָסוואָבאָזשדיעניע".

פאַר אים איז געשטאַנען די פראַגע נישט צי זאָל ער זיין אַ סאָציאַליסט אָדער אַריבערגיין צו די ליבעראַלן. דאָס הייוון פון אַלטן האַלבבאַקוניסטישן שניט האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט געהיים צו יוירן אין אים, און צום סוף פון זיין לעבן האָט ער אַפילו נישט אָפגעשטויסן די גראָבע לענינשע פאָרמולע : „רויב דאָס אָנגערויבטע". הינטער סטרואוועס אָרגאַן איז דעמאָלט געשטאַנען נישט סתם אַ ריין ליבעראַלע גרופּע, נאָר דער אומפאַרטייאישער „סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניאַ" (בונד פאַר באַפרייאונג), מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן באַשטאַנד — סיי זייער לינקע, סיי זייער מעסיקע. מ'האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט אַרויסזען, אַז דער „סאָיוז" איז נישט מער ווי אַן איי, פון וואַנען ס'דאַרף שפּעטער זיך אַרויספּיקן דאָס מאַכט־פייגעלע פון דער קאַדעטישער פאַרטיי, וואָס די זון פון סאָציאַליזם בלענדעט זיי די אויגן. אָבער אין יענער פּרימיטיווער פאָרם איז דער „סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניאַ" געווען זייער ענלעך צום באַליבטן, אָבער, ליידער, טויט־געבוירענעם נאַטאַנסאָנס קינד — די „פּאַרטיי פון פאָלקס־רעכט" (פּאַרטיאַ נאַראָדנאָוואָ פּראַווא).

ס'איז אונדז אויך נישט געווען באַזונדערס שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס נאַטאַנסאָנס נשמה האָט זיך צעטיילט צווישן די עסערן און עסדעקעס. די עסדעקישע קרייזן פון זשענעווע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער גלענצנדיקער קאָלירפולער פיגור פון פּלעכאַנאָוון. פּלעכאַנאָוו איז געווען פון די ערשטע, וועמען מאַרק און אָלגאַ נאַטאַנסאָן האָבן אַריינגענומען אין קרייז, וואָס איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אונטערן נאָמען „טשאַיקאָווצעס". אין דער באַרימטער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ אין פּעטערבורג, וואָס דער דאָזיקער קרייז האָט אָרגאַניזירט, זיינען נאַטאַנסאָן און פּלעכאַנאָוו געווען די הויפּט־איניציאַטאָרן און זיי האָבן ביידע האַנט ביי האַנט אין איר זיך באַטייליקט. ס'איז קלאָר געווען פאַר אונדז אַלעמען, אַז פּלעכאַנאָוו איז איצט פאַר נאַטאַנסאָנען אַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט.

אָבער נאַטאַנסאָן איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט. די אַלטע „נאַראָדניטשעסטוואָ" איז טיף געלעגן אין זיין בלוט. דער וועג פון דער אַלטער צו דער נייער „נאַראָדניטשעסטוואָ", וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די עסערן — איז געווען אַ סך, אַ סך קירצער ווי צו דער „דייטשישער איבערזעצונג", וואָס דער רוסישער מאַרקסיזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט.

פאַר נאַטאַנסאָנען איז דאָ געווען נאָך אַן אבן־נגף, אַ שטערונג. ער האָט געטראָפן די פּאַרטיי ס. ר. אין יענעם מאָמענט, ווען זי איז אַנטשידן אַרויף אויפן וועג פון טעראָריסטישן קאַמף. נאַטאַנסאָן אַליין איז נישט געגאַנגען מיטן וועג פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דעם גאַנצן

פּעריאָד פון איר טראַגישער עפּאָפּייע האָט ער פאַרבראַכט אין טורמע און סיביר. פאַר דער צייט פון „נאַראָדנאָיע פּראַווא" האָט ער זיך געוואַקלט: ער האָט געהאַלטן פאַר פּריצייטיק צו אַנטשיידן, אַז מ'דאַרף גיין מיט די אַלטע וועגן פון „נאַראָדנאיא וואָליא". ער האָט מיר איינ־מאָל געזאָגט:

— איילט זיך נישט צו פּ ר אָ ק ל אַ מ י ר ן דעם טעראָר. ס'איז מער ווי ווארשיינלעך, אַז מיט אים וועט מען דאַרפן ענדיקן. עס טויג אָבער קיינמאָל נישט פון אים אָנצוהייבן. מ'האָט רעכט זיך צו באַניצן מיט אים ערשט דעמאָלט, ווען אַלע אַנדערע וועגן זיינען שוין אויספּרו־בירט. אַנדערש איז ער פאַר דער אַרומיקער וועלט נישט איבערצייגנ־דיק, נישט באַרעכטיקט. און אַ נישט באַרעכטיקטער טעראָר — איז אַ זעלבסטמערדערישער קאַמפּס־מעטאָד... און שפּעטער: דאַרף דער טעראָר אַליין וואַקסן און וואַקסן מיט אַן אַנגעגליטער קראַפט. וואַקסט ער נישט — גייט ער פּאַטאַל אויף צוריק...

די ערשטע טעראָריסטישע אַקטן — קעגן באָגאָליעפּאָוו, סיפּיאַ־גינען, פּירשט אבאָלענסקי, גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש — האָט נאַטאַנ־סאָן נישט געהאַלטן פאַר נישט באַרעכטיקט. אים האָט אָבער ערנסט באַאומרואיקט דאָס, וואָס דער געפלאַנטער אַטענטאַט אויף פּלעווען האָט זיך פאַרשלעפּט און געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. וואָס וועט זיין אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ בלינד געסל, נישט אַרויסצוקריכן? האָבן מיר נישט געמאַכט אַ טעות, — וואָלט נישט בעסער געווען אָט די אַלע אַקטן אויסצופירן אין דער פאָרם פון פּערזענלעכע אַקציעס, וואָס ווערן אונטערגענומען פון איינצלנע רעוואָלוציאָנערן אויף זייער אייגענער ריזיקע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָן דער סאַנקציע און ברכה פון דער פּאַרטיי?

און אָט איז געשען דער אַקט פון 14־טן יולי 1904, וואָס איז אַזוי איינגעקריצט ביי אַלעמען אין זכרון: פּלעווע איז געפאַלן, דאָס פאָלק אונטן יובלט פון שמחה. אַן אומבאַשרייבלעכע פאַרלוירנקייט האָט אַרומגעכאַפּט די רעגירונג־ספערן. מאַרק נאַטאַנסאָן האָט זיך געפרייט צוזאַמען מיט אונדז.

— צי האָסטו באַמערקט, וויקטאָר — האָט צו מיר דעמאָלט גע־זאָגט מיכאַיל ראַפאַילאָוויטש גאָץ, איינער פון די מערקווירדיקסטע רע־וואָלוציאָנערן, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן, — אַז מאַרק, וואָס פלעגט אַלע מאָל זאָגן: „אייער פּאַרטיי", האָט היינט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט: „אונדזער פּאַרטיי"?

— אוודאי האָב איך באַמערקט!

ערב דער רעוואָלוציע פֿון 1905 — פּרואוו פֿון אַן איינהייטלעכן פראָנט פֿון אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס

ס'האָט זיך אָנגעהייבן דער האָניק־חודש פֿון אונדזערע קעגנזייטיקע באַציאונגען מיט נאַטאַנסאָנען. דער אויפֿרודער אין גאַנצן לאַנד, דער אויפֿברויז, ענטוזיאַזם האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. נאַטאַנסאָן האָט אויפֿגעהערט צו באַשטיין דערויף, אַז „מיטן טעראָר וועט מען געוויס פֿאַרענדיקן, אָבער מ'טאָר מיט אים נישט אָנהייבן".

דער גוט געצילטער און געלונגענער אַטענטאַט האָט מיט איינמאָל אַרויסגערוקט די פּאַרטיי ס. ר. אין אַוואַנגאַרד פֿון אַלע איבעריקע עלעמענטן פֿון דער באַפֿרייאונג־באַוועגונג. ס'האָבן זיך געצויגן צו איר די סאָציאַליסטן פֿון פּוילן (פּ. פּ. ס.) און די אַרמענישע („דאשנאקצוטיון"); אין גרוזיע האָט גענומען פֿירן מיט איר אונטערהאַנדלונגען די ניי־געבילדעטע פּאַרטיי סאָציאַליסטן־פֿעדעראַליסטן, וואוהין ס'זיינען אויך אַריין די גרוזינישע ס. ר.'ן; אין לעטלאַנד האָט צוגלייך מיט דער טראַדיציאָנעלער „ס. ד.־פּאַרטיי" זיך אויסגעבילדעט דער לעטלענדישער ס. ד.־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט די ס. ר.; ס'איז אַוועק פֿון די ס. ד. און האָט זיך דערנענטערט צו די ס. ר. די „ווייס־רוסישע סאָציאַליסטישע הראָמאַדע". אין פֿינלאַנד איז צוגלייך מיט דער טראַדיציאָנעלער „פּאַרטיי פֿון פּאַסיוון ווידערשטאַנד" אַנטשטאַנען, אונטער דער ווירקונג פֿון פּ..ס.ר. און אירע קאַמפּס־מעטאָדן, די „פּאַרטיי פֿון אַקטיוון ווידערשטאַנד", וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט די ס.ר. און ענדלעך אין דער „אָסוואָבאָזשדיעניע" האָט אויך גענומען וואַקסן די וואָג פֿון לינקן נאַראָדניטשעסקן פֿליגל.

ביי די אַלטע אָרגאַניזאַציעס איז כּסדר געשטיגן די באַדערפֿעניש פֿון אַ דערנענטערונג און פֿאַראייניקונג. נאַטאַנסאָנען האָט זיך שוין געדוכט, אַז די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט זיין אידייע פֿון אַן איינהייטלעכן פראָנט און איינהייטלעכער איבערפּאַרטייאישער פּראָגראַם. ער האָט שוין אַוועקגעשטעלט פֿאַר אונדז די פֿראַגע: 1) צי וועלן מיר גיין אויף אַן אַלגעמיינער קאָנפֿערענץ פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען אין רוסלאַנד? — וועגן אַזאַ קאָנפֿערענץ האָבן געשמועסט די פֿינלענדער און אויך די פּאָליאַקן האָבן זיך באַצויגן דערצו מיט סימפּאַטיע; 2) און אויב יאָ, אויף וועלכע קאָמפּראָמיסן זיינען מיר אַליין גרייט צו גיין און וועלכע קאָמפּראָמיסן וועלן מיר אָנשטאָט דעם פֿאָדערן פֿון זיי?

אין אונדזער פּאַרטיי האָט אָבער קיינער נישט געהאַלטן פֿון אַזאַ

מין אַוועקשטעלן די פראַגע. מיר האָבן גאָר אַנדערש אויסגערעכנט. קיין שום אונטערהאַנדלונגען און דינגעניש זיינען איצט נישט נויטיק פאַר אונדז. אונדזער באַציאונג צו די אַלע פּאַרטייען דאַרף זיין באַזירט אויף צוויי פּרינציפּן. 1) מיר האָבן אַלע איין געמיינזאַמען שונא — די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט, און 2) מיר דאַרפן אַנוועגדן און ס'איז מעגלעך פאַר אונדז אַנצואווענדן אַ געמיינזאַמען לאָזונג: „באַזונדער גיין, געמיינזאַם שלאָגן!" פאַר אונדזערע פּראַקטישע צילן איז גענוג געמיינזאַם פעסטצושטעלן: צי איז נישט פאַראַן ביי די קאָנפערירנדיקע פּאַרטייען אַ פאַראייניקנדיקער עלעמענט, וואָס מ'זאָל אים קאָנען, פּונקט ווי אין דער מאַטעמאַטיק, אַרויסנעמען פון די קלאַמערן? אויב אַזאַ איז פאַראַן און לויט זיין אינהאַלט נאָך איז ער נישט אומבאַשטימט און נישט אַזוי מינימאַל — איז גוט. מ'דאַרף נאָר דורכקומען, אַז אויף זיין יסוד זאָל אויפגעבויט ווערן דער איינהייטלעכער פראָנט, וואָס אַלע ווילן האָבן; יעטווידער קאָלעקטיוו, וואָס שליסט זיך אָן אין איינהייטלעכן פראָנט, פאַרפליכטעט זיך אַרויסצורוקן אים אויפן ערשטן פּלאַץ, אונטערשטרייכן אים דייטלעך, פעסט, אָן שום אָפּווייכונגען און קאָמפּראָמיסן.

וואָס שייך דער טאַקטיק — דאַרף מען אויך זיך האַלטן ביים איינמאָל אָנגענומענעם פּרינציפּ: מיר פאַרפליכטן זיך אַלע גלייכצייטיק אָנהייבן דעם אָנגריף מיט אַלע קרעפטן און מיטלען, און פאַנאַנדערוויקלען זיי וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער, נישט פאַדערנדיק פון קיינעם מער ווי דאָס דערלויבן זיינע כוחות און זיינע טאַקטישע פּרינציפּן, אָבער קיין זאַך נישט אַדורכלאָזן. זאָל געשטעלט ווערן אין קאָן אַלץ: אָנהייבנדיק פון די באַשיידנסטע אויסדריקן פון דער „אָרגאַניזירטער עפנטלעכער מיינונג", זאָל דאָס זיין פּעטיציעס, אַדרעסן פון די זעמסטוועס און שטאָט־דומעס, לעגאַלע רעזאָלוציעס פון באַפּולמעכטיקטע פון דער געזעלשאַפט און אינסטיטוציעס; ווייטער גייען פּראָטעסטן, רעזאָלוציעס, מיטינגען, באַנקעטן, גאַסן־מאַניפעסטאַציעס, — און ענדיקנדיק מיט אָפּזאָגן דער רעגירונג יעטווידע שטייערן און פאַרפליכטונגען, באַיקאָטירן אירע פאַראָרדענונגען, גענעראַל־סטרייקן, פאַרכאַפּן מיט כוח געוויסע געזעלשאַפט־לעכע רעכט און אויך האַלטן עס מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, ביזן אָנווענדן וואָפן אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס זאָל נישט זיין — אינדיווידועלער צי קאָלעקטיווער, וואָס זאָל זיין אָנגענומען פאַרן געזעלשאַפט־לעכן קאָלעקטיוו און פאַר זיין רעכטלאָזן באַוואוסטזיין.

נאַטאַנסאָן האָט נישט גלייך אויפגענומען אַזאַ מין, לויט זיין מיינונג, צו אויסערלעכע, „מעכאַנישע" צונויפשליסונג פון די קרעפטן, נישט פּרוואונדיק פריער טיפער אינערלעך צונויפפירן און דערנענטערן די

טאַקטישע און פּראַגראַמאַטישע בליקן. גאַנץ האָט, מיט מיין אונטערשטיצונג, געפּרוּווט אים געבן אַ געוויסע באַפרידיקונג: ער האָט אים פאַרגעלייגט נעמען אויף זיך די מיסיע צו גיין ווי וויט טיף, כדי אויסצוגעפינען אַן „אינערלעכע" פּראַגראַמאַטישע און טאַקטישע דערנענטערונג מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מיט גרויס ענטוזיאַזם האָט נאַטאַנסאָן גענומען אויף זיך אַזאַ מיסיע. ער האָט באַלד זיך גענומען גאַנץ ענערגיש צו פירן אויף דער דאָזיקער טעמע אונטערהאַנדלונגען מיט זיין אַלטן פריינד פּלעכאַנאָוו. פון אָנהייב איז ער געווען גאַנץ צופרידן מיטן גאַנג פון די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען. אויך מיר זיינען געווען צופרידן, באַזונדערס דעמאָלט, ווען פּלעכאַנאָוו האָט שוין געהאַט געגעבן זיין הסכמה, אַז די ס.ד.־פּאַרטיי זאָל זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ, וואָס מ'האָט געפּלאַנט צונויפרופן אין לעצטן פערטל פון יאָר 1904 אין פּאַריז. לײדער זיינען שפּעטער אַנטשטאַנען שוועריקייטן. מיר זיינען נישט געווען אַזוי גוט אינפאָרמירט וועגן די אינערלעכע מיינונג־פאַרשידנהייטן אין דער רוסלענדער ס.ד.־פּאַרטיי אין דאָזיקן ענין. מיר האָבן געהערט בלויז, אַז אַ שאַרפע נעגאַטיווע פּאָזיציע האָט פאַרנומען לענין. ווי מ'האָט אונדז איבערגעגעבן, זיינען ביי די מענשעוויקעס די מיינונגען געווען צעטיילט. נאַטאַנסאָן האָט לאַנג געהאָפט, אַז סוף כל סוף וועט פּלעכאַנאָוס אויטאָריטעט אַריבערוועגן. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות. לענין האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין שום זאַך און האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף זיין אומקאָמפּראָמיסלעכער פיינטלעכער שטעלונג. דער סוף איז געווען, אַז די גאַנצע אויסלענדישע סאָצ. דעמ. האָט געוואָלט אויסמיידן אַ שפּאַלטונג אין אירע אייגענע רייען און אין סאַמע קריטישן מאָמענט, ערב דער עפענונג פון דער פּאַריזער קאָנפערענץ, זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין איר.

דער געשריי וועגן אַ „פאַרראַט בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס" און אַ פאַרשווערונג צוזאַמען מיט די ליבעראַלן, די שונאים פון סאָציאַליזם, קעגן זייערע אינטערעסן, — מיט וואָס לענין האָט גערדאָט זיינע פּאַרטייחברים, איז אינגיכן אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער אויסלענדישער סאָצ. דעמ. און געווענדעט געוואָרן קעגן אונדז. נאַטאַנסאָן האָט מיט אַ שווער האַרץ אָנגענומען דעם דורכפאַל פון זיין קאָמפּראָמיס־מיסיע און ס'איז אים איבערגעבליבן בלויז צו קאָנסטאַטירן מיט ווייטיק, אַז אונדזער פאַרזיכטיקע באַגרענעצונג פון די צילן פון דער קאָנפערענץ האָט זי נישט נאָר פאַרשמעלערט אָן שום נויטווענדיקייט, נאָר דאָס האָט נאָך איבערגעשטיגן דעם ניוואָ פון פּאָליטישער רייפקייט און רעאַליזם פון דער מערהייט רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

נאַטאַנסאָן — דער „צונויפזאַמלער פון דער רעוואָלוציע". — דער דורכפאַל פון דער פּאַרטיי „פאָלקסרעכט"

מאַרק אַנדרייעוויטש נאַטאַנסאָן איז איינע פון די מערקווירדיקסטע פיגורן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז נישט געווען קיין שרייבער, קיין רעדנער, קיין העלד פון סענסאַציאָנעלע אַקטן, וואָס זייערע מעשים גופא רעדן פאַר זיך. דאָס איז געווען אַן אָ ר גאַ נ י ז אַ ט אָ ר, וואָס שטייט ה י נ ט ע ר ן רוקן פון איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן און זיי פאַרשטעלן אים פאַרן זייטיקן פובליקום. אַזעלכע מענטשן ווערן געוויינלעך אָפּגעשאַצט מיט אַ צייט שפּעטער. מערקווירדיק אָבער, וואָס וועגן אים ווייסט מען נאָך ווייניקער אין דער יידישער סביבה, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. לעוו דייטש שרייבט וועגן אים — און קיינער האָט דאָס נישט באַשטריטן — אַז ער איז איינער פון די וויכטיקסטע יידן־רעוואָלוציאָנערן פון די 70־ער יאָרן, — ער איז געשטאָרבן ערשט אין יאָר 1919 און האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטיוו ביז זיינע לעצטע מינוטן.

די נאַטאַנסאָנס האָבן געשטאַמט פון סוועָנציאַן. צוויי ברידער זיינען זיי געווען — מאַרק און נאַטאַן; געבוירן ביי אַ פאַרמעגלעכער יידישער פאַמיליע; ביידע האָבן זיך געלערנט אין קאָוונער גימנאַזיע; שפּעטער אָבער איז זייער ביידנס לעבנס־וועג זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען: מאַרק איז אַנגעקומען אין דער מיליטערישער מעדיצין־אַקאַדעמיע און איז אַוועק אויפן וועג פון רעוואָלוציע, וואוהין ס'האָט אים אַריינגעצויגן — ווי מ'האָט געהאַלטן אין דער פאַמיליע — זיין ערשטע פרוי אלגא, געבוירענע שלייסנער, אַ טעמפּעראַמענטפולע, הויך־אינטעליגענטע פרוי מיט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן כאַראַקטער. נאַטאַן האָט פאַר זיינע גלענצנדיקע פייאיקייטן געפונען אַ ברייט פעלד אויפן קאָמערציעלן געביט. ער איז דאָך געשטאַנען אויף דער גייסטיקער הויך פון יענער „עפּאָכע פון די גרויסע רעפאָרמען", האָט מיטן ברודער מאַרק אָנגעהאַלטן די בעסטע באַציאונגען און האָט אים נישט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן אין אַן עת צרה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אויך מאַרק וואָלט געקאָנט ווערן אַ גרויסער געשעפטס־מאַן: האָט מען אים דאָך גאַנץ אָפט, נישט געקוקט אויף זיין כסדרדיקע „פּאָליטישע נישט כשרקייט", איינגעלאַדן אויף הויכע פּאָסטנס אויפן געביט פון קאָנטראָל און בוכפירונג, ווייל ער האָט געשמט ווי אַ ספּעציאַליסט אין אַזעלכע ענינים.

צום ערשטן מאָל האָב איך פאַרזענלעך זיך באַקאַנט מיט מאַרק נאַטאַנסאָן אין יאָר 1890, ווען איך האָב געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די

סאַראַטאָווער גימנאַזיע. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ וועטעראַן (געבוירן אין 1850 און געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין צווייטן טערמין פון פאַרשיקונג. צום ערשטן מאָל איז ער געווען פאַרשיקט אין 1872 (איך בין נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען). ער איז געווען עלטער פאַר מיר מיט 25 יאָר. נאַטאַנסאָן האָט זיך באַוויזן אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט פון סאַראַטאָוו ווי אַ לייכטנדיקער קאָמעט, מיט אַ העלן עק פון אַמאָליקן רום.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהייבן פונעם האַלבלעגענדאַרן „קרייז פון די טשאַיקאָווצעס". און אָט האָט מען פאַר אונדז אַנטפּלעקט, אַז דער נאָמען פון טשאַיקאָווסקי איז צוגעטשעפּעט געוואָרן צום קרייז בלויז לויט אַ מיספאַרשטענדעניש. די ריכטיקע „אָקס" פון קרייז איז געווען דאָס פּאָרפאָלק נאַטאַנסאָן: מאַרק און זיין פרוי אָלגאַ. זיי האָבן דאָס אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון טורמע פונעם באַרימטן פירשט קראָפּאָטקין, איינעם פון די גלענצנדיקסטע מיטגלידער פון קרייז. זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט די באַקאַנטע דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ, וואו — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — נאַטאַנסאָן איז געווען צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון.

מיר האָבן געוואוסט, אַז די סאָציאַליסטישע אונטערערדישע באַוועגונג אין רוסלאַנד איז געווען צעטיילט צווישן צוויי לאַגערן — „לאַווריסטן" און „באַקוניסטן", וואָס האָבן איינע די אַנדערע שאַרף באַקעמפט. און אָט דערוויסן מיר זיך, אַז טאַקע נאַטאַנסאָן האָט איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג־אָפּמאַך צווישן קרייז פון די טשאַיקאָווצעס, וואָס האָט געהאַט אַ באַקוניסטיש־קראָפּאָטקינישע פאַרב מיט די סאַמע סאָלידע רוסישע לאַווריסטן. ער איז מיט דעם צוועק געהיים אָפּגעפאָרן קיין ציריך און באַקומען דערויף אַ סאַנקציע פון לאַוראָוון „אַליין". ער האָט אויך אין פּעטערבורג איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די לעגאַלע ליטעראַרישע קרייזן ווי נ. ק. מיכאַילאָווסקי און זיין גרופּע, וואָס זיינען געווען טעטיק אויפן „איבערפלאַך" פון דער באַוועגונג. ביי אונדז האָט מען אים צום ערשטן מאָל גענומען רופן דער „איוואַן קאַליטאַ פון דער רוסישער רעוואָלוציע"*).

וואָס מיר האָבן זיך אָבער ווייטער דערוואוסט — האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער וואונדער. דער י י ד נאַטאַנסאָן אַנטלויפט פון זיין ערשטן פאַרשיקונג־פּלאַץ, פאָרט אַרום איבער אַלע צפון־געגנטן, וואו עס

---

*) אין דער רוסישער געשיכטע האָט דער פירשט קאַליטאַ, יואַס האָט פאַראייניקט אַלע טיילן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, באַקומען דעם נאָמען — דער „צונויפזאַמלער פון דער רוסישער ערד." — דער איבערזעצער.

זיינען געווען נאַראָדניטשעסקע גרופּעס, פּאַראייניקט זיי אין איין פּאַר־באַנד, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „זעמליא אי וואָליא" (ענלעך צו דער פריערדיקער גרופּע מיטן זעלביקן נאָמען, וואָס איר פירער איז געווען טשערנישעווסקי); און נישט נאָר דאָס — ער אַרבעט־אויס די בעסטע פּראָגראַמאַטישע סכעמע, אָדער די פּראָגראַם־אַקציע פון דער רעוואָלוציאָנערער „נאַראָדניטשעסטווע". די גרונט־אידייע זיינע איז געווען: ערשטנס, דאַרפן די לאַווריסטן, באַקוניסטן, טשאַיקאָווצעס א"אַנד. זיך „אַראָפּלאָזן פון די וואָלקנס אויף דער ערד". זיי דאַרפן אָפּלייגן אויף אַ בעסערער צייט אַלע זייערע דיספּוטן וועגן די פּראָבלע־מען, וואָס זיינען נישט מער ווי „צוקונפט־מוזיק"; זיי דאַרפן אַוועק־לייגן ווי אַ יסוד פון זייער אַרבעט יענעם רעאַלן מ י נ י מ ו ם באַ־דערפענישן און פאָדערונגען, וואָס איז שוין אַריין אין באַוואוסטזיין פונעם פאָלק און וואָס קאָן אויף זיכער באַפרוכפּערן זיין ווילן. צווייטנס, דאַרף מען פאַרוואַרפן די איבערפלעכלעכע פלי־אַגיטאַציע און דאָס צעשטויבן די קרעפטן אויף פייערווערק־שאָסן: די סאָציאַליסטן, וואָס ווילן שטיין בראש פון דער פאָלקס־באַוועגונג, דאַרפן פעסט „זיצן אין פאָלק" און זיין פון פאָלק אויפגענומען ווי אייגענע מענטשן פון זיין סביבה, נאַטירלעכע פירער אין אַלע ענינים.

שוין אין דער צייט פון זיין ערשטער פאַרשיקונג, זייענדיק אַ גלענצנדיקער סטודענט פון דער מיליטערישער מעדיצין־אַקאַדעמיע, איז ער דער ערשטער אַרויסגעטראָטן קעגן דער „נעטשאַיעווטשינע", וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל. שפּעטער האָט ער שאַרף געפּאָדערט זיך אָפּצוגרענעצן פון די פאַרשיידענע אַוואַנטורעס מיט די „גאָלדענע גראַמאָטעס", געפעלשטע צאַרישע מאַניפעסטן אד"גל. לויט דער איניציאַטיוו פון דעם ייד נאַטאַנסאָן האָט פון דעם צעשוואומענעם, פאַראַלגעמיינערטן, אָקאָרשט אַזוי פּאָפּולער געוואָרענעם באַגריף „נאַראָד־ניטשעסטוואָ" — זיך אויסקריסטאַליזירט אַ מער פּרעציזער, עקזאַקטער, בולט־פּאָליטישער באַגריף: אַ פאָלקס־באַוועגונג אין ענגן זין פון וואָרט, ווי אַ טעטיקייט נישט בלויז צווישן פאָלק, נאָר אומבאַדינגט ד ו ר כ ן פאָלק, וואָס האָט אויסגעשלאָסן אויסניצן דאָס פאָלק ווי אַ ווערקצייג; אַלץ דאַרף ווערן אַדורכגעפירט דורך דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין און זיין ווילן; קיין שום זאַך דאַרף אים נישט אָנגעוואָרפן ווערן פון דרויסן אָדער ווערן געטאָן הינטער זיין רוקן. נאַטאַנסאָנס אַלגעמיינער פּנים האָט זיך נאָך פאַרפולקומט אין אונדזער פאַנטאַזיע מיט נאָך אַ שטריך. מיר אַלע האָבן גוט געוואוסט די געשיכטע, וואָס איז ענלעך צו אַ לעגענ־דע, וועגן אויסערגעוויינלעכן קאָנספּיראַטיוון זשעני פון אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, דעם שוץ־מלאך פון אַלע דרייסטע און אַרויספאָדערנדיקע אַק־

ציעס פון טעראָריסטישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָד־נאַיאַ וואָליא", וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלעמען. און אָט דערוויסן מיר זיך, אַז דער דאָזיקער לעגענדאַרער אָרגאַניזאַטאָר און קאָנספּיראַטאָר האָט אויף אַזויפיל אַליין געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ שילער און נאָכפאָלגער פון נאַטאַנסאָנען, אַז ער האָט ווי אַ סימן דערצו גענומען פאַר זיך דעם זעלביקן אומלעגאַלן פסעוודאָנים — „פּיאָטר איוואַנאָוויטש", מיט וועלכן ס'איז געווען באַקאַנט אין די קרייזן פון „זעמליאַ אי וואָליא" „דער חכם מאַרק"... דער אַלטער זעמלעוואָליעץ אַפּטעקמאַן האָט גערעדט וועגן זיין „מאַרק, ווי וועגן אַ מענטשן פון גוואַל־טיקער ענערגיע, אייזערנעם ווילן און אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָ־רישע פייאיקייטן".

לעוו דייטש, וואָס איז געוויינלעך גאַנץ קאַרג געווען צו זאָגן שבחים פאַר נישט קיין „אייגענע" אָדער נישט אינגאַנצן „אייגענע" מענטשן, — דערציילט, אַז ער געדענקט נישט נאָך „אַ טוער, וואָס זאָל האָבן געהאַט אַזאַ איינפלוס און מאַכט, צו וועמען מען זאָל זיך באַציען מיט אַזאַ יראת הכבוד, ווי מאַרק". לויט דייטשן זאָל ער האָבן פאַרטונקלט מיט זיין רום אַלע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט. אָט די מיינונגען שטאַמען פון מענטשן, פאַר וועמען דאָס גאַנצע לעבן פון נאַ־טאַנסאָנען איז געווען אַן אָפן בוך.

נאַטאַנסאָן האָט זיך שאַרף אויסגעצייכנט פון אַנדערע פון זיין סביבה נישט בלויז מיט זיין אינטעלעקטועלער הויך, נאָר אויך מיטן גאַנצן סטיל פון זיין נאַטור. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען גיכער ווי אַ פּראָפעסאָר אָדער ווי אַ וויכטיקער עקספּערט, אַ מיטגליד פון אַ מין סענאַט־רעוויזיע. דער קאָפּ אויפגעהויבן, אַ ביסל פאַרוואָרפן צום רוקן. געלאַסן, זיכער אין זיך, מיט אַ הויכן שטערן. אויגן העל־ברוינע, וואָס דרינגען אייך אַדורך ביים ריידן איבער די גאָלדענע ברילן, אַ ווייכע באָרד ווי פון זיידענע פעדים, דאָס גאַנצע האַלטן זיך און די העפלעכע מאַניערן מאַכן מילד די שטרענגע ערנסטקייט, אַמאָל דורכגענומען מיט קאַלטלעכער האַרטקייט; וואָגיקע, פאַמעלעכע רייד, אַמאָל איבערגע־ריסן מיט עפּעס אַ בכיוונדיקער נישט דערזאָגטקייט, וואָס צווינגט דעם מיטשמועסער צו זיין אָנגעשטרענגט, שטיין אויף דער וואַך, — אַלץ איז ביי אים געווען סאָליד און אימפּאָזאַנט. ער איז געווען געצוימט, זיך נישט אָנגעוואָרפן יענעם. ווען עמעצער איז געקומען צו אים וועגן עפּעס אַ וויכטיקן ענין און נישט געפונען אים אינדערהיים, פלעגן אַלע זיינע פאַרטרעטער, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, אין איין קול זאָגן: „וואַרט, אָט וועט קומען מאַרק אַנדרייעוויטש;" „אָט מאַרק

אַנדריייעוויטש וועט שוין זאָגן". אַזוי איז עס געווען אין זיינע אַמט־לעכע ענינים, פּונקט ווי אין רעוואָלוציאָנערע פּראַגן.

אין די אַמטלעכע און בירגערלעכע ספערן פון סאַראַטאָוו איז ער אַריין מיט אַ רעפּוטאַציע און רעקאָמענדאַציעס, וואָס זיינען געווען אומ־געוויינלעך אויך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער סביבה. שוין ביים סוף פון זיין צווייטער סיבירער פאַרשיקונג האָט ער פאַרנומען אַ סאָלידן פּאָסטן, באַקומען אַ הויכן געהאַלט, פאַרמאָגט דאָס, וואָס מען רופט אַ וואַגיקע, איינפלוסרייכע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע. ווי דער הויפּט־בוכ־האַלטער פון דער אייזנבאַן־ליניע אַרום באַיקאַל, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע פון שיער נישט אַ געניאַלן רעוויזאָר און קאָנטראָליאָר. דער גורל האָט אים געשיקט אין האַנט אַריין צום נאַטשאַלניק איבערן קאָנטראָל פון דער קאָזלאָוו־סאַראַטאָווער און באַסקונטשאַקסקער אייזנ־באַנען גענעראַל קאָזאַטשאָוו, וואָס איז געווען איינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט אַן אַרגיע פון הימלשרייענדיקע מיסברויכן און רויבערייען, וואָס האָט צעפרעסן די גאַנצע באַן־ווירטשאַפט. אין נאַטאַנ־סאָנען האָט ער געפונען, שוין נישט ריידנדיק פון שטרענגער ערלעכקייט, אַ מענטשן, וואָס האָט אַבסאָלוט אויסערגעוויינלעכע, כמעט איבערמענטש־לעכע אַרבעט־פייאיקייט, ענערגיע און פּראַקטיק; ער האָט נישט גע־וואוסט ווי צו לויבן אים: דאָס איז נישט קיין מענטש נאָר אַן אוצר! די מאַכער פון אַרטיקן פּאָליציי־אַ שן שפּיאָנאַזש זיינען געוואָרן אויפגע־רודערט. באַזונדערס ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ ברייטע פולמאַכטן נאַטאַנסאָן האָט געקראָגן ביים אָרגאַניזירן פאַר זיך נייע מיט־אַרבעטער און געהילפן. אָבער דער בראַווער, נאַאיווער און האָפערדיקער גענעראַל האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט הערן. ער פלעגט שרייען, אַז ער וויים בעסער ווי ווער נישט איז דעם סוד — ווי אַזוי אַ פּאָליטיש נישט כשרן פאַרוואַנדלען אין אַ כשרן: נעמלעך, מ'דאַרף פאַר אַזעלכן געפינען אַן אַמט, וואָס זאָל שטיין אויפן ניווא פון זיינע טאַלאַנטן, דערצו נאָך צאָלן אים 2—3 טויזנט אַ יאָר געהאַלט! אַלע אַרום האָבן זיך געשושקעט, געלאַכט פונעם גענעראַל, ווען נאַטאַנסאָן האָט געקאָנט אַזוי פעסט פאַרדרייען דעם קאָפּ!

דער שעף פון דער אָכראַנע האָט מיט כעס געבורטשעט, וואָס צו־גלייך מיטן אייזנבאַן־אַמט זיינען אויך פיל אַנדערע אַמטן געוואָרן אַ „פוטער־ברויט עסק פאַר די נישט כשרע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אונטער דער פּאָליציי־אויפזיכט". אַלץ לייכטער און אָפטער האָט מען באַשטימט אויף פּאָסטנס מענטשן, אין וואָס — גערעכט אָדער נישט גערעכט — דאָס פּובליקום האָט איינגעזען, אַז דאָ שטעקט „מאַרקס

האַנט". אין דער גאַנצער גובערניע איז געוואַקסן די צאָל אינטעליגענטע אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאָרמען, וועלכע האָבן אויף נאַטאַנסאָנען געקוקט ווי אויף זייער אויטאָריטעט. דאָס איז פאַקטיש געווען אַן עווענטועלע אָרגאַניזאַציע, אָבער מיט יענער באַקוועמלעכקייט, וואָס זי האָט אויף זיך נ י ש ט געקוקט ווי אויף אַן אָרגאַניזאַציע. דער פאָרזיכטיקער און געבילדעטער נאַטאַנסאָן האָט זיך נישט געאיילט אויסצופאָרמירן זי. ער האָט שוין געהאַט „אַריינגענומען אין חשבון" דעם גאַנצן אַקטיוו רעוואָלוציאָנערן פון דער העכערער מדרגה, וואָס איז גאַנץ געבליבן נאָכן אָפּמאַטערן זיך יאָרנלאַנג אין טורמעס און סיביר; ער האָט פאַרפעסטיקט די שטיץ־פונקטן אין אַזעלכע צענטערס פון פאָוואָלזשיע, ווי סאַמאַרע און ניזשני־נאָווגאָראָד; ער האָט באַנייט די אַמאָליקע פאַרבינדונגען מיט די ליטעראַטור־קרייזן פון פעטערבורג, וואו דעם טאָן האָט געגעבן נ. ק. מיכאַילאָווסקי.

*

איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן נאַטאַנסאָנען פון אויג נאָך מיין אַוועקפאָרן פון סאַראַטאָוו אין מער גאַסטפריינדלעכן יוריעוו, וואו איך האָב באַקומען מיין גימנאַזיע־אַטעסטאַט. פון דאָרטן בין איך אָנגעקומען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, און דאָ בין איך ווידער אַריינגעפאַלן אין קרייז פון זיין ווירקונג. אויך אונטער אים האָט דער באָדן שוין גענומען ברענען אין סאַראַטאָוו. ער האָט געהאַנדלט פאָרזיכטיק קלוג און זיך איבערגעקליבן אין שטילן אָריאָל, וואוהין ער האָט אויך מיטגענומען דעם גאַנצן פערסאָנאַל פון „פּאָליטישן שטאַב". צו יענער צייט איז שוין זיין פּלאַן וועגן די צוגרייטונג־אַרבעטן כמעט ווי געווען פאַרענדיקט, און ער האָט שוין געהאַלטן „ערב" אַרויסטרעטן מיטן אָפענעם פנים. מ'האָט פון אים ווידער אַמאָל דערוואַרט אויף אַ ניי וואָרט, און ער האָט מיך און מיינע חברים באַקאַנט געמאַכט דערמיט.

ער איז ווידער אַמאָל אַרויסגעטראָטן ווי אַן איוואַן קאַליטאַ, דער „צונויפזאַמלער פון דער רוסישער ערד", אָבער גאָר אין אַן אויסערגעוויינלעכן ברייטערן מאַסשטאַב. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן — נישט צו דערלאָזן, אַז די באַפרייאונג־באַוועגונג זאָל זיך פאַנאַנדערפאַלן, ווי מ'האָט דאָס שוין געקאָנט פאָראויסזען, אויף דריי לאַגערן מאַרקסיסטישן, נאַראָדניטשעסקן און ליבעראַלן. אַריינגעמענדיק אין חשבון אַלץ, וואָס איז געבליבן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַלע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אויף דער פריי און די ניי־צוגעקומענע, אונטערגעוואַקסענע קרעפטן, — איז ער נישט מיד געוואָרן אַרומצופאָרן און אויפוויזן: די צייט פון שפּאַלטן זיך איז נאָך נישט געקומען, איצט איז

אונדזער אַלגעמיינער אינטערעס — אָפּצולייגן דאָס, וואָס טיילט פאָנאַנ־דער און דעם קאַמף צווישן זיך ביז וואַנען ס'וועט קומען דער זיג אי־בערן געמיינזאַמען פיינט — די זעלבסטהערשונג. ביי די נאַראָדניקעס און די מאַרקסיסטן איז סוף כל סוף פאַראַן איין ציל; אין דער ריכטונג פון דער סאָציאַלער פּאָליטיק (אַגב נישט אַזוי אויפן געביט פון אַרבע־טער־געזעצגעבונג ווי אין דער אַגראַר־פראַגע) וועלן זיי וואַרשיינלעך גאַנץ עקסטרעם זיך פאַנאַנדערגיין; אָבער מ'דאַרף נישט לויפן פאַר־אויס: כל זמן די מאָנאַרכיע איז נאָך נישט אַראָפּגעוואָרפן, פירט זי אַליין די דאָזיקע סאָציאַלע פּאָליטיק, און טראַכטן וועגן ווירקן אויף איר אין אַ ווענטלעך נישט איינהייטלעכער ריכטונג איז נישט פאַראַן קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייט און ס'האָט אויך נישט קיין שום זין. אויב די נאַראָדניקעס און די מאַרקסיסטן וועלן אין אַ פרייען דעמאָקראַטישן רוסלאַנד זיך פאַנאַנדערגיין אין די שטרייט־פראַגן און אין דער פראַגע וועגן דער מאַכט, אָדער ס'וועט געלינגען צו געפינען אַ מין צד־השוה, אַן אויסגלייך־ליניע, אַ קאָמפּראָמיס — וועט וויזן די צוקונפט. אין די אײ־ראָפּעאישע פּאַרטייען לעבט מען בשלום הגם ס'זיינען פאַראַן נאָך גרע־סערע מיינונגפאַרשיידנהייטן. געוויס זיינען די ליבעראַלן ווייטער פון איינע ווי פון די אַנדערע, ווי די בײדע צווישן זיך גופא. מען דאַרף אָבער אויך נישט מגזם זיין דעם אונטערשייד צווישן די ליבעראַלן און די סאָציאַליסטן: דאָס איז גיכער פאַר אַלץ דער חילוק צווישן די „טאַטעס" און די „קינדער". די בעסטע רוסישע ליבעראַלן זיינען נישט דערפאַרענע סאָציאַליסטן. דאָס זיינען אונדזערע מיטלויפער אויף דעם וויכטיקסטן און אַנטשיידנסטן טייל פון וועג.

אויף אַזאַ אופן וועט דאַרפן עקזיסטירן — ביזן אַראָפּוואַרפן די אַליינהערשאַפט און איינפירן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן און אַליינפאַר־וואַלטונג — בלויז איין איינציקע פּאַרטיי פון באַפרייאונג. פאַר איר וועט זיין גענוג אַ פּראָגראַם (אָדער ריכטיקער אַ פּלאַטפאָרם) פון פולשטענ־דיק קאָנקרעטע פאָדערונגען, וואו ס'זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן די אינטערעסן פון קיין איין אומצופרידענעם שיכט: נישט פון די אַרבע־טער, נישט פון די פּויערים, נישט פון די האַנטווערקער און הויז־אַר־בעטער, נישט פון די מענטשן פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס, נישט פון די אַל'ע מינדערהייטן, וואָס האָבן אַן אַנדער גלויבן, ריידן אויף אַן אַנדער שפּראַך, — מיט איין וואָרט פון ק י י נ ע ם נישט.

וואָלט נאַטאַנסאָנען געלונגען זיין פּלאַן, וואָלט דאָס אַלץ געוואָרן פאַרווירקלעכט, — וואָלט זיין נאָמען איינגעקריצט געוואָרן אין די לוחות פון דער רוסישער געשיכטע אויף אייביק. אין זיין פּלאַן איז אָבער געווען צופיל אַ קאַלטער ק א ל ק ו ל י אַ ט אָ ר, צופיל אַ ר ע כ ן־

מ י י ס ט ע ר און גאַנץ ווייניק אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר פּ ס י כ אָ־ל אָ ג ; ער האָט נישט געזען אין פּראָגראַם אַן אויסדרוק פון סאָציאַלע ליידנשאַפטן, שטימונגען, פון אַ וועלט־באַנעם פון יענעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר, וואָס זיין נאַטירלעכער סאָציאַל־פּאָליטישער פּאַטאָס האָט גראָד דאָ געפונען זיין לעבהאַפטן אויסדרוק.

וואָס שייך אַלע אַנדערע זאַכן — איז אַלץ געווען צוגעגרייט. ס'האָט אויסגעזען, אַז קיינמאָל נאָך האָט די פּאַרטיי נישט פאַרמאָגט אַזעלכע ברייטע פאַרבינדונגען אין גאַנץ רוסלאַנד, אַזאַ סאָלידן און גוט אויסגע־פּרוווטן צענטער, אַזאַ אַפּאַראַט פון אַרומפאָרנדיקע און אָרטיקע אַגענטן, אַזאַ אויסגעצייכנט איינגעאָרדנטע טעכניק, אַזעלכע זיכערע פריינד אין אַלע מעגלעכע שטרעמונגען, אַזעלכע פאַרבינדעטע אין דער לעגאַלער לי־טעראַטור. די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער איז געווען פּרעכטיק צוגעגרייט צום אַרויסטריט פון דער „פּאַרטיי פון פאָלקס־רעכט" (דער נאָמען האָט געזאָלט דערמאָנען די פּאַרטיי נאַראָדנאיא וואָליא) אויף דער פּאָליטישער אַוואַנסצענע.

און מיט אַמאָל — קיין שום אַרויסטריט נישט! פּונקט ערב דעם אַרויסטריט, אין דעם זעלביקן טאָג, אַפילו אין דערזעלביקער שעה — האָט די פּאָליציייאישע נעץ אַלץ אַריינגעכאַפּט: דעם הויפּט־שטאַב אין אָריאָל, די געהיימע דרוקעריי אין סמאָלענסק מיט אירע באַלעבאַטים און זעצער, די הויפּט־קוואַרטיר פאַר פאַנאַנדערטיילן די ליטעראַטור אין מאָסקווע, מיט אירע טראַנספּאָרטירער און דעם אָקאָרשט פריש אָפּגע־דרוקטן מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי, אויך די פּאָפּולערע בראָשור, וואָס האָט אויפגעקלערט די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און וואָס איר מחבר איז געווען דער באַקאַנטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּובליציסט אַנגעל באַגדאַנאָוויטש, — און דערצו נאָך מענטשן, מענטשן, מענטשן! קיין אויסלאַנד, צום הויפּט־אַנפירער מיטן אויסלענדישן שפּיאָנאַזש דעם באַרימטן ראַטשקאָווסקי איז אַוועק אַ זיגרייכער ראַפּאָרט אונטערגע־שריבן פון דעם נאָכמער באַרימטן זובאַטאָוו און זיין דעמאָלטדיקן שעף דעם זשאַנדאַרמען־גענעראַל בערדיאיעוו: „נעכטן האָט מען פאַרכאַפּט די דרוקעריי, עטלעכע טויזנט בראָשורן און אַרעסטירט 52 מיטגלידער פון דער „פּאַרטיי פאַר פאָלקס־רעכט"; אַ ביסל האָט מען איבערגעלאָזט אויף איינצוהאַלטן די שפּורן. סערגעי (זובאַטאָוו), ניקאָלאַי (בערדיאיעוו)".

וואָס פאַר אַ נצחון! אויף די וואונדער־העלדן פון צאַרישן שפּיאָנאַזש האָבן זיך געגאָסן שיטן פון אַ ברייטער האַנט געלט־מתנות; שאַמפּאַ־ניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, מ'האָט איינע די אַנדערע גראַטו־לירט, געיובלט מיט שמחה! מיט איין וואָרט, מ'האָט געזען, ווי ווייט זיי האָבן ביזן לעצטן מאָמענט געהיים געציטערט פאַר שרעק. די קאָפּ־

פּאַרדרייעניש צוליבן זיג האָט נישט אַזוי גיך אָפּגעלאָזט — ווען זובאַ־טאָוון האָט מען איבערגעגעבן, אַז ער האָט פון שמחה אין איין נאַכט פאַרשפּילט אין קאַסינאָ צען טויזנט רובל מלוכה־געלט.

דער וואָרם פון פּראָוואָקאַציע — אַזעף

נאַטאַנסאָן האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלות, איין זאַך בלויז האָט אים געפעלט: רעוואָלוציאָנערע אינטואיציע. ער האָט אין דער רעוואָלוציע געשפּילט די ראָל פון אַ פּאַביאַן קונקטאַטאָר (פאַרשלעפּער, פאַרשפּע־טיקער). צו יעטווידן דרייסטן באַשלוס האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיט אַ סובטילן סקעפּטיציזם. שפּעטער, ווען גערשוני נאָך זיין אַנטלויפן פון קאַטאָרגע, איז צוריק אַריין אין אונדזערע רייען אויף אַ קורצער צייט (ליידער, צו שפּעט שוין כדי זיך צו באַטייליקן אין אַנטשיידענע קאַמפן), האָט ער מיט אַ שאַרפן אויג שנעל אָפּגעשאַצט די סיטואַציע.

מאַרק אַנדרייעוויטש, האָט ער געזאָגט: דאָס איז אונדזער גרויסער קאַפּיטאַל, מ׳דאַרף אָבער וויסן, ווי זיך מיט אים צו באַנוצן, וואוהין אים אַריינלייגן. בעסער ווי עמעץ אַן אַנדערער וויים ער אָנצוטאַפּן די שוואַכע זייטן פון יעטווידער אונטערנעמונג, פון יעטווידן פּלאַן, פון יעט־ווידער פּאָזיציע. אין זיין מוח איז אַ גאַנצער מלוכה־ראַט. אָבער — יעטווידן ווערט געגעבן דאָס זייניקע: אַ מלוכה־ראַט קאָן נישט זיין נישט קיין פּרעמיער, נישט קיין דיקטאַטאָר, נישט קיין הויפּט־קאָמאַנ־דיר. גיכער דינט עס ווי אַן איינהאַלטנדיקע אינסטאַנץ, — אַן אויסגע־צייכנטער רעטונג־טאָרמאָז, ווען מ׳דאַרף זיך אָן אים אָנכאַפּן.

אַן אויסגעצייכנטער רעוויזאָר, קאָנטראָליאָר, פינאַנץ־מיניסטער, די־פּלאָמאַט — אַלץ וואָס איר ווילט. אָבער דעם לעגענדאַרן שליסל, וואָס עפנט אויף מאַסיווע שלעסער און אייזערנע טירן פון דער געשיכטע — דאַרף מען נישט זוכן ביי אים. דאָס איז נישט זיין שולד... בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 האָבן מיר אין דער פּראַקטיק דערקענט נישט בלויז די שטאַרקע נאָר אויך די שוואַכע זייטן פון נאַטאַנסאָנען, ווי אַ רע־וואָלוציאָנער.

ליידער, איז די מפּלה פון דער רעוואָלוציע פון 1905 געווען נישט די לעצטע און נישט די ערגסטע קאַטאַסטראָפע, וואָס די געשיכטע האָט פאַר אונדז צוגעגרייט, פּונקט ווי זי וואָלט פון יענעם מאָמענט אָן געווען פאַר אונדז אַ פאַרהאַסטע שטיפמוטער...

דעם היסטאָריקער איז גאַנץ גוט באַקאַנט די געשיכטע פונעם „שוואַרצן יאָר פון אונדזער פּאַרטיי", — דאָס יאָר, ווען ס׳איז אויפגע־

דעקט געוואָרן דער איבערראַשנדיקער קאָשמאַרפולער סוד. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: גלייך פון אָנהייב פון דער קאַמפּס־טעטיקייט פון אונדזער פּאַרטיי איז אין איר האַרצן אַריינגעדרונגען און וואָס ווייטער אַלץ טיפער זיך אַריינגעגריזשעט דער העסלעכער וואָרם פון פּראָוואָקאַציע.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: דורך אַלע צייטן פון איר טעטיקייט, נישט אויסגעשלאָסן די הערלעכסטע אַקטן, האָט זיך געצויגן באַהאַל־טענערהייט דער פאַרסמטער פאָדעם פון פאַרראַט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: אַז דער פאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָר איז געווען דער זעלביקער מענטש, פאַר וועמען די באַבע פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ האָט געקניט צו דער ערד און געדאַנקט אים פאַר אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט אויף פּלעווען.

דאָס איז געווען דער זעלביקער, וועמען גערשוני האָט אין זיין צוואה באַשטימט פאַר זיין פאַרטרעטער, און מיט וועמען ער האָט שפּעטער צוזאַמען — אַנדערש נישט ווי צוזאַמען — געוואָלט אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט אויפן צאַר גופא, כדי דורך אַ זיג אָדער אַ געמיינזאַמען טויט מאַכן אַ סוף צו די כלערליי „רכילותן" — ווייל דער שרעקלעכער אמת, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען באַהאַלטן, האָט נישט אים אַליין אויסגע־זען ווי סתם אַ „רכילות", — ווי דער שרעקלעכסטער ליגן, וואָס איז וועגן נישט איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך שונאים צוליב בייזוויליקייט און כלומרשטע פריינד האָבן עס אונטערגעכאַפּט צוליב אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט און קורצזיכטיקייט...

זייער טייער האָט דער פאַרטיי געקאָסט די ביסן פון דער שלאַנג, וואָס זי האָט אויסגעוואַרעמט אויף איר אייגענער ברוסט. און נישט ווייניקער טייער האָט איר געקאָסט די אַנטפּלעקונג גופא. ווער ס'האָט נישט איבערגעלעבט יענע טעג, דעם איז שווער אַפילו זיך פאַרצושטעלן דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע און אָפּהענ־טיקייט, וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט די פאַרטיי.

ס'האָט זיך צונויפגעקליבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַר־טיי צוזאַמען מיט נאָך 14 פון די גרעסטע פאַרטיי־טוער אויף אַן אויי־סערגעוויינלעכער געהיימער זיצונג, כדי צו באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן פּראָוואָקאַטאָר; אויסהערנדיק מיין באַריכט, אַז דער פאַקט פון פאַרראַט איז איצט שוין ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די גענויע באַ־ווייזן פון געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט לאָפּוכין, וועמען מיר האָבן אויסגעפרעגט, — האָבן זיך פון זיי אַלע געפונען נישט מער ווי 4 פערזאָן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די באַווייזן זיינען גענוי־גענד אַרויסצוטראָגן אַזעפן אַ טויט־אורטייל און דעם אורטייל אויספירן. ווען אָבער איינער פון זיי (סליאַטאָוו) האָט זיך אַרויסגערופן צו גיין תיכף

צו אַזעפן און אָן שום רייד מיט די אייגענע הענט אים אויפן אָרט אָוועקהרגענען, — האָט זיין פאָרשלאַג ביי קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין סימפּאַטיע. נאָכמער: דער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אין אינ־טערנאַציאָנאַל אי. רובאַנאָוויטש האָט קעגן דעם אַרויסגעשטעלט אַ פּאָ־דערונג — שטרענג זיך צו האַלטן אין אַזעלכע ראַמען, אַז „נישט די אינטערעסן פון דער יוסטיץ און נישט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי זאָלן דערפון ליידן". צוויי אָדער דריי פון די אָנוועזנדיקע האָבן געפּאָ־דערט פון דער פאַרזאַמלונג אַ גאַראַנטיע, אַז אויך אַזעפן וועט נישט אויסגעפירט ווערן קיין שום אַטענטאַט. אַנדערש וועלן זיי גיין צו אים און אָנזאָגן — וועגן דער שרעקלעכער געפאַר, וואָס דראָט אים, אָן אומ־שולדיקן... און די דריי פערזאָן, ווען מ'האָט געשיקט צו אַזעפן צו דערקלערן אים די באַשולדיקונג און אויסהערן זיין פאַרענטפערונג, איז געווען פאַרבאָטן מיטצונעמען מיט זיך געווער, כדי די באַגעגעניש מיט אים זאָל זיך נישט קאָנען ענדיקן מיט עפּעס אַ פּלוצימדיקן אַקט.

און אין דער זעלביקער צייט אין פּעטערבורג, אַזאַ דרייסטער טעראָריסט ווי קאַרפּאָוויטש, דערווייסנדיק זיך, אַז דער צ. ק. האָט בדעה צו פאַרעפנטלעכן אַ מעלדונג וועגן אַזעפן ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר, איז ער געווען אויסער זיך פון כעס, האָט געהאַלטן, אַז אין אויסלאַנד זיינען אַלע משוגע געוואָרן, און האָט געדראָט מיט אַ רעוואָלווער זיך אָפּצורעכענען מיט די אַלע, וואָס זיינען פּעאיק צו פאַרפלעקן דעם נאָמען פון דער קאָמף־אָרגאַניזאַציע און איר פירער...

דאָס מאָל — און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן — האָט אויך דער אַלטער מאַרק נאַטאַנסאָן זיך פאַרלוירן, — אויף אַזוי פיל זיך פאַרלוירן, אַז מ'האָט געזען ווי זיין גאַנצער ווילן איז פולשטענדיק פאַראַליזירט, אַז ער איז נישט פּעאיק זיך צו האַלטן ביי אַ וועלכן נישט איז באַשלוס: „געוויס — האָט ער שפּעטער געזאָגט פאַר דער אויסערגעוויינלעכער יורידישער אויספאָרש־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי — האָט אויף אונדז געווירקט נישט די מורא, אַז בעת דער קעגנזייטיקער שיסעריי וועט מען אונדז אויך אָוועקהרגענען, נאָר די מורא, אַז דאָס וועט ברענגען צו אַ פולשטענדיקן חורבן פון דער פּאַרטיי, אַז ס'וועט זיך אָנהייבן אַ ברודער־קריג".

נאַטאַנסאָן וואָלט נישט אַריינגעפאַלן אין דער פּאַניק, ווען ער וואָלט אינערלעך זיך נישט געוואַקלט, צי דער שולדיקער אין דער קאַטאַסטראָ־פע איז טאַקע באמת שולדיק אָדער נישט. ער האָט טאַקע פאַר דער דערמאָנטער קאָמיסיע מודה געווען, אַז אין גאָר לעצטן מאָמענט האָט נאָך ביי אים געטליעט אַ פונק פון האָפענונג: אפשר, אפשר וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז טאַקע נישט שולדיק...

אַט די אינערלעכע נישט אַנטשלאָסנקייט, אָט דער „אפשר־אפשר", דער „טאָמער" פון אונדזער פּאַרטייאישן פּאַטריאַך, אַקעגן וועמען ניין צענטל פון אונדז זיינען געווען מלופים־קינדער, הינדעלעך, וואָס האָבן אָקאָרשט זיך פון איי אַרויסגעפּיקט", באַווייזט צו וואָס פאַר אַ הויכן גראַד ס'איז דערגאַנגען אונדזער צערודערונג און צעפּאַלנקייט. ווען ס'איז געקומען צום אָפּשטימען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שרעקלעכער כאַאָס — קיין איין פּאַרשלאַג האָט נישט געקאָנט באַקומען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל פּיל־ווייניק אויסזען ווי אַ מערהייט, אָדער ער איז צעקאַליעטשעט געוואָרן מיט אַזוי פּיל אויסבעסערונגען, אַז ס'האָט זיך באַקומען אַ פאַרשיידנפאַרביקע מאָזאַיק פון אָפּגעריסענע באַשלוסן, וואָס זיינען איינע די אַנדערע סותר, וואָס מאַכן איינע די אַנדערע פּרוכטלאָז. — און אין רעזולטאַט האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, ביי וועלכער, ווי מ'האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן, אַזוף האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן.

די רעוואָלוציע פון 1917. — נאַטאַנסאָן ראַט לענינען פאַנאַנדערצוטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג.

די וויטערדיקע יאָרן האָבן פאַרנעפּלט און פאַראומערט נאַטאַנסאָנס געמיט. זיינע לײַדן האָבן דערמיט זיך נישט פאַרענדיקט. ס'האָבן זיך נאָך נישט פאַרצויגן די וואונדן, וואָס דאָס „שוואַרצע יאָר" און די אויפגעדעקטע צענטראַלע פּראָוואָקאַציע האָבן אַריינגעשניטן אין פּאַרטיי־אָרגאַניזם, — ווי ס'האָט זיך אויף אונדז אָנגעטראָגן אַ נייער שטורעם. דאָס מאָל אין גאַנץ אייראָפּייאישן מאַסשטאַב — ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. זי האָט אַרויסגערופן אינערלעכע סכסוכים, שפּאַלטונגען, רייבונגען אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט; אָבער דער רוסישער קריזיס האָט זיין גלייכן נישט געהאַט. נאַטאַנסאָנען האָט ער געטראָפן גאָר אומדערוואַרט. זייענדיק פאַרנומען כסדר מיט פּראַקטישער אַרבעט, מיט די קלענסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט ווי געהעריק צו באַנייען זיין טעאָרעטישן באַגאַזש, — און די אָנקומענדיקע עפּאָכע פון וועלט־מלחמות און אוניווערסאַלע רעוואָלוציעס אין דער טעכניק, אין דער ווויסנשאַפט, אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן, — איז אויף אים אַרויפגעפאַלן פּלוצלונג. זיין איינגעבוירענער שכל און די גוואַלטיקע לעבנס־פּראַקטיק, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָבן געמאַכט ער זאָל נישט אויסזען אַזוי אָפּגעשטאַנען. אָבער פּנים אל

פּנים מיט די פולשטענדיק נייע פּראָבלעמען, וואָס די עפּאָכע האָט אַרויסגערוקט, — איז ער געווען פאַרמשפּט אויף אימפּראָוויזאַציעס, אָפט מאָל צופעליקע, אָדער איבערגענומענע פון אַנדערע, נישט אַלע מאָל געלונגענע.

ווען מיר אַלע, וואָס זיינען בעתן אויסברוך פון דער מלחמה געווען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע לענדער, דער עיקר אין פראַנקרייך, איטאַליע און שווייץ, — האָבן סוף כל סוף זיך צונויפגעקליבן קיין לאָזאַן אויף אַ באַראַטונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאַטאַנסאָן האַלט זיך עפּעס „פאַר זיך", נישט צוטרעטנדיק אינגאַנצן צו קיין איינער פון די צוויי פּאַרטיי־שטרעמונגען, וואָס זיינען זיך דעמאָלט פאַנאַנדערגעגאַנגען. נאָכדעם ווי די גאַנצע אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע איז צעריסן געוואָרן אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן, וואָס קעמפן איינער מיטן צווייטן אין אַ טויט־געראַנגל, — האָט אייניקע פון אונדז באַזונדערס געפּייניקט דער פּאַראַליזש, וואָס האָט געטראָפן דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל: זיי האָבן געהאַלטן, אַז די ערשטע אויפגאַבע דאַרף זיין — צוריק אויפשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל און אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרקירצן די צייט פון דער וועלט־שחיטה און דערפירן אָנשטאָט איר צו אַ „גערעכטן דעמאָקראַטישן שלום" און אויפשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעכט־אָרדענונג, וואָס זאָל אויסשליסן נייע מלחמות. אַנדערע ווידער האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ פולשטענדיקע אוטאָפּיע; זיי האָבן באַגריסט דעם פאַקט, וואָס די מלחמה האָט אונדז אַלעמען „אַראָפּגעלאָזן פון די וואָלקנס אויף דער ערד און יעט־ווידן אויף זיין אייגענער ערד". פאַר רוסלאַנד האָט דאָס באַטייט אין נאָמען פון פּאַטריאָטיזם פאַרגעסן אַלץ, אָדער, ריכטיקער, אָפּלייגן צייט־ווייליק אין אַ זייט אַלע אונדזערע חשבונות מיט דער זעלבסטהערשאַפט און מיט יענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן, און אַוועקשטעלן די הויפּט־אויפגאַבע — איינהייט פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן פראָנט פאַר אַ געמיינזאַמען זיג צוזאַמען מיט די אַליאירטע מלוכות, און ערשט נאָכן זיג און אויפן באָדן פון דאָזיקן זיג אַדורכפירן די גרויסע אינערלעכע ענדערונג פון רוסלאַנד. נאַטאַנסאָן האָט געהאַלטן צוזאַמען מיט די לעצטע, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט טאַקע פאַרשפּילט און אויפשטעלן אים צוריק איז נישט רעאַל; אָבער אין קעגנזאַץ צו זיי, האָט זיך אים פאַרגעשטעלט דער זיג פון צאַרישן רוסלאַנד אין זייער טונקעלע פאַרבן...

וואו איז דער אויסוועג? ווי דאָס האָט נישט זעלטן געטראָפן מיט נאַטאַנסאָנען, איז אָנשטאָט אַ דירעקטן קלאָרן ענטפער, פלעגט ער פאַרענדיקן מיט עפּעס פּילדייטיקער נישט דערזאָגטקייט. ער האָט גערופן

צו אַ גאַנץ געוויינטלעכן גאַנג פון קריג און זיין אויסגאַנג, און מיט גרויס זאָרג און פאַרזיכט צופּאַסן דערצו די גאַנצע צוקינפטיקע טאַקטיק. ער אַליין האָט פאָרגעלייגט אַזאַ פּראָגנאָז, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ גאַנץ וואַרשיינלעכער: דער זיג וועט סוף כל סוף גיין פון מערב צו מזרח, מער נישט צוויי העלפט פון וועג וועט די געשיכטע אַדורכמאַכן, אַזוי צו זאָגן, אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג. פון אָנהייב וועט רוסלאַנד באַזיגט ווערן דורכן פאַרבאַנד פון די צענטראַלע מלוכות, אָבער שפּעטער וועט דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע ליידן אַ מפּלה און באַזיגט ווערן דורכן מערב, וואָס וועט צענויפזאַמלען זיינע קרעפטן. אָט די היפּאָטעזע האָט נאַטאַנסאָן איבערגענומען ביי יוזעף פּילסודסקי. ער האָט קענטיק אין דער שווייץ אַ סך איבער איר געטראַכט. גלייכצייטיק מיט אים האָט אויך לענין איבער דעם געטראַכט. צי האָבן זיי יעטווידער באַזונדער דערמיט זיך פאַרנומען, אָדערביידע צוזאַמען? די דאָקומענטן, וואָס זיינען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן שווייגן וועגן דעם. יעדנפאַלס בייביידן האָט די דאָזיקע היפּאָטעזע באַרעכטיקט די שטימונג פאַר אַ מפּלה פון רוסלאַנד (די אַזוי גערופענע „פּאָראַזשענטשעסטוואָ”).

די היפּאָטעזע איז געווען: אויב אין דער צווייטער פאַזע פון קריג וועט דייטשלאַנד סיי ווי אַלץ פאַרלירן, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט אין דער ערשטער פאַזע, — קאָן מען ריזיקירן מיט וואָס פאַר אַ דעפיציט די מלחמה זאָל זיך נישט פאַרענדיקן. מ'קען איר אַוועקגעבן ריזיקע טעריטאָריעס, מ'קאָן זיך פאַרפליכטן איר צו צאָלן די שווערסטע און שענדלעכסטע קאָנטריבוציעס. סיי־ווי נאָכן זיג פון מערב־אייראָפּע איבער די צענטראַל־מלוכות וועט אויטאָמאַטיש פון דעם אַלעם גאָרנישט ווערן. מ'וועט קאָנען דעמאָלט מיט טריאומף דערקלערן: זאָל מען אונדז האָבן געזידלט ווי פאַררעטער פון אונדזער לאַנד, אָבער מיר, און טאַקע בלויז מיר, האָבן געקאָנט מאַכן דאָס, וואָס מ'האָט געהאַלטן פאַר אַן אומזין: מיר האָבן פאַרקירצט די מלחמה פאַר רוסלאַנד. מ'האָט אונדז פאַרמיאוסט פאַר אַלעמען, מ'האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן דאָס דערלויבט די דייטשן צו צעשניידן און צעקאַלעטשען דאָס גרויסע רוסלאַנד. אָבער מיר האָבן געפונען אַ מיטל ווי אַזוי אַלץ צוריק צו באַקומען, אָן איבעריקער בלוט־פאַרגיסונג.

ביידע — סיי לענינען סיי נאַטאַנסאָנען — האָט די רעוואָלוציע פון 1917 געטראָפן אין דער שווייץ. זיי האָבן זיך געריסן קיין רוסלאַנד צו דער רעוואָלוציע, האָבן אומזיסט אָבער זיך באַמיט צו געפינען אַ וועג אַהיים דורך די לענדער פון דער קאָאַליציע. לענין האָט אויסגעקוקט ווי אַ לייב, וואָס רייסט זיך מיט אַלע כוחות זיך אַרויסצובאַקומען פון שטייג;

אויך נאַטאַנסאָן איז געווען געגליכן צו אַ לייב, הגם שוין אויף דער עלטער. אין אַזאַ מצב ווערן געבוירן פּאַטאַלע געדאַנקען. נאַטאַנסאָן לייגט פאָר לענינען אַן אויסערגעוויינלעך געוואַגטן פּלאַן — אַנ׳ אוואַנטוריסטישער וועג, אַ מין „מיטאַרבעטן מיטן שונא״, אָבער ס׳וועט הייסן, אַז נישט מ י ר אַרבעטן מיט אים, נאָר ער מיט א ו נ ד ז; ער, נאַטאַנסאָן, וועט אויסוואַרטן — ער וועט זען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. שווייצאַרישע און שוועדישע פריינד האָבן זיך אויסבאַמיט ביים דייטשישן מיליטערישן גענעראַל־שטאַב אַן ערלויבעניש פאַר לענינען אַדורכצופאָרן די פיינט־לעכע טעריטאָריע (דייטשלאַנד) אין באַרימטן „פּלאָמבירטן וואַגאָן״. אַז דער דייטשישער גענעראַל־שטאַב האָט געהאַט דערביי זיין ספּעציפישע כוונה, — נישט סתם אַן שום ריווח פאַר זיך קומען צו הילף דער רוסי־שער רעוואָלוציע — איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען. אָבער די געוואַגט־קייט איז געבליבן. לענינען האָט מען אויף דעם פינלענדער וואָקזאַל אין פּעטערבורג באַגעגנט מיט טריאומף — זיגער ווערן נישט געמשפּט; מיט דער צווייטער „פּלאָמבירטער״ פּאַרטיע, מיטן זעלביקן וועג קומט אויך נאַטאַנסאָן. ער ווייס נאָך נישט, אַז נאָך דער באַגייסטערטער אויפ־נאַמע וועט קומען אַ כוואַליע פון צאָרן, פּראָטעסט, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט פּלאַקאַטן: „לענין מיט זיין חברה צוריק קיין דייטשלאַנד!״

אַנשטאָט אַ נאַטירלעכער באַגייסטערטער אויפנאַמע פון איינעם פון די וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציע, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אַנדערע באַ־דינגונגען, — איז אָבער אונדזער פּאַרטיי באַדעקט געוואָרן מיט שאַנד פאַר זיין הסכם אויסצונוצן דעם פאַרדעכטיקן צווידייטיקן חסד פון האָהענ־צאָלערנישן גענעראַל־שטאַב. די פּאַרטיי האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ ממש זיך געצוואונגען צו שיקן אַן אָפיציעלן פאַרטרעטער צו באַגעגענען נאַטאַנסאָנען אויפן וואָקזאַל — און איך אַליין האָב געמוזט דערפילן די אַרויפגעצוואונגענע פּאַרטיי־פליכט און געבראַכט דעם דאָזיקן קרבן. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך צוליב אַ גראָבן פּאָליטישן פעלער, וואָס איז געווען דיקטירט דורך דער בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד, פאַרגעסן אַלע פאַר־דינסטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. מ׳קאָן דאָך ביי אים נישט אָוועקנע־מען זיין פּלאַץ אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס ער האָט פאַרנומען מיט כבוד און טריישאַפט 12 יאָר אָן איבעררייס — און נאָך אַזעלכע שווערע יאָרן!

דאַכט זיך, אַז אַלץ איז אַזוי ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אָבער עס דאַכט זיך בלויז אַזוי. נאַטאַנסאָן, דער וועטעראַן פון די לעגענדאַרע צייטן, וואָס ווייס גוט זיין ווערט, — הויבט אָן אין דער לופט צו פילן, אַז אַ סך „גייען אויף אים מאָראַליש מיט באַגנעטן״. צי ער וויל צי נישט, אָבער אין פּאַרטיי־צענטער וועט אים אויסקומען צו שפּילן די ראָלע פון „אַן

אַדוואָקאַט פון טייוול". ס'איז דאָך פאַר אים אוממעגלעך נישט צו פאַר־טיידיקן זיינע שותפים פון „פלאַמבירטן וואַגאָן", מיט וועמען ער איז אַדורכגעפאָרן דאָס לאַנד פונעם שונא. ער קאָן נישט פאָדערן מ'זאָל זיך צו זיי באַציען מיט מער ווייכקייט אין דער דאָזיקער הינזיכט. דערצו שטויסן אים נאָך די לינקע עלעמענטן פון דער פאַרטיי, וועלכע האַלטן, אַז די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן אָן שום רעכט דערויף די פירנדיקע ראָל אין דער ווייטערדיקער פאַרטיפונג (ריכטיקער פאַרשאַרפונג) פון רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס: אַט די ראָל וואָלט לייכטער און מיט מער דערפאָלג געקאָנט אויספירן די פאַרטיי ס. ר. גופא. — אָבער נישט די איצטיקע, נאָר אַזאַ ווי זיי שטעלן זיך פאָר.

דאָ איז נישט דאָס אָרט און נישט די צייט צו באַהאַנדלען אין עצם די פּראָבלעמען וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען אין דער ס.ר.־שער פאַרטיי מיט איר לינקער אָפּשפּליטערונג. גענוג צו באַטאָנען, אַז פאַר נאַטאַנסאָנען, אַ מענטשן גיכער מיט רעכטע נייגונגען, אַ ברייטער „קאָמ־פּראָמיסלער" און קאָאַליציאָניסט, — איז אַזאַ ראָל, וואָס אים איז אויס־געקומען צו שפּילן נישט געווען קיין נאַטירלעכע; זי איז אים געווען אָנגעוואָרפן נישט אַזוי דורך דער לאָגיק און פּאָליטיק, ווי דורך די געהיימנישן פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע.

נאַטאַנסאָנס פּאָזיציע ווערט וואָס ווייטער אַלץ צווייידייטיקער. מיט איין פוס שטייט ער נאָך אין דער פאַרטיי, אין דער לאַגע פון אַן אייביקן אָפּאָזיציאָנער, — מיט דער נשמה אָבער זוכט ער אַן אָנהאַלט־פּונקט ער־געץ נאָענט צו די באָלשעוויקעס, ביי די באָלשעוויקעס גופא, שיער נישט אין זייער עק, אַ נאָכשלעפּער. די לינקע ס.ר., מיט וועמען ער פירט אָן טיילן זיך אויס אין אַ באַזונדערע פאַרטיי, כדי צו האָבן פולשטענדיק פרייע הענט אויף צו שליסן אַ בונד מיט די באָלשעוויקעס. די פּעטראָ־גראַדער שטאָט־דומע ווערט מיט גוואַלט פאַנאַנדערגעלאָזט צוליב איר ס. ר.־שער מערהייט. די פאַרטיי האַלט, אַז דאָס פאַנאַנדערלאָזן איז אומגעזעצלעך און זאָגט זיך אָפּ צו באַטייליקן אין נייע וואַלן. די אָפּ־געשפּליטערטע האַלטן, אַז די מערהייט פון דער פאַרטיי איז אַמאָל געווען זייערע, זיי מעלדן וועגן דעם עפנטלעך און קלויבן זיך צו פאַרנעמען דאָס אָרט, וואָס די פאַרטיי האָט אָוועקגעוואָרפן; זיי פירן דורך אַ גע־העריקע „רייניקונג" פון די נעמען פון די קאַנדידאַטן, באַטייליקן זיך אין די נייע וואַלן צו דער שטאָט־דומע, — און לײַדן אַ מיאוסע מפּלה. נישט געקוקט דערויף שרייען זיי שוין אין פאָראויס, אַז די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס קומען דאַן פאָר, לײַדן דערפון, וואָס די קאַנדידאַטן זיינען צוגעקליבן געוואָרן איינזייטיק, נישט ריכטיק: די קאַנדידאַטן־ליסטעס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן דורך די צענטראַלע

אינסטיטוציעס פון דער פּאַרטיי אָן זיי, דער אָפּאָזיציע. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געקענט אַרויסשטעלן אין דער געהעריקער צייט אין אַ סך ערטער זייערע אייגענע קאַנדידאַטן, באַזונדער פון דער פּאַרטיי. אין אַ סך פּונקטן, וואו זיי זיינען געגאַנגען מיט אייגענע קאַנדידאַטן־ליסטעס קעגן די פּאַרטייאישע, זיינען זיי פולשטענדיק דורכגעפאַלן. פון דעם מאָמענט, ווען די לינקע ס. ר.שע אָפּאָזיציע האָט מען גענומען אויסנוצן כדי צו וואַרפן שמוץ אויפן רעזולטאַט פון די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען באַוואוסט, — איז פאַר אונדז געוואָרן קלאָר — ווער און צוליב וואָס מ׳דאַרף עס האָבן: די באָלשעוויקעס, אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט, וועלן אויפהויבן זייער האַנט אויף די פּרוכטן פון דער פאָלקס־אָפּשטימונג צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, און — אָדער זיי וועלן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג אינגאַנצן נישט צונויפרופן אָדער זיי וועלן זי פאַנאַנדערטרייבן מיט מיליטערישער קראַפט . . .

אַז נאַטאַנסאָן, דער פּרינציפּיעלער נאַראָדניק, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ קעגנער פון יאַקאָביניזם און בלאַנקיזם, זאָל דאָס אַלץ מיטמאַכן — האָט אונדז אויסגעזען נישט נאָר נישט וואַרשיינלעך, נאָר פּשוט אַן אומזין. און דאָך, פון די מעמואַרן, וואָס ס׳האָבן איבערגעלאָזט מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו לענינען, דערוויסן מיר זיך, אַז טאַקע גראָד אין יענע טעג, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך געפילט אַזוי צעפאָרן און פאַרלוירן צוליב דער מפּלה ביי די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און פאַר זיי איז געשטאַנען שאַרף די פראַגע — וואָס טוט מען ווייטער? — טאַקע דעמאָלט איז נאַטאַנסאָן געקומען צו לענינען און דער ע ר ש ט ע ר אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, וואָס די באָלשעוויקעס אַליין האָבן נאָך מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן: ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע גרינדונג־פאַרזאַמלונג וועט מסתמא אויסקומען פאַנאַנדערצולאָזן. אויסגעצייכנט! האָט לענין אויסגעשריען. אָבער וואָס איז מיט אייערע — זיינען זיי מסכים? — דערווייל וואַקלען זיי זיך נאָך, האָט געענטפערט נאַטאַנסאָן, אָבער איך האָף, אַז סוף כל סוף וועלן זיי איינגיין דערויף...

אָט אַזוי איז דאָס געשען.

נאַטאַנסאָן איז געווען אַן עדות ווי מ׳האָט צעיאָגט די גרינדונגספאַרזאַמלונג, און ער אַליין האָט געטריבן דערצו; ער איז שפּעטער געווען אַן עדות פון אַ מין לינק־ס.ר.־שן אויפשטאַנד קעגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור; געווען אַן עדות פון דער בלוטיקער שחיטה איבער די דרייסטע איניציאַטאָרן פון אויפשטאַנד, פון וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגרענעצט און אָפּגעזאָגט; געווען אויך אַן עדות ווי אַזוי זיין

נייע „פּאַרטיי" איז פולשטענדיק צעשטויבט געוואָרן. איינע האָבן שפּע־טער זיך פּאַראייניקט מיט נאָך אַזעלכע ווי זיי, אָפּגעשפּליטערטע פון אַנאַרכיזם און געפירט מיט דינאַמיט אַ פּאַרצווייפלונג־קאַמף קעגן זייערע נעכטיקע פאַרבינדעטע, וואָס זיינען איצט געשטאַנען ביי דער מאַכט. אַנדערע זיינען געוואָרן בעלי־תשובה, חרטה געהאַט אויף זייערע מעשים און געפאַלן אויף די קני פאַר דער דיקטאַטור.

געווען אויך אַ קליין הייפל, וואָס האָט זיך גערופן „נאַראָדניקעס־קאָמוניסטן"; זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי נאַטאַנסאָנען. אָנהייב 1918 איז געוואָרן באַוואוסט, אַז נאַטאַנסאָן איז אויף אַזוי פיל נידערגעשלאָגן פון דער אַלגעמיין־פּאָליטישער לאַגע, אַז ער וויל פאַרלאָזן רוסלאַנד. „אַלץ גייט נישט אַזוי ווי ס'באַדאַרף צו זיין — האָט ער געזאָגט. — מיט לענינען בין איך זיך אינגאַנצן פאַנאַנדערגעגאַנגען. איך בין אויפ־געבראַכט. איך פאָר קיין אויסלאַנד, צי וועל איך דערפאָרן — ווייס איך נישט. מעגלעך, אַז אויף דער גרענעץ גופא וועט מען אַרעסטירן. לענינען גלויב איך מער נישט. און ער ווייס, אַז מיר זיינען מער נישט מיט אים..."

נאַטאַנסאָן האָט געהאַט אַ טעות. די לינק־ס.ר.־שע פאַרטיי איז שוין געווען צעפוילט, דעזאָרגאַניזירט און דעמאָראַליזירט. פאַר אַ צו־זאַמענשטויס מיט איר קאָמפּראָמיסלאָזן טייל האָט לענין שוין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן; ער איז געגאַנגען צו אַזאַ צוזאַמענשטויס מיט פעסטע, זיכערע טריט. בנוגע אַנדערע פון די לינקע ס.ר. האָט ער געהאַט אַן אַנדערן כיטרע אויסגערעכנטן צוגאַנג. אין אויסלאַנד האָט ער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי; פאַרקערט, מ'האָט געקאָנט האָפן, אַז דאָרטן דערוואַרט זיי אַזאַ פיינטלעכע אויפנאַמע, אַז פאַר זיי וועט קיין אַנדער אויסוועג נישט בלייבן ווי נאָר — זוכן שלום מיט די באָלשעוויקעס.

אַ געוויסע צייט האָט נאָך נאַטאַנסאָן געלעבט ביי אַזעלכע אומ־שטענדן; אין דער אויסלענדישער רוסישער עמיגראַציע האָט מען אים גערופן „דער קיניג פון לאָזאַן". דאָרטן טאַקע האָט ער אויך אין יאָר 1919 פאַרענדיקט זיין לעבן אויך אַזוי אומבאַמערקט פאַר קיינעם, ווי ער האָט פריער אומבאַמערקט זיך צוריקגעקערט אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. ער איז ווערט געווען אַ בעסערן סוף צוליב זיין פרעכטיקער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ער האָט אַליין געמאַכט אַ סוף צו זיין אַמאָליקן גלאַנץ און פראַכט, אָפּזאָגנדיק זיך פון דעם אַלעם, וואָס איז געווען די נשמה פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט.

ש. אַנ־סקי־ראַפּאָפּאָרט



ש. אַנ—סקי־ראַפּאָפּאָרט
(1863 — 1920)

אין יאָר 1899 בין איך אַרויסגעפאָרן קיין שווייץ מיט אַ גאַנצער ריי פּלענער, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל — צונויפפירן און דערנענ־טערן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער פויערים־באַוועגונג. צוזאַמען מיט די פויערים פון דאָרף פּאַוולאָדאָר באָריסאָגליעבסקער אויעזד, טאַמבאָווער גובערניע, האָב איך געגרינדעט אַ „ברודערשאַפט פאַר שיצן די רעכט פון פאָלק״. אינעם אָפּצאָס פון מיין שוך איז געווען פאַרנייט דער „אוסטאַוו״ פון דער דאָזיקער „ברו־דערשאַפט״ און איך האָב אים געבראַכט קיין אויסלאַנד.

אין אַזאַ „ברודערשאַפט" האָב איך געזען (און ווי ס'האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן — נישט געהאַט קיין טעות) אַ געלונגענעם טיפ פון אַן עלעמענטאַר „קעמערל", וואָס בילדעט דעם יסוד פאַר אַן אַלרוס־לענדער אָרגאַניזאַציע פון אַ פויערים־פאַרבאַנד; און אין אַזאַ פויערים־פאַרבאַנד — דעם גרונט־מאָטאָר, די הויפט טרייב־קראַפט אויף אָנצו־פירן מיט דער פויערים־באַוועגונג, וואָס דאַרף זיך פונאַנדערוואַקסן אין אַ גראַנדיעזער אַגראַר־רעוואָלוציע. דער הויפט־צוועק פון מיין רייזע קיין אויסלאַנד איז געווען — גרינדן אַ פאַרלאַג אויף אַרויסצוגעבן ליטע־ראַטור פאַרן דאָרף, וואָס זאָל באַגייסטערן און אַלזייטיק באַדינען אָט די גראַנדיעזע אַגראַר־רעוואָלוציע.

איך האָב דערווייל זיך פאַרגעשטעלט דעם פנים פון אַזאַ אָרגאַני־זאַציע נאָך גאַנץ מטושטש; איך האָב גענומען פאַר אַ מוסטער די „אַגראַר־ליגע" אין אירלאַנד, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ליקווידירן דעם ענגלישן לענדלאָרדיזם, דעם גרויס־באַזעץ פון ערד אין אירלאַנד, — מערנישט ביי אונדז האָט מען געדאַרפט פאַרבייטן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט (אירלענדער קעגן ענגלענדער) מיט אַ ריין־סאָציאַלן; איך האָב אין מיין געדאַנק שוין געגעבן אפילו דער אָרגאַ־ניזאַציע אַ נאָמען: „ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע אַ ג ר אַ ר ־ ל י ג ע". איך האָב געהאָפט, אַז די פערספעקטיוו פון צוגעבן צו אַלע קרעפטן, וואָס ווערן מאָביליזירט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, נאָך אויך די פויערים, איז פייאיק, נישט געקוקט אויף אַלע פראַקציאָנעלע מיינונג־פאַרשיידנקייטן, אַרומצוכאַפן אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. איך בין דעריבער געווען פעסט איבערצייגט אין דער צוועקמעסיקייט פון אָט אַזאַ פלאַן, נעמלעך: פון אָנהייב אָן אָוועקשטעלן די גאַנצע זאַך אויף אומפאַרטייאישע אָדער צווישנפאַרטייאישע רעלסן, נישט אַריינמישן קיין שום צווישנפאַרטייאישע פאָלעמיק.

יוגנט איז פול מיט אָפטימיזם. איך האָב געמיינט, אַז אויב ס'וועט געלינגען דורכצופירן אין אַזאַ קאָמפליצירטן און שווערן ענין ווי די אַגראַר־פראַגע דעם פרינציפ פון „אַן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פראָנט", — וואָס קאָן דאַן שטערן צו אויסבילדן אין רוסלאַנד אַ סאָציאַ־ליסטישע פאַרטיי, וואָס זאָל אַלץ און אַלעמען אַרומנעמען? איך האָב שוין לאַנג געהאַט צוגעטראַכט און פאַרטיק געמאַכט אַ פראָגראַם־בראָ־שור, וואָס מיין אָפטימיזם האָט מיר דיקטירט: „אַ דרינגענדיקע פראַגע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג"; אָט די בראָשור איז דערשינען מיט צוויי יאָר שפעטער (1900) אין זשענעוו, אין נאָמען פון דער נייער ליגע. זי איז געווען געשריבן אין אַזאַ איינגעהאַלטענעם, רואיק־רעזאָנירנ־דיקן און פרידלעכן טאָן, אַז ווען איך האָב זי נישט לאַנג איבערגע־

לייענט, האָב איך נישט דערקענט אין איר מיין אַמאָליקן — באַזונדערס אין די יונגע יאָרן — קאַמף־טעמפּעראַמענט אין ליטעראַרישע אַרויס־טרעטונגען.

אין אויסלאַנד איז מיר פון אָנהייב נישט אַזוי גוט געגאַנגען. אין דער שווייץ, וואו איך האָב געהאָפט צו געפינען, לויט דער אַמאָליקער טראַדיציע, דאָס „האַרץ און דעם מאַרך" פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָב איך פאַר מיינע פּלענער געפונען אַ גאַנץ שוואַכן אָפּקלאַנג. דאָ זיינען געווען די אַליינהערשער די סאָציאַל־דעמאָקראַטן־מאַרקסיסטן, מיט זייער דעמאָלטדיקן לאָזונג וועגן „אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן", וואָס איז ווי אַן אונטערוואַסער־פעלז, אָן וועלכן ס'איז אַלע מאָל צעשמעטערט געוואָרן די רוסישע רעוואָלוציע. מיינע פּערספּעקטיוון וואָס איך פלעג אַנטוויקלען, פלעגט מען גאַנץ אָפט באַגעגענען ווי אַן אילוזיע, וואָס איז באַדעקט מיטן שטויב פון דורות. די ערשטע צייט בין איך געווען שטאַרק אַנטוישט. אָבער אַ גרופּע יונגע סטודענטן, מיין פּרויס פריינט, האָבן מיר געגעבן שטאַרקע האָפענונגען: אין פּאַריז וועט מען אפשר אַנדערש זיך באַציען צו מיינע פּלענער. דאָרטן האָבן זיי אַ מערקווירדיקן און זייער אַ סימפּאַטישן מענטשן, — אַליין אַ ייד, אָבער ער פאַרמאָגט אַ נשמה פון אַ רוסישן „נאַראָדניק", אַ תּלמיד פון גליעב אוספּיענסקי, זיין נאָמען איז סעמיאָן אַקימאָוויטש אַנסקי. מען דאַרף נאָר מיט אים פאַרפירן אַ קאָרעספּאָנדענץ. איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב דערויף קיין גרויסע האָפענונגען נישט געלייגט. אָבער אָט קומט מען אָנזאָגן מיר אַ שמחה:

— אַ בריוו פון פּאַריז! סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט זיך אָפּגע־רופן, און נאָך ווי אַזוי! ער קומט תּיכף צופאָרן צו זען זיך מיט אייך און זיך אַדורכריידן וועגן אַלץ. קיין זאַך איז ביז איצט אים אַזוי נישט געווען צום האַרצן, ווי אייער ענין. ער רייסט זיך פּשוט צו זען אייך ווי אַן אייגענעם. ער האָט אַ פּלאַן וועגן דעם — אויף וועמען אין דער עמיגראַציע קענט איר און דאַרפט זיך שטיצן; די עמיגראַציע קען ער בעסער ווי ווער נישט איז. ער ראָט אייך אָבער זייער: ביז וואַנען איר וועט זיך זען מיט אים זאָלט איר זיך אָפּהאַלטן פון וועלכע נישט איז באַשלוסן, וואָס וואָלטן אייך געקאָנט בינדן!

ס'איז לייכט זיך פאַרצושטעלן מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס איך האָב נאָכדעם געוואַרט אויף מיין באַגעגעניש מיט אים...

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט

דער געקומענער איז געווען אַ ברייט פּלייציקער, פעסט געבויטער מאַן מיט האַנט־מוסקולן ווי ביי אַ שוואַרץ־אַרבעטער; אַ ברייטער פּנים, אַ סאָלידער, טיפּיש־יידישער, אַ ביסל אַ הויקערדיקער נאָז, ברע־נענדיקע אויגן, טיף אין שטערן. די באַקן אָבער איינגעפאַלן, צוליבן שטאַרק געבויגענעם קערפּער האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אויך דאָס האַרץ איז איינגעפאַלן. ווען ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן, האָט זיין געזיכט באַקומען עטוואָס אַ טראַגישן אויסדרוק. ס'האָט עפּעס געפעלט אין אַזאַ פּנים; און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אויב מ'זאָל צו דעם פּנים צוגעבן אַ ברייטע גרויע באָרד — וואָס פאַר אַ מאַיעסטעטישער אויסזען פון אַ ביבלישן נביא ס'וואָלט זיך באַקומען!

וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ סעמיאָן אַקימאָוויטש, און דערצו נאָך מיט אַ נישט נאַטירלעכן צוגאָב־נאָמען אַנסקי! ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז זיין געבוירן־נאָמען איז אַ פּשוטער און אַ נאַטירלעכער — סאַלאָמאָן ראַפּאָפּאָרט! אָט דאָס איז גאָר אַנדערש: אַן אמתער רב שלמה וואָלט דאָס געווען! ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז חוץ אַ רב שלמה זיצט נאָך אין אים אַ נישקשהדיקער שטיפערישער שדל...

געוויינלעך ווען לחלוטין פרעמדע מענטשן באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל לויט אַ פריערדיקער באַשטימונג, פילן זיי זיך אַ ביסל געהאַמעוועט, נישט באַקוועם. אָבער ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אַנ־סקין האָב איך לגמרי נישט געהאַט אַזאַ געפיל. ער איז גלייך זיך באַ־גאַנגען מיט מיר ווי אַ פולשטענדיקער אָריגינאַל און אַ לץ... אָדער ווי אַ שטיפערישער יינגל אַן ערך 40 יאָר אַלט! ער איז געווען פונקט מיט 10 יאָר עלטער פון מיר: געבוירן אין 1863, איך — 1873...

באַגריסנדיק זיך מיט אַלטע באַקאַנטע, האָט ער נישט געוואַרט ביז וואַנען מ'וועט מיך אים פאָרשטעלן, און האָט גלייך אַ זאָג געטאָן:

אַנו, לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק־טאָן נענטער אונדזער אַזוי גערימטן מיקולאַ סעליאַנאָוויטש פון דער וואָלגאַ. אַהאַ, יאָ, איך זע — אַ געזונ־טער יונג! אָבער מיר האָבן שוין גרעסערע גבורים אַוועקגעלייגט...

און מיט אַ פריינטלעכער ליבער שטיפערישקייט האָט ער מיט דער גאַנצער קראַפט זיינער גענומען מיר דריקן די האַנט; אַנטרעפנדיק אויך פון מיין זייט אויף אַזאַ האַרבן „שלום־עליכם", האָט ער אַ טאָפּ געטאָן מיינע מוסקולן, פילדייטיק אַ ברום געטאָן „המ"! און פּלוצלונג, מיט אַ דונער־געלעכטער מיך געטאָן אַ נעם־אויף אַוועקצולייגן...

קיין ספּעציעלער גבור בין איך נישט געווען. אָבער אין לעצטן קלאַס פון יוריעווער גימנאַזיע בין איך געווען דער ערשטער צו האַלטן מיט אַן

אויסגעשטערעקטער האָנט אַ שווערע משא, פּלעג רייסן אַנגעצויגענע שטריקלעך און געקאָנט זיך צלמן מיט אַ צוויי־פּודיק געוויכט. צו דער מדרגה פון אַ מאַקסים גאָרקי, למשל, בין איך נאָך געווען גאַנץ ווייט — יענער פּלעגט זיך צלמן מיט אַזאַ געוויכט פינף מאָל נאָכאַנאַנד, און ווען ער איז געווען באַזונדערס אויפגעלייגט — אפילו זיבן מאָל! דאָך, נישט געקוקט אויפן פּלוצימדיקן אָנפאַל, האָב איך זיך מיט אים אַן עצה געגעבן: זיך אַ שאָקל געטאָן, זיך אויסגעבויגן, אָבער איינגעהאַלטן זיך אויף די פיס, אָנגעכאַפּט פון אויבן ביידע זיינע הענט, זיי צענויפגע־נומען ווי מיט אַ פעסטן גאַרטל, אַ ריס־געטאָן האַסטיק און אַוועקגע־לייגט אויף דער דערנעבנדיקער בעט.

ער איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון בעט, זיין גאַנץ אויסזען האָט אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג: — וואָס איז דאָס אַזעלכעס? האַ? אַ געהיימער גאַנג, וואָס? ניין, דאָס גייט נישט! דאָס איז אַ פּראָסטער צופאַל... אַן איבערראַשונג... אַנו, לאָמיר נאָך אַ מאָל... טאַקע ווי געהעריק, מיט אַלע קלִיפּעלעך... אַ רעוואַנש!

מיר האָבן זיך ווייטער געגומען ראַנגלען, אָבער מיטן זעלביקן רע־זולטאַט

— אַהאַ, ווי געפעלט ער אייך? געזען אַזעלכעס? אַזאַ חרפּה פאַר מיר! צוויי מאָל נאָכאַנאַנד! און ער מיינט דאָס וועט אים אַזוי גלאַט אַראָפּגיין? ניין, איך וועל נעמען נקמה. ווי גאָט איז מיר ליב, איך וועל נקמה נעמען! זאָל ער נאָר אַריינפאַלן צו מיר אין די הענט, וועט ער שוין וויסן וואָס דאָס באַטייט: „דער יעגער האָט נישט באַוויזן אויס־צושרייען „אָך!" — ווי דער בער ליגט שוין אויף אים!"

איך האָב געשמייכלט. איינע פון די חברטעס זאָגט צו מיר, הויך לאַכנדיק:

— מיינט נישט, אַז ער רעדט סתם אַזוי; איר זייט מיט אים פאַר־זיכטיק; ער גרייט שוין געוויס פאַר אייך עפּעס אַ שפּיצל: איר ווייסט נאָך נישט אויף וואָס פאַר אַ שטיפערישע שטיק ער איז פייאיק!

ס'איז טאַקע נישט אַוועק אַ וואָך צייט, און איך האָב זיך דער־מאָנט אָן דער דאָזיקער וואָרנונג, אויף וואָס איך האָב פריער ווייניק אַכט געלייגט. איך האָב געוואוינט געגנוג ווייט הינטער דער שטאָט; איינ־מאָל בין איך זיך פאַרזעסן ביז שפּעט ביי נאַכט ביי אַנ־סקין און גע־בליבן נעכטיקן. גאַנץ באַגינען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, נישט פאַר־שטאַנען וואָס מיט מיר איז געשען. עפּעס איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר, די אויגן האָבן זיך צונויפגעקלעפּט, קוים זיי געקאָנט עפענען; דער גאַנצער פּנים געווען באַדעקט מיט עפּעס אַ גליטשיקער ווייכער פלִיי־

סיקייט. קוים דערהערט די טריאומפירנדיקע באַקאַנטע שטים: אַהאַ! אַריינגעפאַלן! נאַ דיר נאָך... נאָך און נאָך... די נקמה איז זיס!...

איך האָב זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, אויפגעשטאַנען, מיט איין האַנט געהאַלטן דעם „נקמה־נעמער", מיט דער צווייטער געטאַפּט מיין פּנים... ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעשמירט מיט אַ שטיק שמאַנט־פּוטער!... ס'איז מיר מערנישט געבליבן ווי זיך צו טוישן מיט די ראָלן: אַרויפגעוואָרפן זיך אויף מיין „נקמה־נעמער", צונויפגעשאַרט וויפל כ'האָב נאָר געקענט די פּוטער פון מיין פּנים און גענומען שמירן דעם פּנים פון מיין „קעגנער"... פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבןביידע געקייכט פון געלעכטער. ווען עמעצער זאָגט מיר מיט אַ טאָג פריער, אַז ביי מיינע 26 יאָר בין איך פייאיק אויף אַזעלכע יינגלשע שטיק — וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט. און נישט בלויז איך אַליין האָב געהאַט אויסצושטיין פון זיינע שטיפערייען, ווען נאָר ס'איז אים אָנגעפאַלן אַ חשק צו מאַכן אַזעלכע שטיק...

בכלל פלעג איך גאַנץ זעלטן ווערן נאָענט מיט אַ מענטשן נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, בין געווען זייער אויסקלייבעריש צו ווערן מיט וועמען אויף „דו". אָבער מיט אַנסקין איז עס געוואָרן עפּעס פון זיך אַליין, איך האָב גאָרנישט באַמערקט ווי אַזוי און ווען דאָס איז געשען. אַזאַ כאַראַקטער האָט ער שוין געהאַט — אַן אָפענעם, אויפריכטיקן, קינדעריש־פּרימיטיוון צוגאַנג צו מענטשן; אַ באַהעמע־מענטש, אַ קינסטלערישע נאַטור, באַוועגלעך, רירעווודיק, עקספּאַנסיוו, פלעגט ער ממש אייך באַצויבערן מיט זיין אָפנהאַרציקייט. ס'פלעגט אָפט טרעפן — ער קומט אַריין, הייבט אָן שיטן מיט ווערטלעך און אַנעקדאָטן, לאַכט אַליין און אַלע מוזן לאַכן מיט אים. פּלוצים ווערט ער גאָר אַן אַנדער מענטש — זיצט שטיל, פאַרטראַכט, ס'ווייעט פון אים אַ מאָדנע האַרציקייט, — פון די טיפע אויגן קוקט אַרויס אַן אומעט, דער אייביקער יידישער אומעט, אפשר אַן אָפּגלאַנץ פון דעם זעלביקן יידישן אומעט, וואָס זיינע אורעלטערן האָבן אויסגעדריקט, „זיצנדיק און וויינענדיק ביי די טייכן פון בבל".

און אין דער אמתן האָט מען גאַנץ גוט געקאָנט זען אויף דעם דאָזיקן נייעם באַקאַנטן אונדזערן, ווי ווייט דער יידישער נאַציאָנאַלער טיפּ איז רייך מיט אינערלעכע סתירות און קאָנטראַסטן, וואָס אויסערלעך גיסן זיי זיך צונויף אין פיל־געשטאַלטיקייט. אומענדלעך טרויעריק און אין דער זעלביקער צייט — אַ באַהאַלטענע לעבנסלוסטיקייט בלישטשעט אין אַלע זייטן מיט פונקען פון שאַרפזין און הומאָר. פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע טיפּן איז ער דער סאַמע קאָנצענטרירטער און אייגנאַרטיקסטער, — אָבער איינצייטיק שיער נישט דער אָממערסטן קאָס־

מאָפּאָליטישער, מיט אַ נשמה אָפּן פאַר אַלעמען; פאַרפּאַנצערט מיט ניכ־טערן רעאַליזם און — טרוימעריש עקזאַלטירט, כמעט פאַנטאַסטיש; קרענקלעך עגאָאיסטיש, אָבער שטאַרק גענייגט צו אויסלאַכן זיך אַליין, מאַכן פון זיך אַן אַנעקדאָט; דוכט זיך, אין יעטווידער מינוט איז ער גרייט אַרויפוואַרפן אויפן רוקן אַ וואַנדער־טאָרבע, נעמען אין האַנט אַ וואַנדער־שטעקן, — אַ גאַנץ לעבן טרוימען וועגן אַ נייעם ציון; פאַר־מאָגט טאַלאַנט צו קלעפּן זיך צו פּרעמדע פּאָטערלענדער ווי צו אַן אייגענעם, און ווייס נישט פון אַ העכערן גליק ווי „שטאַרבן אין ירושלים״...

אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַזאַ קאָמפּלעקס קעגנזאַצן, איז סעמיאָן אַקימאָוויטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן רוס בעת מיר האָבן אַרומגערעדט דעם עכט רוסישן פויערישן ענין, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט צו פּירן. ער האָט זיך שוין באַאומרואיקט — צי בין איך טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן אָט דער זאַך? צי היט איך גענוג די פּערספּעקטיוון אירע פאַר דער צוקונפט? ער איז שוין גרייט געווען צו פאַרטיידיקן דעם ענין קעגן אַלעמען, אַפילו קעגן מיר אַליין אויך. נערוועז האָט ער אַרומשפּאַצירט איבערן צימער, ריידנדיק מער מיט זיך אַליין ווי מיט מיר, — אַרויסזאָגנדיק אָפּגעריסענע געדאַנקען, אָפּטמאָל מיט שטילע הפסקות פון נערוועזן טראַכטן.

— צי גיסטו זיך אָפּ אַ רעכענונג, דו, מענטש פון דער וואָלגאַ, וואָס עס באַטייט פאַר אונדז, אַלטע עמיגראַנטן, דיין קומען אַהער?...

— אָ, ווען מיר זאָלן נאָר וויסן, אַז אייערע אָבסערוואַציעס נאַרן אייך נישט! אויב אין רוסלאַנד וואַקסט זיך טאַקע באמת פונאַנדער אַ מאַסן־באַוועגונג פון פויערים, אויב אויף דער טאָג־אָרדענונג שטעלט זיך טאַקע אַוועק די אַגראַר־רעוואָלוציע, — איז דאָך אונדזער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט באַרעכטיקט, דאָס גאַנצע „גיין אין פאָלק אַריין״: מיר זיינען מערנישט פאַרלאָפן צו פרי פאָראויס, צוגעאיילט אויף אַ צענטליק אָדער צוויי צענטליק יאָר דאָס, וואָס די געשיכטע האָט שוין פון פאַר־אויס געהאָט באַשטימט! דעמאָלט וועט דאָך צעשטרייט ווערן ווי אַ פרימאָרגן־נעפּל די קאַפּריזנע אַנטוישונג אין פויער, ס'וועט אויפהערן די העצע קעגן פויער, וואָס הויבט זיך אָן איצט פון דאָס ניי, איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון מאַרקסיזם.

— ...דאָס, וואָס איר האָט געבראַכט קיין אויסלאַנד — איז פאַר אונדז, פאַר דער עמיגראַציע פון די נאַראָדניקעס און נאַראָדאָוואָלצעס, אַ באַרעכטיקונג אין אַ גוטער צוזאָג פאַר דער צוקונפט.

—...צו אַזאַ אומגעהויער גרויסער זאַך דאַרף מען גיין נישט מיט די שמאָלע שטעגעלעך פון קליינע קרייזלעך. דאָ דאַרף מען האָבן

אַ ברייטן פּאַרנעם, גיין מיט אַ ברייטן שליאַך. דער מאַרשרוט דאָס איז דאָך אַ גאַנצע עפּאָפּייע! דאָס באַטייט דאָך אויפֿלעבן פונדאַסניי, אויף נייע יסודות, און נישט אַנדערש ווי האַנט ביי האַנט צוזאַמען מיטן וועלט־סאָציאַליזם, — דאָס אַלץ, וואָס איז געווען אומשטערבלעך, אַנ־ הייבנדיק פון די ערשטע אויסגאַנג־פּונקטן פון אונדזער באַוועגונג, — די גאַנצע נאַראָדניטשעסטוואָ, וואָס ווערט איצט אַזוי אויסגעלאַכט און פאַרשאָטן מיט ליגנס. זי וועט דאַרפן צוריקשטעלן אין זייער גאַנצער גלאַנץ און פּראַכט די הייליקע נעמען פון הערצען, טשערנישעווסקי, דאָ־ בראָליובאָוו, לאַווראָוו, מיכאַילאָווסקי, דורך תלמידים זייערע, וואָס פאַר־ ווירקלעכן זייערע אידייען — וואָס זייערע נעמען זיינען נאָך פאַרדעקט מיטן נעפּל פון דער צוקונפט...

— ....ניין, אָנפאַרטרויען אינגאַנצן אַזאַ זאַך עפּעס אַ קליינער גרופּע פון די עקזיסטירנדיקע עמיגראַנטישע אָרגאַניזאַציעס וואָלט געווען אַ פעלער. ס'איז אַ גליק וואָס דורך עפּעס אַן אינסטינקט זייט איר גע־ קומען צום געדאַנק וועגן גרינדן אַ ספּעציעלע „ליגע". כמעט אַלע אונ־ דזערע היגע אָרגאַניזאַציעס — דאָס זיינען בלויז סקעלעטן פון אָרגאַ־ ניזאַציעס. קיין שום פאַרבינדונג עקזיסטירט נישט צווישן זיי, אַלטע חשבונות און רייסעניש צעטיילן זיי. אויסטיילן איינע פון זיי, אַפילו אָן אַ ספּעציעלער כוונה, אָפּגעבן איר אַ ביסל מער כבוד ווי אַן אַנדערער — וואָלט באַטייט אויפשטעלן מיט אַ מאָל קעגן זיך אַלע איבעריקע. די פּויערים־פראַגע דאַרף מען אַוועקשטעלן באַזונדער, ווי אַ נייטראַלע, וואָס לויט איר נאַטור גופא פאַראייניקט זי אַלעמען. ווענדן זיך איינ־ צייטיק צו אַלעמען. אפשר וועלן נישט אַלע זיך אָפּרופן, לאָמיר זאָגן די מאַרקסיסטן; זייט איר גערעכט — לאָמיר נישט פּסקענען פאַר־ אויס, אַז מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי אויך. אָבער רופן לאָמיר אַלעמען.

— ...מען האָט מיר געשריבן, אַז איר האָט איינגעשטעלט עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט אַ גרופּע „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" אין בערן. איר וועט אייער ענין דערמיט גאָרנישט העלפן. נישט בלויז די דאָזיקע גרופּע, נאָר אַ סך אַ גרעסערע און מיט מער אויטאָריטעט ווי די פּאַ־ ריזער גרופּע איז, וואָס אין איר שפּיץ שטייט אַזאַ מענטש ווי אונדזער אַלעמענס לערער פּיאָטר לאַווראָוויטש לאַווראָוו — וועט אויך נישט זיין בכוח וואָס אויפצוטאָן אין אַזאַ ענין. דאָס זעלביקע איז מיט דער לאָנדאָנער גרופּע, הגם זי איז פול מיט אַזעלכע וועטעראַנען פון דער נאַראָדניטשעסטווע ווי טשאַיקאָווסקי, וואָלכאָווסקאַי, שישקאָ, לאַזאַרעוו א"אַנד. אַלע וועלן זיי מיט האַרץ און נשמה זיין אונדזערע, אָבער איבער־ געבן זיי די גאַנצע זאַך, וואָלט באַטייט גלייך פון אָנהייב זי פאַרשמע־ לערן, אַוועקפירן זי מיט אַ ע'מאָל שטעגעלע, און נישט מיטן ברייטן

שליאַך. און געוויס דאַרף מען נישט אָנקלעפּן אויף איר אַן עטיקעטע פון זשיטלאָווסקיס גרופּע אין בערן: זי איז די שוואַכסטע פון אַלע און אייניקע פון אירע פאַרשטייער — באַזונדערס אין פּאַריז — פּאַרמאָגן נישט קיין שום אויטאָריטעט... אָנהייבן פון איר — הייסט נאָר פּאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּ פון דער זאַך... מיט איין וואָרט — אָט איז מיין פאָרשלאַג: די אַרבעט צווישן די פּויערים דאַרף מען אָוועקשטעלן ווי אַן אַ ל ג ע־מ י י נ ע ז אַ ך, לויט איר עצם נאַך. דער פאַרנעם דאַרף זיין אַ ברייטער. אין פּאַריז וועט איר אַליין מוזן צופּאַרן; דאָרטן קריגן די הסכמה און די ברכה פון פּיאָטר לאַווראָוו, וואָס איז פון אַלעמען אַנער־קענט ווי דער פּאַטריאַרך פון אונדזער גאַנצער עמיגראַציע. איך וועל זיך באַמיען צוגרייטן די געהעריקע אַטמאָספער פאַר אייער קומען. גלייכ־צייטיק וועלן מיר זיך צונויפרעדן מיט די לאָנדאָנער. אויב איר וועט דערלויבן, וואָלט איך גענומען אויף זיך אָוועקצושטעלן ווי געהעריק די באַציאונגען מיט דער בערנער גרופּע פון זשיטלאָווסקין, מיט וועלכער איר האָט שוין אָנגעהויבן צו אונטערהאַנדלען. זייט איר מסכים?

די אַגראַר־סאָציאַליסטישע ליגע. — טויט פון פּעטר לאַווראָוו

דער פּלאַן פון נייעם באַקאַנטן איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. באַגייסטערט מיט מיין הסכמה, איז סעמיאָן אַקימאָוויטש פאַרשוואונדן געוואָרן אויף עטלעכע טעג. ער האָט שנעל באַפרידיקט זשיטלאָווסקין און זיינע חברים, זייענדיק מסכים, אַז זיין גרופּע זאָל זיך באַגנוגענען מיט פאַרעפנטלעכן אין אירע אויסגאַבעס דעם סטאַטוט פון דער ערש־טער פּויערים־„ברודערשאַפט" און אַן אַלגעמיינע סימפּאַטיע־דעקלאַראַ־ציע פאַר אונדזער זאַך; סעמיאָן אַקימאָוויטש פון זיין זייט איז פּערזענ־לעך אַריינגעטראָטן אין זייער „פאַרבאַנד". דערפאַר וועט די אָרגאַניזאַ־ציע פון דער פּויערישער ליטעראַטור און פון דעם גאַנצן ענין וועגן דער פּויערים־באַוועגונג אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ מער ברייטער באַזע, מיט אַ פּלאַן, אַז צו דער זאַך זאָל צוגעצויגן ווערן די גאַנצע ערנסטע עמיגראַציע, אַריינגערעכנט אויך דעם קרייז פון בערן.

סעמיאָן אַקימאָוויטש איז געווען שטאָלץ מיטן דערפאָלג פון זיין דיפּלאָמאַטיע ביים אויסאַרבעטן דעם דאָזיקן קאָמפּראָמיס; ער האָט מיר דערביי איינגערוימט אַ סוד, אַז זשיטלאָווסקין איז אָנגעקומען זייער שווער צו באַקומען דעם הסכם פון אייניקע זיינע חברים פון „פאַרבאַנד", וואָס האָבן געהאַט חשק אַריינגעמען אין זייער מאָנאָפּאָל דעם גאַנצן נייעם

עניק. דערפֿאַר איז ער געווען זייער צופֿרידן דערמיט, וואָס זשיטלאָווסקי אַליין האָט נאָכגעגעבן.

— און איצטער, איידער מיר קומען קיין פּאַריז לאָמיר אויפֿטאָן נאָך אַ זאַך דאָ, אין דער שווייץ גופֿא. ביי דער זשעניעווער אָזיערע, אין באָזשי ביי קלאַראַן וואוינט יעגאָר לאַזאַרעוו, אַן אַלטער נאַראָדניק פֿון „פּראָצעס 193״, אַן אמתער פֿויער פֿון די געוועזענע לייב־אייגענע. ביי אים אין שטוב איז אַן אמתע אכסניא פֿאַר אונדזער עולם: איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ביי אים זיינען איצט צוגאַסט ד. א. קלעמענץ, וועגן וועמען עס דערציילט סטעפּאַניאַק אין זיין „אונטערערדישן רוסלאַנד״, — אויך נאָך וואַסילי וואָראָנצאָוו, באַקאַנט מיט זיין באַרימט בוך „דער גורל פֿון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד״, וואָס איז אַרויס אונטער דעם פּסעוודאָנים „וו. וו.״ לאָמיר אויך זיי אַריינגעמען: דורך לאַזאַרעוון וועלן מיר אָנשליסן צו אונדז אַלע לאָנדאָנער אַלטע נאַראָדניקעס. קלעמענץ און „וו. וו.״ וועלן אין אַ וואָכער חודש אַרום זיך צוריקקערן קיין פּעטערבורג, זיי וועלן געבן צו וויסן אונדזער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער חברה אין גאַנץ רוסלאַנד וועגן דער גרויסער אַרבעט, וואָס מיר הויבן דאָ אָן צו טאָן. אָט פֿון וואַנען מיר דאַרפֿן דערוואַרטן אַן אָפּקלאַנג! לאָמיר פֿאָרן צו לאַזאַרעוון — שמיד דאָס אייזן כּל זמן ס'איז הייס!

איך האָב שפּעטער געלאַכט, וואָס סעמיאָן אַקימאָוויטש איז אָנגעפלויגן אויף מיר פּונקט ווי אַ שטורעם־ווינט פֿון סטעפּ, אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעטראָגן, צוזאָגנדיק גרויסע נצחונות. אָבער שוין די ערשטע צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַלץ גייט אַזוי ווי געשמירט. נישט איינמאָל, וואו מיר האָבן געוואַרט אויפֿן הייסעסטן אָפּקלאַנג, האָבן מיר חוץ פּראַזן־דרעשעריי, פֿאַרפּלאָנטערטע פּלוידערייען און שפּאַרעכישן אין עכט־רוסישן סטיל — מער גאָרנישט געפֿונען. באַזונדערס אַנטוישט איז ער געווען נאָך דער באַגעגעניש מיט „וו. וו.״: אויף זיין פּראַקטישן שכל האָט ער זיך זייער פֿאַרלאָזט און האָט געלייגט אַ סך האָפֿענונגען, אַז ער וועט גוט אַוועקשטעלן אונדזער אַרבעט אין רוסלאַנד גופֿא. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „וו. וו.״ איז אַ טיפּישער אַלטפֿרענקישער דאָקטרינער פֿון אַפּאָליטישן אַנאַרכיסטישן שניט. ער האָט אין אייראָפּע גאָרנישט דערוואַרט פֿון דער באַוועגונג פֿון אינדוסטריעלן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, פֿאָראויסזאָגנדיק, אַז די באַוועגונג וועט בלייבן שטעקן אין זומפּ פֿון ריינעם טרייד־יוניאָניזם און עכטן קליינבירגערלעכן אָפּאָרטוניזם; ער פֿערזענלעך האָט יאָ דערוואַרט, אַז פֿייערלעך פֿון רעוואָלוציאָנערע אויפֿברויזן וועלן זיך אָנצינדן אין אַזעלכע אַגראַר־לענדער ווי דרום־איטאַליע, אונגאַרן און באַלקאַנען. וועגן די שאַנסן פֿון אַ רעוואָלו־

ציאָנערער אויפפרודערונג ביי די רוסישע פויערים האָט ער אַן אָנגעכמורעטער געשוויגן און נישט צוגעזאָגט קיין שום ממשותדיקע הילף. סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און האָט מיך געמונטערט מיט גוטע פּערספּעקטיוון אין פּאַריז. ער איז אַליין אַוועקגעפאָרן אַהין און אינגיכן אַרויסגערופן אויך מיך צו הילף. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, ממשותדיקעס. בלויז פּיאָטר לאַווראָוו האָט אים שטאַרק געטרייסט מיט זיין אויסדריקלעכער סימפּאַטיע צו דער זאַך און מיט זיין פעסטן גלויבן, אַז דאָס רוסישע דאָרף וועט נאָך וויזן וואָס עס קען. ער האָט צוגעזאָגט אָנצושרייבן אַן אַרטיקל ווי אַן אַריינפיר צום גאַנצן ענין, האָט אָבער אָפּגעלייגט דאָס צו טאָן ביז וואַנען ער וועט פריער נישט אויסהערן מיין מיינונג וועגן די רעזולטאַטן און פּערספּעקטיוון פון אונדזער טאַמבאָוו־וואָראָניעזש־סאַראַטאָווער פּראַקטיק און אונדזערע פּרואוון צו לאָזן טיפע וואָרצלען אין דאָרף. סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט מיך געאיילט איך זאָל קומען וואָס גיכער קיין פּאַריז; ער אַליין האָט דאָרטן זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן יענע אַלע, וואָס האָבן גאַנץ ווייניק געגלויבט אין אונדזער זאַך, — געוועזן פול מיט יאוש נאָכן דורכפאַל פונעם „גיין אין פאָלק" אין די 70־ער יאָרן. איך האָב געטאָן וואָס נאָר איך בין געווען בכוח, אָבער דער מזל האָט אונדז נישט צוגעשפּילט.

ס'איז נישט אַוועק אַ חודש ווי איך באַקום פון סעמיאָן אַקימאָוויטשן אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט: לאַווראָוו איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, ער פאָדערט דרינגנד, אַז נישט בלויז ער, סעמיאָן אַקימאָוויטש, נאָר אויך איך זאָלן זיך מיט אים פאַרנעמען, אַרומגיין אַרום אים בעת דער קראַנקייט. ביי זיין מאַסיווער הויכער פיגור איז לאַווראָוו געווען זייער שווער און חוץ אונדז ביידן איז קיינער נישט געווען בכוח אים אַראָפּנעמען פון בעט, אַוועקזעצן אויפן שטול אדג"ל. נישט לאַנג אָבער איז מיר אויסגעקומען אַרומצוגיין אַרום קראַנקן. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך שנעל פאַרערגערט. ער האָט קוים באַוויזן צו מאַכן זיין צוואה און איבערגעבן געוויסע פראַנצויזישע בירגער די גרויסע צאָל מאַנוסקריפּטן, דעם רייכן אַרכיוו זיינעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט גרויסע פּערזענלעכקייטן פון זיין עפּאָכע פאַר דער צייט פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, — זיין זעלטענע ביבליאָטעק. מען האָט געדאַרפט דאָס אַלץ פאַרהיטן, ווייל דער צאַרישער קאָנסולאַט אין פאַריז האָט שוין געשאַרפט זיינע ציינער אויף אַזאַ פאַרמעגן פון „רוסישן אונטערטאַן". לאַווראָוו איז צוליב דעם געווען שטאַרק אומרואיק. דעם 6־טן פעברואַר 1900 איז דער דאָזיקער מערקווירדיקער געלערטער און דענקער אויסגעגאַנגען אויף מיינע און אַן־סקיס הענט. דער מאַנוס־

קריפּט פון אַריינפיר־אַרטיקל וועגן אונדזער צוקינפטיקער אָרגאַניזאַציע איז געבליבן קוים אָנגעהויבן...

לאַווראָווס טויט איז פאַר אונדז געווען אַן אומגעהויערער קלאַפּ; אָבער ווי דאָס טרעפט אָפטמאָל האָט די גרויס פונעם אומגליק געצוואונגען סיי אונדז ביידן, סיי אונדזערע פריינד מער אָנצוגורטן אונדזערע לענדן. אַוועקגייענדיק אויף „יענער וועלט" האָט לאַווראָוו אונדז צוגעדינט מיט זיין לעצטער דינסט. צו זיין לוויה אין פּאַריז איז זיך צונויפגעפאָרן די גאַנצע עליטע פון דער דעמאָלטדיקער עמיגראַציע, וואָס האָט שוין גוט געוואוסט זיין באַגייסטערטע באַציאונג צו אונדזער אונטערנעמונג. דער טרויער נאָך לאַווראָוון איז געוואָרן דער טויף־פאָטער פון אונדזער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע"; דער פּאָליטישער אויספירער פון זיין צוואה בנוגע אונדז איז געווען — סעמיאָן אַקימאָוויטש...

די זאַך איז אַוועק אַזוי, פּונקט ווי לאַווראָוו אַליין וואָלט געשטאַנען בראָש און אָנגעפירט מיט איר, ווי דער פּאָעט זאָגט

„און די אומשטערבלעכע טויטע באַוועגן די לעבעדיקע"...

סוף 1901 איז אַרויס די ערשטע דעקלאַראַציע פון דער ליגע. איך מחבר בין איך געווען; דער נאָמען: „די דרינגנדיקע פראַגע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג". צום אָנהייב קומענדיקן יאָר זיינען אַרויס די ערשטע צוויי און אַ האַלב טויזנט עקזעמפּליאַרן פון אַ בראָשור, וואָס די „ליגע" האָט אַרויסגעגעבן. דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו די פּויערים. דער באַריכט פון דער ליגע פאַרן יאָר 1902, נאָך איר צוזאַמענגיסן זיך מיט דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, האָט שוין געוויזן 317 טויזנט עקזעמפּליאַרן פאַרשיידענע בראָשורן אין דער צאָל פון העכער אַ מ י ל י אָ ן דרוקבויגן! אָט דער „ערשטער מיליאָן" אונדזערער איז געפייערט געוואָרן דורך סעמיאָן אַקימאָוויטש אַנ־סקי ווי זיינער אַ פּערזענלעכער יום־טוב.

אַנ־סקי — אַ לערער און אַ קוילנגרעבער

אָריגינעל איז געווען די פיגור פון סעמיאָן אַקימאָוויטש אַנ־סקי, אָריגינעל איז אויך געווען זיין פּערזענלעכער גורל.

נאָך גאָר אַ יונגער בחורל, אויפן שוועל פון די 70־ער יאָרן, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „השכלה"־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין נעגירן אַלע אַלטע יידישע טראַדיציעס, דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, אָנהייבנדיק מיט דער משפחה און ענדיקנדיק מיטן בית מדרש. דאָס איז געווען אַ מין פאַרשפּעטיקטער פראַנצויזישער וואָלטע־

ריאַניזם, מיט אַ געמיש פון אַרטיקן רוסישן ניהיליזם. די ראָל, וואָס אין רוסלאַנד פון די 60־ער יאָרן האָבן געשפּילט די סעמינאַריסטן, האָבן אויף דער יידישער גאַס אויסגעפירט די ישיבה־בחורים. אָפּגעריסן צוליב די טראַדיציאָנעלע יידישע לימודים פון דער רוסישער שפּראַך, ליטעראַ־טור און וויסנשאַפט, — האָבן זיי זיך געריסן דערצו ווי צו אַ פאַר־באָטן פרוכט, דאָס רוב געהיים פון די עלטערן. זיי האָבן געלערנט די רוסישע שפּראַך אָן אַ סיסטעם, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, פּשוט חזרנדיק גאַנצע זאַצן פון דער ליטעראַטור אויף אויסנווייניק, שלעכט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט אָדער אים פאַרקריפּלט, גערעדט אַזוי, אַז אמתע רוסן האָבן מיט גרויס שוועריקייט זיי געקאָנט פאַרשטיין. זיי פלעגן אויף אַזאַ אופן לייענען פּושקינען, לערנען פּיסאַרעוון, דיסקוטירן וועגן דעם אין דער לענג און אין דער ברייט, — ווערן מיטגעריסן מיט די נאַאיוו־ראַדיקאַלע ראָמאַנען פון שעלער־מיכאַילאָוו, געפירט היציקע וויכוחים — וועגן שטייט העכער: ער צי דאָסטאָיעווסקי. דאָס וואָס זיי האָבן פאַר־שטאַנען — האָבן זיי געשטרעבט גלייך אַריינפירן אין לעבן, געריסן די משפחה־פעדים, וואָס האָבן זיי פאַרבונדן מיט דער „אַלטער וועלט" און גענומען בויען דאָס לעבן אויף אַ נייעם שטייגער...

— מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געלעבט אין אַ קאָמונע, פלעגט מיט אַ שמייכל דערציילן סעמיאָן אַקימאָוויטש — וואָס האָט געהייסן: מיר האָבן אַלע גלייך געהונגערט; קיין שטענדיקע געלט־מיטלען האָט קיינער פון אונדז נישט פאַרמאָגט. פון צייט צו צייט פלעגט ווער באַ־קומען אַ לעקציע פאַר גראָשנס, אַ צופעליקן פאַרדינסט; אַ פאַר רובל פלעגט אַריינפאַלן פון דער גימנאַזיסטן־קאַסע. מיר האָבן אין משך פון לאַנגע חדשים זיך געשפּייזט בלויז מיט ברויט און טיי, אַמאָל איז דאָס אויך נישט געווען. צו אונדזער אָרעמקייט האָבן מיר זיך באַצויגן נישט בלויז מיט פילאָזאָפישן ביטול, נאָר מיט שטאָלצן ענטוזיאַזם...

דאָס אַלץ איז געווען אין גייסט פון יענער צייט. סעמיאָן אַקימאָ־וויטש האָט מיר איבערגעגעבן וואָס ס'האָט אים פערזענלעך דערציילט דער באַוואוסטער מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליא" לעוו האַרטמאַן וועגן דער צייט פון זיין יוגנט:

„געווען טעג, ווען מיר אַלע זעקס, וואָס האָבן געוואוינט אין איין דירה, האָבן פאַרמאָגט בלויז צוויי פּאָר שיך. 4 זיינען געבליבן זיצן אין שטוב, וואַרטנדיק אויף די פּאָר שיך פון חבר, וואָס דאַרף צוריק־קומען פון שטאָט; די צוויי פּאָר שיך האָט געפּאַסט פאַר אַלע זעקס... מ'איז געשלאָפן אויפן דיל, דעם מלבוש צוקאָפּנס, אויף צייטונגען אַנ־שטאָט אַ מאַטראַץ, געגעסן שוואַרץ ברויט מיט וואורשט, פאַרטרונקען מיט טיי". דער פירער פון דער קאָמונע האָט אַלעמען אויסגעגליכן, אומאָפּ־

הענגיק פון די פּערזענלעכע מיטלען, וואָס ווער האָט געהאַט. „טשער־ נישעווסקיס העלד (פון „טשטאָ דיעלאַט״?) ראַכמעטאָוו איז געווען פאַר אים אַ מוסטער, אים דאַרפן נאָכפאָלגן — האָט ער געזאָגט — אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן־רעוואָלוציאָנערן״.

כדי מיר פולקום צו איבערצייגן האָט נאָך סעמיאָן אַקימאָוויטש ציטירט פאַר מיר די זכרונות פון פּאַנאַיעוון, ווי אַזוי נעקראַסאָוו האָט געלעבט אין איין צימערל מיטן קינסטלער דאַנענבערג: די זון איז געווען זייער זייגער, זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט אַ ביסל באָרשטש, געהאַט בלויז איין־ איינציקע פאָר שיך, איין אויבערמאַנטל פאַר ביידן, אַזוי אַז זיי פלעגן אַרויס אין גאַס לויט דער ריי נאָך!... ער אַליין, סעמיאָן אַקימאָוויטש, האָט זיך נישט געניטיקט אין ספּעציעלע „פּרינציפּן״ צו באַרעכטיקן אַזאַ אַרט לעבן ס׳האָט געהייסן גאַנץ פּשוט — ער איז געווען אָרעם און האָט מער גאָרנישט געהאַט...

אַנ־סקי האָט געפּרואווט מזל צו זיין אַ לערער. שילער האָט ער געזוכט צווישן די טיפּישע קליינבירגערלעכע עלעמענטן פון אַ קליין יידיש שטעטל. ס׳האָט אים אָבער געשטערט זיין אפּיקורסות, זיין גוישער אויסזען, ראַזירטע באָרד, — דאָס האָט אָפּגעשטויסן פון אים די פרום־ אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן, ד״ה כמעט, אויב נישט אַלע, יידישע איינ־ וואוינער פונעם שטעטל. אין איין אָרט האָט אויף די יידן אָנגעוואָרפן אַ מורא זיין רוסישע כרעסטאָמאַטיע — מ׳האָט דאָס אָנגערופן „כריסטאָ־ מאַטיע״ און אַסאָציאירט מיט כריסטוסן... מ׳האָט אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַ מיסיאָנער, אַז ער וויל דערפירן די תלמידים זיינע צו שמד אדג״ל. אַ באַזונדערע סכנה האָט אים געדראָט ווען אַ יונגערמאַן פון די שטעטלשע „פריידענקער״ האָט ביי אים גענומען צום לייענען ליליענבלומס „חטאות נעורים״, וואָס איז דעמאָלט געווען די ביבל פון דער פריידענקערישער יוגנט. דער אָרטיקער רב, דערוויסנדיק זיך דער־ פון, האָט זיך שוין גענומען גרייטן אויסצורופן אַ חרם אויף אים. צום גליק איז דער „חטאות נעורים״ געווען איינגעבונדן אין איינעם מיט גאָרדאָנס „צוויי טעג און איין נאַכט״, וואָס זיין אינהאַלט איז לחלוטין אַן אומשולדיקער אין פאַרגלייך מיט ליליענבלומס אַפּיקורסישן פּאַמ־ פלעט, און די זוכער פון אַפּיקורסות האָבן זיך נישט געקאָנט גוט אָריענ־ טירן, ווען דער אייגנטימער האָט פון איינבונד אַרויסגעריסן דעם „חטאות נעורים״ און געוויזן מער נישט גאָרדאָנס ספר, פאָדערנדיק שטרענג פון די מוסרים זיי זאָלן אָנווייזן דאָ יענע טריפענע ערטער, וועגן וואָס זיי האָבן אַזוי געוואַלדעוועט. די מוסרים זיינען אַוועק מיט חרפּה. מ׳האָט אויך געפונען זייטלעך פון אַנ־סקיס טאָגבוך, וואו ער זאָגט אַרויס זיינע געדאַנקען וועגן די פּאָגראָמען פון אָנהייב 80־ער יאָרן. מ׳האָט

אין שטעטל געשמועסט, אַז די פּאָגראָמען — דאָס איז אַ שטראָף פון הימל פאַר די שלעכטע מעשים פון אַזעלכע יידן ווי סעמיאָן אַקימאָוויטש...

אָט אין אַזאַ אַטמאָספער האָט געאָטעמט דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געריסן צו בילדונג און פּראָגרעס. נישט קיין וואונדער וואָס ער האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן: אַ נייע כוואַליע האָט אים מיטגעריסן — „דאָס גיין אין דאָרף אַריין צום פאָלק!” זיינע האָפענונגען און דער־וואַרטונגען האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון דער יידישער גאַס אויף די ברייטע פליינען פון אַלגעמיין־רוסישן לעבן. דאָס גרויע וואָכעדיק לעבן פון יידישן קליינשטעטל האָט ער פאַרביטן אויף דער געהיימניספולער האַלב־פינצטערניש אין די זאַלץ־און קוילן־גרובן... איך מוז מודה זיין, אַז מיט אָ דעם לעצטן שטריך פון זיין יוגנט־ביאָגראַפיע האָט ער מיך פשוט איבערראַשט...

— גוט, האָב איך צו אים גערעדט — אייך האָט געצויגן „צום פאָלק”, אָבער „פאָלק” האָט דאָך אין יענע יאָרן באַטייט קודם כל — דאָס ד אָ ר ף. דאָס „פאָלק” זיצט דאָך א ו י ף דער ערד; פון וואַנען האָט זיך ביי אייך גענומען אַזאַ ווילדער געדאַנק — זיך באַגראָבן א ו נ ט ע ר דער ערד?

דער ענטפער זיינער איז געווען פשוט: אַלע פאַרשיידענע מיטלען און וועגן צו פאַרמאַסקירן די פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף, וואָס זיינען באַ־נוצט געוואָרן אין די 70־80קער יאָרן, זיינען שוין גוט געווען באַקאַנט די שפּיאָנען און זשאַנדאַרמען פון דער פּאָליטישער פּאָליציי; זוכן און כאַפּן רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער אַ מאַסקע פון אַ דאָרפישן לערער, אַ פעלדשער, אַ קאַנצעליאַריע־שרייבער אין אַ וואָ־לאָסט אד"גל — איז שוין געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע זאַך. מ'האָט גע־דאַרפט צוטראַכטן עפּעס נייע וועגן! און אַזאַ שפּיצל איז אים טאַקע געלונגען: פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געאַרבעט אין די גרובן האָט קיין איין בייז אויג אים נישט באַמערקט, ער איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן דער כמורנער מאַסע אונטערערדישע מענטשן. דער גאַנצער כאַראַקטער פון אַזאַ אַרבעט האָט נישט דערלאָזט קיין שום געדאַנק וועגן עפּעס פאַלשקייט, פאַרמאַסקירן זיך, איבערקליידן זיך. אין דער צייט פון זיין וואוינען אין שטעטל האָט ראַפּאָפּאָרט, אַ ייד צווישן יידן, אַלעמען געשטאָכן די אויגן, געווען דער צענטער פון אַלע־מענס נייגיר און חשדים; דאָ איז געווען פאַרקערט. צווישן די קוילן־גרעבער האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. אַפילו זיין נאָמען האָט ער פאַרלוירן און זיך גאַרנישט גענויטיקט אין אַ פאַלשן פּאַס. די גרובן־אַרבעטער זיינען שוין צוגעוואוינט, אַז צו זיי קומען אַריין אַלע אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געפונען קיין „וועג אין לעבן”. פאַקטיש

קומט דאָ פֿאַר אַן אַלגעמיינע ניוועלירונג, אַן אויסגלייכונג, אויף גאָר אַ נידעריקער מדרגה. נידעריקער ווי אַ גרובן־אַרבעטער איז אין די אויגן פֿון אַ געוויינלעכן בירגער געשטאַנען בלויז דער בראָדיאַגע, דער לומפּ, דער שוואַרץ־אַרבעטער ביי די פּאָרטן. די סביבה האָט אַלעמען אויסגע־גליכן ביז די נעמען זייערע אַפֿילו. אונדזער סאָלאָמאָן ראַפּאָפּאָרט איז דאָ געוואָרן טראַנספֿאָרמירט אין אַ סעמיאָן אַקימאָוויטש. אָט ביי דעם דאָזיקן „רוסיפֿיצירטן" נאָמען האָט ער זיך געהאַלטן, דאָס איז ביי אים געווען אַ רירנדיקע דעראינערונג וועגן זיין לעבן אין די גרובן. ער האָט ליב באַקומען די גרובן־אַרבעטער. געווען אין זייער לעבן אַ סך פֿינצטערניש און גרויל, אָבער צוגלייך דערמיט וויפֿיל פּשטות, נאַ־איווקייט און נשמה־פֿרישקייט. און ביי אַזאַ פּשטות און פּרימיטיווקייט — פֿלעגט מיט היץ צוגעבן סעמיאָן — האָבן זיי דאָך פֿאַרמאָגט זייער אייגענעם שכל הישר און ווייניק לעבנספּראַקטיק. נישט זעלטן ווייעט פֿון זיי מיט פּרימיטיווער לעבנס־חכמה און שלימות.

איך האָב געהאַט פֿאַר זיך אַ שלימותדיקן און פֿאַרענדיקטן טיפּ פֿון אַ נאַראָדניק, מיט אַ פּסיכיק, וואָס איז נישט דורכגעפּרעסן מיט סקעפּטיציזם, וואָס איז פֿאַרהאַרטעוועט קעגן דעם. איינמאָל האָב איך געפּרוווט דערגיין ביי אים — צי איז די נאַראָדניטשעסטוואָ נישט גע־ווען אַמאָל ביי אים אַ מין געמיש פֿון דאָסטאָיעווסקיס טשיינע און באַכמעטאָוו־שטשינע מיטן טאָלסטאָאיזם, און צי איז דאָס נישט צונויפֿגעפֿאַלן מיט אַסקעטיזם, מיט זעלבסטפּייניקונג פֿונעם גוף? ער האָט הייס קעגן דעם פּראָטעסטירט, — האָט אָבער דאָך נישט געקאָנט לייקענען אַז פֿון זיין לעבן ווי אַ היילמענטש אין די גרובן איז ער אַרויס מיט אַ צעקאַלעטשע־טער געזונט, מיט אָפּגעשוואַכטע כוחות און מיט ווייניקער ציינער, וואָס זיינען אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון סקאָרבוט (צינגאַ).

— דאָס בין איך דאָס אַ טאָלסטאָוויעץ אָדער אַ צעדרייטער פֿון ראַכמעטאָווס שניט? — האָט ער פּראָטעסטירט. וואָס וואָלסטו געזאָגט וועגן דעם זעלבן לעוו האַרטמאַנען? בעת זיין „גיין אין פֿאָלק" האָט עמעצער פֿון די פּראָסטע פּויערים דערקענט אין אים עפּעס אַ פֿרעמדן און אַ רוף געטאָן: „העי דו, מוסיע!" דאָס האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זיין נשמה: ער האָט אַלץ געוואָרפֿן, געמאַכט פֿון זיך אַן אמתן בראָדיאַגע און זיך אומגעקערט צוריק „אין פֿאָלק" אַן עכטער לומפּ, אַ טרעמפּ. היינט פּאַוועל באַריסאָוויטש אַקסעלראָד? ער פֿלעגט אַרומזוכן אין פֿאַדאָליער גובערניע עפּעס אַ לעגענדאַרן רויבער, וואָס פֿלעגט צעטיילן צווישן אָרעמע אַלץ, וואָס ער פֿלעגט אַנרויבן ביי רייכע; ער האָט אַזאַ רויבער נישט געפֿונען און האָט גענומען פֿריידיקן, אַז אַלע יידן מיט אַ מאָל זאָלן זיך אָוועקלאָזן צוריק קיין פּאַלעסטינע;

ווער האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן פון אַ צוקינפטיקן מאַרקסיסט? און לעוו דייטש? ער איז געווען אויפגעבראַכט צוליב קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט: „סטייטש אַן אַטענטאַט אויף אַזאַ גוטן צאַר — דאָס איז אַ פאַרברעכן!" און שפּעטער שוין, ווען ער האָט שוין פאַרלוירן זיינע „צאַריסטישע" אילוזיעס, איז ער לאַנג נאָך געווען פול מיט כעס און צאָרן — פאַר וואָס די רוסישע און אפילו יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך גענומען „אויסקעמפן אַ קאָנסטיטוציע פאַר די וואַרשאַווסקיס, בראָדסקיס, פּאָליאַקאָווס, גינצבורגס און זייער גלייכן". און לאָמיר נעמען אַפּטעקמאַנען? כדי איינגאַנצן זיך „צענויפמישן מיטן פאָלק" איז ער אַן אַ שום פערזענלעכן פאַרדינסט דערפון, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אַליין זיך פייניקן, — אַוועק און זיך אָפּגעשמדט! ניין, נישט ביי מיר האָט מען געקענט זוכן משונהדיקע גענג, נאָר ביי אונדזער גאַנצן דור, נישט אויסגעשלאָסן אַזעלכע, וואָס מ'האָלט זיי פאַר אַ מוסטער פון פּאָזיטיווקייט און זאַכלעכקייט!

אַ באַגעגעניש מיט גליעב אוספּענסקי. — אַנ־סקי דער שריפטשטעלער

נאָך די דאָזיקע צוויי צייט־פּעריאָדן — אַ לערער און אַ גרובן־אַרבעטער — איז פאַר סעמיאָן אַקימאָוויטשן אָנגעקומען אַ דריטער: אַ ליטעראַרישער.

פאַר אַ שרייבער האָט אים געמאַכט אַ צופאַל; דעם שרייבערישן טאַלאַנט האָט ביי אים אַנטפּלעקט אַן אַנדער זייער באַוואוסטער נאַראָדניק און עס־ער, וואָס האָט אויך געשטאַמט, פונקט ווי ער, פון יידן: גריגאָרי אילאיטש שריידער; שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער אַרויסגערוקט געוואָרן פון אונדזער פּאַרטיי אויפן בכבודיקן פּאָסטן פון פּעטערבורגער שטאָט־פּרעזידענט („גאָלאָוואַ"). אין יענע צייטן איז ער געווען בלויז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אונדזער פּראָווינציעלער צייטונג „יוג" (דרום) אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם חוש פון אַ רעדאַקטאָר און האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די באַשיידענע קאָרעספּאָנדענצן פונעם לעבן פון די גרובן־אַרבעטער, וואָס עס האָט געוויס געשריבן, ווי ער האָט געגלייבט, אַן אַרבעטער גופא. ער האָט דערשפּירט ביים שרייבער פון די קאָרעספּאָנדענצן אַ קינסטלערישן נערוו, האָט באַשלאָסן פערזענלעך זיך צו באַקענען מיטן מחבר, האָט אים אַרויסגערופן צו זיך און האָט אים געזאָגט אַן ערך אָט וואָס:

אָדער ער, אַן אַלטער ליטעראַט און רעדאַקטאָר, פאַרשטייט לחלוטין נישט ליטעראַטור, — אָדער סאלאָמאָן ראַפּאָפּאָרט — אַ געבוירענער בעלעטריסט, פאַרשטייט אַליין נישט וואָס פאַר אַ טאַלאַנט ער פאַרמאָגט. ער מוז האָבן אַ גוטן לערער, פון די אמתע שוין גוט אַנטוויקלטע טאַלענטירטע שרייבער־בעלעטריסטן. בעסער פון עמעצן אַנדערש וואָלט פאַר אים געווען אַזאַ פאַסיקער לערער גליעב אוספּיענסקי. און בכלל נייטיקט ער זיך אין דער אַטמאָספער פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור אין דער הויפּט־שטאָט. ער, שריידער, קען אים געבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אוספּיענסקין, בכלל צו דער רעדאַקציע פון נאַראָדניטשעסקין חודש־זשורנאַל, וואָס גרופּירט זיך אַרום נ. ק. מיכאַילאָווסקין אַליין.

ביי סעמיאָן אַקימאָוויטשן האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון אַזעלכע קאָפּשווינדלערישע פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. ער האָט זיך דענערווירט, געוואַקלט, זיך אַנטשלאָסן און זיך צוריקגעצויגן, געשפּאָרט געלט פאַר דער רייזע, דאָ האָט זיך ביי אים געהויבן די שטימונג, דאָ איז זי געפאַלן, דאָ האָט ער שטאַרק געגלויבט אין זיך ווי אין אַ צוקינפטיקן שרייבער, דאָ איז ער געוואָרן פולשטענדיק אַנטוישט אין זיינע קרעפטן. צום סוף איז דאָך דער גורל געפאַלן.

אַנ־סקי איז אין פּעטערבורג. גלייך פון וואָקזאַל פאָלט ער אַריין אויף אַן אָוונט — אַ חברישע גלעזל טיי ביים ליטעראַרישן הויפּטשטאַב פון די נאַראָדניקעס. דאָ געפינט זיך דאָס בעסטע פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ, דאָ איז אויך דער ליטעראַרישער אויבערפלאַך פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָ איז אויך גליעב אוספּיענסקי. ער לייענט איבער דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו און ווענדט זיך צו אַנ־סקין מיט אַ באַצויבערנדיקער פריינטלעכקייט; ער גייט אָבער באַלד אַוועק — האָט עפּעס אַ פאַמיליען־פייערונג ביי נאָענטע פריינט, וועט דאָרטן מסתמא זיצן ביז שפּעט ביינאַכט; אַהער איז ער אַריין בלויז כדי נישט אַדורכלאָזן דעם רעגולערן וועכנטלעכן צונויפקום פון די קאַמפּס־חברים. אָן אים ווערט סעמיאָן אַקימאָוויטש פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרגליווערטע „שטומע פיגור". ער כאַפּט אויף יעטווידעס וואָרט פון די פאַרזאַמלטע זיי זיינען דאָך אַלע „ליכטיקע גייסטער"! ער באַמערקט נישט ווי אַזוי דער אָוונט איז פאַרביי. אַ זייגער 12 ביינאַכט הויבט דער עולם אָן זיך פאַנאַנדערצוגיין, מען געזעגנט זיך און מען גייט אַהיים. אַהיים? ! סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט ביז יענעם מאָמענט אַפילו נישט אַ טראַכט געטאָן — וואוהין וועט ער גיין? ער האָט דאָ נישט קיין קרובים, קיין באַקאַנטע. אין אַ האָטעל? האָט ער דאָך נישט קיין וואוינרעכט. ביי וועמען פרעגן אַן עצה — האָט

ער אויך נישט. גליעב אוספּיענסקי, צו וועמען שריידער האָט אים רע־קאָמענדירט, איז אַוועק; אַלע איבעריקע זיינען פּאַר אים אַ קאָלעק־טיווער אַנאָנים: אַ רעדאַקציע. זאָל ער וועמען פון זיי דערציילן זיין אומגליק? דער געדאַנק אַליין הויבט אים אָן וואַרפן אין קעלט און אין היץ. און אַזוי נישט קומענדיק קאָנקרעט צו אַ באַשלוס — וואָס ער האָט צו טאָן, טוט ער מעכאַניש דאָס זעלביקע וואָס אַלע טוען: טוט זיך אָן, געזעגנט זיך און גייט אַרויס — אַרויס אויף די פּוסטע גאַסן פון דער פּרעמדער אומבאַקאַנטער גרויסער שטאָט.

וואו זאָל ער זיך אַהינטאָן? ער גייט, גייט, — פון איין גאַס אין אַ צווייטער, פון איין בולוואַר אויף אַ צווייטן. פּאַרלירט די ריכטונג און ווייס שוין לאַנג נישט וואו ער געפינט זיך. די מידע פיס שלעפּן אַליין אים אַרויף אויף אַ בולוואַר, וואו די בענק לאָקן אים אַזוי זיך אַנידער־צוזעצן. ער באַוויזט נישט זיך אַוועקצוזעצן און כאַפּן אַ דרעמל, ווי פון דער ווייטן רוקט זיך צו אים די פיגור פון אַ פּאָליציאַנט. מען מוז אויפשפּרינגען אויף גיך און מאַכן אַ מינע פון אַ זאָרגלאָזן אַרומ־שלעפּער, וואָס כאַפּט אַ שפּאַציר. אַזוי גייט פּאַרביי אַ שעה נאָך אַ שעה. אָ, ווי מוראַדיק לאַנג עס ציט זיך די נאַכט! פּלוצלונג — עס גייט אים אַנטקעגן עפּעס אַ מאָדנע באַקאַנטע פיגור. יאָ, קיין שום ספק נישט, דאָס איז גליעב אוספּיענסקי! ער איז אַוועק פון דער פּאַרזאַמלונג צו עפּעס אַ פּאַמיליען־שמחה און גייט איצט מסתמא אַהיים... אוספּיענסקי קוקט אויף אים מיט גרויס פּאַרוואונדערונג. ער דערקענט דעם „קאָלעגע שרייבער פון די גרובן־אַרבעטער" און הויבט אָן אים פּאַנאַנדערפרעגן — וואָס און וועמען זוכט ער אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, שוין באַלד באַגינען?! באַהאַלטן דעם סוד קען מען שוין נישט. און אוספּיענסקי האָט איצט מיט זיינע אייגענע אויגן דערזען די טרויעריקע, פּול מיט דערנידערונג טראַגעדיע וועגן יידישן „וואוינרעכט", וועגן וואָס ער האָט אַמאָל עפּעס וואָס געהערט; איצט האָט זיך פּאַר אים געעפּנט די בלוטיקע וואונד.

אוספּיענסקי כאַפּט אָן ביי דער האַנט סעמיאָן אַקימאָוויטשן, ברענגט אים אַריין צו זיך אין שטוב, טרינקט אים אָן מיט טיי, לייגט אים אַריין צו זיך אין בעט, אַליין זעצט ער זיך אַוועק צופוסנס: ער וויל וויסן מיט אַלע פּרטים דעם נאַקעטן אמת וועגן לעבן פון די יידן. סעמיאָן אַקימאָוויטש דערציילט און דערציילט, האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי פון מידקייט האָט ער אָנגעהייבן צו מורמלען סתם ווערטער אָן אַ זין, אָן אַ פּאַרבינדונג און — איז איינגעשלאָפן, משמעות, מיט אַ קורצן אָבער שטאַרקן שלאָף. עפּעס האָט אים אַ שטויס געטאָן פון אינעווייניק, ער האָט געעפּנט די אויגן, האָט פון שלאָף גלייך זיך נישט געקענט אָריענטירן וואו ער איז, וואָס מיט אים טוט זיך — ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן

צימער... ביי אים צופוסנס איז ווי אַ שטומע סטאַטוע פון אומענד־לעכן טרויער געזעסן אוספּיענסקי, פאַרטראַכט, נידערגעשלאָגן, ווי ער האָט אויסגעזען בעת ער האָט אים אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן. פון זיינע אויגן האָט פּאַמעלעך זיך געקייקלט איין גרויסע טרער... אַ צווייטע... אַ דריטע...

סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט אין זיין לעבן נישט געקאָנט פאַרגעסן אָט דאָס בילד, נישט געקענט דערציילן די געשיכטע אָן אַ ציטער אין שטים, אָן פייכטע אויגן. פונקט ווי פיל אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק זיך צו באַקענען און אַפילו ווערן נאָענט מיט גליעב אוספּיענ־סקין, איז אויך אַנ־סקי תיכף אַרונטערגעפאַלן אונטערן צויבער פונעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעך מערקווערדיקן מענטשן. עמעצער האָט טרעפ־לעך זיך אויסגעדריקט, אַז „ביי גליעב אוספּיענסקין איז יעטווידער צענ־טימעטער אָריגינעל, פונקט ווי אין „קעניג ליר" איז יעטווידער צענ־טימעטער — קעניג". נישט איינמאָל האָט סעמיאָן אַקימאָוויטש גע־פּרוווט אָנצייכענען פאַר מיר אין איר גאַנצן וווּקס אָט די אויסערגע־וויינלעכע פּערזענלעכקייט — אָבער יעדן מאָל פלעגן ביי אים די הענט זיך אַראָפּלאָזן: ער פלעגט יעדן מאָל האָבן דאָס געפיל, אַז ס'פעלט עפּעס, אַז ער האָט נישט דערזאָגט, נישט פאַרפולקומט די צייכענונג, — מיט איין וואָרט — ס'איז אים טאַקע נישט געלונגען צו אַנטפּלעקן פאַר מיר די געהיימניש פון יענעם צויבער, וואָס האָט צוגעצויגן צו אים מחנות יוגנטלעכע, וועלכע מ'האָט גערופן מיטן נאָמען „גליעב־גוואַרדיע". הגם ער אַליין פלעגט שטאַרק אויסמיידן עפנטלעכע אָוואַ־ציעס און זיך אָפּקערן פון זיי מיט ווידערווילן.

אין דער יידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהאויז־עפראָן איז געווען גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן, אַז אַ גאַנצער פּעריאָד פון אַנ־סקיס שאַפן, דער עיקר צווישן 1886 און 1892, סיי לויט דער טעמאַטיק, סיי לויטן לעבנס־באַנעם, שטייט „אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון גליעב אוספּיענ־סקי". דער עקסטראַקטער סוביעקטיוויזם וואָס פאַרפלייצט אוספּיענסקיס שאַפן מיט נערוועז־אויפרעגנדיקע פּובליציסטיק, האָט תמיד געשראָקן אַנ־סקין. אין אַזעלכע „דורכרייסן" פון קינסטלערישן פראָנט אין דער שאַפונג פון זיין באַליבטן לערער — האָט זיך אים געדוכט צו זען „אַ ווייטן בליץ־אָפּשיין, וואָס זאָגט אָן דעם קומענדיקן שטורעם פון דער פּסיכישער קרענק". און ער האָט אין זיין סטיל זאָרגפעלטיק אויסגע־אַרבעט אַ פּרעציזע איינגעהאַלטנקייט פון „ריינער דערציילערישער קונסט", מאַנכעסמאָל צולאָזנדיק בלויז אַ לייכטן טאָן פון גוטמוטיקן הו־מאָר, זעלטן — אַ מער שאַרפע איראָניע. דערפאַר אָבער האָט ביי אים

צוגלייך מיט גליעב אוספּיענסקין, דאָמינירט ספּעציפישע שרייבערישע צניעות.

— דו ווייסט, וויקטאָר, וואָס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער אין אָנהייב פון מיין שרייבערישער טעטיקייט? דו וועסט קיינמאָל נישט טרעפן: דאָס איז ווי זאָל איך זיך אונטערשרייבן אונטער מיינע ווערק! אונטערשרייבן מיין אייגענעם נאָמען — האָב איך זיך עפּעס געשעמט. כ'פאַרשטיי טורגעניעוו דאָרטן, פּיסיעמסקי אָדער אָסטראָווסקי — ווייס מען גלייך וואָס פאַר אַ מין גייסטיקע שפּייז דו קריגסט. דאָס איז אין ליטעראַטור פּונקט ווי אַ פירמע אין האַנדל. אָבער וואָס וועל איך אַרויסקריכן מיט אַ סאָלאָמאָן ראַפּאָפּאָרט, וואָס זאָגט קיינעם גאָרנישט? ס'איז פאַר מיר געווען אַן אמתע פאַרלייכטערונג, ווען מ'האָט מיר געזאָגט, אַז מ'קאָן זיך אונטערשרייבן מיט אַ פּסעוודאָנים. אָבער אַ פּסעוודאָנים דאַרף מען דאָך צוטראַכטן און מיין פאַנטאַזיע האָט לחלוטין באַנקראָטירט פאַר אַזאַ אויפגאַבע. סוף כל סוף האָט מיר אויך דאָ אַרויסגעהאָלפן דער זעלביקער גליעב איוואַנאָוויטש. ער האָט זיך געעסקט און געעסקט מיט מיר, לסוף גענומען אַליין די פעדער אין האַנט, אָנגעשריבן די ראשי תבות פון מיין אונטערשריפט אונטער די קאָרעספּאָנדענצן פונעם לעבן פון די גרובן־אַרבעטער: ס. א. צוגעשריבן גלאַט אַזוי אַן... זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, אַוועקגעשטעלט אַ פּאַסיקל און צוגעגעבן „סקי". איר ווילט אַזוי? — פרעגט ער. כ'האָב זיך שטאַרק דערפרייט — ס'איז מיר זייער געפעלן: מסתמא דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט זיין האַנטשריפט. אַט אַזוי בין איך פון דעמאָלט אָן געוואָרן ס. א. אַנ־סקי. גליעב איוואַנאָוויטש האָט מיר געגעבן די ערשטע לעקציע ווי צו שרייבן בעלעטריסטיק, ער האָט מיר אויך געגעבן אַ ליטעראַרישן נאָמען, און לסוף מיר געגעבן די אידייע אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, כדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָפּשאָקלען — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — פון יידישן פּראָווינציאַנאַליזם און גלייכצייטיק אויך פון רוסישן. און דער עיקר — שוין דאָ אין פּאַריז האָט ער מיך איינגעאָרדנט ווי אַ פּערזענלעכן סעקרעטאַר ביי לאַווראָוון.

אויב גליעב אוספּיענסקי האָט באַהערשט אויף לאַנג דאָס האַרץ פון סעמיאָן אַקימאָוויטש, האָט לאַווראָוו דיסציפּלינירט זיין שכל און אים אויפגעהויבן אויף די העכסטע שטאַפּלען פון מענטשלעכן וויסן. ווען לאַווראָוו איז געשטאָרבן אויף אונדזערע ביידנס הענט, האָב איך באַקומען דאָס געפיל, אַז דער גייסטיק פאַריתומטער סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט שיער נישט זיין גאַנצע צוגעבונדנקייט צו אים איבערגעטראָגן אויף מיר.

אַ פאַמיליע־דראַמע

אַן אמתער באַהעמיער לויט זיינע געוואוינהייטן, געשמאַק, לעבנס־שטייגער — קאָן איך מיך נישט פאָרשטעלן אַנ־סקין אין דער ראָל פון אַ פאַמיליען־מענטש.

ער האָט זייער ליב געהאַט די געזעלשאַפט פון פרויען און פרויען האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. זיינע יאָרן האָבן דאָ קיין שום באַטייט נישט געהאַט. וואָס מער ער איז מיט זיין שעוועליורע האָר, מיט באָרד און וואָנסעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „זילבערנעם בלאָנדין", אַלץ געדיכטער איז ער געוואָרן אַרומגעוואַקסן מיט ברונעטע שוואַרצהאָריקע מיידלשע קעפּלעך. איך ווייס נישט ווי זיינע האַרץ־ענינים האָבן אויסגעזען בעת ער איז נאָך געווען אינעם פעריאָד וואָס די פראַנצויזן רופן: „בלומען־ און זון־עלטער". ווארשיינלעך האָט ער אין זיין צייט געצאָלט זיין שטייער די יוגנטלעכע ליבע־געפילן און יוגנט־משוגעתן ווי יעטווידער אין אַזאַ עלטער, — אָבער ערב זיינע פערציקער יאָרן האָט ער מיר אויסגעזען צו זיין אַ פאַרהאַרטעוועטער אַלטער בחור. מ'האָט פון אים געחוזקט, וואָס ביי אַזאַ רייכן ליבע־רעזערוואואַר, וואָס זיין נאַטור פאַרמאָגט, איז ער דאָך נישט בכוח איבערצונעמען אין זיין אייגענעם מאָנאָפּאָל די נשמה פון אַ פרוי, ווי אַ חתן אָדער צוקינפטיקער מאַן: דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר די איבעריקע, אַ בפירושע עוולה. זיין באַציאונג צו די פרויען און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום אים איז געווען רירנד־סובטעל אַזוי, אַז מ'האָט לייכטער זיך געקאָנט פאַרשטעלן ווי עמעצער פון זיי גיסט אויס פאַר אים איר האַרץ וועגן עפּעס אַ צרה, וואָס איר פייניקט איידער אַ פאַרחלשטע ליגן אין זיינע אָרעמס אין ברען פון ליידנשאַפט. אָפּטמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיין האַרץ צייכנט זיך אויס אויף אַזוי פיל מיט ווייבערשער ווייכקייט, דאָס ער פילט זיך אין דער געזעלשאַפט פון פרויען ווי אַ גלייכער פריינט זייערער. „אַ פרוי ווי אַזעלכע" האָט אים צו זיך געצויגן ווי אַ נאַטור־סטיכיע, אָבער נישט ווי אַ קאָנקרעטע פערזאָן, וואָס פאָדערט פון אים אַן אויסשליסלעכע באַציאונג צו זיך, און זי פון איר זייט איז גרייט מקריב צו זיין פאַר אים אין דער פולסטער מאָס דעם גאַנצן שטראָם פון אירע געפילן און סימפּאַטיעס.

אַ שטיקל אמת איז בלי ספק געווען דערין, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. פאַר אונדז אַלעמען, זיינע נאָענטסטע פריינט, האָט אינגיכן אויפגעהערט צו זיין אַ סוד, אַז אונדזער אַלעמענס באַקאַנטע, אַ ליבע, גוטע און ערנסטע פרוי פאַרנעמט אַלץ מער סעמיאָנס האַרץ; זי האָט זיך אויך באַצויגן צו אים מיט אַ סך סימפּאַטיע און פריינטשאַפט; זי

האָט אָבער געוויס נישט חושד געווען אים, אַז זיינע געפילן צו איר זיינען טיפער און הייסער ווי דאָס געפיל פון אַ געוויינטלעכער פריינטשאַפט. ווי דאָס טרעפט נישט זעלטן ביי אַ 40־יאָריקן מאַנסביל איז זיין געפיל געווען אַדורכגענומען מיט אַ ביסל מורא און שעמעוודיקייט; יענע פון אונדזער קרייז, וואָס האָבן דאָס באַמערקט, האָבן אים געשוינט און אויסגעמיטן צו ריידן מיט אים אויף אַזאַ אינטימער טעמע. אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט, אפשר שוין צופיל צייט פאַרן זעלבסטגעפיל פון אַ פרוי; און דערנאָך האָבן מיר אָנגעהייבן מערקן, אַז ס'איז עפּעס נישט גוט. מיר פלעגן גאַנץ אָפט זען סעמיאָן אַקימאָוויטשן אַן אָנגעכמורעטן, אפילו אַ פאַרביטערטן; ער פלעגט זיין צו סענסיטיוו, אָפט אויסברעכן מיט נערוועזער אויפרעגונג, מיט פריילעכקייט און שפרודלענדיקן הומאָר פון אַזאַ מין, וואָס מ'האָט געקאָנט לייכט זען, אַז עס איז געקינצלט אויפגעשרויפט. פלוצים האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן, אַזוי צו זאָגן, אַ „קעגן־קלאַנג"... די פרוי, וואָס האָט אַזוי צעטרייסלט דאָס גלייכגעוויכט פון סעמיאָנס נשמה, האָט חתונה מיט איינעם פון די אָנגעזעענסטע עמיגראַנטן־נאַראָדאָוואָלצעס אין פאַריז. איר אויסוואַל איז געווען גאַנץ נאַטירלעך: אַ שיינער, אימפאָזאַנטער מאַנסביל, פול מיט ענערגיע און אויסערלעכן פראַכט, אַ גלענצנדיקער רעדנער, — האָט ער געהאַט אַלע שאַנסן צו פאַרטונקלען אונדזער ליבן, באַשיידענעם סעמיאָנען.

נאָכדעם ווי דאָס איז געשען איז סעמיאָן אַקימאָוויטש ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן אויף לאַנג; פלוצלונג האָט ער גענומען באַזוכן אונדז אַלעמען, זיינע נאָענטסטע פריינט, איינגעלאַדן צו זיך אויף אַן אָוונט, צוזאָגנדיק, אַז ס'וועט זיין אַ גרויסער „סיורפּרייז". מיר זיינען זיך צונויפגעקומען צום באַשטימטן טאָג. אַלע זיינען מיר געווען די זעלביקע אייגענע מענטשן, אַלטע גוטע פריינט, חוץ איינער, כמעט אַן אומבאַקאַנט מיידל — זשאַנעט; מיר האָבן געוואוסט וועגן איר בלויז, אַז זי איז אַ געבוירענע אין רוסלאַנד, אירע עלטערן זיינען פראַנצויזן, זי איז אַ האַלב רוסישע לויט איר קולטור. מ'האָט געטרונקען טיי, געשמועסט וועגן די טאָג־געשעענישן. מ'האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, געמיינט, אַז דער צוגעזאָגטער „סיורפּרייז" איז סתם אַ מיסטיפיקאַציע; אַנ־סקי האָט ליב געהאַט אַמאָל מאַכן אַזעלכע שפּיצלעך זיינע חברים און פריינט, פאַרנאַרן זיי אויף אַזאַ אָדער אַנדערן צוזאַמענקום. אָט וויל מען שוין זיך פאַנאַנדערגיין... אַנ־סקי האָט אָבער גענומען זיך איילן, אַריינגעבראַכט פון ערגעץ אַ פלאַש וויין, אָנגעגאָסן אַלעמען גלעזלעך און דער „סיורפּרייז" איז אַרויסגעשפּרונגען: שעמעוודיק, פאַראיקנדיק זיך, האָט ער געבעטן אונדז אַלעמען צו פאַרצייכענען מיט אונדזער אָנוועזנהייט

אַ וויכטיקן מאָמענט אין זיין לעבן: פון היינט אָן דאַרפן מיר קוקן אויף אים און זשאַנעטן ווי אויף מאַן און ווייב...

ווען פאַר אונדזערע אויגן וואָלט פון דער לבנה, למשל, אַראָפּגעשפּרונגען אַ העל־גרינער פערד — וואָלטן מיר נישט געווען אַזוי ווילד דערשטוינט, ווי פון זיינע קורצע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט פאַרשעמט און אין גרויס פאַרלעגנהייט. נישט צונויפריידנדיק זיך, האָבן מיר אַלע תיכף פאַרשטאַנען: אָט מיט דעם „פּלוצלונגן זיווג" האָט ער געמאַכט אַ מין קאָפּ־שווינדלערישן שפּרונג אין קאַלטן וואַסער אַריין. ביי אים אין האַרצן ברענט אַ פייער; אָט מיט דעם „טויט־שפּרונג" פּרוּווט ער פאַרגעסן זיך, אָפּטעמפּן זיינע געפילן, קומען אַ ביסל צו זיך נאָך דעם שווערן „שיפּברוך", וואָס זיין האַרץ האָט אָקאָרשט געליטן...

מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעטווידער פון אונדז איז געווען דערשטוינט... „ווי קומט סעמיאָן צו אַ פאַמיליען־לעבן? — האָבן מיר זיך געפרעגט; סעמיאָן — אַ טאַטע פון קינדער, אַ בכבודיקער באַלעבאָס פון אַ שטוב־ווירטשאַפט? דאָס איז דאָך פשוט די סתירה אַליין! ווי אַזוי וועט ער דאָס אויפהערן צו זיין אַן אייביקער סטודענט, אַן אייביקער בחור?"

איך האָב אָבער נישט מסכים געווען מיט דער איינשטעלונג פון מיינע פריינט. דעם היימלאָזן סעמיאָן האָט שטענדיק געצויגן צו אַן אינטימען פאַמיליע־נעסט. נישט איינמאָל קומענדיק אַהיים און אַריינגייענדיק שטיל אין מיין צימער, פלעג איך טרעפן סעמיאָן אַקימאָוויטשן אין דער ראָל פון אַ ניאַנקע. בעת מיין פרוי פלעגט אַוועק אין גאַס איינקויפן אָדער וועגן עפּעס אַן אַנדער ענין, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן ביים וויגעלע פון מיין קליינעם בכור באַריס. סעמיאָן האָט אים גערופן „באָרעכקע". יענער פלעגט ענטפערן מיט אַ ברייטן שמייכל גלייך ווי ער פלעגט דערהערן סעמיאָנס פישטשענדיקע באַס־שטים. איינמאָל גיי איך אַריין און דערהער סעמיאָנס שטים, אימיטירט ווי ביי אַן אַלטיטש־קער, ער האָט געזונגען די פרימיטיווע ווערטער פון וויג־ליד:

„אונטער באָרעכלס וויגעלע
שטייט אַ ווייסע ציגעלע,
די ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען איז אַ גוטע סחורה,
באָרעכל וועט זיצן און לערנען תורה..."

איך דערמאָן זיך ווי ער פלעגט זיך שפּילן מיט באָריסן, מאַכן אים צו לאַכן דורך פאַרשיידענע שפּיצלעך: בינדט־צו אַ שטריקל צו אַן

עקל פון אַן אַלטן פּוטער און פּירט דערמיט אַרויס פון די כּלים אונדזער קעצעלע, — יענע שפּרינגט, לויפט ווילד, וויל אָנכאַפּן דאָס עקל און אונדזער באָריס קייכט פון געלעכטער... ניין, נישט נאָר ער קאָן זיין אַ ליבער הייסער פאָטער, אַ פאַמיליע־מענטש, ער איז דערצו געבוירן, באַשטימט פון דער נאַטור אַליין.

דאָך... אַ צייט נאָך דער „חתונה" האָט ער לאַנג זיך נישט באַוויזן. פאַרשטייט זיך — דער האָניק־חודש! ווי קאָן זיין אַנדערש? איינמאָל אין אַ פרימאָרגן פליט ער אַריין אין מיין צימער ווי אַ שטורעמווינט.

— גוט, וויקטאָר, וואָס דו ביסט אין דער היים! איך קום צו דיר, כ'דאַרף דיך נייטיק האָבן ווי גאָט אַליין! הער, וויקטאָר, דו מוזט מיך ראַטעווען! אויב ווער נישט איז קען דאָס טאָן, איז נאָר דו, דו אַליין!

ס'איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט צו צווינגען אים צו דערציילן ווי געהעריק אַלץ, וואָס ס'איז געשען. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ביים יונגען פּאָרפּאָלק איז נישט קיין גוט לעבן, נאָר אַן אמתער גיהנום. „זי" וויל נישט אים אָפּלאָזן ערגעץ־וואו אויף אַ מינוט, וויל האַלטן אים ביי זיך ווי אויף אַ שטריקל, און חוץ דעם איז זי כּסדר אייפערזיכטיק און אייפערזיכטיק!

איך בין געזעסן ווי אַ גולם. אָט די געוועזענע מאַדמואַזעל זשאַנעט, אַ שטילינקע און באַשיידענע, האָב איך קוים געזען אינגאַנצן אַ 2־3 מאָל. זי זאָל אַן שום סיבה מיט אַ מאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָטעללאָ אין אַ קליידל? — דאָס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט צו איר. אַז ער זאָל געבן פאַר איר אייפערזוכט אַן ערנסטע סיבה — דאָס האָט זיך אויך נישט געפּאַסט צו אים. אָבער דאָך, אָט שטייט ער פאַר מיר אַזאַ אויפּגערעגטער, שיער נישט משוגע. האָב איך דען געקענט אָפּזאָגן זיין בקשה אים צו ראַטעווען?... כ'האָב גוט פאַרשטאַנען מיין אומגעלומפּערטשווערע לאַגע, אָבער בין אַוועק ווי זיינער אַ שליח צו זשאַנעטן. מיין מיסיע איז מיר נישט געווען אַזוי קלאָר: צי דאַרף איך שלום מאַכן צווישן זיי, אָדער דורכפירן אַ גט?... ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך איז געווען אי שווערער, אי לייכטער ווי דאָס, וואָס איך האָב געקענט זיך פאַרשטעלן.

געוויס איז נישט געווען דער מינדעסטער גרונט פאַר אייפערזוכט. ס'איז אָבער געווען אַן אַבסאָלוטע קעגנזייטיקע אומפאַרשטענדעניש, וואָס האָט געשטאַמט פון פולשטענדיקן אומקאָמפּראָמיסלעכן קעגנזאַץ צווישן צוויי לעבנסבאַנעמונגען, צווישן צוויי באַגריפן וועגן אַרט און אופן פון פאַמיליענלעבן. זי, ווי אַן עכטע פראַנצויזין האָט נאָך פאַרשטאַנען, אַז

ביז דער חתונה האָט סעמיאָן אַקימאָוויטש געקענט לעבן ווי אַ „ציגיי־נער", ווי אַ האַלבער סטודענט. נאַטירלעך האָט דאָס אַלץ געדאַרפט אויפהערן פון דעם מאָמענט, זינט זי דערפילט להלוטין אירע פליכטן ווי אַ ווייב און אַ באַלעבאָסטע, — האָט געשאַפן אַ שטילן און באַקוועמען ווינקעלע, וואו אַלץ איז צוגעפּאַסט פאַר ליטעראַרישער אַרבעט, און דאָס לעבן קאָן פליסן רואיק און געלאַסן לויטן אַנגענומענעם סדר. אָבער מיט אַ מאָל נעמט עפּעס דער מאַן צונויף זיינע מאַנוסקריפּטן און גייט אַוועק אַרבעטן ערגעץ אין אַ קאַפע; וואוהין — ווייס זי נישט, דעם אַדרעס וויל ער קיינעם נישט זאָגן, אַפילו איר אויך נישט, דער אייגע־נער פרוי! איז אויב ער דאַרף נישט האָבן יענע באַקוועמלעכקייטן — די ריינקייט, שטילקייט, מוסטערהאַפטע אָרדענונג, וואָס זי שאַפט מיט אַלע אירע קרעפטן, אין וואָס זי לייגט אַריין איר גאַנצע נשמה — טאָ צוליב וואָס האָט ער חתונה געהאַט? אויב אַזוי — זיינען אפשר טאַקע אמת די מאָדנע קלאַנגען, אַז ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב פון ערגערניש — ווייל ס'איז אים נישט געלונגען צו שאַפן זיך אַן אמתן פאַמיליען־לעבן?

כדי מיט איין קלאַפּ צו צעשטערן די וואַנט פון מיספאַרשטייענישן, האָב איך גערופן זשאַנעטן תיכף גיין מיט מיר אין יענער קאַפע, וואו ער פלעגט געוויינלעך אַרבעטן די גאַנצע צייט און האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין שום גרונט צו פאַרבאַהאַלטן דאָס פון איר. מיר זיינען אַוועק אין „קלאָזערי דע ליליאַס", אַ קאַפע, וואו די רוסן האָבן ליב געהאַט צו זיצן, וואו ס'פלעגן געוויינלעך זיך צונויפקומען ליטעראַטן, אַרטיסטן, קינסטלער, די אַזוי גערופענע „באָהעמע" פון איין זייט און עטלעכע מאַסאַנען־לאָזשעס — פון דער צווייטער. דאָ האָבן מיר „געפּאַקט" סעמיאָן אַקימאָוויטשן „אויף דער הייסער מינוט": לעבן אים איז גע־שטאַנען אַ טעפל שוואַרצע קאַווע, נאָך נישט איינגאַנצן אויסגעטרונקען, אַ ליידיק גלעזל פון ליקער, — ער אַליין, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט פיבערהאַפט איבערגעשריבן איין בלעטל נאָך אַ צווייטן אויף לאַנגע פּאַסן פּאַפּיר. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ ווילע און זיינען אַוועק; ער האָט אונדז אַפילו נישט באַמערקט.

איך האָב אויפגעקלערט דער צערודערטער פרוי אַט וואָס: דאָס לעבן, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט פאַר איר מאַן מיט אַזוי פיל פלייס און זאָרגעוודיקייט האָט געוויס אַ סך מעלות. אָבער דער איבערגאַנג צו אַזאַ לעבן איז פאַר סעמיאָן אַקימאָוויטשן אַ גאַנצע רעוואָלוציע. פאָ־דערן פון אים שטרענג, אולטימאַטיוו, ער זאָל זיך תיכף אַריינלעבן אין אים, וואָלט באַטייט גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן גלייך צו אַ קריזיס, וואָס ווי ער וועט זיך ענדיקן — קאָן מען נישט וויסן, אָבער פאַרבייגייענדיק

וועט ער געוויס אויפרייסן אין דער לופטן די גאַנצע פאַמיליען־נעסט, וואָס איז קוים אויסגעבויט געוואָרן. אויב אָבער האַנדלען גלעלאַסן, גיין שטופּנ־וויַיז, פּאַמעלעך קאָן מען אַריינטראָגן אין סעמיאָן אַקימאָוויטשעס לעבן מער אָרדענונג, סיסטעמאַטישקייט, אַרבעט־דיסציפּלין, — בכלל געוואוי־נען אים צו אַ מער היגיענישן אַרט לעבן. דערצו אָבער איז נייטיק דריי זאַכן: געדולד, געדולד און געדולד, — נאָכגיביקייט, נאָכגיביקייט, און נאָכגיביקייט...

איך מוז זאָגן, אַז איך האָב אין מיין שליחות אַריינגעלייגט די גאַנצע איבערצייגונגס־קראַפט און די גאַנצע רעדנער־קונסט, וואָס איך האָב נאָר פּאַרמאָגט. נאָכדעם זיינען אַוועק אויפריכטיקע „באַרואיקנדיקע" שמועסן מיט סעמיאָן אַקימאָוויטשן; שפּעטער — באַגעגענישן מיטן פאַרפאַלק גופא, אויפקלערונגען, אויסגלייכונגען; דער רעזולטאַט איז געווען — עטלעכע קאָמפּראָמיסן, פּאַמיליען־קאָנסטיטוציעס, וואָס זיינען סוף כל סוף געבליבן „שטיקלעך פּאַפּיר"...ביידע צדדים האָבן גענומען גיוואלדע־ווען, אַז „אַזוי ווייטער קאָן נישט גיין"; סעמיאָן אַקימאָוויטש האָט שוין אַ פאַרביטערטער דערקלערט: „בעסער אַ שרעקלעכער סוף איידער שרעק אָן אַ סוף"... איך האָב זיי ווייטער ביידן צונויפגעבראַכט און פאַרגעלייגט אַ מין „אָטעם־פּויזע" פאַנאַנדערפאָרן זיך אויף אַ געוויסע צייט, נישט זיין צוזאַמען, אויספּרובירן אויף אַזאַ אופן זייערע אמתע גע־פילן איינער צום אַנדערן, כדי ענדגילטיק זיך צו איבערצייגן, צי ווען זיי זיין פייאיק און צוגעפאַסט אויפצובויען אַ האַרמאָנישן פאַמיליען־לעבן. נאָר אויף אַזאַ אופן, אַוועקגייענדיק פון די געשעענישן אויף אַ געוויסן מהלך — האָב איך זיי פאַרזיכערט — וועט איר זיין בכוח מיט מער יושר און פאַרשטענדעניש זיך באַציען איינער צום אַנדערן, טיפער זיך אַריינטראַכטן אין די סיבות פון אייערע סכסוכים און רייבונגען און געפי־נען די מיטלען ווי אַזוי זיי צו ליקווידירן. פּרובירט!

איך האָב אין דער אמתן נישט שטאַרק געגלויבט אין דעם דערפאָלג פון מיין „לעצטן מיטל"; דאָך האָב איך מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז ס'האָט געהאַט אַ פעולה. זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פאַרמעל נאָר צייטווייליק, „אויף פּראָבע", דורכאויס אין אַ „גוטער שטימונג", אַפילו אַ ביסל גערירט, סענטימענטאַל. אָבער ווייזט אויס, אַז ביי ביידן איז איבערגעבליבן אין דער טיפעניש פון זייערע נשמות אַ צו שאַרפע נישט אָנגענעמע אַפּזעצונג, אַז זיי זאָלן קאָנען פונדאָסניי איבערחזרן דעם איינמאָל נישט געלונגענעם פּרואוו. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָב איך זיך פון דער זייט דערוואוסט, אַז ביי איר איז דאָס לעבן ווי נישט איז איינגעאָרדנט געוואָרן — זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַ

מענטשן, וואָס איז פאַר איר געווען מער צוגעפּאַסט צו שאַפן אַ פאַמיליען־לעבן.

און סעמיאָן אַקימאָוויטש? פאַר אים האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ צייט, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט ביי אים אינגאַנצן פאַרשלונגען דאָס פּערזענלעכע.

עס זיינען אַוועק צענדליקער יאָרן. ס'האָט אויפגעברויזט און געוואָרן אויסגעלאָשן די רעוואָלוציע פון יאָר 1905; „נישט פאַנאַנדערבליענדיק זיך איז אין שטורעם פון בהלה, פאַרוועלקט געוואָרן" די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע פון יאָר 1917. מיט אַ שווער געמיט האָט סעמיאָן אַקימאָוויטש פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע — זיין באַליבטע פּעטערבורג, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פון זיין בעלעטריסטישן טאַלאַנט. ער איז אַוועק צוריק אין זיינע היימישע געגענטן — קיין וויטעבסק, קיין ווילנע. אויף די חורבות פון זיינע בעסטע פּאָליטישע האָפענונגען האָט פאַרן גרייז־גרויען וועטעראַן צום לעצטן מאָל ווידער זיך באַוויזן דער „בלויער פויגל" פון פּערזענלעכן פאַמיליען־גליק. איז עס נישט געווען צו שפּעט? ער האָט חתונה געהאַט, דאָס מאָל אויף אַן אמת און נישט בלויז אויפן פּאַפּיר. מיר איז נישט אויסגעקומען צו זען אים אַ באַווייבטן. מ'האָט דערציילט, אַז זיין פרוי איז געווען אַ יונג מיידל, אַ גאַנץ שיינע. מ'האָט אָבער צוגעגעבן, אַז אויך דאָ איז נישט געווען קיין פולשטענדיקע האַרמאָניע; דער פאַטאַלער אונטערשייד אין די יאָרן האָט דאָס מאָל געזאָגט אומברחמנותדיק זיין לעצט וואָרט. דער מלאך המות האָט צוגעגעבן דערנאָך זיינס...

אַנ־סקי און די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע

מיטן זעלביקן ברען, וואָס ער איז געווען אַריינגעטאָן ביים אָוועקשטעלן די אַרבעט פון דער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע", — האָט ער אויך זיך באַטייליקט אין איר וויטערדיקער טעטיקייט, איינשליסנדיק אויך די פאַראייניקונג פון דער „ליגע" מיט דער פאַראייניקטער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", — פריער אויף פעדעראַטיווע יסודות, שפּעטער איז פאַרגעקומען אַ פולשטענדיקע צוזאַמענגיסונג. גריגאָרי גערשוני, וואָס האָט מיט אַ באַזונדערן ברען געוואָלדעוועט פון רוסלאַנד, אַז אַזאַ פאַראייניקונג איז די נויטווענדיקסטע טאָג־אויפגאַבע, וואָס וועט ברענגען די בעסטע פּרוכטן, — האָט נישט אָנגעטראָפן אויף נאָך אַזאַ טרייען און פליסיקן אָנהענגער פון דער דאָזיקער אידייע,

ווי דאָס איז געווען אַנ־סקי. בכלל האָט סעמיאָן אַקימאָוויטש אויפ־געגומען די פויערים־פראַגע ווי זיינעם אַ פּערזענלעכן הייליקן ענין; ער האָט מיט היץ און ברען רעאַגירט אויף דער מינדסטער זאַך, וואָס האָט אים זיך געדוכט, אַז זי פאַרמינערט אָדער מאַכט צו גאַרנישט די ראָל פון פויערטום אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אויפן ערשטן בליק, אויבנאויפיק, האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז סעמיאָן אַקימאָוויטש איז אַ פולשטענדיק דענאַציאָנאַליזירטער ייד. אַז אַזאַ איינדרוק איז געווען אַ פאַלשער — האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט שפּעטער. הגם ער האָט געגומען באַהערשן די רוסישע שפּראַך גאַנץ שפּעט — אַ 16־17 יאָר אַלט — האָט ער אַזוי שטאַרק ליב געהאַט די רוסישע ליטעראַטור, אַזוי זיך אַריינגעלייענט אין איר, אַריינגעטראַכט און אַריינגעפילט, אַז די רוסישע שפּראַך איז פאַר אים געווען מער ווי אַ „צווייטע מוטער־שפּראַך". יידיש און רוסיש זיינען ביי אים געווען נישט די ערשטע און נישט די צווייטע שפּראַך, נאָר „צוויי ערשטע", און זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט אויף דער וואָנסצענע פון זיין גייסטיקן לעבן דאָ איינע דאָ די צווייטע — אָפּהענגיק פון די אומשטענדן. ס'איז כאַ־ראַקטעריסטיש, וואָס ער אַליין האָט נישט ליב געהאַט צו איבערזעצן זיינע אייגענע זאַכן פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער (הגם נעקראַ־סאָוון, למשל, און ניקיטינען האָט ער יאָ איבערגעזעצט אויף יידיש). נישט געקוקט אויף זייער פיל בקשות, וואָס זיינען געווען צו אים גע־ווענדעט, האָט ער נישט איבערגעזעצט אויף רוסיש דאָס מערקווירדיקע ליד „די שבועה", וואָס איז געווען דער הימן פון „בונד". אַגב אַז דער דאָזיקער הימן איז אַ שאַפונג פון דער מוזע פון אַ רוסישן עס־ער אַנ־סקי האָבן ביי אונדז אַ גאַנץ לאַנגע צייט געוואוסט נאָר יחידים, אין בעסטן פאַל רעדאַקטאָרן פון ענציקלאָפּעדיעס.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אַנ־סקין צום ערשטן מאָל, האָט ער עפּעס אינסטינקטיוו ווי זיך איינגעקאָרטשעט, ווי זיך אָפּגעשאָקלט פון דער שטים פון דער יידישער נאַציאָנאַלער סטיכיע, וואָס האָט אין אים פאַרבאָרגן געקלונגען. דאָס איז מיר אויסגעקומען פון אָנהייב אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך; אָבער גאָר גיך האָב איך גענומען פאַרשטיין פון וואַנען אין געגעבענעם פאַל „דער ווינט בלאָזט". סעמיאָן אַקימאָוויטש איז געווען באַאיינפלוסט פון די שטימונגען פון פּיאָטר לאַווראָוו.

לאַווראָוו וואָס האָט זיך געפילט „ביי זיך אין דער היים" הויפּט־זעכלעך אין דער ספערע פון גראַדליניקן אבסטראַקטן געדאַנק, האָט אָפּט גאַנץ לאַנג זיך געוואַקלט בנוגע פּראַקטישע פראַגן פון לעבן. אין עצם איז ער געווען אַ מענטש פון מאַרקסעס ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן איינהייטלעכע שטאַרק צענטראַליזירטע

אינטערנאַציאָנאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציע, אויסגעבויט לויטן מוסטער פון אַמאָליקע געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן צוגעגרייט די גרויסע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס. אָבער נאָכן צעפאַל פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג גענו־מען אויפלעבן זייער לאַנגזאַם און — אויף גאָר נייע וועגן. די באַזונ־דערע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע גרופּן זיינען צייטווייליק געווען פאַר טיק מיט זייערע „היימישע" ענינים, יעטווידע ביי זיך אין לאַנד, כדי שפּעטער, ווערנדיק אַרומגעוואַקסן מיטן פלייש און בלוט פון דער אָרגאַניזירטער מאַסנבאַוועגונג — צוריק זיך נעמען זוכן אַ נייע פאָרם פאַר דער פריערדיקער אַלוועלטלעכער פאַרבינדונג. דאָס איז שוין נישט געווען אַ דירעקטע אַלנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון באַזונדערע פערזאָנען און זייערע אָנהענגער, וואָס גרופּירן זיך אַרום זיי, — אַ פאַר־אייניקונג, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן א י ב ע ר די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן; דאָס איז שוין געווען אַ פאַרבאַנד פון גאַנץ באַשטימטע און פולשטענדיק אויספאָרמירטע אין זייערע נאַציאָנאַלע ראַ־מען נאַציאָנאַלע פאַרטייען, — דער פאַרבינדונג־פאָדים איז די ערשטע צייט געווען זייער און זייער אַ לויזער.

לויט זיין פּסיכיק איז לאַווראָוו געבליבן אַ מענטש פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, ער האָט לאַנג נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן פאַנאַנדער־פאַל זיינעם, געווען כסדר באַגייסטערט פון אים. אַנ־סקי האָט געקוקט אויף דער אויפלעבונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווי אויף אפשר אַן אומ־פאַרמיידלעכן, אָבער דאָך זייער נישט געראָטענעם קאָמפּראָמיס פאַרן גייסט פון דער צייט, — ווי אויף אַ טיילווייזע קאַפּיטולאַציע פון אינטערנאַציאָ־נאַליזם פאַרן נאַציאָנאַליזם. אומזיסט האָב איך מיט אים דיסקוטירט, אויפגעוויזן, אַז אַ מאָל מוז מען אָפּטרעטן אויף צוריק, כדי צו געווינען פּלאַץ אויף זיך פאַנאַנדערצולויפן, וואָס אַן דעם איז נישט מעגלעך אַ גרויסער שפּרונג פאָראויס. כעמיאַן האָט דאָס אַלץ געהאַלטן פאַר סאָפיסטיק.

איינמאָל האָט אונדזער וויכוח זיך פאַרשאַרפט נאָך צוליב פאָלגנדיקן פאַקט: אין לאָנדאָן איז אנטשטאַנען אַ יידישע גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף העברעיש. זי האָט זיך געווענדעט צו לאַווראָוון (פּונקט ווי דאָס האָט שפּעטער געטאָן די „אַגראַר־סאָציאַליסטישע ליגע") ער זאָל געבן עפּענטלעך זיין ברכה דרויף. זי האָב אָבער נישט געפונען ביי אים קיין סימפּאַטיע. דאָס האָט נישט געמיינט, אַז לאַווראָוו איז געווען אַן אָנהענגער פון נישט טאָלערירן „יידיש". לויט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען, האָט ער אויף יידיש געקוקט ווי אויף אַ „זשאַרגאָן" אַ פאַרקריפּלטן דייטש, און אויף העברעאיש — ווי אויף יידישן לאַטיין. לויט זיין מיינונג זיינען

ביידע שפּראַכן נישט געלעגן אויפן ברייטן שליאַך פון דער יידישער קולטורעלער אַנטוויקלונג, דאָס זיינען ביי אים געווען זייטיקע שטעגעלעך. אַ לאָגישער אויספיר דערפון וואָלט געקאָנט בלויז זיין — קאַטעגאָריש פאָדערן די יידן זאָלן שפּראַכלעך זיך אַסימילירן. אָבער אַזאַ לאָגישן אויספיר האָט לאווראָוו נישט געמאַכט, ער האָט דערין געזען — און מיט רעכט — אַ מין גייסטיקע פאַרגוואַלטיקונג פון אַ קליין פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אָבער אַ רייכע געשיכטע. ס׳איז פאַרבליבן אַ נישט אויסגעגלייכטע סתירה, וואָס איז נאָך פיל שווערער געווען בייצוקומען פאַר זיין טרייען שילער און פערזענלעכן סעקרעטאַר אַנ־סקין.

איינמאָל איז סעמיאָן צו מיר צוגעשטאַנען מיט אַ פאָדערונג פון אַ קאַטעגאָרישן ענטפער: ווי אַזוי וואָלט איך געלייזט פאַר זיך אָט די סתירה? איך האָב געענטפערט קורץ: אומעטום, וואו לאווראָוו האָט געזאָגט וועגן דעם ניין, האָב איך געזאָגט יאָ. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט רעגרעס נאָר פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיטן ערשטן. נישט אַדורכ־גייענדיק די פּאַזע פון „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג״ פון סאָציאַליזם אין די באַדינגונגען פון יעטווידן באַזונדערן לאַנד — וועט דער אינטער־נאַציאָנאַל בלייבן אַ קאָרטן־שטיבל. דער יידישער סאָציאַליזם דאַרף אַדורכגיין זיין פּעריאָד פון „נאַציאָנאַליזאַציע״. דער קריג צווישן העברעאיש און יידיש מאַכט דעם ענין מער קאָמפּליצירט. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? אפשר האָבן זיי ביידע אַ באַדן, איינע פאַר די אַשכנזים, די צווייטע — פאַר די ספרדים. איינע — פאַר צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע, די צווייטע — פאַרן אַזיאַטישן נאָענטן מזרח און די לענדער ביים מיטללענדישן ים, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן? ווען די יידן זיך צוריקקערן אין דער אַמאָליקער סעמיטישער סביבה — וועט העברעאיש זיך אַרויסרוקן. וועט נישט געלינגען אָדער ס׳וועט אַדורכפאַלן אַזאַ צוריקקער — וועט יידיש בלייבן קולטורעל די אַליינהערשערין. איך דאַרף זיך אין אַזאַ קריג נישט מישן, דאָס איז אַנ׳אינערליכער ענין פון די יידן גופא. סעמיאָן אקימאָוויטש איז נישט געווען גאַנץ צופרידן מיט אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע; אין יענער צייט האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון זשיטלאָווסקין, וואָס האָט לחלוטין פאַרוואָרפן העברעאיש און מאָנאָפּאָלי־זירט יידיש.

איך ווייס נישט ווי לאַנג אָט די ספקות און וואַקלענישן וואָלטן געדויערט ביי סעמיאָנען; אָבער אָט זיינען אָנגעקומען נייע געשעענישן, וואָס האָבן געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק און צערודערט דעם גאַנג פון זיינע „יידישע״ מחשבות. ס׳איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי; אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט די רוסלענדער פּאַרטיי, וואָס מיט איר אַנטשטיין איז

זי געווען אַ סך פאַרפּליכטעט דעם „בונד״, — נישט מסכּים געווען צו געבן דעם לעצטן פוילשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי, וועגן וואָס ס׳האָט זיך געפירט פריער אַ שאַרפע דיסקוסיע. סעמיאָן איז אין דער פראַגע מיטן גאַנצן האַרצן געווען אויף דער זייט פון „בונד״. אויך איך האָב דעמאָלט אין אַלגעמיינע שטריכן מסכּים געווען מיט אַנ־סקין, הגם מער אויף אַ פּלאַטאָנישן אופן, אַזוי צו זאָגן ווי אַ זייטיקער, בעת ער האָט צייטנווייז געפילט ווי אַ בונדישער פּאַטריאָט. ווי איך האָב אינגיכן זיך איבערצייגט, האָט אין דער הינזיכט געווירקט אויף אַנ־סקין ווי אויך אויף זיין פריינט זשיטלאָווסקין אַ נייער, אָבער זייער אַ היציקער און אויפריכטיקער יונגערמאַן, וואָס האָט געוואוינט אין בערן אונטערן נאָמען איסאַקאָוו: דאָס איז געווען דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער אין אונדזער סאָציאַליסטישער סביבה ליבער־גאָלדמאַן, וואָס האָט געענדיקט זיין לעבן קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ סאָוועטישער טורמע ערגעץ אין מיטל־אַזיע — דערשאָסן געוואָרן פון סטאַלינס תּלינים.

ליבער האָט נאָך פאַרשטאַנען די פּאָזיציע, וואָס ס׳האָבן פאַרנומען אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד. ארב. פּאַרטיי לענין און פּלעכאַנאָוו, ביידע באַהאַלטענע יאַקאָבינער אין האַרצן: פאַרברענטע צענטראַליסטן ווי זיי זיינען געווען, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן שלום מיט דער „בונדישער אייגנאַרטיקייט״. אָבער מאַרטאָוו און זיינע חברים? האָבן זיי דען ניט געדאַרפט אַרויסווייזן מער ברייטהאַרציקייט, בויגעוודיקייט און טאָלעראַנץ? האָט דען דאָס נישט געפאָדערט פון זיי אינערלעכע נייגונג צו דעמאָקראַטיזם, וואָס באַטייט אַכטונג צו די פּרינציפּן פון אויטאָנאָמיע און פעדעראַציע? זשיטלאָווסקי האָט נישט געזשאַלעוועט קיין צייט און קיין קרעפטן, כדי אונטערצופירן אונטערן אָרגאַניזאַציאָנעלן „בונט״ פון די בונדיסטן אַ מער טיפע און קאָנסעקווענטע אידעאָלאָגישע באַזע. איינע ווי איסאַקאָוו־ליבער, למשל, האָט ער געצוואונגען זיך צו פאַר־טראַכטן. אָבער אַנדערע, ווי, למשל, ליבערס אַלטער חבר גרישין (אונטער דעם פּסעוודאָנים האָט געוואוינט אין בערן אַ גוט באַקאַנט געוואָרענער שפּעטער בונדישער צענטראַלוויק קאָפּעלזאָן — „טימאָפעי״), האָבן פאַר קיין זאַך אַזוי נישט מורא געהאַט ווי — די „זשיטלאָווסקישע מגפה״ זאָל חלילה נישט אַריינדרינגען אין די בונדישע רייען. פון אונדזערע סימפּאַטיקער ביי דער בונדיסטישער יוגנט האָבן מיר געוואוסט, אַז גרישין־קאָפּעלזאָן, וואָס האָט שטאַרק געאַרבעט פאַר אַ פאַראייניקונג פון די פּלעכאַנאָווצעס מיט דער מער מעסיקער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״, — האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן פּלעכאַנאָוון ער זאָל גיין אויף כּלערליי קאָמפּראָמיסן מיט די „ראַבאָטשע־דעלצעס״, ווייל — „פאַר אונדז וואַקסט איצט אויס אַ נייער שונא, מיט

ווען סיי איינע, סיי די אַנדערע וועט אויסקומען צו פירן אַ סאָלידאַרן קאַמף; אָט דער שונא — דאָס זיינען די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן". אַנ־סקי מיט זשיטלאָווסקין האָבן פּשוט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: סטייטש, צוליב וואָס דאַרפן דאָס די פירער פון „בונד", וועלכע האָבן מצד די עס־ערן קיין שום שלעכטס נישט געזען, נאָר בלויז סימפּאַטיע פאַר דער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, — צוליב וואָס דאַרפן זיי דאָס מיט אַלע כוחות אַרבעטן פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע שאַטירונגען פון סאָציאַלדעמאָקראַטיזם, ספּעציעל כדי געמיינזאַם צו באַקעמפן די עס־ער?!

סעמיאָן אַקימאָוויטש צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקין האָבן גוואַלטיק זיך געקלאָגט אויף אַזאַ מין מאַנעווּרירן פון „בונד". זיי האָבן אויך זיך געקלאָגט אויף דער טאַקטיק פון די צוקונפטיקע מענשעוויקעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין פון די פּלעכאַנאָווצעס אין זייער אָנגריף אויפן בונדיסטישן אויטאָנאָמיזם. נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן זיי מיט טריאומף געקאָנט אויפווייזן: זעט — פון אָנהייב האָט די מענשעוויקעס קעגן די צוקינפטיקע באָלשעוויקעס געשטיצט אַ פריינטלעכע קאָאַליציע פון בונדיסטן, ראַבאָטשעדיעלצעס, טיילווייז אויך די גרופּע „יוזשני ראַבאָטשי", וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו זיי; אָבער די מענשעוויקעס האָבן זיי אַלעמען אָפּגעשטויסן פון זיך כדי איינצוהאַלטן דעם איינהייטלעכן פראָנט מיט דער פראַקציע פון לענין־פּלעכאַנאָוו; דעמאָלט האָט די בונדישע דעלע־גאַציע אַלס צייכן פון פּראָטעסט פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר, איבער־לאָזנדיק די מענשעוויקעס פּנים אל פּנים מיט דעם פּלעכאַנאָוו־לענינישן בלאָק, — ער זאָל זיי אויפפרעסן.

איך פערזענלעך מוז מודה זיין, אַז די אַלע רייסעניש אויפן צוזאַמענפאָר האָבן מיר קנאַפּוואָס אינטערעסירט. דער עקשנותדיקער פּאַנאַ־טיזם, קאָמפּראָמיסלאָזיקייט און סעקטאַנטישער גייסט פון דער דעמאָלט־דיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ספערע האָט פאַרכאַפּט אַלץ און אַלעמען גלייך ווי אַ מאַסן־עפּידעמיע. קעגן דער דאָזיקער „קינדערשער קרענק" פון דער סאָצ. דעמ. באַוועגונג זיינען געווען מאַכטלאָז כלערליי אַרגומענטן וועגן די מאָרגנדיקע אינטערעסן פון דער באַוועגונג אין גאַנצן. דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם האָט זיך כסדר געברעקלט אויף פראַקציעס, וואָס האָבן איינע די אַנדערע באַקעמפט מיט פלאַם און פייער; אָבער זאָל האָבן עמיצער פון די נישט אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן זיך אַריינגעמישט אין זייערע רייסענישן — זיינען גלייך אַלע זייערע פיילן, פון אַלע פראַקציעס געווען געווענדעט קעגן אָט די אַריינמישערס. האָבן מיר צוליב עפּעס אויסגעדריקט סימפּאַטיע די מענשעוויקעס — און זיי האָבן שוין איינגעזען אין אַזאַ סימפּאַטיע־אויסדרוק אַ קאָמפּראָמיטאַציע פאַר זיך; האָבן מיר

אין אונדזער אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאַיא ראָסיא" באַגריסט דעם "בונד" (צוליבן 25טן יובל־נומער פון דער „אַרבעטער־שטימע") — און די פירער פון „בונד" האָבן געאײַלט זיך צו רעהאַביליטירן אין די אויגן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט עפּעס אַ פּאָלעמישן אָנפאַל אויף אונדז.

אַנ־סקין האָבן גאָר גיך דערעסן די פּרוכטלאָזע פּרוּוון זיך צו דער־נעענטערן מיטן „בונד". אים האָט אויך סטימולירט דערצו די איניציאַטיוו פון אַלטן נאַראָדניק וואָלכאָווסקאַי, אַן אוקראַינער לויט זײַן אָפּשטאַם, — אַרויסצוגעבן אויף אוקראַיניש זײַן אייגענע בעלעטריסטישע פאָלקס־מעשהלע „וועגן אומגערעכטן צאַר", און בכלל אָנהייבן אַרבעטן אויף צו גרינדן אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן עס־ערישע ליטעראַטער אין דער אוקראַינישער שפּראַך. פון מײַן גאַנצן האַרצן האָב איך באַגריסט אַזאַ איניציאַטיוו. ווי נאָר די מעלדונג וועגן דעם איז דערשינען אין „רעוואָ־לוציאָנאַיא ראָסיא", — איז סעמיאָן אַרײַנגעשפּרונגען צו מיר אַן אויפ־געדעגטער: „פאַר וואָס זאָל די פּאַרטיי נישט אויסבילדן אַזאַ באַזונדערן פאָנד אויף אַרויסצוגעבן ליטעראַטור אויף יידיש?"

— „דאָס איז דערפאַר — האָב איך אים געענטפערט — ווייל אונדזערע עס־ערישע יידן טויגן אויף כפּרות: זיי טוען נישט אויף זייער געביט דאָס, וואָס עס האָט געקענט טאָן דער אײן־אײנציקער אוקראַינער וואָלכאָווסקאַי. מיט אַנדערע ווערטער — דאָס איז פריער פאַר אַלץ דײַן שולד און אויך זשיטלאָווסקיס".

— „צוליב אונדז וועט קיין אָפּהאַלט נישט זײַן, אָבער מיר דאַרפן וויסן, ווי וועט די פּאַרטיי זיך באַציען דערצו?"

— „און איך וועל ענטפערן: צוליב דער פּאַרטיי וועט קיין אָפּהאַלט נישט זײַן. שלאָפט נאָר נישט און נעמט זיך צו דער אַרבעט".

סעמיאָן האָט זיך ממש אָנגעצונדן מיט דער דאָזיקער אידייע. קענענדיק זײַן עקספּאַנסיוו, אָבער נישט דיסציפּלינירטן כאַראַקטער, האָבן מיר פאַר אים אויסגעזוכט זייער אַ טעטיקן און פּראַקטישן יידישן חבר, וואָס האָט געהייסן מיט אַ מאָדנעם נאָמען פאַר אַ יידן — טאַראַטוטאַ: זײַן רעוואָ־לוציאָנערער פּסעוודאָנים איז געווען אַ ביסל אַן ענלעכער נאָמען — „זאַראַ־טוסטראַ".

די אַרבעט איז אַוועק גאַנץ גוט. אינגיכן האָבן מיר אַרויסגעגעבן דריי אָדער פיר יידישע זאַמלביכער. מיר האָבן שטאַרק געהאָפט, אַז צוזאַמען מיט אַנ־סקין וועט מיטן גאַנצן האַרצן דאָ אַרבעטן אויך חיים זשיטלאָווסקי. צום באַדויערן אָבער, איז אַזוי נישט געשען. זשיטלאָווסקי איז בכלל געווען אַ מענטש מיט איניציאַטיוו, פלעגט פאַרמאָגן גאַנץ אינטערעסאַנטע אייגענע פּלענער און פּראָיעקטן. פלעגט ווערן מיטגעריסן אויך מיט פרעמדע פּלענער; אָבער ווי נאָר ער פלעגט זיך דערשלאָגן צו

אַ פּרינציפּיעלן הסכם, פלעגט ער גיך ווערן אָפּגעקילט און נעמען זוכן עמיצן, אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די גאַנצע משא פון אויספירן זיי. ער פלעגט קוקן אויף זיך ווי אויף אַ וועגווייזער, דאָס איבעריקע מעגן מאַכן אַנדערע, און ער — קאָן זיך נעמען צו זוכן נייע וועגן, אַרויסווייזן נייע איניציאַטיוו...

דערווייל האָבן די געשעענישן אין רוסלאַנד זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון 1905, און די פּאַרטיי האָט איבער־גענומען אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג „סין אָטיעטשעסטוואַ". איינער פון די ערשטע האָט זיך צו אונדז געמאָלדן אַנ־סקי (ער איז פון אויסלאַנד געקומען פריער פאַר אונדז), און מיר האָבן אים אַוועקגעשיקט אין דער פּראָווינץ ער זאָל אויספאָרשן און באַשרייבן דעם פּאָגראָם אין שעדלעץ, וועגן וואָס עס זיינען אָנגעקומען טעלעגראַפישע ידיעות. ער האָט די דאָזיקע אַרבעט אויסגעפירט גלענצענד; זיין סעריע קאָרעספּאָנדענצן האָט געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם, זיי האָבן בוכשטעבלעך אַלעמען דערשיטערט. נאָכדעם האָבן מיר אים אַוועקגעשיקט אויף אַ ברייטע רייזע איבער רוסלאַנד בכלל, מיר האָבן אים געגעבן די פולשטענדיקע פרייהייט אויס־צוקלייבן די ערטער און טעמעס; זאָל ער זיך פאַרטיפן אין די פאַרשיידענע שטרעמונגען פון אינערלעכן רוסישן לעבן, וואָס איז אָפּטמאָל פיל וויכטיקער ווי בכלל אויסלענדישע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ דער עיקר אויפן „אויבערפלאַך פון לעבן". אויב מיין זכרון פאַרפירט מיר נישט, האָט ער דעמאָלט זיך באַקענט מיט דער באַוועגונג פון די „יידישע" סעקטאַנטן, ווי מ'האָט זיי גערופן „זשידאָווסטוואויושטשיע" — „פּאַריידי־שטע" קריסטן; די דאָזיקע סעקטע האָט מיך זייער אינטערעסירט און אַנ־סקי האָט ביי זיי אויסגעפונען זייער פיל אינטערעסאַנטס.

אַנ־סקי אַ בעל־תשובה. — אין די לעצטע יאָרן פאַרן טויט

אין יענער צייט האָבן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און אויך פּערזענלעכע אומשטענדן אונדז ביידן צעשיידט אויף לאַנג, צעוואָרפן אין פאַרשיידענע זייטן: איך בין ווידער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אויסלאַנד אויף דער עמיגראַציע, אים איז געלונגען צו „בלייבן אינדערהיים", אויפן אויבערפלאַך פון דער לעגאַלער עקזיסטענץ. מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן בעת דער רעוואָלוציאָנערער שרפה 1917־1918. איינמאָל בלויז האָב איך פון דער צווייטער האַנט באַקומען אַ ידיעה וועגן אים; איינער פון אונדזערע פּאַרטיי־טוער מ. א. לעווין האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן אַנ־סקין אין ווילנע. דאָס איז געווען אין 1909־1910: ער

האָט דאָרטן געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור — דאָס איז געווען נאָך אַ לענגערער הפסקה — די ערשטע באַגעגעניש פון דער אַרטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט מיטן אייגענעם פּאָפּולערן שרייבער. מ׳האָט אים אויפגענומען פייערלעך, געהאַלטן באַגריסונג־רעדעס. ווי אַן ענטפער אויף די באַגריסונגען האָט אַנ־סקי גערעדט מיט דער שפּראַך פון אַ בעל־תשובה. ער האָט געבעטן מחילה דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן אָפּגעגעבן די „גויים״; ער האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז אפילו אין יענע יאָרן, ווען ער איז געווען גאַנץ ווייניק פאַרבונדן מיט דער איינגטלעכער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט דער יידישער פאָלקס־נשמה, אויף ווי ווייט זי ליגט טיף אין יידישן פאָלקלאָר. (דאָס איז געווען אמת, און פאַר זיין שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּיעסע דער „דיבוק״, האָט ער בלי ספק באַקומען אָנרעגונג און זי צוגעגרייט אַ דאַנק זיינע פאָר־שונגען און זוכענישן אויפן געביט פון דער יידישער פאָלקלאָריסטיק). צום באַדויערן, האָט זיין געוויינלעכער אימפּרעסיאָניזם, וואָס איז געווען אַזוי טיפּיש פאַר זיין געדאַנקען־גאַנג, געשאַפן ביי געוויסע צוהערער זיינע אין ווילנע אַן איינדרוק, דאָס ער האָט חרטה אויף דעם עסערישן פּעריאָד פון זיין לעבן. דאָס איז געווען אַ טעות: ווי מ׳האָט געקאָנט פאַרשטיין, האָט די חרטה זיך באַצויגן צו יענעם פּעריאָד פאַר דער אַנט־שטייאונג פון דער ס. ר. פּאַרטיי און מסתמא אויך אין אָנהייב פון איר אַנטשטייאונג, ווען ער איז געווען באַהערשט פון אַבסטראַקטן „קאָסמאָ־פּאָליטישן״ אינטערנאַציאָנאַליזם; ער האָט פאַרשטעלט פאַר אים די לעבנס־פּערספּעקטיוון פון סאָציאַליזם, וואָס איז אַריין אין בלוט און פלייש פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און זיין קולטור. גראָד אין ס.ר.ישען פּעריאָד פון זיין לעבן האָט אַנ־סקי צוריק געפונען אָט די פּערספּעקטיוון און האָט צום ערשטן מאָל פּרובירט טאָן אַרבעט אין ליכט פון די דאָזיקע פּערספּעקטיוון. דאָס שטימט מיט דער גאַנצער ווייטערדיקער פּאָליטישער געשיכטע פון זיין לעבן.

אין 1915 האָב איך באַקומען ידיעות, אַז מ׳האָט אים געזען אין דער אוניפאָרם פון אַ „זעמגוסאַר״, ווי מ׳האָט איראָניש גערופן די פאַר־שטייער פון די אָרגאַניזירטע זעמסטוועס און פון די שטעט, וואָס האָבן געפירט געזעלשאַפטלעכע הילפסאַרבעט אויפן מלחמה־פראָנט; אין 1917 האָט ער בעת די וואַלן צום פּעטראָגראַדער שטאָטראַט קאַנדידירט פאַר אַ ראַטמאַן פון דער עסערישער פּאַרטיי. ער איז דעמאָלט געווען דער זעלביקער פעסטער און איבערצייגטער ס.ר.; ער האָט זיך דעמאָלט אַרומ־געטראָגן מיט אַ נייער אידייע (ניי פאַר זיינע חברים־ראַטמענער, אָבער נישט פאַר מיר) — שאַפן אַ באַזונדערע יידישע פּאַרטיי, וואָס זאָל גייסטיק

האָבן די זעלבע באַציאונגען מיט דער ס.ר. פּאַרטיי, ווי אַמאָל דער „בונד" — מיט דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי; ער האָט געהאַלטן, אַז וויבאַלד דער ריין־אינדוסטריעלער יידישער פּראָלעטאַריאָט איז זייער קליין און איז דורכגעפלאָכטן מיטן „קליינעם מענטשן" פון האַנטווערק, מיט די האַלב־פּראָלעטאַריער פון די האַנדל־ און פּאַרמיטלונג־שיכטן, — איז נאָר די פּאַרטיי ס.ר. בכוח צוגעבן דעם רוסישן יידנטום אַ ברייטע „אַרבעטער"־פּראָגראַם אָנשטאָט די שמאָלע און ענגע פּרעמדע מונדירן, אין וועלכע, לויט זיין מיינונג, די אָרטאָדאָקסן פון אורבאַניסטישן און „אינדוסטריע־צענטריסטישן" מאַרקסיזם האָבן אַריינגעשטופּט דעם יידישן גוף און די יידישע נשמה...

ווידעראַמאָל אויף דער ליסטע פון דער פּאַרטיי ס.ר. איז סעמיאָן אַדורך אין דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג. דאָרטן האָט ער געצייטערט איבערן גורל פון דער יידן־פּראַגע, אויף וויפל זי וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אין דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג. ער האָט געשמועסט מיט אַ גאַנצער ריי יידישע דעפּוטאַטן וועגן אַרויסטרעטן מיט אַ ספּעציעלער יידישער דעק־לאַראַציע. מיט מיר איז אים אויף דער דאָזיקער טעמע נישט אויסגעקומען צו ריידן. מיט גרויס אויפרעגונג האָט ער אויסגעהערט מיין עפּענונג־רעדע פון אַ פּאַרזיצער. דאָס, וואָס מ'האָט מיר שפּעטער דערציילט וועגן איינדרוק, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון מיין רעדע, האָט מיר געצוואונגען דאָ נישט לאַנג זיך צו גריבלען אין דער ניו־יאָרקער עפנטלעכער ביבליאָ־טעק, וואו איך האָב אויסגעזוכט גאָר אַ זעלטענעם דאָקומענט — דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פון ערשטן טאָג פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג (פּעטראָגראַד, 1918), וועגן בירגער־קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און וואָס האָט געבראַכט צו צוזאַמענשטויסן צווישן פּאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן פון רוסלאַנד, האָב איך אָט וואָס דערקלערט אין מיין עפענונג־רעדע:

„מיטן פאַקט אַליין פון דער עפענונג פון דער גרינדונג־פּאַרזאַמלונג ווערט פּראָקלאַמירט דער סוף פון אַ בירגער־קריג צווישן די פעלקער, וואָס באַוואוינען רוסלאַנד"; עס קאָן מער נישט זיין קיין מורא, אַז „די האַנט פון אַ סאָלדאַט אַ וועליקאָראָס, אַ פויער אין גראָען שינעל, זאָל זיך אויפהויבן אויף אַן אוקראַינישן פויער, וואָס טראָגט אויך אַזאַ גראָען שינעל (אַפּלאָדיסמענטן אין צענטער און רעכטס, שטימען: „זאָל לעבן אוקראַינע!"). כל זמן די גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג איז די העכסטע מאַכט פון דער רעפּובליק, קענען אויך די קאָזאַקן־האַרעפּאַשניקעס און די קינדער פון פרייען דאָן זיין זיכער, אַז זייערע רעכט און פרייהייט דראָט קיין שום סכנה פון אַ סאָלדאַט אַ וועליקאָראָס". „די מוסולמענישע באַפעלקערונג, סיי די, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע, סיי די, וואָס איז

צושפּרייט ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט — קען דערוואַרטן, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט אָנערקענען אירע סוּאוועוענע רעכט, ווי פון יעטווידער אַנדער נאַציאָנאַליטעט״.

„...און לסוף, בירגער, דערלויבט מיר דאָס זעלביקע צו זאָגן וועגן יענעם שטיפקינד־„פאָלק״, דאָס פאָלק, וואָס ווערט געדודפּט מער פון אַלע; דאָס פאָלק, וואָס איז ביז איצט אַ שעיר לעזאזל פאַר די עקספּלואַ־טאַטאָרן פון דער גאַנצער וועלט. אויף דעם דאָזיקן פאָלק האָט מען געפּרואווט אויסגיסן די גאַנצע אומצופרידנקייט און דעם גאַנצן צאָרן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס מ׳קאָן צו אַן אַנדער פאָלק אויף אַ געזעצלעכן וועג נישט אָנווענדן: ווייל ביי אַלע פעלקער אָן אויסנאַם זיינען די אַרבעטנדיקע מאַסן די ווייט גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג. אויך דאָס יידישע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע טעריטאָריע, וועט אין די גרענעצן פון דער רוסישער רעפּובליק האָבן דאָס גלייכע רעכט ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויסצובילדן זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען פאַר אַליינפאַרוואַלטונג און אַרויסזאָגן דאָרטן זייער ווילן פון אַרבעטנדיקע!״

אויסהערנדיק די רעדע האָט סעמיאָן געזאָגט: „קיין שום באַזונדערע ריין־פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציע פון די יידן — איז מער נישט נויטיק. אַלץ, וואָס מיר דאַרפן, אַלץ, אויף וואָס מיר האָבן רעכט איז שוין געזאָגט געוואָרן, — געזאָגט געוואָרן אָפן, קאַטעגאָריש, אַזוי אַז מער דאַרף מען נישט. דעם פּראָיעקט פון מיין דעקלאַראַציע לייג איך אַוועק אין מיין אַרכיוו״.

ס׳וואָלט דאָך געווען אינטערעסאַנט אויפצוזוכן אָט דעם פּראָיעקט פון אַנ־סקיס דעקלאַראַציע, אויב ער געפינט זיך וואו נישט איז. ער וועט בלייבן ווי איינער פון די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פון דער קולטור־פּאָליטישער געשיכטע פון סאָציאַליסטישן אַוואַנגאַרד פון יידנטום אויף דער גרענעץ צווישן קורצן פּעריאָד פון פרייען רוסלאַנד, — יענער רוסלאַנד פונעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט אין דער לאַנגער געשיכטע פון דיקטאַטאָרישן, טאָטאַליטאַרן רוסלאַנד.

נאָך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָב איך זיך מיט אַנ־סקין געזען נאָר איין מאָל, אויף דער דירה פון איינעם פון זיינע נאָענטסטע פריינט; דאָס איז געווען גאָרנישט אַזאַ זיכערער שוץ־אָרט, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר מיר אין איינעם פון יענע צייט־פּעריאָדן, ווען די ניי־געבילדעטע „טשעקאַ״ האָט מיך אַרומגעזוכט איבער גאַנץ פּעטראָגראַד, געגישטערט יעטווידן ווינקל, וואו נאָר איך האָב געקענט זיין.

די עפּאָכע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר מיט אונדזער שכל און מיט אונדזערע געפילן איבערגעלעבט פאַרשיידן. ער האָט

געהערט צו די עקסטרעמע „אָבאָראָנצעס״, איך בין געווען אַ „צימער־וואַלדיסט״. אָבער די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט אונדז אַלעמען אויסגעגליכן. מיין באַגעגעניש מיט סעמיאָנען איז געווען זייער רירנד. אָבער נאָכמער רירנד איז פֿאַר מיר געווען די דערציילונג פֿון אונדזער אַן אַלטן פּאַרטיי־חבר, אַ דרוקער, — וועגן דעם, ווי ווייט טריי־איבער־געגעבן און אָן שום מורא אַנ־סקי האָט אים געהאָלפֿן צו ראַטעווען אונדזער ליטעראַטור־סקלאַד און אונדזערע דרוקעריי־מכשירים אין יענע טעג, ווען די באָלשעוויקעס, דערמונטערט פֿון זייער דערפֿאָלג מיטן פֿאַנאַנדער־טרייבן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע קרעפֿטן אויף אויסצואוואָרצלען אין דער הויפּטשטאָט אַלץ, וואָס עס איז נאָך געבליבן פֿון יענער ליכטיקער, אָבער אַזוי קורצער עפּאָכע, ווען דאָרטן האָט באַהערשט די מוחות די פּאַרטיי ס.ר. —

איליא רובאַנאָוויטש



איליא רובאַנאָוויטש
(1859 — 1922)

אַ פראַנצויז פון אָדעס. — מעשה לעוו טיכאָמיראָוו

ווען איך בין צום ערשטן מאָל — אין 1900 — געקומען קיין פּאַריז, האָבן זייער פיל פון די נייע באַקאַנטע געוויינטלעך מיר געגעבן פאַנאַנדער־פרעגן: נו וואָס, האָט איר שוין באַוויזן צו זיין אין אַלע „הייליקע ערטער", באַקוקן אַלע לעבעדיקע „הייליקע בילדער"? איינמאָל האָט מיר אַ ביסל דערשטויִנט אַזאַ פראַגע: און אונדזער נייע ליכט — דעם „פראַנצויז פון אָדעס" האָט איר שוין אויך געזען?

איך האָב נישט גלייך פאַרשטאַנען וועגן וועמען מ׳רעדט דאָ. ס׳האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונטער דעם דאָזיקן צונעמעניש האָבן די עמיגראַנטן געמיינט איינעם פון די איינפלוסרייכסטע, אויב נישט דעם איינפלוסרייכסטן פון די אָרטיקע נאַראָדאָוואָלצעס, עליאַש אָדער ווי עס קלינגט אויף רוסיש איליא אַדאָלפאָוויטש רובאַנאָוויטש. זיין פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע ביאָגראַפיע איז נישט געווען באַדעקט מיט עפּעס אַ באַזונדערן אָרעאָל: אַן אומבאַקאַנטער עמיגראַנט פון רוסלאַנד, האָט ער אַליין מיט זיינע אייגענע כוחות אויסשליסלעך, מיט זיינע פעאיקייטן און טאַלאַנט, זיך אַרויפגעאַרבעט שוין אין אויסלאַנד. ביז דעמאָלט איז ער נאָך גאָר אַ יונגער בחור געווען פאַרבונדן מיט דער נאַראָדאָוואָלטשעסקער אָרגאַניזאַציע אין אָדעס, אָנהייב די 80קער יאָרן. ס'האָט אים אַרעסטירט דער מיליטערישער פּראָקוראָר סטרעלניקאָוו, מיט וועמען ס'האָט דעמאָלט געקלונגען גאַנץ רוסלאַנד און וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ברוטאַליטעט און גרויזאַמקייט (צום סוף פון יענעם יאָרצענטליק איז ער פאַר זיין ברוטאַלקייט טאַקע געפאַלן פון די הענט פון אַ טעראָריסט). חוץ אַלעמען איז נאָך סטרעלניקאָוו געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט. ווי אַ פּראָקוראָר האָט סטרעלניקאָוו זיך געהאַלטן ביי זיין דעוויז: „בעסער כאַפּן און באַשטראָפן אַ צענטליק אומשולדיקע, איידער אַרויסלאָזן איין שולדיקן". ער האָט שוין לאַנג זיך געקליבן, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, אויסצומייסטרעווען „אַ גרויסן פּאָליטישן פּראָצעס, וואָס זאָל שמעקן מיט קנאַבל", און האָט געמיינט, אַ רובאַנאָוויטש וועט זיין די פּאַסיקע צענטראַלע פיגור פאַר אַזאַ פּראָצעס.

דער אַרעסטירטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ „האַרטער נוס", איבער וועלכן ער האָט צובראָכן נישט איין צאָן. חוץ דעם איז נאָך רובאַנאָוויטש געווען אַ געבוירענער אין פראַנקרייך, לויט זיינע דאָקומענטן אַ פראַנצויזישער בירגער. און גראָד אין יענער צייט האָט שטרענג געהיים זיך גענומען אויספּיקן אַ פראַנצויזיש־רוסישע דערנענטערונג, פון וואָס ס'איז שפּעטער אויסגעפאָרמירט געוואָרן אַן אמתער פראַנצויזיש־רוסישער בונד, געווענדעט מיט זיין גאַנצן שאַרפן שפּיץ קעגן דייטשלאַנד. מ'האָט אין דער שטיל צוגעגרייט דעמאָלט דעם באָדן פאַר אַזאַ דערנענטערונג, געטאַפּט דעם דופק פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איר אַוואַנגאַרד האָט בכלל גענומען געהאַט גאַנץ ווייניק חשק צו אַזאַ דערנענטערונג; ס'האָט זיך געפאָדערט דעריבער פון דער צאַרישער רעגירונג אַ סך פאָרזיכטיקייט און טאַקט, נישט „רייצן די געגנדז", נישט שאָקירן די פראַנצויזישע עפנטלעכע מיינונג מיט אַ געריכט־סקאַנדאַל און דערצו נאָך מיט אַ פראַנצויזישן בירגער ווי אַ צענטראַלע פיגור פון אַזאַ פּראָצעס. די צאַרישע רעגירונג האָט געגעבן צו וויסן סטרעלניקאָוון — ער זאָל זיך ווייט נישט פאַרגאַלאָפּירן.

און סטרעלניקאָוו נעבעך האָט מיט אַ שווער געמיט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זיין ברייטן פּלאַן און זיך באַגנוגענען בלויז מיט אַרויסשיקן רובאַנאָוויטשן פון רוסלאַנד אין משך פון 24 שעה. — ס'האָט געהייסן ווי אַ „נישט געוואונטשענעם אויסלענדער"...

אין רוסלאַנד האָב איך גאָרנישט געהערט נישט וועגן רובאַנאָוויטשן גופא נישט וועגן זיין פּראָצעס. אָבער צווישן די נאַראָדאָוואָלצעס אויף דער עמיגראַציע איז ער אויסגעוואַקסן ווי אַן ערשטקלאַסיקע פיגור, און ווי דאָס האָט מיר שפּעטער אויפגעקלערט ש. אַנ־סקי, — אַדאַנק דער אויסערגעוויינטלעכער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אינעם גאַנצן ענין וועגן פאַרראַט פון לעוו טיכאָמיראָוו.

צו אונדז, צו דער יונגער „גענעראַציע רעוואָלוציאָנערן פון די 90קער יאָרן" — האָבן געקענט דערגיין בלויז שטאַרק פאַרנעפּלטע און אָפּגעריסענע קלאַנגען וועגן דער אנטשטייאונג און ליקווידירונג פון אַ „טיכאָמיראָוו־פּראָצעס", — נאָך ווייניקער האָבן מיר געקאָנט וויסן וועגן די עמיגראַנטישע קאָנפליקטן, אָפּשפּליטערונגען, קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען, אויסשליסונגען און באַזייטיקונגען, מיט וואָס ס'איז געווען אַזוי רייך יענע צייט פון דעמאָראַליזאַציע און דעקאַדאַנס און וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן טיכאָמיראָוו־פּראָצעס. צווישן „אונדז" און „זיי" איז שוין דעמאָלט געווען אַן „אייזערנער פאָרהאַנג", אמת, פון דער צאַרישער פאַבריקאַציע, אַ פאַרזשאַווערטער פון אַלטקייט, אָבער דאָך האָט ער דערווייל זיך נאָך שטאַרק געהאַלטן. מיר האָבן געוואוסט נאָר איין זאַך: אַ מענטש מיט אַ גלענצנדיקער רעוואָלוציאָנערער רעפּוטאַציע, אַ פריינט פון זשעליאַבאָוון און אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוון, און ווי מען האָט נאָך געשמועסט סאָפיע פּעראָווסקאַיאַס אַ חתן — לעוו טיכאָמיראָוו, האָט פּלוצלונג „פאַרברענט אַלץ צו וואָס ער האָט זיך געבוקט": ער האָט עפּנטלעך זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָלוציע, איז דורך דעם באַרימטן באַזיגער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא" פאָן פּלעווע און פון אַלעמען פאַרהאַסטן אויבערשפּיאָן און פּראָוואָקאַטאָר ראַטשקאָווסקי — געפאַלן צו די פיס פון צאַר און געבעטן ביי אים מחילה... אָט מיט דער סענסאַציע האָבן לאַנג זיך אַרומגעטראָגן אין רוסלאַנד אַלע פאַרביסנסטע רעאַקציאָנערן און געטאַנצט פאַר שמחה. און מיר, די יונגוואַרג פון גימנאַזיע און אוניווערסיטעט, האָבן געקאָנט בלויז הילפלאָז בייסן די פינגער פון ווייטיק, — האָבן איבערגעלעבט אַזאַ שוואַרצע בשורה ווי אַ ביטערן פּערזענלעכן אומגליק...

מיר האָבן געלייענט די אַרטיקלען פון טיכאָמיראָוו דעם „בעל תשובה"... באַזונדערס זיינען געבליבן אין זכרון זיינע „סאָציאַלע מיראַזשן פון אונדזער צייט" אין נעאָ־רעאַקציאָנערן זשורנאַל „רוסקאַיאַ אָבאָזרעניע", וואָס האָט געפּרוואווט אַריינגיסן נייעם וויין אין די אַלטע פעסער פון

קאַטקאָווס „רוסקי וויעסטניק״. דאָ זיינען געווען בליצן פון טיכאָמיראָווס אַמאָליקן טאַלאַנט; אמת, מ׳האָט נישט געקאָנט געפינען קיין שפּור פון יענעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן ס׳פלעגן זיין אַזוי אָנגעגליט זיינע אַרטיקלען־פּראָקלאַמאַציעס, אַרטיקלען־מאַניפעסטן; זיין סטיל איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בייסיקער איראָניע, מיט גיפטיקער ביטערניש, אָבער דאָך האָט זיך געפילט די אויפריכטיקייט פון שווערער אַנטוישונג. אָן שום ספק: דאָס איז געווען אַ שווערער פאַל פון מאָראַלישן באַנקראָט; און אָט דער דאָזיקער באַנקראָט, פון אָנהייב אפשר אַן אומגליקלעכער און פיינלעכער, האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בייזוויליקן...

מ׳האָט געפּרואווט צונעמען ביי אונדז אַלץ, פון וואָס אונדזער לעבן האָט געקאָנט שעפּן זין און אָנהאַלט: אַלע פּערספּעקטיוון פון פּראָגרעס און פרייהייט, אַלע שטרעבונגען צו סאָלידאַריטעט און צווישן־פּערזענלעכע און צווישן־נאַציאָנאַלע באַציאונגען, אַלע האָפענונגען אויף דער אַנטוויקלונג פון אַ פרייער האַרמאָנישער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט און איר מאָראַלישער ווערדע, מיט איין וואָרט — דאָס „פאַרמענטשלעכן די מענטשלעכקייט״. איבערגעלאָזן בלויז איין וועג — צוריק צו פרייוויליקער פאַרשקלאַפונג ביים פּאַטריאַרכאַלן פּרימיטיוויזם פון דער צאַרישער אַליינהערשאַפט, צו אַ גייסטיקן שלאָף אינעם טשאַד פון דער קירכלעכער צבועטסטווע, צו אייפערזיכטיקן, אין זיך פאַרליבטן שמאָלן נאַציאָנאַליזם, וואָס זונדערט זיך אָפּ פון דער איבעריקער מענטשהייט.

און ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין 1899 האָב איך נאָך אַלץ מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ שווערע מאָראַלישע משא: „די רעטעניש פון לעוו טיכאָמיראָוו״, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט פּותר זיין. אָבער אויך אין אויסלאַנד האָב איך לאַנג נישט געקאָנט געפינען אַן אויפקלערונג פון דער דאָזיקער רעטעניש, וואָס האָט מיך געפּייניקט. אויך פּיאָטר לאַוורָאָוו האָט וואַרשיינלעך גלייך נישט געקאָנט געפינען קיין אַנטשיידונג, — ער, דער גרויסער דענקער, אַן אמתער מאָן־בלאָן פון וויסנשאַפט. מיטן דאָזיקן פּראָבלעם האָט זיך לאַנג געפּייניקט פּאָלאָנסקאַיאַ, רובאַנאָוויטשעס פאַרשטאָרבענע פרוי, אַ מענטש מיט אַנ׳אויסערגעוויינטלעכן כאַראַקטער און אַ שאַרף קריטישן און סקעפּטישן שכל; זי איז געווען דער לעצטער מיטגליד אויף דער פרייי פון באַרימטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. אָבער שיער נישט דער איינציקער, פאַר וועמען ס׳האָט פון אָנהייב אָן נישט עקסיסטירט קיין שום „רעטעניש טיכאָמיראָוו״ איז געווען — רובאַנאָוויטש. ער האָט דער ערשטער, אָן שום וואַקלענישן דערקענט אונטער טיכאָמיראָווס רעוואָלוציאָנערן אָרעאָל אַן עכט פּראָזאַאישן באַלעבאַטישן מענטשל, וואָס האָט געלעבט מיט אַ שיינער אילוזיע, וואָס איז געווען האָפענונגסלאָז צעשראָקן אויך גייסטיק

צעקאַלעטשעט נאָך אין טורמע, — און נאָכן פּאַגראָמירן די „נאַראָדנאיא וואָליא" איז ער געבליבן איינער אַליין פּנים אל פּנים מיט זיין פּחדנות, אייגנליבע און פאַרשימלטער צביעות, וואָס איז געלעגן טיף באַהאַלטן אין זיין נשמה. באַוואָפנט מיט אַזאַ טרעפלעכער כאַראַקטעריסטיק פון טיכאָ־מיראָוון, גראַדליניק אין זיין ציל: אים גרינטלעך צו קאָמפּראָמיטירן און אַראָפּרייסן די פאַלשע קרוין פון זיין קאָפּ, — האָט רובאַנאָוויטש מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער דרייסטקייט אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן טיכאָמיראָוון, וואָס האָט זיך נאָך געוואָקלט און זיך פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון צווייִדייטיקייטן; דער קאַמף האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין אַן אמתן פּאָליטישן דועל. רובאַנאָוויטש האָט מיט זיין אַרויספאָדערנדיקן אָנגריף געצוואונגען טיכאָמיראָוון — ער זאָל אַליין אַראָפּנעמען די מאַסקע פון פּנים און ריידן קלאָרע דיבורים, נישט האַלבע ווערטער, נישט פאַר־נעפּלטע צווייִדייטיקע רמזים, מיט וואָס ער פלעגט ביז איצט אַריינברענגען אַ צעטומלעניש אין די רייען פון דער יונגער, אידעאיש נישט איבעריקס פעסטער און זיכערער נאַראָדאָוואָלטשעסקער פעריפעריע. וואָס שייך די עלעמענטן, וואָס זיינען געבליבן טריי דער רעוואָלוציע, וואָס זיינען אָבער געוועזן אַנטוואָפנט צוליב דער פיעטעט צו אַ מענטשן, וואָס איז געווען באַרימט ווי אַ פּאָטענטירטער אידעאָלאָג פון דער נאַראָדאָוואָלטשעסטווע, — האָט רובאַנאָוויטש זיי אַלעמען בּיסלעכוויז אָנגעשטעקט מיט זיין אייגענער שטאַנדהאַפטיקייט און עקשנות און אומברחמנותדיקער לאָגיק.

דער לייענער וועט לייכט פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ שפּאַנענדיקן אינטערעס איך בין געגאַנגען זיך באַקענען מיט אַ מענטשן פון אַזאַ קאַליבער, כדי צו באַשטימען די מאָס פון זיין ווערט פאַר אונדזער צוקונפטי־קער אַרבעט.

זיין אויסערלעכער אויסזען האָט גלייך פון ערשטן בליק געמאַכט אויף מיר אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. אַ מאַסיווע הויכע פיגור, וואָס ווייזט אויף פיזישער קראַפט; ענערגישע האַלטונג; אין טאָן, אין זשעסט, אין טריט, אין אַלע באַוועגונגען — אַ זיכערע און רואיקע פעסטקייט, מאָמענטנווייז איבערגעריסן מיט ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. אַ גוט פאַר־מירטער קאָפּ, איינגערוימט אין אַ פעך־שוואַרצע שעוועלורע האָר, אַ קין, וואָס דריקט אויס כאַראַקטער און שאַרפן ווילן, אַ פיין געשניטענער שטערן. בכלל — איינער פון די שענסטע יידישע טיפּן, וואָס בעטן זיך פאַר אַ מאָדעל צו אַ בילד פון אַ שאול, אַ בר כוכבא, און אפשר אויך פאַר אַ שמשון הגבור. לויט די מאַנערן — אַן עכטער אויסלענדער. מ׳קאָן גאַנץ לייכט אים אָננעמען פאַר אַ פראַנצויז פון דרום, פון יענע, וואָס זיינען געבוירענע רעדנער; אַזאַ איז ער טאַקע לויט זיינע אָראַטאָרישע מאַניערן, וואָס זיינען פאַר מיר געווען גאָר ניי. איך האָב שוין נישט געהאַט וואָס צו פרעגן,

פון וואַנען עס שטאַמט דער איראָנישער צונעמעניש „אַ פּראַנצויז פון אָדעס“. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע קלינגענדיקע שטים, מיט אַ מעטאַל־האַרטן טעמבר, וואָס איז מער פון אַלץ צוגעפּאַסט צו „העראָיק“, צו דראַ־מאַטישער געהויבנקייט, מיט אַ ריטערלעכער ניואַנסירונג.

פאַר דער צייט פון אונדזער גאַנצן שמועס כמעט האָט רובאַנאָוויטש זיך באַמיט אויסצומיידן צו ריידן וועגן זיך אַליין, ווי ער וואָלט נאָר געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אינעם „ענין טיכאָמיראָוו“, אָבער אויך פאַר מיר גופא האָט דער דאָזיקער ענין ביסלעכווייז זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און לסוף אינגאַנצן פאַרשטעלט געוואָרן מיט דער אַטלעטישער פיגור פון מיין מיטשמועסער און דערציילער, וואָס איז פאַר מיר אויסגעוואקסן אין איר גאַנצער גרויס. שילדערנדיק זיין קעגנער, האָט ער ניט ווילנדיק אַרויסגעוויזן זיך אַליין. הערנדיק זיין היציקע, פליסיקע און צוגלייך שאַרף געשליפענע רעדע, האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַן׳אייגנאַרטיקער און אינטערעסאַנטער צוזאַמענגוס — דאָ איז דער עכטער אומברחמנותדיק־גראָדליניקער אַנאַליטישער פּסיכאָלאָגיזם פון רוסישן סטיל; דאָ איז אויך פאַראַן די נערוועזע ליידנשאַפטלעכקייט פון ייד. ניין, נישט בלויז אויפן פּראָקוראָר־שטול, נאָר אויך אויף דער פּאַרלאַמענט־טריבונע וואָלטן די היציקע שטראָף־רייד פון אַזאַ עכטן פאָלקס־טריבון געמאַכט דעם שענסטן און זאַפטיקסטן איינדרוק. נישט אומזיסט האָט מען צווישן די פּראַנצויזישע חברים און אויך ביי אונדז גערעדט פיל מאָל וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור פאַר אַ דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט. ער פלעגט קעגן דעם אַפּאָנירן: „דערצו — פלעגט ער זאָגן — וואָלט איך געדאַרפט ווערן אויסשליסלעך אַ פּראַנצויז, ליקווידירן אין זיך אָט דעם צווייטן „איך“ מיינעם, דעם רוסישן, און דאָס וועל איך נישט קענען, פּונקט ווי איך וואָלט נישט געקאָנט אויסמעקן דאָס אָרגאַניש־פּראַנצויזישע. און ס׳איז אַנטשטאַנען ביי אונדז אַ געדאַנק: ביי זיינע ברייטע פּראַנצויזישע פאַרבינדונגען, ביי זיין גאַנצן לעבנס־סטיל פון אַן אויסלענדער, שוין נישט ריידנדיק וועגן זיין טעמפּעראַמענט און טאַלאַנט — צי איז ער נישט באַשטימט פון דער נאַטור אַליין צו ווערן דער אויסלענדישער אַמבאַסאַדאָר, אָדער אויב איר ווילט דער אויסערן־מיניסטער פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע? אָט פאַר וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן רובאַנאָוויטשן ווען מיכאיל ראַפּאַילאָוויטש גאָץ איז פּלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן אין איטאַליע, וואוהין ער איז געקומען זיך זען מיט זיין פאָטער; די צאַרישע רעגירונג האָט געפאָדערט אַרויסגעבן אים אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אומדירעקטן אָנטייל אין דערמאָרדן פאַרשיידענע פאַרשטייער פון דער מאַכט. רובאַנאָוויטש האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן פאַר דער איטאַליענישער פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכקייט און באַזונדערס פאַר די איטאַליענישע

סאָציאַליסטן אין דער ראָל פון אונדזער אויסערגעוויינלעכן אַמבאַסאַדאָר. מיר האָבן געזען ווי גלענצנדיק ער האָט אויסגעפירט אָט די מיסיע זיינע. די ערשטע פּראָבע איז געלונגען און דאָס איז אייגנטלעך געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר זיין ווייטערדיקן אַוואַנסירן אויפן דאָזיקן געביט.

דער אויסלענדישער אַמבאַסאַדאָר פון דער רעוואָלוציע

אָפּגעבנדיק זיך ספּעציעל מיט פּראָבלעמען פון דער „אויסלענדישער פּאָליטיק פון רוסישן סאָציאַליזם", האָט רובאַנאָוויטש גענומען פאַר זיין לאָגישן אויסגאַנג־פּונקט דעם „אַלוועלטלעך־היסטאָרישן געזעץ פון דער אַנטוויקלונג פון די נאַציעס"; ער האָט דאָס דעפינירט ווי אַ „געזעץ פון דער פּראָגרעסירנדיקער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון זייער גאַנצן לעבן". מען דאַרף נאָר נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַוועק די צייט ווען דער דאָזיקער פּראָצעס פון אינטערנאַציאָנאַליזאַציע איז געגאַנגען מיט אַזאַ וועג, אַז די טיפע נאַציאָנאַלע וואָרצלען פון די אינטע־לעקטועלע שפּיצן אין דער געזעלשאַפטלעכער פּיראַמידע פלעגן ביסלעכ־ווייז אָפּשטאַרבן. אַזאַ אָפּשטאַרבן וואָלט געשאַפן בלויז אַן אויבערפלעכלעך־קינסטלעכן „קאָסמאָפּאָליטיזם" פון די העכערע בעסער סיטואירטע שיכטן, פון „סאָציאַלן בעל־עטאזש". דער געזונטער רוקנביין פון אַ נאַציע צייט זיין יניקה פון אָרגאַנישן טראַנספאָרמירן זיין קולטור־אינווענטאַר, אָבער נישט פון זיין אויסגעליידיקטקייט און מאָגערקייט. די גרענעצן גופא פון דער „נאַציאָנאַליטעט" האָבן די גאַנצע צייט זיך אויסגעברייטערט. אין מזרח־אייראָפּע איז דאָס געווען די גרויס־מלוכהשע מאָנאַרכיסטישע רוסי־פיקאַציע. זיין אַ פּאַטריאָט האָט אין יענער צייט געהייסן זיין אַ רוסי־פיקאַטאָר. אין דאָזיקן געביט האָט קוים־קוים געשטעלט זיינע ציטערדיקע טריט דער פּראָגרעס, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער „סלאַוויאַנאָ־פילסטווע": דאָס רוסישע האָט דאָ זיך שוין צעגאָסן אין אַלגעמיין־סלאַ־ווישע, און די געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט דער מלוכהשקייט, צוגלייך מיט איר און אין געוויסער הינזיכט אפילו קעגן איר. אין מערב איז דער דאָזיקער פּראָצעס אַוועק אַ סך ווייטער. מ׳קען זאָגן, אַז שוין איצט אַנטוויקלט זיך צוגלייך מיטן דייטשן, ענגלישן, פראַנצויזישן פּאַטריאָטיזם אויך אַן אַלגעמיין־אייראָפּעאישער זעלבסט־באַוואוסטזיין (איך מוז אגב אונטערשטרייכן, אַז אין יענער צייט האָט נאָך דער טערמין „פּאַן־אייראָפּע" נישט עקסיסטירט און רובאַנאָוויטש האָט מערנישט פאָראויסגעזען די באַוועגונג, וואָס איז געגאַנגען אין די 20קער

און 30קער יאָרן, — אַ באַוועגונג, וואָס ווערט איצט שטאַרק געשטיצט דורך די שעפער פון „מערב־אייראָפּעאישן בלאָק״).

— עס איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון אַזאַ טיפּ — האָט געזאָגט רובאַנאָוויטש — און איך פלעג אַלע מאָל זיי אויפווייזן, אַז זיי זיינען גאַנץ איינפאַך נישט דערפאַרענע אינטערנאַציאָנאַליסטן. זיי דאַרפן מאַכן מערנישט אַ טריט פאַראויס, אָבער זיי האָבן אבערגלויביש מורא דעם דאָזיקן טריט צו שטעלן. זיי זיינען נאָך געפאַנגענע ביים נאַציאָנאַליזם, אָבער דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם איז שוין אַ פיל ברייטערער, אַן אוניווערסאַלער נאַציאָנאַליזם, וועמען ס׳איז שוין צו ענג די שאָלעכץ פון איינזאַמער אָפּגעזונדערטקייט. דאָס איז פונדעסטוועגן אַ טריט פאָראויס; מ׳דאַרף נאָר, אַז דער דאָזיקער טריט זאָל נישט פאַרשטעלן מיט זיך דעם ווייטערדיקן וועג. מ׳דאַרף געדענקען: פונקט ווי אַמאָל איז אין דעם „אַלרוסישן״ דערטרונקען געוואָרן די פאַר־שיידנאַרטיקע לאָקאַלע „לאַנדסמאַנשאַפטלעכע״ פאַטריאָטיזמען, — וועט איבער דעם היינטיקן „אוניווערסאַלן נאַציאָנאַליזם״ אויפהויבן זיך אין דער צוקונפט דער אַלץ פאַראייניקנדיקער אַלוועלטלעכער פאַטריאָטיזם.

— דאָ וואָלט איך געווען גרייט מסכים צו זיין מיט זשאָרעסן — האָט ווייטער געזאָגט רובאַנאָוויטש (ער האָט געהאַט אַ באַהאַלטענע שוואַכקייט זיך צו באַציען מיט געוויסע רעזערוואַציעס און אַ ביסל אומ־צוטרוי צום גרויסן פראַנצויזישן טריבון), אַז „בלויז די ערשטע טריט נאָר אין דער זייט פון נאַציאָנאַלן פּרינציפּ מאַכן פרעמד, פירן אָפּ פון דער מענטשהייט, — די ווייטערדיקע אָבער ווענדן זיך אַלץ מער און מער צו איר״. און ער האָט צוגעגעבן: דערין איז נישטאָ קיין שום נייעס פאַר אונדז, די שילער פון לאַווראָוון, וואָס האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם לעבנס־געזעץ פון דער נייער געזעלשאַפט — דעם געזעץ פון אומאויפהערלעכער סאָציאַליזאַציע און אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון דאָזיקן לעבן. דאָ דאַרף מען מערנישט מאַכן איין פאַראויס־באַמערקונג, די זעלביקע, וואָס עס האָט געמאַכט הערצען אין זיין פּאָלעמיק מיט באַקונינען: „די געשיכטע איז שוואַנגער מיט אינטערנאַציאָנאַליזם. מערנישט פון ערשטן חודש שוואַנגער־שאַפט מאַכט מען נישט מיט אַ מאָל קיין קאָפּשווינדלערישן שפּרונג גלייך אין ניינטן חודש אַריין״.

ווען מיר האָבן אים אָוועקגעשטעלט אויפן פאָסטן פונעם פאַרטרעטער פון אונדזער פאַרטיי אין אינטערנאַציאָנאַל, האָט רובאַנאָוויטש קודם כל געהאַלטן פאַר זיין חוב צו האַלטן פאַר אונדז אַ גענויעם רעפּעראַט וועגן יענע אַלע שוועריקייטן, וועלכע ער דערוואַרט צו טרעפן אויף זיין וועג. די מאָדערנע אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַל ליידט פונעם מאַנגל אין פּשטות, קאָנסעקווענץ און לאָגישער פעסטקייט. דאָס איז אַן איבערגאַנג־

שטופע, פול מיט אינערלעכע קעגנזאַצן. נישט אַזוי איז געווען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, דער אינטערנאַציאָנאַל פון מאַרקסן, זיין ערשטער גרינ־דער; די צרה איז וואָס אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל איז איצט נישט מעגלעך. ער איז געווען לויט זיין פאָרם אַ מין איינהייטלעכע, צענטראַליזירטע, אַלוועלטלעכע האַלב־געהיימע געזעלשאַפט; מ׳האָט אין אים געקענט אַריינטרעטן אינדיווידועל, פערזענלעך, און פערזענלעך אויך ווערן אויס־געשלאָסן, — ווי דאָס איז געווען, למשל, דער פאַל מיט באַקונינען. אונדזער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1889 האָט זיך גלייך פון אָנהייב אַוועקגעשטעלט אויף גאָר אַנדערע רעלסן. זיין קאָמפעטענץ פאַרשפרייט זיך בכלל נישט אויף איינצלנע פערזאָנען: ער האָט צו טאָן אויסשליסלעך מיט באַזונדערע נאַציאָנאַלע פאַרטייען. דער אינטערנאַציאָ־נאַל גופא איז פון היינט אָן בלויז אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטע געמיינ־שאַפטלעכע געזעלשאַפט פון די דאָזיקע פאַרטייען, וואָס האַלטן אײַן זייער אויטאָנאָמיע. געוויס איז די דאָזיקע אויטאָנאָמיע בלויז אַ רעלאַטיווע. למשל, די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון פראַנקרייך וויל אפילו פאָרמעל צוגעבן צו איר נאָמען די ווערטער: „פראַנצויזישע סעקציע פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל״. דערמיט וויל מען זאָגן, אַז אין יעטווידן לאַנד, אָדער — וואָס איז איינס און דאָס זעלביקע — אין יעטווידער מלוכה קען זיין בלויז איין סעקציע נאָר; מיט אַנדערע ווערטער — דער יסוד, די באַזע פון יעטווידער סעקציע איז אַן אָפגעזונדערטע מלוכהש־טערי־טאָריאַלע איינהייט.

דערפון שטאַמען אַ גאַנצע ריי שוועריקייטן. די וואָרצלען פון די שוועריקייטן זיינען פון דרייערליי מינים: 1) אין אַ סך לענדער זיינען פאַראַן עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן; 2) די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאָרט איז צוטיילט צווישן עטלעכע פאַרטייען און גרופירונגען; 3) די כוחות־פאַרהעלטענישן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַל־מלוכהשע צווייגן פון סאָצי־אַליזם זיינען נישט גלייך. די פאַרקערטע זייט פון דער עקסיסטענץ פון נאַציאָנאַליטעטן־מלוכות איז די עקסיסטענץ פון נישט מלוכהשע און אַן־מלוכהשע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס הענגען אין דער לופטן. מילא בנוגע פוילן קאָן מען האַלטן די פראַגע פאַר געלייזט: דער אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענט נישט די צעטיילונג פון פוילן און האַלט אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע יורי־דישע אַקטן פאַר אַנולירט; אויף זיינע קאָנגרעסן וועט אַלע מאָל זיין אַ באַזונדער טיש מיט דער אויפשריפט „פוילן״, וואו די דעלעגאַציעס פון דייטשישן, עסטרייכישן און רוסישן צווייג פון דער פוילישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג וועלען ווי איין גאַנצע קערפערשאַפט באַהאַנדלען אַלע פראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און אַלע צוזאַמען שטימען. אָבער דאָס לעבן רוקט שוין אַרויס אַ נייע לעבנספראַגע, וואָס לאָזט זיך

נישט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ טעריטאָריאַל־מלוכהשער באַזע פאַרן סאָציאַליזם: מיר האָבן שוין פאַר זיך און עס אַנטוויקלט זיך אַלץ מער אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַ יידישער סאָציאַליזם. נישט שוין זשע וועט אויף די סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן פאַר אים נישט זיין קיין אָרט? און וואו איז די גאַראַנטיע, אַז ס׳וועלן נישט קומען אַנדערע פעלקער, צוליב וועמען מ׳וועט דאַרפן, פונקט ווי מען טוט פאַר די פּאָליאַקן און די יידן, מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען אינעם סטאַטוט פון אינטערנאַציאָנאַל. וואָס אַ ריין נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פון סאָציאַליזם לאָזט זיך נישט אַריינ־פּאַסן אין די טעריטאָריאַל־מלוכהשע קאָמפּלעקסן? מיר, אַ פּאַרטיי פון דערווייל נאָך אַן אָפּגעשטאַנענער, אָבער אין דער צוקונפט אַ בליענדיקער פיל־נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, דאַרפן ביים לייזן אַזעלכע פּראָבלעמען בלייבן נישט פון הינטן, נאָר גיין פאָראויס, אין אַוואַנגאַרד פון אייראָפּע און בכלל פון דער ציוויליזירטער וועלט.

נישט קיין ווייניקער ענגערע שייכות האָט צו אונדז די פּראַגע וועגן יענע לענדער, וואו ס׳איז נישט פאַראַן קיין איינהייטלעכע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז שטאַרק צושפּאָלטן. ביי אַלע אַזעלכע שפּאַלטונגען ווערט געוויינלעך פוןביידע צדדים פאַר־קלענערט די קראַפט און צאָל פון קעגנער און, פאַרקערט, פאַרגרעסערט די אייגענע. דער אינטערנאַציאָנאַל וועט דאַרפן ביי אַזעלכע אומשטענדן שפּילן די ראָל פון אַ סופּער־אַרביטער, זיין דער פּוסק־אחרון אין אַזעלכע קאָנפליקטן. איז ווי אַזוי געפינען אָביעקטיווע שטיץ־פּונקטן פאַר אַ יושרדיקן פּסק־דין, — ווי אַזוי אויסמיידן סוביעקטיוון ווילקיר און „פּראָטעקציאָניזם" בעת אַזאַ אינטערווענץ? פאַר אונדז, עסערן, וואָס זיינען נאָך פאַרהעל־טניסמעסיק יונגע געסט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט בכלל און אין אינטערנאַציאָנאַל בפרט, איז זייער שווער זיך צו באַפרייען פון דער געפאַר דאָס ביי יעטווידן ערנסטן סכסוך מיט דער פּאַטענטירטער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַזאַ וועטעראַן ווי פּלעכאַנאָוו, דער פאָוואָריט פון אינטערנאַציאָנאַל, — וועלן אַלע שאַנסן זיין אויף דער זייט פון די מאַרקסיסטן. און צום סוף דאַרף מען זיך נאָך שטאַרק פאַרטראַכטן וועגן דעם דריטן קוואַל פון די שוועריקייטן, נעמלעך: די נאַטירלעכע אומגלייכהייט אין די כוחות־פאַרהעלטענישן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מחנות פון וועלט־סאָציאַליזם, וואָס דערלאָזט נישט, אַז ביים לייזן ברענענ־דיקע לעבנספראַגן דורך אַן אָפּשטימונג, זאָלן זיין אויסגעגליכט אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע לענדער ווי, למשל, גריכנלאַנד, פּאָרטוגאַל און בולגאַריע מיט אַזעלכע מעכטיקע אַוואַנגאַרדן פון סאָציאַליזם ווי ענגלאַנד, דייטש־לאַנד, פראַנקרייך. מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר דער פאַרשמעלערונג פון די רעכט און אינטערעסן פון רוסלאַנד: דאָס איז אויסגעשלאָסן אַ

דאַנק דער גוואַלטיקער רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיוו, וואָס רוסלאַנד וויזט אַרויס און אירע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן און רעסורסן. דאָך איז אויך דאָ די לאַגע פיל קאָמפּליצירטער ווי דאָס איז געווען אין דער צייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. ערשטנס, אין די צייטן פון מאַרקסן איז דער סאָציאַליזם אין אַלע לענדער געווען ווייט נישט נאָר פון שפּילן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל אין זייער מלוכהשער אוןווירטשאַפטלעכער בויאונג, נאָר אַפילו אויך פון אַ פולשטענדיקער לעגאַליזאַציע; אומעטום איז איבער די סאָציאַליסטן געהאַנגען דער חלף פון אויסנאַם־געזעצן און פאַרשיידענע רעפּרעסיעס.

אין דער עפּאָכע פון די 80—90קער יאָרן פון פאַריקן י״ה איז פאַר־געקומען אַ שאַרפע דיפערענציאַציע צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די לענדער מיט ליבעראַלע אינסטיטוציעס און יענע, וואָס זיינען געבליבן שטיפ־קינדער פון דער ציוויליזאַציע: דעם כוח פון די ערשטע האָט מען לייכט געקאָנט מעסטן מיט דער ראָל פון רעגולער צאָלנדיקע מיטגלידער, פון די אָפּגעגעבענע שטימען בעת וואַלן צו שטאַטראַטן, אָרטיקע און צענטראַלע פּאַרלאַמענטן, — מיט דער רייכקייט פון די פּאַרטיי־אינסטיטוציעס, פּראָפעסיאָנעלע יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון, פון זייערע ביל־דונג־ און ספּאָרט־אינסטיטוציעס אַד״גל. דער כוח פון די צווייטע האָט געקאָנט געמאָסטן ווערן בלויז מיט דער צאָל אַרעסטירטע אין די טורמעס, פאַרשיקונג־ערטער, קאַטאָרגע־אַרבעטער. די פּראָבלעמען גופא, אין וועלכע עס זיינען געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט איינע און די אַנדערע, זיינען געווען פון גרונט־אויס פאַרשיידן און דער פּאַטאָס פון זייערע שטימונגען — ווייט נישט קיין איינהייטלעכער. אַ קוואַל פון אינערלעכער דיסהאַרמאָניע האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער אלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער איינהייט.

ווענגנדיק און מעסטנדיק אָט די אַלע שוועריקייטן איז רובאַנאָוויטש געווען אַ טרייער אויסדריקער פון אַלע אונדזערע אייגענע זאָרגן און באַאומרואיקונגען. אונדזער צוטרוי צו אים, באַזונדערס נאָך דער גלענצנ־דיק דורכגעפירטער איטאַליענישער קאַמפּאַניע, איז כסדר געוואַקסן; מיר האָבן שוין איצט נישט געפאָדערט פון אים שנעלע און לייכטע דערפאָלגן: מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ פולן דין וחשבון וועגן דער גרויס און אינהאַלט פון דער אָרגאַנישער אַרבעט, וואָס אים און אונדז איז אויסגעקומען צו פירן אין אינטערנאַציאָנאַל, מיר האָבן ערנסט אָפּגעשאַצט די קאָמפּליצירטע און שווערע סיטואַציע, אין וועלכער ער דאַרף האַנדלען.

ווי באַוואוסט איז די פאַראייניקטע רוסלענדער סאָצ. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געשאַפן געוואָרן אויפן צוזאַמענפאַר אין מינסק, פרילינג 1898; וועגן דער פאַראייניקונג פון דער פּאַרטיי ס.ר. האָבן מיר געמאָלדן מיט

אַן ערך 4 יאָר שפּעטער — אין יאַנואַר 1902. די פולמאַכט אויף צו רעפּ־רעזענטירן די ס.ד. פּאַרטיי אין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט געהאַט איז געוואָרן רעאַליזירט אַן שום אָפּהאַלט. מיט אונדז, ס.ר. איז שוין דער ענין געווען קאָמפּליצירטער; ווען מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון אינטערנאַציאָנאַל, איז שוין רוסלאַנד געווען דאָרט פּאַרטראָטן נישט בלויז דורך פּלעכאַנאָוון נאָר אויך דורך זיין קעגנער ב. קריטשעווסקי, וואָס איז ארויפגעטראָגן געוואָרן אויף די כוואַליעס פון דער באַוועגונג פון די יונגע סאָצ. דעמ. עלעמענטן, וואָס האָט באַקומען דעם צונעמעניש „עקאָנאָמיסטן". די פירער פון אינטערנאַציאָנאַל זיינען געווען, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געגנוג פּאַרזיכטיק, כדי נישט צו פּאַרבייטן דעם גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פּלעכאַנאָוון מיט עפּעס אַ נייעם ווייניק באַקאַנטן פּאָליטישן פירער קריטשעווסקי, וואָס האָט טאַקע פּאַרמאָגט מער פרישע רוסישע פולמאַכטן, אָבער זיי זיינען דאָך נישט געווען זיכער, אַז זיינע פולמאַכטן זיינען דויערהאַפּטיקע, — האָבן זיי דעריבער זיי ביידן אַריינגענומען אין ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט שוין מער קאָמפּליצירט און באַשווערט אונדזער לאַגע. צי וועט מען מסכים זיין צוצושטעלן נאָך איין שטול פּאַר אַ דריטן רוס? צי וועט מען נישט קוקן דרויף ווי אויף אַ „פּרעמיע פּאַר שפּאַלטונג"? רובאַנאָוויטש האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז די אַקציעס (שערס) פון דער מער מעכטיקער גרופּע „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" זיינען פּאַר די פּאַרלאָפענע 4 יאָר געפאַלן, און פּאַרקערט, די פון דער „רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע" (ד"ה פּלעכאַנאָוו און זיין אַלטע עמיגראַנטן־גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט") האָבן זיך שטאַרק געהויבן. די דאָזיקע גרופּע האָט אָנגעטראָפן אין רוסלאַנד אויף זייער שטאַרקע פּאַרבינדעטע (דאָס איז געווען די א.ג. „ליטעראַרישע גרופּע" פון לעניז, מארטאָוו, פּאָטרעסאָוו, וואָס זיינען גאָר שנעל געקומען קיין אויסלאַנד און געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד אַזעלכע ברייטע פּאַרבינדונגען, וועגן וועלכע די עמיגראַנטישע פירער האָבן ביז איצט קיין שום אַנונג נישט געהאַט). אַזוי ווי די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן קריטשעווסקין און פּלעכאַנאָוון האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשאַרפט, האָט רובאַנאָוויטש פּאַרגעלייגט — מען זאָל פריער אויף דעם געביט זיך פּאַרשטענדיקן אַ ביסל מיט פּלעכאַנאָוון.

— איר זאָלט נישט מיינען — האָט ער מיר געשריבן פון זשענעוו קיין פּאַריז — אַז איך וויל דאָ מאַכן עפּעס אַ מאַנעוור, אַ מין בונד מיט פּלעכאַנאָוון קעגן קריטשעווסקין. איך לייג בלויז פּאַר אויסצונוצן אַ גינציקע געלעגנהייט, וואָס הענגט נישט אָפּ פון אונדזער ווילן און נישט פון אונדזער אַריינמישן זיך. די פּערספּעקטיוו, אַז דאָס אָרט, וואָס פּאַר־נעמט איצטער קריטשעווסקי זאָל אַריבער צו מיר — דאָס שרעקט גאָרנישט

פלעכאַנאָוון. קריטשעווסקי אין אינטערנאַציאָנאַל צוזאַמען מיט אים — דאָס באַטייט צווייפלען אין זיין מאָנאָפּאָל־רעכט צו זיין דער וואָרטזאָגער פון דער גאַנצער רוסלענדער סאָצ. דעמאָקראַטיע. רובאַנאָוויטש אין אינטער־נאַציאָנאַל — וועט נאָך באַטייטן, אַז דער לעצטער איז מסכים נישט איבערצורייסן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיט יענעם סאָציאַליזם פון פאַר־מאַרקסיסטישן פעריאָד, וואָס האָט אַזוי גלענצנדיק דעביוטירט אין דער נאַראָדאָוואָלטשעסטווע און וואָס ווערט איצטער — מיר ווען שוין זען מיט וואָס פאַר אַ דערפאָלג — ווידער אויפגעלעבט אין עסעריזם. מען דאַרף שמידן דאָס אייזן כל זמן ס׳איז הייס און פאַנגען פלעכאַנאָוון אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז צו אונדז אַ ביסל טאָלעראַנט. אויב מיר ווילן באמת פּרובירן אַרבייטן אויף איינצושטעלן אַ קאָנסעקווענטע דער־נענטערונג צווישן ס.ד. און ס.ר., איז דער נויטווענדיקסטער באַדינג דערפאַר — איך זאָל איינשטעלן ווי ווייט מעגלעך די בעסטע פּערזענלעכע באַציאונגען מיטן דאָזיקן מענטשן, וואָס איז באמת טאַקע זייער עגאָאיסטיש, זייער בייסיק און שלאָגעריש אין ליטעראַרישער פּאָלעמיק, אָבער דערמיט אַליין איז ער נאָך נישט אויסגעשעפּט: מען מוז אָנערקענען, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע פיגור פון אַ גרויסן פאָרמאַט.

איך האָב זיך באַראַטן מיט אַ פּאָר נאָענטסטע פריינט אונדזערע און אים געענטפערט, אַז מיר זיינען אַלע מיט אים מסכים. אויך אין רוסלאַנד באַמערקט זיך אַ שטאַרקע שטרעבונג צו פאַרבעסערן אונדזערע קעגנזייטיקע באַציאונגען מיט דער סאָצ. דעמ.: מיט אונדזער הייסן הסכם בילדן זיך אפילו ערגעצוואו אין סאַראַטאָוו און אויפן אוראַל „פאַראייניקטע גרופּן פון ס.ד. און ס.ר.״, — און מען קאָן נישט וויסן, אפשר וועט זיי געלינגען דערווייל צו ווערן יענער פאַרבינדונגס־רינג, וואָס פעלט נאָך איצט אויף צו שאַפן אין דער צוקונפט אַ פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד. „אויב אַזוי — האָט אונדז ווייטער געשריבן רובאַנאָוויטש — דערוואַרט איך פון אייך, אַז מיין פּרואוו פּערזענלעך זיך צו דערנענטערן מיט פלעכאַנאָוון וועט געשטיצט ווערן מיטן גאַנצן טאָן פון אונדזער פּרעסע, מיט אָן אויסערסט טאַקטישער האַלטונג אירער אפילו ביים באַ־האַנדלען אונדזערע „מיינונגס־פאַרשיידנהייטן״.

איך געפין פאַר מיין חוב דאָ מודה צו זיין, אַז רובאַנאָוויטשעס האָפע־נונגען זיינען נישט מקוים געוואָרן. אויב ער האָט קיין טעות נישט געהאַט און פלעכאַנאָוו האָט זיך צו אים דעמאָלט באַצויגן ווייך און מילד, האָט ער אָבער זיינע חברים נישט אָנגעשטעקט אָדער נישט געקאָנט אָנשטעקן מיט דער זעלביקער ווייכקייט און מילדקייט. ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, אָבער גלייך ערב דעם ערשטן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז צונויפ־גערופן געוואָרן נאָכן שאַפן די פאַראייניקטע פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָ־

לוציאָנערן. — דאָס איז געווען דער באַרימטער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, — האָט די רוסלענדער ס.ד. פּאַרטיי דערקלערט אונדז אַנ׳אמתע „פּרעווענ־טיווע״ מלחמה. אין אַ ספּעציעלן נומער וועגן קומענדיגן קאָנגרעס האָט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער ס.ד. פּאַרטיי „איסקראַ״ צוגעזאָגט אויפצו־קלערן אַלע אויסלענדישע חברים, אַז „די אינטערעסן פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם זיינען אין רוסלאַנד פאַרטראָטן נאָר דורך די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן״ און דערפאַר — „געהערט זיי אַליין בלויז דאָס רעכט צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער באַוואוסטזיניקער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אינטערנאַציאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט״. דער זין פון דעם דאָזיקן דראָענדיקן צוזאַג — איז געוואָרן קלאָר ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיטן באַריכט פון דער ס.ד. פּאַרטיי, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צום קאָנגרעס; דאָרטן האָט מען אונדז דערקלערט פאַר אַ „פּראַקציע פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין „פעסטע פּאָליטישע פּרינציפּן״ און גראָבט אונטער די גרונט־פּרינציפּן „נישט בלויז פון דער רוסישער נאָך אויך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״. דער אויספיר דערפון איז — מען קען אונדז נישט „אַריינ־נעמען אין דער משפחה פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווייל דאָס וועט „פאַרשטאַרקען אונדזער פּרעסטיזש״ און וועט „אַן צווייפל ברענגען שאָדן דער אַנטוויקלונג פונעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און פון אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט״. און אין ספּעציעלן נומער פון דייטשן „פאָרווערטס״, וואָס איז דערשינען צו דער ערשטער זיצונג פון קאָנגרעס איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון פּלעכאַנאָוון, וואו עס זיינען געווען אַנטוויקלט די זעלביקע געדאַנקען און פאַרענדיקט מיטן אָנרופן אונדז אָנשטאָט „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״ — „סאָציאַ־ליסטן־רעאַקציאָנערן״.

ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען, אַז דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשישער פּאַרטיי איז צוגעשטאַנען צו די אָנפאַלן אויף אונדז. — וועגן דעם האָט מען זיך דערוואוסט פון בעבעלס אַ רעדע אין רייכסטאַג, ווען ער האָט באַרירט דעם „קעניגסבערגער פּראָצעס״, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַזאַ רושם. דעם פּראָצעס האָט די פּרייסישע רעגירונג פאַרפירט, כדי צופרידנצושטעלן די צאַרישע רעגירונג, ער האָט געזאָלט אויפווייזן, אַז די רוסישע ס.ס. דעמאָקראַטיע פאַרנעמט זיך מיט העצן די אַרבעטער צו אַזעלכע פּאָליטישע גוואַלט־אַקטן, וואָס האָבן דעם צוועק אויפצורייסן די צאַרישע מלוכה, און דעריבער דאַרף איר זיין פאַרבאָטן צו טראַנס־פּאָרטירן איר ליטעראַטור איבער דער דייטש־רוסישער גרענעץ. ארויס־טרעטנדיק אין רייכסטאַג מיטן צוועק צו באַרעכטיקן די רוסישע ס.ס. דעמ. האָט בעבעל דערציילט, אַז בעת ער איז נישט לאַנג געווען אין ציוריך,

איז צו אים ספּעציעל געקומען מיט אַ וויזיט פּלעכאַנאָוו. שילדערנדיק פאַר אים די שווערע לאַגע פון דער רוסל. סאָצ. דעמאָקראַטיע אונטער די קלעפּ פון צאַרישע רעפּרעסיעס, האָט פּלעכאַנאָוו צוגעגעבן, אַז אין דער זעלביקער צייט ליידט זי פון שווערע אָנגריפן מצד די רוסישע טעראָריסטן — „אָט די פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן פון קליינבירגערלעכן שניט, וואָס האָבן קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיטן אַרבעטער־קלאַס". און פּלעכאַנאָוו האָט זיך זייער באַקלאָגט, וואָס אין דער דייטשישער סאָצ. דעמ. פּרעסע, פּאַרשטייט זיך, צוליב אומוויסנקייט און אומפּאָרזיכטיקייט — הערן זיך אַ מאָל שטימען, וואָס באַציען זיך מיט סימפּאַטיע צו די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס ווערן באַטראַכט פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווי זייערע געפערלעכסטע קעגנער אויפן רעוואָלוציאָנערן געביט. ברענגענדיק אָט די דאָזיקע אַרויסטרעטונג פּלעכאַנאָווס ווי אַ באַווייז, אַז די רוסישע סאָצ. דעמ. גרענעצן זיך אָפּ פולשטענדיק אויפריכטיק פון די אַלע בלבולים, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפן קעניגסבערגער פּראָצעס, — האָט בעבעל אגב דערציילט, אַז אויסהערנדיק פּלעכאַנאָוון האָט ער גאַנץ איינפאַך אים צוגעזאָגט „אַנצונעמען מיטלען", און פון היינט אָן זאָל אַזעלכעס אין דער פּרעסע נישט פאָרקומען".

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם איז רובאַנאָוויטש געבליבן ביי זיין אָפּטימיזם. דערצו האָט מיטגעהאָלפן פאָלגנדיקער אויסערגעוויינלעכער פאַקט: פונקט אַ חודש פאַרן עפענען דעם קאָנגרעס (14טער יולי 1904) האָט לעבן וואַרשעווער וואָקזאַל אין פּעטערבורג אויפגעריסן די באָמבע פון סאַזאָנאָוון, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער קאַריערע פון פאָן פּלעווע, דעם געוועזענעם „באַזיגער פון נאַראָדנאיא וואָליא", וואָס האָט נישט לאַנג זיך באַרימט געמאַכט מיטן פאַרטיידיקן די קישינעווער פּאָגראָמטשיקעס, מיט עקזעקוציעס איבער די צעבונטעוועטע פּויערים פון אוקראַינע און פּאָוואָלזשיע, מיט שווערע רעפּרעסיעס קעגן שטרייקנדיקע אַרבעטער און „אומרואיקע" סטודענטן. מיר, דער עלטערער דור, געדענקען נאָך גוט, ווי אַזוי דאָס גאַנצע לאַנד האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, — וואָס פאַר אַן אויס־דרוק פון ענטוזיאַזם ס'האָט זיך צעגאָסן ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם אטענטאַט. דער אָפּקלאַנג פונעם באָמבע־אויפרייס האָט אָפּגעהילכט ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד. ווי בעבעל האָט נישט געהאַלטן זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן פּלעכאַנאָוון, אָבער אויך פאַר אַזאַ מענטש מיט אַזאַ אויטאָריטעט איז נישט לייכט געווען איינצוהאַלטן די דייטשישע סאָצ. דעמ. פּרעסע זי זאָל נישט אויסדריקן סימפּאַטיע פאַר די העלדן פון אונדזער קאַמף; אפילו ער, בעבעל, אַליין האָט זיך געפונען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פונעם אַקט. דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ מוזיניקל אין דער פּאַרטיי סאָצ. רעוו. האָט פּערזענלעך געקאָנט

אָבסערווירן ווי ווייט די עסערישע דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס האָט צו זיך געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט; כמעט יעטווידער מיטגליד פון דער דעלעגאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לעבעדיקע געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און רוסישן סאָציאַליזם: ברעשקאָ־ברעשקאָווס־קאיא, וואָלכאָווסקאָי, לאַזאַרעוו, שישקאָ, רובאַנאָוויטש, מינאָר, גאָץ, — נאָך זיי זיינען געגאַנגען די פאָרשטייער פון נייעם דור — טשערנאָוו, זשיטלאָווסקי און אנד. די דעלעגאַציע האָט געהאַט אַן ערך 30 מאַנדאַטן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן דירעקט פון די אַקטיווע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. אוןביים קאָנטראָלירן די מאַנדאַטן איז געשען נאָר איין אינצידענט. דער פאָרשטייער פון דער לעטישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי האָט, מיט דער הילף פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געפּרוּווט די גילטי־קייט פונעם מאַנדאַט פון פאָרשטייער פון דעם קאָנקורירנדיקן לעטישן „סאָצ. דעמ. פּאַרבאַנד" (וואָס האָט אגב זיך געקליבן צו ענדערן זיין נאָמען אויף „לעטישע פּאַרטיי סאָצ. רעוואָלוציאָנערן"). דער פאָרשטייער פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע עמיל וואַנדערוועלדע איז שוין געווען פאַרמאַטערט פון די קליינלעכע רייסעניש און האָט געפרעגט ביים פאָרשטייער פון דער „פּאַרטיי", צי קען ער פערזענלעך דעם פאָרשטייער פון „פּאַרבאַנד"? געוויס — האָט ער געענטפערט: מיר זיינען געזעסן ביידע צוזאַמען אין טורמע... נו, האָט געענטפערט וואַנדערוועלדע: אונדז איז שווער צו פאַרשטיין — אין אַ צאַרישער טורמע האָט איר יאָ געקענט זיצן צוזאַמען און אין אינטערנאַציאָנאַל — נישט?" אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, און די פראַגע איז געלייזט געוואָרן מיט זייער אַ גרויסער מערהייט פאַר אונדז.

ענדלעך איז אויף דער טאָג־אָרדנונג אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן „אַריינלאָזן אונדז אין דער משפּחה פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען"; קעגן דעם איז פאַרן קאָנגרעס אָנגעגאַנגען אַ העפטיקע סאָצ. דעמ. אַגיטאַציע. פּראַקטיש איז די פראַגע געשטאַנען: צו וועמען דאַרף געהערן די צוויי ערטער אינעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פאַלט אויס אויפן חלק פון רוסלאַנד? אַזוי ווי אין די רייען פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. האָט געזיגט די ריכטונג פון „איסקרא" איבער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ", האָט די ביוראָ איבערגעלאָזן ביי פּלעכאַנאָוון זיין אָרט און האָט פאַרעגעסטרירט די דימיסיע פון קריטשעוווסקין. די ס.ר. פּאַרטיי האָט געמאָלדן, אַז זי פּרעטענדירט אויפן דאָזיקן וואַקאַנטנעם אָרט; האָט די ס.ד. אַרויסגערוקט די קאָנטער־קאַנדידאַטור פון יידישן „בונד". מיט גרויס טאַקט האָט רובאַנאָוויטש געמאָלדן, אַז אין זיין באַוואוסטזיין איז נישטאָ קיין פּלאַץ אפילו פאַרן בלויזן געדאַנק וועגן אַ קאַמף פאַר אַן אָרט אין אינטערנאַציאָנאַל צווישן דער פּאַרטיי ס.ר. און דער יידישער אַרבעטער־

באַוועגונג. דער סאָציאַליזם האָט אַזוי פאַרכאַפּט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז ער האָט רעכט דאָס זיין שטים זאָל זיך לאָזן הערן אין אינטערנאַציאָנאַל צוגלייך מיט אַלע אַנדערע. אָבער די יידן זיינען איצטער — נישט קיין טעריטאָריאַלע נאַציע און עס וואָלט געווען קינסטלעך אַריינציען זיי אין אַ וועלכן נישט איז נאַציאָנאַל־מלוכהשן אָרגאַניזם. די יידן־סאָציאַליסטן האָבן רעכט צו ווינטשן מ׳זאָל זיי אָנערקענען ווי אַן אַלוועלטלעכן אָרגאַניזם, סיי לויט זייער טעריטאָריעלער צעשפּרייטקייט און באַזונדערס לויט זייער גאַנצער געשיכטע און נאַציאָנאַלער קולטור. אויב די פראַגע וועט אַזוי אַוועקגעשטעלט ווערן, וועט אונדזער פּראַקטיש שטימען פאַר זייער רעפּרע־זענטאַנץ אין ביוראָ פּונקט אַזוי ווי ס׳איז רעפּרעזענטירט פּוילן. איצט אָבער, אויב מ׳פאָדערט פאַרן „בונד״ אַזאַ פּאָזיציע, אויף וועלכער ער. ווערנדיק דערקלערט פאַר אַ רוסישן, וועט זיין אַנטקעגנגעשטעלט דעם איבעריקן רוסישן נישט מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, — טרעטן מיר אַרויס קעגן דעם און מיר נעמען נישט אַראָפּ אונדזער קאַנדידאַטור אויפן צווייטן רוסישן אָרט אינעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל.

מיר האָבן געוואָרט, אַז דאָ טאַקע וועט זיך אָנהייבן דער שוין נישט פאַרמאַסקירטער כלומרשט פּרינציפּיעלער אָנגריף קעגן אונדזער רעכט צו זיין „צוגעלאָזן אין דער משפּחה פון די סאָציאַליסטישער פעלקער״. דאָס איז אָבער נישט געשען. אונדזערע קעגנער האָבן בעסער געוואָלט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער אַן עקסטראַוואַגאַנטן בונדיזם, וואָס ווערט קינסטלעך אריינגעשפּאַרט אין ריין־רוסישע ראַמען. פאַר אונדז איז נאָר געבליבן אויפצונעמען דעם קאַמף אויפן באָדן, וואָס דער קעגנער האָט אויסגעקליבן. דער פאַרשלאַג איבערצוגעבן דאָס צווייטע אָרט אין ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל דער פּאַרטיי סאָצ. רעוואָלוציאָנערן איז מיט 15 שטימען קעגן 7, ד״ה מיט אַ מערהייט פון העכער צוויי דריטל אָנגענומען געוואָרן.

אויף אַזאַ אופן האָט רובאַנאָוויטש אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידענעם און גלענצנדיקן זיג אין אינטערנאַציאָנאַל.

קאַמף קעגן צאַרישער געהיים־פּאָליציי אין אויסלאַנד

פון דעמאָלט אָן איז רובאַנאָוויטש געוואָרן דער שטענדיקער פאַר־שטייער פון דער פּאַרטיי סאָצ. רעוואָלוציאָנערן אין אינטערנאַציאָנאַל; בלויז דער טויט האָט אים אַראָפּגענומען פון דאָזיקן פּאָסטן.

די פּליכטן, וואָס זיינען אויף אים געווען אַרויפגעלייגט זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיקע און אָפּטמאָל גאָרנישט קיין לייכטע. דאָס איז געווען

קודם כל: ווי פריער פּאַרטיידיקן די עמיגראַציע קעגן די פּרוּאוון פון דער צאַרישער רעגירונג אויסצושטרעקן אירע לאַנגע לאַפּעס ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד, ווי דאָס איז איינגיכן געשען מיט בורצעוון, וועלכער איז געווען אַרויסגעשיקט פון דער שווייץ און ס׳האָט אים געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויך פון פראַנקרייך.

אַ באַזונדערס הויכן אָפּקלאַנג האָט געפונען דער ענין פון ס.ר. טשערניאַק, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1906 דורך דער שוועדישער פּאָליציי אין סטאָקהאָלם. גאַנצע צוויי חדשים האָט מען אים געהאַלטן אַרעסטירט פולשטענדיק געהיים; פאַר דער צייט זיינען צוויי רוסישע שפּיאָנען געווען אין זיין פּאַריזער דירה און געגעבן זיין באַלעבאָסטע זיין אַדרעס אין סטאָקהאָלם, זי זאָל זיין גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אריבערשיקן אַהין: די קאָרעספּאָנדענץ פלעגט אָנקומען צו די צאַרישע באַאַמטע און זיי פלעגן זי צושטעלן דער שוועדישער מאַכט ווי אַ באַשולדיקונג־מאַטעריאַל קעגן טשערניאַקן. רובאַנאָוויטש האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע אַקציע צו פּאַרטיידיקן טשערניאַקן; ער האָט אַריינגעצויגן די „ליגע צו פאַרטיידיקן די מענטשן־רעכט״ מיט פּרעסאַנסע בראש, די געזעלשאַפט „פריינד פון רוסישן פאָלק״ בראש מיט אַנאַטאָל פראַנס, — פוןביידע געזעלשאַפטן זיינען געפּלויגן דעפּעשן צום שוועדישן פּאַרלאַמענט מיט דער בקשה ער זאָל זיך מיט דעם ענין פאַראינטערעסירן; אויך די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע און לויט דער ווענדונג פון ביוראָ איז דער לידער פון די שוועדישע סאָציאַליסטן בראַנ־טינג אַרויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע פּראָטעסטן. זשאָרעס האָט געדונערט קעגן די מאַכינאַציעס פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע מיטן צוועק סיסטעמאַטיש צו שעדיקן די אומ־באַרירלעכקייט פון דער פּאָסט־געהיימניש. צו דער קאַמפּאַניע זיינען צוגעשטאַנען אַ ריי מיטגלידער פון ענגלישן פּאַרלאַמענט און אַנדערע אָנגעזעענע טוער פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, וויסנשאַפט און ליטע־ראַטור. ס׳איז געלונגען אויפצוקלערן, אַז די צאַרישע רעגירונג וויל זיך דערשלאָגן מען זאָל איר אַרויסגעבן טשערניאַקן, באַשולדיקנדיק אים, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער עקספּראָפּריאַציע פון מלוכה־געלט אויפן פאָנאַרני פּערעאולאָק אין פּעטערבורג, — בעת עס איז געווען גאַנץ לייכט פעסטצושטעלן, אַז ער איז גאָר אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד מיט זעקס וואָכן פריער פאַר דער דאָזיקער באַרימטער געשיכטע און אינעם טאָג פון אָנפאַל איז ער גאָר געווען ווייט אין אויסלאַנד.

אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון גאַנץ אייראָפּע האָט די שוועדישע רעגירונג געמאָלדן דער רוסישער, אַז זי קען אַרויס־געבן טשערניאַקן נאָר אויף פאָלגנדיקע באַדינגונגען: 1) ער וועט ווערן

געמשפּט נישט דורך עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכן געריכט, נאָר דורך אַ געוויינטלעכן, רעגולערן קרימינאַל־געריכט, 2) ער וועט ווערן געמשפּט נאָר לויט דער באַשולדיקונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ מאָטיוו פאַר אַרויסגעבן אים, און 3) אין פאַל, אַז דאָס געריכט וועט אים באַפרייען פון יעטווידער שולד, זאָל ער תיכף באַפרייט ווערן און אַרויס־געלאָזט ווערן קיין אויסלאַנד.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך באַליידיקט מיטן אַרויסשטעלן איר אַזעלכע באַדינגונגען און זי האָט זיי קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. דעמאָלט האָט אויך די שוועדישע רעגירונג זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן טשערניאַקן און אים באַפרייט מיטן באַדינג ער זאָל פאַרלאָזן שוועדן. טשערניאַק האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ באַפרייאונג און אונטערן נאָמען לעמאַן איז ער אַרויסגעפאָרן פון גאָטענבערג קיין אַמסטערדאַם אויף דער שיף „אַלאַף וויק״. רובאַנאָוויטש האָט ווידער געזיגט. אָבער... דערמיט האָט זיך מעשה טשערניאַק נישט פאַרענדיקט. ווען די שיף איז געווען אין מיטן ים האָט מען אין איינעם אַ פרימאָרגן געפונען אויפן דעק דריי טויטע קערפּערס; אַ כעמיש־מעדיצינישע אויספאָרשונג האָט פעסטגע־שטעלט, אַז זיי זיינען פאַרגיפטעט געוואָרן דורך אַריינפירן עפּעס אַ גאַז אין זייערע אָטעמונג־אָרגאַנען. איינער פון די דריי איז געווען „לעמאַן״, ד״ה דער ס.ר. טשערניאַק...

די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז אַזוי פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן אין אויסלאַנד, איז שיער נישט פון דאָסניי אויפגעהויבן געוואָרן אין רוסלאַנד, וואו מ׳האָט גערעכנט צו מאַכן וועגן דעם אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל פון דער טריבונע פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע, און אָט ווי אַזוי: אין אַ רעדאַקציע פון אַ פּראָגרעסיווער צייטונג איז אַריינגעקומען עפּעס אַ קליינער באַאַמטער פון אַ מיניסטעריום און האָט פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן אַ טייל פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן יוסטיץ־מיניסטעריום און אַנדערע אינסטאַנצן. אויב גלויבן יענע דאָקומענטן, איז טשערניאַקס ענין דערפירט געוואָרן צו אַ סוף דורכן אַגענט פון דער אָכראַנע (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) אַנדרעי וויקטאָראָוו, וואָס איז נאָכ־געפאָרן טשערניאַקן טריט ביי טריט אין אויסלאַנד; ער האָט פאַר זיין טרייע דינסט באַקומען 1500 רובל באַלוינונג און אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פּערזענלעכן ערן־בירגער. זיינען די דאָקומענטן געווען אויטענטישע, אָדער מ׳האָט אונדז געוואָלט מיסטיפיצירן מיט אַ פּראָוואָקאַציע, פאַר וואָס איך האָב די גאַנצע צייט מורא געהאַט? ווער ווייס? דער דעפּוטאַט פון דער „פּראָגרעסיווער״ פראַקציע אין דומע קוזמין־קאַראַוואַיעוו, וועמען מיר האָבן איינגעלאַדן ווי אַן עקספּערט, האָט שטאַרק געהאַלטן, אַז די דאָקומענטן זיינען ריכטיקע. אָבער די וויכטיקע קאַדעטישע פירער פון דומע זיינען

געוועזן קעגן אַריינטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע אויפן סמך פון אַזעלכע דאָקומענטן. אין יענער צייט האָט מען נאָך געטאַפּט דעם באָדן פאַר אַ מעגלעכקייט, אַז פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי זאָל עמיצער אַרייַן אין דער רעגירונג; האָט מען מורא געהאַט אַז צוליב אַזאַ אינצידענט, וואָס איז באַגרינדעט אויף נישט קיין גאַנץ זיכערע באַווייזן, קאָנען נאָך די אונטער־האַנדלונגען איבערגעריסן ווערן. די זשורנאַליסטן, וואָס פּלעגן זיך טרעפן מיט דעם דערמאָנטן באַאַמטן, האָבן אים פאַרגעלייגט ער זאָל אַרויסגנבהנען פון אַרכיוו דעם גאַנצן „דאָסיע" מיט די דאָקומענטן וועגן אַנדרעי וויקטאָראָוו. אָבער ער האָט זיך אָדער דערשראָקן אָדער ער איז אַדורכ־געפאַלן און זיין נאַטשאַלסטווע האָט אים געפּאַקט. קיין אינטערפּעלאַציע אין דומע איז נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן. די רעאַקציאָנערע צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיא" איז אַרויסגעטראָטן מיט הכחשות מצד דער רעגירונג; פון אונדזער זייט האָט פאַלעמיזירט מיט דער רעגירונגס־פּרעסע אונדזער אָרגאַן „זנאַמיאַ טרודאַ". איצט, ווען אַלע אַרכיוון זיינען אָפן וואָלט געווען גאַנץ לייכט צו דערגיין דעם אמת וועגן דער גאַנצער געשיכטע; אָבער אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָבן די איצטיקע באַלעבאַטים פון די אַרכיוון קיין שום אינטערעס נישט געהאַט דערפאַר.

רובאַנאָוויטשעס ראָל אינעם קאַמף צווישן די סאָצ. דעמ. און עס. ער. אין אינטערנאַציאָנאַל

חוץ די צרות און זאָרג אויפן „אויסערלעכן פראָנט" פון אונדזער פּאַרטיי, האָט רובאַנאָוויטש אויך נישט געטאָרט פאַרגעסן וועגן היטן אונדזער פּאָזיציע אין אינטערנאַציאָנאַל גופא. דאָרטן זיינען אַלץ פאַר־געקומען רייבונגען מיט די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן. פּאַוועל אַקסעלראָד, למשל, ווייט נישט קיין סעקטאַנטישער פאַנאַטיקער, איז אין ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן עפענען ברייט די טירן פון אינטערנאַציאָנאַל פאַר די קליינע נאַציעס; אויב אַזאַ באַשלוס וועט יאָ אָנגענומען ווערן, האָט אַקסעלראָד דערקלערט: „וועט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרפן אָננעמען מיטלען, אַז ער זאָל נישט דורכגעפירט ווערן אין רוסלאַנד". אָט פאַרוואָס, ערשטנס, עס איז נישט געלונגען צו באַקומען אַן אָרט אין אינטערנאַציאָנאַל די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס.ס.), — אמת, טיילווייז צוליב זייער אייגענער שולד: זיי האָבן געמאָלדן, אַז ווי אָרטאָ־דאָקסאַלע מאַרקסיסטן פּרעטענדירן זיי אויף אַן אָרט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אונטערסעקציע פון רוסישן סאָציאַליזם, אָבער די דאָזיקע

אונטערסעקציע האָט זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען זיי צו זיך; און די ס.ס. זיינען טאַקע דורכגעפאַלן און נישט אָנגענומען געוואָרן. די זעלביקע טאַקטיק האָבן די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אָנגעווענדעט בנוגע דער יונגער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, די א. ג. סיימאָוועצעס אָדער אויף רוסיש „סערפּ״; זיי האָט אָבער אונטערגעהאַלטן די עס־ערישע סעקציע, וואו זיי האָבן געזוכט פאַר זיך אַן אָרט, און קעגן די אַרויסטרעטונגען פון די סאָצ. דעמ. זיינען זיי אָנגענומען געוואָרן מיט אַ דערדריקנדיקער מערהייט שטימען. אין אינטערנאַציאָנאַל האָט לסוף זיך פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז דער יידישער סאָציאַליזם דאַרף האָבן אַ באַזונדער אָרט אומאָפּהענגיק פון אַנדערע טעריטאָריאַל־מלוכהשע איינ־הייטן און דעריבער ווי נאָר אין פּאַלעסטינע האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אַ יידישע סאָציאַליסטישע און יוניאָן־באַוועגונג — די „מפּאי״ (יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי) און „הסתדרות״ (אָרגאַניזאַציע פון די יוניאָנס) האָבן זיי, נישט געקוקט אויף די קעגנערישע מיינונגען, באַקומען אַ פּלאַץ אין אינטערנאַציאָנאַל; ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן וואָס רובאַנאָוויטש האָט פאָראויסגעזען: פּונקט ווי די סעקציע „פּוילן״ האָט עקסיסטירט, הגם ס׳איז נישט געווען קיין אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, אזוי איז אויך אויס־געבילדעט געוואָרן אַ סעקציע „פּאַלעסטינע״, הגם ס׳איז נישט פאַראַן קיין אומאָפּהענגיקע יידישע מלוכה. אויפן דאָזיקן באָדן האָט געזיגט די קאָנ־צעפּציע פון די ס. ר. וועגן די רעכט פון די קליין־מלוכהשע אָדער נישט מלוכהשע סאָציאַליסטן צו זיין פאַרטראָטן אין אינטערנאַציאָנאַל.

אויף דער זעלביקער זיצונג פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל האָט אַן אַרויסטרעטונג פון אַקסעלראָד אַרויסגערופן אַן אַנדער אינצידענט. אַקסעלראָד איז בכלל אַרויסגעטראָטן קעגן צו ברייט עפענען די טירן פון אינטערנאַציאָנאַל, ווייל עס שאַפט זיך אַ געפאַר, אַז די אמתע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָל ווערן פאַרלוירן צווישן פאַרשיידענע סאָרטן סאָציאַליסטן. רובאַנאָוויטש האָט אונז געשריבן, אַז ער האָט נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזעלכע פּרוּוון — פאַנאַנדערצוטיילן די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל אויף „אמתע״ און „פאַרשיידנאַרטיקע״, און האָט שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע: צי מיינט דאָ נישט אַקסעלראָד אונדזער פּאַרטיי? אַקסעלראָד האָט געענטפערט — גיכער איז דאָס געווען אַן׳אַרויסדרייען זיך — „אַז ער האָט נישט געמיינט קיין שום קאָנקרעטן פאַל״. אָבער דער פּאָרזיצנדער וואַנדערוועלדע האָט איבערגעריסן דעם אינצידענט מיט אַ דערקלערונג וועגן אונדז: „דער פאַקט, וואָס זי זיצט אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ באַזייטיקט יעטווידן צווייפל אין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער פּאַר־טיי״... צום סוף פון זיין בריוו האָט רובאַנאָוויטש געשריבן, אַז אויב זיין

חוש נאַרט אים נישט אָפּ, דאַרף מען דערוואַרטן אַ נייעם אָנגריף אויף אונדז. אַקסעלראָד פּערזענלעך איז איינע פון די סימפּאַטישסטע פיגורן צווישן די ס. ד. פירער, וואָס פּאַרמאָגט נישט קיין שום בייזווילליקע כוונות קעגן אַנדערש דענקענדיקע, און אויב אפילו ביי אים רייסן זיך אַרויס טענער נישט געוואונטשענע פאַר אונדז, איז דאָס אַ באַווייז, אַז אין „יענעם לאַגער" מאַכט מען אויף אים זייער אַ שטאַרקן דרוק, קעגן וועלכן ער, פון דער נאַטור זייער אַ ווייכער מענטש, קאָן נישט ביישטיין. און ער, רובאַ־נאָוויטש, וויל וויסן ווי זאָל ער זיך האַלטן אין פאַל פון אַזאַ נייעם אָנגריף אויף אונדז.

איך געדענק נישט גענוי וואָס מיר האָבן אים געענטפערט, מסתמא אָן ערך אַזוי: די פּאַרביסענע קאָנטער־רעוואָלוציע אין לאַנד דערנענטערט אונדז גיכער מיט די סאָצ. דעמ. איידער טיילט אונדז אָפּ. מיר האָבן אָנגעוויזן דרויף, אַז בעת דאָ גאַר נישט לאַנג האָבן די ס. ד. עפענטלעך אונדז קיינמאָל נישט אָנגערופן „חבר" נאָר גאַנץ דעמאָנסטראַטיוו „הער" אָדער אין בעסטן פאַל „בירגער"; די לעצטע צייט האָבן זיי געפונען אַ ייִעם טערמין „חבר אין דער רעוואָלוציע" (דאָס מיינט, אַז אין סאָציאַליזם האַלטן זיי אונדז נישט פאַר חברים). לאָמיר וואַרטן אַ ביסל און ס׳וועט קומען די צייט ווען זיי וועלן אָפּוואַרפן די ווערטער „אין רעוואָלוציע" און ס׳וועט בלייבן בלויז „חבר". מיר האָבן אויסגעדריקט רובאַנאָוויטשן פול־שטענדיקן צוטרוי און געגעבן אים „פרייע הענט" ביים צונויפשטעלן אונדזער סעקציע אויפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס (1907), וואָס האָט געזאָלט אין גיכן פאָרקומען. מיר האָבן אים נאָך אָנגעזאָגט, אַז פון רוסלאַנד וועלן מיר קיין דעלעגאַטן נישט שיקן: יעטווידע פּערזענלעכע קראַפט דאָרט איז דרינגענד נויטיק אויפן אָרט גופא.

קעגן אונדזער דערוואַרטונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רובאַנאָוויטשעס חוש האָט אים נישט גענאַרט. אין שטוטגאַרט איז ער געווען אין אַן אויסער־געוויינלעך שווערער לאַגע. ס׳האָט זיך פאַר אים געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי זאָלן אין דער אַלגעמיינער רוסישער סעקציע פאַנאַנדערגעטיילט ווערן די 20 שטימען, וואָס דער רוסישער סאָציאַליזם האָט באַקומען צוגלייך מיט די אַנדערע גרויסע צווייגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג (ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך). די סאָצ. דעמ. אונטערסעקציע איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאַרטיקן פּראָיעקט, וועלכער, ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, איז געווען געשטיצט פון זייער איינפלוסרייכע עלעמענטן. דער פּראָיעקט אין באַשטאַנען אָט אין דעם: ערשטנס, וועלן דאַרפן באַקומען דריי שטימען די דעלעגאַטן פון די פּראָפעסיאָנעלע יוניאָנס (פאַרשטייט זיך, אַזעלכע, וואָס זיינען קאָנטראָלירט פון די ס. ד.) און דאָס אויפן חשבון פון דער ס. ר.שער סעקציע; חוץ דעם האָבן די ס. ד. געפאָדערט, אַז מ׳זאָל

פאַר זיי אָנערקענען מיט איין שטים מער ווי פאַר אונדז, ווי אַ באַוויז, אַז זיי שפּילן די הויפּט־ראָל אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרגלייך מיט אונדז. דער סך הכל וואָלט געווען אַזאַ: זיי וואָלטן געהאַט 14 שטימען (פון 20) מיר — 6!...

רובאַנאָוויטש האָט זיך נישט פאַרלאָרן. ער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ס'איז אין תוך נישט גערעכט, דאָס איין סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל זאָל אויסדינגען ביי דער צווייטער סעקציע אַ גרעסערע צאָל מאַנדאַטן פאַר זיך.ביידע פּאַרטייען זיינען אומלעגאַלע; עס קאָן נישט זיין קיים שום סטאַטיסטיק פון מיטגלידער אין דער „אונטערערד״; ס'איז נישטאָ קיין שום חשבון וועגן דער צאָל שטימען, וואָס עס באַקומט אַ מיטגליד פון איין פּאַרטיי אָדער פון דער צווייטער, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן צום פּאַרלאַמענט, אין אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג אד״גל. יעטווידע פון די קעגנערישע פּאַרטייען קאָן האַלטן, אַז זי איז שטאַרקער פון דער צווייטער. דער אינטערנאַציאָנאַל קאָן אויסקלייבן איינע פון זיי נאָר לויט סוביעקטיווער שטימונג, דאָס הייסט ווידעראַמאָל ווילקירלעך, אָן אַ פעסטער באַזע. בכלל זיינען די אַלגעמיינע כוחות־פאַרהעלטענישן ביי יעטווידער פון די אומלעגאַלע פּאַרטייען וואַקלדיגע נישט קיין שטאַנדהאַפטיקע. דאָ שיטן זיך פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס מער אויף איינער ווי אויף דער צווייטער און אַ מאָל — פאַרקערט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט רובאַנאָוויטש געהאַלטן איז די פּאַריטעט־סיסטעם, דאָס גלייך אויף גלייך איינטיילן די מאַנדאַטן צווישן ביידע פּאַרטייען די איינציק יושרדיקע. דער אינטערנאַציאָנאַל ווי אַזעלכער האָט דאָ נאָר איין מיסיע: נישט פּראָטעזשירן איין פּאַרטיי אויפן חשבון פון דער צווייטער, אָנרעגן זיי צו אָנערקענען איינע די צווייטע, צו קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ, דערנענטערונג און לסוף אַ צונויפגיסונג. וואָס שייך אויסטיילן עטלעכע שטימען פון דער רוסישער סעקציע פאַר די יוניאָנס — איז ער מסכים דערויף, אָבער מיטן תנאי, אַז אויך דאָ זאָל אָנגעווענדעט ווערן פּאַריטעט: יעטווידע סעקציע גיט אָפּ פאַר די יוניאָנס צו איינעם אָדער צו צוויי מאַנדאַטן, זאָלן די יוניאָנס האָבן נישט 3 שטימען, נאָר 2 אָדער 4.

דער סכסוך איז אָבער אַנטשיידן געוואָרן נישט לטובת אונדז. צוויי פון די גרעסטע אויטאָריטעטן פון אינטערנאַציאָנאַל בעבעל און אַדלער זיינען צוזאַמען אַרויסגעטראָטן פאַר דעם סאַצ. דעמ. פּראָיעקט. זיי האָבן דערקלערט דאָס „זיי ווילן אין קיין פאַל נישט פאַרקלענערן דעם באַטייט פון דער ס. ר. פּאַרטיי, וועלכע זיי האַלטן פאַר אַ וויכטיקן פאַקטאָר פון רוסישן סאָציאַליזם און רוסישער רעוואָלוציע״. זיי ווילן נאָר אויף אַ יושרדיקן אופן קאָנסטאַטירן מער־ווייניקער די כוחות־פאַרהעלטעניש. אויב זיי האָבן נישט קיין טעות, זיינען די ס. ר. מער פּאָפּולער אין דאָרף ווי

די ס. ד.! וואָס שייך די שטאָטישע פּראָלעטאַרישע יוניאָנס — קאָנקורירן זיי נישט מיט די ס. ר. און ס'איז דעריבער יושרדיק אויסצוטיילן פֿאַר זיי עטלעכע שטימען אויפֿן חשבון פֿון די ס.ר.; דערפֿאַר אָבער רעכענענ־דיק זיך מיט רובאַנאָוויטשעס ראיות, זאָגן זיי זיך אָפּ פֿון אַריבערטראָגן איין שטים פֿון די ס. ר. פֿאַר די ס. ד.; אויף אַזאַ אופֿן וועט די ס. ד. האָבן 10 שטימען, די ס. ר. 7 און די יוניאָנס — 3. אַזוי ווי אין דער ס. ר.ישער ליטעראַטור האָט מען אַ סך געשריבן וועגן דעם דאָמינירנדיקן איינפֿלוס פֿון די ס. ר. אין אלרוסלענדישן אייזנבאַן־אַרבעטער־פֿאַראיין, אין דעם פֿאַראיין פֿון די מאַטראָסן, אינעם פּויערים־פֿאַרבאַנד, — וועט אַזאַ באַשלוס לחלוטין נישט באַטייטן, אַז די ס. ר. וועלן אַלעמאָל האָבן קעגן זיך די שטימען פֿון די יוניאָנס.

אינעם ביוראָ איז דער דאָזיקער פּראָיעקט אַדורך בלויז מיט 10 שטימען קעגן 7, וואָס זיינען געבליבן טריי דעם ריינעם פּראָיעקט־פּרינציפּ, ביי וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן רובאַנאָוויטש.

— געוויס האָב איך געקאָנט פּראָטעסטירן — האָט רובאַנאָוויטש צו אונדז געשריבן — אַפּעלירן צום קאָנגרעס, זאָל זיין אפֿילו צום קומענדיקן, איך האָב אָבער געהאַנדלט אַנדערש: האָב זיך אונטערגעוואָרפֿן דער מערהייט און דערמיט געוויזן אַ ביישפּיל פֿון „דעמאָקראַטישער דיסציפּלין". דאָס איינציקע, וואָס איך האָב זיך דערלויבט איז געווען אַ דערקלערונג: איך האָף גאַנץ גיך צו באַווייזן מיט אָביעקטיווע פֿאַקטן, אַז די פּאַרטיי ס. ר. איז שוין איצט אַ פֿאַקטאָר פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס מיט זיין וואָג איז ער נישט בלויז נישט קלענער, נאָר יאָגט אפֿילו אַריבער די אַנדערע קאָנקורירנדיקע גרופּעס. אַזוי אָבער ווי פֿאַר אונדז איז דאָס אַ פֿראַגע פֿון פּרינציפּ און נישט פֿון מאַנדאַטן, וואָס מיר דאַרפֿן דעראָבערן אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע דענקענדיקע סאָציאַליסטן, זאָג איך צו פֿאַראויס: מיר קלייבן זיך נישט אַריינצורעכענען אין די אינטערעסן פֿון אונדזער פֿאַר־טייאישער פֿירמע די געענדערטע כוחות־פֿאַרהעלטענישן און צו פֿאָדערן פֿאַר זיך מער שטימען; מיר וועלן אויך דעמאָלט בלייבן פּרינציפּיעלע אָנהענגער פֿון פּאַריטעט. כל זמן די פֿראַגע גופֿאַ וועגן פֿאַנאַנדערטיילן די שטימען צווישן די אונטערסעקציעס וועט נישט באַזייטיקט ווערן דורך דעם פֿאַקט אַליין, וואָס אין רוסלאַנד וועט געשאַפֿן ווערן איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. איך וויים נישט — האָט רובאַנאָוויטש פֿאַרענדיקט — אפֿשר וועט איר האַלטן, אַז איך בין צו ווייט אַוועק אין מיין נאָכגעבעניש. וועל איך דעמאָלט זאָגן, גוט, חטאתי, כ'האָב געזינדיקט, אָבער דאָך פֿאַרדין איך מילדערנדיקע אומשטענדן, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אפֿילו פֿיל פֿון די יעניקע, וואָס האָבן געשטימט קעגן אונדז האָבן מיר שפּעטער דער־קלערט, אַז מיין שלום־וואָרט האָט געמאַכט אויף זיי דעם בעסטן איינדרוק".

רובאַנאָוויטש האָט אָבער אומזיסט געהאַט ספקות — אפשר וועלן מיר געפינען, אַז ער האָט מיט זיין שטעלונג צופיל נאָכגעגעבן. מיר האָבן איינגעפונען, אַז ער איז געווען, ווי ער האָט טאַקע געדאַרפט זיין, ווייט בלויז פון פראַקציאָנעלער קליינלעכקייט און עקשנות. מיר האָבן שפּעטער געזען, אַז ער האָט געקענט גאַר גיך שניידן די פּרוכט, וואָס ער האָט אַליין פאַרזעצט. דאָס איז געווען אויפן אויסערגעוויינלעכן קאָנגרעס אין באַזעל (1912), ווען ס'איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטראָפן אין דער געשיכטע פון אונדזערע צווישן־פראַקציאָנעלע באַציאונגען. אין דער „קאָמיסיע פון 5״, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן כדי אויסצואַרבעטן דעם מאַניפעסט פון אינטערנאַציאָנאַל קעגן דער דראָענדיקער וועלט־מלחמה, איז צוגלייך מיט זשאָרעסן פון פראַנקרייך, בעבעלן פון דייטש־לאַנד, וויקטאָר אַדלער פון עסטרייך און קירהאַרדי פון ענגלאַנד, לויט אַ פאַרשטענדיקונג פון ביידע רוסישע אונטערסעקציעס איינשטימיק אויס־געוויילט געוואָרן דער ס. ר. איליא רובאַנאָוויטש.

ווען שפּעטער, צוגרייטנדיק אַ נייעם קעגן־מלחמה־קאָנגרעס אין ווין, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל גאַנץ שטאַרק געגומען פאַרמיטלען וועגן כאַטש אַ טיילווייזער פאַראייניקונג אין דער סאָצ. דעמ. אונטערסעקציע פון רוסישן סאָציאַליזם, — האָט רובאַנאָוויטש מיט זיין געוויינלעכן טאַקט און מוט אונטערגעהאַלטן אַזעלכע שריט, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון קאַרל קאַוטסקי. ער האָט אָבער נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אין דער רעזאָלוציע פון אַמסטערדאַמער קאָנגרעס זאָגט זיך וועגן דער נייטיקייט צו פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטישע קרעפטן פון יעדער סעקציע, נישט בלויז די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס, — אַז דער פאָרזיצער וואַנדערוועלדע האָט אין דעם זין געמאַכט אַ דירעקטע ווענדונג צו אַלע רוסישע פאַרטייען; און לסוף — אַז דער פון אַלעמען אָנערקענטער פירער פון דער רוסישער סאָצ. דעמ. פּלעכאַנאָוו האָט דער־קלערט אויף דער זיצונג פון ביוראָ, אָקטאָבער 1912, אַז ס'איז געקומען די צייט נישט בלויז אויף צוריקצושטעלן די אייניקייט פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרב. פאַרטיי, נאָר אויך פאַר אַ דערנענטערונג אירער מיט דער פאַרטיי ס. ר. ווי אַן ענטפער דרויף האָט רובאַנאָוויטש דערקלערט „אין פולשטענדיקער הסכם מיט די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער פאַרטיי ס. ר.״, אַז „מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי צו באַזייטיקן די סיבות, צוליב וואָס ביידע פאַרטייען גייען זיך פונאַנדער״. אַזאַ אייניקייט — האָט ער געזאָגט — קאָן נישט דעקרעטירט ווערן מיט דערפאָלג בלויז מיט אַ באַשלוס פונעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל; מער נישט זיין אויטאָריטעט איז געוואָג גרויס, אַז אַלע רוסישע פאַרטייען זאָלן אויף מאָרגן נאָך זיין רוף אָנהייבן אַ נייע ערא — איינשטעלן אפילו אין

די הויפּט שטרייט־פראַגן אַ מער אויפמערקזאַמע באַציאונג און מער אַכטונג פון איין צד צום צווייטן, ספּעציעל אין נאָמען פון דער ס. ר. פּאַרטיי האָט ער געגעבן אַ פייערלעכן צוזאָג, אַז ביי נייע, פרייע באַדינגונגען פון רוסישן לעבן, וועט זי זיין דורכגעגנומען מיטן ווילן פון די אָרגאַני־זירטע מאַסן, אויף וועמען זי קוקט ווי אויפן איינציקן ריכטער אויף איינ־צושטעלן איינהייט, און צו זייער משפּט איז זי גרייט לאָיאַל איבערצוגעבן, ווי צו דער לעצטער אינסטאַנץ, אַלע נאָך איבערגעבליבענע מיינונג־פאַרשיידענקייטן.

צום באַדויערן, האָט רובאַנאָוויטש טאַקע דערלעבט יענעם מאָמענט, ווען די פּאַרטיי ס. ר. האָט אַרויסגעוויזן איר גאַנצע קראַפט און וואָג צווישן אַלע אַנדערע פּאַרטייען פון רוסלאַנד: ביי אַבסאָלוט פרייע און 'גלייכע וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אין 1917 (לעניןן אַליין האָט געשריבן, אַז אין יענער צייט איז רוסלאַנד געווען די „פרייסטע לאַנד אין דער וועלט״) — האָט זי באַקומען מער שטימען און מער מאַנדאַטן ווי אַלע איבעריקע פּאַרטייען צוזאַמען גענומען. ער האָט אָבער נישט דערלעבט דעם מאָמענט פון נאָרמאַלער אַלגעמיינער פאַרבינדונג פון רוסישן סאָציאַליזם, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט. נייע קאָמפּליקאַציעס, נייע שטערונגען, נייע אויפ־טרייסלונגען און שטורעמס האָבן זיך אָנגעהויבן אויף זיין וועג און אויף אונדזערן. אַנשטאָט אַ צוזאַמענגיסונג פון דער פּאַרטיי ס. ר. מיט דער ס. ד. פּאַרטיי אין איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון רוסלאַנד, זיינען פולשטענדיק איבערגעריסן געוואָרן די באַציאונגען צווישן די מענשעוויקעס און באָל־שעוויקעס אין דער רוסישער פּאַרטיי גופא, די באָלשעוויקעס האָבן אויס־געבילדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. און צוגלייך דערמיט איז דער גאַנצער אַלוועלטלעכער סאָציאַליזם אַרונטערגעריסן געוואָרן דורכן שאַפן דעם וועלט־קאָמוניזם. די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק וועגן פאַראייניקן דעם רוסישן סאָציאַליזם האָט באַקומען גאָר אַ נייעם פּנים...

דער פראַנצויזישער אָרגאַן „רוסישע טריבונע״

מאַכנדיק אַ סך הכל פון דער „רובאַנאָוויטש עפּאָכע״ און די קעגנ־זייטיקע באַציאונגען צווישן דער ס. ר. פּאַרטיי מיטן אינטערנאַציאָנאַל, דאַרף מען כאָטש אויבנאויפיק זיך אָפּשטעלן אויף דער אייגנאַרטיקער אָרגאַנישער אַרבעט, וואָס ער האָט אונטערגענומען מיטן צוועק באַקאַנט צו מאַכן די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע איראָפּע מיט דעם, וואָס עס לעבט איבער דאָס אויפקומענדיקע נייע רוסלאַנד, — רוסלאַנד פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. דער גאַנצער זין פון דער רוסישער רעוואָ־

לוציאָנערער באַוועגונג, דער פּאַטאָס פון איר קרבנות־גרייטקייט, די קאָנקרעטע פּראָגראַם פאַרן אויפבוי פון לאַנד, די גוואַלטיקע שטע־רונגען — אָפּענע און באַהאַלטענע — וואָס שטייען אויפן וועג, — די גאַנצע טאַקטיק און סטראַטעגיע, וואָס ווערט געשאַפן אין פייער פון קאַמף, — דאָס אַלץ האָט געדאַרפט פאַרגעשטעלט ווערן פאַרן גייסטיקן אַוואַנגאַרד פון אייראָפּע נישט אין דער פאָרם פון אַן אַבסטראַקטער סכעמע, נאָר מיט בלוט און פלייש, אַזוי אַז דער אייראָפּעאישער סאָציאַ־ליזם זאָל קאָנען אין זיין גייסט אַוועקשטעלן זיך אויפן פּלאַץ פון די רוסישע קעמפער פאַר פרייהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט און זען אין זיי קעמפער פאַר דער זעלביקער זאַך פון דער אַנדערער מזרח־זייט, בעת זיי מאַרשירן פאָראויס אין זעלביקן קאַמף פון דער מערב־זייט.

אַרומטראַכטנדיק די פראַגע וואו צו געפינען אַן אָרט פאַר אַזאַ מין אַרבעט, האָט רובאַנאָוויטש זיך אָפּגעשטעלט אויף פראַנקרייך. און נישט אַזוי דערפאַר, ווייל ער איז אַליין געווען אַ האַלבער פראַנצויז. ענגלאַנד — האָט ער מיט רעכט געהאַלטן — וועט נאָך לאַנג בלייבן אָפּגעטיילט ווי אַן אינדזל מיט איר „קולטור־פּאָליטישן איזאָלאַציאָניזם" פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט: דייטשלאַנד, וואָס האָט דאָמינירט איבער אייראָפּע ווי אַ מלוכה, וואָס ליגט אין צענטער, וועט זיין צו שטייף און פאַרהאַרטעוועט קעגן די עסערישע שטרעמונגען. „די פּאַרטיי ס. ר. — האָט ער געזאָגט בעתן צוזאַמענפּאַר אין אימאַטראַ־פינלאַנד (1906) — איז אַנטשטאַנען אין אַזאַ מאָמענט, ווען די פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע אַרענע איז געווען פאַרנומען כמעט אויסשליסליך מיט אַ צווייטער פראַקציע פון רוסישן סאָציאַליזם, וואָס איז געווען זייער פיינטלעך צו אירע טענדענצן, וועלכע זי האָט באַקומען בירושה פון „נאַראָדנאיא וואָליא"; די דאָזיקע פראַקציע האָט כמעט איר גאַנצע פּראָגראַם איבערגענומען פון דער מעכטיקער דייטשישער סאָצ. דעמאָקראַטיע, — זי האָט זיך באַשיצט מיטן אויטאָריטעט פון דער לעצטער און איר איינפלוס, כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרשפרייטונג פון אַנדערע ריכטונגען.

רעכענענדיק זיך דערמיט, האָט רובאַנאָוויטש אויסגעקליבן פראַנקרייך פאַרן אויסגאַנג־פּונקט צו האָבן אַ ליטעראַרישע השפעה אויף דער אייראָ־פּעאישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין פּאַריז אויף פראַנצויזיש אַן אָרגאַן „רוסישע טריבונע". אַ צייט לאַנג פריער איז געמאַכט געוואָרן אַ האַלב טויטער פּרוּוו צו ראַטעווען הערצענס „קאָלאָ־קאָל" דערמיט, וואָס מ'האָט אים אַריבערגעטראָגן אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע און אַרויסגעגעבן אויף פראַנצויזיש. נישט געקוקט אויפן גרויסן טאַלאַנט פון זיין גרינדער, איז צום באַדויערן, דערפון גאָרנישט געוואָרן און דעם 9טן יאַנואַר 1868 האָט הערצען געשריבן צו אָגאַרעוון:

„ס'איז קלאָר, אַז קיינער דאַרף נישט האָבן נישט קיין רוסישן „קאָלאָקאָל" און נישט קיין פּראָנצויזישן... ביי אַזעלכע באַדינגונגען קען איך נישט אַרבעטן". אָט דער דורכפאַל פון הערצענס פּרואוו האָט נישט אָפּגעשטעלט רובאַנאָוויטשן. ער האָט אין יאַנואַר 1904 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם אָרגאַן און אים געפירט זעקס יאָר אָן אַן איבעררייס ביזן סוף 1909. אָנהייב 1910, ווען די דאָקטוירים האָבן אים, צוליב זיין צוקער־קראַנקהייט און אויסגעמאַטערטקייט פון די נערוון פאַראָרדנט אַבסאָלוט רו און סיסטע־מאַטישע קוראַציע, האָט ער געמוזט צייטווייליק אָפּשטעלן די „רוסישע טריבונע".

גלייך ווי נאָר זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט, האָט ער שוין געמאָלדן, אַז די „טריבונע" גייט ווייטער אַרויס. און ער האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז ווען דער „טריבונע" קאָן מען שוין נישט זאָגן, אַז „קיינער דאַרף זי נישט". פאַרקערט, די גאַנצע פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּרעסע — סיי פון געדס ריכטונג, סיי פון זשאָרעס'ס און די בלאַנקיסטישע — האָבן אין איין קול ענטוזיאַסטיש באַגריסט דאָס באַנייען די „טריבונע"; אפילו אַזאַ סעקטאַנטיש־שטרענגער אָרגאַן ווי געדס „סאָציאַליזם" האָט געוואונטשן דער „רוסישער טריבונע" דערפאָלג און לאַנגע יאָרן, אונטער־שטרייכנדיק באַזונדערס די פאַרדינסטן פון דער „טריבונע" ביים סיסטע־מאַטישן זוכן צווישן די פאַרשיידענע אָפּט פיינטלעכע פראַקציעס פון די רוסישע סאָציאַליסטן דעם „מאַקסימום פאַרשטענדעניש און מינימום צעטיילונג". זשאָרעס אין „הומאַניטע" האָט באַגריסט די „טריבונע" פאַר דעם „גייסט פון ברייטער טאָלעראַנץ און אומפּאַרטייאישקייט", וואָס זי ווייזט אַרויס סיי אין אַלע פראַגן פון אינערלעכן רוסישן לעבן, סיי באַזונ־דערס אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, וואו עס שטויסן זיך צענויף פאַרשיידענע צווישן־נאַציאָנאַלע אינטערעסן; דאָס איז באַזונדערס ווערטפול אין אַ מאָמענט, ווען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן האָריזאָנט קלייבן זיך אָן אַלץ מער שוואַרצע שטורעם־וואָלקנס, וואָס זיינען בכוח צו צעטרייסלען דעם גאַנצן אייראָפּעאישן שלום. און אין צענטראַל־אָרגאַן פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „דער סאָציאַליסט" האָט דער גרייז־גרויער פירער פון די בלאַנקיסטן עדואַרד וואַליאַן דערמאָנט, אַז טאַקע דאָס רוסישע פאָלק האָט צום ערשטן אויספּרובירט דאָס מעכטיקע געווער פון אַן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן סטרייק, כדי צו געבן אַ פאַרניכטנדיקן קלאַפּ דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די צאַרן; ער האָט געזען אין דער אויפלעבונג פון דער „רוסישער טריבונע" אַ גליקלעכן אָנזאָג, אַז די רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וועט נישט פאַראַטן אָט דער איניצי־אַטיוו־מיסיע אירער און וועט „קאָנען שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע רעטונגס־

ראַל פאַר אייראָפּע ביים מאָביליזירן די אינטערנאַציאָנאַלע קרעפטן קעגן דער מלחמה־קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן״...

אָט דעם דאָזיקן דערפאָלג אירן האָט די „טריבונע״ געהאַט צו פאַר־דאַנקען מער ווי אַלץ די פּערזענלעכע מעלות פון אירעביידע רעדאַקטאָרן — רובאַנאָוויטשן און זיין פּאָליטישן פריינט רוסאַנאָוון. די „רוסישע טריבונע״ האָט געגלאַנצט מיט אַ פּרעכטיקן פראַנצויזישן סטיל, וואָס עס האָבן געקאָנט מקנא זיין די עכט־פראַנצויזישע זשורנאַליסטן, צוגעבנדיק נאָך יענע פאַרטיפונג אינעם באַהאַנדלען טעמעס און פּראָבלעמען פון פּאָליטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ קלאָרער וועלטאַנשויאונג, — מיט וואָס ס׳האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט די רוסישע פּאָליטישע ליטעראַטור פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע ליטעראַ־טורן. מיט רובאַנאָוויטשעס טויט איז איבערגעריסן געוואָרן אויך דאָס לעבן פון דער „רוסישער טריבונע״, איר ליידיק אָרט פּוסטעוועט נאָך עד היום.

דער באָלשעוויסטישער פּראָצעס קעגן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער עסערישער פּאַרטיי. — רובאַנאָוויטשעס טויט.

דער אויטאָריטעט פון רובאַנאָוויטשעס פראַנצויזישער צייטונג האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַאיינפלוסן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון לאַנד אַזוי, אַז ביז אים איז דאָס נאָך אָן אויסלענדער קיינמאָל נישט געלונגען אין אַזאַ מאָס. דאָס האָט זיך פולשטענדיק אַרויסגעוויזן אין דער לעצטער פּאָליטישער קאַמפּאַניע, וואָס רובאַנאָוויטשן איז אויסגעקומען צו פירן, — דאָס מאָל שוין נישט קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, וואָס איז אַראָפּגעווישט געוואָרן אין שטורעם פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, נאָר קעגן דער אַליינהערשאַפט פון דער דיקטאַטאָרישער פּאַרטיי.

איך מיין דאָ דעם באַרימטן פּראָצעס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער עסערישער פּאַרטיי אין יאַנואר 1922. צוועלף פון די בעסטע מיט־גלידער זיינע, וואָס האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד און זיינען נישט אַריינ־געפאַלן אין די נעצן פון „טשעקאַ״, — זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך אַ כלומרשטן געריכט אין צוועלף צום טויט פאַרמשפּטע בתנאי, ד״ה אָפיציעלע ערובניקעס פאַר דער פּאַרטיי, וואָס מיט די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן דאַרפן זיי גאַראַנטירן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, אַז ס׳וועלן נישט געשען בנוגע איר אַזעלכע טאַטן, מיט וועלכע אונדזער פּאַרטיי האָט געוויינלעך צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די ערגסטע

פֿאַרברעכער, וואָס זיינען באַגאַנגען שטראָפלאָז די מוראדיקסטע גוואַלד־טאָטן איבערן רוסישן פֿאָלק.

ווי נאָר ס'איז באַשטימט געוואָרן אָט דער בייזוויליקער פּראָצעס, האָבן מיר, אַלע פּאַרטיי־טוער, וואָס זיינען געווען אין אויסלאַנד גענומען מאָבילי־זירן קעגן אים דעם גאַנצן גייסטיקן אַוואַנגאַרד און די מאָראַלישע עליטע פון דער ציוויליזירטער וועלט. די אויסלענדישע דעלעגאַציע פון דער פּאַרטיי האָט נישט געזשאַלעוועט איר לעצטן געלד־פאָנד און אָפּגעקויפט די טעגלעכע צייטונג „גאָלאָס ראָסיאי״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין בערלין און האָט אין יענער צייט קוים געזשיפּעט. אין טעלעגראַמעס, קאָרעספּאָנ־דענציעס, סטענאָגראַפישע באַריכטן פון פּראָצעס, און כלערליי וועלט־אָפּקלאַנגען פון אים, האָבן מיר כסדר און אַלזייטיק באַלויכטן דעם גאַנצן גאַנג פונעם פּראָצעס, וואָס איז געווען אַן אומדערהערטער חוזק איבער די גרונט־פּרינציפּן פון רעכט. די נומערן פון גאָלאָס ראָסיאי זיינען געוואָרן פֿאַר דער גאַנצער וועלט־פּרעסע דער ערשטער קוואַל פון אינפֿאָרמאַציע וועגן פּראָצעס, אויף וויפל די אייראָפּעאישע צייטונגען האָבן געהאַט גענוג רוסישע איבערזעצער און קאָמענטאַטאָרן. פֿאַר פראַנקרייך האָט די זעלביקע ראָל געשפּילט נישט בלויז די „רוסישע טריבונע״, נאָר די אָפּטע אינפאָר־מאַציע־ביולעטינען, וואָס זי פלעגט אַרויסגעבן. ביסלעכוויז זיינען אַלע אינטעליגענטע שיכטן פון אייראָפּע אַריינגעצויגן געוואָרן אין גאַנג פון פּראָצעס, האָבן געפיבערט, וואַרטנדיק אויף די נייעס פון מאָסקווע, און אַלץ העכער און העכער רעאַגירט אויף אַזעלכע געשעענישן, וואָס דער רעכטלעכער באַוואוסטזיין פון דער מאָדערנער מענטשהייט איז גאָרנישט בכוח תופס צו זיין. אַלץ האָט זיך פֿאַראייניקט אין איין שטורעם פון אלוועלטלעכן מאָראַלישן פּראָטעסט קעגן דער אומדערהערטער פּאַראָדיע אויף דער יוסטיץ־גערעכטיקייט. דער וועלט־געוויסן האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן דערמיט...

די פירנדיקע ראָל האָט דאָ געהאַט פראַנקרייך, וואו דערמיט האָט זיך נאַטירלעך פֿאַרנומען רובאַנאָוויטש. דאָרטן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט נישט בלויז אַנאַטאָל פראַנס, נאָר אויך ראָמען ראָלאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן העכער, איבער אַלע אינטערנאַציאָנעלע און צווישן־פּאַרטייאישע קאָנפליקטן, — אפילו באַרביס, וואָס האָט שטאַרק סימפּאַ־טיזירט מיט די פּרינציפּן פון „סאָוועטיזם״; ס'האָבן זיך אָפּגערופן געלע־רנטע, וויסענשאַפטלער ווי סעניאָבאָס, אָלאַר, פּענלעווע, שאַרל זשיד, לעווי, בריול — מיר דערמאָנען בלויז די סאַמע וויכטיקע און באַוואוסטע נעמען; מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די צאָל פּראָפּעסיאָנעלע, פּאָליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער שטים צו פּאַרטיידיקן די געמשפּטע. די צענטראַלע פון די יוניאָנס — די „אַרבעט־

קאָנפעדעראַציע" און אויך אפילו די האַלב באַלשעוויזירנדיקע, פּאַראייניקטע קאָנפעדעראַציע איז צוגעשטאַנען צום פּראָטעסט. צו די פראַנצויזישע גרויסע גייסטער פון פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, ליטעראַטור האָבן זיך אָנגעשלאָסן די דייטשע און ענגלישע: ס'האָט אויפגעהויבן זיין שטים דער אַלעמאַל סענסיטיווער איינשטיין, ס'האָט זיך אָפּגערופן דער פילאָזאָף אַלאַיזריל, ס'זיינען צוגעשטאַנען הערבערט אועלס, זודערמאַן, קעסלער, קעלערמאַן און אַ סך אַנדערע פון דער ליטעראַרישער וועלט, ס'איז נישט געבליבן, דאַכט זיך, קיין איין „שווייגער" צווישן די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון איירָאָפּעאישן סאָציאַליזם — ס'האָבן פּראָטעסטירט קאַרל קאַוטסקי, עדואַרד בערנשטיין, אַדלער, שטאַמפּפער און נאָך און נאָך; פון די רוסישע טוער האָט נישט אויסגעהאַלטן אַפילו מאַקסים גאָרקי, וואָס פלעגט זייער אָפט זיך בויגן אין דער זייט פון די באַלשעוויקעס... אונדזערע צייטונגען און ביולעטינען זיינען געווען פאַרפלייצט מיט רשימות פון קאָלעקטיווע און פּערזענלעכע פּראָטעסטן. איבער דער גאַנצער וועלט האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ שטורעם פון מאָראַלישן צאָרן. דאָס הייפל דיקטאַטאָרן, וואָס האָט פאַרנומען דעם קרעמל האָט גענומען ווערן אומרואיק. זיי זיינען געווען ביז איצט געוואוינט, אַ דאַנק זייער קונציקער דעמאַגאָגיע און פּראָפּאַגאַנדע צו קריגן אין אַלע לענדער זייערע „מיטלויפער", וואָס זיינען דאָס רוב באַשטאַנען פון מענטשן אידייאיסטע, אָבער פּאָליטיש ווייניק שטאַנדהאַפטיקע; און דאָ באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז די גאַנצע לאַנגיאָריקע פּראָ־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע קאָן ווערן אָפּגעווישט מיט אַ מאָל, ווי אַ שוואָם ווישט אָפּ דאָס אָנגעשריבענע מיט קרייד אויף אַ גריפּעלנער טאָוול.

אַזאַ מאָמענט האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די א. ג. „ווינער פאַראייניקונג פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען", וואָס האָט געטרוימט וועגן שאַפן אין אייראָפּע אַן אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע איינהייט, האָט אָבער נישט געוואָלט זיך פאַראייניקן באַזונדער מיט דער גרופּע פּאַרטייען, וואָס זיינען געבליבן פון צווייטן פאַרמלחמהדיקן אינטערנאַציאָנאַל און מיטן נייעם קאָמינטערן. לויט דער איניציאַטיוו פון ווין איז זיך צונויפגעקומען אין בערלין אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע דריי אינטערנאַציאָנאַלן: ווינער, מאָסקווער און דעמאָקראַטישער (פריער צווייטער).

אונדזער אויסלענדישע דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך פאָרמירט גלייך ווי איך בין געקומען קיין אויסלאַנד ווי אַ פאָרשטייער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי, איז באַשטאַנען פון רובאַנאָוויטשן, רוסאַנאָוון, טשערנאָוון, זענזינאָוון און סוכאָמלינען (ער האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן פאַרראַט). אָט די דעלעגאַציע האָט געדאַרפט צושטעלן צום בערלינער צוזאַמענפאָר אונדזער מעמאָראַנדום. רובאַנאָוויטש האָט געהערט

צו דער דעלעגאַציע ווי אַ ספּעציעלער באַפולמעכטיקטער פון צ. ק. און ווי דער ספּעציעלער אויסלענדישער פאָרשטייער פון איינער פון די גרעסטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד — דער אלרוסלענדער ראַט פון די פּויערים־דעפּוטאַטן. דערפון האָט זיך גענומען דער צונאָמען, וואָס מ׳האָט אים געגעבן אין דער אויסלענדישער עמיגראַציע: „אַמבאַסאַדאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין אויסלאַנד״.

געקומען קיין בערלין האָט אונדזער דעלעגאַציע מיר איבערגעגעבן איך זאָל „אויף אַ שלאָגערישן אופן״ שנעל אָנשרייבן דעם מעמאָראַנדום, אַנדערע חברים האָבן אים געדאַרפט תיכף איבערזעצן אויף דריי שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש. דריי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט אָט די אַרבעט, מיט זייער קורצע איבעררייסן צום שלאָפן. דער גרעסטער טייל פון מעמאָראַנדום — דאָס איז געווען אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור — פאַר איר צעשטערן אַלע פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע פרייהייטן, פאַרשקלאַפן די פּראָפ. פאַראייגען און קאָאָפּעראַטיוון, פונאַנדערלאָזן די דעמאָקראַטישע מוניציפּאַליטעטן, זעמסטוועס, אַגראַר־קאָמיטעטן, אַרייניאָגן אַלע פּאַרטייען אונטער דער ערד, פונאַנדערלאָזן אפילו סאָוועטן, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנטיקאָמוניסטישע מערהייט, ביז דער קרוין־איבערקערעניש — פונאַנדערטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג מיט מיליטערישער מאַכט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זייערע באַמיאונגען איז די מערהייט פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אַן אַנטשיידן־סאָציאַליסטישע און נישט ווייניקער אַנטשיידן אַן אַנטי־קאָמוניסטישע.

די באַראַטונג פון די דריי אינטערנאַציאָנאַלן איז נישט אַראָפּ, פאַרשטייט זיך, אָן שטורמ׳ישע סצענעס; זיי וואָלטן געווען נאָך שטורמישער און נאָכמער אָפּטער, ווען אונדזערע פאָרשטייער וואָלטן געווען צווישן די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג. אָבער אונדזער פּאַרטיי האָבן די געשעענישן געטראָפן אומגעריכט, גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זי איז שוין נישט געווען אין צווייטן פאַרמלחמהדיקן אינטערנאַציאָנאַל (דער רוסישער צ. ק. האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פון אים) און נאָך נישט געהערט צו דער ווינער פאַראייניקונג (זי האָט געהאַט בדעה אַרייננצוטרעטן אַהין, נאָר אָפּגעלייגט דעם באַשלוס ביזן האַמבורגער קאָנגרעס פון דיביידע פאַראייניקונגען, וואו ס׳איז טאַקע פאָרגעקומען זייער צונויפגיסונג און ס׳איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל״). פאַר די צונויפרופער פון דער בערלינער באַראַטונג איז די דאָזיקע צייטווייליקע עקסיסטענץ פון אונדזער פּאַרטיי אויסער די דריי צונויפגעקומענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט געווען זייער אַ באַקוועמע זאַך, ווייל

די דעלעגאַציע פון קאָמינטערן האָט דורך ראַדעקן און בוכאַרינען אָוועק־געשטעלט פאַר דער עפענונג פון דער באַראַטונג די פראַגע... וועגן גאַראַנטירן פּערזענלעכע זיכערקייט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, און נאָך אַ פראַגע: ווי אַזוי קאָנען מיר און זיי זיך באַגעגענען בעת אין רוסלאַנד האָבן מיר גענומען באַנוצן קעגן זיי די שפּראַך פון רעוואָלווער... אַט אַזוי קערן די קאָמוניסטן אַלע מאָל איבער די געשיכטע קאַפּויער: דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגעגאַנגען פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אָנגענומען אַ „דעקרעט", אַז זי איז פונאַנדערגעלאָזט — דערמיט האָבן זיי דאָך פאַרביטן די פּאַרלאַמענטאַרישע שפּראַך פון די אויסדערוויילטע פון פאָלק אויף דער שפּראַך פון בירגער־קריג און טעראָר פון די „טשרעזווי־טשאַיקעס"...

אין דער בערלינער באַראַטונג האָט זיך דאָך באַטייליקט די סאָצ. דעמ. פּאַרטיי (מענשעוויקעס), וואָס האָט געהערט צו דער ווינער פאַר־אייניקונג, אָבער איר פאָרשטייער (מארטאָוו) האָט אין די דעבאַטן זיך נישט באַטייליקט, כדי אויסצומיידן די היציקע ליידנשאַפטן. לויט אַ קאָמפּראָמיס פון די „שפּיצן" פון דער באַראַטונג האָט מען גאַנץ ווייניק געהאַט בדעה צו מאַכן אַ רעדנער־טורניר פון די בעסטע אידעאָלאָגן און סטראַטעגן פון וועלט־סאָציאַליזם וועגן דער עיקר־פראַגע פון מאָמענט: צי קאָן מען בלייבן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער משפּחה בעת מען טרעט מיט די פיס די פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע פרייהייט און רעכט, מען פאַרוואַנדלט אַ פּאָליטישע אָרדענונג אין אַ רעזשים פון טעראָריסטישער דיקטאַטור? די באַראַטונג האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ צונויפקום פון יענעם סאָרט דיפּלאָמאַטישע דעלעגאַציעס, וואָס זוכן נישט אַ צוזאַמענשטויס פון פּראָגראַמען, נאָר כאָטש אַ וועלכן נישט איז קאָמפּראָמיס. נישט פאַר אונדז איז דאָס געווען אויסצואַרבעטן אַזאַ קאָמפּראָמיס. נאָך אַן אויסטויש פון אַלגעמיינע דערקלערונגען, וואָס עס האָבן געמאַכט די פירער פון די דריי אינטערנאַציאָנאַלן — דערביי האָבן ראַדעק און בוכאַרין געהאַט זייער שאַרפע און סאַרקאַסטישע אַרויס־טרעטונגען, און וואַנדערוועלדע מיט אַדלערן האָבן גענומען אויף זיך די ראָל פון „איינשטילער", — האָט די קאָמיסיע ענדלעך אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ קאָמפּראָמיס; די דעלעגאַציע פון קאָמינטערן איז צוגעשטאַנען צום קאָמפּראָמיס־פּראָיעקט ערשט נאָך אַ טעלעגראַפישער אָנפראַגע ביי „אים" אַליין, ביי לענינען. דער קאָמפּראָמיס־פּראָיעקט איז באַשטאַנען אַט אין וואָס:

די באַראַטונג האָט גענומען צו קענטעניש די דערקלערונג פון קאָמאינטערן וועגן דעם, אַז 1) צום פּראָצעס פון די 47 סאָציאַליסטן־

רעוואָלוציאָנערן*) וועלן צוגעלאָזן ווערן אַלע פּאַרטיידיקער, וואָס די געמשפּטע וועלן נאָר פאָדערן; 2) אַ טויט־אורטייל אין דאָזיקן פּראָצעס איז אויסגעשלאָסן, און 3) פאָרשטייער פון אַלע דריי אינטערנאַציאָנאַלן ווערן צוגעלאָזן צום פּראָצעס ווי אָבסערוואַטאָרן מיטן רעכט צו באַקומען סטענאָגראַפישע באַריכטן.

רובאַנאָוויטש האָט געהאַלטן די דאָזיקע דערקלערונג פאַר אַ גרויסן טריט פאָראויס. מיט דער הילף פון דער באַראַטונג פון די דריי אינטער־נאַציאָנאַלן, וואָס האָט אויסגעדריקט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט — דעם „וועלט־געוויסן" — ווי רובאַנאָוויטש האָט זיך אויס־געדריקט — איז דאָס לעבן פון די 12 העראָאישע מיטגלידער און אַגענטן פון צ. ק. אַרויסגעריסן געוואָרן פון די תליניש(ע) הענט. ער האָט נישט געוואָלט הערן אפילו די שטימען פון די סקעפּטיקער, וואָס האָבן געזאָגט, אַז צווישן די צוזאָגן פון די באָלשעוויקעס און אויספירן זיי ליגט אַ גאַנצער תהום: אָט האָבן זיי דאָך מיט זייער אויפשטאַנד צוגעזאָגט צו פאַרשנעלערן דאָס צונויפרופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג; זיי האָבן אָבער פאַרשנעלערט דאָס פונאַנדערטרייבן זי. „אויב אַזוי — האָט רובאַנאָוויטש אַרגומענטירט — צוליב וואָס האָבן זיי געדאַרפט גיין צו דער בערלינער באַראַטונג? דער פייערלעכער צוזאָג פון קאָמאינטערן איז אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן פון די אַנדערע צוויי אינטערנאַציאָנאַלן, — צי דען קען אַזאַ צוזאָג געבראָכן ווערן אָן שאָדן פאַרן גוטן נאָמען, עלעמענטאַרער ווערדע און כבוד פון די יעניקע, אין וועמענס נאָמען דער צוזאָג איז געגעבן געוואָרן? עס זיינען דאָך פאַראַן עפּעס גרענעצן, וועלכע עס קען נישט אַריבערטרעטן אפילו דער באָלשעוויסטישער יעזואיטיזם און מאַקיאַוועליזם!...

רובאַנאָוויטשעס איידעלער כאַראַקטער האָט שטורמיש פּראָטעסטירט קעגן צולאָזן אפילו אַזאַ געדאַנק וועגן אָפּנאַרן... און אָט, נאָכדעם ווי עס זיינען אַוועק אַזוי פיל יאָרן נאָך דער בערלינער באַראַטונג, דאַרף מען קאָנסטאַטירן אַזעלכע ביטערע אמתן:

1) פון די פאַרטיידיקער, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבן פאַרלאַנגט איז קודם כל אויסגעשלאָסן געוואָרן איינער פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע פירער ליבער וואָס האָט געזאָלט פאַרטיידיקן גאָצן; אַלע קוואַליפיצירטע אייראָפּעאישע יוריסטן־סאָציאַליסטן זיינען פאָרמעל צוגעלאָזן געוואָרן,

*) אייגנטלעך האָט מען געמשפּט 12 מיטגלידער און נאָענטסטע אַגענטן פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַבער די באָלשעוויסטישע יוסטיץ האָט נישט אַנדערש געוואָלט צוטשעפּען זיי צו פרעמדע, אָפּט פיינטלעכע און פאַררעטערישע עלעמענטן, פאַר וועמען דער נאָמען „באַשולדיקטע" האָט געדינט בלויז ווי אַ מאַסקע זיך אונטערצולעקן דער באַשולדיקונג־מאַכט.

אָבער, ערשטנס, זיינען זיי אין מאָסקווע באַגעגנט געוואָרן מיט אַ גראָב־וואויליינגערישער פיינטלעכער דעמאָנסטראַציע, מיט וועלכער ס׳האָט פּערזענלעך אָנגעפירט דער מחבר אַליין פון קאָמפּראָמיס־פּראָיעקט בוכאַרין. — ער האָט דערפון קיין סוד נישט געמאַכט; צווייטנס, זיינען זיי פון אָנהייב אָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער דאָס ווייטערדיקע אָנטיילנעמען אין פּראָצעס וואָלט געווען קעגן זייער כבוד, — דעריבער זיינען זיי, מיטן פולן הסכם פון זייערע קליענטן די אָנגעקלאָגטע, דעמאָנ־סטראַטיוו אַוועק פון געריכט־זאַל.

2) דער צוזאָג, אַז טויט־אורטיילן זיינען אינעם פּראָצעס אויסגעשלאָסן, איז אויף אַ יעזואיטישן אופן געבראָכן געוואָרן. אַלע 12 אָנגעקלאָגטע זיינען דאָך פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, מערנישט דאָס אויספירן דעם אורטייל איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, אָפּהענגיק דערפון, ווי לאַנג די פּאַרטיי ס. ר. וועט זיך אויפפירן אַזוי, אַז לויטן איינזען פון דער מאַכט וועט זיך נישט פאָדערן אָראָפּצונעמען די קעפּ פון די 12 פאַרמשפּטע, וואָס ווערן געהאַלטן אויף אַזאַ אופן ווי ערובניקעס.

און 3) דאָס פירן סטענאָגראַפישע באַריכטן און די מעגלעכקייט זיי צו באַקומען פאַר די נישט־קאָמוניסטישע פאָרשטייער האָט געדויערט בלויז עטלעכע זיצונגען; שפּעטער איז שוין קיין שום סטענאָגראַפישער באַריכט פון פּראָצעס נישט דערשינען און ס׳איז געווען פולשטענדיק אויסגעשלאָסן אַזעלכע צו באַקומען. דערפאַר האָט מען יאָ געגעבן די סטענאָגראַמעס פון די רעדעס פון די „קאַזיאָנע" באַשולדיקער, וואָס האָט מיט זיי געווימלט אויפן פּראָצעס...

אפילו דער דרוק פון וועלט־געוויסן האָט נישט געקאָנט צווינגען די באָלשעוויסטישע טעראָריסטן אַרויסצולאָזן פון די נעגל זייערע קרבנות. איצט איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען געגאַנגען צו דער בערלינער באַראַטונג נור צוליב דעם, כדי דורך אָפּנאַרעריי און כלומרשטן קאָמפּראָמיס זיך דערשלאָגן אַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע אַטמאָ־ספערע; אָנשטאָט צו דערשטויגען די וועלט מיט צוועלף תליות מיט אַמאָל, האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט זייערע טויט־ערובניקעס איינציקווייז, לויט דער ריי נאָך, שטילערהייד, הינטער אַן „אייזערנעם פאָרהאַנג" אין די קעלערן פון „געפּעאו", — הינטער אַזאַ „אייזערנעם פאָרהאַנג" האָבן זיי מיט צוויי צענטליק יאָר שפּעטער אויך אומגעבראַכט אַזעלכע ערובניקעס פאַרן סאָציאַליסטישן יידנטום ווי — ערליך און אַלטער...

איך דערמאָן זיך ווי אַזוי מיר האָבן אַלע געפיבערט אין יענע טעג מיטן גאַנג פון פּראָצעס און זיין עפּילאָג, ווי אַזוי מיר זיינען מיט אַלע אונדזערע געפילן געווען מיט די יעניקע חברים און פריינט אונדזערע, וואָס האָבן אויפן געריכט אַזוי הויך, איבער די קעפּ פון פריינט און פיינט

געהאַלטן די פּאַן פון אונדזער פּאַרטיי. איך דערמאָן זיך, ווי אונדז אַלעמען האָט אַדורכגענומען דער געדאַנק: אויב עס זיינען נויטיק ווי ערובניקעס צוועלף סאָציאַליסטן, — פאַר וואָס זשע גראָד אָט די צוועלף און נישט אַנדערע? זאָל מען אונדז נעמען, מיר זיינען גרייט: מיר גיבן אָנשטאָט די צוועלף געפאַנגענע, וואָס זיינען שוין פאַרשפּאַרט אין די טורמע־קעלערן, צוועלף אַנדערע אַזעלכע אַוואַנגאַרד טוער פון אונדזער פּאַרטיי. יעטווידער פון אונדז איז גרייט צו פאַרטרעטן די יעניקע, אויף וועמענס גורל ס'איז אויסגעפאַלן צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאַרטיי. איך געדענק נישט קלאָר, ווער האָט דער ערשטער פון אונדז ארויסגעזאָגט אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרלייכטערן אונדזער פּאָליטיש־פּאַרטייאישן געוויסן. איך דערמאָן זיך נאָר מיט וואָס פאַר אַ פעסטן און רואיקן ענטוזיאַזם דאָס האָט פאָרמולירט פאַר די אויסלענדישע חברים רובאַנאָוויטש. אונדזער אידייע האָבן די אייראָפּעאישע חברים באַגעגנט אָן סימפּאַטיע, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז נישט געווען אינגאַנצן פאַרשטענדלעך פאַר זיי. אָבער ביסלעכווייז איז זי דאָך אָנגענומען געוואָרן. אויב איך האָב נישט קיין טעות איז דער ערשטער פון די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וואָס האָט אַזוי רירנדיק פאַרגעלייגט זיך אָנשטאָט וועמען נישט איז פון די צוועלף, געווען דער בעלגישער סאָציאַליסט וואָטערס; און נאָך אים שוין האָבן זיך גענומען שיטן נאָך און נאָך נעמען פון פאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשיידענע לענדער, נישט אויסגעשלאָסן די ווייטע אַמעריקע.

איך געדענק: די געמשפּטע גופא האָבן צו אונז געשיקט פּראָטעסטן און גערופן זיך צו באַהערשן און נישט מאַכן אַזעלכע פאָרשלאָגן זייערע תלינים, וואָס זיינען בלויז פעאיק צו מאַכן חוזק דערפון. איך געדענק: אויף דער בערלינער באַראַטונג גופא איז ראַדעק אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַנדער וואַריאַנט: „מאַכט עס זאָל באַפרייט ווערן אונדזער חבר מאַקס האָלץ — האָט ער געזאָגט — און מיר וועלן אַרויסלאָזן אייער קראַנקן חבר טימאָפעיעוון!” — „אַ גרויס־מייסטער פון שאַנטאַזש”! האָט רובאַנאָוויטש אויסגערופן הערנדיק אַזאַ פאַרשלאַג ראַדעקס. ביי אַ צווייטן האָט זיך אַרויסגעריסן אַן אַנדער רעפּליק: „הענדלער מיט מענטשלעכע קעפּ”! אַזאַ פאַרשלאַג ראַדעקס איז געווען אַ ציניש אַבסורד: מיר האָבן נישט געהאַט אין אונדזער רשות נישט דעם קאָפּ און נישט די פרייהייט פון מאַקס האָלץ. וואָלטן מיר אפילו דורך אַ נס געקאָנט ״אויספועלן״ איינס אָדער דאָס צווייטע, וואָלט דעמאָלט דער באָלשעוויזם געווען אַנטציקט דערפון, וואָס מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיין ניוואָ!

מיר אַלע האָבן זיך געגוג צערודערט און צעטרייסלט פאַר יענער צייט; אָבער פאַר רובאַנאָוויטשן מיט זיין קראַנקן האַרץ און שוואַכקייט

בכלל איז דאָס געווען אַ טויט־געפאַר. ס׳האָט געפעלט בלויז איין טראָפּן, אַז דער בעכער זאָל ווערן איבערפולט. דער טראָפּן איז געקומען. אונדזער אויסלענדישע דעלעגאַציע האָט מיט כבוד דערפילט איר מיסיע — אַרומנעמען די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט מיט דער ענערגיע פון איר אַגיטאַציע. אָבער אירע פינאַנציעלע קוואַלן האָבן זיך אינגאַנצן אויס־געשעפּט. מיר האָבן געמוזט אונדזער טעגלעכע ציַיטונג איבערגעבן אין פרעמדע הענט, כדי אַרויסצונעמען כאָטש פיל ווייניק דערפון, וואָס מיר האָבן אין איר אַריינגעלייגט. קיין הילף איז פון ערגעץ נישט געקומען. רובאַנאָוויטש האָט ביזן לעצטן מאָמענט געטרוימט צו שאַפן מיטלען — ס׳איז אויך אים נישט געלונגען.

די איינהייט גופא פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע האָט גענומען זיך ברעקלען. לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן דעם — ווער ס׳איז שולדיק אין יענע טרויעריקע געשעענישן; זאָל מען אונדז משפּטן נאָך אונדזער טויט — אפשר וועט מען דעמאָלט בעסער זיך קאָנען אָריענטירן אין איינעמס אָדער צווייטנס שולד. רובאַנאָוויטש איז לחלוטין נישט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די אינצידענטן און קאָנפליקטן פון יענע און שפּעטערדיקע יאָרן. ווי נאָר ער האָט באַמערקט די ערשטע סימנים פון צעפאַלונג און פוילעניש, האָט ער געפאָדערט אַן אויסערגעוויינטלעכע פלענאַר־זיצונג פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע. ער האָט געהאַלטן אַ הייסע רירנדיקע רעדע — אַ פלאַמיקער רוף צו איינהייט דורכגעפלאָכטן מיט איכה־טענער וועגן דער צעפאַלונג, וואָס הייבט זיך אָן, וועגן אַנטלויפן פון די רייען... אין מיטן ריידן האָט אים פאַרפעלט אָטעם, ער האָט איבערגעריסן און צוריק געפּרואווט אָנהייבן... מ׳האָט אים אַנידערגעזעצט, געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר, — יענער האָט געפונען בלויז שוין אַ קאַלטן קערפּער... דער אויסלענדישער פאָרשטייער פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַרטיי איז געשטאָרבן אויף אַ זיצונג פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע.

„די אַלטע גוואַרדיע שטאַרבט, אָבער גיט זיך נישט אונטער!...״

לויטן ווילן פון זיין פרוי איז רובאַנאָוויטשעס קערפּער געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אין זיין היימישן פּאַריז.

צווישן אונדז זיינען געווען אַזעלכע ווי רוסאַנאָוו, למשל, וואָס האָבן נאָך געדענקט רובאַנאָוויטשן פון דער צייט, ווען ער האָט זיך אַרויס־געראַטעוועט קיין אויסלאַנד פון סטרעלניקאָווס לאַפּעס: אַ מאַיעסטעטישער 24־יאָריקער יונגערמאַן מיט אַן אַטלעטישער פיגור, ענערגיש פנים, אַ שעוועליורע שוואַרצע האָר, אויגן, וואָס גלאַנצן מיט שכל און שטאַרקן ווילן. אונטער דער משא פון יאָרן, אָנגעשטרענגטער אַרבעט און צרות פון לעבן איז דער הויכער שטערן געוואָרן באַדעקט מיט קנייטשן, די אַטלעטישע פיגור דיקלעך און שווער. אָבער דער פנים איז געבליבן דער

זעלביקער — האָט אויסגעדריקט מוט און ענערגיע. „זעט נאָר — האָט רוסאַנאָוו געזאָגט אין זיין לעצטן וואָרט — ווי די האָר האָבן נישט געוואָלט גרוי ווערן, ווי מיט אַ זעלנערישן העלם ראַמען זיי איין דעם פּאַרגליווערטן, פאַרטראַכטן און שטרענגן פּנים — אַן אַנטיקער רוימישער קעמפער, וואָס האָט געקענט ביי די אומשטערבלעכע געטער — ווי עס דריקט זיך אויס אַן אַנטיקער פּאָעט — בעטן נאָר איין אויסצייכענונג: „שטאַרבן מיט אַ שנעלן אומגעריכטן טויט". „ער האָט אַזאַ אויסצייכענונג באַקומען. דער אומשטערבלעכער טויט האָט אַוועקגענומען דאָס טויטלעכע לעבן".

* * *

ווען כ׳האָב שוין געהאַט פאַרענדיקט מיין לעצטן קאַפּיטל „יידישע זכרונות" וועגן רובאַנאָוויטשן, האָבן מיר באַקומען אַ דערפרייענדיקע בשורה פון זיין אלמנה, וואָס לעבט נאָך ביז היינט. צוזאַמען מיט אירע צוויי זין האָט זי אין פראַנקרייך איבערגעלעבט אַלע גרוילן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, די גאַנצע בעסטיאַלישע אַרגיע פון געיעג אויף יידן, די דעפּאָרטאַציעס אאז"ו. זיי זיינען געבליבן לעבן! צו איר איז אַריינגעפאַלן דער לעצטער נומער פון אונדזער זשורנאַל „זאַ סוואָבאָדו", וואָס גייט אַרויס אין ניו־יאָרק, און זי האָט אונדז צוגעשיקט איר גרוס און גראַטולירט דערמיט, וואָס מיר פאַרטיידיקן ווייטער מיט מוט און גלויבן יענע אידעאַלן לאַזונגען, פאַר וועלכע עס איז תמיד גרייט געווען אָפּצוגעבן אַלע זיינע קרעפטן און אויך זיין לעבן איר מאַן, דער „אויס־לענדישער אַמבאַסאַדאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע" — איליא רובאַנאָוויטש.

מיכאיל ראַפאילאָוויטש גאָץ (ראַפאַילאָוו)

מיכאיל ראַפאילאָוויטש גאָץ
(1866 — 1906)

אָט דער מענטש פאַרנעמט אין מיינע זכרונות אַ באַזונדער בכבודיקן אָרט. ער האָט דורכגעמאַכט אַ לעבנס־וועג, וואָס איז פון אָנהייב ביזן סוף געווען אויסטערליש אייגנאַרטיק און פול מיט טראַגיזם. ער האָט געשטאַמט פון זייער אַ רייכער יידישער משפחה — אַ צווייג פון דער „טיי־דינאַסטיע", וואָס איז געווען באַרימט ווי די „פירמע וויסאָצקי" און וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם טיי־האַנדל אין וועלט־מאסשטאַב. אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס נאָך גאָר אַ יינגער בחורל איז ער אַריינגעטראָטן אין דער נאַראָדאָוואָלטשעסקער אָרגאַניזאַציע. גראָד אין דער צייט פון

איר גסיסה, ווען זי האָט באַקומען די מוראדיקע קלעפּ פון דער מאָנטער־רעוואָלוציע — האָט ער געליטן אַ שרעקלעכן דורכפאַל, אַנשטויסנדיק זיך אָן אַזאַ גדול פון פּאָליציייִשן שפּיאָנאַזש ווי זובאַטאָוו. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום פאַרשיקן אין סרעדנעקאָלימסק (וויטסטער צפון פון יאַקוטסקער געגנט) — אַן אָרט, וואָס צוויי אַנטיסעמיטישע מיניסטאָרן פאָן פּלעווע און דורנאָוואָ האָבן ספּעציעל באַשטימט פאַרן ענדגילטיקן אומקום פון די צעשלאָגענע רעשטלעך רעוואָלוציאָנערן, באַזונדערס פאַר די אַזוי פאַרהאַסטע ביי זיי יידישע רעוואָלוציאָנערן. אַ קרבן פון דער קאַשמאַר־פולער שחיטה אין יאַקוטסק (1889), פון וואַנען ער איז אַרויס מיט דורכגעשאָסענע האַרץ און לונגען; פאַרמשפּט געוואָרן דערפאַר צום טויט, שפּעטער „באַגנעדיקט” געוואָרן אויף אייביקער קאַטאָרגע; די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון אייראָפּע איז געוואָרן שרעקלעך אויפגערודערט צוליב דער „יאַקוטסקער שחיטה” אַ דאַנק די רעוועלאַציעס פון באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער דזשאָרדזש קענאַן, — אונטער איר דרוק איז גאָץ און זיינע חברים באַפרייט געוואָרן ערשט נאָך פינף אַ האַלב יאָר קאַטאָרגע, מיט אַ צוגאָב צען יאָר פאַרשיקונג אין מיטל־אַזיע.

דאָס איז געווען דער מענטש, וועלכער תיכף נאָך זיין באַפרייאונג האָט ער זיך פונדאַסניי באַוויזן אין סאַמע צענטער, אין רעכטן מיטן פון דער אַרבעט אין אויסלאַנד נאָכן אויפלעבן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אויסלאַנד אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. מיט זיין זעלטענעם אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט האָט ער באַגייסטערט און איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון סאַמע דינאַמישן פּעריאָד און גרינדונג פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז אויפגעגאַנגען ווי אַ יורשטע פון דער „נאַראָדנאיא וואָליא” און האָט קאָנטינואירט איר טעטיקייט. זיין ליידנשאַפטלעכער ווילן, זיין עקשנותדיקע ענערגיע האָט באַאומרואיקט די דינער פון צאַריזם, האָט זיך אָנטפּלעקט אין אַלע טעטיקייטן פון דער נייער פאַרמאַציע קעמפער, וואָס האָט ווידער אַ מאָל — ווי מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט — אויסגעטוישט דאָס געווער פון קריטיק (בנוגע דעם צאַריזם) אויף קריטיק מיט געווער אין האַנט.

ראַפּאַילאָוו־גאָץ דער מענטש און דער רעוואָלוציאָנער

די אַגענטן פון צאַרישן דעספּאָטיזם אין רוסלאַנד האָבן אָן אויפהער שפּיאָנירט גאָצן, כדי מיט דער הילף פון די פאַרבינדעטע פון צאַריזם, וואָס זיינען כסדר גרייט געווען אים צו דינען, — אונטערשטעלן גאָצן אַ פּיסל, אַריינכאַפּן אין נעץ, וואָס זיי פלעגן אויסשפּרייטן פאַר אים: אויף דער טעריטאָריע פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער איטאַליע האָט מען

אים אַרעסטירט, פאַרשפּאַרט אין טורמע אין נעאַפּאָל ביז וואַנען ס׳איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג אַ פאָרמעלע פאָדערונג וועגן אַרויסגעבן אים. די איטאַליענישע רעגירונג האָט גאָנץ נישט אַרויסגעגעבן, די צאַרישע רעגירונג האָט דאָ געליטן אַ שענדלעכע מפּלה — ס׳איז איר נישט געלונגען צו פאַרציען אַ צווייטן מאָל די שטריק פון תליון אַרום זיין האַלדז. אָבער זיין גורל איז געווען שוין אַ געחתמעטער: ער איז אַוועקגעפאַלן אויף זייער אַ קאָמפּליצירטער קראַנקהייט, וואָס מ׳האָט שוין צו שפּעט זיך דערקענט אויף איר — אַ געשווילעכץ אויפן מאַרך פון רוקנביין, וואָס האָט אים פאַרשאַפט מוראדיקע יסורים. מיר האָבן געשטוינט צוזעענדיג ווי דער דאָזיקער מענטש, פון יאָר 1905 אָן פיזיש שוין אַ האַלבער מת, האָט געקאָנט אינגאַנצן אָפּגעבן דער פאַרטיי און איר קאַמף יעטווידע מינוט, וואָס ער האָט געקאָנט נאָר אָפּרייסן פון זיינע אוממענטשלעכע יסורים. ער האָט געלעבט ווי אַ העלד און איז געשטאָרבן ווי אַ מאַרטירער.

„די ברייטע פאַרטיי־קרייזן האָבן אים ווייניק געקענט — האָט געשריבן וועגן אים אין יאָר 1907 גערשוני, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעריסן פון שליסלבורגער פעסטונג און פון דער קאַטאָרגע־טורמע אין אקאטוי, — אָבער ווען זיין בילד וועט אויסגעמאָלן ווערן פאַר דער פאַרטיי אין אַ פולקאָמער און פאַרענדיקטער ביאָגראַפיע, וועט די פאַרטיי ערשט זיך דערוויסן — וועמען זי האָט פאַרלוירן, — ווער ס׳איז געשטאַנען אין אירע רייען...״

צום באַדויערן, זיינען געווען אַזעלכע באַדינגונגען פון אָרט און צייט, וואָס האָבן נישט מעגלעך געמאַכט ביז איצט אויסצופירן גערשוניס צוואה וועגן גאָצן פאַר די יעניקע, וואָס האָבן איבערגעלעבט זייביידן; איך קאָן דאָס אויך איצט נישט טאָן. איך קאָן מערנישט האָפן, אַז מיטן פּשוטן דערציילן דאָס, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן האָבן געהערט קומנדיק אין באַרירונג מיטן דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן מענטשן און מיט די יעניקע, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן געטיילט זיין גורל, — אַז דאָס אַליין וועט שוין ריידן פאַר זיך מיט שטומער רעדנער־קונסט.

מיכאיל גאָץ איז געווען מיין נאָענטסטער אומפאַרגעסלעכער פריינט און חבר ביי דער אַרבעט. איך האָב זיך מיט אים נישט געשיידט במשך פון מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין אויסלאַנד, — ביזן אויסברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905. ער איז געווען פאַר מיר די גאַנצע יענע צייט נישט בלויז אַ פריינט, נאָר אויך אַן עלטערער ברודער: קיין אַנדער נאָמען קאָן איך נישט צוטראַכטן, הגם איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דער נאָמען „ברודער״ — איז נאָך אַלץ אַ צו בלאַסער און שוואַכער אויסדרוק אויף צו באַצייכענען דעם עצם כאַראַקטער פון די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן אונדז ביידן.

אַריינטראַכטנדיק זיך אין זיין מאָראַליש־פּאָליטישן פּנים, שטעלסט זיך נישט ווילנדיק אָפּ אויף דער דריי־איינִיקייט פון אַזעלכע פּראַכטפולע שטריכן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נשמה, נעמליך: פּשטות, אויפריכטיקייט און נישט אויסשעפּנדיקע ענערגיע.

פּשטות, איינפאַכקייט... טראַכטנדיק וועגן דעם דערמאָן איך זיך גערן אַן עפּיזאָד פון קאַרל מאַרקס׳ לעבן, וואָס זיינע ביאָגראַפן דערציילן. זיינע טעכטער האָבן איינמאָל געפונען אין זייערן אַ באַליבטן זשורנאַל אַ „פראַגע־בויגן פאַר קליינע לייענערס״. מען פרעגט זיי: וואָס פאַר אַ קאָליר האָבן זיי אַממערסטן ליב, וואָסערע שפּילן און לידלעך, וואָסערע פּאָעטן, העלדן פון ראָמאַנען אָדער פון ווירקלעכן לעבן, — און פאַרקערט: וואָס איז זיי אַממערסטן נישט צום הארצן, וואָס פאַרטראָגן זיי נישט. אָפּמאַטערנדיק זיך געגנוג איבער די פראַגעס, אַנטפּלעקנדיק אַלע זייערע באַהאַלטענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, האָבן די מיידלעך באַשלאָסן פרעגן אויך ביים אייגענעם טאַטן אָט די אַלע פראַגעס. מאַרקס האָט זייער ערנסט און אויפמערקזאַם זיך גענומען צו האַלטן דעם עקזאַמען, ענטפערנדיק אויף אַלע פראַגעס פון דער אנקעטע! זיינע תשובות זיינען געווען דורכגעטראַכטע, ערנסטע, אָריגינעלע און טיפע. אַזוי האָט ער אויף דער פראַגע — וואָס פאַר אַ כאַראַקטער־שטריך האַלט ער פאַרן וויכטיקסטן ביי אַ מענטשן — געענטפערט קורץ: פּשטות. און דערמאָנענדיק זיך דאָס שטעלט זיך נישט ווילנדיק די פראַגע: צי האָט גאָר נישט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון פאַרשיידענעם טיפּ און ווערט טאַקע אָט מיט דער דאָזיקער גייסטיקער לויטערקייט זיינער, מיט דער פּרימיטיווער פּשטות?

דער וועטעראַן פון די 70קער יאָרן לעאָניד עמאַנועלאָוויטש שישקאָ, וואָס האָט אין זיין לעבן געזען נישט ווייניק פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער גייסטיקער און מאָראַלישער עליטע פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע — מענטשן, וואָס האָבן פאַרדינט גערופן צו ווערן לויכטנדיקע גייסטער און מוסטערן פון הויכער מענטשלעכקייט, — גראָד ער האָט צו מיכאַיל גאָצן געהאַט די וואַרימסטע, האַרציקסטע באַציאונג. ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך באַגעגנט מיט גאָצן צום ערשטן מאָל אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג: „איך האָב דערזען אריינגיין אַ מענטשן פון קליינעם וואוקס, וואָס וואַרפט זיך קיינעם נישט אין די אויגן, מיט גאַנץ איינפאַכע מאַניערן״. וועגן אַ צווייטער פאַרזאַמלונג, וואו גאָץ האָט זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע איבער אַ רעפעראַט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט וועגן מיכאַילאָווסקין, שרייבט שישקאָ: „ער האָט גערעדט קענטיג אָן אַ שום צוגרייטונג, זיין רעדע איז געווען אַ גאַנץ איינפאַכע, אָבער אין איר איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס די אָנהענגער פון רעפערענט האָבן נישט געקענט נישט ווערן אויפמערקזאַם צו דער דאָזיקער איינפאַכער רעדע״.

ס׳איז קלאָר, אַז אונטער אַזאַ איינפאַכקייט דאַרף מען נישט פאַרשטיין פּרימיטיווקייט, פלאַכקייט. — דאָס זיינען אייגנשאַפטן פון דעמאַגאָגיע, וואָס באַנוצט זיך מיט איינפאַכקייט ווי מיט אַ מאַסקע, כדי צו באַהאַלטן דעם אמתן תוך. די פשטות ביי גאָצן דאָס איז געווען פריער פאַר אַלץ אויפריכטיקייט, נישט געקינצלטקייט. נישט אומזיסט האָט דער זעלביקער שישקאָ, שרייבנדיק וועגן ערשטן איינדרוק פון זיין באַגעגעניש מיט אים, צוגעגעבן, אַז „אַ סך אויסגעצייכנטע און גלענצנדיקע זייטן פון גאָצס כאַראַקטער האָבן זיך קיינמאָל נישט געוואָרפן אין די אויגן״. מ׳האָט געדאַרפט צו זיי זיך גוט צוקוקן; זיי האָבן באַצירט נישט די אויסערליכע שטריכן, נישט די אויבערפלעכלעכקייט, נאָר זיינען געלעגן גאַנץ טיף אין זיין שכל און כאַראַקטער, — דורכאויס קלאָר, ריין, נאַטירלעך. איך האָב דאָס ליב געהאַט אָנצורופן — גאָצס נשמהדיקע לויטערקייט.

זאָל מען מיר מוחל זיין ווען איך וועל אַ ביסל אָפּטרעטן אָן אַ זייט, ווייל ס׳בעט זיך דאָ צו דערמאָנען איינע פון לעוו טאָלסטאָיס פּערסאָנאַזשן — אַ פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט צו שילדערן דעם כאַראַקטער פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן זי אינטערעסירט מיט סימבאָלן, קאָלירן. אַזוי למשל, וועגן איינעם, וואָס איז איר געווען באַזונדער סימפּאַטיש מיט זיין אויסערגעוויינלעכער אָפנהאַרציקייט און פאַרטיפקייט אין זיך, — האָט זי געזאָגט, אַז ער איז אַ בלויער, — נישט בלאַס־בלויליך, נאָר טאָקע געדיכט־בלוי... אָט אַזאַ מאָדנע סימבאָליק איז מיר נישט איינמאָל געקומען אין זינען, ווען איך האָב געמאַכט טוריסטישע שפּאַצירן אין די שווייצאַרישע אַלפּן, אַרום די הויכע בארג־אָזיערעס ווי למשל, די „בלוי זעע״ אין בערנער אָבערלאַנד. פונדערווייטנס קוקט זי צייטנווייז אויס טאָקע בלוי, ווי אָנשטאָט וואַסער וואָלט זי געווען אָנגעפילט ביז די ברעגעס מיט העקטאָגראַפישע טינט. אָבער ווען איר גייט צו נענטער, נעמט אַ שיפל און פאָרט אַרום איבער איר, דערזעט איר אַז דאָס וואַסער, וואָס שפּיגלט זיך אין אירע טיפענישן איז אַבסאָלוט דורכזיכטיק: וואַרפט אַריין אין וואַסער אַ מטבע אָדער אַ מעטאַלענעם קנעפל — און איר זעט די גאַנצע צייט ווי דאָס לאָזט זיך אַראָפּ פאַמעלעך אויפן דעק און גלייכצייטיק שימערירט דער גאַנצער וואַסערשפּיגל מיט פאַרשיידענע כסדר זיך ענדערנ־דיקע קאָלירן, פונקט אַ זונשטראַל וואָלט אַדורכגעשניטן די באַוועגלעכע פּריזמע פון ריינסטן וואַסער־קרישטאָל. די שווייצאַרישע דאָקטוירים ראָטן זייער נערוועזע מענטשן צו וואוינען חדשים־לאַנג ביי די ברעגעס פון אַזעלכע אָזיערעס: ס׳איז צו באַוואונדערן מיט וואָס פאַר אַ שטילקייט און רו עס ווייעט אויף אַזעלכע נערוון־קראַנקע מענטשן פון אַזאַ לויטערער בלויקייט! און איך האָב פיל מאָל אָבסערווירט ווי ווייט גאָצס פּערזענ־לעכקייט ווירקט מיט איר באַרואיקנדיקן זאַנפטן צויבער אויף מענטשן

נערוועזע, צעטרייסלטע, צעשרויפטע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין גייסטיקע גלייכגעוויכט אָדער לויט זייער כאַראַקטער איז בכלל זיי שווער זיך איינצולעבן מיט מענטשן.

איך געדענק: גאָץ האָט בעסער ווי יעטווידער דאָקטאָר געווירקט, למשל, אויף אַלעקסיי פּאָקאָטילאָוון, אַ יינגן טעראָריסט, וואָס פלעגט מיט אַ קרענקלעכער אומגעדולדיקער ליידנשאַפט (אויף זיין פּנים פלעגט צוליב דעם אויסשלאָגן אַ נערוון־עקזעמע) באַגעגענען יעטווידע פאַר־שלעפּונג אין זיין ריי אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון דער קאַמף־אָרגאַני־זאַציע. און פון דער צווייטער זייט האָט קיינער חוץ גאָצן נישט געקענט אַזוי ווירקן אויף דער קאַפּריזנער פסיכיק פון סאַווינקאָוון מיט זיינע אויסברוכן פון קאַלטער פאַרריסנקייט און שאַרפער אומטאָלעראַנץ. מיט זיין באַצויבערנדיקער האַרציקייט און טיפן אריינטראַכטן זיך פלעגט גאָץ אומבאַמערקט ברענגען אין באַוועגונג די אָפּגעשוואַכטע פסיכישע טאָרמאָזן ביים ערשטן, און מיט זיין וואָגיקער זעלבסט־באַהערשונג און שכלדיקער געזעצטקייט פלעגט ער, מער ווי עמיץ אַן אַנדערער, אימפּאָנירן באַריס סאַווינקאָוון און אַריינפירן אין די נייטיקע ראַמען די וואַקלדיקע און כסדר זיך ענדערנדיקע שטימונגען פון דאָזיקן טאַלענטפולן אימפּרעסיאָ־ניסט. ווייל גאָץ אַליין איז געווען אַן אויסערסט סענסיטיווע, אומרואיק־באַוועגלעכע נאַטור, פּונקט ווי מיט קוועקזילבער אָנגעפילט; ער האָט אָבער פאַרמאָגט די פעאיקייט פון זעלבסט־באַלאַנסירונג און דעריבער האָט ער געקאָנט אויך אַנדערע פירן אין דער נויטיקער נאַטירלעכער ריכטונג, ווי דאָס האָבן דיקטירט די בעסטע שטריכן פון זייער נאַטור און כאַראַקטער. גאָץ איז געווען אומברחמנותדיק שטרענג אין פראַגן פון פערזענלעכער ווערדע און ערלעכקייט — שטרענג פריער פאַר אַלץ צו זיך אַליין און דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט מער וואָגיקייט אין זיין שטרענגקייט צו אַנדערע; ס'איז דעריבער קלאָר, פאַר וואָס מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין שוועריקייטן, בלייבנדיק אַליין פּנים אל פּנים מיט זייער אייגענעם געוויסן, — פלעגן פילן די גרעסטע פאַרלייכטע־רונג, ווען זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן זיך, קוקנדיק ווי אין אַ קלאָרן שפּיגל אין געוויסן פון מיכאיל ראַפאַילאָוויטש גאָץ. אין פראַגן פון פערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער מאָראַל האָט מען לייכט זיך געקאָנט אים אָנטרויען: דאָס איז געווען אַ זיכערער שיף־קאַפּיטאַן.

„אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן — האָט אַמאָל געשריבן וועגן אים גערשוני — אַ זעלטענער גליק: געבן דער פּאַרטיי עפּעס מער. ער איז געווען — און דערין ליגט די גאַנצע שיינקייט, דער גאַנצער צויבער פון זיין פערזענלעכקייט, דער גאַנצער סוד פון זיין וואונדערלעכן ווירקן

אויף די אַרומיקע — דער געוויסן פון דער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ גוואַלטיקע מאָראַלישע קראַפט, וואָס איז אומזיכטבאַר געווען שטענדיק מיט אונדז. אַ געוויסן, וואָס האָט געוואָרנט, אַ געוויסן, וואָס האָט געשטויסן, אַ געוויסן, וואָס האָט כסדר געוועקט און געמונטערט"...

איך שאַץ אָפּ באַזונדערס טייער די מעגלעכקייט צו ברענגען די מיינונגען וועגן מיין עלטערן ברודער און לערער פון אַזעלכע וויכטיקע און אָן שום ספק זעלבשטענדיקע פּאַרטיי־פיגורן ווי גערשוני און שישקאָ; דער לעצטער לויט זיינע יאָרן און לעבנס־פּראַקטיק, וואָלט אין אַ געוויסן זין אַליין געקאָנט קוקן אויף גאָצן ווי אויף אַ ייִנגערן שילער און יורש פון זיין דור. אַנדערש וואָלט איך געקאָנט מורא האָבן, אַז מיין פּרוואוו צו שילדערן אין מיינע זכרונות גאָצן אין זיין גאַנצער פּאָליטישער און מאָראַלישער גרויס וועט אויסקוקן צו זיין סוביעקטיוו, — דיקטירט פון מיין פּערזענלעכער פריינטשאַפט מיט אים. זינט גאָץ איז געשטאָרבן איז אַוועק שוין פיר צענטליק יאָר. קוקנדיק גאַנץ קאַלט אַרום זיך (די אומ־ברחמנותדיקע צייט מאַכט אָפּקילן די הייסעסטע שטימונגען!) האָב איך גאַנץ איינפאַך נישט געפונען אינעם קאַליידאָסקאָפּ פון מיינע זכרונות פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך אַ מענטשן, וואָס זאָל מער פולקאָם פאַרדינען דעם נאָמען „לעבעדיקער געוויסן פון דער פּאַרטיי", — די פּאַרקערפּערונג פון די לעבעדיקסטע, באמת אומשטערבלעכע פּאָליטיש־מאָראַלישע ווערטן.

עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז טאַקע זיין אוממיטלבאַרקייט און פשטות האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער מילדן און מענטשלעכן כאַראַקטער זיין „אומברחמנותדיקער שטרענגקייט און האַרבקייט אין פראַגן פון ווערדע און כבוד". ער האָט קיינמאָל פון זיך נישט געבלאָזן ווי אַ טרוקענער האַרבער מאָראַליסט, וואָס פאַרנודזיעט זיינע אַרומיקע מיט פּרעטענציעזער טויט־קאַלטער מאָראַלישער פרומקייט. ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם מינדסטן שפּור פון זאָל זיין אפילו באַהאַלטענער פאַרליבטקייט אין זיך. הגם ס'וואָלט זיך געדוכט, אַז ווער עמעץ אַנדערש ווי ער האָט געהאַט רעכט צו זאָגן, אַז זיין גאַנץ לעבן איז אינגאַנצן געווען אָפּגעגעבן דעם אידעאַל פון אַ בעסערן מענטשלעכן לעבן פאַר אַלעמען? ער האָט זיך באמת נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז צרות, געפאַרן, די ביטערסטע איבער־לעבונגען זאָלן קענען אָפּשטעלן זיין דראַנג צו גיין אויפן וועג פון אומ־דערמידלעכן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. דאָס שענסטע ביי גאָצן איז געווען טאַקע דאָס, וואָס ער האָט אַליין גאָרנישט באַמערקט, אַז אין זיין לעבן איז פאַראַן עפּעס אַ פּערזענלעכער עלעמענט, פּערזענלעכע אינטערעסן. דער גאַנצער סוד פון זיין אינטעלעקטועלן לעבן איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער „כלל" האָט אויסגעפילט ביז די ברעגעס זיין גאַנצן פּערזענלעכן „איך". און טאַקע אָט די דאָזיקע „איבערגעלאָדנקייט" מיט

כּלל־זאַכן, וואָס האָט פּאַרן פּערזענלעכן „איך" נישט איבערגעלאָזט קיין פרייע מינוט, איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ביי אים ווי ביי אַ מענטשן, רעוואָלוציאָנער און פּאַרטיי־טוער. מענטשן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער האָבן צו אים געהאַט דעם זעלביקן צוגאַנג. האָבן אונטער־געשטראָכן זיין אוממיטלבאַרקייט, זיין פּשוטן אופן פון ריידן, זיין צניעות־דיקע איינגעהאַלטנקייט ביים אויסדריקן זיינע הייליקסטע געפילן און געדאַנקען. און דאָך זיינען דאָס געווען בלויז פאַרשיידענע קאַנטן פון זיין אויסערגעוויינלעך שלימותדיקער נאַטור, וואָס איז אין עצם געווען אַ מאַרטירערישע, אַן אַפּאָסטאָלישע.

אַלע, וואָס האָבן געזען מיכאל גאָצן אין די יאָרן פון דער הויך־קאָניוקטור ביי דער אַרבעט אין אויסלאַנד, געדענקען און ריידן וועגן אים ווי וועגן אַ מענטשן מיט אויסערגעוויינלעכער אַרבעטס־פעאיקייט און ענערגיע. ער האָט נישט געוואוסט פון מידקייט, תמיד אין באַוועגונג. דאָ זעט מען אים איילנדיק אין דער דרוקעריי, דאָ זעט מען אים זיך גריבלען אין קאָרעקטורן, דאָ ביים פונאַנדערשיפרירן אָדער שיפרירן בריוו פון רוסלאַנד און קיין רוסלאַנד, דאָ ביי דער בוכהאַלטעריע פון די פּאַרטיי־הכנסות און הוצאות און סטאַביליזירן דעם פּאַרטיי־ביודזשעט; דאָ „סודותט" ער זיך מיט אַזעלכע, וואָס זיינען גרייט צו פאָרן קיין רוסלאַנד, צו פאַרבייטן די יעניקע, וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די רייען, דאָ פירט ער שמועסן מיט פאַרשיידענע „פּריינט־פּיינט", וועמען מ'דאַרף פאַרוואַנדלען אין פאַרבינדעטע... אָנגעשטרענגטקייט, קאָנצענ־טרירטער חשק צו האָבן פון דער אַרבעט דעם מאַקסימום פּרוכטבאַרן עפעקט אין דער קירצסטער צייט — דערמיט איז פול געווען דאָס גאַנצע לעבן זיינס. אין זיין קליינער דירה איז אַלץ געווען פּינקטלעך צוגעגרייט, אַלץ איז געלעגן אויפן אָרט ווי אין אַ מוסטער־ווארשטאַט, אַלץ דאָס, וואָס ער האָט נוטיק געהאַט פאַר זיין גרויסער און פאַרשיידנאַרטיקער אַרבעט, קיין שום איבעריקע זאַך, אַלץ אַפּגעוואויגן און אַקוראַט אָפּגעמאָסטן. גאַנץ איינפאַך פלעגט ער אויפנעמען באַזוכער. פון אינדערפרי ביז שפּעט אָוונט פלעגט כסדר קלינגען דאָס גלעקל ביי דער טיר. ער האָט געדאַרפט מער עקאָנאָמיש אויסנוצן זיין צייט. אָבער אין די שווייצאַרישע גרעסערע שטעט פון יענער צייט האָט געווימלט מיט דער רוסישער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס האָט געדורשט נאָך אַ „לעבעדיק וואָרט", באַזונדערס פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַליין געווען טעטיק אין יענער צייט, — וואָס איז געווען איינגעהילט אינעם אָרעאָל פון געהיימניספולער, שפּאַנענדיקער און לאָקנדיקער לעגענדע. צי דען האָט גאָץ געקענט אויף גיך אָפּפּאַטרן די יינגע באַזוכער, וואָס האָבן מיט זייער גאַנצן ווזן געשטרעבט זיך אָנצוזעטיקן מיט זיין וואָרט פון אַ לערער און פירער, — פּונקט ווי אַ

פרישע בלום ציט זיך צו דער וואַרעמקייט און ליכט פון דער זון? דאָס וואָלט דאָך באַטייט געבן זיי אַ שטיין אַנשטאָט ברויט.

לויט ווי שישקאָ דערציילט, איז גאָצס דירה נאָך איז פּאַריז, איידער ער איז אַריבערגעפאָרן קיין שווייץ, געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט נישט בלויז פאַר פריינט און חברים, נאָר אויך פאַר אַנדערע פון סאָציאַליסטישן לאַגער, וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין אָנקומען אויף דער עמיגראַציע. גלייך פון דער ערשטער צייט האָט זיין פּערזענלעכקייט געדינט ווי אַ צוציאונג־קראַפט פאַר זיין גאַנצן אַרום, נישט בלויז פאַר דער יוגנט. שטענדיק פאַרנומען, כסדר ערגעץ־וואו געאיילט, תמיד פאַרזאָרגט וועגן די פּאַרטיי־ענינים אין רוסלאַנד, מיט וואָס ער איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, — האָט גאָץ נישט געקימערט זיך וועגן צוציען צו זיך מענטשן, זיך נישט באַמיט צו מאַכן זיין שטוב פאַר אַ צענטער פון דער באַוועגונג; דאָס איז געוואָרן פון זיך אַליין, אַ דאַנק זיינע אייגנשאַפטן, זיינע פאַרשיידנאַרטיקע אויסגעצייכנטע פעאיקייטן. לאָמיר נאָך צוגעבן אַז ער איז געווען געגנוג אויסקלייבעריש ביים מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט דער יוגנט. סתם נייגעריקע פלאַפּלער האָבן גיך זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי זיין טיר אויסצומיידן. ער איז נישט געווען מיט אַזעלכע צו שאַרף, ער פלעגט זיי, פּונקט ווי אַלעמען גאַנץ אויפמערקזאַם אויסהערן, ענטפערן אויף אַלע פראַגעז, אפילו אויף די מער דראַסטישע, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער ער האָט נישט געהאַלטן פון איינזייטיקער בלויז אויפריכטיקייט און ערנסטקייט; ער האָט דאָס געפאָדערט אויך פון אַנדערע — זאָלן זיי צאָלן מיט דער זעלביקער מטבע. פיל פלעגן טאַקע דעם עקזאַמען נישט אויסהאַלטן. אָבער די יעניקע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן האָבן ביזן טויט נישט געקאָנט פאַרגעסן גאָצן זייער לעבנס־לערער אויפן דערנער־וועג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די קאָמפּליצירסטע און די שווערסטע פון אַלע רעוואָלוציעס אין דער נייסטער געשיכטע פון אייראָפּע.

גרויסע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַטאָרן פאַרמאָגן געוויינטלעך, אנט־שפּרעכנד זייער באַרוף, אַ קאַלטן און שאַרפן שכל. טראַכטנדיק וועגן גאָצס שכל, פלעג איך שטענדיק זיך דערמאָנען אָן הערצענען און זיין באַליבטן געדאַנק וועגן אַ באַזונדערן מין שכל — אַ „האַרציקן שכל", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. אַזאַ איז געווען דער שכל פון מיכאיל גאָץ — האָט געגליט מיט גייסטיקער וואַרעמקייט און געווענדעט שטענדיק צו איין און דעם זעלביקן אידעאַל פון נשמה־האַרמאָניע: די האַרמאָניע פון שכל און געפיל, פון ניכטערן פאַרשטאַנד און הייסן האַרץ, — און דאָס אַלץ אויפן שווערסטן וועג פון רעוואָלוציאָנערן טאַט, וואָס איז פול געווען מיט

מאָראַלישע קנייטשן און שטרויכלונגען. דאָס איז געווען אַ מענטש נישט צום פאַרגעסן.

מעמואַרן — ליטעראַטור וועגן ראַפּאַילאָוו־גאָץ

אין די רוסישע היסטאָרישע זשורנאַלן, אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור איז פאַר גאָצן אָפּגעגעבן געוואָרן אַ סך פּלאַץ. מיר קאָנען דאָס נישט אַדורכלאָזן.

ניקאָלאַי רוסאַנאָוו, וואָס איז געווען אַ מייסטער פון טרעפלעכער כאַראַקטעריסטיק, האָט אַמאָל געפּרואווט אויסגעפינען אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער און עפּאָכעס אַ פּאָליטישע פיגור, וואָס זאָל זיין ענלעך צו גאָצן. צום באַדויערן, איז אים דאָס מאָל נישט געלונגען. ער שרייבט וועגן גאָצן: „ער איז געשטאַנען עטוואָס אין שאָטן, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי־פירער — ווי ראַנק ביי דער זייט פון גאַמבעטאַ, ווי דער „גרויער קאַרדינאַל" זשאָזעף טראַמבלע ביי רישעליע". איך צווייפל, צי דאָס איז אַ ריכטיקע אַנאַלאָגיע. איך הויב אָן פון לעצטן. מ'קאָן נישט פאַרגלייכן די ראָל פון טראַמבלע אין פראַנקרייך פון דער צייט פון רישעליע מיט דער ראָל פון גאָצן ביים אַנטשטיין פון דער פּאַרטיי ס.ר. רעוו. טראַמבלע איז געווען אַ מין וויצע־פּויבסט אין פראַנקרייך פון יענער צייט (ערב דער גרויסער רעוואָלוציע), אַ געהיימער קאָנטראָליאָר פון פּויבסט אַליין. ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע פולמאַכטן, וואָס די הויכע הויף־פירשטן פון דער קירך, וועלכע האָבן לאַנג שוין אויסגעטוישט די גייסטלעכע מאַכט איבער זייערע סטאַדעס פרומע גלויביקע — אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס און אויפן גלאַנץ און פּראַכט פון הויף־כיבודים, — אפילו זיי האָבן געמוזט פאַר אים קאַפּיטולירן. גאָץ איז געקומען קיין אויסלאַנד אָן שום פולמאַכטן: אפילו אין דער פּאַרטיי איז ער געוואָרן אַריינגעפירט צוערשט דורך צוויי דורכפאַרנדיקע דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט צוויי טיילן פון דער צוקינפטיקער פּאַרטיי — די דרומדיקע און צפונדיקע; ערשט דאָ אין אויסלאַנד איז זיי געלונגען פאָרמעל צו פאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהייבן אין רוסלאַנד. די דאָזיקע אויף גיך פאַראייניקטע פּאַרטיי האָט נישט געהאַט אפילו קיין צענטראַל־קאָמיטעט; צייטווייליק זיינען די פולמאַכטן פון אַ צ. ק. אָנגעטרויט געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע אָרטיקע גרופּעס — דער סאַראַטאָווער. אין אַזאַ ניי־געבאַקענער פּאַרטיי האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ רישעליע, וועגן אַ הייליקן שטול

פון אַ פּויבסט, וועגן אַ טראַמבלע; דאָ איז אַלץ געווען אימפּראָוויזאַציע, שוואַך צעמענטירט, נישט געווען קיין שום אָנערקענטע אויטאָריטעטן.

לאָמיר גיין ווייטער. די אַנאַלאָגיע מיט אַ ראַנק ביי דער זייט פון גאָמבעטאַן זעט אויס צו זיין עטוואָס וואַרשיינלעכער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָ זיינען ווייניקסטנס נישט פאַראַן קיין מיסטישע אויטאָריטעטן און געהיימע פולמאַכטן. ס׳איז געווען אַ גאַמבעטאַ מיט אַ גוואַלדיקן טעמפּעראַמענט פון אַ געבוירענעם פּאָלקסטריבון, מיטן אויסזען פון אַ „שעף", וועמען דער פאַרשיידנאַרטיקער באַלעבאַטיש־קולטורעלער עולם — די קומענדיקע „אָפּאָרטוניסטישע" פּאַרטיי פון דער קליינבירגערלעכער רעפּובליק, וואָס האָט זיך געגומען אויסבילדן, האָט געהאַלטן פאַר איר אָפּגאָט, פאַר איר „נישט געקרוינטן קיניג". אָבער אונטער דער אויסער־לעכער ווילנסקראַפט פון אַ שעף איז געלעגן באַהאַלטן אַן אינערלעכער אימפּרעס־אָניזם, וואַקלדיקייט, נישט שטאַנדהאַפטיקייט; די מעגלעכקייט אויסערלעך צו שטיין בראש פון דער פּאַרטיי, אָבער אָן דער פעאיקייט אינערלעך צו קאָנסאָלידירן, צעמענטירן, דיסציפּלינירן, פעסט אַריינגעמען אין די הענט אַלע פעדים און ספּרונזשינעס פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט. דעריבער האָט צו גאַמבעטאַן, דעם „ערשטן נומער" פון דער פּאַרטיי, זיך געפּאָדערט אַ צוגאָב — אַ „צווייטער נומער", הינטער די קוליסן, וואָס וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן, אָבער איז דערפאַר מער אויסגעהאַלטן, מער קאָנצענטרירט, פירט אָן פון אינעווייניק מיט אַלע ענינים. ביי מאַרקסן איז דאָס אין אַ געוויסן זין געווען ענגעלס, ביי בעבעלן — אַוער, אין פראַנקרייך: ביי זשאָרעסן — רענאָדעל, ביי לעאָן בלום — פּאָל פאָר, וואָס איז געווען קעגנעריש צו אים, לכתחילה באַהאַלטענערהייד, שפּעטער שוין אָפן; ביים קראַנקן לענין אין רוסלאַנד איז דאָס געווען סטאַלין, וואָס האָט אין דער שטיל, פּאַמעלעך זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף זיין אָרט. צי קען מען זיך פאָרשטעלן אין אַן ענלעכער ראָל גאָצן? אַבסאָלוט נישט. לויט זיין נאַטור וואָלט גאָץ לחלוטין נישט געטויגט פאַר אַזאַ ראָל, שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס אין רוסלאַנד איז נישט געווען אַזאַ מין גאַמבעטאַ מיט אַזאַ מין כאַראַקטערלאָזער אָפּאָרטוניסטישער פּאַרטיי. גאָץ האָט נישט פאַרמאָגט די בויגעוודיקייט, עלאַסטישקייט, וואָס איז נויטיק צו אַזאַ ראָל, די מעגלעכקייט זיך צוצופּאַסן. ס׳וואָלט אים פאַר־שטעלט דעם וועג צו אַזאַ ראָל די גוואַלדיקע אויפריכטיקייט, נישט געקינצלטע ערנסטקייט און אָפנהאַרציקייט.

איך וואָלט געגאַנגען נאָך ווייטער און אָוועקגעשטעלט אָפן די פראַגע: צי איז צוגעפּאַסט צו גאָצן דער צונאָמען „פּאַרטיי־פירער" (כאָטש אין אַ ווייכערער פאָרם — „בלייבנדיק אין שאָטן")? „פירער" גייען געוויינלעך מיט דער זוניקער זייט גאַס און נישט אין דער שאָטנדיקער. נאָכמער,

מיט זייער אייגענעם שאָטן פאַרשטעלן זיי געוויינטלעך די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער, ווען ווען זיי זאָגן געוויינטלעך: „דאָס איז מיין רעכטע האַנט". אין יענעם צייט־פּעריאָד אין אויסלאַנד, ווען גאָץ האָט פונאַנדער־געוויקלט זיין טעטיקייט, איז געווען, דאַכט זיך, בלויז איין פּאָליטישע פיגור, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך אַלע קלאַסישע שטריכן פון אַ „פירער" — דאָס איז געווען אוליאַנאָוו־לענין, אויפן עקסטרעם־לינקן פליגל פון דער רוסישער מאַרקסיסטישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, — אַ סביבה, וואָס איז געווען צו גאָצן ווייט און פרעמד. אָבער ווי פּאָליטישע כאַראַקטערן זיינען זיי געווען אַנטיפּאָדן.

דער גרונט־שטריך אין לענינס כאַראַקטער איז געווען אָרגאַנישע הערשערישקייט. אין זיינע בעסטע מאָמענטן איז אים פרעמד געווען דאָס זוכן כבוד, פאַלשע באַרימערייַ; אָבער נישט באַהערשן מיט זיין ווילן אַנדערע — האָט פאַר אים באַטייט אויפהערן צו זיין דאָס, וואָס ער איז. ער האָט אומבאַגרענעצט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון זיין חוש, זיין אינסטינקט פון אַ רודערער, וואָס פירט אַ שיף צווישן פעלזן און אונטער־וואַסער־שטיינער. ווי אַמאָל פלעגן געקרוינטע הערשער אויסרופן — „די מלוכה דאָס בין איך" אַזוי פלעגט לענין מיט יעטווידן טאַט זיינעם, מיט יעדן זשעסט פאַרזיכערן: „די פּאַרטיי דאָס בין איך". ער פלעגט אַמאָל זאָגן האַלב־ערנסט, האַלב שפּאַטיש, אַז אין דער פּאַרטיי זיינען פאַראַן בלויז צוויי „אמתע" באַלשעוויקעס — ער און קרופּסקאַיאַ (זיין פרוי). אין קאָלעקטיוון, וואָס אַלץ ווערט באַשטימט מיט אַ מערהייט פלעגט לענין אָפּטמאָל בלייבן אין דער מינדערהייט; אָבער ער האָט פאַרמאָגט די קונץ פון מאַנעווורירן אַזוי, אַז ער פלעגט די מערהייט צוקלאַפּן אויף באַזונדערע טיילן, פלעגט אַריינטרייבן די פראַגע אין אַ טעמפּן ווינקל, כדי שפּעטער אויסמאַטערן די ווידערשפּעניקע און צווינגען זיי נאָכצוגעבן, אָדער ער פלעגט דראָען מיט שפּאַלטונגען און פלעגט טאַקע פירן דערצו.

לענין האָט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט צו קאָנען היפּנאָטיזירן דעם המון, פּסיכאָלאָגיש ווירקן אויף אים, קענענדיק גוט זיינע שוואַכע זייטן און נישט האָבנדיק כמעט קיין טעות ביים אָפּשאַצן זיי: דאָס איז געווען ביי אים דער שליסל צו דעמאַגאָגישער פאַראייַנפאַכונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ כוח, וואָס באַזיגט אַלץ. לענין האָט פאַרמאָגט נאָך אַ נאַטירלעכן שטריך פון אַ „פירער": קיינער ווי ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פונאַנדערצובלאָזן די ליידנשאַפטן בעת קעגנזייטיקע קאָנ־פליקטן, גלייכצייטיק אָבער פאַרגלעטנדיק די שאַרפע שפּיצן, צעמענ־טירנדיק מיט חברשער גוטמוטיקייט און ברייטהאַרציקער זאָרגפעליקייט די יעניקע, וועמען ער האָט אָנגעמערקט צו האָבן צווישן זיינע זיכערע אָנהענגער. אין אַלטן רוים איז דער גאָט פון די „גרענעצן" געווען

יאַנוש, וואָס האָט פֿאַרמאָגט צוויי פּנימער: איינער געוועגדט אינעווייניק פֿון גרענעץ, אָ פּריינטלעכער און גוטער, אָ צווייטער, געווענדט צום אויסערן, איז געווען שטרענג, בייז און האָט אָנגעוואָרפֿן אָ שרעק. לענין האָט געקענט אַלע מאָל פֿולקאָם שפּילן די ראָל פֿון אַזאַ צוויי־פּנימדיקן גאָט, וואָס שטויסט אָפּ אָן רחמנות פּרעמדע און ציט־צו אייגענע. ביי גאָצן וואָלטן מיר אפילו „ביי טאָג מיט ליכט" אומזיסט געזוכט אַזעלכע שטריכן פֿון אַ קלאַסישן פּירער, וואָס זיינען דער סוד פֿון אַ פּירערס מאַכט און שאַפֿן אַרום אים אַ ווירבל־ווינט פֿון חניפה און ליידנשאַפֿטלעכער שנאה.

און נאָך אַן אייגנשאַפֿט. ביי שילדערן אין דער „פֿאַרשווערונג פֿון פּיעסקאָ אין גענוא" ווערט מיט אַ באַזונדער בולטקייט געשילדערט דער טיף פֿון אַ „גאָטס געבענטשטן פּירער". פּיעסקאָ איז ווי באַשאַפֿן צו זיין דער אָפּגאָט פֿון המון, דער פֿאַוואָריט פֿון דער פֿאַרשווערונג, וואָס ווערט אַרויפֿגעטראָגן הויך אויף די כוואַליעס פֿון פֿאָלקס־אויפֿברויז. אַלץ איז ביי אים צוגעפּאַסט צו אַזאַ ראָל. ער בעט זיך אפילו באַפֿעלעריש, ער „האַנדלט און שפּילט מיט די הערצער פֿון המון" ווי דאָן זשואן מיט די הערצער פֿון פֿרויען. דער ערלעכער און אָפּנהאַרציקער ווערינאַ, דער רעפּובליקאַנער, וואָס אונטערשיידט זיך פֿון אים מיט זיינע קאָנטראַסטן, איז גענוג קלוג צו זען ווי וויט פּיעסקאָ שטייט מאָראַליש נידעריקער פֿון די מענטשן פֿון זיין טיפּ, וואָס פּירן מיט מסירת נפש די שווערע אונטער־ערדישע אַרבעט פֿון דער פֿאַרשווערונג, אָבער ווי וויט ער שטייגט זיי אַלעמען אַריבער אין שאַנסן צו ווערן דער „ערשטער נומער" פֿון דער באַוועגונג, איר „מענטש־סימבאָל", ווען זי וועט זיך אַרויסרייסן אויף דער אויבערפֿלאַך. גאָץ טאַקע האָט פֿאַרמאָגט די קינדישע ריינקייט פֿון אַ ווערינאַ און צוגלייך דערמיט זיין באַשיידנקייט, וואָס צווינגט אים פֿאַרטושט צו ווערן אין פֿאַרגלייך מיטן „ערשטן נומער".

מיר דוכט, אַז רוסאַנאָוו איז נישט גערעכט, האָט נישט אָנגעטראָפֿן דעם ריכטיקן פּונקט, קוקנדיק אויף גאָצן עטוואָס פֿון אויבן אַראָפּ און זאָגנדיק, אַז ער זאָל האָבן געווען „אין בעסטן פֿאַל אַ דורכשניטלעכער רעדנער און אויך אַזאַ שרייבער". נישט אין דעם גייט עס. לענין איז אַן ספק געשטאַנען נידעריקער פֿון מאַרטאָוו און סטאַראָווערן ווי אַ שרייבער; ער איז אויך געשטאַנען נידעריקער פֿון פּלעכאַנאָוו און טראָצקין ווי אַ רעדנער. אָבער די רעוואָלוציע הויבט אויף ווי אַן „ערשטן נומער" נישט פֿאַר די מעלות פֿון אַ פּרעכטיקן ליטעראַרישן סטיל און נישט פֿאַר דער קונסט־טעכניק פֿון שיינער אָראַטאָרישקייט. אַ סך וויכטיקער איז, ערשטנס, דער כוח פֿון אָנגעלאָדענעם ווילן, וואָס איז פֿאַרקערפּערט אין „פּירער", און צווייטנס, דער גראַד פֿון דער אויפֿרייס־קראַפֿט, וואָס דער

דאָזיקער געלאָדענער ווילן, די דאָזיקע ענערגיע גיט איבער צו אַנדערע אויפּרייס־מאַטעריאַלן, וואָס ליגן אין דער טעטיקייט־ספערע פון דער דאָזיקער ווילנס־ענערגיע. אין געגעבענעם פאַל איז די מעכאַניק פון אַזאַ איבערגעבן אַ ריין סטיכישע: אַלץ ווערט אויסגעפירט לויט די געזעצן פון אַ מאַסן־עפּידעמיע; דאָס ווערט באַשטימט, פון איין זייט, דורך דעם, ווי ווייט פּסיכיש אויפנאַם־פעאיק דערצו עס זיינען די אַרומיקע, און פון דער צווייטער זייט — ווי ווייט גרויס ס׳איז די קראַפט, וואָס דער „אויפרייסער" טראָגט אין זיך. מיר ווייסן, אַז די פּערזענלעכקייט פון „פירער" איז זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אָבער „פירער" איז נישט אַ סינאָנים פון אַ בעסערן אויסגעצייכנטן טיפּ מענטשן. פאַרקערט, אין מאָראַלישן זין אונטערשיידט ער זיך זיכער נישט פון אַנדערע, קאָן זיין פשוט אַ דורכשניט, מיטלמעסיקייט. אָן אַ באַשטימטן גרונט־עלעמענט קען, קענטיק, אַ פירער נישט זיין: אָן דער מייסטערשאַפט פון אויסערלעכן עפעקט.

גאָץ האָט ניט פאַרמאָגט דעם טעם פון ווערן זיין אַ פירער. אויב ער האָט שטאַרק ליב געהאַט באַשטימטע טעטיקייטן און אונטערנעמונגען און האָט זיך געגומען דערצו, איז ער דערביי נישט געווען קיין „קאָפּ", קיין דיריזשאָר, און אויך נישט געשטרעבט צו ווערן אַזעלכער; אָבער ער איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן אומפאַרמיידלעך געוואָרן דאָס האַרץ פון דער אונטערנעמונג און דעריבער אויך איר „געוויסן" (און דאָ שטעקט טאַקע דער ריינער אמת פון גערשוניס ווערטער, אַז „גאָץ איז געווען דער ריינער געוויסן פון דער פאַרטיי"). ער האָט געהאַלטן טייער די מיינונג פון זיינע נאָענטע חברים, אָבער אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער האָט זי געהאַלטן פאַר וואָגיק און קאָמפּעטענט. אים פלעגט שטאַרק פאַרדריסן, אויב מ׳פלעגט אים נישט ריכטיק פאַרשטיין; אָבער גאָר אַ סך זיך איבער־נעמען מיט דער אַלגעמיינער אָנערקענונג האָט ער געהאַלטן פאַר שוואַכזיניק.

איך געדענק ווי אויף דעם דאָזיקן באָדן פלעגן ביי אים טרעפן קליינע צוזאַמענשטויסן מיט איינעם פון אונדזערע באַליבטע חברים מיט אָסיף מינאָר. ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון באַשיידנקייט; נישט אומזיסט האָט ער אין זיין מעמואַרן־ביכל זיך אונטערגעשריבן „סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע", און נישט אומזיסט האָט ער אויך אין זיין צוואה אָנגעזאָגט, אַז אויף זיין לויה זאָל בשום אופן נישט זיין קיין שום שפור פון פייערלעכקייט און צערעמאָניעס. מינאָר האָט אָבער פאַרמאָגט איין קליינע שוואַכקייט: ער פלעגט גאַנץ אָפט און שאַרף זיך באַליידיקן. און גאָץ, זיין נאָענטסטער מענטש, מיט וועמען אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער פאַרטיי סאָצ. רעוו., פלעגט מער און אָפטער פון

עמעצן אַנדערש זיין דער שולדיקער אין אַזעלכע אויסברוכן פון באַליידיקטן כבוד ביי מינאָרן. „וואָס ווילט איר — מיכאיל ראַפּאַילאָוויטש איז גאַנץ איינפאַך אַ מאַראַט, אַן אמתער מאַראַט!" — האָט איינמאָל גוואַלדעוועט אין גרויס אויפרעגונג מינאָר. ס'קאָן זיך דוכטן, אַז אַזאַ „וויי־געשריי" פון דעם אַלעמאָל זייער אויפריכטיקן מינאָר — איז אַ גרינטלעכע סתירה צו דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ דערציילט וועגן גאָצן, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס אים איז לחלוטין פרעמד געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ מין פּריווילעגיעס פון אַ פירער, אַ קאָמאַנדיר, מיט איין וואָרט — אַ פאַקטישער דיקטאַטאָר. אָבער דאָס איז דורכאויס אַ מיס־פאַרשטענדניס. גאָר פּשוט — זיי בײדע האָבן אינגאַנצן פאַרשיידן זיך פאָרגעשטעלט דעם גאַנצן גאַנג און כאַראַקטער פון דער קאָמפּליצירטער און פאַרשיידנאַרטיקער טעטיקייט, וואָס האָט געפאָדערט, אַז פאַרשיידענע מינים טוער פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער זאָלן זיין דערביי פאַרנומען.

און באמת, אויב מינאָר האָט זיך גערופן „סאָלדאַט פון דער רעוואָ־לוציע", וואָלט איך גאָצן אָנגערופן איר „שלאָגלער". ער האָט נישט ליב געהאַט קיין „לאַנגע פאַרלאַמענטן" וועגן דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט און די פּראָבלעמען, וואָס זי רופט אַרויס. דער סוד פון דערפאָלג איז לויט אים באַשטאַנען אין פּינקטלעכן פונאַנדערטיילן די אַרבעט, נאָכדעם גייט אַוועק שוין אויטאָמאַטיש די פּאַראַלעלע ארבעט פון די פּאַראַנטוואָרטלעכע אויספירער. דער באַגריף פּאַראַנטוואָרטלעכער אויספירער האָט באַטייט — ער זאָל האָבן די רעכט, אין גייסט פון די אַלגעמיינע דירעקטיוון, אָנצונעמען תיכף באַשלוסן, וועגן וועלכע ער וועט שפּעטער געבן אַ דין וחשבון פאַר די חברים; אָבער דאָס הייסט נישט האָבן די פליכט צו קאָמפּליצירן די אַרבעט מיט פיל־ריידעריי און לאַנגע דרשות אויף כסדרדיקע אַלגעמיינע פּאַרטיי־מיטינגען. גאַנץ מיגלעך, אַז ס'איז געווען אַ ביסל אמת אין מינאָרס סימפּאַטיעס פאַר „מיטינגען", אָבער נאָך מער אמת איז געלעגן אין פּרינציפּ פון „פּאַראַנטוואָרטלעכע איניציאַטיוו־באַשלוסן„ ביי גאָצן. אונדז פלעגט טאַקע גאַנץ אָפט אויס־קומען צו זוכען דעם אמת ערגעץ אין דער מיטן צווישן די שאַרפע קעגנזעצלעכקייטן פון זייערע ביידנס מעטאָדן און אופנים פון אַרבעט. אָבער דער חוזק־צונאָמען „מאַראַט" האָט זיך דאָך צוגעקלעפּט צו גאָצן אויף לאַנג, אָבער קיינער האָט דאָס נישט ארויסגערעדט ערנסט, און גאָץ אַליין האָט דאָס אויפגענומען מיט יענעם גוטמוטיקן הומאָר, וואָס האָט בעסער פון אַלץ געוויזן, אַז ער האָט נישט קיין שום שייכות צו עפּעס דיקטאַטאָרישע שפּיצלעך. און דאָס שוין דערפאַר אַליין, וואָס צו זיין פריינטלעכער פּשטות איז נאָך צוגעקומען אויפריכטיקייט, וואָס האָט ממש געפאַנגען מחות און נשמות.

איך געדענק נישט אַ פאַל, ווען ער, ווערנדיק אַ צילברעט פאַר עמעצענס קריטיק און פאָרוואורפן, טרעפלעכע אָדער גוזמאַדיקע, זאָל נעמען „מאַנעווורירן" מיטן צוועק זיך אַרויסצודרייען. ער פלעגט קלאָר און דייטלעך זיך אַרויסזאָגן, אַלץ איינס צי האָט ער געדאַרפט זיך מודה זיין צו זיין שולד און אָנערקענען זיין פעלער, אָדער אויפדעקן און אויפקלערן די אומשטענדן, וואָס האָבן אים געצוווּנגען אַזוי צו האַנדלען. פון דער צווייטער זייט, פלעגט זיין נערוועזיטעט אָדער היציקייט אים נישט ברענגען צו קריגערייען מיט עמעצן, ווייל ס'איז נישט געלעגן דערין קיין שום פּערזענלעכעס. ער איז געווען אַ היציקער, אָבער פלעגט אַלעמאָל געפינען די ראַמען ווי אַזוי זיך איינצוהאַלטן. מיין ערשטע פרוי אַנאַסטאַסיע ניקאָלאַייעוונא (געבאָרענע סליאָטאָוו), אַ מענטש מיט סובטעלער אָבסערוואַציע־פעאיקייט און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק־מעגלעכקייטן, פלעגט אים מיט ליבע אָנרופן „סאַמאָוואַרטשיק". „אונדזער סאַמאָוואַרטשיק האָט שוין ווידער אויפגעזאָדן און קאָכט זיך שוין", — פלעגט זי איראָניש־גוטמוטיק דערציילן וועגן גאָצן, ווען ער פלעגט אויפדעקן, אַז עפּעס איז „קאַליע" געוואָרן אין דער אַרבעט. אָבער אָט זיצט ער שוין אַ באַרואיקטער, אַ גוטמוטיקער און דערציילט מיט פריינטלעכן הומאָר וועגן זיין אייגענעם „אויפברויז": דער קליינער שטורעם האָט בלויז אָפּגערייניקט די אַטמאָספער און האָט זיך אָוועקגעטראָגן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שום ביי־טעם.

היטער פון מאָראַלישער היגיענע און זעלבסטדיסציפּלין

ווי ווייט דער פּסיכאָלאָגישער אונטערגרונט פון גאָצס נאַטור האָט נישט דערלאָזט, אַז דאָרטן זאָלן זיך אויך וואָרצלען דיקטאַטאָרישע מיינונגען און געלוסטן, האָט מען געקאָנט זען שוין דערפון, וואָס נישט בלויז אין דער אַרבעט בכלל, נאָר אפילו אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — אַן אינדיווידועל־פּערזענלעכע לויט איר אינערלעכן מהות — איז ער געווען אַ בולטער אויסדרוק פון אַ „כאַראַלער" צוזאַמענאַרבעט, נישט פון אַ „סאָליסטישער"". אין אונדזער פּאַרטייאישן קאָמפּסאָרגאַן איז ער געווען אַן אָנהענגער פון אַנאָנימע פּאָליטישע לייט־אַרטיקלען, אויסטיילנדיק בלויז פאַר פּערזענלעכע אונטערשריפטן ריין־ליטעראַרישע, מעמואַריסטישע, מאָנאָגראַפישע און מער פילאָסאָפיש־טעאָרעטישע אַרטיקלען, אָבער נישט אָפּהאַנדלונגען אויף אַקטועלע טעמעס. ביי אונדז זיינען נישט זעלטן געווען געמיינזאַם באַאַרבעט אַרטיקלען, געמיינזאַם זייער גרינטליך אַדורכגעטראַכט, און ווען מ'האָט געדאַרפט זיי אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער בראָשור, זיינען מיר געווען אין פאַרלעגנהייט — וועמענס

נאָמען אונטערצושרייבן? מ׳האָט ענדלעך אויסגעפונען אַ מין כּלל־פּסעוודאָנים, ווי „ר. ר.״ אָדער „ר. ר. ר.״ (רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, רעדאַקציע רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד). גאָץ פּערזענלעך פלעגט גאַנץ גערן פאַרלירן זייער פיל צייט אויף צו סטיליזירן, רעדאַגירן, באַאַרבעטן קליינע נאָטיצן, קאָרעספּאָנדענצן, וואָס פלעגן אָנקומען פון פאַרשיידענע עקן רוסלאַנד, גאַנץ אָפט געשריבן אין אייליעניש, האַלב אנאַלפאַבעטיש, אָן שום סטיל און קלאָרן אינהאַלט. מיט דער זעלביקער ליבע פלעגט ער אָפּזיצן לאַנגע שעהן אויף צונויפשטעלן איבערזיכטן, לויפנדיקע כראָניק, פּרעסע־שטימען, — אַלץ זאַכן, וואָס זיין פּערזענלעכער בייטראָג פלעגט דערטרונקען ווערן אין אַנאָנים... דער באַגריף „שוואַרצע אַרבעט״ האָט פאַר אים בכלל נישט עקסיסטירט.

מיר ווייסן אַלע, אַז פאַרשיידענע מינים טיף־אינטעלעקטועלער אַרבעט, ווי למשל, אַרטיסטישע, ליטעראַריש־קינסטלערישע, אָראַטאָרישע — לייגן אַרויף אויפן מענטשן אַ באַזונדערן שטעמפּל פון פּערסאָנאַליזם און עגאָאיסטישער קאָנקורענץ. אין קיין אַנדער סביבה באַציט זיך נישט איינער צום צווייטן מיט אַזוי פיל קנאה און נישט פאַרגינעריי ווי דאָ. פּאָליטישע סיכסוכים, נישט אויסשליסנדיק רעוואָלוציאָנערע, באַזונדערס אין עמיגראַנטישע קרייזן שטעלן מיט זיך פאַר אַ זאַפּטיקן באָדן פאַר פּערזענלעכע, סעקטאַנטיש־קרייזלערישע, גאַווהדיקע, אָפטמאָל פּשוט מעגאַלאָמאַנישע פּירונגען און איינשטעלונגען. קיין שום אַנדער סביבה נייטיקט זיך נישט אַזוי פיל אין מאָראַלישער היגיענע און זעלבסטדיסציפּלין. מיכאיל גאָץ איז טאַקע געווען אַ היטער און חסיד פון אַזאַ מאָראַלישער היגיענע און זעלבסטדיסציפּלין. אין דעם זין האָב איך געהאַלטן אים ווי אַ רעדאַקטאָר פאַר אַ מער געלאָסענעם, אינערלעך מער דיסציפּלינירטן, וואָס פאַרמאָגט פיל זעלבסטבאַהערשונג און טאַקט־געפיל אַ סך מער פון מיר; ווייל מיין נאַטור האָט פאַרמאָגט א סך מער סטיכישן דראַנג און גרייטקייט זיך אַריינצוטאָן מיטן גאַנצן ברען אין אַ שטורמישער פּאָלעמיק און געראַנגל.

אין אַ געוויסער מאָס אונטער גאָצס איינפלוס האָט אונדזער פּאַרטיי־ליטעראַטור פון יענער צייט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געפיל פון מאָס, זעלבסטקאָנטראָל און געצוימטער, קאָלטער זעלבסטווערדע, ווען איר איז אויסגעקומען צו פּאַרטיידיקן אירע אידייאישע פּאָזיציעס אונטער אַן אמתן הוראַגאַן־פייער פון אָנפאַלן, באַליידיקנדיקע אַרויסטרעטונגען, סאַרקאַסטישן חוזק פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן, אָנהייבנדיק מיט פּלעכאַנאָוון פון רעכטס און לעגינען פון לינקס. „מיר געדענקען נאָך גאַנץ גוט — האָט געשריבן ל. שישקאָ — מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט אין זייער טעאָרעטישן איבערגעוויכט האָבן די דעמאָלט אָנערקענטע מוחות־באַ־

הערשער און אויטאָריטעטן זיך באַציוגן צו די מאָדנע פראַזן פון אַ גרופּע מענטשן, וואָס אַלע זיי האָט מען געקאָנט אָוועקזעצן אויף איין סאָפע". מ'האָט אָבער אויך געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ רואיקן הומאָר און פריילעכן גלאַנץ אין זיינע קלוגע אויגן האָט מיכאיל גאָץ זיך באַציוגן צו אַזאַ טראַדיציאָנעלער אידייאישער גאווה. אַ זעלטענע שטאַנדהאַפטיקייט פון געדאַנק און נישט אויסשעפּלעכער זאַפּאַס פון גייסטיקער ענערגיע — דערמיט האָט ער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט. איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז גאָץ זאָל כאָטש אויף אַ מינוט האָבן געווען נידערגעשלאָגן, זעענדיק די גרויסע מחנה טעאָרעטישע קעגנער, וואָס אָפּטמאָל האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זיי זיינען אומבאַזיגבאַר. ס'האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן אינעם דאָזיקן פון אָנהייב אָן נישט גלייכן קאַמף זיין ליבער שמייכל און גאַנץ אָפט אַ זייער שאַרפזיניקער וויץ. נישט אַלע אָבער פון אונדז האָבן פאַרמאָגט אַזאַ גוטמוטיקע רואיקייט. איך דערמאָן זיך, למשל, וואָס פאַר אַ שטורעם עס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַן אַרויסטריט פון דער בונדישער פרעסע קעגן אונדז. עמעצער, וואָס האָט געוואָלט קענטיק אַרויסווייזן אַ באַזונדערע פאַראַכטונג צו דער „נאַראָדניטשעסקער" אידעאָלאָגיע בכלל און צו דער עסערישער בפרט איז אַוועק אַזוי ווייט אַז אויסחוזקנדיק אַ גאַנצע ריי באַגריפן, וואָס זיינען געווען גאַנגבאַר אין אונדזער טעאָרעטישן לעקסיקאָן, האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, וואָס מיר פּרואוון אַריינפירן אין ווערטערבוך פון מאָדערנעם סאָציאַליזם „אַט דעם גאַנצן טינוף".

וואָלט אַזאַ וואָרט אַרויסגעזאָגט עפּעס אַ קליינשטעטלדיקער בעל דרשן, וואָלט קיינער פון אונדז אפשר נישט געלייגט קיין שום אַכט דרויף. אָבער אין יענעם קליינעם מוראַשניק, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די עמיגראַנטישע קאָלאָניע אין זשענעוו, האָבן מיר אין משך פון אַ פּאָר שעה זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער פּאָלעמישער „פּערל" איז אַרויס פון דער פעדער פון איינעם פון די סאַמע סאָלידע בונדישע צענטראַלע פיגורן װלאַדימיר קאָסאָווסקי. אויף אַזאַ אופן האָט שוין דאָס געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ באַוואוסטזיניקער אַרויספאָדערנדיקער און גראָבער באַליידיקונג. יונגע היצקעפּ האָבן אין דער עמיגראַציע נישט געפעלט, און מ'האָט געקאָנט מורא האָבן פאַר אַ גאַנצער ריי פּערזענלעכע צוזאַמענשטויסן און געשלעגן. און ס'האָט שוין טאַקע געהאַלטן דערביי. גאָץ האָט תיכף מיך אַרויסגערופן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרלעשן גלייך ביים אָנהייב דאָס פייער פון שנאה און ליידנשאַפט, וואָס האָט געגומען פונאַנדער־פלאַקערן. איך געדענק שוין נישט גענוי ווער דער ערשטער פון אונדז האָט צוגעטראַכט אָט אַזאַ אויסוועג: אויפקלערן אויף רעכטס און לינקס, אַז דאָ איז פאַרגעקומען אַ פּשוטע מיספאַרשטענדעניס צוליב נישט קענען

גוט די שפּראַך: דעם גראָבן גאַסן־אויסדרוק „פּאַגאַניאַ״ (טינוף) האָט מען צונויפגעמישט מיטן לאַטייניש ״פּאַגאַניוס״, וואָס דאָס מיינט אין ערגסטן פאַל נישט עפּעס אַנדערש ווי געצנדינערײַ, אַפּיקורסות און אַנטהאַלט נישט קיין שום באַליידיקנדיקס. אונדז האָט דעמאָלט נישט געאַרט, צי האָט אַ בונדישער עמיגראַנט טאַקע פאַרשטאַנען אָט די לאַטיינישע חכמה אָדער ער האָט געמיינט, אַז דאָס פאַרקריפּלט וואָרט באַטייט טאַקע דעם גראָבן באַליידיקנדיקן אויסדרוק: יעדנפאַלס, פאַר אונדז איז געווען גענוג אָט די פילאָסאָפישע אימפּראָוויזאַציע, כדי אויסצולאָדעווען די געדיכטע אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם אינצידענט. צעשרויפטע נערוון איז אַ סך לייכטער צו באַרואיקן מיט אַ וויץ, וואָס מאַכט צום לאַכן.

און די נערוון ביי דער עמיגראַציע זיינען געווען טאַקע שטאַרק צעשרויפט. צווישן די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן און די רוסישע אַנאַרכיסטן פלעגט שוין קומען צו שטאַרקע געשלעגערייען אויף פאַרזאַמלונגען. ס׳איז געקומען אויפן זכרון זשענעוו פון די 70קער יאָרן, ווען די „באַקוניסטן״ און „לאַווריסטן״ האָבן זיך געשלאָגן איבער דעם, ווער ס׳זאָל שטיין בראש פון דער אָרטיקער עמיגראַנטישער ביבליאָטעק. דערווייל האָט דאָס נאָך אַלץ אויסגעזען נישט מער ווי קליינלעכע „עקסצעסן״ פון עמיגראַנטישן לעבן. אָבער גאָץ האָט שטאַרק דערפון געליטן. ער האָט גערופן נישט צו פאַרקוקן זיך אויף דער לעכערלעכער זייט פון אַזעלכע אינצידענטן. געזונט מאַכן די צווישנפּאַרטייאישע און צווישנפראַקציאָנעלע באַציאונגען אין די רייען פון דער רוסישער עמיגראַציע — דאָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַן ערשטראַנגיקע אויפגאַבע, וואָס מ׳טאָר נישט אָפּלייגן, — אַן אויפגאַבע פאַר אונדז אַלעמען, אויב מיר ווילן נישט, אַז די יונגע גענעראַציע קעמפער זאָלן אַריין אין לעבן שוין פאַרסמטע פון אָנהייב אָן מיט דער גיפטיקער אַטמאָספער פון ברודער־קאַמפן און קעגנזייטיקער שנאה.

אין דער געשיכטע האָט אַ רעוואָלוציע נישט איינמאָל אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי פלעגט אויפפרעסן אירע אייגענע קינדער. אויך אין דער יונגער רוסישער רעוואָלוציע באַמערקן זיך שוין אַזעלכע סימנים: גענוג צו דערמאָנען דעם אַמאָראַליזם און אַוואַנטוריזם פון אַזאַ נעטשאַיעוון. און וואָס מער גאָץ האָט זיך צוגעקוקט צו די רייסענישן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהייבן צו אַנטוויקלען, אַלץ מיט מער אומרו האָט ער זיך באַצויגן צום דאָזיקן געפערלעכן און בייזוויליקן סימפּטאָם. „איך פאַרשטיי נישט יענע עסערן — פלעגט ער ריידן כסדר — וועלכע באַרואיקן זיך צוליב דעם דערמיט, וואָס זיי זאָגן: „אַנשטאָט וואָס פון צוויי זייטן זאָלן אויף אונדז זיך שיטן קלעפּ, זיינען זיי איצט פאַרנומען מיט פרעסן איינע די אַנדערע — דאָס איז דאָך פאַר

אונדז בעסער, מיר האָבן זיך דאָ נישט וואָס אַריינצומישן". נייך, דאָס איז פאַר אונדז נישט בעסער, נאָר אַ סך ערגער, און מיר דאַרפן זיך יאָ אַריינמישן. צי זיינען מיר צופרידן מיט דעם וואָס קומט פאַר אָדער נישט — מיר זיינען דאָך געבונדן מיט איין אַלגעמיינער זאַך: מיט די אינטערעסן און מיטן גורל פון רוסישן סאָציאַליזם. נישט וויטיקן מיט זיין צער, נישט אויפציטערן ווען מען ברענגט אים שאָדן איצט אָדער עס דראָט אים שלעכטס אין דער צוקונפט — קאָנען מיר נישט. און אויב ביידע פראַקציעס פון רוסישן מאַרקסיזם, געפינען זיך ביים ראַנד פון אָפּגרונט, וואוהין דער קריזיס שטויסט זיי, זיינען מסכים צווישן זיך נאָר וועגן איינס: אַז מיר האָבן נישט און קאָנען נישט האָבן קיין שום שייכות דערצו, — דאָס איז אפשר דאָס טרויעריקסטע אין די דאָזיקע טרויעריקע געשעענישן. איך פערזענלעך וועל נישט און קאָן נישט זיין גלייכגילטיק צו דעם אַלעם. קיין אַנדער פּאָן ווי די פאָן פון סאָציאַליסטישער איינהייט קאָנען מיר נישט האַלטן. דאָס איז די פאָן פון ברייטער אינטע־לעקטועלער טאָלעראַנץ, פונעם רעכט אויפן פרייען געדאַנק און קריטיק, און דער עיקר — אומטאָלעראַנץ צו דעם שרעקלעכסטן פון אַלע דעספּאָ־טיזמען, דעם גייסטיקן דעספּאָטיזם!"

אויף אַזעלכע טעמעס פלעגט גאָץ אָפּט ריידן מיט ענטוזיאַזם. דעם ברייטן, פרייען סאָציאַליזם פון קריטישן געדאַנק און הומאַניטעט האָט ער פאַרשטאַנען, ווי אַ באַזע פאַר דער פאַראייניקונג און צעמענטירונג פון אַלע אָפּצווייגן פון דער רוסישער באַוועגונג, וואָס בילדן די גרויסע אַרמיי פון אַרבעט. מיט זייער פאַראייניקונג דאַרפן די סאָציאַלדעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן בילדן דעם ערשטן יסוד פון אַזאַ אַרמיי. דער פּראָצעס פון פאַראייניקונג דאַרף גיין גלייכצייטיק סיי פון אויבן סיי פון אונטן. די ערשטע שפּראָצן פון אַזאַ פאַראייניקונג פון אונטן האָבן אַרויסגעוויזן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, פאַר אַ מוסטער קאָנען דינען, למשל, דער באַקאַנטער „פאַרבאַנד פון ס. ר. אויפן אוראַל", אָדער — אין אַ קלענערן פאָרמאַט — דער „סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַריין אין סאַראַטאָוו" (אינעם ערשטן האָט אגב געאַרבעט סאזאנאָוו, אין צווייטן — באַלמאשאָוו). דער ביישפּיל פון די דאָזיקע פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס געפינט שוין סימפּאַטיע און אָפּקלאַנג אין אַנדערע ערטער, ביי אַן ענערגישער אונטערשטיצונג פון אונדזערע צענטראַלע פאַרטיי־אָרגאַנען; אָבער די צענטערס פון אונדזער קעגנערישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי האָבן אָנגענומען פונקט אַ קעגנזעצלעכע טאַקטיק, פּירנדיק סיסטעמאַטיש צום פאַנאַנדערפאַל פון אַזעלכע צונויפגעגאָסענע אָרגאַניזאַציעס — צעטיילן זיי אויף זייערע באַשטאַנד־טיילן: סאָצ. דעמ. און ס. ר. שוין נישטאָ וואָס צו ריידן, אַז אַ פאַראייניקונג־טעטיקייט אין אַ מער ברייטן אַלנאַציאָנאַלן

מאַסשטאַב איז בכלל נישט געלונגען און די האַנט, וואָס מיר האָבן אויסגעשטרעקט צו די סאָצ. דעמ. איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

אמת, די צענטראַלע אָרגאַנען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געפּרוּווט אַרויסטרעטן מיט אַן אַלגעמיינער פּרינציפּיעלער עיקר־דאָגמע: אין יעטווידן לאַנד דאַרף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיין אַן איינהייטלעכע, פּונקט ווי ס׳איז איינהייטלעך לויט זיין עצם דער פּראָלעטאַריאַט גופא פון לאַנד. אָבער די דאָזיקע פּאַרייניקונג־איניציאַטיוו פון אויבן איז גלייך פון אָנהייב אָנגעווענדעט געוואָרן איינזייטיק, ד״ה דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעהייבן דערפון, וואָס ער האָט פאַרגעלייגט זיין פאַרמיטלונג ביים פאַרייניקןביידע פראַקציעס פון דער רוסל. פּאַרטיי — די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס; נאָמינעל געפינען זיי זיך ביידע אונטערן דאַך פון אַן „איינהייטלעכער" רוסלענדער ס. ד. א. פּ., אָבער כסדר פירן זיי ביידע ווי שונאים אַ פאַרביטערטן קאַמף צווישן זיך. און די גאַנצע היץ, וואָס ווערט פאַרניצט — פון אונדזער זייט באַזונדערס דורך גאָצן — אין דער ריכטונג פון איינהייט, האָט גאָרנישט געגעבן — אַ שטים, וואָס רופט אין דער מדבר! פון אָנהייב אָן האָט דער פּרוּוו פון אַן איינזייטיקער שלום־טאַקטיק מצד דעם אינטערנאַציאָנאַל נישט געהאַט קיין מזל! צו אונדזער פּאַרטיי האָט דער דאָזיקער פּרוּוו אפילו קיין שייכות נישט געהאַט.

דער שיינער אויפריכטיקער אוןליידנשאַפטלעכער פּאַטאָס פאַר פאַרייניקונג, וואָס גאָץ האָט נישט אויפגעהערט צו פּרעדיקן ביז זיין טויט, איז איינע פון די רירנדיקסטע זייטלעך פון זיין ביאָגראַפיע. בכלל גערעדט איז פאַר פרעמדע געווען אויסערגעוויינלעך לייכט צו פאַרקערן מיט אים; נאָך בעסער און לייכטער איז געווען פאַר אייגענע צו אַרבעטן מיט אים און געניסן פון זיין פריינטשאַפט.

ווי אַזוי האָט דאָס לעבן אויסגעשמידט אַזאַ גליקלעכע נאַטור, אַזאַ זאַנפטע, וואָס מאַכט פאַר אַלעמען אָנגענעם צו זיין אין איר סביבה, פאַרשאַפט פרייד פאַרן געמיט, — אַ כאַראַקטער, וואָס אימפּאָנירט אפילו מענטשן קאַפּריזנע און שווערגעמיטיקע? וועגן דעם קאָן ריידן נאָר די מאַרטיראָלאָגיע פון זיין לעבנסוועג.

מיכאיל גאָצן האָט דער גורל נישט געפּיעשטשעט. ער איז אויס־געשטאַנען אין זיין לעבן מער געוויטער און שטורעמס, מער דונערן און בליצן, — איידער געננוס פון בלויען הימל און זוניקער פרייד. טראַכטנדיק וועגן טרויעריקן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון דער פּאַרטיי סאָצ. רעוו., ווען ס׳זיינען געלייגט געוואָרן די גרונט־יסודות אירע, ווען איר וואוקס איז געגאַנגען אַזוי אויסערגעוויינטלעך שנעל, רופסטו אָן אַט דעם פּעריאָד

„די עפּאָכע פון גאָצן". ציי ליגט נישט באַהאַלטן אין דאָזיקן נאָמען עפּעס אַ צומיש פון ביטערער איראָניע?

„עפּאָכע" — איז אַ גרויס וואָרט. אָבער דער טויט האָט אַרויס־געריסן גאָצן פון אונדזערע רייען שרעקלעך פרי: אויפן פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן. ווען און וואו האָט ער געהאַט צייט צו געניסן פון לעבן? איז דען אָט דער באַגריף געווען צוגעפּאַסט צו זיין גאַנצן גייסטיקן וועזן?

ווי מיר האָבן געזען האָבן די טויערן פון טורמע זיך געעפנט פאַר אים ווי נאָר ער האָט געענדיקט גימנאַזיע. ער איז געוואָרן מינדיק אין ד'י פיר ווענט פון דער בוטירקער תפיסה; דאָס איז געווען בלויז אַ הוילער סימבאָל, אָן אַ ברעקל אינהאַלט פון לעבן. העכער צען יאָר נאָכדעם האָט ער נישט געלעבט, מערנישט אויסגעשטאַנען כלערליי ענויים: אַרעסט, טורמעס, וואָגלענישן פון איין עטאַפּ אויפן צווייטן, די שיסערײַ אין יאַקוטסק, געריכט, טויט־אורטייל, ווייטער צוויי קאַטאָרגע־טורמעס, שווערע אַרבעט אין די גרובן, די „באַפרייאונג" אויף שטענדיקער פאַרשיקונג אין סיביר. דאָס איז נישט געווען אַ לעבן, נאָר אַ פּיין־וועג פון אַ מאַרטירער, אַן אמתער יידישער קדוש...

אינעם לעבן פון יעטווידן שטערבלעכן איז צוגלייך מיט אַ געזעל־שאַפטלעכן סעקטאָר, וואָס ווערט אויסגעפּילט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פאַראַן אויך אַ פערזענלעכער. אַהער געהערן פאַמיליען־שמחות, אינדיווידועלע פאַרגעניגנס, געוואוינהייטן, קאַפּריזן, פרייע אָרגאַניזאַציע פון פערזענלעכן לעבנססטייגער. וואו וועט איר געפינען אַזאַ פערזענלעכן סעקטאָר אין גאָצס לעבן? וואו איר פלעגט אים נאָר באַגעגענען פלעגט איר אים שטענדיק זען ווי אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אידייע, אַ העכערן ציל, אַ געזעלשאַפטלעכן חוב, אַן אידעאַל.

פּאָליטישע טוער פונקט ווי פּאָעטן, קינסטלער, אַרטיסטן און אַדוואָקאַטן — זיינען דורך און דורך אינדיווידואַליסטן. ווי אַזעלכע זיינען זיי אין העכסטן גראַד פאַרנומען מיט זיך אַליין.

ביי גאָצן איז נישט געווען קיין שפּור פון אַזאַ מין זיין פאַרנומען מיט זיך אַליין, אַ פערזענלעכער לעבנס־סעקטאָר איז ביי אים עפּעס ווי גאָרנישט געווען. אָפּטמאָל האָט אויסגעקוקט ווי אַ רעטעניש, ווי אַזוי האָט ער, נישט געקוקט דרויף, זיין גאַנץ לעבן דאָך נישט פאַרלוירן די לויטערע מונטערקייט און אוממיטלבאַרע לעבנספרייד? מיט אַ געמיטלעכן הומאָר פלעגט ער באַגעגענען יעטווידע צרה אין לעבן. געבליבן אַ פּאָעט אין דער נשמה, ער פלעגט בלויז זיפצן דרויף, פאַר וואָס דער קאַמף האָט אים געשטערט צו זיין אַ פּאָעט און די לידער האָבן אים געשטערט צו זיין אַ קעמפער. ביי אַלע, וואָס זיינען נאָר געקומען מיט אים אין באַרירונג האָט ער איבערגעלאָזט אַ דערינערונג פון אַ קלאָרן שכל, שנעלער אינטואיציע,

זעלטענעם חוש פאַר רעאַליטעט — און אויפריכטיקער, נישט אייגנ־נוצלעכער ליבע צו עמעצנס אַרבעט, טאַלאַנט, פאַרדינסטן.

צו אַרבעטן לעבן אים און צוזאַמען מיט אים איז געווען אַן אמתע פרייד. וועגן דעם קאָן עמיצער אַן אַנדערער נישט דערציילן מער פון מיר. סיי אין צענטראַל־אָרגאַן פון אונדזער פאַרטיי, סיי אין אויסלענדישן קאָמיטעט פלעגן מיר איינער דעם אַנדערן פאַרשטיין פון אַ האַלבן וואָרט. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איינער פון אונדז ביידן הויבט־אָן שרייבן אַן אַרטיקל, כדי דער צווייטער זאָל עס פאַרענדיקן. געווען אַרטיקלען, וועלכע ס׳איז געווען אוממעגלעך אונטערצושרייבן מיט איין אינדיווידועלן נאָמען.

אין אַזאַ מין צוזאַמענלעבן, אין אַזאַ מיטאַרבעט איז געלעגן דער סוד פון פאַרשטיין דאָס געהויבענע וואָרט פריינטשאַפט, ווי דאָס ריינסטע אומאייגננוציקסטע געפיל, וואָס קרוינט גלייכהייט מיט פרייהייט. ס׳ליגט אַ גרויס גליק דערין, ווען מען פאַרמאָגט דעם שליסל צו אַנטפּלעקן אָט דעם סוד. אַ שאָד בלויז וואָס אַזאַ גליק פאַלט אויס זעלטן און נאָך זעלטענער חזרט זיך עס איבער.

מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן צוזאַמען מיט גאָצן אין די רייען פון דער פאַרטיי מאָמענטן פון גרויסע טריומפן און גליקן. מיר האָבן אָבער אויך געהאָט אויף אונדזער חלק איבערגעגנוג גרויזאַמע אַנטוישונגען און דורכפאַלן. אָבער וועגן דעם קאָן מען זאָגן דאָס, וואָס אַ פאָלקס־שפּריכוואָרט זאָגט וועגן גליק בכלל: געמיינזאַמער גליק איז אַ צווייפאַכיקער גליק, געמיינזאַמע צרה איז אַ האַלבע צרה.

און ווען מיר טראַכטן וועגן אונדזערע צוקינפטיקע גייסטיקע יורשים, וועגן יענער גענעראַציע, וואָס דאַרף איבערנעמען אונדזערע שרעק און אונדזערע האָפענונגען, אונדזער טרויער און אונדזערע שמחות — וואָס קאָן מען מער נאָך ווינטשן יעטווידן פון זיי ווי נאָר דאָס, אַז זיי זאָלן האָבן דאָס גליק צו טרעפן אויף זייער לעבנסוועג כאָטש איינעם אַזאַ מיכאיל גאָץ?

די קאַפּיטאַליסטן — בעלי תשובה פון דער טיי־דינאַסטיע „וויסאָצקי״.

מיכאיל גאָץ איז געבוירן געוואָרן אין 1866, געווען עלטער פאַר מיר ס״ה מיט זיבן יאָר. דאַכט זיך נישט קיין סך. ווי ווייניק געלעבט, אָבער וויפל האָט ער איבערגעלעבט פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען עלטער פון מיר! ער איז געבוירן געוואָרן אין אַזאַ סאָציאַלער סביבה,

וואָס האָט אים לחלוטין נישט צוגעגרייט און נישט געמאַכט אויפנאָם־פּעאיק פאַר דעם צוקינפטיקן שטורמישן לעבן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט. ראַפאַיל גאָץ, זיין פאָטער, איז געשטאַנען בראש פון אַ געשעפט־צווייג, וואָס האָט געהערט צו דער באַרימטער „טיי־דינאַסטיע״ — די פירמע וויסאָצקי. דער הויפּט־שטאַם פון דער דינאַסטיע איז געווען דער אַלטער קלמן וואָלף וויסאָצקי, וואָס האָט דער ערשטער אָוועקגעשטעלט אין רוסלאַנד די גרעסטע פירמע פון טיי־האַנדל. ס'האָט זיך אָנגעהייבן מיטן אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע פון טיי אויף די ערטער פון די פּלאַנטאַציעס גופא — אין כינע, אינדאָ־כינע, אינדאָנעזיע, אינדיע, ציילאָן, און האָט זיך געענדיקט מיט אַ קאָמפּליצירטער פאַרצווייגטער נעץ פון האַנדל־אַגענטורן און קאָנטאָרן, אַנשטאַלטן פאַר סאָרטירן דעם טיי, אים וועגן, אים צושטעלן פאַר די מיליאָנען פאַרברויכער, — וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ריזיקע האַנדל־אונטערנעמונג אין וועלט־מאַסשטאַב. וויסאָצקי, חוץ זיין דירעקטן יורש — לויט דער מאָנסבילשער ליניע אַלעקסאַנדער וויסאָצקי, וואָס איז אומגעקומען אונטער די באָלשעוויקעס, האָט נאָך געהאַט דריי טעכטער; נאָך זייער חתונה האָבן זיך איינגעגלידערט אין הויפּט־שטאַם נאָך דריי זייטיקע צווייגן — די פאַמיליע גאָץ, גאַווראָנסקי און צעטלין. אָט די אַלע פאַמיליעס האָבן דורך זייער יינגערן דור געגעבן נישט ווייניק ניי־צוגעקומענע רעקרוטן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַרן סאָציאַליזם.

גאָץ און וויסאָצקי האָבן געהערט צו די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן ביי יידן, וועגן זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַ מאַסע אַנעקדאָטן און מעשיות. אָט איז איינע אַזאַ: פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון יידישן תחום איז געקומען צופאָרן אַ קרוב צו אַן אָרימען יידישן בעל מלאכה אין מאָסקווע. דער לעצטער, אַליין נישט גאָר גוט באַקאַנט מיט די צענטראַלע גאַסן פון מאָסקווע, האָט געדאַרפט ווייזן זיין גאַסט אַלע מערקווירדיקייטן פון דער הויפּטשטאָט. אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ביז וואַנען דער גאַסט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט גרויס יראת הכבוד פאַרן דענקמאָל פון מינין און פּאָזשאַרסקי, מורא האָבנדיק צוצוגיין גאַנץ נאָענט.

— וואָס זיינען דאָס פאַר וויכטיקע צוויי פיגורן? האָט געפרעגט דער גאַסט.

דער קרוב האָט אומזיסט געניכשטערט אין זיין זכרון צו געפינען אַן ענטפער; לסוף האָט ער זיך געכאַפּט:

— פאַר וואָס שטויסט דו זיך אַליין נישט אָן, ווער זיי זיינען? — דאָס זיינען דאָך גאָץ און וויסאָצקי!

— אהא, איך פאַרשטיי; און פאַרוואָס זיינען אויפן שטיין אויסגעקריצט

אַזעלכע גרויסע ציפערן 1613 (דאָס יאָר פון דער גרינדונג פון דער צאַרישער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע) ?

— וואָס פאַר אַ קשיא ? דאָס איז דאָך געוויס דער נומער פון זייער טעלעפאָן... ענטפערט דער קרוב.

די שטורמישע ווינטן פון די רוסלענדישע אידעאישע שטרעמונגען האָבן פאַרטראָגן אין דער דאָזיקער סוחרישער אַטמאָספער דעם אומרו פון צעטיילונג אויף „טאַטעס און זין", ווי דאָס איז געווען דער גייסט פון יענער עפּאָכע. די טאַטעס זיינען געווען פרומע אָרטאָדאָקסישע יידן פון אַלטן שניט. די חשובע לייט פון דער טיי־דינאַסטיע, אָנטשפּרעכנדיק זייער פּאָזיציע אין יידישן לעבן, האָבן נישט געקענט נישט דינען ווי אַ מוסטער פאַרן כלל פשוטע יידן.

דער שעף פון גאַנצן שטאַם, ד"ה דער געשעפטלעכער קאָפּ פון דער גאַנצער משפחה־קאָנפעדעראַציע, וואָס האָט געבילדעט די „טיי־דינאַסטיע", איז געווען דער אַלטער ק. ז. וויסאָצקי; נאָך אים לויט דער וואָגיקייט און וויכטיקייט איז געווען רפאיל גאָץ. זיי ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען מיט אַ האַלבן וואָרט, און די אַרבעט איז ביי זיי געגאַנגען ווי לויט נאָטן. וויסאָצקי — אַ קלאַסישער טיפּ פון אַ ביבלישן פּאַטריאַרך האָט פאַראייניקט אין זיך צוגלייך אַ גרויסן אויטאָריטעט און נישט קיין קליינעם אויטאָ־קראַט. די יינגערע פון דער משפחה פלעגן שפּעטער נישט אָן הומאָר קענען שילדערן אין געמיטלעכע אָבער בולטע פאַרבן, ווי אַזוי דער אַלטער פלעגט האַלטן פאַר נויטיק פון צייט צו צייט צונויפרופן אַ „פאַמיליע־ראַט" צום באַשליסן זייער וויכטיקע פראַגן. אַלע, וואָס זיינען געווען איינ־געלאַדן צום „ראַט" האָבן אומבאַדינגט געמוזט פערזענלעך קומען. דאָס פלעגט פאָרקומען אויף אַ זייער פייערלעכן אופן. דער אַלטער וויסאָצקי פלעגט מיט גרויס חשיבות אויפנעמען יעטווידן באַזונדער און פלעגט אַלעמען אויסזעצן מיט אַ באַזונדער העפלעכקייט.

— איך האָב אַייך אַלעמען צונויפגערופן, כדי זיך צו באַראַטן מיט אייך, פלעגט ער אָנהייבן יעטווידער מאָל, עפענענדיק די פאַרזאַמלונג מיט אַזאַ ערנסטקייט, אַז ס'וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אָן „פאַמיליען־ראַט" וויים ער נישט וואָס אָנהייבן צו טאָן מיטן פּראָבלעם, וואָס אינטע־רעסירט אים. נאָכדעם פלעגט ער אַריבער צום תוך פון ענין; מ'האָט אים אויסגעהערט אין אַ רעליגיעזער שטילקייט; די משפחה־מיטגלידער פלעגן זיין פאַרוואונדערט פון דעם אַלטנס סוחרישער חכמה און אַט איז דער גאַנצער ענין איבערגעגעבן געוואָרן מיט דער פּרעציזסטער קלאָרקייט, עס בעט זיך פון זיך אַליין אָן אויספיר; דער רעפעראַט פלעגט זיך אָנדערש נישט ענדיקן ווי מיט אַזעלכע ווערטער: „און דעריבער האָב איך פעסט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל..." דער באַשלוס איז געגעבן געוואָרן,

אָנערקענען אים איז דאָך אַ זעלבספאַרשטענדלעכע זאַך, און דער „פאַמיליע־ראַט" גייט זיך פונאַנדער. די „ראַטגעבער", נישט עפּענענדיק קיין מויל די גאַנצע צייט, ווערן באַגלייט מיט דער זעלביקער פייערלעכקייט פונקט ווי ער האָט זיי אויפגענומען... פון זיי אַלעמען איז אייגנטלעך אין געשעפטלעכער און אָרגאַניזאַציאָנעלער הינזיכט דער טאָן־געבער געווען רפאיל גאָץ; מיט אים איז געווייגטלעך יעטווידער ענין פון פאַראויס געווען אַדורכגעשמועסט און באַשלאָסן.

ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס אין אַזאַ סאָלידער אולטראַ־סוחרישער סביבה האָט מיכאיל גאָץ, אַ רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט, וואָס האָט אַלע קרובים אין דער גאַנצער משפחה פאַרשאַפט כסדר אַזוי פיל קלאָפּאָט און עגמת נפש מיט זיינע „אומגעזעצלעכע" פּירונגען, — דאָך געגאַסן פון אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג? דאָ האָבן גורם געווען אַ סך סיבות. ערשטנס, די איינגעפונדעוועטע קרובהשע צוגעבונדנקייט אין דער משפחה, וואָס איז ביי יידן פון תמיד אָן געשטאַנען זייער הויך, — האָט אין דער וויסאָצקי־משפחה דערגרייכט איר העכסטן פונקט. צווייטנס, האָט מיכאיל גאָץ זיך אויסגעצייכנט אין דער משפחה, ווי אַ וואָגיקע גייס־טיקע קראַפט. און גראָד אין אַ סוחרישער סביבה ביי יידן ווערט אַ מענטש מיט אַ פּעדאַגאָגישן שכל, אַזוי צו זאָגן אַ געבוירענער רבי („רעבע"), באַזונדערס געשעצט און געאַכטעט, פון אַלעמען באַליבט. די פּערזענלעכע מעלות פון מיכאיל גאָץ האָבן דאָ אַ סך צוגעטראָגן.

דער דיכטער מעלשין (פּ. יאַקובאָוויטש), וואָס האָט געקענט גאָצן פון דער יוגנט אָן, האָט אים אַזוי אָפּגעמאָלן: „אַ קליין באַוועגלעך פיגורל, לאַכנדיקע ליפּן, מונטערנדיקע טענער אין מויל..." דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גאַנץ ריכטיק, אָבער אין דער דאָזיקער „מאָמענט־פאָטאָגראַפיע" זעען מיר בלויז די געווייגטלעכע, אַזוי צו זאָגן, קלאַסישע שטריכן פון בליענדיקער ראָזנפאַרביקער יוגנט. איך האָב גאָצן געקענט אַ סך שפּעטער; איך זע אים ווי אָט איצטער אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געשאָנקען און וואָס איז געבומען געוואָרן נישט לאַנג פאַר זיין אַרעסט: אַ מאָגערער בחור, נשט קיין הויכגעוואַקסיקער, באַוועגלעך, דער פּנים אַ סעמיטישער, הגם נישט מיט אַזעלכע שאַרפע ליניעס, פאַר־טראַכטער שטערן, טונקעלע, נישט לאַנגע האָר, פאַרקעמט אין דער זייט מיט אַ שאַרפן שרונט פון לינקס אויף רעכטס, וואָס פאַרדעקט אַ שטיק פון הויכן שטערן; דער אויסדרוק פון פּנים — ערנסט, פאַרטראַכט, קוים־קוים צו באַמערקן וואָנסעלעך און די קאָנטורן פון אַ צוקינפטיקער באָקנ־באָרד; אַ פּנים, וואָס וואָלט אויסגעקוקט שטרענג, ווען נישט דער זאַנפטער און פאַרטרוילעכער גלאַנץ פון די אויגן, ווען נישט דער וואונדערלעכער ליבער שמייכל, וואָס גלעט דיך און ציט צו זיך. אַן ארבעט־בלוזע, פאַר־

שפּילעוועט הויך ביז דער גאַמבע דערגאַנצט דעם איינדרוק — איינגעהאַלטן, פלעגמאַטיש באַשיידן. איינער פון די חברים האָט באַמערקט, אַז זיין גאַנצע פיגור רעדט שווייגנדיק ווי טורגעניעווס העלד באַזאַראָוו: „די נאַטור איז נישט קיין טעמפּל נאָר אַ וואַרשטאַט, און דער מענטש אין איר — אַן אַרבעטער״.

„איך בין דאַנקבאַר מיין מזל — האָט איינמאָל גאָץ מודה געווען — וואָס אַלע מיינע געוואוינהייטן און געשמאַקן האָבן זיך אויסגעאַרבעט און פּאַרפעסטיקט נאָך דעמאָלט, ווען אונדזער טיי־געשעפט איז געווען נאָך פּאַרהעלטניסמעסיק קליין און איז געווען איינגעאָרדנט אין אַ באַשיידענעם הויז אויף מאָסקווער גאַס, און נישט ווי שפּעטער אין ספּעציעל אויסגעבויטן בנין מיט אַ ריזיקן קאַנטאָר און פאַבריק צו סאָרטירן און וועגן אין די האַנדל־הייזער אויף לוביאַנסק־אילאַינסק. דאָס איז געווען אַ לעבן פון פאַרמעגלעכע מענטשן, אָבער באַשיידן, און איך האָב אויסגעמיטן צו ווערן געפּיעשטשעט, וואָס פאַרדאַרבט דעם כאַראַקטער״.

מיכאיל גאָץ מיט זיין איינפלוס און פּערזענלעכן ביישפּיל האָט אַוועק־געלייגט דעם יסוד פאַר אַ גאַנצער שול יוגנטלעכע רעוואָלוציאָנערן פון דער זעלביקער משפּחה. אפילו אין צענטראַלן קרייז פון דער „דינאַסטיע״ האָט די פּאַרטיי ס. ר. געהאַט אירע אָנהענגער: דעם אָרגאַניזאַטאָר פון „פּאַריין פון די פאָלקסלערער — ס. ר.״ א. ב. וויסאָצקי. אין דעם הויפּט־צווייג פון דער זייטיקער ליניע, האָט חוץ מיכאיל גאָצן אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל געשפּילט סיי אין דער אַלגעמיינער אַרבעט, סיי אין דעם באַוואוסטן פּראָצעס פון ס.ר.ישן צענטראַל־קאָמיטעט — מיכאילס יינגערער ברודער אברהם גאָץ, וואָס איז טראַגיש אומגעבראַכט געוואָרן אין טורמע צוזאַמען מיט מ. ליבער. דער צווייג פון די צייטלינס האָט אַרויסגעגעבן דעם דיכטער און מחבר פון ביכער וועגן דער רוסישער קונסט און גרינדער פונעם ליטעראַרישן „נאָווי זשורנאַל״ מיכאיל אָסיפּאָוויטש צייטלין; אַ ריי נעמען, וואָס וועלן נישט פאַרגעסן ווערן אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי, האָט געגעבן דער צווייג פון די גאַווראָנסקיס — דאָס איז געווען דמיטרי גאַוואָראָנסקי, דער באַליבטער שילער פון באַרימטן פילאָסאָף קאָהען; דער לעצטער האָט אַזוי הויך געשעצט זיין שילער, אַז ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער פּערזענלעך געבעטן דעם צ. ק. פון אונדזער פּאַרטיי — ער זאָל שאַנעווען אַזאַ גייסטיקע קראַפט ווי דער יונגער גאַווראָנסקי און נישט דערלאָזן ער זאָל פּרייציייטיק אומקומען אינעם שטורעמווינט פון דער רעוואָלוציע.

מיכאיל גאָץ און זיינע פריינט פון דער גאַנצער גלענצענדיקער פלעיאַדע יוגנט, וואָס איז אַרומגעוואַקסן געוואָרן שפּעטער מיט נאָך שכנישע קרובהשע עלעמענטן — זיינען געווען דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט ליבע

צו דער רוסישער קולטור, צו דער רוסישער פרייהייט־באַוועגונג, צו אמת־זוכעניש און ברייט־הומאַניטאַרן סאָציאַליזם. די פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק האָבן זיי נישט איבערגעריסן; אָבער פאַרבינדנדיק די יידישקייט מיט טיפיש־רוסישע מאַסשטאַבן און טראַדיציעס, האָט די משפחה אַריינגעשריבן אין די אנאַלן פון איר עפּאָכע אַזעלכע זייטלעך, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער מערקווערדיקער אייגנאַרטיקייט. וואָס איז ווערט אָט דער איינציקער פאַקט, וואָס אונטער דער אָנפירונג פון דער דאָזיקער יוגנט האָבן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דער דרומדיקער פיליע פון דער פירמע אויפגעהויבן די „פאָן פון קלאַסן־קאַמף" קעגן מאַטוויי גאָץ (ברודער פון מיכאיל און אבראַמען), ווען ער האָט דאָרטן געפירט אַ פּאָליטיק פון שאַרפער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער! אין רוסלאַנד פון יענער צייט איז געווען באַקאַנט דער מין „פריצים־בעלי־תשובה", אָבער אַזאַ סאָרט „קאַפּיטאַליסטן־בעלי־תשובה" איז געווען עפּעס ניי... דאָס האָט צום ערשטן מאָל געגעבן די „טיי־דינאַסטיע".

אָסיפּ מינאָר — שפּעטער זייער אַ נאָענטער פערזענלעכער און פּאָליטישער פריינט פון גאָצן דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט די אַרעסטירטע מאָסקווער:

„איך מוז זיך אָפּשטעלן אויף מיכאיל גאָץ. ער האָט געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. זיינע פאַרטראַכטע אויגן האָבן געברענט מיט עפּעס אַ מערקווירדיקן גלאַנץ; ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, האָט שטענדיק זייער פיל געלייענט, אַרום אים פלעגן כסדר זיצן גאַנצע גרופּעס פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן. זיין ספּעציעלע אייגנשאַפט — קענטניש צו פאַראינטערעסירן אַנדערע דאָ מיט פילאָסאָפישע פראַגן, דאָ מיט וויסנשאַפטלעכע, דאָ מיט געזעלשאַפטלעכע... צוגלייך דערמיט האָט ער פאַרמאָגט פיל פּראַקטישן שכל. מיט זיין מיינונג האָט מען זיך געמוזט רעכענען, ווייל עס איז אַלע מאָל געווען גוט דורכגעטראַכט, מעסיק און צילבאַוואוסט.

אָט די „מעסיקייט" און איינגעהאַלטנקייט, אויף וואָס מינאָר ווייזט דאָ אָן, איז ביי גאָצן געווען מער ווי אַ שטריך פון זיין פערזענלעכן טעמפּעראַמענט; דאָס איז געווען אַ גאַנצע גוט דורכגעטראַכטע טיף־פּרינציפּיעלע פּראָגראַם. נאָכן צעשמעטערן דעם אַלטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא" און נאָך דעם נאָכמער קאַטאַסטראָפאַלן אומקום פון „לאָפּאַטינס גרופּע", וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון אויסלאַנד אויף אויפצולעבן אים, — האָט גאָץ געקענט זיך צוקוקן צו דער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד מיט ניכטערע אויגן פון אַ קלוגן סקעפּטיקער, הגם ער איז נאָך געווען לפי ערך גאַנץ יונג. ער האָט נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער רעטונג־ראָל פון די ניי־געשאַפענע אין

אויסלאַנד אימפּראָוויזירטע אָרגאַניזאַציאָנעלע גרופּעס. ער האָט אָבער דאָך נישט געהאַט די מינדסטע האָפענונג, אַז די קאַמפּס־פּאַן פון די רעוואָ־לוציאָנערע ריזן פון „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט", וואָס איז אַזוי טראַגיש אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט, זאָל קענען אונטערגעכאַפּט ווערן און אויפגעהויבן נאָך העכער דורך יונגע פייגעלעך, וואָס זיינען נאָך פון די פעדערן נישט אַרויס. אָדער די רייען פון די „וועטעראַנען" זיינען נאָך נישט אויסגעשעפּט, זיי וועלען נאָך צוריקקומען צו די קרעפטן און זיין גרייט צו אַ נייעם אָנגריף און דעמאָלט וועט מען די גאַנצע רעוואָ־לוציאָנערע איניציאַטיוו דאַרפן איבערלאָזן ביי זיי; אָדער זייערע לעצטע רייען ווערן שוין צעשמאָלצן אין נישט גלייכן קאַמף און עס דערוואַרט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא" אַ לאַנגע ווינטערדיקע אָטעם־פּויזע, און דעמאָלט וועט די יוגנט דאָס דאַרפן געדולדיק איבערטראָגן ביז וואַנען ס'וועט נישט קומען איר צייט אויך. אין דעם פאַל וועט דער געבאָט זיין: „נישט איילן זיך, וואַרטן ביז וואַנען מ'וועט רופן... גרייטן זיך... נעמען אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך — זעלבסטאַנטוויקלונג, אויסאַרבעטן מאָראַלישע מעלות, וואָס זיינען נייטיק צום קאַמף פאַר די אידעאַלן פון פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט... דער שונא איז שטאַרק, מיר וועלן דאַרפן פירן מיט אים אַ קאַמף אויף לעבן און טויט; דאַרפן מיר זיין באַוואָפנט מיט אַלץ: מיט וויסנשאַפט, גוט שטודירן די פּראָבלעמען פון היינט און פון מאָרגן, וואָס די געשיכטע וועט אולטימאַטיוו אַוועקשטעלן פאַר אונדז, ווי דער ספינקס האָט פאַר עדיפּן אַוועקגעשטעלט: „טרעף — אַז נישט פרעס איך דיך אויף..."

און גאָץ פלעגט אַ קלאַפּ טאָן אין טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט קאָנספּעקטן פון פאַרשיידענע אַרבעטן און ביכער איבער וועלכע ער האָט שטודירט, ווי ער וואָלט אויסגעשריען: „דערמיט וועסטו זיגן!"

די יוגנט איז אומגעדולדיק און היציק. נאָך אין גימנאַזיע האָט גאָץ אָנגעהייבן אַרויסגעבן אויף אַ מימעאָגראַף „די שטים פון דער יוגנט", גאַנץ לעבעדיק און טעמפּעראַמענטפול צונויפגעשטעלט; צוגלייך דערמיט נאָך אַ צווייטן אָרגאַן פון טעאָרעטישן געדאַנק: „סאָציאַליסטיש וויסן". אין זיין דירה וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שמאָלן לאַנגן צימער אין שעלאַגינס הויז אויף מאָראָסייקע — קלייבן זיך צוזאַמען גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן און יונגע סטודענטן און פאַרברענגען גאַנצע נעכט אין הייסע וויכוחים און דיסקוסיעס... אָבער זיי וויסן נישט, אַז פון דערווייטנס כאַפּן אונטער שאַרפע אויגן יעטווידן זשעסט זייערן, אָנגעשפּיצטע אויערן הערן זיך צו צו יעטווידן קלאַנג. אָנהייבנדיק פון יאָר 1884 ווערט געפירט וועגן גאָצן אַ געהיימע קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּאָליציי־דעפּאַרטאמענט און מאָסקווער „אָכראַנע"; ער ווייס דערפון גאָרנישט. און אויב ביי דער

מאָסקווער נאַראָדאָוואָלטשעסקער יוגנט גייט־אָן אַ טעאָרעטישע איבער־באַוואָפּענונג און אַ פּראַקטישע רעאָרגאַניזאַציע, גייט־דורך אַזאַ פּראָצעס אויך די מאָסקווער און נאָך איר די אַלרוסישע אָכראַנע.

די פּראָוואָקאַציע שפּרייט־אויס איר נעץ — זובאַטאָוו

איינער פון די ווילכטיקסטע פירער פון רוסישן פּאָליטישן שפּיאָנאַזש אין ערשטן צענדלינג פון 20טן יאָרהונדערט, דער באַקאַנטער ראַטאַיעוו, האָט צוגעשטעלט אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום צו זיין העכערער נאַטשאַל־סטווע, וואו ער גיט אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פונעם דאָזיקן מין שפּיאָנאַזש. ער רופט אָן די אָרטיקע שפּיאָנאַזש־טוער, וואָס זיינען דערצויגן „לויט די אַלטע טראַדיציעס פון זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס" — „מענטשן, וואָס זיינען אַבסאָלוט נישט באַקאַנט מיט די מאָדערנע פאָדערונגען פון פּאָליטישן שפּיאָנאַזש־דינסט". פאַרן בעסטן און פּראַקטישסטן צווישן זיי האַלט ער דעם גענעראַל נאָוויצקי אין קיעוו. מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען איינמאָל אָפּצודרוקן אינעם זשורנאַל „סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער" אַן אַלאַונטערטעניקסטן מעמאָראַנדום פון דאָזיקן גענעראַל, פונוואַנען מ'האָט געקענט זען, אַז ער איז אַ קלאַסישערביישפּיל פון אַ טשינאָווניק פון דער אַלטער שול, אַ טיפּ פון אַנעקדאָטישן העלד „גענעראַל דיטיאַטין" ביים סאַטיריקער שטשעדרין. אַ סך האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן, אַז דער מעמאָראַנדום איז אַ פאַלסיפיקאַט. דאָס זעלביקע האָט אויך געהאַלטן ראַטאַיעוו; אָבער ער האָט זיך גאָר גיך איבערצייגט, אַז ס'איז אַן אויטענטישער דאָקומענט. דער גענעראַל נאָוויצקי, ראַטאַיעווס מוסטער, האָט באַשולדיקט נישט קיין אַנדערן ווי דעם שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענעם שעף פון פּאָליטישן שפּיאָנאַזש ראַטשקאָווסקי אין... פאַרברעכערישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; ראַטשקאָווסקי, נעמלעך, האָט אַמאָל זיך נישט געשעמט אָנצואווענדן די מעטאָדן פון פּראָוואָקאַציע און האָט אַליין פערזענלעך אָפּטמאָל געשפּילט אַזאַ ראָל פון אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָט די אַלטע שול פון די נאָוויצקיס, — האָט ראַטאַיעוו געשריבן — „האַלט נישט פון געהיימע אַגענטורן און פריי געדונגענע שפּיאָנען, אין לעצטן פאַל באַנוצן זיי זיך מיט איבערגעטועטע זשאַנדאַרמען, וואָס קליידן זיך איבער אויף ציוויל און פאַרגעסן אַמאָל דערביי אַראָפּצונעמען די שפּאָרן פון די שטיוול (פאַקט!)".

אָנהייב די 80קער יאָרן איז די דאָזיקע אַלטע טראַדיציע געבראָכן געוואָרן דורך דער באַרימטער עפּאָפּייע פון פּולקאָווניק סודיעיקין: ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער שפּיאָנאַזש־דינסט דעם פּאָליטישן

אַוואַנטוריזם, דער עיקר די סיסטעם פון פּראָוואָקאַציע, ווי אַ הויפּט־געצייג פון דעם סאַמע דרייסטן דראַנג צו פּערזענלעכער מאַכט. צווישן זיינע „דערגרייכונגען" איז גענוג צו דערמאָנען דעם אַזוי גערופענעם „שטרויענעם" עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", בראש פון וועלכן סודיעיקין האָט אַוועקגעשטעלט זיין געהיימען אַגענט דיעגאַ־יעוון; דער גאַנצער פּערזאָנען־צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט איז געווען באַ־שטעטיקט פון סודיעיקינען, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן אָפּגערייניקט דעם וועג פון די אמתע רעוואָלוציאָנערע קאָנקורענטן פאַר דיעגאַיעוון. צוגרייטנדיק די מעגלעכקייט אָנצופירן מיטן „אונטערערדישן רוסלאַנד" דורך דיעגאַיעוון, האָט סודיעיקין אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן — טאַקע מיט דער הילף פון די רעוואָלוציאָנערן זיך אַרויפקלייבן אויפן שפּיץ פון דער אמתר לעגאַלער מאַכט! דערצו האָט מען געדאַרפט דעם קייזער אַזוי שטאַרק אָנשרעקן מיט דער טעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערן, אַז ער זאָל זען אין סודיעיקינען זיין איינציקן רעטער. אַלע די, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג סודיעיקינען, ווי דער אינערן־מיניסטער טאָלסטאָי, דער גרויספירשט וולאַדימיר, האָבן געזאָלט, לויט זיין פּלאַן, פּשוט ליקווי־דירט ווערן דורך דיעגאַיעוון; צוליב דעם וואָלט אגב דעם לעצטנס פּרעסטיזש און אויטאָריטעט אין „אונטערערדישן רוסלאַנד" געשטיגן זייער הויך. סודיעיקין אַליין וואָלט אויף אַזאַ אופן, שפּילנדיק גלייכצייטיק אויף צוויי פראָנטן, געוואָרן דער פאַקטישער הערשער פון ביידע רוסלאַנדס — דער אונטערערדישער און דער אויבערערדישער; אַ דיקטאַטאָר, וואָס איז פאַרזיכערט אין צוויי אינסטאַנצן — דער אָפענער און געהיימער.

סודיעיקינס פּלאַן האָט געפּלאַצט. דיעגאַיעוו האָט נישט אויסגעהאַלטן די ראָל, וואָס איז געווען פאַר אים באַשטימט. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן קומען אַליין צו די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט", פאַרשטייט זיך — פון אמתן, רעוואָלוציאָנערן אונטערערדישן קאָמיטעט, נישט פון „שטרויענעם" (סודיעיקינס), זיך מתודה זיין פאַר אים און ווי אַ צייכן פון זיין אמתער חרטה — אַרויסגעבן דעם קאָמיטעט זיין פאַרפירער (סודיעיקינען), כדי אים צו משפטן און געבן אים צו דערפילן דעם טעם פון רעוואָלוציאָנערער נקמה. סודיעיקין איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערן — דיעגאַיעוו אַליין האָט אים דער־מאָרדעט. דער רוסישער זעלבסטהערשער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון סודי־עיקינס מעטאָדען און זיך צוריקגעקערט צו די אַלט־פּרענקישע מעטאָדן פון דער אַלטער זשאַנדאַרמען־שול. אָבער די העלדן פון דער „אָכראַנע", איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון דער פאַרבאָטענער פּרוכט, האָט זיך ביי זיי דער אַפּעטיט צעשפּילט און זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פונעם אַוואַנטוריזם, פּאָליטישער פּרעטענציעזקייט און דאָך גענומען זיך

צום שטעקן מיט די צווײ עקן, וואָס הייסט פּראָוואָקאַציע. אויס מיט „דיעגאיעוושטשינע" — איז אויף איר אָרט געקומען די „זובאַטאָוו־שטשינע"; דער מענטש, וואָס האָט געגעבן אַ דעם נייעם פּראָוואָקאַציע־סיסטעם זײַן נאָמען, איז געווען איינער פון גאַנצ חברים — אַן אויס־געשלאָסענער פון גימנאַזיע סערגעי זובאַטאָוו.

אין משך פון צווײ יאָר צייט — פון 1884 ביז 1886 — איז גאַנץ געווען פאַרבונדן מיט זובאַטאָוון; פאַר דער צייט האָט דער לעצטער כּסדר אינפאָרמירט דער אָכראַנע וועגן גאַנצ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, ביז וואַנען ער איז אַרעסטירט געוואָרן, אַ דאַנק די אינפאָרמאַציעס פון דאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר.

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל איז גאַנץ אַנגעקומען אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט. זײַן טעטיקייט צווישן דער יוגנט האָט אָנגענומען אַ מער אָרגאַניזירטן און סיסטעמאַטיזירטן כאַראַקטער. זי איז באַשטאַנען דער עיקר אין צושטעלן פאַר דער מאָסקווער נאַראָדאָוואָלטשעסקער אָרגאַניזאַציע פרישע יונגע קרעפטן, וואָס פלעגן פריער אַדורך אַ שול פון אידעאָלאָגישער צוגרייטונג און פּרעציזן פּער־זענלעכן קאָנטראָל, ווי דאָס האָט זיך געפאָדערט פאַר נייע רעקרוטן פון דער רעוואָלוציע. אין צענטער פון אָט דער צוגרייטונג־אַרבעט איז געשטאַנען אַ מין „רעוואָלוציאָנערער דריילינג", צו וועלכן צוגלייך מיט גאַנצן האָט געהערט אַ טאַלענטירטער בחור מאַטווײ פאָנדאַמינסקי, און אַ ייִנגערער חבר, כמעט גאַנצ אַ תלמיד — רובינאָק. אינעם קרייז פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַוויזן אויך זובאַטאָוו.

זובאַטאָוו גופא האָט פאַרנומען אין מאָסקווע אַן אינטערעסאַנטע פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט „שליסל־פּאָזיציע". ווי אַ באַזע האָט פאַר אים געדינט אַ טיפּישע ביבליאָטעק פאַר דער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער יוגנט, און ער האָט ברייט זיך באַנוצט מיט אָט דער ביבליאָטעק, כדי זיך שאַפן ברייטע פאַרבינדונגען צווישן דער יוגנט. מיט דער ביבליאָטעק האָט פאַרוואַלטעט אַ געוויסע פרוי מיכין, וועלכע מ'האָט געהאַלטן פאַר זײַן כלה. אַ מענטש מיט אַ ליבן אינטעליגענטן פּנים, אַ באַגאַבטער רעדנער, זייער טאַקטיש אין באַגיין זיך מיט מענטשן, — האָט זובאַטאָוו אין אָט דער סביבה זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע עקסטרעוואַגאַנטע ראַדיקאַלע מיינונגען. ער פלעגט גערן אַנט־וויקלען פאַר אַנדערע זײַן „אייגענע סיסטעם" פון מאָראַל: מ'האָט געקענט הערן אָפּקלאַנגען פון „נאַפּאָלעאָנישע" טרוימען, פון דאָסטאָיעווסקיס ראַס־קאָלניקאָוון („פאַרברעכן און שטראָף"), פון נעטשאַיעוו־באַקונינשן „קאַטע־כיזיס פון אַ רעוואָלוציאָנער". אין צענטער פון זיינע אַנשויאונגען איז געשטאַנען די „אידייע", אַז דער באַגריף פליכט, שולד, דאָס שטרענגע

אָפּטיילן גוטס פון שלעכטס, — בכלל דער באַטייט פון „געבאָט", „מוז" אין דער מאָראַל — דאָס אַלץ טויג בלויז פאַר פּשוטע מענטשן, אָבער נישט פאַר „העכערע נאַטורן", וועלכע זיינען „אַליין פאַר זיך געזעץ", ווען ס'איז „אַלץ דערלויבט". ער האָט געפּרואווט אַמאָל באַקענען צו זיין גלויבן אויך גאָצן, האָט אים אָנפאַרטרויט צו לייענען זיין העפט, וואו ס'איז געווען אַנטוויקלט אָט די נייע מאָראַלישע „אַנטפּלעקונגען". אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן: אַ מענטש מיט שטרענגע מאָראַלישע כללים און בליקן, האָט גאָץ דערשפּירט אין זובאַטאָווס דרשות וועגן מאָראַל אַ שטאַרקן בייגעשמאַק פון ציניש ער גליטשיקער יעזואיטישקייט. ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס, וואָס איז אָבער נישט אַריבער די גרענעץ פון ריין פּרינציפּיעלער מיינונג־פאַרשיידנהייט. אָבער גאָץ האָט דערפון געמאַכט דעם אויספיר: „דאָס איז אַ מענטש, פון וועמען מ'דאַרף זיך האַלטן פונדערווייטנס". אָט אַזאַ שטימונג האָט זיך איבערגעטראָגן אויך צו יענע יונגע קרייזן „נאַראָדאָוואָלצעס", אויף וועמען גאָץ און זיינע חברים האָבן געהאַט אַ ווירקונג. באַאומרואיקט פון אַזאַ באַציאונג צו אים, האָט זובאַטאָוו געמאַכט אַ מאָדנעם טריט — ער האָט אַרויסגערופן גאָצן אויף אַן „אינטימען געשפּרעך", אַ מין פריינטלעכן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. ער האָט דער ערשטער אַליין דערציילט גאָצן, אַז דער שעף פון דער אָכראַנע בערדיאַעוו האָט אים פאָרגעלייגט צו ווערן אַ געהיים־אַגענט פון דער פּאָליציי, ער האָט דערביי אים געדראָט, אַז אויב ער איז נישט מסכים וועט ער צעברעכן זיין פּערזענלעכן לעבן — ער וועט אים אַרויסשיקן פון מאָסקווע און דערמיט אים צושיידן פון זיין כלה מיכין...

זובאַטאָוו האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן, אַז ער האָט אָפּגעוואָרפן בערדיאַעווס פאָרשלאַג; אָבער דער לעצטער האָט דאָך זיין דראָאונג נישט אויסגעפירט. צוליב וואָס זובאַטאָוו האָט געדאַרפט דערציילן אָט די געשיכטע, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ קינסטלעכער, היסטערישער און ווייניק איבערצייגנדיקער באַווייז פון זיין פעסטער פּאָליטישער ערלעכקייט — האָט גאָץ לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין... קרימינאַלאָגן איז גוט באַוואוסט, דאָס פאַרברעכער, באַזונדערס אָנפאַנגער, האָבן אַ קרענקלעך געפיל — עס ציט זיי צוריק צו זיין אויפן אָרט, וואו זיי זיינען באַגאַנגען דעם פאַרברעכן, פאַרגעסנדיק דערביי וועגן דער ריזיקע ס'זאָל זיי צופעליק ווער נישט דערקענען אָדער צוליב עפּעס אַ קלייניקייט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי, וואָס זוכט אויפצודעקן דעם פאַרברעכער. געניטע רעוואָלוציאָנערן ווייסן אויך גאַנץ גוט, אַז נישט געניטע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט גלייך פון אָנהייב און זיינען געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענדקע פון פּאָליציי־שפּיאָנאַזש, האָבן מסכים געווען צו דינען ווי פּראָוואָקאַטאָרן און געהיים־אַגענטן, — זיי האָבן

אויך אַ קרענקלעכן דראַנג צו ריידן כּסדר מיט זייערע חברים אויף דער טעמע פּראָוואָקאַציע און פּראָוואָקאַטאָרן. גאַנץ מעגלעך, אַז מורא האָבנדיק מ׳זאָל זיך נישט דערקענען אויף זיי, מאַכן זיי אומבאַוואוסטזיניק פּרואוון פון אַ קאָנטראָל איבער זיך אַליין — צי האָבן זיי דאָס רעכט צו באַהאַנדלען אַזעלכע טעמעס צוגלייך מיט די יעניקע, וואָס זיי האָבן אָנגעמערקט צו זיין זייערע קרבנות?

זובאַטאָוו, אַרויסטרעטנדיק אויפן דאָזיקן גליטשיקן וועג איז אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער געפערלעכער קונסט פון צווייאיקן שפּיל, פון מאַכן דערפון אַ מין ספּאָרט — „קונסט צוליב קונסט״. איינער פון זיינע לעצטע אויפטוען איידער ער האָט ענדגילטיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע און איז אָפן אַריבער — אין 1889 — אויף אַן אָפיציעלן פּאָסטן ביי דער מאָסקווער אָכראַנע, — איז געווען זיין בייזוויליקער שפּיל מיט מאַריץ סאָלאָמאָנאָוו (רעוואָלוציאָנערער פּסעוודאָנים — מאַריץ סאַקסאָנסקי), איינעם פון גאָצס פּאָליטישע פריינט. ער האָט דורכגעפירט אַ דראַסטישע געזעגענונג־סצענע מיט אים לעבן בית עלמין: ער האָט דערציילט, אַז ער פאָרט אַוועק אין עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך געהיימער, געפערלעכער רעוואָלוציאָנערער שליחות; ביי דער געזעגענונג האָט ער אים אפילו איבערגעצלמט און רירנדיק הייס אים אַרומגענומען. פון זובאַטאָווס אָרעמס איז סאָלאָמאָנאָוו טאַקע גלייך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון די זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף זיין דירה. נישט אומזיסט האָט זובאַטאָוו, אַריבערגייענדיק אין דער אָכראַנע, ווייטער געשפּילט אויף די פּסיכאָלאָגישע סטרונעס פון די נאַאיווע פּראָסטע אַרבעטער און האָט זיין דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע „קונסט״ אַוועקגעלייגט ווי אַ יסוד פאַר זיין „פּאָליציייאישער אַרבעטער־פּאָליטיק״, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט דעם ביסמאַרקישן ביוראָקראַטישן מלוכה־„סאָציאַליזם״, דענסטמאָל אין דער מאָדע.

זובאַטאָווס אַרבעט איז געווען — ווי אַן ערשטע פּראָבע — אַ גאַנצע ריי אַרעסטן, וואָס האָבן חרוב געמאַכט די יונגע נאַראָדאָוואָלטשעסקע באַוועגונג אין מאָסקווע. וואו זיין האַנט האָט זיך נאָר צוגערירט — דאָרטן האָט זיך שוין געצויגן אַ בלוטיקער שפּור פון נייע יונגע לעבנס. צוערשט האָט ער פּאַרזיכטיק אָנגעוויזן דער אָכראַנע אויף מענטשן פון דער פּעריפעריע: פּיק, יעווגעניע און סאָפיע גורעוויטש, באָלאָטין, עדעלמאַן... וואָס איז פון זיי געוואָרן?... דער ערשטער איז געפאַלן פון אַ קויל בעת דער „יאַקוטסקער שחיטה״; די צווייטע איז דערשטאָכן געוואָרן מיט אַ באַגנעט אין בויך; די דריטע האָט מען אַראָפּגענומען פון דער תליה נאָכן אויפהענגען אירע דריי חברים; די פערטע איז אַוועק אויף קאַטאָרגע פאַר „קעגנשטעלן זיך דער מאַכט״, די פינפטע האָט זיך דערטרונקען

אין ווערכאָלענסק. נאָך זיי איז אַוועק דער „רעוואָלוציאָנערער דריילינג״ — רובינעק, מאַטווי פאַנדאַמינסקי און מיכאיל גאָץ. דער ערשטער איז אַראָפּ פון זינען נאָכדעם ווי די האַלב־ווילדע טונגוסן, אָנגערייצט דורך די מאַכט־אָרגאַנען, האָבן אים מוראדיק צעשלאָגן אויפן אָרט פון זיין פאַרשיקונג, — ער האָט באַקומען אַ מוח־צעטרייסלונג. דער צווייטער, וואָס איז קוים געבליבן לעבן פון די שטעך־וואונדן אין בויך, איז שפּעטער געשטאָרבן אין אירקוטסקער טורמע פון טובערקולאָז אין די קישקעס.ביים דריטן (גאָץ) זיינען דורכגעשאָסן געוואָרן די לונגען און דאָס האַרץ.

דער לעצטער „אויפטו״ זובאַטאָווס איז געווען — אָנצואווייזן די זשאַנדאַרמען אויף דריי אומלעגאַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פון דער „נאַראָדנאיא וואָליא״, דאָס זיינען געווען: דער שריפטשטעלער טאַן באָגאָראַז, קאַהאַן און וויקטאָר דאַנילאָוו. זובאַטאָוו האָט כשר פאַרדינט דעם פּאָסטן פון אַ געהילף ביים פּולקאָווניק בערדיאַעוו, זיין יצר הרע, — דער וואָס האָט אים אַראָפּגעפירט פון רעוואָלוציאָנערן וועג אויפן וועג פון שפּיאָנאַזש און פּראָוואָקאַציע.

זובאַטאָוו און גאָץ. זייער באַגעגעניש אין דער יוגנט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס סימבאָלישעס. דער שוואַרצער שאָטן פון זובאַטאָוון פאַלט פון דעמאָלט אָן אויף יעטווידן טריט פון אונדזער פּאַרטיי, וואָס האָט גענומען וואַקסן און צייטיקן. גראָד אויפן שוועל פון איר קומען צום לעבן, האָב איך פּערזענלעך צוגעזען, ווי אַזוי זובאַטאָוו צוזאַמען מיט זיין „באַגייסטער״ בערדיאַעוון האָבן ליקווידירט די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיע פּראַוואָ״, וואָס מאַרק נאַטאַנסאָן — ווי איך האָב שוין אין אַנהייב דערציילט — האָט אָרגאַניזירט ווי אַ מין ליבעראַליזירטע „נאַראָדאָוואָלטשעסטווע״. שפּעטער איז געקומען די ריי פון גערשוני: ער האָט אונדז געבראַכט זיינע דירעקטע אָבסערוואַציעס פון זובאַטאָווס פּרוּווו אַרומצורינגלען דעם יידישן „בונד״ מיט אַ ברייטער זאָנע פון דעמאָראַליזאַציע; זיין דערפּאָלג מיטן שאַפן אַ גאַנצע באַוועגונג פון „אומאָפּהענגיקע״ („ניעזאַווויסימצעס״), מיט אַזעלכע הייסע אָנהענגער זיינע, ווי די עקזאַלטירט־היסטערישע מאַניע ווילבושעוויטש (אין מינסק) און שאַיעוויטש (אָדעס). מיר האָבן אויך דערלעבט צו זען דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרש פון די פּעטערבורגער אַרבעטער מיט גאַפּאָנען; אַ צופעליקער פויגל פון זובאַטאָווס נעסט, וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעפלויגן גלייך אין קאָך־קעסל פון דער רעוואָלוציע, כדי צוריק זיך אומצוקערן און אַוועקזעצן זיך אויפן איינגעזעסענעם שטענגל פון פּראָוואָקאַציע, — האָט זיך אויסגעגליטשט און געבראָכן האַלדז און נאַקן. און לסוף לעבן מיר איבער די קאַשמאַר־עפּאָפּייע פון „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר״ יעוונאָ אזעף, וואָס האָט זיינע הויכע קוואַליפיקאַציעס באַקומען אונטער דער אָנפירונג פון דעם זעלביקן זובאַטאָוו, אין זיין אינסטרוקטאָרן־שולע.

בלויז דער אָנקום פון דער רוסישער רעוואָלוציע, צו וועלכער גאַנץ האָט נישט דערלעבט, האָט פּלוצים איבערגעריסן די לעבנס־קאַריערע פון זיין שול־חבר און געהיימען פאַררעטער, וועלכער האָט באַקומען זיין פאַר־דינטע שטראָף פון אַ יודא איסקאַריאָט. אינעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָט זובאַטאָוו דערהערט דעם באַפעלערישן אויסגעשריי פון דער געשיכטע: „דאָס געריכט גייט!" אין שגעון־שרעק האָט ער אַליין פאַרענדיקט זיין העסלעך לעבן.

אין מאָסקווער טורמע. — אויפן מאַרטירער־וועג קיין יאַקוטסק

„דער ערשטער געריכט־פּראָצעס פאַר אַ רעוואָלוציאָנער — דאָס איז ווי דער ערשטער באַל פאַר אַ 16יאָריק מיידל. ס'מאַכט נישט אויס וואָס דאָס ערשטע איז גאַנץ אָפט דאָס לעצטע, אַז פאָראויס — שטייט די תליה: דו גייסט אין שלאַכט ווי אויף אַ יום־טוב..."

אַזוי האָט געשריבן איינער פון די גלענצנדיקסטע, אויב נישט דער גלענצנדיקסטער רעוואָלוציאָנער פון דער שקיעה־צייט פון דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. אָבער גאָצן און זיינע חברים איז נישט באַשערט געווען צו האָבן אַזאַ לעצטן יום טוב. מאָנסטער־פּראָצעסן ווי למשל, דער „פּראָצעס פון די 193", אָדער אַזאַ ריזיקאַלישע פּראָצעס־צערעמאָניע ווי פון וויערא זאַסוליטש — האָבן שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די לעצטע איז דעמאָנסטראַטיוו באַפרייט געוואָרן פון די געשוואוירענע ריכטער פאַר שיסן אויפן גענעראַל טרעפּאָוו, וואָס האָט באַפוילן צו שמייסן אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן דערפאַר, וואָס יענער האָט אים נישט אָפּגעגעבן גענוג כבוד. מיטן באַפרייען דעמאָנסטראַטיוו וויערא זאַסוליטש האָט דער געריכט פון געשוואוירענע פאַרמשפּט טרעפּאָוון. מ'האָט שוין מערנישט געמשפּט אין געריכט די „מלוכה־פאַרברעכער". צו וואָס האָט די צאַרישע רעגירונג געדאַרפט האָבן עפנטלעכע געריכטן מיט פאַרעפנטלעכן די באַשולדיקונג־אַקטן, וואָס האָבן נישט מער ווי אויפגערעגט די עפנטלעכע מיינונג, וואָס האָט זיך פון זיי דערוואוסט, ווי פון פּשוטע באַריכטן וועגן וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? צו וואָס לאָזן הערן פאַרן גאַנצן לאַנד די גלענצנדיקע רעדעס פון די בעסטע אַדוואָקאַטן־פאַר־טיידיקער? צו וואָס זאָלן אַלע לייענען די „לעצטע ווערטער" פון די אָנגעקלאָגטע, צו וואָס אפילו פאַרעפנטלעכן די אורטיילן, ווען די געזעל־שאַפטלעכע מיינונג באַציט זיך גאָר מיט סימפּאַטיע צו די געמשפּטע און פאַרמשפּטע און שטייט אויף זייער זייט? שוין אַ סך בעסער און

באַקוועמער בשתיקה, געהיים, קיינער זאָל נישט וויסן, נישט אָפּגעבן קיינעם אַ דין וחשבון וועגן דעם, באַהאַלטן זיך הינטער אַן „אייזערנעם פאַרהאַנג" פון מלוכה־סודות. אין דעם ענין פון גאָצן און זיינע חברים האָט יעטווידער איינער פון זיי שוין געהאַט אָפּגעפינצטערט ביז צוויי אַ האַלב יאָר אין טורמע, — און דאָ ערשט האָבן זיי זיך דערוואוסט ענד־גילטיק, אַז זייער גורל וועט באַשטימט ווערן גאַנץ איינפאַך אויף אַן „אַדמיניסטראַטיוון שטייגער" — מען וועט זיי פאַרשיקן אין די פאַר־וואָרפנסטע וויטע מקומות...

ביסלעכווייז האָט מען זיך געגומען דערוויסן — וואוהין זיי וועלן פאַרשלעפּט ווערן און לעבעדיק באַגראָבן ווערן — קיין סרעדנע קאָלימסק. גראָד אַזאַ אָרט האָבן דאָס אויסגעקליבןביידע פון די ערגסטע שונאים פון יידן — פאַרביסענע אַנטיסעמיטן: דורנאָוואָ און פאָן פּלעווע „אַליין"; דער לעצטער האָט געהאַט דעם „ערן־נאָמען" — „באַזיגער פון „נאַראָד־נאַיא וואָליא", און אין די קרייזן פון די גאָר הויכע רעגירונג־ און הויף־ספערן האָט מען אים גערופן: „דער אָדלער".

גאַנץ גיך האָט מען גאָר אויפגעהערט צו האַלטן בסוד פאַר וואָס מ'האָט גראָד אַזאַ אָרט אויסגעקליבן. אַן אַנגעזעענער טשינאָווניק פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט רוסינאָוו האָט וועגן דעם געזאָגט איינעם פון די עלטסטע אָנגעקלאָגטע האוסמאַנען מיט טרוקענע ווערטער, וואָס האָבן געשמיסן ווי אַ בייטש:

— וועגן סרעדנע קאָלימסק וייסן מיר מער גאָרנישט ווי אָט וואָס: דאָרטן קען מען נישט לעבן. און טאַקע דערפאַר שיקן מיר אייך אַהין.

די אַרעסטירטע און זייערע פריינט האָבן גענומען נישטערן און זוכן אינעם ביסל ליטעראַטור, וואו מ'האָט געקענט געפינען עפּעס ידיעות וועגן סרעדנע־קאָלימסק — זכרונות און דערציילונגען פון אַלטע געוועזענע אַרעסטאַנטן אַד"גל. פון אומעטום האָט זיך באַקומען נאָך אַ מער בולטע אילוסטראַציע, אַ באַשטעטיקונג פון רוסינאָווס כאַראַקטעריסטיק וועגן דאָזיקן אָרט פון אומקום.

ביסלעכווייז האָבן גאָץ און זיינע חברים גענומען אין אַלגעמיינע שטריכן באַקומען אַ באַגריף וועגן דאָזיקן פאַנטאַסטישן ווינקל פון דער ערד. צוועלף טויזנט וויאָרסט וויט פון מאָסקווע דאַרף מען דורכמאַכן מיטן עטאַפּ ביז מען קומט אָן אַהין. אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט, וואָס דויערט חדשים ווערט איבערגעריסן בייטאָג מיט אַ פאַרנעפּלטן זון־שיין, וואָס איידער עס גייט־אויף ווערט עס שוין פאַרלאָשן; ווייסער שניי מאַכט אַלץ פאַרפרוירן, אפילו דער רויך פון יורטע־קוימען שטייט גראָד ווי אַ פאַרגליווערטער זייל; דיקער אייז דריי־פיר אַרשין די גרעב פלאַצט פון פראָסט ווי אַ דונער פון אַ האַרמאַטן־שאָס; זומער, אָנהייבנדיק פון

אַפּריל, ווערט דער טאָג נישט אויסגעלאָשן, אפילו אינמיטן דער נאַכט העגגט אויפן האָריזאָנט אַ גרויסער רויטער זון־קויל, נעכטן און מאָרגן ווערן צענויפגעגאָסן אין איין אומענדלעכן היינט, מען פאַרלירט דעם חשבון פון די טעג, מ׳ווערט ווי פאַרטשאַדעט פון אומאויפהערלעכן זון־שיין, די אויגן בלענדן פון כסדר ווייסן שניי אַרום; אין אַ זומערדיקן האַלבן טאָג אויף דער זון — אונטערן שמעלצנדיקן שניי — ריזלען פּאַר־באָרגענע טייכעלעך; און דאָ דערנעבן, אין שאָטן — אַ ביטערע ווינטער־קעלט; אין די זומער נעכט 30 גראַד פראָסט; ווען אין מאַי צעשמעלצט דער שניי פון אויבן זעען זיך אַרויס טייכן און טאָלן, באַדעקט מיט אַ גלאָטן, ווי אָפּגעפּאָלירטן אייז־שפּיגל, וואָס בלישטשעט אין דער זון, אַז די אויגן טוען וויי; נישטאָ אינגאַנצן קיין פרישער גרינער פרילינג; איידער די טייכן באַפרייען זיך פון אייז שטייען דיביימער מיט טויט־נאַקעטע צווייגן נאָכדעם ווערן זיי אין אַ דריי טעג פּלוצים באַדעקט מיט גרינע בלעטער, אָבער נישט אויף לאַנג...

ווי זשע לעבן דאָרטן מענטשן? ווי אַזוי האַלטן זיי אונטער זייער עקסיסטענץ אין אַזאַ געגנט? מען לעבט און מען אַרבעט אין דער קורצער צייט, ווען ס׳איז מעגלעך צו אַרבעטן. מען מוז פאַר דער צייט אומבאַדינגט צוגרייטן האָלץ און שפּייז ביזן חודש יוני. אויב נישט — איז הונגער און קעלט. ווען אָט די דאָזיקע געסט קומען אָן — טרייבט מען אַרויס פון די כאַטעס אַפילו די הינט, וואָס מ׳באַנוצט דאָ אָנשטאָט פערד; אַזוי ווי שאָטנס בלאָנקען זיי זיך אַרום אין שניי־מדבר, קוים וואָס זיי שלעפּן זיך הונגעריקע, זיי פאַרלירן אפילו די פעאיקייט צו בילן, גיבן אַרויס פון זיך עפּעס אַ הייזעריקן כריפּען. נישטאָ שוין קיין שפּייז אין שטוב — פּעטס שוין לאַנג פאַרצערט; פליש, וואָס האָט פון פראָסט פאַרלוירן יעטווידן טעם, אויך אויפגעגעסן; האַלב אָפּגעגריזשעטע קעפּלעך פון פיש, ציגל־טיי — דאָס איז דאָס לעצטע — מישטיינס געזאָגט ביסל שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס טראַכט אין אַזאַ צייט וועגן קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, מערנישט ווי אַזוי שטילן דעם הונגער. אַרויספאָרן אין אַזאַ צייט אין דער טונדרע צו די טשוקטשעס אָדער צו די פאַרפרוירענע אָזיערעס, אַרום וועלכע מ׳קאָן געפינען אַ יאַקוטישע משפחה — איז אַרויסגעוואָרפן: מ׳דאַרף האָבן אַנדערע סחורות אויף אויסצוטוישן, און דאָס העלפט אויך נישט, ווייל צו די טשוקטשעס און יאַקוטן שפּרייזט אַריין דער מלך־הונגער נאָך פריער. ערשט פון יוני אָן ווערט אין די טייכן און אָזיערעס אַ ביסל לעבעדיקער, עס הייבט־אָן צו פּליעסקען מיט קליינע פישלעך „אָזשיוואָ". אויף זיי וואַרטן שוין לאַנג ביי די ברעגעס די אויסגעהונגערטע הינט, וואָס מ׳האָט ווינטער אַרויסגעטריבן פון שטוב. נאָך זיי קומען־אָן די מענטשן מיט זייערע פרימיטיווע קליינע נעצן. פון די מאָגערע פישלעך

קאָכט מען „אוכא״ פּיש־יויך, וואָס איז ממש אַ רעטונג אין אַזאַ הונגער־צייט...

אָט אַזוי האָט מען געמאָלן דאָס דאָזיקע פאַנטאַסטישע לאַנד, וואו „די ערד ענדיקט זיך שוין״, ווייטער פאַרשיקן איז שוין נישט מעגלעך — סיידן דערטרינקען די מענטשן גלייך אין אייז־ים אַריין...

ערגעץ אין באַוואוסטזיין האָט נאָך געטליעט אַ לעצטע האָפענונג. זיינען דאָך אין יענע לענדער פון אומקום פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען אַהין פאַרטריבן געוואָרן צוליב זייערע אַדמיניסטראַטיווע אָדער רעליגיעזע פליכטן. אָט די „פּריווילעגירטע״ לעבן דאָך מסתמא אַ ביסל בעסער ווי סתם זאָאָלאָגישע באַשעפענישן? אָבער די אַלע, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מער ווייניקער מיט יענע ערטער פלעגן האָבן איין ענטפער: „פאַרליר אויף אייביק די האָפענונג יעטווידער, וואָס קומט אַהער אַריין!״ די כלומר־שטע „פּריווילעגירטע״ האָבן זיך געפיינקט אין אַ טעמפּן ווינקל: פון אומעט און פאַרצווייפלונג פלעגן זיי זיך פאַרשיכורן מיט קאָרטן־שפּיל טאָג און נאַכט, אָדער די פאַרפינצטערטע נשמות דערטרינקען אינעם ים פון אַלקאָהאָל...

דער געוויינטלעכער טערמין פאַר אַן אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקטן איז געווען באַשטימט אויף צען יאָר. בעתן מעלדן דעם אורטייל פלעגט דער טשינאָווניק אַלע מאָל צוגעבן: „צען יאָר דאָס איז דער אַוואַנס, פאַר ווייטער קאָן איך אַייך ערב זיין!״

ס'איז געווען פון וואָס אַריינצופאַלן אין אַ מין היפּערפּלעט, אין אַ נשמה־פאַראַליזש. ס'האָט געהאַלטן שוין ביים אַרויסגעשיקט צו ווערן, האָט מען פון אַרכאַנגעלסקער גובערניע געבראַכט קיין מאָסקווע אַ גרופּע אַרעסטירטע און זיי אָנגעשלאָסן צו גאַנצע גרופּע. איינער פון זיי ווילהעלם רוס האָט זיי אַנטפּלעקט אַ סוד וועגן נייע כללים פון עטאַפּן־וועג: מ'וועט פירן אין קליינע פּאַרטיעס באַזונדער; די פּאַרטיעס פאַלן גלייך אַרונטער פולשטענדיק אונטער דער מאַכט פון „קאָנוואָי״ — שיכורע, צעיושעטע אָפיצערן און דעמאָראַליזירטע פאַרביטערטע זעלנער, וואָס לאָזן אויס זייער כעס פאַרן הונגער און אַלע צרות, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין — צו די אַרעסטירטע. דאָס שרעקלעכסטע וועט זיין די לאַגע פון די פּאָליטישע פרויען: אויף איין עטאַפּן־פונקט אין זייערע מקומות נישט ווייט פון וואָלאָגדע, איז איין פרוי פאַרגוואַלטיקט געוואָרן דורך די „קאָנוואָי״־פירער...

אין טורמע האָט גענומען הושען ווי אין אַ צערודערטן בינשטאָק. ס'האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג ווי ביי צום טויט־פאַרמשפּט, וואָס האָבן שוין גאָרנישט צו פאַרלירן. שטורמישע פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס, פּראָטעסטן, פאָדערונג אויסצופאָרשן דעם העסלעכן פאַרברעכן איבער דער

פּאָליטישער אַרעסטירטער און שטרענג באַשטראָפן די שולדיקע דערין; מ׳האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פּאָלגן די פּאַראָרדענונגען פון דער מאַכט כל זמן ס׳וועט נישט געגעבן ווערן קיין גאַראַנטיע, אַז אַזעלכע העסלעכקייטן וועלן זיך נישט איבערחזרן אויפן עטאַפּן־וועג. די נאַטשאַלסטווע האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצוהערן וועלכע נישט איז אָנקלאַגעס און פּראָטעסטן, האָט געפּאָדערט אומבאַדינגט זיך אונטערוואַרפן און פּאָלגן אַלע באַפעלן. דער קאָנפליקט האָט דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט: אַן ערך אַ האַלבער הונדערט, וואָס איז געווען באַשטימט אָפּצוטראַנספּאָרטירט ווערן מיטן עטאַפּ, האָבן זיך אַרויפגעקליבן אויפן אויבערשטן עטאַזש פון איינעם פון די טורמעס אין בוטירקי און האָט זיך דאָרטן פאַרבאַריקאַדירט. זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט טורמע־וועכטער, זשאַנדאַרמען און מיליטער, אויף דער פאָדערונג זיך אונטערצוגעבן האָבן זיי געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. די סאָלדאַטן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו נעמען מיט שטורעם די קאַמער, די טירן זיינען צעבראָכן געוואָרן, די סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק; זיי וואַרטן אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און זיינען גרייט צו דערטרינקען דעם אויפשטאַנד אין בלוט. דער קאָמאַנדע־אָפיציר אָבער באַזינט זיך: די באַריקאַדעס ווערן צענומען, דער אַריינגאַנג אין קאַמער איז אָפּגעריייניקט, די באַלאַגערטע טרעטן נישט אַרויס מיט קיין שום גוואַלדאַקטן קעגן די סאָלדאַטן. ווייטער געהערט די זאַך צו דער טורמע־וואַך און די זשאַנדאַרמען; די סאָלדאַטן זיינען געשיקט געוואָרן צוריק־צושטעלן די מאַכט פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, אָבער נישט באַטייליקן זיך אין באַשטראָפן ווערן. דער אָפיציר גיט אַ קאָמאַנדע צו די סאָלדאַטן זיי זאָלן אַראָפּגיין אונטן. נישט זעענדיק מצד די אַרעסטירטע קיין שום דראָאונג, קיין שום גוואַלדאַקט, נאָר בלויז אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן דער פרעמדער מאַכט פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, — האָבן די סאָלדאַטן פויל און מיט גאַנץ ווייניק חשק געפּאָלגט דאָס „נוקענען" און אונטערטרייבן פון די זשאַנדאַרמען און טורמע־נאַטשאַלסטווע, און האָבן מיט אַ גרינג געמיט אויפגענומען דעם באַפעל פון אָפיציר — אַוועקצוגיין.

דערמיט האָט זיך אָבער אַלץ נאָך נישט געענדיקט. דער טורמע־נאַטשאַלניק, וואָס איז געווען אַנטוישט צוליב דעם, וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך נישט צעהיצט און נישט פאַרשפּאָרט אים אַן אַרבעט זיך אָפּצורעכענען אויף זיין שטייגער מיט די ווידערשפּעניקע אַרעסטאַנטן, — האָט אויך אויף גיך זיך אָפּגעטראָגן נאָך די סאָלדאַטן; ער האָט אָבער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און פונדערווייטנס אַרויסגעלאָזט אויפן אַדרעס פון די אַרעסטירטע אַ מבול פון גראָבע זידל־ווערטער און דראָאונגען. דער ענטפער איז גלייך געקומען: פון אויבן איז געפלויגן אויף אים אַ ברענענ־

דיקער נאַפּט־לאָמפּ. אַ זעלבסטמערדערישער מיטל! וואָלטן די סאָלדאַטן נישט פאַרוואָרפן מיט זייערע שינעלן דעם ברענענדיקן לאָמפּ און נאַפּט, וואָס האָט זיך צעגאָסן און געצונדן אַרום, — וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה און די אַרעסטירטע אויבן וואָלטן אָפּגעשניטן געוואָרן פון די טרעפּ און געקאָנט דערשטיקט ווערן פון רויך...

ס׳איז שוין געווען עלף אַזייגער ביי נאַכט. צוליב דער שפּעטער צייט, מידקייט און נערוון־שפּאַנונג איז אַנטשטאַנען אַן אָטעם־פּויזע. און ווען נאָך דער אומרויִקער נאַכט איז געקומען אַן אומרויִקער פרימאָרגן, זיינען די „מלחמה־אָפּעראַציעס" נישט באַנייט געוואָרן. פאַר די באַלאַגערטע איז געווען קלאָר, אַז פון אַ נייעם זעלנערישן שטורעם וועלן זיי מערנישט אַלץ פאַרלירן און קיין שום זאַך נישט געווינען. די באַלאַגערער האָבן זיך איבערצייגט, אַז די אַרעסטירטע זיינען דערפירט געוואָרן ביז צום לעצטן גראַד פאַרצווייפלונג, ווען זיי זיינען פעאיק נאָר אויף אַ וועלכן נישט איז זעלבסטמערדערישן מאַסן־אַקט.

ס׳האָבן זיך אָנגעהייבן פון דאָסניי לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. כדי צו באַרויִקן די אַרעסטירטע האָט מען זיי פאַרזיכערט, אַז מ׳האָט נישט געהאַט בדעה צו צעטיילן זיי אויף באַזונדערע קליינע פאַרטיעס, מ׳וועט זיי אַלעמען אַוועקשיקן צוזאַמען, דערוויילי ווערט פאַר זיי אָפּגעגעבן אַ גאַנצע העלפט פון מיטסלטן קאָרידאָר פון טורעם, מיט דריי גרויסע אַלגעמיינע קאַמערן, אַ בעטל און אַ טישל פאַר יעטווידן. דערפאַר האָבן די באַלאַגערטע באַצאָלט מיט אַ פאָרמעלן אונטערגעבן זיך און אונטערוואַרפן דער טורמע־דיסציפּלין; פאַר אינדיווידועלע זינד האָבן אייניקע באַצאָלט מיט אָפּזיצן אין קאַרצער. און אויף דעם 6טן מאַי 1888 איז געווען באַשטימט אָפּצוטראַנספּאָרטירן די גאַנצע פאַרטיע צום אָרט, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געווען.

אין די אַלע געשעענישן און אויך בעת די שפּעטערדיקע איז אויף גאָצן געפאַלן כסדר די לאַסט און פליכט פון אַ דעלעגאַט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן צווייטן צד. ער האָט אָנגעשטרענגט די גאַנצע קראַפט פון זיין שׂכל אויף אויסצואַרבעטן אַ וועלכן נישט איז דורעהאַפּטיקן קאָמפּראָמיס; דאָס פלעגט אים געלינגען נישט אַלע מאָל און אויך נישט אויף לאַנג. ווי אַ טעמפּע וואַנט פלעגט פאַר אים אָפּט זיך אַוועקשטעלן די האַרטנעקיקע טעמפּע פאָליטיק פון אונטערהאַלטן דעם „פּרעסטיזש פון דער מאַכט", וואָס האָט אויסגעשלאָסן אָפּטמאָל אַזעלכע נויטווענדיקייטן, וואָס דאָס לעבן האָט ממש געפאָדערט; פון דער צווייטער זייט — די פּסיכאָלאָגיע פון די אייגענע חברים, דער תהום פון האָפנונגסלאָזיקייט און יאוש, וואָס האָט זיי געפּייניקט, האָט אָפּגענומען ביי זיי יעטווידע מעגלעכקייט פון זעלבסטבאַהערשונג; די צעשרויפטע נערוון פלעגן גורם זיין היסטע־

רישע אָנפאַלן, די אויגן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרגרעסער־גלעזער — יעטווידער נישטיקער אינצידענט האָט אויסגעזען ווי אַ טראַגעדיע...

צווינגענדיק זיך אַליין צו גלויבן דערין, וואָס אים פלעגט אויסקומען צו ריידן, פלעגט גאַנץ אומאויפהערלעך איינטענהן מיט די חברים זיי זאָלן איינהיטן כאָטש אַ קליינעם זאַפּאַס אָפּטימיזם און נישט זיין געפאַלן ביי זיך: „זאָגט נישט, אַז ס'איז בעסער אַ שנעלער סוף איידער שרעק אָן אַ סוף" — פלעגט ער זאָגן. דער עטאַפּן־וועג איז טאַקע שרעקלעך, אָבער ס'וועט דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף דערצו. דער פאַלארער מדבר איז טאַקע אַ שרעק, אָבער מענטשן וואוינען דאָך דאָרטן, און אַזעלכע נאָך, וואָס זיינען נישט געצוואונגען דערצו דורך אַן אורטייל. מיר זיינען נאָך יונג, פאַרמאָגן אַ זאַפּאַס פון נישט אויסגעשעפּטע קרעפטן, און נאָך איין מעכטיקן קוואַל: אונדזער אינטימע ברידערלעכע סאָלידאַרישקייט. לאָמיר זשע יעטווידער זיך אַליין און אַלע איינע די אַנדערע געבן אַ צוזאָג: געדענקען, אַז אויף אונדז וואַרט נאָך די פרייהייט, אָט די גאַראַנטיע, אַז מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן אין די רייען פון קאַמף, צו דינען אַלץ, וואָס אונדז איז הייליק און טייער. קיין שום פּראָטעסטן, אפילו די שטאַרקסטע, קיין שום דראָונגען, סיי ווי אָנמעכטיקע, וועלן איצט נישט העלפן. אונדזערע דירעקטע מאַכטהאָבער, ווען זיי וואָלטן אפילו געוואָלט זיך באַגיין מיט אונדז אויף אַ „ליבעראַלן" אופן, — קאָנען זיי דאָס אויך נישט טאָן, ווייל אַזוי איז זיי באַפוילן געוואָרן פון אויבן. די דירעקטיוון, וואָס קומען פון דאָרטן באַפעלן זיי טאַקע צו באַגיין זיך מיט אונדז חוצפּהדיק פּראָוואָקאַטאָריש. איינס קענען מיר אַרויסשטעלן אַנטקעגן זייערע פּראָוואָקאַטאָרישע שטיק: אינערלעכע פעסטקייט, קאָנצענטרירטקייט, אויסדויער, — דערין וועלן מיר שעפּן כוחות אַלץ אַריבערצוטראָגן אין נאָמען פון צוריקקער צום לעבן און קאַמף. און אויב אַזוי — איז נישט פאַראַן קיין שום זאַך, וואָס איז נישט מעגלעך דאָס אַריבערצוטראָגן, ווייל מיר זיינען גרייט אויף אַלץ און געגעבן זיך דאָס וואָרט אַלץ גובר צו זיין".

אָט אין אַזאַ שטימונג, מיט פאַרקריצטע ציין און פאַרעקשנט האַרץ האָט די פּאַרטיע זיך געשלעפּט אויף איר עטאַפּן־וועג. טאַן־באָגאָראַז האָט שפּעטער געשריבן וועגן אָט דער „באַרימטער פּאַרטיע פאַרשיקטע, וואָס האָט אויף אַלע דרייסיק עטאַפּ־פונקטן, פון טאָמסק ביז אירקוטסק אַרויסגעבראַכט איינעם נאָכן אַנדערן דרייסיק פּראָטעסטן... דער עטאַפּן־וועג איז געווען שרעקלעך — שמוץ, הונגער, די מאָסקיטאָס פרעסן בייטאָג, די וואַנצן ביינאַכט אויף די נאַכטלעגערס; די אָפיצירן פון קאָנוואָי — שיכּורים, די סאָלדאַטן וואַרפן זיך שלאָגן פאַר יעטווידער קלייניקייט,

— מיט איין וואָרט — סיבות פאַר פּראָטעסטן זיינען געווען איבערגענוג... דאָך האָט זי זיך געשלעפּט פּאַראויס״.

אין דער פּאַרטיע איז געווען איין פרוי יוסטינא פּיאָדאָראָווא, פון דער געהיימער נאַראָדאָוואָלטשעסקער דרוקעריי לעבן ראָסטאָוו. זי האָט געהאַט דאָס גליק אַרויסצולאָזן דעם טראַגישן נומער 10 „נאַראָדנאיא וואָליא״, אויף וועלכן מ׳האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און וואָס האָט שוין געקאָסט דער פּאַרטיי איין דרוקעריי — אין דאָרפּאַט. זי איז געווען זייער ענטוזיאַסטיש געשטימט צוליב אַזאַ דערפּאָלג, און האָט אויפן וועג געמאָלדן גאַנץ, אַז זי וועט נישט דערגיין צום אָרט, וואָס איז פאַר איר באַשטימט געוואָרן, נאָר זי וועט אומבאַדינגט אַנטלויפן פון וועג; דאָס איז געווען זייער אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג סיי פאַר איר גופא סיי פאַר דער גאַנצער פּאַרטיע, — ס׳וואָלט זיך אויף אַלעמען גענומען שיטן שווערע רעפּרעסיעס. גאַץ, וואָס איז געווען אַ גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, האָט זיך גענומען איינאָרדערן די זאַך און האָט עס דורכגעפירט אויף אַ פּראַכטפולן אופן. בעת מ׳איז געפאָרן מיטן טייך איז פּיאָדאָראָווא פאַר אַלעמענס אויגן אַראָפּ פון דער באַרזשע, זיך בליץ־שנעל אויסגעמישט מיט דעם המון דאָרפישע פויערטעס־הענדלערקעס, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג. — זי איז געווען איבערגעטאָן אין אַזעלכע דאָרפישע קליידער ווי די אַלע פויערטעס־הענדלערקעס. ערשט אַ סך צייט שפּעטער, ווען מ׳איז געקומען קיין טאָמסק, האָט מען זיך געכאַפּט וועגן אַזאַ „ויברח״! אַזאַ „פּאַרזען״ האָט באַטייט פאַרן גאַנצן קאָנוואָי אַ גרויס פאַרברעכן; אַלע האָבן געשאָטן פעך און שוועבל אויף די חברים פון דער אַנטלאָפענער, מ׳האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף פערזענלעכע דם־שונאים. מ׳האָט זיי פיל שטרענגער געהיט; עפּעס אַ קלייניקייט — פלעגט מען גלייך אָנשטעלן די ביקסן: קלעפּ, דראָאונגען, געמיינסטע זידלערייען זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. גאַץ אַליין האָט שיער נישט איינמאָל באַצאָלט מיטן לעבן: ער איז געווען פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך מיט אַ חבר און צוליב זיין צעש־טרייטקייט געמאַכט אַ פאַר טריט פאַראויס, אַריבעריאָגנדיק דעם קאָנוואָי: דער סאָלדאַט האָט שוין גענומען מיטן ביקס זיך צילעווען אויף זייביידן...

אין די רייען פון דער פּאַרטיע האָט מען גענומען מורמלען: צי מעג מען טאָן אַזאַ זאַך אָן וויסן פון די איבעריקע — מען שטעלט דאָך אויף אַזאַ אופן אין געפאַר נישט בלויז זיך אַליין נאָר אַלעמען, וואָס ליידן איצטער צוליב פּיאָדאָראָוואס אַנטלויפן. גאַץ איז אין דער דאָזיקער פראַגע געשטאַנען פעלזן־פעסט פאַר פּיאָדאָראָוואן: אַ שטאַרקער ווילן זיך אומצוקערן צוריק צו דער פּאַרטיי־אַרבעט אויף דער פריי — דאָס איז אַ הייליקטום, אָנרירן דאָס — הייסט אַ חילול הקודש, אַ פאַרשווערונג. דאָס גלייכן האָט גאַץ קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די מיינונג, אַז אַנטלויפן פון

אָ פּאַרטיע איז דערלויבט נאָר מיט אַלעמענס וויסן. די פּאָדערונג פון קאָנספּיראַציע איז אַ געזעץ! ביי יעטווידער רעוואָלוציאָנערער אונטער־נעמונג וויסן דעם סוד נאָר די יעניקע, וואָס זייער אָנטייל דערין איז אומבאַדינגט נייטיק, און נישט סתם אַזעלכע, וואָס מעגן וויסן. פאַר אָט דער אייזערנער לאָגיק פון רעוואָלוציאָנערער פליכט דאַרפן אַלע זיך בויגן. סוף כל סוף האָבן אַלע דאָס טאַקע פאַרשטאַנען און זיך געבויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט גאַנץ געהאַט אויף איינעם פון די עטאַפּ־פונקטן אַ סימבאָלישע לויט איר מאַוימדיקייט באַגעגעניש. אַ קאָנוואָי־זעלנער האָט אים געמאָלדן, אַז עמיצער „פון דער פריי" וויל זיך מיט אים זען; אַ דערשטוינטער האָט גאַנץ פלוצים דערזען פאַר זיך אַ גוט באַקאַנטע פיגור. דאָס איז געווען רובינאַק, וואָס האָט צוזאַמען מיט גאַנצן און מאַטווי פּאַנדאָמינסקין געהערט צום „רעוואָלוציאָנערן דריילינג", וואָס האָט אָנגע־פירט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט ביי דער גרופּע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין מאָסקווע. רובינאַק איז געווען שוין פריער אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף דעם שטח פון יאַקוטסקער געגנט. אָבער ווי האָט ער אויסגעזען! אויסגעמאַגערט, מיט איינגעפאַלענע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט אַן אומהיימלעך פייערל, מיט בלאַנדזשענדיקע בליקן... ס'איז שווער געווען צו דערקענען אין אים דעם אַמאָליקן פול־בלוטיקן און פעסטגעבויטן פּראָסטן בחור — אַ זון פון אַ קעכין — וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטמוטיקייט, פריינטלעכקייט און לעבנס־לוסטיקייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהעצט אויף אים די יאַקוטן, איינטענהנדיק מיט זיי כסדר, אַז ער קלייבט זיך צו אַנטלויפן און דערפאַר וועלן זיי אַלע זיין שווער פאַר־אַנטוואָרטלעך. איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט האָט אַ גאַנצע כאַפּטע טעמפּע, האַלב־ווילדע אָנגעשראָקענע יאַקוטן זיך געוואָרפן אויף אים און אַזוי מוראדיק געשלאָגן איבערן קאָפּ ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין און איז אַראָפּ פון זינען. און אָט שטייט ער פאַר זיי, זיינע אַלטע פריינט און חברים פון דער יוגנט, פונקט אַן אַראָפּגעקומענער פון יענער וועלט. פאַראויסזאָגנדיק וואָס פאַר אַ שרעק, עינויים, באַליידיקונגען, צרות, וואָס דערפירן צו משוגעת עס דערוואַרט אויך זיי. אָט הייבט ער אָן דעקלאַמירן שעקספּירן, ווערט אַליין פאַרקערפּערט אין „קיניג ליר", וואָס וואָגלט אַרום אָן אַ היים און אָן אַ ציל, אין רעגן, אין שטורעם, מיט גרויע האָר, וואָס שטייען ווי שפּיזן אויף זיין קאָפּ... אָט די שעקספּיר־סצענע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויל־וואָרנונג: יאַקוטסק איז דער לעצטער פונקט, וואו מ'קאָן נאָך וואָס נישט איז פּאָדערן, צו עפּעס זיך דערשלאָגן, פּראָטעסטירן — אויב נישט צוליב זיך אַליין איז צוליב די אַנדערע פּאַרטיעס פאַרשיקטע וואָס וועלן נאָך קומען און קומען.

און ער האָט ליידנשאַפטלעך פון זיי געפאָדערט אַ שבועה — אַז זיי וועלן נישט אויפהערן צו פּראָטעסטירן און פּראָטעסטירן, וואָס דאָס זאָל זיי נישט קאָסטן — פּראָטעסטירן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט: אַנדערש וואַרטן אויף זיי סיי ווי אַזעלכע עינויים, וואָס איז נאָך ערגער ווי דער טויט אַליין. גאָץ האָט דערציילט, אַז ביי אים איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, קוקנדיק אויפן דאָזיקן מענטשן, ביי וועמען ס׳איז קיינמאָל אַ ליבער שמייכל נישט אַראָפּ פון די ליפּן און איצט איז אים קוים צו דערקענען: טויט־שרעק שלאָגט אַרויס פון יעטווידן שטריך פון זיין פאַרגליווערט פּנים. פּלוצים האָט ער מיט אַ טאָן פון אַ פּאַטריאַרכאַלן נביא, וואָס זאָגט־אָן אומגליקן אויף אַלעמען, ענדלעך ארויסגעגעבן דעם סוד פון זיין פּסיכישן צושטאַנד: פאַר זיי איז געשטאַנען אַ גייסטיק קראַנקער מענטש. ער האָט פייערלעך צוגעזאָגט זיי „אויפהייבן דאָס פאָלק״, ווערן צוליב דעם אַ פאַלשער צאַר — אַ „סאַמאָזוואַניעץ״ — זיי אָבער מוזן אויך אים שווערן, אַז זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן, זיי וועלן פּראָטעסטירן, רופן דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד — „ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!״...

אָט מיט אַזעלכע נביאות אין געדאַנק האָבן מיכאיל גאָץ און זיינע חברים זיך געשלעפּט ווייטער, פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, אַנטקעגן דער לעצטער טראַגעדיע, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי...

די טראַגישע פּאַרטיע „עטאַפּניקעס״ האָט זיך ענדלעך דערשלעפּט צו דער שטאָט יאַקוטסק. דאָ האָט זי געהאַט אַלע שאַנסן זיך אָפּצורוען אַ לענגערע צייט און אַלע זיינען געווען זיכער אַז אַזוי וועט טאַקע זיין, נאָך אַזוי פיל צרות, מאַטערנישן און נערוון־צעטרייסלונג, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט במשך פון זייער לאַנגן פּיין־וועג. ביז צום לעצטן פּונקט, וואוהין זיי זיינען געווען באַשטימט — סרעדנע־קאָלימסק, איז געבליבן נאָך אַ היפּש שטיק וועג, אמת אַ סך ווייניקער ווי זיי האָבן שוין אַדורכגעמאַכט, אָבער דערפאַר איז דאָס געווען דער סאַמע שווערסטער און דורכאויס ווילסטער טייל פון וועג. פאַר יאַקוטסק האָט מען כסדר מיט גרויס אימפּעט געיאָגט די פּאַרטיע זי זאָל וואָס שנעלער אָנקומען אַהין; אָבער איצט האָט מען זיך געמוזט רעכענען צוליב די גוואַלדיקע שוועריקייטן פון ווייטערדיקן וועג, אַז אַ פאַרשפּעטיקונג איז אומפאַרמיידלעך — נישטאָ קיין פּאַסיקער אָרט וואו איבערצואווינטערן אין מיטן וועג יאַקוטסק — סרעדנע־קאָלימסק.

די אינפאָרמאַציעס, וואָס מ׳האָט געהאַט באַקומען וועגן יאַקוטסק גופא האָבן אַלע געשטימט אין איין זאַך: דאָ האָבן זיך נאָך געהאַלטן די רעשטלעך פון די פריערדיקע, לפי ערך הומאַניטאַרע פּירונגען, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען פון גענעראַל סוועטליצקי, דעם גובערנאַטאָר

איבער דער יאַקוטסקער געגנט. ער איז געווען נישט אַזוי אַ „ליבעראַל" — מישטיינס געזאָגט, וואָס פּאַר אַ ליבעראַלן מיט גענעראַלסקע שליפעס קאָנען זיך אויסאַרבעטן אין פּאַרוואָרפענעם סיביר ? — נאָר גאַנץ איינפאַך אַ קלוגער און פּאַרזיכטיקער אַדמיניסטראַטאָר. ער וואָלט געוואָלט, אַז אין דער געגנט, וואָס געפינט זיך אונטער זיין אָנפירונג זאָל זיין וואָס ווייניקער בלוטיקע טראַגעדיעס, אומרוען און אַגיטאַציע. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער צופלוס פון אַלץ מער נייע פּאָליטישע פּאַרשיקטע שאַפט שוין סיווי אַן אַלץ וואַקסנדיקן קאָנטינגענט מענטשן מיט אַ צעשרויפטער נערוון־סיסטעם, פּסיכישער צערודערונג און ביז גאָר פאַרשאַרפטער סענסי־וויטעט. אַ מענטש מיט שכל האָט ער גאַנץ ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שאַפן ביי זיך פאַר די פאַרשיקטע אַ רעזשים פון אַ געוויסער סטאַבילקייט און אָטעם־פּויזע. אונטער זיין הערשאַפט האָט יענער סאָציאַלער טייל פון די פאַרשיקטע, וואָס איז געווען עקאָנאָמיש און טעכניש בעסער סיטואירט — געהאַט די מעגלעכקייט און רעכט צו וואוינען אין שטאָט גופא, און די וואָס זיינען געווען צושפּרייט איבער די אולוסן האָבן געקענט פון צייט צו צייט קומען אין שטאָט צו אַ דאָקטאָר, מאַכן איינקויפן, זיך זען מיט פריינט און חברים. דער גענעראַל האָט נישט איינגעזען קיין שום שלעכטס דעריין, וואָס אויף דער שטאָטישער דירה פון איינעם פון די פאַרשיקטע, נאָטקין, האָבן די פאַרשיקטע איינגעאָרדנט אַ מין ביבליאָטעק — יעטווידער האָט זיינע פּריוואָטע ביכער אַהין געבראַכט, כדי אַלע זאָלן זיך מיט זיי קענען באַנוצן ; אויף אַזאַ אופן האָט זיך דאָרטן אויסגעבילדעט אַ מין קלוב פון די פאַרשיקטע.

אָבער די ניי־געקומענע האָבן נישט געהאַט קיין מזל. דער פריער־דיקער פאַרהעלטניסמעסיק פרייער רעזשים, ביי וועלכן זיי האָבן געהאַפט אַ ביסל זיך אָפּרוען און קומען צו זיך, איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען ; ער אַליין איז געווען אַ בלאַסער אָפּשיין פון דער כלומשט „ליבעראַלער עפּאָכע" אין פּעטערבורג אונטער דער פירערשאַפט פון גראַף לאָריס מעליקאָוו. אונטער דעם נייעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט פולשטענדיק געזיגט דער טאָרקוועמאַדאַ פון דער פּראַוואָסלאַוויע פּאָביע־דאָנאָסצעוו און זיין סוויטע פון וועלטלעכע מיטלויפער — פאָן פּלעווע, דורנאָוואָ און זייער גלייכן. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צו אַ ווילדן אָנגריף אויף די לעצטע רעשטלעך פון דער „פרידלעכער" פּאָליטיק מצד דער אַדמיניסטראַציע אויף די ערטער בנוגע דער באַפעלקערונג.

ס'איז אויך געפאַלן אַ קרבן דער גענעראַל סוועטליצקי מיט זיין „ווייכן רעזשים" פאַר די פאַרשיקטע. אַלע די, וואָס זיי איז נישט געלונגען צו באַקומען אַ „פעטע שטעלע", די אַלע „וואַכמיסטערט לויט זייער בילדונג און פּאָגראָמשטשיקעס לויט זייער איבערצייגונג", — ווי אַזוי מ'האָט

שפּעטער אין דער ליטעראַטור באַצייכנט אָט דעם טיפּ טשינאָווניקעס, — האָבן אויפגעהויבן אַן „אַלאַונטערטעניקסטן״ טומל קעגן דעם גוטמוטיקן גענעראַל, וואָס צעבאַלעוועט און צעלאָזט די פּאַרשיקטע און מיט אַזאַ אויפפירונג גיט ער — באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק — זיין הסכם צו די „קראַמאַלניקעס״ (פאַרברעכער). דער רעזולטאַט פון אַזאַ קאַמפּאַניע האָט לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן: דער גענעראַל סוועטליצקי איז אָפּגערופן געוואָרן פון זיין פּאָסטן, כלומרשט באַקומען אורלויב אויף אַ לענגערע צייט און — איז שוין קיין יאַקוטסק נישט צוריקגעקומען. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן זיינער אַ געוועזענער געהילף, איינער, וואָס פלעגט כסדר געהיים שיטן מיט מסירות אויף אים, פלעגט זיך אונטערגראָבן אונטער אים, זיינער אַ „טשינאָווניק פאַר ספּעציעלע שליחותן״ אָסטאַשקין. דערוויילן איז ער באַשטימט געוואָרן נישט ווי אַ גובערנאַטאָר, נאָר ווי א ממלא מקום, אַ שטעלפאַרטרעטער פון גובערנאַטאָר — ס׳האָט געהייסן: מ׳וועט זען ווי ער וועט טאָן זיין אַרבעט, צי וועט ער באַרעכ־טיקן די האָפענונגען, וואָס מ׳לייגט אויף אים. זיין רעכטע האַנט, דער פּאָליציימייסטער סוכאַטשאָוו, האָט תיכף גענומען דורכפירן דעם „נייעם קורס״. גאַנץ איינפאַך — האָט ער געטענהט — פאַרשיקטע זיינען פאַר־שיקטע, זיי דאַרפן נישט און טאָרן נישט האָבן קיין שום ביבליאָטעקן און קלובן, דאָס איז איינס. צוויייטנס, האָט ער פארווערט צו קומען פון די אולוסן אין שטאָט אַריין, סיידן דער גובערנאַטאָר אַליין וועט וועמען דערלויבן אין פאַל פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט, וואָס דראָט דעם לעבן. אַלע פאַרשיקטע, וואָס זיינען אין שטאָט, וועלן פונאַנדערגעשיקט ווערן איבער די אולוסן און וועלן נישט האָבן קיין רעכט צו פאַרלאָזן דעם אולוס און ענדערן זייער וואוין־אָרט. אויף אַזאַ אופן וועט נישט זיין צו וועמען צו קומען אין שטאָט אַריין.

די יאַקוטסקער טראַגעדיע (1889)

די פּאַרטיע פון גאָצן און זיינע חברים האָט צוליב איר אויפפירונג אויפן עטאַפּן־וועג זיך פאַרדינט אַ רעפּוטאַציע פון בונטאָווששיקעס, וועמען ס׳איז שווער איינצושטילן: איר אָנקום קיין יאַקוטסק האָבן די מאַכטהאָבער דערוואַרט מיט פיל אומרואיקייט, — פונקט איז זי אָנגעקומען אין דעם מאָמענט פון קריזיס, ווען ס׳האָט געזאָלט איבערגעבראָכן ווערן דער גאַנצער לעבנס־שטייגער פון די פאַרשיקטע, — אַן איבערברוך, וואָס האָט שטאַרק צערודערט סיי די פאַרשיקטע גופא סיי די גאַנצע אַרומיקע באַפעלקערונג. אָט וועגן דער פּאַרטיע זיינען פון אָסטאַשקינען און

זיין כנופיא געפלויגן קיין פעטערבורג ראַפּאָרטן און אָנפראַגעס — וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען אין פאַל פון קאָמפּליקאַציעס. ס׳האָט זיך באַקומען אַן ענטפער, וואָס מ׳האָט געקענט פאַראויסזען און וועלכן מ׳האָט אומדירעקט אונטערגעזאָגט. מ׳האָט רעקאָמענדירט דער יאַקוטסקער מאַכט אומבאַדינגט און אָן שום פאַרשלעפּעניש פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער פאַרטיע, נישט לאָזן איר פאַרהאַלטן זיך אין יאַקוטסק און גלייך דירעקט איר אַרויסשיקן צום אָרט, וואָס איז פאַר איר באַשטימט — קיין סרעדנע־קאָלימסק. יעטווידער, וואָס האָט געקענט די אַרטיקע באַדינגונגען האָט מיט שרעק געהערט וועגן אַט אַזאַ פאַראָרדענונג. קיין אַנדער ענטפער האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן פון מענטשן, וואָס געפינען זיך טויזנטער וויאָרסט ווייט פון יאַקוטסק און וואָס האָבן קיין שום באַגריף נישט געהאַט פון די אַרטיקע קלימאַטישע און טראַנספּאָרט־באַדינגונגען. וואָס איז שייך אַסטאַשקינען, סוכאַטשאָוון און זייער חברה, אַלע אַרטיקע מענטשן, — זיי האָבן נאָר געדאַרפט אַראָפּוואַרפן דירעקט פון זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און זיך באַהאַלטן הינטער אַ פאַראָרדענונג פון אויבן, וואָס פאַדערט — נישט ריידן קיין סך און טאָן וואָס מ׳באַפעלט...

ווי אַ דונער האָט געטראָפן די ניי־געקומענע די מעלדונג, אַז זיי מוזן תיכף אָן אָפּהאַלט זיך קלייבן אין וועג אַריין — קיין סרעדנע־קאָלימסק. דער באַפעל פון פעטערבורג האָט אויסגעזען ווי אַ שגעון־איינפאַל. ווידער־אַמאָל האָט גאַנץ געמוזט נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ דעלעגאַט, וואָס האָט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט דער נאַטשאַלסטווע. ער האָט תיכף צונויפגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע, וואָס האָבן אים געדאַרפט אונטערשרייבן, מיט זיין איבער־צייגונגס־קראַפט, געבויט אויף פאַקטן און ציפערן, — מיט זיין פּרעציז־געצוימטן סטיל. ווי אַ געבוירענער אָרגאַניזאַטאָר האָט גאַנץ גאַנץ רואיק און קלאָר אָנגעצייכנט אַ ריין פּראַקטישן פּלאַן, ווי אַזוי צוצושטעלן די גאַנצע פאַרטיע אויפן באַשטימטן אָרט.

פאַר די פאַרטיע — ווערט דאָרטן געזאָגט — שטייט די שווערסטע אויפגאַבע — ווי אַזוי דורכמאַכן דעם וועג פון דריי טויזנט וויאָרסט דורך ווילדע אורוועלדער (טאַיגאַ), וואו ס׳וואוינען כמעט קיין מענטשן נישט. די באַוואוינער זיינען דער עיקר וואַנדערנדיקע יאַקוטן, וואָס ווערן פאַרפאַלן און מ׳ווייסט גאָרנישט וואו זיי צו זוכן, פּירנדיק אַ הונגער־לעבן דורך דעם לאַנגן ווינטער. ס׳קען נישט זיין קיין רייד וועגן קריגן ערגעץ אויפן וועג שפּייז־פּראָדוקטן. די נאַטור אַליין ווייזט די איינציקע צייט ווען צו פאָרן אַהין — זומער. ווינטער, ווען מ׳קומט שוין אָן אפילו גליקלעך קיין קאָלימסק, דראָט אויך אַ קאַטאַסטראָפע: נעמלעך, די שפּייז־זאַפּאַסן ענדיקן זיך, מ׳וואַרט ביז וואַנען די טייכן וועלן אָפּגעפרוירן ווערן, דאָס

באַטייט, אַז מ׳דאַרף ברענגען מיט זיך גענוג שפּייז ביז יענער צייט, אויב נישט — דראָט אַ הונגער־טויט.

ביז איצט האָט זיך געפּירט, אַז אויפן וועג אַליין, וואָס דויערט אַן ערך צוויי חדשים, מוז יעטווידער מענטש האָבן פינף פּוד ברויט, צוויי פּוד פליייש, פיש און אַנדערע שפּייז. אויף יעטווידן פון די פּאַרשיקטע קומט אויס איין וועכטער — אַ יאַקוטסקער קאָזאַק — וואָס איז שטענדיק אַ האַלב־הונגעריקער — אַזוי אַז אויך אים דאַרף מען אין וועג אונטער־קאָרמענען. קליידער, וועש, שיך, אד״גל. וועגט געוויינלעך נאָך 4—5 פּוד. אָנשטאָט דעם איז לויטן ספּעציעלן באַפעל באַשטימט אַן אַלגעמיינער מאַקסימום פון סך הכל פינף פּוד. דער וועג ווינטער פאָדערט צו האָבן וואַרעמע אויבער־קליידער, נאָכמער דערפאַר, ווייל צום איבערנעכטיקן האָט מען בלויז פּוסטע יורטעס, דורכגעפרוירענע מיט אַ 50 גראַדיקן פראָסט. אָבער די פּאַרטיע פון די ניי־געקומענע האָט נאָך גאָרנישט באַוויזן אָנצוגרייטן, זי פאַרמאָגט בלויז לייכטע קליידער. דאָס איז — אַ זיכערער טויט! ווייטער: די הירשן אויף די עטאַפּ־פּונקטן זיינען ווינטער־צייט אויסגעמאָגערט, אויסגעדאַרט, שוואַך. דער וועג פון איין עטאַפּ־פּונקט ביזן צווייטן — אַ שטח פון 50, 100, אַ מאָל אויך 200 וויאָרסט און דער וועג צוריק — נעמט ביי זיי אָפּ פון 5 ביז 7 טעג; אַן 2—3 טעג אָפּרו טרייבן צוריק אין וועג אַריין די זעלביקע הירשן — הייסט אומ־ברענגען זיי.

פריער פלעגט דאָס טראַנספּאָרטירן צוויי פּאַרשיקטע — צוגלייך מיט צוויי וועכטער פּאַר זיי — אָפּנעמען געוויינטלעך צוויי־דריי וואָכן; ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז ביי אַ שלעכטן וועג מיט שניי־שטורעמס פלעגט איין פּאַרטיע בלייבן שטעקן אונטערוועגנס און ס׳פלעגט איר שוין אָניאָגן אַ צווייטע; דאָס פלעגט קאָמפּליצירן דעם רעגלמעסיקן נאָרמאַלן טראַנס־פּאָרט און איינגאַנצן אים דעזאָרגאַניזירן. איצטער האָט מען איינגעפירט אַ נייע אָרדענונג — נישט צו צוויי פּערזאָן פּאַרשיקטע, נאָר צו פיר מיטאַמאָל, מיט פיר וועכטער — איז שוין אַכט; דער משך צייט פון איין פּאַרטיע ביז דער צווייטער איז אויך פאַרקירצט — אָנשטאָט 2—3 וואָכן נאָר איין וואָך; אויף אַזאַ אופן איז אַ דורכפאַל און דעזאָרגאַניזאַציע פון גאַנצן טראַנספּאָרט אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך. ס׳וועט טרעפן געוויס, אַז אויף איין עטאַפּ־פּונקט וועלן זיך צוזאַמענטרעפן צוויי פּאַרטיעס מיט איין מאָל — 16 מענטשן און נאָכמער אויך; מ׳וועט בלייבן שטעקן אין וועג פאַרפרוירענע, הונגעריקע אין אַ קליין יורטע, נישט אַהין און נישט אַהער; דער גאַנצער מאַרשרוט וועט ווערן פאַרפּלאָנטערט, אָנשטאָט צו פאַרשנעלערן וועט זיך באַקומען אַ שווערע און פאַרפּלאָנטערטע פאַרשפּעטיקונג.

און לסוף שטייט אין גאַנצן מעמאָראַנדום: אונדזער פּאַרטיע האָט אָקאָרשט דורכגעמאַכט דאָס רוב צופּוס אַ וועג פון אַכט טויזנט ווערסט, האָט שוין פאַרלוירן איינעם פון אירע חברים־מיטגייער (ווילהעלם ראָס), וואָס איז געשטאָרבן פון בלוט־אויסגוס אין די לונגען; ס׳זיינען פאַראַן נאָך קראַנקע, פאַראַן שוואַכע פרויען, דערין איינע, וואָס האָט דאָ אין יאַקוטסק געבוירן אַ קינד וואָס איז סך הכל צוויי חדשים אַלט... ווי אַזוי וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט שוין איצט דורכמאַכן, אָן אַן אָטעם־פּויזע, ניי דריי טויזנט ווערסט פון נאָך אַ סך אַן ערגערן וועג, איבער ערטער, וואו אַ מענטשלעכע פוס שטעלט זיך זעלטן, וואו ס׳לויערן כסדר פאַרשיידענע געפאַרן און אומגליקן?

אַז גאַנצע לאַגישע און דורכגעטראַכטע אַרגומענטאַציע האָט אַלעמען געריסן די אויגן מיט איר קלאָרקייט און נאַנטקייט צום ריינעם אמת — דאָס האָט שפּעטער מודה געווען, הגם אומדירעקט, די צאַרישע רעגירונג גופא. אָבער דאָס איז געקומען ערשט נאָכדעם ווי דער אויסברוך פון פאַרצווייפלטן העראָאיזם פון די האַלב־פאַרפייניקטע וואַנדערער איז דערטרונקען געוואָרן אין זייער אייגן בלוט. און דאָס נאָכדעם ווי דער ערלעכער אַמעריקאַנער שרייבער דזשאָרדזש קענאַן — אַליין ביז דעמאָלט אַ פרומער חסיד פון צאַרישן זעלבסטהערשערישן רעזשים, זיינע אָרדע־נונגען און געזעצן — האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען די ערעק פון סיביר און פון אירע פּאָליטישע פאַרשיקטע, — האָט אַן איבעררעשטער גענומען דערציילן דער ציוויליזירטער וועלט דעם שרעקלעכן און גרוי־זאַמען אמת און האָט אויפגערודערט איר געוויסן. און צי האָט מען גערדאַרפט האָבן נאָך באַווייזן צו גאַנצן אַרגומענטאַציע, ווען, למשל, גלייך אויפן ערשטן עטאַפּ־פּונקט פון דער פאַרטיע־מאַרטירער, וואָס אירע פּראָטעסטן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דער בלוטיקער „יאַקוטסקער שחיטה״, מיט אַ צוגאָב פון נאָך עטליכע תליות, — האָט די פרוי מיטן קינד פון צוויי חדשים, וואָס גאָר דערמאָנט אין מעמאָראַנדום (אַנאַסטאַסיע שעכטער, די פרוי פון מינאָר), געפונען אין אירע אָרעמס אַנשטאָט אַ קינד — אַ פאַרגליווערטן טויטן קערפּערל?... אפילו די שטיינערנע הערצער אין פּעטערבורג האָבן דערשפּירט, אַז ס׳איז געשען עפּעס אויסער־געוויינטלעכעס; נאָך קענאַנס פילזאָגנדיקע פּראָטעסטן איז שווער געווען נישט צו רעאַגירן; קיין יאַקוטסק איז אַוועק אַ פאַרשפּעטיקטע פאַר־אָרדענונג — איינצופירן צוריק די אַלטע אָרדענונג ביים טראַנספּאָרטירן די פאַרשיקטע קיין קאָלימסק, און דעם נייעם מאַרשרוט, וואָס אָסטאַשקין האָט איינגעפירט אינגאַנצן אָפּשאַפן!

שפּעטער, ווען די רעוואָלוציע האָט געעפנט אַלע געהיימע אַרכיוון, האָט מען דאָרטן געפונען אַלע בייזוויליקע רכילותדיקע מסירות, מיט

וועלכע אָסטאַשקין האָט פון פאַראויס באַרעכטיקט זיינע פּראָוואָקאַטאָרישע פאַראָרדענונגען און דערמיט געצוואונגען די פאַרשיקטע צום האָפנונגס־לאָזן און זעלבסטמערדערישן ווידערשטאַנד. ער האָט געשריבן, אַז אין אַלץ איז שולדיק „מאָוושאַ גאָץ״, וואָס פלעגט איינער אַליין צו אים קומען אין נאָמען פון אַלע פאַרשיקטע, פלעגט אַרויסשטעלן פאַרשיידענע „נישט באַגרינדעטע״ פאָדערונגען, און חוצפּהדיק דראָען מיט אַן אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד קעגן די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט!...

אַזוי צי אַזוי אָבער דער לעצטער פּרוּװ גאָצס — צו עפענען די אויגן פון די הערשער איבער דער יאַקוטסקער געגנט, זיי זאָלן זען צו וואָס פאַר אַ סוף זיי טרייבן די פאַרשיקטע — האָט זיך געענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ. ס'האָט גענומען הודשען ביי אַלע פאַרשיקטע ווי אין אַ בינשטאָק; טאָג און נאַכט האָט מען זיך געהיצט, דיסקוטירט: וואָס טוט מען ווייטער? אַלע זיינען מסכּים געווען אויף איינס: מ'קאָן נישט זיין ווי אַ שטומע סטאַדע בהמות, וואָס מען שלעפּט טעמפּע און רעזיגנירטע, צו אַ שחיטה. פאַר קיין פאַל נישט!

האוסמאַן, אַ געבילדעטער יוריסט און אַ לאָגישער קאָפּ, האָט צעשטערט אַלע אילוזיעס פון די חברים, אַלע זייערע פאַנטאַסטישע פּלענער וועגן אַ מאַסן־פּראָטעסט און ווידערשטאַנד. יעטווידער פּרוּוו פון פּראָטעסט איז אַ האָפנונגסלאָזע זאַך. אין דער אַטמאָספער פון טעמפּער רעכטלאָזיקייט און ווילקיר, וואָס הערשט אין סיביר, וועט אַזאַ פּראָטעסט זיך פאַרענדיקן מיט אָנווענדן די ווילדסטע פאָרמען פון גוואַלט. ס'איז לעכערליך צו טראַכטן וועגן אַ ווידערשטאַנד — אין גאַנץ יאַקוטסק קען מען אפשר צונויפקלייבן אַ צענטליק פּיסטאָלעטן, וואָס זאָלן קאָנען שיסן אויף אַ ווייטקייט פון 10—15 טריט; ס'איז פאַראַן בלויז איין סמיט־וועסטאָן־רעוואָלווער און איין אַלטע ביקס, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט. איין קליינע אָפּטיילונג זעלנער וועט אַלעמען צעשיסן ווי פייגל. און וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו שיסן אין נעבעכדיקע אומשולדיקע זעלנער, וואָס טוען אַלץ ווי אויטאָמאַטן, לויט אַ קאָמאַנדע. ער, האוסמאַן, זאָגט זיך אָפּ דאָס צו טאָן. אָבער אויב די חברים וועלן באַשליסן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם באַרבאַרישן אַקט פון דער נאַטשאַלסטווע דורך אַ פריייוויליקן מאַסן־זעלבסטמאָרד — איז ער גרייט צוגלייך מיט אַלעמען דאָס צו טאָן און באַגיין זעלבסטמאָרד. אַזאַ אַקט וועט זיין מער איבערצייגנד, אויב דער ווידערשטאַנד וועט זיין אַ רייך־סימבאָלישער, און קיין איין טראָפּן בלוט וועט מיט אונדזערע הענט נישט פאַרגאָסן ווערן. זאָל די בלוטיקע חיהשקייט פון דער רעגירונג נישט האָבן קיין שום פאַרענטפערונג פאַר זיך, לאָמיר איר נישט געבן קיין שום אויסרייד.

פּיק האָט געענטפערט מיט אַ קאָנטר־פאַרשלאָג: נישט אונטערנעמען

קיין שום געמיינזאַמע פּראָטעסט־אַקציעס, אָבער נישט אויספירן די פּאָדערונגען פון דער מאַכט וועגן אָפּפאָרן. זאָל מען נעמען מיט גוואַלט! יעטווידער וועט באַגעגענען דעם גוואַלד־אַקט איבער אים, פאָלגנדיק זיין אייגענעם געוויסן און כבוד. איינער וועט זיך באַגרענעצן בלויז מיט אַ הוילן פּראָטעסט, אַ צווייטער — וועט אַ כאַפּ טאָן דעם רעוואָלווער. קיינער וועט נישט אויסאיבן אַ דרוק אויפן צווייטן, — נישט דירעקט, נישט אומ־דירעקט, צווינגען אַן אַנדערן צו האַנדלען נישט לויט זיין אייגשטעלונג, און געמיט־צושטאַנד...

בײדע קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן זיינען באַגעגענט געוואָרן מיט אַ שטורעם פון דערווידערונגען. דער ערשטער — פאַר אַ נייגונג צו אַ ריין פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס גרענעצט מיט טאָלסטאָיס „נישט אַנטקעגנ־שטעלן זיך שלעכטס מיט גוואַלט". דער צווייטער — פאַר אַ נייגונג צום ריינעם פּערסאָנאַליזם, צו צעברעכן אַ געמיינזאַמען פּאַראייניקטן טאַט אויף אָפּגעזונדערטע אַקטן, וואָס זיינען איינער מיטן אַנדערן אַבסאָלוט נישט געבונדן, — זיינען נוגע בלויז יעטווידן איינעם אַליין, ווען דער גוואַלד־אַקט פון דער מאַכט רירט אים דירעקט אָן. ס׳וואָלט געהייסן, אַז די גאַנצע פּאַרטיע, וואָס האָט צוזאַמען דורכגעמאַכט די טורמעס, טויזנטער וויאָרסט עטאַפּן־וועג, צוזאַמען באַקומען די אורטיילן, — זאָל איצט, פונקט ווי אַ בעזים זיך צעשיטן אויף איינצלנע ריטלעך, — אַ סוף צו דער אייניקייט, צו דער קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט! צי קאָן מען מסכים זיין דרויף? צי קאָן מען אויף אַזאַ אופן אַרויסרייסן ביים גאַנצן קאָלעקטיוו זיין נשמה און פּראָקלאַמירן, אַז יעטווידער איז אַליין פאַר זיך, קיינעם אָרט גאָרנישט פאַרן צווייטן? דאָס איז דאָך אַ שרעקלעכער אוממאָראַלישער אומזין!

און ס׳איז אַוועק אַ ליידנשאַפטלעכע זוכעניש נאָך אַ פּלאַן פון עפּעס אַ געמיינזאַמען אַקט, אַן אַנטשלאָסענעם, אַקטיוון, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום פאָלגן. קאַהאַן־בערנשטיין איז אַרויסגעטראָטן מיט גאָר אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן — אַ דעמאָנסטראַטיווער מאַסן־אַנטלויפן פון אַלעמען צוריק קיין רוסלאַנד. מ׳וועט נאָכיאָגן — זאָל מען! זאָל מען אַרעסטירן, משפּטן, אָבער דאָך שיקן אין מיטן ווינטער 3000 וויאָרסט אויפן אייז — וועט מען מוזן אָפּלייגן; מ׳וועט געווינען צייט — שפּעטער וועט מען שוין זען. צוויי אַנדערע וואַריאַנטן פון אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד האָבן געהאַט זייערע אָנהענגער. איינער איז באַשטאַנען דערין: אָפּוואַרטן דאָס אַרויסשיקן די ערשטע פּאַרטיע פאַרשיקטע מיט די פיר קאָנוואָי־היטער און אָפּשלאָגן זיי מיט געווער אין האַנט. דאָ האָט אָבער געפעלט איין זאַך — וואו וועט מען אַהינטאָן די אָפּגעשלאָגענע? דער צווייטער פאָרשלאָג איז שוין געווען איינפאַכער: זיך אַריינרייסן מיט וואָפן אין

גובערנאַטאָרס הויז און דאָרטן וועלן אַלע אומקומען מיט אַ געמיינזאַמען העלדישן טויט. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ צוריקקער צו יענעם געדאַנק, וואָס האוסמאַן האָט אַנטוויקלט גלייך אין אָנהייב פון די דיסקוסיעס. מערנישט ער האָט פאַרגעלייגט אַן אַלגעמיינעם דעמאָנסטראַטיוון זעלבסט־מאָרד. צום סוף פון די דעבאַטן איז די זעלביקע אידייע צוריק אויפ־געשוואומען אין לחלוטין אַן איבערגעאַנדערשטער פאָרם: אומקומען מיט געווער אין האַנט, הגם דאָס „געווער", וואָס די פאַרשיקטע האָבן פאַרמאָגט איז גיכער געווען אַ סימבאָלישע איידער אַ רעאַלע זאַך.

דערציילנדיק אונדז מיט אַ סך יאָרן שפּעטער די גאַנצע געשיכטע, האָט גאָץ געזאָגט: מיר, די פאַררוואָרפענע אין די וויסטע שניי־מדבריות פון יאַקוטסק, זיינען געווען געגליכן צו די „ראַסקאָלניקעס" (אַפּיקורסישע סעקטאַנטן), וואָס זיינען געשטאַנען אין די בלאָטעס און זומפּן אַרום די צפונדיקע אָזיערעס און ביי די ברעגעס פון ים, — וואוהין ס'האָבן זיי פאַרטריבן די שטראָף־קאָמאַנדעס פון די מאָסקווער צאַרן; זיי האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאָט: אָדער זיך אונטערגעבן, אָדער אַלע זיך אַליין פאַרברענען פרייוויליק. די געדאַנקען פון דער מערהייט פון אונדזער פאַרטיע, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר עקשנותדיקע ווידערשטאַנדן אין וועג — האָבן אין פלוג איצט זיך געדרייט אַרום איין פּלאַן, וואָס איז אין עצם געווען ענלעך צו אַזאַ מין פרייוויליקער זעלבסטפאַרניכטונג...

די אַלע ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, וואָס האָבן פאַרנומען טעג און נעכט האָבן צו קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט. יעטווידער פּלאַן, יעטווידער פאַרשלאָג פלעגט כסדר אָפּגעוואָרפן ווערן מיט אַ גוואַלטיקער מערהייט. סוף כל סוף האָבן די מיינונג־פאַרשיידנהייטן זיך אויסקריסטאַ־ליזירט אין צוויי קאָנקרעטע פאַרשלאָגן: איינעם האָבן פאַרגעשטעלט די פרויען שעכטער־מינאָר און ראָזאַ פראַנק; די ערשטע האָט געפילט די גוואַלטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר נאָר וואָס געבוירן מיידעלע; די צווייטע — האָט איר גאַנץ לעבן געבראַכט פאַר אַ קרבן איר חתן, דעם קראַנקן און שוואַכן פּאָעט מעלשין־יאַקובאָוויטש, וואָס איז געווען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. פאַר זיי ביידן איז געווען קלאָר, אַז די ריזיקע צו גיין מיטן עטאַפּ ווינטער קיין קאָלימסק 3000 וויאָרסט איז זייער גרויס. אָבער אומפאַרגלייכלעך נאָך גרעסער איז די סכנה, וואָס שטעקט אין יעטווידן פּראָטעסט־ארויסטריט; זיי זיינען געווען דערפאַר, אַז מ'זאָל פאָרן. זייער מיינונג איז געבליבן ווי אַ קול אין מדבר. אַ צווייטע מיינונג איז געווען זאַטאָווס; אַלע חשבונות מיט אָסטאַשקינען, האָט ער געהאַלטן, דאַרפן אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון די פּלייצעס פון דער גאַנצער פאַרטיע: ס'איז גענוג איין מענטש, וואָס נעמט דאָס אויף זיך אינגאַנצן, ער זאַטאָוו, איז גרייט דערצו און בעט מ'זאָל אים געבן אָט די פּריווילעגיע. אָבער

דער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם. פון פּראָטעסטן, מער ווי אַלע אַנדערע; ווער וועט עס האָבן די דרייסטקייט צו האַלטן אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז מסכים זיך צו באַהאַלטן הינטערן רוקן פון איין מענטשן? דאָ איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר איין פּערזענלעכן קרבן אָנשטאָט אַלעמען; יעטווידער פאָדערט פאַר זיך די זעלבע ריזיקע צוגלייך מיט אַלעמען...

צום סוף, כדי ווי נישט איז אַרויסבאַקומען זיך פון טעמפּן ווינקל, האָט די פאַרזאַמלונג ווי אַרויסגעוויטיקט פון זיך אַן עלעמענטאַרן קאָמפּראָמיס. כדי גלייך פון אָנהייב זיך נישט שטעלן אויף „אַן אומגעזעצלעכן" וועג, האָט מען באַשלאָסן זיך אָפּצוהאַלטן פון יעטווידער „געמיינזאַמער אַקציע". יעטווידער, וואָס איז באַשטימט צו פאָרן ווינטער קיין קאָלימסק, דאַרף אַליין, פּערזענלעך, נאָר פאַר זיך באַזונדער, אָנשרייבן אַ מעלדונג צום גובערנאַטאָר, אַז ס'איז פאַר אים נישט מעגלעך אויסצופירן איצט דעם באַפעל וועגן תיכף אָפּפאָרן. די רעכטע האַנט פון גובערנאַטאָר, דער פּאָליציימייסטער סוכאַטשאָוו, האָט אין דעם פאַקט גופא, וואָס יעטווידער איינער גיט־אָן אַ מעלדונג מיטן זעלביקן אינהאַלט און אין איין און דער זעלביקער צייט, — געזען אַ סימן פון אומגעזעצלעכקייט, וואָס באַטייט „געמיינזאַמער אַרויסטריט" און דאָס איז פאַרבאָטן לויטן געזעץ. האוסמאַן האָט דאָ מיט זיין גאַנצער יורידישער קונסט געמוזט אויפווייזן דעם פּאָליציימייסטער, אַז לויטן געזעץ טאָר ער זיך נישט אָפּזאָגן פון צונעמען פון עמעצן אַ פּערזענלעכע מעלדונג, כדי זי איבערצוגעבן דעם גובערנאַטאָר. סוף כל סוף האָט יענער מיט ציין־קריצעניש געמוזט זיך אונטערגעבן דעם דרוק פון די נייע „געזעץ־ווייסער", האָט מסכים געווען אָנצונעמען די מעלדונגען און זיי איבערגעבן דעם גובערנאַטאָר. ער האָט צוגעזאָגט, אַז אויף מאָרגן וועט ער ברענגען אַ „געהעריקן ענטפער", אונטערשטרייכנדיק מיט זיין גאַנצן פּנים און טאָן ווי אַזוי מ'דאַרף דאָס פאַרשטיין.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען אַלע געווען אויפן אָרט — אין דער זעלביקער קלוב־ביבליאָטעק, אין דער דירה פון אָרטיקן פאַרשיקטן נאָטקין; אין דער דירה פלעגט מען פאַר די פאַרשיקטע איבערגעבן אַלע מעלדונגען און פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט. ס'האָט געהערשט אַ פיבערהאַפטע שטימונג. איינער האָט דעם צווייטן צוגעגעבן מוט, מ'האָט זיך פאַרוויילט מיט וויצן, געזונגען קאַמפס־לידער, געברומט רעוואָלוציאָנערע מעלאָדיעס. גאָץ האָט פון ערגעץ זיך דערוואוסט, אַז דער „קעגנערישער צד" האָט פאַרבראַכט אַן אָנגעשטרענגטע נאַכט: מ'האָט די סאָלדאַטן פונאַנדערגעטיילט קוילן און שוין צום צווייטן מאָל אַ געהעריקע פּאָרציע בראָנפן. ס'איז אויך געפירט געוואָרן אַ טומלדיקע צוגרייטונג־אַגיטאַציע

אין שוואַרצמאהדיקן גייסט. דאָך האָט דער עולם זיך געטרייסט מיטן אויסערלעכן דערפאָלג: דער פּאָליציימייסטער האָט צוגענומען די מעלדונגען, מ׳האָט אַלעמען געמאָלדן צו זיין אויפן אָרט 11 אַזייגער פרי אויסצוהערן דעם ענטפער. גאָץ האָט אָבער קיין שום אילוזיעס נישט געהאַט. „אַלע שיפן זיינען פאַרברענט — האָט ער געזאָגט — די פלעשער זיינען געעפנט, מ׳דאַרף טרינקען דעם כוס ביזן סוף״.

ס׳איז געווען נאָך אַן ערך אַ שעה צייט ביזן טערמין פון ענטפער; גאָץ האָט געפאָדערט מ׳זאָל אויפן בוידעם אַוועקשטעלן אַ שומר. זיין פאַרגעפיל האָט אים נישט אָפּגענאַרט: דער פּלאַן פון דער מאַכט איז געווען צו טרעפן די פאַרזאַמלטע אומגעריכט. פונקט 10 אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אויפן עק גאַס באַוויזן די אָרטיקע מיליטערישע קאָמאַנדע און מיט לויפנדיקע טריט, האַלטנדיק אָנגעשטעלט די ביקסן, זיך געלאָזט צום הויז. דער קאָמאַנדיר־אָפיצער קאַראַמזין, האַלטנדיק אַ רעוואָלווער אין יעדער האַנט, האָט באַפוילן אַרומרינגלען דאָס הויז פון אַלע זייטן; ער אַליין האָט מיט נישט קיין גרויסער גרופּע זעלנער זיך געלאָזט צום אַריינגאַנג. אַ צווייטער קאָמאַנדע־באַפעל — און די סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען אַלע ערטער ביי די פענצטער מיטן רוקן צו די פאַרזאַמלטע. ס׳איז געפאַלן ווידער אַ באַפעל: פונאַנדערגיין זיך, יעטווידער באַזונדער זאָל קומען אין דער פּאָליציי. דער אָפיצער אָבער איז געוואָרן צעטומלט, דערוויסנדיק זיך, אַז אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן אין הויז לויט דער פאַראָרדענונג פון פּאָליציימייסטער, כדי אויסצוהערן דעם ענטפער פון גובערנאַטאָר אויף זייערע ביטעס וועגן אָפּלייגן דאָס אָפּטראַנספּאָרטירן זיי קיין קאָלימסק ביז פרילינג. די אויפגערעגטע פּנימער פון די סאָלדאַטן האָבן שוין אָנגעהייבן זיך באַרואיקן; דער אָפיצער האָט זיך געוואַקלט; גאָץ מיט דער הילף פון האוסמאַנען און קאהאן־בערנשטיין האָבן מיט גרויס איבערצייגונג־קראַפט אויפגעקלערט, אַז דאָס וואַרטן אויפן צוגעזאָגטן ענטפער פון גובערנאַטאָר, די העכסטע מאַכט אין דער געגנט — איז נישט קיין שום פאַרברעכן, מ׳איז דערמיט נישט עובר אויפן געזעץ און מ׳צושטערט נישט די אָרדענונג.

ס׳האָט זיך געדוכט, אַז פונקט ווי דאָס איז געשען בעת די סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אויפן אויבערשטן שטאָק פון סוכאַרעוועער טורעם אין מאָסקווער טורמע — וועט אויך דאָ זיך ענדיקן מיט אַ קאָמפּראָמיס — מ׳וועט דורכקומען. גאָץ האָט קלאָר אויפגעוויזן, אַז די פאַרשיקטע זיינען ביז איצט נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, זיי האָבן נישט אַרויסגעשטעלט קיין שום פאָדערונגען, וואָס זיינען קעגן געזעץ; דאָס איינציקע, וואָס זיי פאָדערן איצט איז — מ׳זאָל צונעמען פון הויז די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען זייער אויפגערעגט און קאָנען בלויז שטערן צו לייזן רואיק די

פראַגע וועגן טראַנספּאָרטירן די פאַרשיקטע אין אַ געהעריקן צוגעפּאַסטן טערמין, — צו וואָס זיי אַליין גרייטן זיך אין פולשטענדיקער אָרדענונג און ווילן קומען אָן שום אינצידענטן צום אָרט, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט...

דער יינגסטער עדות, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין דער „יאַקוטסקער טראַגעדיע" קאַסטיאַ טערעשקאָוויטש האָט מיר שפּעטער אַליין דערציילט, ווי אַזוי פלוצלונג, פונקט ווי דורך אַ כישוף, עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער גאַנצער ווייטערדיקער גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַוועקנעמען די סאָלדאַטן פון אָרום הויז. „אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט און כאַאָטיש, אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט דאָס צו באַשרייבן". ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז שוין אויף אַ גוטן וועג, האָט זיך פון די רייען פון דער פּאָליציי דערהערט אַ דונערדיקער אויסגעשריי: גענוג! נעמט זיי! פּאַקט זיי! און דאָ האָט זיך עס אָנגעהייבן...

ס'איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, די סאָלדאַטן האָבן געאַרבעט מיט די באַגנעטן און פריקלאַדן פון די ביקסן... דאָ האָט פלוצלונג דער אָפיצער קאַראַמזין אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָלווער. גלייך נאָכדעם האָט לוואָוויטש געענטפערט מיט אַ שאָס און פאַרוואונדערט דעם אָפיצער אין פוס; ס'האָבן זיך געהערט נאָך עטלעכע כאַאָטישע שאָסן; דער אָפיצער האָט הינקענדיק פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד, נאָך אים זיינען צעטומלטע אַרויסגעלאָפן אויפן הויף די סאָלדאַטן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ נישט לאַנגע אָטעם־פויזע. מיר האָבן דעמאָלט גענומען ציילן די פאַרוואונדעטע חברים: צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט איז געלעגן דער קערפּער פון פיק, מיט אַן אַדורכגעשאָסענעם קאָפּ, פאַרשפּריצט מיט מאַרך; זיין פרוי סאָפיע גורעוויטש איז געלעגן אין טויט־קאָנוואולסיעס מיט אַן אַדורכגעשטאָכענעם בויך; קאַהאַן־בערנשטיין, פאַרוואונדעט אונטערן אָרעם, איז געלעגן אומבאַוועגלעך; מאַטוויי פונדאַמינסקי האָט געגוססט פון עטלעכע טיפע שטעך־וואונדן. פלוצים האָט עמיצער אויסגעשריען פון דער גרופּע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער און נאָך אים אַלע איבעריקע אין איין קול: „אָסטאַשקין אין געקומען! אָט איז ער דער הויפּט־מערדער, דער תליון!" איך האָב געזען ווי מיכאיל גאָץ, באַקוקנדיק זיין „לעפאָשע"־רעוואָלווער, האָט ווי אַן אויטאָמאַט געלאָזט זיך צו דער טיר. אָבער גלייך נאָך אים, פונקט ווי ער וואָלט אים געהיט, האָט זיך געוואָרפן לוואָוויטש, וואָס איז געווען פיל קרעפטיקער פיזיש און מער געשיקט פון אים, — מיט אַ פעסטער האַנט האָט ער אָפּגערוקט אין אַ זייט גאָצן; מ'האָט צו אים געשריען: „ניין, ניין, אויף אָסטאַשקינען דאַרף גיין דער בעסטער פון אונדזערע שיסער!"

איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט — דערציילט ווייטער טערעשקאָוויטש — אַז לוואָוויטש איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק, כאַפּנדיק פיקס

סמיט־וועסאָן־רעוואָלווער און האָט געשאָסן אויף אָסטאַשקינען; אַ צופאַל האָט געראַטעוועט אָט דעם אויסוואָרף: איין קויל האָט דורכגעשאָסן דעם שינעל, אַ צווייטע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ מעטאַלענעם קנאָפּ. אָסטאַשקין האָט זיך געוואָרפן צום אַנטלויפן, איז אַריינגעשפּרונגען אין זיין קאַרעטע און געטריבן דעם קוטשער (פורמאַן) וואָס גיכער. ווי אַן ענטפער אויף לוואָוויטשעס שאָסן האָבן זיך דערהערט נאָך עטלעכע שאָס־זאַלפן פון די סאָלדאַטן, וואָס איז אַריבער אין אַ לאַנגן „קרייץ־פייער״ אויף די פענצטער און טירן פון הויז. עס איז דעמאָלט פאַרוואונדעט געוואָרן אין רוקן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער קויל לוואָוויטש: ער איז געהאַט אַוועק־געגאַנגען, אויסשיסנדיק אַלע זיינע קוילן. דערנאָך איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, דערזעענדיק ווי גאָץ איז אַנידערגעפאַלן. ס׳איז געווען מוראדיק צו הערן, ווי אַזוי ער האָט געאָטעמט שווער, מיט אַ פּייפן און כריפּען האָט זיך דער אָטעם אַרויסבאַקומען פון זיינע דורכ־געשאָסענע לונגען; די קויל האָט מיטגעשלעפּט אין וואונד אַריין — ווי מ׳האָט שפּעטער זיך דערוואוסט — שטיקלעך וואָל פון זיינע קליידער. ס׳איז געווען אַ שרעק אויף אים צו קוקן. דאָס בילד האָט זיך מיר אַזוי טיף איינגעשניטן אין זכרון, אַז עס שטייט פאַר מיר תמיד פאַר די אויגן...

מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין פאַרביי — ער וועט אַוועק־שטאַרבן. אָבער אים האָט געראַטעוועט דער טאַלאַנטפולער כירורג דאָקטאָר גוסיעוו. געראַטעוועט נישט געקוקט דרויף, וואָס די וואונד פלעגט זיך אָפּט עפענען — די פאַרשלעפּטע וואָל־פעדים האָבן זי פאַרשמוצט...

איבער אַלע ערטער, וואו נאָר עס זיינען געווען פאַרשיקטע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַ שטורעם פון אויפרעגונג, ס׳האָט געקאָכט מיט דער טראַגעדיע, אומעטום פאַרזאַמלונגען, פּראָטעסט־רעזאָלוציעס מיט אונטערשריפטן האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן; אַלץ האָט געשטרעבט צו איין ציל: באַשטראָפן די שולדיקע אין דער שחיטה! אָבער גאָץ אַליין, נישט געקוקט אויף אַלע דערוואַרטונגען, איז נישט צוגעשטאַנען צו דער שטורמישער פּראָטעסט־באַוועגונג פון די פאַרשיקטע; פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן די געמיטער, אָפּהאַלטן פון העלדישע פאַרצוויפ־לונג־אויפברויזן; ער האָט פונאַנדערגעשיקט אין אַלע זייטן בריוו צו די פאַרשיקטע מיט ווענדונגען, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין ציל: „גענוג קרבנות!״

אין דער אמתן האָבן גאָצס פערזענלעכע איבערלעבונגען, ווי אַן אַנטיילנעמער אין דער יאַקוטסקער טראַגעדיע, זיך איבערגעריסן מיט דעם מאָמענט, ווען ער און זאַטאָוו זיינען אַנידערגעפאַלן שווער פאַר־וואונדעטע אין אַ טייך בלוט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער גוססט און צוזאַמען מיט אים האָט געגוססט די גאַנצע „פעסטונג״ — נאָטקינס הויז, וואו די

פראָטעסטאַנטן זיינען געווען פאַרזאַמלט, ווערנדיק באַשאָטן מיט קוילן פון אַלע זייטן. איינער פון זיי מוכאַנאָוו האָט געפּרואווט אַרויסגיין פון הויז אויפן גאַניק און אַרויסגעהאַנגען אַ ווייס טיכל — אַ סימבאָל פון קאַפּיטו־לאַציע, ער איז אָבער באַלד אַנידערגעפאַלן אַ טויטער פון אַ קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין האַרצן; נאָך אים האָט דאָס זעלביקע געוואָלט טאָן נאָטקין, אָבער אויך ער איז געפאַלן אַ טויטער פון אַ קויל אין שלייף, אויך אַ דריטער, שור, האָט געוואָלט אַרויסהענגען דאָס ווייסע טיכל און — איז אויך אַנידערגעפאַלן טויט. דערווייסנדיק זיך אין שטאָט וועגן דער שיסעריי, איז איינער פון די אָרטיקע פּאַרשיקטע פּאָדבעלסקי, געקומען צו לויפן, דורכרייסנדיק דעם קאָרדאָן פון די זעלנער און אַרויף אויפן גאַניק, משמעות מיטן ציל צו זיין אַ פאַרמיטלער אַ פּאַרלאַמענטיאָר; ער איז אָבער אויך געפאַלן אַ טויטער פונקט ווי די פריערדיקע חברים. די סאָלדאַטן זיינען געווען משוגע און האָבן כסדר געשאָסן, נישט זעענדיק און נישט הערנדיק גאָרנישט. דער אָפיצער וואַדיעעוו, וואָס האָט איבער־גענומען די קאָמאַנדע נאָך קאַראַמזינען, האָט מיט גרויסע שוועריקייטן אָפּגעשטעלט די שיסעריי — ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו די סאָלדאַטן, געפּאַכעט מיט דער שווערד און געשריען צו זיי מיט באַנומענע קולות — זיי זאָלן אויפהערן שיסן. דעמאָלט ערשט האָט באַוויזן אַרויסצולויפן מיט אַ ווייסן טיכל אין האַנט די פרוי פון שטערבלעך פאַרוואונדעטן קאָהאַן־בערנשטיין. די צעווילדעוועטע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז, אָבער דאָס בילד פון די אומבאַוואָפנטע, טויטע און גוססע האָט אַ ביסל אָפּגעקילט זייער היץ. די שחיטה האָט זיך אָפּגעשטעלט...

שפּעטער האָט אָנגעהייבן אַרבעטן די מיליטער־יוסטיץ. פונעם אַרכיוו אירן האָט מען אַרויסגעשלעפּט די אינסטיטוציע: „מיליטערישע געריכט־קאָמיסיע לויט די געזעצן פון יעקאַטערינע די 2טע"; פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען אַן אַלהעכסטער צאַרישער באַפעל פון צוויי ווערטער — „טויט־שטראָף"! פיר אַלטפּרענקישע אָפיצערן פון דער סיבירער קאָמאַנדע, גייסטיק פאַרשימלטע אין די בלאָטעס און טונדרעס — זיינען געוואָרן די ריכטער... פון די באַשולדיקטע האָט האוסמאַן געפירט די פאַרטיידיקונג. ווי אַן ענטפער אויפן באַשלוס פון דער קאָמיסיע צו משפּטן אַלעמען, לויט די געזעצן פון קריגס־צייט, „פאַר אַ באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד", — האָט ער געפאָדערט קודם כל אויסטיילן זיבן פרויען און דריי יוגנטלעכע און זיי משפטן אין אַ ציוויל־געריכט. אָבער דער פאָרזיצער פון געריכט האָט געענטפערט דרויף מיט אַן אויסגעשריי: „גענוג!" דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די פאָרמעלע פּראָצעדור פון פּראָצעס. די פאַקטישע זייט איז געווען גאַנץ איינפאַך: זאָטאָוו האָט אַליין זיך

מודה געווען, אַז ער האָט פאַרוואונדעט דעם אָפיצער קאַראַמזין אין אַ צושטאַנד פון אַליינפאַרטיידיקונג — יענער האָט גלייך אין אים געצילט מיטן רעוואָלווער; ער האָט אויך אָפן דערקלערט, אַז ער האָט געשאָסן אויפן גובערנאַטאָר אָסטאַשקין ווי אויף דעם שולדיקן אין דער שחיטה פון פאַרצווייפלטע הילפלאָזע פאַרשיקטע; ער האָט טאַקע געשאָסן, אָבער אים פאַרדריסט שטאַרק, וואָס די קויל האָט געטראָפן אין קנאָפּ פון שינעל, צעפלאַטשיקט געוואָרן און אָסטאַשקינען נישט געשאַדט. קאַהאַן־בערנשטיין האָט מען אַריינגעטראָגן אין געריכט־זאַל אויף אַ בעטל — זיינע פיס זיינען געווען דורכגעשאָסן; ער האָט קיין אַנדער גורל נישט געוואָלט ווי די, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן אין הויז. וואָס שייך האוסמאַנען, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אַ קעגנער פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און שיסן אויף אומשולדיקע סאָלדאַטן איז אָבער גרייט געווען צו שטאַרבן צוגלייך מיט אַלעמען, — האָבן די פּאָליציי־פּראָטאָקאָלן אים אַרויסגעשטעלט ווי דעם הויפּט־אָנפירער און שולדיקן אין דער שיסעריי; ער האָט דאָס באַגעגנט מיט פילאָסאָפישער רואיקייט.

אויפגעמונטערטע דורכן „העכסטן באַפעל" צו באַשטראָפן שטרענג אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַ לעקציע פאַר אַנדערע, — האָט דער אַלטפרענקישער מיליטער־געריכט אָנערקענט אַלע אָנגעקלאָגטע פאַר שולדיק. אַלע אָן אויסנאַם זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען! אָבער אפילו דער פאַרזיצער פון געריכט אַליין האָט געפונען פאַר נייטיק צו מילדערן די שטימונג פון די פאַרמשפּטע און געזאָגט: „זייט נישט אַזוי אומרואיק — דער אורטייל וועט געוויס ווערן געמילדערט". און ער איז טאַקע געמילדערט געוואָרן. גאָץ, מינאָר און נאָך צוויי האָבן באַקומען קאַטאָרגע אויפן גאַנצן לעבן; אופלאַנד מיט אַ גאַנצע גרופּע — צו צוואַנציק יאָר; צוויי פרויען — ראָזאַ פראַנק (פרוי פון מעלשין יאַקובאָוויטש) און אַנאַסטאַסיאַ שעכטער (פרוי פון מינאָר) — פיר יאָר קאַטאָרגע, הגם ס'איז געווען באַוואוסט, אַז זיי האָבן אַלעמען צוגערעדט זיך נישט אַנטקעגנצושטעלן און אויספירן אַלע באַפעלן פון דער נאַטשאַלסטווע, וואָס ביי אַ נאָרמאַלן אייראָפּעאישן געריכט וואָלטן זיי געדאַרפט אינגאַנצן באַפרייט ווערן. בנוגע האוסמאַן, זאָטאָוון און קאַהאַן־בערנשטיין איז באַשטעטיקט געוואָרן דער טויט־אורטייל. קאַהאַן־בערנשטיינען האָט מען צוגעטראָגן צו דער תליה אין בעטל, מ'האָט אים אויפגעהויבן, אַרויפגעלייגט די פעטליע אויפן האַלדז און — אַרויסגעצויגן דאָס בעטל... האוסמאַן און זאָטאָוו האָבן דעם תליון אָפּגעשטויסן פון זיך, אַליין אַרויפגעלייגט די שטריק און אַליין מיט די פיס אָוועקגעשטופּט דאָס בענקל...

זאָטאָווס פרוי, יעווגעניע גורעוויטש האָט מען אויף מאָרגן אַראָפּ־גענומען פון דער תליה, איר שוועסטער סאָפיע גורעוויטש איז געשטאָרבן

אין מוראדיקע יסורים אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן פאַר־וואונדעט אין בויך.

ס'איז געוועזן צוליב וואָס צו שרייען נאָך דער יאַקוטסקער שחיטה — „געננוג קרבנות!"

אין ווילויסקער טורמע

פּאַקטיש האָט גאָץ פּערזענלעך פּאַר דער קורצער צייט באַקומען צוויי טויט־אורטיילן — איינעם פון די דאָקטוירים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער וועט שטאַרבן פון זיינע פאַרשמוצטע וואונדן אין די לונגען, אַ צווייטן — פון מיליטער־געריכט: טויט דורך אויפהענגען! ביידע אורטיילן זיינען נישט אויסגעפירט געוואָרן — די טויט־שטראָף פון געריכט איז — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — אים פאַרביטן געוואָרן אויף אייביקע קאַטאָרגע, ער האָט אויך באַקומען אַ „צירונג" אויף די פיס — קייטן; מ'האָט אים אַרויסגעשיקט אָפּקומען זיין קאַטאָרגע־שטראָף אין דער ווילויסקער טורמע; דאָס איז פאַר אים געווען אַ כבוד: אָט די טורמע אין ווילויסק איז ספּעציעל געווען אויסגעבויט פאַר טשערנישעווסקין, איינעם פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע גייסטער פון רוסלאַנד.

גאָץ איז אַריין אין דער דאָזיקער טורמע אַ גייסטיק אויסגעוואַקסענער און אַנטוויקלטער, רייך מיט דערפּארונג און איבערלעבונגען, נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן. איבער אַלע אימפּולסן פון זיין יוגנטלעכן ברען און טעמפּעראַמענט האָט איצט נאָכמער ווי פריער געהערשט זיין געוויינטלעכע געצוימטע קאָנצענטרירטקייט. ער איז כסדר געווען באַזאָרגט, אַז פון די אומפאַרמיידלעכע קאָנפליקטן און רייבונגען צווישן די פאַר־שיקטע און דער נאַטשאַלסטווע זאָל מען אַרויס מיט ווערדע; ער פלעגט כסדר איינטענהן מיט די באַזונדערס היציקע חברים, אַז די קליינע טשינאָוו־ניקעס פון מאַכט־אַפּאַראַט זיינען גאָרנישט אַזעלכע בייזוויליקע רשעים, דאָס רוב זיינען דאָס גאַנץ פשוטע פרידלעכע מענטשן, וואָס האַנדלען אָפט־מאָל רשעותדיק לויט די דירעקטיוון פון זייער העכערער מאַכט; עס מוז מיט זיי איינגעשטעלט ווערן נאָרמאַלע מענטשלעכע באַציאונגען; עס האָט נישט קיין ווערט צו פאַרלירן גייסטיקע כוחות און נערוון־ענערגיע אויף קליינלעכע אינצידענטן מיט זיי; מען דאַרף זיך שטעלן העכער ווי זיי און נישט באַליידיקן זיך אפילו הערנדיק זייערע גראָבע זידל־ווערטער.

אמת, די פאָרמעלע לאָגיק איז געווען אויף גאָצס זייט, אָבער נישט אַלע האָבן געקאָנט זיך האַלטן אַזוי אין די ראַמען: די פאַרשיקטע זיינען געווען ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון דער געפאַר, אַז יעטווידע מינוט קען מען

טרעטן מיט די פיס, באַליידיקן זייער מענטשלעכע ווערדע; זיי זיינען געווען גרייט צו ענטפערן דרויף מיט די ווייטגייענדיקסטע מיטלען ביז זעלבסטמאָרד איינגעשלאָסן. ביי די פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע האָט דאָס אָפּגענומען אַלע מענטשלעכע רעכט, זיי האָבן געקאָנט פאַרן מינדסטן פאַרברעך באַקומען קערפּערלעכע שטראָף — שמיץ. דערציילט גאָצס אַ חבר פון אקאַטוער קאַטאָרגע־טורמע, אַז זיי פלעגן שטענדיק האָבן מיט זיך אַרשעניק — סם, כדי אין אַזאַ פאַל צו באַגיין זעלבסטמאָרד און נישט לאָזן זיך שענדן...

אין זיין ביטערער פּראַקטיק פון טורמע־ און קאַטאָרגע־לעבן האָט גאָץ געהאַט אַ סך איבערלעבונגען, וואָס האָבן באַוויזן, אַז אונטער די מונדירן פון פיל מאַכט־האָבער, מיט וועמען די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע פלעגן זיך דירעקט צונויפטרעפן, האָט אויך אָפּטמאָל געקלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ. דער נאַטשאַלניק פון טורמע פלעגט אַריינקומען צו די פאַרמשפּטע פאַרשיקט צו ווערן אין וויטן קאַלימסק און זיי טרייסטן, אַז „דאָרטן זיינען אויך דאָ מענטשן", — „ס'קען זיך נאָך ענדערן, אויף דער וועלט איז קיין זאַך נישט אייביק" אאז"ו. און אין יאַקוטסק גופא, נאָך דער שיסעריי און געפאַלענע קרבנות, איז דער פעלדפעבל פון דער מיליטער־גרופּע אַרומגעלאָפן צו יעטווידן, באַרואיקט, געהאָלפן ראַטעווען די פאַרוואונדעטע, כסדר זיך אַנטשולדיקט פאַר אַלץ דאָס שרעקלעכע, וואָס איז פאָרגעקומען, באַרואיקט די סאָלדאַטן, וואָס זיינען נאָך אַלץ געווען ווי משוגע און מיט די ביקסן געקלאַפּט אין דער ערד פון אויפ־רעגונג. און דער נאַטשאַלניק פון יאַקוטסקער טורמע ניקאָלאיעוו איז נאָכן אורטייל אזוי געווען דורכגענומען מיט מיטגעפיל צו די אַרעס־טירטע, אַז נאָכן אויפהענגען די דריי פאַרמשפּטע איז ער גלייך באַגינען געקומען צולויפן אין טורמע און נישט קאָנענדיק אויסריידן אַ וואָרט געפאַלן אויפן אָרט אין חלשות, מ'האָט אים קוים געקענט אָפּמינטערן... אַ באַזונדערע באַפרידיקונג האָט גאָץ געהאַט בעתן איבערטראַנספּאָרטירן אים מיט זיינע חברים פון ווילויסקער טורמע קיין אקאַטוי. אויפן גאַנצן וועג פון טורמע ביזן ברעג טייך, וואו מ'האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף דער שיף, זיינען געשטאַנען פוןביידע זייטן די אָרטיקע איינוואוינער, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט אויסצודריקן אויף די פאַרשיידנסטע אופנים זייער טיפסטע סימפּאַטיע צו די פאַרשיקטע.

גאָץ פלעגט תמיד טענהן, אַז מען מוז מיט אַלע כוחות זיך באַמיען איינצוהאַלטן דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט אין די טורמעס. מיר זיינען אַליין שולדיק אין אונדזער גורל — פלעגט ער זאָגן, — פאַר רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעט האָבן מיר זיך גענומען, נישט זייענדיק ווי געהעריק צוגע־גרייט נישט טעאָרעטיש נישט פּראַקטיש, — אפילו אין זין פון קאָנסטרוק־

טיוועך טעכניק. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט איז פּריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן, מ׳האָט אונדז אַראָפּגענומען פון אונדזערע פּאָסטנס בעת מיר זיינען נאָך געווען אין דער הינזיכט האַלבע אַנאַלפאַבעטן, און דאָס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער זאַך פון פאָלק. מיר דאַרפן דאָס פאַרריכטן, דאָס לעבן אונדזערס געהערט דעם פאָלק, דער פּאַרטיי; ביי די ערגסטע באַדינגונגען זיינען מיר מחויב צו טראַכטן נאָר וועגן איינס — געווינען אָטעם־פויזע, גייסטיקע פרייהייט, כדי צו קענען פאַרטיפן, אויסברייטן אונדזער וועלט־באַנעם, אוסאַרבעטן ביי זיך קלאָרקייט און טיפקייט פון געדאַנק, אויסשמידן דעם מעטאַל פון אונדזער ווילן און מאָראַלישן כאַראַק־טער. די פּאַרטיזאַנשטשינע פון אונדזער קאַמף מיט די נאָענטסטע מאַכט־האָבער אין די טורמעס און אויף פאַרשיקונג איז מאַכטלאָז און פּרוכטלאָז, זי פאַרמאַטערט אונדז, שעפּט אויס אונדזערע נערוון, וואָס קאָכן כסדר צוליב דעם ווי אַ קעסל, מאַכט פיבערן אונדזערע געפילן און געדאַנק. מיר דאַרפן זיך קאָנצענטרירן נאָר אויף איינס: צי וועלן מיר לעגאַל באַפרייט ווערן אָדער מיר וועלן אַליין זיך באַפרייען אומלעגאַל — אין ביידע אופנים מוזן מיר אַרויס אויף דער פריי מיט אַ סך גרעסערן באַגאַזש פון וויסן און ווילן, ווי מיר זיינען אַריין הינטער די מויערן פון טורמע. דערין ליגט אונדזער זיג!

גאָץ אַליין האָט אויף קאַטאָרגע מיט גרויס התמדה שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע; זיין צעוויטיקטע נשמה האָט געפונען דערין אַ טרייסט. מען האָט געלעבט נאָר מיט דער האָפענונג אויף דער צוקונפט, מ׳האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז זי וועט קומען...

פון דער טורמע אין ווילויסק אויף קאַטאָרגע אין אקאטוי און אויף פאַרשיקונג

דער שעף פון דער ווילויסקער קאַטאָרגע־טורמע איז געווען אַ פּראַקטישער, געלאַסענער קאָזאַקן־אָפיצער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געזונטן חוש פאַר באַלעבאַטישקייט און אָרדענונג. ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די טורמע זאָל זיין איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט, אָבער אויך אין דער זעלביקער צייט זאָל די באַלעבאַטישקייט אינעווייניק אין טורמע געפירט ווערן ראַציאָנעל און מיט אַ טאַלק. ביים גאַרניזאָן (וועכטער, אָנגעשטעלטע, זעלנער) האָט געמוזט הערשן אַ שטרענגע דיסציפּלין; אָבער אינעווייניק האָבן די אַרעסטירטע געהאַט איינגעפירט זייער אייגענע ווירטשאַפט: באַאַרבעט גערטנער, פאַרזייערט, פאַרזאַלצן

אוגערקעס, קרויט און אַנדערע גרינסן, צוגעגרייט האָלץ צום הייצן אויף ווינטער אין די באַראַקן, אין באָד, אין די קיכן, געוואַשן די וועש, די פּאָדלאָגעס, ווינטער בעת זאַווערוכעס גערייניקט דעם שניי, געמאַכט וועגן און שטעגן אאז"וו. — אָט די גאַנצע אַרבעט האָבן זיי אַליין געטאָן און פאַרוואַלטעט מיטן גאַנצן סדר אירן. ביי דעם הויכן ניוואָ פון אינטעליגענץ, טעכנישן וויסן, זעלבסטדיסציפּלין פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע — האָט אָט דער גאַנצער מעכאַניזם געקלאַפּט אויסגעצייכנט, די באַלעבאַטישקייט איז געווען אַ מוסטערהאַפטע, — די אַדמיניסטראַציע פון דער טורמע איז געווען דערמיט זייער צופרידן. זי האָט אויך נישט געשטערט איינצו־אָרדענען אַמאָטאָרישע פאָרשטעלונגען פאַרן גאַנצן פּערסאָנאַל פון דער טורמע, וואָס עס איז געווען שוין גאָר אַ נייס אין יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער ערד.

אָט די אידיליע האָט גאָנץ לאַנג נישט געדויערט: דער נאַטשאַלניק פון טורמע איז פּלוצלונג געשטאָרבן פון האַרץ־אַטאַק; פון דרויסן האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע כמאַרע: אַ נייער הויפּט־שעף איבער אַלע טורמעס גאַלקין־וואָראַנסקי, אַ מענטש אַ טרוקענער, אַן ענגהאַרציקער, אַ טעמפּער ביוראָקראַט, וואָס האָט זיך גענומען רעפאָרמירן די קאַטאָרגע־טורמעס אין זיין גייסט; ער האָט געשאַפן אַ נייע מוסטער־טורמע פאַר קאַטאָרזשאַנעס אין אַקאַטוי (הינטערן באַיקאַל), אַהין האָט מען אויך אַריבערגעפירט פון ווילויסק גאָצן און זיינע חברים. דאָרטן זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די פּאָלי־טישע פון די קרימינעלע; עס זיינען איינגעפירט געוואָרן ספּעציעלע מיליטערישע צערעמאָניעס בעת די „אַפּעלן" (ציילן די אַרעסטירטע), רעוויזיעס אין די קאַמערן, שטרענגע דיסציפּלינאַרע פאַראָרדענונגען און שטראָפן, — אַלץ האָט געהאַט דעם ציל — אָפּנעמען ביים פּאָליטישן אַרעסטאַנט זיין מענטשלעכע ווערדע, געבן אים צו פילן, אַז ער איז אויס־געגלייכט מיטן לעצטן בראָדיאַגע, אויסוואורף, קרימינעלן פאַרברעכער, — ער זאָל אָויפּציטערן ביי יעטווידן אויסגעשריי: „סמירנאָ" (אַכטונג „היטלען אַראָפּ"! אאז"וו. ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פירן אַנ'אָפּטע קאָרעספּאָנדענץ מיט קרובים און פאַמיליע אויף דער פריי; ס'איז אַרויס־געגעבן געוואָרן ספּעציעלע קאַזיאָנע פאָרמוליאַרן פאַר בריוו שרייבן און באַקומען: עטלעכע ווערטער בלויז — „געזונט, דאַרף קיין זאַך נישט, אַ גערוס פאַר אַלע פריינט, אַ דאַנק פאַר געדענקען"...

מיר דערמאָנען זיך די יסורים פון די פאַרמשפּטע נאָך דער יאַקוטסקער שחיטה, — די וויכוחים, וואָס זיי האָבן געפירט — צי האָט זיך געלוינט אַזוי פיל קרבנות ברענגען; דאָ אין אַקאַטוי איז די הילפלאָזיקייט און עלנדקייט זייערע דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה — אָפּגעריסן

פון דער וועלט זיינען זיי געווען זיכער, אַז אויך די וועלט האָט אַן זיי פאַרגעסן, אַז זייערע קרבנות, דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די אומגעבראַכטע חברים איז געווען אומזיסט. אָבער אויך אַהער איז דאָך דורך פאַרשיידענע וועגן אָריינגעדרונגען אָפּגעריסענע קורצע ידיעות פון דער פריי; די לעבעדיק באַגראָבענע האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער פּראָטעסט אין יאַקוטסק האָט אויפגערודערט נישט בלויז זייערע חברים אין די פאַר־שיידענע ערטער פון פאַרשיקונג אין סיביר, נאָר האָט אויך געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם אין דער וועלט — אין אייראָפּע און אַמעריקע. אַן אויסערגעוויינטלעכע ראָל האָט דאָ געשפּילט דער שוין דערמאָנטער באַרימ־טער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט דזשאָרדזש קענאַן, וואָס האָט געמאַכט אין יענע יאָרן אַ רייזע איבער רוסלאַנד און סיביר. קענאַן האָט געהאַט אַ גוטע כוונה — ער האָט געמיינט, אַז אויב ער וועט גוט זיך באַקענען מיט דער לאַגע, גוט זי אויספאָרשן — וועט ער געוויס קענען אויפקלערן וועלכער צד ס׳איז גערעכט אין דעם קאַמף — די צאַרישע רעגירונג צי די רעוואָלוציאָנערן. די רעגירונג האָט אים געגעבן די פולע מעגלעכקייט צו באַזוכן אַלע ערטער, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, פירן שמועסן אין די טורמעס און פאַרשיקונג־ערטער מיט וועמען ער וויל נאָר, פאַרשן אַלזייטיק די לאַגע ווי ער פאַרשטייט אַליין. קענאַן האָט דאָס אַלץ דורכגעפירט ערנסט און אופריכטיק און ס׳האָט זיך באַקומען אַ בילד פונקט דער היפך ווי דאָס האָט געוואָלט די צאַרישע רעגירונג: זיין בוך „סיביר און פאַרשיקונג״, וואו ער באַשרייבט אַלץ, וואָס ער האָט געזען האָט געווירקט אין אייראָפּע און אַמעריקע ווי דער אויפרייס פון אַ באָמבע. דער רושם אין ענגלאַנד איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין פאַרלאַמענט האָט מען אַריינגעטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע וועגן דער יאַקוטסקער טראַגעדיע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן, אַז דער רעזשים אין רוסלאַנד איז נישט בעסער ווי דער רעזשים פון ״בלוטיקן סולטאַן״ אַבדול האַמיד און זיינע באַשי־בוזוקן.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען: פרייער מאַכן דעם רעזשים, גיין אויף הנחות — וואָלט דאָך באַטייט מודה זיין, אַז קענאַן איז גערעכט מיט זיינע רעוועלאַציעס; אָפּ־לייקענען, זאָגן, אַז קענאַן שרייבט כזב ושקר — וואָלט מען דאָך נישט געגלויבט; חוץ דעם זיינען נאָכן דערשיינען פון קענאַנס בוך פיל פאַר־שיקטע אַנטלאָפן פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון סיביר, און זיי האָבן געגומען באַשטעטיקן אין דער עפנטלעכקייט קענאַנס אַנטפּלעקונגען; די גאַנצע וועלט־פּרעסע האָט זיך אָפּגערופן און געשטורעמט דעם געוויסן פון דער וועלט. די רעגירונג האָט אויסגעקליבן אַ מיטעלן וועג — געגעבן פאַרשיידענע פאַרלייכטערונגען אין דער פאָרם פון „אַן אלערהעכסטן

חסד״, אמנעסטיע־באַפעלן, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צו באַשטימטע פייערלעכע דאַטעס און יום־טובים פון דער צאַרישער פאַמיליע. גאָץ און דריי זיינע חברים האָבן גענאָסן פון צאַרישן חסד נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און אַרויפגיין אויפן טראָן פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. זיי זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון דער קאַטעגאָריע „אייביקע קאַטאָרזשאַנעס״ אין דער קאַטעגאָריע „צוואַנציק־יאָריקע״. לויטן געזעץ האָבן פאַרמשפטע אויף צוואַנציק יאָר, אָפּזייענדיק אַכט יאָר, ביי אַ גוטער אויפפירונג, געקענט אַרויס אין דער אַזוי גערופענער „פרייער קאָמאַנדע״, און נאָך וויטערדיקע זעקס יאָר — שוין בלויז אויף פאַרשיקונג. נאָכמער, אונטערן נייעם צאַר האָבן גענומען בלאָזן פרישע ווינטן — מ׳האָט זיך גענומען פאַרגלעטן יענע באַזונדערס מיאוסע מעשים, וואָס זיינען געשען פאַר דער צייט פון זיין טאַטן; איינע פון אַזעלכע איז געווען די יאַקוטסקער שחיטה פון 1889. האָט מען גענומען איצט פונדאַסניי איבערקוקן דעם פּראָצעס און געביטן די אורטיילן, אנולירט זיי אָדער פאַרקלענערט. גאָץ האָט אויף אַזאַ אופן געדאַרפט בלייבן אין סיביר ביז אויגוסט 1898, נאָכדעם האָט ער געדאַרפט געווייִנטלעך אָפּזיין פיר יאָר אונטער פּאָליציי־אויפזיכט אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד מיטן פאַרבאָט אַריינצופאָרן אין די הויפּט־שטעט. פון יאָר 1896 האָט ער געוואוינט אין קורגאַן, פון וואַנען מ׳האָט אים דערלויבט אַריבערצופאָרן קיין סעמיפּאַלאַטינסק, די הויפּטשטאָט פון א. ג. „סטעפּנאָי קראַי״; ער האָט דאָרטן צוזאַמען מיטן פּאָעט מעלשין־יאַקובאָוויטש („פּע—יא״), וואָס איז געווען אויף קאַטאָרגע אין אקאטוי און אַנדערע פאַרשיקטע, — רעדאַקטירט די צייטונג „סטעפּנאָי קראַי״; די צענזור־באַדינגונגען זיינען געווען שווערע אין אַזאַ פאַרוואָרפן העק, אָבער דאָך פלעגט גאָצן און די איבעריקע געלינגען אַדורכצושמוגלען די אידייען פון די באַליבטע גייסטיקע פירער לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי.

די פּאָליציי־אויפזיכט אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד האָט גאָץ אַדורכגעמאַכט אין אָדעס. דאָ איז ער געוואָרן דער שעף פון דער אָדעסער פיליאַלע פון דער טיי־פירמע וויסאָצקי און האָט אויף דעם פּאָסטן אַרויס־געוויזן גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע און אונטערנעמערישע פעאיקייטן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד, וואו ער וועט קאָנען זיין צעשטערטע געזונט פאַרריכטן אונטער דער אויפזיכט פון גרויסע ספּעציאַליסטן. די באַמיאונגען פון די רייכע מאַגנאַטן פון דער טיי־אינדוסטריע זיינען געלונגען — גאָצן איז דערלויבט געוואָרן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד.

אויף עמיגראַציע — רעדאַקטאָר פון צענטראַל־אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא״

איין מאָל בין איך געזעסן און געשריבן אַ נייעם אַרטיקל פאַרן זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ אונטער דער רעדאַקציע פון ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, ס׳איז אַריין אַ מאַן מיט אַ גאַנץ געוויינטלעכן אויסזען, אָבער אויסערגעוויינטלעכע דורכדרינגלעכע לעבעדיקע אויגן, און מיט אַ ליבן שמייכל געזאָגט: „איך בין גאָץ, לאָמיר זיין באַקאַנט״. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1901. קורץ פאַר דעם איז געווען ביי אונדז צוגאַסט אַ געקומענער פון רוסלאַנד ״חבר דימיטרי״ — דער אומלעגאַלער נאָמען פון גריגאָרי גערשוני. גאָץ האָט מער נישט געדאַרפט אָנרופן דעם דאָזיקן נאָמען און איך בין שוין געוואָרן די אויפמערקזאַמקייט אַליין.

— איר ווייסט שוין פון דימיטרין, האָט גאָץ אָנגעהויבן און גלייך צוגעטראָגן צום ענין: אונדזער נאָר וואָס אויסגעבילדעטע פּאַרטיי האָט באַקומען אַ שרעקלעכן קלאַפּ — ס׳איז אַריינגעפאַלן די גרויסע אומלעגאַלע דרוקעריי אין טאָמסק. די דובליקאַטן אָבער פון אַלע מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען אַריין אין דורכגעפאַלענעם נומער 3 „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא״ זיינען געבליבן גאַנץ און מ׳האָט זיי געבראַכט אַהער. די דאָרטיקע חברים ווילן ענטפערן אויפן דאָזיקן דורכפאַל — מיט אַרויסגעבן תיכף, אָבער טאַקע מאָמענטאַל דעמזעלביקן נומער. פאַר זיי איז דאָס אַ „כבוד־פראַגע״ פון דער ניי־געבוירענער פּאַרטיי. דאָס דאַרף מען מאַכן דאָ. אָבער „דמיטרי״ האָט אַ שוואַכע האָפענונג, אַז אים וועט געלינגען גלייך ווי ער קומט צוריק קיין רוסלאַנד אויפשטעלן אַ נייע אומלעגאַלע דרוקעריי. ס׳וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען ער קלייבט צונויף דעם גאַנצן מאַטעריאַל אויף נאָך צוויי־דריי נומערן און שיקט אים איבער אַהער; ער בעט טאַקע, אַז איך און איר, זאַלבענאַנד, זאָלן אויף דער צייט נעמען אויף זיך די פליכט — ענדגילטיק צונויפצושטעלן און אויסרעדאַגירן אָט די צוויי־דריי נומערן. דאָס איז געוויס נישט אַזוי שווער און קיין סך אַרבעט איז דערביי נישטאָ, און ער צווייפלט נישט, אַז מיר ביידע וועלן מסכים זיין און וועלן מיט דערפאָלג דאָס אַדורכפירן. אָבער...

גאָץ האָט זיך פאַרטראַכט און מיט אַמאָל ענדערנדיק אינגאַנצן דעם טאָן, האָט ער גלייך אַוועקגעשטעלט די פראַגע:

— זאָגט מיר גאַנץ אָפן: גלויבט איר, אַז אַלץ וועט טאַקע אַזוי זיין? איך האָב ספקות. דאָס צונויפשטעלן דעם ערשטן נומער אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהייבן סוף 1899; דער ערשטער נומער האָט די דאַטע

1900, דער צווייטער — 1901, דער דריטער — אויב ער וואָלט נישט אַדורכגעפאַלן — וואָלט אַרויס אַט איצט אָדער עטוואָס שפּעטער, מיט איין וואָרט, אויף דער גרענעץ פון 1901 און 1902. צו איין־איינציקן נומער אויף אַ גאַנץ יאָר; צי אַזוי ווערט דאָס געפירט פּראָפּאַגאַנדע? דאָס איז פּשוט אַן אויסגעשריי „אַ־או" — אַ סיגנאַל, אַז מיר לעבן נאָך... נישט אמת?

איך האָב איבער דער דאָזיקער פראַגע זיך נישט פאַרטראַכט, אָבער די פאַקטן האָבן גערעדט פאַר זיך, און איך האָב בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

גאָץ האָט דעמאָלט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז מ'טאָר ווייטער נישט נאַרן זיך אַליין; קוים איז געלונגען איינמאָל צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד מיטן מאַטעריאַל פאַר אַ נומער, דאַרף מען תיכף אָנהייבן מיטן אָרגאַניזירן די גאַנצע אַרבעט פון רעדאַקטירן, צוגרייטן, דרוקן און אַרויסגעבן דעם אָרגאַן דאָ אין אויסלאַנד. נישטאָ וועגן וואָס זיך צו אַמפּערן: וועט געלינגען דאָרטן אָנצוקשטעלן אַ דרוקעריי, וואָס זאָל רעגולער אַרבעטן — איז מה טוב; אָבער אויך דעמאָלט טאָרן מיר נישט דאָ אין אויסלאַנד פאַרמאַכן די דרוקעריי אָדער ליקווידירן די רעדאַקציע; זאָלן זיי דינען ווי אַ רעזערוו אין פאַל פון אַ דורכפאַל אין רוסלאַנד. די פּראַקטיק לערנט אונדז אָבער, אַז די פּלענער צו אָרגאַניזירן אַ געהעריקן רעגולער דער־שיינענדיקן אָרגאַן אין רוסלאַנד גופא — דאָס איז שרייבן מיט אַ שטעקן אויף וואַסער.

איך האָב נאָך געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ מוזיניקל אין דער פּאַרטיי און נישט געהאַט נאָך גאַנץ דרייסטקייט אָנצונעמען אַ קאַטעגאָרישן באַשלוס אין דער פראַגע; איך האָב אָבער נישט געהאַט וואָס אָפּ־צופרעגן פון זיין מיינונג. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט דאָס אַלץ געזאָגט אויך דימיטרין און יענער האָט אינגאַנצן מסכים געווען מיט אים. ער האָט פאַר מיר פונאַנדערגעוויקלט ברייטע פּערספּעקטיוון און איך האָב זיך צוגעהערט מיט גרויס באַגייסטערונג; ס'איז נישט געווען קיין גוזמאות ביי אים גיכער פאַרקערט (דאָס לעבן האָט שפּעטער פונאַנדער־געוויקלט פאַר אונדז נאָך מער דרייסטערע פּערספּעקטיוון).

מיר האָבן אַרומגערעדט דעם פּלאַן — אין וועלכער שטאָט איינאָרדענען די דרוקעריי, די רעדאַקציע און דעם גאַנצן אַפּאַראַט. לאָנדאָן, וואָס האָט אין הערצענס צייטן געבילדעט אַזאַ צענטער, איז איצט אַראָפּ פון סצענע, וואָס ס'באַווייזט דאָס וועגעטירן פונעם „פאָנד פון רוסישער פרייער פּרעסע" און אויך פונעם זשורנאַל „נאַקאַנוניע" אונטער דער רעדאַקציע פון סערעבריאַקאָוו (אמת, דער טויט פון זייער בעסטן פּובליציסט סטעפּ־ניאַק־קראַווטשינסקי האָט אַ סך גורם געווען צו זייער וועגעטאַציע). אין

פּאַריז האָבן מיר נישט געהאַט קיין חשק צוליב דעם „רוסיש־פראַנצויזישן פריינטשאַפט־בונד", וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן ביים אויספּיקן זיך; איז געבליבן זשענעוו (שווייץ). איך האָב מסכים געווען אַריבערצופאָרן פון בערן, וואו איך האָב געוואוינט, קיין זשענעוו. הגם אין בערן האָב איך געהאַט מיין פריינט זשיטלאָווסקין און זיין רייכע ביבליאָטעק מיט ביכער דער עיקר וועגן סאָציאָלאָגיע און פילאָסאָפיע.

דאָס אויסקלייבן זשענעוו פאַרן זיץ־אָרט פון דער רעדאַקציע „רעוו. ראָסיא" איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ צופעליקייט, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסערע טעכנישע באַדינגונגען. דאָ איז געווען אַ טיפערער זין, נעמליך — אַביסל זיך דערווייטערן, אין פּלאַץ וויי־ניקסטנס, פון די עלטערע גרופּן מיטן ריין־נאַראָדאָוואָלטשעסקן גייסט, וואָס האָט געהערשט אין זיי און וואָס זייער צענטער איז געווען פּאַריז, — אַ מין פאַרזיכטיקע אָפּגעזונדערטקייט פון די „קינדער" בנוגע די „טאַטעס". עפּעס ענלעכעס איז געשען אויך מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטן. ווען דער באַרימטער דריילינג — לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו איז פון רוסלאַנד אַנטלאָפן אויף עמיגראַציע, האָבן זיי דעם צענטראַלן אָרגאַן „איסקרא" לכתחילה אַרויס־געגעבן אין דייטשלאַנד, האָפנדיק צו האָבן שוץ אונטער די פליגלען פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס איז געווען דעמאָלט די גייסטיקע פירערין פון אַלע סאָצ. דעמ. פּאַרטייען אין אייראָפּע; שפּעטער אַ ביסל, ווען דער פּאָליטישער רעזשים אין דייטשלאַנד איז נישט געווען אַזוי גינציק און זיכער פאַר דער „איסקרא", האָט מען זיך אַריבערגעטראָגן קיין לאָנדאָן, — און דאָס נישט קוקנדיק דרויף, וואָס אין זשענעוו האָט געוואוינט דער „פאָטער פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן" פּלעכאַנאָוו און דאָרטן איז געווען פון פריער אַ גוט איינגעפונדעוועטע קאָלאָניע פון עלטערע סאָצ. דעמ.

די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן זיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע ווי מיר אין דער דאָזיקער הינזיכט. ווען לענין — מאַרטאָוו — פּאָטרעסאָוו זיינען געקומען קיין אויסלאַנד, האָבן זיי אין רוסלאַנד איבערגעלאָזן אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערס גוט־אויסגעבויטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — די „קאַמף־פאַרבאַנדן פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבע־טער־קלאַס"; מיט זיי איז דער דריילינג געווען ענג פאַרבונדן און האָט געבילדעט אין אויסלאַנד דעם אָנפירנדיקן אַוואַנגאַרד. האָבן זיי זיך געקענט האַלטן אַ ביסל מער זעלבשטענדיק בנוגע דער אַלטער סאָצ. דעמ. עמיגראַציע מיט פּלעכאַנאָוון בראש. מיר האָבן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס נישט פאַרמאָגט, די קליינע גרופּע יונגע עמיגראַנטן, ווי למשל, איך און גאָץ האָבן אַ סך מער זיך געמוזט רעכענען מיט די „אַלטע" — רובאַ־נאָוויטש, רוסאַנאָוו און אַנד. וואָס האָבן שוין אַרויסגעגעבן פון פריער

אין פּאַריז דעם אָרגאַן „וויעסטניק רוסקאַי רעוואָלוציאי״. נאָכן דורכפּאַל אין רוסלאַנד פונעם „צפון־פּאַרבאַנד פון די ס. ר.״ מיט דער דרוקעריי אין טאָמסק, וואו מ׳האָט געדרוקט די „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא״, — איז מען געווען געצוואונגען דעם אָרגאַן אַריבערטראָגן קיין אויסלאַנד, וואָס האָט נאָך מער געמאַכט קאָמפּליצירט אונדזער לאַגע און אויפגאַבן.

ווען גאָץ האָט פון פּאַריז געדאַרפט אַריבערפאָרן קיין זשענעוו איז דאָרטן אַנטשטאַנען אַ מין אָפּאָזיציע קעגן דעם. ווי געזאָגט, האָט אין פּאַריז געהערשט דער אַלטער גייסט פון דער אַלטער נאַראָדאָוואָלטשעסטווע מיטן סקעפּטיציזם בנוגע דעם דאָרף און אומגלויבן אין זיינע רעוואָלוציאָנערע מיגלעכקייטן; בראש איז געשטאַנען די רעדאַקציע פון „וויעסטניק״, די יונגע זיינען אויך אַזוי ווייט געווען נישט צופרידן מיט דער ליניע פון „וויעסטניק״, אַז זיי האָבן געוואָלט, ווי דער היציקער ש. אַנ־סקי למשל, זיך אָפּזאָגן אײנגאַנצן צו מיטאַרבעטן דאָרטן; מיר האָט געקאָסט אַ סך מי אָפּצוהאַלטן די חברים פון אַזעלכע דראַסטישע טריט קעגן דער רעדאַקציע. גאָץ האָט זיך אויך געהאַלטן ביי אַזאַ פרידלעכער טאַקטיק אין פּאַריז; זיין אָפּפאָר קיין זשענעוו האָט אָפּגעשוואַכט די כוחות פון די יונגע אָפּאָזיציאָנערן, קעגנער פון „וויעסטניק״. ווען גערשוני איז געקומען קיין אויסלאַנד האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן אַריינצוטראָגן אָרדענונג אין די באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס; ער צוזאַמען מיט גאָצן האָבן אויסגעפונען אַ פאָרמולירונג, וואָס האָט באַפרידיקט ביידע צדדים: „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא״ איז דערקלערט געוואָרן פאַרן אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, דער „וויעסטניק״ — פאַרן טעאָרעטישן. ביי אונדז איז אויף אַזאַ אופן געשען דאָס זעלביקע וואָס ביי די סאָצ. דעמ.: — „איסקרא״ איז געוואָרן דער צענטראַלער פּאָליטישער קאָמפּאָרגאַן. דער זשורנאַל „זאריא״ איז געבליבן ביי די „אַלטע״ ווי אַ טעאָרעטישער אָרגאַן פאַר דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. גאָץ האָט נאָך געשאַפן מיטלען פאַר רובאַנאָוויטשן און רוסאַנאָוון אויף אַרויסצוגעבן דעם פראַנצויזישן זשורנאַל „רוסישע טריבונע״ אויף צו אינפאָרמירן די פראַנצויזישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג און די סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד וועגן דער לאַגע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דעמאָלט ערשט איז ער מיט אַ רואיקן געוויסן אַריבערגעפאָרן קיין זשענעוו, וואו ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער רעדאַקציע־אַרבעט פון „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא״.

ווען גערשוני איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד האָט גאָץ זיך ביי אים געבעטן ער זאָל זיך נישט איילן אַ סך מיטן אָוועקשטעלן דאָרט אַ נייע דרוקעריי, וואָס קאָן לייכט דורכפאַלן; ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט רעגולער קאָנען דערשיינען אין אויסלאַנד אַ פּעריאָדישער זשורנאַל און ער וועט פּינקטלעך צוגעשטעלט ווערן צו די באַשטימטע גרענעץ־פּונקטן,

פון וואַנען ער וועט פאַרשפּרייט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד. אָט די פאַר־זיכערונג גאָצס איז אויסגעפּילט געוואָרן נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי מ׳האָט פריער גערעכנט. עטלעכע חדשים נאָכדעם איז דער פאָרמאַט פון זשורנאַל צווייפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן, אנשטאָט איין מאָל אין חודש האָט ער אָנגעהייבן אַרויסגיין צוויי מאָל; שפּעטער האָט מען צווישן איין נומער און אַנדערן אַרויסגעגעבן „פלוגבלעטער" וועגן וויכטיקע געשעענישן און פּאָליטישע אַקטן, אויך ספּעציעלע „ביילאַגעס" מיט דיסקוסיע־אַרטיקלען וועגן פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק. לויפנדיקע נומערן זיינען אַרויס 77, דער לעצטער געזעגענונגס־נומער איז אַרויס אין דריי באַזונדערע אויפלאַגעס, צוליב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון יאָר 1905; צו אונדזער גרויס ווייטיק איז דער „ליטעראַרישער שטאַב" פון דער צייטונג — מיכאיל גאָץ שוין געווען דעמאָלט האָפנונגסלאָז קראַנק...

רייך און פאַרשיידנאַרטיק האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט די אַרבעט אין זשענעווו. אַלע האָבן גאָצן געפרעגט — וואו נעמט ער אַזוי פיל צייט, כוחות און געלט? ער האָט געוואוינט אין אַ באַשיידענער דירה, אַן אַרבעט־קאַבינעט, וואָס זיין איינציקע צירונג איז געווען אַ פּאָליצע מיט גרינטלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק אויפן געביט פון געשיכטע און אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם; די דירה האָט זיך ווייניק אונטערגעשיידט פון יענעם שמאָלן צימער אויף מאָראָסעיקע אין מאָסקווע, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן. פלעגט זיך קליידן איינפאַך; אין די וואַרימע זשענעווער זומער־טעג פלעגן מיר אים געפינען אין אַ געוויינטלעכער בלויער בלוזע, אויסגעצייט ביים אָפענעם האַלדז און ביי די אַרבעל; אין די קאַלטע טעג פלעגט ער די בלוזע פאַרבייטן אויף אַ גרויען אַרבעט־רעקל פאַרשפּילעט שטייף ביזן האַלדז. פלעגט גערן אויפנעמען געסט, גערן זיי פאַרהאַלטן ביי זיך אויף פרישטיק אָדער מיטיק. דעמאָלט פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט דער „הייליקער עבודה", ווי אַ סטאַראָסטע אין אַ טורמע־קאַמער, — באַוואָפנט מיט אַ גרויסן מעסער פלעגט ער זאָרג־פעליק באַקוקן אַלע אָנוועזנדיקע און גלייכמעסיק טיילן שטיקלעך פלייש און אַנדערע מאכלים, חלילה נישט באַעוולהנדיק קיינעם ביים פאַרטיילן. מאַנכע געסט פון דער „גרויסער רייכער וועלט", וואָס פלעגן אים באַזוכען, פלעגן זיך וואונדערן, ווי אַזוי אָט דער מענטש, וואָס שטאַמט פון אַזעלכע שטיינרייכע פינאַנץ־ און אינדוסטריע־קרייזן, לעבט אַליין אַזוי באַשיידן, פונקט ווי ער וואָלט געליטן נויט. וואָס איז עס — האָט מען געפרעגט — צי באַעוולהט אים זיין רייכע משפחה? צי איז ער גאָר אַליין אַן אסקעט, וואָס וויל נישט געניסן פון לעבן?

— גאָר פשוט, האָט איינמאָל געזאָגט פאַר מיר אין די אויגן רוסאַנאָוו:

ער איז נישט קיין אַסקעט. ער איז מערנישט ווי אַן אָנגעשטעלטער ביי דער רעוואָלוציע, באַמיט זיך מיט אַלע מיגלעכקייטן אַרויסצושניידן פון זיין אייגענעם ביודזשעט וואָס אַ גרעסערן חלק פאַר דער רעוואָלוציע...״

ער פלעגט זיך אָפּזאָגן צו געניסן פון אַ קאָמפּאָרט־לעבן, פון פאָרן אין קורערטער, באַנוצן טייערע וועלט־באַרימטע דאָקטוירים אדג״ל.: דרויף פלעגט ער באַקומען פון זיין פאַמיליע ריזיקע סומען, אָבער ער פלעגט דערפון אַלץ שניידן פאַר די באַדערפעניש און נויטווענדיקייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פאַר שאַפן נייע אונטערנעמונגען, אויספירן נייע פּלענער, אויסזוכן נייע וועגן און אופנים פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אגב האָט ער דאָ געדינט ווי אַ גוטער מוסטער פאַר זיין גאַנצער פאַמיליע פון דער „טיי־דינאַסטיע״ — זיי פלעגן צאָלן גרויסע סומען פאַר דער פּאַרטיי; ראַפּאַילאָוו אַליין אָבער איז דאָ געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַץ.

אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז גראָד אין רעכטן מיטן סעזאָן פון דער אַרבעט פלעגט גאָץ נעמען אַרויסשלעפּן פון ערגעץ טייערע וואַליזעס אָנגעפּאַקטע מיט טייערע וועש, קליידער, פראַקן, האַלדז־בינדעס פון דער לעצטער מאָדע, — מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געזען טראָגן אַזעלכע קליידער. וואָס איז געשען ?... ער דערציילט אונדז, אַז עמיצער פון זיין פאַמיליע איז געקומען צופאָרן קיין אויסלאַנד און ער מוז מיט די געסט פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן, אַרומפאָרן איבער די עלעגאַנטסטע קורערטער, באַקוקן אויסשטעלונגען מוזעאומס, באַזוכן שפּילקאַסינאָס, זיך אַריבערכאַפּן קיין מאָנטע־קאַרלאָ אַ שפּיל טאָן אין רולעטקע אאז״ו. פון יעטווידער אַזאַ רייזע פלעגט גאָץ זיך צוריקקערן מיט אַ היבשן ריווח פאַר דער פּאַרטיי — אפילו שפּילער אין מאָנטע־קאַרלאָ פלעגן באַשטייערט ווערן לטובת דער רעוואָלוציע... גאָץ האָט שוין געקאָנט אויסנוצן זיינע באַקאַנטשאַפטן און פאַרבינדונגען אין אַזעלכע ספערן אויף צו ברענגען פינאַנציעלע נוצן פאַר דער פּאַרטיי. אָבער אַזעלכע פּוסטע פאַרווײַלונגען און רייזעס צוזאַמען מיט פּוסטע נפשות, וואָס זעען זייער גאַנצן זין פון לעבן בלויז אין אַזעלכע פאַרווײַלונגען — פלעגן אויסמאַטערן גאָצן. מיר פלעגן זען מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קוראָרט־קליידער, שליידערט אַוועק די אָנגעפילטע וואַליזעס, טוט אָן צוריק זיין אַרבעט־בלוזע און — צו דער אַרבעט!

גאָץ האָט זייער אַ סך צייט און כוחות אָפּגעגעבן דעם אידייאישן לעבן פון דער פּאַרטיי בכלל און באַזונדערס דער ליטעראַרישער אַרבעט. זייענדיק נאָך באַלאַדן מיט דער פּראַקטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט האָט ער זיך באַטייליקט אויך אין אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט פון אונדזער פּאַרטיי־פּראָגראַם. איך דערמאָן זיך ווי אַזוי ער האָט זיך דענערווירט ווען

מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז איבער די פּאַרטיי־קרייזן גייט אַרום אַן עקזעמפּלאַר פון אַן אַנדער פּראָגראַם־פּראָיעקט, וואָס ס׳האָט אויסגעאַרבעט אַ וויכטיקער טוער פון סאַראַטאָוו ראַקיטניקאָוו. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט; אַ פּראָגראַם פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — האָט ביי אים געהייסן — דאַרף זיין געבויט אויפן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ פון מאַרקס און ענגעלס, — וואָס קאָן זיך באַגיין אָן פּאָרמולירן וועלכע נישט איז מינימום־פאָדערונגען אין אַ מינימאַל־פּראָגראַם; אָט אַזעלכע מינימום־פאָדערונגען דאַרפן דערפירט ווערן פּשוט צום סאָציאַליזם, צו דער „מלוכה פון דער צוקונפט״ ווי איין גאַנצע „פּערעספּעקטיוו־פּראָגראַם״. איך בין געווען קעגן דעם. איך האָב געהאַלטן, אַז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ קאָן אַריין אין יסוד פון פּראָגראַם ווי אַן אַבסטראַקט פאָרמולירטע אַלגעמיינע סטרוקטור פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט. אָבער יעטווידער לאַנד, יעטווידע מלוכה האָט זיך אירע באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט היסטאָריש און דער וועג צום סאָציאַליזם פירט דורך די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן און ס׳מוזן פאָרמולירט ווערן פאַר יעטווידן לאַנד די מינימום־פּראָגראַמען, וואָס מוזן זיין צוגעפּאַסט צו די היסטאָרישע אייגנאַרטיקייטן פון געגעבענעם לאַנד. ראַקיטניקאָוו איז אַראָפּגעקומען קיין זשענעוו צו פּאַרטיידיקן זיין פּראָגראַם־פּראָיעקט. ער האָט געהאַט ביי זיך אין רעזערוו נאָך אַ שטאַרקן אַרגומענט, נעמלעך: האַלטן מיר זיך ביי דער פאָרם פון אַ מין צוויי־פּראָגראַמען — אַ מאַקסימאַלן און אַ מינימאַלן, זיינען מיר דאָך גלייך צו אונדזערע אידעאישע קעגנער די מאַרקסיסטן־סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס ווילן אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן, טריט ביי טריט, גיין צום סאָציאַ־ליזם, בעת מיר האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס מיינט מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען איבערבויען די היינטיקע געזעלשאַפט אויף אַ סאָציאַליסטישע.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די דיסקוסיעס איבערן פּראָגראַם. גאָץ און גערשוני האָבן זיך באַטייליקט אין זיי נישט לאַנג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז פאַרן מאַקסימאַלישן פּראָגראַם איז פאַראַן אין דער פּאַרטיי אַ קליינע צאָל אָנהענגער; גאָץ האָט זיך אויסגעדריקט מיט מאַרקס׳ אַן אַפאָריזם: „איין טריט פון דער פּראַקטישער באַוועגונג איז פאַר מיר וויכטיקער ווי אַ טוץ פּראָגראַמען״. גערשוני האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק, צוגעשפּיצט, ביי אַזעלכע מיינונג־פאַרשיידנקייטן, אַז בכלל וועט נישט טויגן אויב ס׳וועלן זיך אָנהייבן שפּאַלטונגען, רייסעניש ביי טעאָרעטישע פאָרמולירונגען. לסוף זיינען מיר געקומען צו אַן אויסוועג: אַריינפירן אין אונדזער פּראָיעקט אַ וואַריאַנט פון מאַקסימאַליסטישן פּראָיעקט (בקיצור — וועגן פּערמאַנענטן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע)

און פונאַנדערשיקן צו אַלע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן דאָס דיסקוטירן און אַרויסשיקן זייער מיינונג. אַזוי איז געשען. אַ יאָר האָט געדויערט דער רעפערענדום און די פראַגע איז געלייזט געוואָרן: אין נומער 46 „רעוו. ראָסיא" פון 5טן מאַי 1904 איז שוין געווען אָפּגעדרוקט דער פּראָגראַם־פּראָיעקט, אָן דעם וואַריאַנט וועגן דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע — ער איז דורכגעפאַלן. און אַ יאָר שפּעטער, אויפן צוזאַמענפאָר אין אימאַטראַ (פינלאַנד) איז די פּראָגראַם אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק; דערביי האָט דער מחבר פון קאָנטער־פּראָיעקט אים אינגאַנצן גאָר נישט אַרויסגעשטעלט, דערקלערנדיק, אַז ער רופט זיך נישט געוואָרן אַ מאַקסי־מאַליסט און ביי אַלע זיינע געוויסע פאַרבאַהאַלטן און „אַפּיקורסות" קאָן ער דאָך אַרבעטן אונטער די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי.

„גאָץ — שרייבט וועגן אים רוסאַנאָוו — האָט ליב געהאַט די אידייע און האָט די דאָזיקע ליבע אַריבערגעטראָגן אויף די טרעגער פון דער אידייע און אירע פאַרווירקלעכער... זיין באַציאונג צו טשערנאָוו, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „רעוו. ראָסיא" אין זשענעוו און וואָס איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פּאָלעמיסטן מיט די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען איז געווען באמת אַ רירנדיקע"... איך האָב שטאַרק געפילט און געשעצט אָט די באַציאונג זיינע צו מיר. ער פלעגט כסדר מיר פאַרלייגן צו שרייבן אויף טעמעס, וואָס ער אַליין האָט דאָס געקאָנט טאָן; ער האָט באַזונדערס שטאַרק געווירקט אויף מיר איך זאָל שרייבן: די סעריע אַרטיקלען וועגן פּראָגראַם־פראַגן, די סעריע געשפּרעכן מיט דער יוגנט ביים אַנאַליזירן די פּאַרטיי־פּראָגראַם, די סעריע — צו די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף און נאָך. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין וואָלט דאָס געמאַכט נישט ערגער פון מיר. לאָמיר זיך דערמאָנען זיין גלענצנדיקע אַרבעט אינעם זאַמלבוך צו מיכאַילאָווסקיס יובילֵיי „אויפן בכבודיקן פּאָסטן" א. נ.: „די סיסטעם פון אמת אין אונדזערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען", וואָס איז אַ מייסטערשטיק פון אַ ליטעראַריש־פּאָליטישער כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע (זינט דער פויערים־באַפרייאונג ביזן פאַרמעסט פון טעראָריסטישן „טויטן־לעגיאָן" קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט). אָבער ער פלעגט כסדר זאָגן: „ס'איז דאָ גענוג שרייבער אָן מיר, זאָל שרייבן וויקטאָר (טשערנאָוו), רוסאַנאָוו און אַנד." ער פלעגט זיך באַמיען צו געבן יעטווידן די ברייט־סטע מעגלעכקייט צו פונאַנדערוויקלען זיינע פעאיקייטן.

שיפרען, באָמבעס, אַטענטאַטן, צוגעגרייט אויף דער פרייער שווייצאַרישער ערד

באַזונדערס רירנד איז געווען די באַציאונג פון גאַנצן צו אונדזער קאַמפּס־קאָמאַנדיר גערשוני. גאָץ איז געווען ווי זיין שטאַב־שעף. יעט־ווידער מאָל ווען גערשוני פלעגט קומען צופאָרן, פלעגט דאָס אַרויסרופן, פאַרשטייט זיך, דיסקוסיעס, באַהאַנדלונג פון די לויפנדיקע וויכטיקע פראַגן, נייע אופנים פון קאָרעספּאָנדירן אאז״ו. פירן די קאָרעספּאָנדענץ מיט גערשונין פלעגט גאָץ. נייע סיסטעמען פון שיפרען פלעגט מען מוזן כסדר צוטראַכטן. ס׳איז באַוואוסט געווען, אַז אין דעם „קאָד״ (שיפער)־אָפּטייל פון מיניסטאָרן־קאַבינעט זיצן אַזעלכע בריות — ספּעציאַליסטן, וואָס קענען דעם קאָמפּליצירסטן שיפער עפענען; זיי קענען אָפּזיצן דרויף לאַנגע וואָכן און חדשים, אפילו די שווערסטע שיפרען פון דער אויס־לענדישער דיפּלאָמאַטיע קעגען זיי פונאַנדערשיפרירן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך מיר האָבן געהאַט אונדזערע ספּעציאַליסטן ביים צונויפשטעלן שיפערס, דורך וועלכע מיר פלעגן זיך דורכשרייבן מיט די חברים אין רוסלאַנד, — האָבן געהאַט באַזונדערע אָפּגערעדטע סימנים, ווי למשל, אַ פּאָר ווערטער: „מזל־טוב״, „תנאים״, „חתונה״, „געבוירן־טאָג״ — אַזעלכע „גליקוואונטשן״ פון אַ פּאָר ווערטער האָבן געקאָנט אַרויספירן פון די כלים די ספּעציאַליסטן־מאַטעמאַטיקער פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, זיי האָבן דאָ גאָרנישט געקאָנט אַרויסטייטשן; מיר פלעגן זיך באַנוצן מיט אילוסטרירטע קאַרטלעך — אַ מענלעכע פיגור אויף דער אילוסטראַציע האָט באַטייט „געלונגען״, אַ פרויען־פיגור — „שלימזל״, „דורכפאַל״. ווען מיר פלעגן, למשל, באַקומען אַ קאַרטל מיטן בילד פון די זייער פּאָפּולערע שריפטשטעלער, ווי גאָרקי, טשעכאָוו, טאָלסטאָי, לעאָניד אַנדרעיעוו — פלעגט דאָס באַטייטן, אַז צום נאָענטן קאַמף־אַקט איז אַלץ שוין פּאַרטיק צוגרייט. עס איז פאַרשטענדלעך מיט וואָס פאַר אַ האַרץ־קלאַפּעניש מיר פלעגן נאָכן באַקומען אַזאַ קאַרטל אַדורכלויפן די נייסטע אויפלאַגעס פון די אָרטיקע צייטונגען און נישטערן און זוכן עפּעס אַ ידיעה וועגן אַן אויסגעפירטן אַטענטאַט. עס פלעגט טרעפן אויך אַ טראַגישע אנטוישונג: אַזוי למשל, נאָכן באַקומען אַ „מאַקסים גאָרקי״ אין זשענעוו האָבן מיר אין דער נאָענטסטער מאָרגן־אויסגאַבע פון „טריביון דע זשענעוו״ איבערגעלייענט די נייס, אַז אין פּעטערבורג, אין „צפון־האָטעל״ איז פון אַן אויפרייס אומגעקומען אַ יונגער בחור לויט ווי מ׳האָט דאָס דערקענט פון אַ שטיקל האַנט, וואָס איז איבערגעבליבן פון אים. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן דערפון, אַז דאָס איז געווען אַלעקסיי פּאָקאָטילאָוו

(ער האָט געהאַט אַזאַ אײדעלן קערפּער מיט ײנגלשע הענט און פיס). ער האָט לאַנג זיך געריסן צו דער קאַמף־אַרבעט, געװען אויף אַזוי װײט דענערווירט צוליבן כסדרדיקן אָפּלייגן זײַן אַרױסטריט, אַז ער פלעגט באַקומען אַן עקזעמע אויפן פּנים.

עס איז דעמאָלט געװען אַ צײַט אַן אויסערגעוויינטלעכע, אַ פיבער־האַפטע, אַ באַרגאַרויפדיקע. אַז איך דערמאָן זיך גאַנצן פון יענער צײַט דוכט זיך מיר, דאָס איז געװען אַ מין ליכט־ראַקעט, װאָס טראָגט זיך מיט אַן אינערלעכן אימפּעט, שיסט כסדר מיט אויפרייסן... איינמאָל, אַ קורצע צײַט פאַר גערשוניס פּלוצלימדיקן אַרעסט (װאָס האָט אים אָבער געבראַכט קיין פּעטראָפּאַװלאָװסק, שליסעלבורג, װיליויסק און אַקאַטוי) איז גאָץ געקומען צו אונדז און געמאָלדן: „מײַנע פרײַנט! איר געדענקט, אַז אין דער טעטיקייט פון „נאַראָדנאיא װאָליא" נאָך אַ ריי נישט געלונגענע אַטענטאַטן מיט רעוואָלווער־שאָסן, איז אַוועק אַ װערטל — „מיר גלויבן װייניק דעם רעוואָליוער!" דעמאָלט האָט זיך אָנגעהייבן די צײַט פון קיבאַלטשיטשן מיט זײַנע באָמבעס. אגב איז דורך בורצעוון דעמאָלט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג וועגן עפּעס אַ נײַסטן „פּאַנקלאַסטיט", וואָס קען זיך אַרײַנפּאַסן אין אַ קליין פּושקעלע גרויס ווי אַ פּאָמעראַנץ (אַראַנדזש) און וואָס ברענגט די זעלביקע רעזולטאַטן ווי די אַקציע פון 1טן מערץ (ווען ס'איז געוואָרן דערהרגעט אַלעקסאַנדער דער צווייטער). אויב דאָס איז אפילו אויף העלפט אמת — האָט גאָץ געזאָגט — גיט אונדז אַזאַ טעכניק און מיר וועלן זיגן!

פון רוסלאַנד איז צו יענער צײַט אָנגעקומען אַ פאָדערונג, אַז ס'איז נייטיק פאַר גערשוניס קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַ נײַע גוט אויספּאַרמירטע מיליטערישע טעכניק. מיכאיל גאָץ האָט געדאַרפט זיך צערייסן, כדי צו שאַפן די מיטלען פאַר אַזאַ טעכניק, און מיטלען גוואַלטיק גרויסע. דאָ האָט מען נישט געקאָנט זיך באַגנוגענען מיט איבערפירן אין בודזשעט איין פּאָזיציע אָדער אַ צווייטע אויפן חשבון פון דער קאַמפּסאָרגאַניזאַציע, און צוליב דעם זאָלן לײַדן די נייטן פון דער מאַסן־באַוועגונג. מען האָט געדאַרפט מאַכן פּראַקטישע פּרוּוון מיט אויפרייס־מאַטעריאַל; ס'האָבן געקענט געשען אומגליקספאַלן, ס'וואָלטן דערפון געליטן פרידלעכע שווייצאַרישע בירגער. מיר האָבן נישט געטאָרט מיסברויכן מיט דער גאַסט־פרײַנטלעכקייט פון דער שווייצאַרישער רעגירונג אין אַזאַ פאַל. גאָץ איז שטרענג געווען דערפאַר, אַז עקספּערימענטן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל טאָר מען אין קיין פאַל נישט מאַכן אין שטאָט גופא, נאָר ערגעץ ווייט אין אַ וואַלד, צי ביים ברעג פון אַ טײַך. אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן און קיין איין שווייצאַרישער בירגער האָט נישט געליטן צוליב אונדזער אַרבעט.

איך דערמאָן זיך פאָלגנדיקע געשיכטע: מ'האָט געדאַרפט אויס־

פּרובירן אַ ניי־געמאַכטע באָמבע; אַ חבר, אַ פּאַרקאַכטער פּישפּאַנגער, וואָס האָט גוט געקענט דעם ברעג פון טייך ראָנא און זיין אומגעגנט, האָט אויפגעזוכט אַ פּאַסיק אָרט דערצו. ערגעץ אין די ווילדערנישן פון ברעג, מ'האָט די באָמבע אָוועקגעלייגט אויף אַ שווערן אייזערנעם וועגעלע, צוגעבונדן צום וועגעלע אַ הונט, וואָס מ'האָט אָפּגעקויפט ביי די שטאָטישע הינט־כאַפּערס; די כוונה איז געווען: אויסגעפינען די קראַפט פון אויפרייס סיי אויפן שווערן אייזערנעם וועגעלע סיי אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש דעם הונט. די אַרבעט האָט געמוזט דורכ־געפירט ווערן ביינאַכט ביז פּאַרטאָג. מ'האָט זיך געשלעפּט פּאַרביי דעם טייך־ברעג, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט ביימער און קוסטעס; מ'האָט ריזיקירט יעטווידע מינוט, ביינאַכט, אין דער פינצטערניש זיך אָנשטויסן אויף אַ גרוב, אַ שטיין אד"גל., וואָס האָט געקאָנט אַרויסרופן אַן אויפרייס פון דער באָמבע און דעם טויט פון די צוויי חברים, וואָס האָבן דעם עקספּערימענט געדאַרפט דורכפירן. דער הונט פלעגט אָפּט אָנהייבן וואָיען, זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס, — אַלץ אַזעלכע נישט דערוואַרטע שטערונגען און שטרויכלונגען; דאָך איז אַלץ אַדורך ווי געהעריק — די באָמבע האָט אויפגעריסן און אַרויסגעוויזן די בעסטע רעזולטאַטן. קיין שום קרבנות זיינען נישט געווען, חוץ, פאַרשטייט זיך, דעם היימלאָזן הונט, וואָס איז שוין סיי ווי געווען פאַרמשפּט צום טויט דורך די שטאָטישע הינט־יעגער.

גאָץ איז גראָד דעמאָלט נישט געווען אין זשענעוו. אָבער ווען ער איז געקומען און האָט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע האָט ער געמאַכט גוואַלדן דעם באָמבע־וואַרפער (דאָס איז געווען ניקאָלאַי בלינאָוו, וואָס איז שפּעטער אין 1905 אומגעקומען בעתן פּאָגראָם אין זשיטאָמיר, אַרויסטרעטנדיק צוזאַמען מיט דער יידישער זעלבסטשוץ) — הלמאי האָט ער גענומען מיט זיך דעם צווייטן חבר, וואָס איז געווען פאַרנומען שטענדיק מיט זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט גאָר אויף אַן אַנדער געביט; מ'האָט נישט געטאָרט ריזיקירן און נעמען אים צו דער דאָזיקער אַרבעט. די מעשה אָבער איז געווען, וואָס גראָד דער חבר האָט גוט געוואוסט די גאַנצע געגנט ביים ברעג, אַלע וועגעלעך און שטעגעלעך, און געקאָנט פירן מיט „פאַרמאַכטע אויגן" ביינאַכט די גאַנצע עקספּעדיציע. פאַר גאָצן איז דאָס אָבער נישט געווען קיין תירוץ.

די עקספּערימענטן מיט דינאַמיט און צוגרייטן באָמבעס פאַר דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד זיינען געווען אויך פאַרבונדן מיט שוועריקייטן פון ריין פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אַזאַ לאַבאָראַטאָריע אין אַ קליין אָפּגעזונ־דערט זומער־הייזל ערגעץ הינטער זשענעוו. דאָרטן האָבן געוואוינט און

געאַרבעט דער שוין דערמאָנטער בלינאָוו מיט זיין פרוי, אַ יונגע און זייער אַ שיינע. זי איז געווען שטערבלעך פאַרליבט אין מאַן און ער האָט איר אויך געצאָלט מיט די זעלבע געפילן. די קאָמוניקאַציע מיטן הייזל איז געווען שטרענג קאָנספּיראַטיוו, די אַרבעט איז אַוועק גאַנץ גוט. פּלוצים האָט זיך אַלץ געענדערט. פרוי בלינאָוו האָט אָנגעהייבן באַמערקן, אַז אַרום הייזל דרייען זיך אַרום עפּעס פאַרשוינען און פרעגן פונאַנדער די שכנים וועגן עפּעס „כעמישע ריחות", וואָס הערן זיך אַרויס פון הייזל. קיינער פון אונדז, וואָס פלעגן באַזוכן די לאַבאָראַטאָריע האָבן אַזעלכע ריחות נישט געשפּירט. שפּעטער איז געקומען אַן אַנדער געשיכטע: פרוי בלינאָוו, גייענדיק אין זשענעוו אויף איינער פון די באַלעבעסטע גאַסן האָט צופעליק אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן צוויי פאַרשוינען טאַקע וועגן עפּעס „כעמישע ריחות", וואָס מען שפּירט אין דער לופט נעבן דאָס הייזל (די שמועסער האָבן דייטלעך אָנגערופן דאָס אָרט, וואו די לאַבאָראַטאָריע האָט זיך געפונען)... די געשיכטע האָט אויסגעזען צו זיין זייער פאַנטאַסטיש, אָבער מיר זיינען דאָך געוואָרן זייער אומרואיק פאַרן גורל פון דער לאַבאָראַטאָריע — צי איז נישט אַ דורכפאַל? צווישן דער פאַמיליע בלינאָוו און די איבעריקע מיטגליד פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך צוליב דעם איינגעשטעלט אָנגעשטרענגטע נישט אויפריכטיקע באַציאונגען — עפּעס איז נישט גלאַטיק אין אַזעלכע מעשיות... נאָכמער זיינען מיר געוואָרן אומרואיק און דערשטוינט, ווען אויפן אַדרעס פון אונדזער שטאַב־דירה אין זשענעוו איז אָנגעקומען אַן אַנאָנימער בריוו; דער שרייבער גיט זיך אַרויס פאַר אַ באַאַמטן פון דער געהיימער פּאָליציי אין רוסלאַנד, — ער האָט מסכים געווען צו אַרבעטן קעגן די רעוואָלוציאָנערן, שפּיאָנירן זיי, אָבער איצט האָט אים זיין געוויסן געגומען פייניקן און ער קויפט אויס זיין שולד דערמיט, וואָס ער מעלדעט מ'זאָל וויסן, אַז אַלע רעוואָלוציאָנערע אנשטאַלטן אין זשענעוו, אפילו די סאַמע געהיימע און פאַרקאָנספּירירטע, זיינען אויפ־געדעקט און געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער געהיים־פּאָליציי... יעטווידע מינוט קאָן מען דערוואַרטן אַ דורכפאַל...

ס'האָבן זיך אָנגעהייבן באַראַטונגען, פּלענער, קאָפּדרייעניש — וואו ליגט דער מקור פון אַזעלכע פאַנטאַסטישע געשיכטעס — איז אפשר פאַראַן אַן אינערלעכער פאַרראַט? ס'האָבן זיך אָנגעהייבן חשדים, אפילו אין אונדזער ענגן קרייז האָט איינער דעם צווייטן נישט געטרויט, די אַטמאָספער איז געווען פאַרפעסטעט... אָסיפ מינאָר האָט זיך דער־וואוסט, אַז אין זשענעוו איז פאַראַן עפּעס אַ וואונדערלעכער גראַפאָלאָג, וועגן וועמען מ'פלעגט דערציילן, אַז ער פלעגט לויט עמעצנס האַנט־שריפט דערקענען דעם כאַראַקטער פון שרייבער, זיינע פּסיכישע שטריכן

אאז״ו. דער גראַפּאָלאָג האָט לאַנג שטודירט דעם בריוו און געפּסקנט: אים האָט געשריבן אַ פרוי, מיט אַן אייגנאַרטיקן, נישט דורכשניטלעכן כאַראַקטער; ער האָט צוגעגעבן נאָך עטלעכע דינע שטריכן, וואָס האָבן אונדז אָבער קליגער נישט געמאַכט. אַלע אונדזערע, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט די פאַנטאַסטישע געשיכטעס פון דער פרוי בלינאָוו האָבן גענומען חושד זיין, אַז זי איז אויך די שרייבערין פונעם בריוו אין נאָמען פון כלומרשט אַן אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי. אַ פאַרדעכטיקע, ממש קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש אינעם לעבן פון אונדזער קאַמף־אָרגאַני־זאַציע, עס שמעקט אַזוי צי אַזוי מיט פאַרראַט אין רעכטן מיטן האַרצן אירן... פּאָקאָטילאָוו איז געקומען מיט אַ פּלאַן: ער איז מקריב זיך כדי פּטור צו ווערן פון דער געפערלעכער פרוי בלינאָוו. ווי אַזוי? זיי וועלן אַוועק אַלע דריי אויף אַ שפּאַציר אין די בערג; אין אַ געפערלעכן אָרט וועט ער צוזאַמען מיט איר אַריינפאַלן אין אַ טיפן שלוכט... זי וועט זיך שוין נישט צוריקקערן אַהיים, דער מאַן אירער, פאַרשטייט זיך, וועט שרעקלעך ליידן דערפון, אָבער די גאַנצע געשיכטע מיט איר פאַרראַט וועט גאָר גיך אויסגעוועבט ווערן — אַן אומגליקספאַל אין די בערג ווי ס׳טרעפט אָפט... די אַטמאָספער וועט אויסגעלופטערט ווערן.

גאָץ האָט לאַנג געקעמפט מיט פּאָקאָטילאָוון ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ פּלאַן. ער האָט געקענט ווי דער הויפּט־באַפולמעכטיקטער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פּשוט פאַרווערן פּאָקאָטילאָוון אַזאַ אַרויסטריט; דאָך זעענדיק פּאָקאָטילאָווס גייסטיקע יסורים און פאַרביסנקייט, האָט ער זיך באַמיט צו ווירקן אויף אים מיט מאָראַלישע אַרגומענטן. ער האָט ענדלעך מסכים געווען אָנצופאַרטרויען קאַליאַיעוון דעם ענין און פאַרלאָזן זיך אויף זיין מיינונג. קאַליאַיעוו, וואָס האָט דערמאָרדט דעם גרויספירשט סערגיי אין מאָסקווע, איז ביי אונדז געווען באַקאַנט ווי אַן אויסערסט סובטעלע נאַטור — דער „פּאָעט״, ווי מיר פלעגן אים רופן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ער וועט קענען פונאַנדערפלאָנטערן דעם ענין, אין וועלכן ס׳איז פאַרמישט אַ פרוי, וואָס איז ביז משוגעת פאַרליבט אין איר מאַן און וויל מיט אַלע מיטלען אים און זיך ראַטעווען פון טויט־סכנות, וואָס שטייט זיי פאַר — ראַטעווען זייער ליבע פאַר יעטווידן פּרייז! אונדזער מיינונג וועגן זיין סובטילן כאַראַקטער האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט דורך קאַליאַיעווס האַלטונג דעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אויספירן דעם אַטענטאַט אויף סערגייען: ער איז געשטאַנען מיט דער באָמבע אין האַנט גרייט זי צו וואַרפן אין דער קאַרעטע פון גרויספירשט; פּלוצים האָט ער באַמערקט אין קאַרעטע זיצן צוזאַמען מיטן גרויספירשט זיין פרוי און די קינדער, — האָט ער זיין האַנט אַראָפּגעלאָזן, דער גרויספירשט איז דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן. קאַליאַיעוו איז געקומען צו די חברים

און זיי געבעטן אים מוחל זיין — ער האָט נישט געקאָנט וואַרפן די באָמבע און אומברענגען אויך אַ פרוי מיט קליינע קינדער...

קאַליאַיעוו האָט מיט גרויס ליידנשאַפט איינגעטענהט מיט פּאָקאָטילאָוון, אַז ער זאָל אַזאַ אַקט ווי אומברענגען אַן אומגליקלעכע פרוי, וואָס ביי איר איז די ליבע שטאַרקער פון אַלץ אויף דער וועלט — נישט דערוועגן זיך צו טאָן, און ער האָט טאַקע אויסגעפירט. מיט פייכטע אויגן האָט דער צעהיצטער פּאָקאָטילאָוו געזאָגט: „זאָל דאָס נעמען דער טייוול, — אפשר איז דאָס טאַקע צו גוט, כדי ס׳זאָל זיין צוועקמעסיק, אָבער איך גיב זיך אונטער: גוטס איז בעסער און העכער פון צוועקמעסיקייט!" בלינאָוו איז געווען דורך און דורך אַ העראָאישע נאַטור, אַ טעראָריסט ביז די טיפענישן פון זיין נשמה. צוליב דער געשאַפענער לאַגע האָט ער שוין נישט געקאָנט אַרבעטן אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווי ביז איצט; ער האָט זיך אַרום־געדרייט אין אויסלאַנד, נישט געהאַט קיין געהעריק אָרט; גאָץ האָט אים צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד; ער איז געקומען אין זיין געבוירן־שטאָט זשיטאָמיר און דאָרטן שפּעטער געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט, פאַרטיידיקנ־דיק יידן קעגן צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס.

גאָץ, וואָס איז געווען דער איינציקער באַפולמעכטיקטער פון גערשוני אין אויסלאַנד וועגן די ענינים פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָט וויפל מאָל געטענהט, אַז ער האָט נישט קיין חשק זיך אַרומצודרייען אַרום די קאַמף־ענינים, ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳דאַרף אין רוסלאַנד זיין אין רעזערוו נאָך איין קאַמף־אָרגאַניזאַטאָר און אַ נאָנטער געהילף פון גערשונין. במשך פון יאָר 1903, ווען די פּאַרטיי איז באַזונדערס שטאַרק געוואַקסן, האָט גאָץ מיט אַ באַזונדערער עקשנות אָוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן זיין אַריבערפאָרן קיין רוסלאַנד. „איך וועל נישט אויסהאַלטן אַזאַ לעבן — פלעגט ער זאָגן גערשונין, געבעטן זיך ער זאָל אים לאָזן קיין רוסלאַנד, — איר נעמט ביי מיר אָפּ די מיגלעכקייט צו שטאַרבן אויפן עשאַפאָט און צווינגט מיר צו שטאַרבן דאָ אויף אַ פרידלעכן בעטל; אַזאַ אומגליק האָב איך נישט פאַרדינט..." גערשוני האָט געמוזט נאָכגעבן. גראָד איז אין יענער צייט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם אַטענטאַט אויף פּלעווען. מיר פלעגן כסדר זיין פאַרטאָן אין פונאַנדער־שיפרירן די קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם. גאָץ האָט דערוואַרט דאָס אָנקומען פון זיין פאָטער קיין אויסלאַנד; ער האָט זיך געוואָלט פריער זען מיט אים, איידער ער מאַכט אַזאַ טויט־שפּרונג אין זיין לעבן. גראָד אויפן דאַזיקן וועג פון גאָצס טרעפן זיך מיטן פאָטער איז פאַר אים געוואָרן אויסגעשפּרייט אַ נייע נעץ, וואוהין די צאַרישע מאַכטהאָבער האָבן אים געוואָלט אַריינ־כאַפּן...

אַרעסט אין איטאַליע. — די צאַרישע רעגירונג פאָדערט אַרויסגעבן גאָצן

גאָץ מיט זיין פרוי זיינען אָפּגעפאָרן פון זשענעוו. אין רוים האָבן אויף זיי געוואַרט זיין פאָטער און שוועסטער. מיר האָבן פון אים באַקומען אַ קאַרטל, אַז ער פאָרט אַרויס קיין נעאַפּאָל און פון דאָרטן מיטן ים אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע. פּלוצים האָט ווי אַ דונער פון הימל אונדז געטראָפן אַ קורצע דעפּעשע אין די צייטונגען, אַז אין איטאַליע זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוויי רוסן; אַ צוגאָב־ידיעה האָבן מיר באַקומען פון גאָצס־פרוי: בעת זיי זיינען געווען אין נעאַפּאָל איז די איטאַליענישע פּאָליציי אַריין צו זיי אין האָטעל, האָט קאָנפיסקירט גאָצס פּאַפּירן און דאָקומענטן און אים אָפּגעפירט אין טורמע ווי אַ געפערלעכן אַנאַרכיסט...״

מיר האָבן גלייך אויפגעהייבן אַן אַלאַרם. אונדזער ספּעציאַליסט פאַר אויסלענדישע ענינים רובאַנאָוויטש איז אַוועק קיין איטאַליע, האָט מיט־גענומען מיט זיך אָפיציעלע דאָקומענטן: אַ מאַנדאַט פון דער פּאַרטיי ס. ר., אַ באַשטעטיקונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, אַז מיכאיל גאָץ איז קיינמאָל נישט געווען קיין „אַנאַרכיסט״, אַ ריי רעקאָמענ־דיר־בריוו פון קלעמאַנסאָ, זשאָרעס און אַנדערע וויכטיקע פראַנצויזישע פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס האָבן פאַרזיכערט פאַר רובאַנאָוויטשן שטיצע און הילף מצד די פּראָגרעסיווע פאָרשטייער פון איטאַליע און פאַר גאָצן — שויך. ענריקאָ פערי, אַ גלענצנדיקער אַדוואָקאַט, אַ וויסנשאַפטלעכער קרימי־נאַליסט, דעמאָלט דער לידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איטאַליע, האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן גאָצן. די סאָציאַליסטישע פראַקציע אין פּאַרלאַמענט מיט טוראַטין בראש האָט תיכף אַריבער־געטראָגן דעם ענין אין פּאַרלאַמענט און דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט לאַליני האָט דירעקט געשטעלט די פראַגע דעם אינערן־מיניסטער — אויף וועלכן סמך האָט מען גאָצן אַרעסטירט? דער רוסישער וויצע־קאָנסול אין נעאַפּאָל איז געווען אָנוועזנד בעתן אַרעסט, דאָס האָט אים די איטאַליענישע פּאָליציי איינגעלאַדן. ער האָט דערציילט פאַר דער פּרעסע, אַז אַ ספּעציעלער צאַרישער שפּיאָן איז נאָכגעפאָרן גאָצן פון זשענעוו אָן, אַז דער אַרעסט איז פאָרגעקומען לויט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער צאַרישער און איטאַליענישער רעגירונג.

אויף דער אינטערפּעלאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין פּאַרלאַמענט האָט געענטפערט אַ פאָרשטייער פון דער רעגירונג, אַז גאָץ איז אַרעסטירט אויפן סמך פון רוסיש־איטאַליענישן אָפּמאַך פון יאָר 1871, אַז לויטן געזעץ, מעג אַ פאָרשטייער פון דער פאַראינטערעסירטער

רעגירונג זיין אָנוועזנד בעתן אַרעסט און רעוויזיע פון די דאָקומענטן פון אַרעסטירטן. אין פּאַרלאַמענט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער טומל, די סאָציאַליסטן האָבן געצוואונגען דעם פאָרשטייער פון דער רעגירונג איבערצולייענען דעם אַרטיקל פון געזעץ, וואו עס שטייט בפירוש, אַז מען טאָר נישט אַרויסגעבן אַן אויסלענדער, וואָס ווערט באַשולדיקט אין פּאָליטישע חטאים, און גאָץ איז דאָך אַ פּאָליטישער רוסישער עמיגראַנט. דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג האָט מודה געווען, אַז מ׳האָט שוין געהאַט בדעה דעם אַרעסטירטן גאָצן אַרויסשיקן פון די גרענעצן פון איטאַליע וואוהין ער וועט וועלן, אָבער דאָ איז צופעליק אָנגעקומען די נאָטע פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט געפאָדערט אַרויסגעבן אים רוסלאַנד. דער פּאַרלאַמענט האָט גוט געלאַכט הערנדיק דעם דאָזיקן „צופאַל״. די לאַגע פון דער איטאַליענישער רעגירונג איז געווען גאָר נישט קיין פריילעכע; די רעדעס פון די סאָציאַליסטישע און אָפּאָזיציאָנעלע דעפּוטאַטן וועגן סקאַנדאַליעזן אַרעסט פון גאָצן פלעגן כסדר אַרויסרופן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אַ ספּעציעלן רושם האָט געמאַכט די רעדע פון וועלט־באַרימטן קענער פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט קימיענטי, וועלכער האָט פּשוט חוזק געמאַכט פון דער גאַנצער באַגרינדונג, וואָס די רעגירונג האָט אָנגעגעבן פאַרן אַרעסט פון גאָצן. ראַטעווען די לאַגע איז געקומען דער פּרעמיער אַליין דזשיאָליטי. ער האָט זיך באַמיט צו ריידן געלאַסן, גערופן זיך צו באַרואיקן, האָט דערקלערט, אַז „דער ענין ווערט איבער־געגעבן אין געריכט און פאַרזיכערט, אַז דאָס געריכט וועט דעם ענין באַטראַכטן לויט די הערשנדיקע געזעצן, און אויב עס האַנדלט זיך ווירקלעך וועגן אַ פּאָליטישן ענין קאָן מען דעם אַרעסטירטן נישט אַרויסגעבן און מ׳וועט נישט אַרויסגעבן!״

די גאַנצע אייראָפּעאישע פּרעסע האָט זיך אָפּגערופן אויפן סקאַנדאַל. דער פּאַריזער סינדיקאַט פון סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן האָט צוגעשיקט צו רובאַנאָוויטשן אַ פּולמאַכט צו פאָדערן אין זיין נאָמען די באַפרייאונג פון גאָצן. פּעטיציעס מיט טויזנטער אונטערשריפטן זיינען אָנגעקומען פון אַלע אָנגעזעענע געזעלשאַפטן, שטאָטראַטן, אוניווערסיטעטן, פּאַראייניגן, — מ׳האָט פּראָטעסטירט קעגן אַרעסט און געפאָדערט תיכף באַפרייען דעם אַרעסטירטן. דער קאָנגרעס אין רוים פון 2500 דעלעגאַטן פון איטאַליע־נישע לערער־פאַראיינען האָט אָנגענומען אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע; אין מילאַן איז נאָך אַ פּראָטעסט־מיטינג אַ ריזיקע מאַסע אַוועק מיט אַ דעמאָנסטראַציע צום רוסישן קאָנסולאַט, אויסגעשלאָגן די שויבן און אַראָפּגעריסן די צאַרישע פאָן; דאָס זעלביקע איז געשען אין אַ ריי וויכטיקע שטעט. ביי אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך אָנגעהייבן גאָצס פּראָצעס אין נעאַפּאָלער געריכט.

צום פּראָצעס איז געקומען ווי אַן אָנקלאָגער מצד דער צאַרישער רעגירונג דער אַמבאַסאַדאָר אַליין נעלידאָוו. ער האָט צוגעשטעלט אַ גאַנצן פּאַק באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל, דער עיקר בריוו, וואָס זיינען איבער־געכאַפּט געוואָרן דורך דער געהיים־פּאָליציי און — ווי ער האָט פאַרזיכערט — זיינען זיי געווען אַדרעסירט צו גאָצן, הגם זיין נאָמען איז אויפן אַדרעס נישט געווען אָנגעגעבן; דאָס זיינען אָבער געווען אַדרעסן, אויף וועלכע גאָץ פלעגט באַקומען פון רוסלאַנד זיין קאָרעספּאָנדענץ — דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט פאַרזיכערט אַזוי. אין איין בריוו האָט זיך דערציילט וועגן דעם אויסגעפירטן מאָרד איבערן אינערן־מיניסטער סיפּיאַגין (אַפּריל 1902) און זיינען אָנגעגעבן ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אויספירער פון אַטענטאַט באַלמאשאָוו; ס'איז אויך געווען דער טעקסט פון אַ פּראָקלאַמאַציע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועגן אַטענטאַט. אין אַן אַנדער בריוו, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זשענעוו אויף אַן אַבסאָלוט אומשולדיקן אַדרעס אין פּעטערבורג, איז געווען פאַרשיפרירט אַ פראַזע: „מ'דאַרף זיך קאָנצענטרירן דער עיקר אויף פלעוועןʺ... ס'ווערט אויך אין דער איבער־געכאַפּטער קאָרעספּאָנדענץ גערעדט וועגן אַטענטאַט אויפן גובערנאַטאָר אָבאָלענסקי (פאַר שמייסן די פּויערים אין פּאָלטאַווער גובערניע בעת אגראַר־אומרוען) און וועגן אַטענטאַט פון הירש לעקערט אין ווילנע אויפן גובערנאַטאָר פאָן וואל (פאַר שמייסן מאי־דעמאָנסטראַנטן אין ווילנע); ווי ס'איז באַוואוסט האָט דער אַרבעטער־בונדיסט הירש לעקערט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער ס. ר.־אישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אָבער די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונג האָט אַלץ צונויפגעמישט אין איין קאַשע... דעם פּאַרטיידיקער פון גאָצן ענריקאָ פעררי איז לייכט אָנגעקומען צו צעקלאַפּן די גאַנצע באַשולדיקונג, ווייל קיין שום פאַקטישע באַווייזן, אויסער די השערות פון דער געהיים־פּאָליציי און פּאָליטישן שפּיאָנאַזש, האָבן דירעקט קעגן גאָצן נישט געקאָנט אַרויסגערוקט ווערן. פעררי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע, האָט דער־קלערט אין נאָמען פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז יעטווידע פון די אייראָפּעאישע פּאַרטייען, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, ווען זי געפינט זיך נאָר אין די זעלביקע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, וואָלט זיך אויך באַניצט מיט די זעלביקע רעוואָ־לוציאָנערע מיטלען, ווי די רוסישע קעמפער טוען דאָס. אַ טראַגישע אילוסטראַציע פון די רוסישע באַדינגונגען איז די „יאַקוטער טראַגעדיעʺ, וואָס איינער פון אירע קרבנות — גאָץ — זיצט דאָ אויפן באַשולדיקונג־באַנק... ער האָט געבראַכט די ווערטער פון אַרציביסקופּ פון קענטערבורי, וואָס ער האָט אויסגעשריען אין יענע טעג: „איצטער פאַרשטיי איך דינאַמיט!ʺ

דאָס געריכט האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג אַרויסצוגעבן גאָצן און פאַראָרדענט תיכף אים באַפרייען; ס׳איז דערמיט אַנולירט געוואָרן אויך די פריערדיקע אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונג וועגן אַרויסשיקן אים פון איטאַליע. דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקער נצחון. די ביוראָ פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אַ גרונט צו דאַנקען די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר איר ענערגישער פאַרטיידיקונג פון גאָצן. אַ דעקלאַראַציע מיט הונדערטער אונטערשריפטן פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון ענגלאַנד, ווי דער פילאָסאָף הערבערט ספּענסער, דער היסטאָריקער קינג, פּראָפעסאָרן פון די וויכטיקסטע אוני־ווערסיטעטן, אַרבעטער־פירער, פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן און נאָך און נאָך — האָט אָפּגעגעבן כבוד די איטאַליענישע בירגער און האָט געפאָדערט רעכט אויף שוץ פאַר אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן.

די איטאַליענישע רעגירונג האָט געוואָלט פאַרגיטיקן דעם צאַר פאַר דער חרפּה, וואָס מען האָט איר אָנגעטאָן און געמוזט פירן הינטערקוליסן־אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ וויזיט פון צאַר צום איטאַליענישן קעניג און מ׳האָט גענומען זיך גרייטן צו אַ פייערלעכער אויפנאַמע. די סאָציאַ־ליסטן האָבן אויפגעהייבן אַן אַלאַרם; אין פּאַרלאַמענט האָבן זיי אַוועק־געשטעלט די פראַגע צו דער רעגירונג: צי איז דאָס אמת? ווען די רעגירונג האָט באַשטעטיקט, האָט דער דעפּוטאַט מאָרגארי אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע דערקלערט:

— מיר ווענדן זיך צום אויסערן־מיניסטער און בעטן אים ער זאָל זיין אַזוי פריינטלעך און איבערגעבן אין פּעטערבורג, אַז אויב דער צאַר וועט האָבן די דרייסטקייט צו קומען אַהער, וועלן מיר אים אויספייפן!

ס׳האָט זיך אויפגעהייבן אַ גוואַלטיקער טומל, די דעפּוטאַטן האָבן געשריען: נידער מיטן צאַר, נידער מיט די קאָזאַקן! מ׳האָט געמוזט איבעררייסן די זיצונג. די סאָציאַליסטן און זייערע פאַרבינדעטע די רעפּוב־ליקאַנער און לינקע ראַדיקאַלן האָבן זיך גענומען גרייטן צו מקבל פּנים זיין דעם צאַר אין פאַל ער וועט טאַקע קומען קיין איטאַליע. אין עטלעכע טעג זיינען אין גאַנץ איטאַליע אויסגעקויפט געוואָרן פון די קראָמען כל־ערליי פייפלעך; מ׳האָט צוגעגרייט עפּעס אַ מין ראַקעט, וואָס גיט אַרויס אַ גוואַלטיקע פייפעריי פאַרטויבט צו ווערן; מ׳האָט אַזעלכע ראַקעטן געזאָלט אויסשטעלן אויפן גאַנצן וועג, וואו דער צאַר האָט געזאָלט אַדורכ־פאָרן... אין פלאָרענץ האָט אָנגעהייבן אַרויסגיין אַ ספּעציעלע טעגלעכע צייטונג „דער פייפער״, וואו ס׳פלעגן אַרומגערעדט ווערן אַלע פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום קבלת פּנים פון צאַר, ווי מאָרגארי האָט דאָס דערקלערט אין פּאַרלאַמענט. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ „נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַר אויפנעמען דעם צאַר״; ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ מאַני־

פעסט, וואָס האָט געזאָגט: „די געזעצן פון גאַסטפריינטלעכקייט עקסיסטירן נישט פאַר יענע, וואָס טרעטן מיט די פיס די געזעצן פון מענטשלעכקייט. די איטאַליענישע פּאַטריאָטן זיינען געשטאַרבן אויף די עשאַפאָטן און אויף די שלאַכטפעלדער נישט דערפאַר, אַז מ'זאָל איבערלאָזן אָן פּראָטעסט די פּאָליטיק פון פּראָסטיטוציע און צינישער חניפה..." דער צאַר האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין וויזיט אין איטאַליע; אין די צייטונגען איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אָפיציעלע דערקלערונג, אַז „צוליב סיבות, וואָס זיינען פון אים נישט אָפּהענגיק, מוז דער צאַר זיך אָפּהאַלטן פון באַזוכן דעם איטאַליענישן קעניג"...

דער צאַר האָט געוואָלט באַקומען פון דער איטאַליענישער רעגירונג גאָנץ, האָט ער דערפאַר באַקומען אַ פּאַטש אין פּנים פון איטאַליענישן פאָלק.

ראַפּאַילאָוו רייסט זיך קיין רוסלאַנד — גערשוני לאָזט אים נישט

נאָך די אַלע איבערלעבונגען אין דער טורמע פון נעאַפּאָל, נאָכן פּראָצעס, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט, איז ראַפּאַילאָוו צוריק געקומען צו אונדז פול מיט באַגייסטערונג פאַר די פּאַרטיי־חברים און דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס האָט מיט אַזאַ רירנדיקער ליבע געאַרבעט פאַר זיין באַפרייאונג. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט גוואַלטיקער ענערגיע, פּונקט ווי ער וואָלט אָפּצאָלן אַ גרויסן חוב, וואָס אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט שפּעטער נישט זיין בכוח דאָס צו טאָן. ער האָט הערן נישט געוואָלט פון נעמען אור־לויב, אָוועקפאָרן ערגעץ אין די בערג אויף אָפּרו. ער האָט אויסגעזען פיזיש צו זיין זייער אויסגעמאַטערט; די טורמע אין נעאַפּאָל איז געווען באַוואוסט מיט איר פייכטקייט, וואָס זויגט זיך איין אין די ביינער. דאָס האָט געוויס געווירקט אויף זיין קראַנקהייט פון רוקנביין־מאַרך, וואָס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פאַטאַל, אַז זי האָט אים דערפירט צום קבר. גאָץ איז אָבער דעמאָלט — צוגלייך מיט אונדז אַלעמען — געווען פאַרנומען מיט די פיינלעכע געדאַנקען וועגן גורל פון גערשונין: „שוין לאַנג נישטאָ קיין ידיעה פון דימיטרין" — פלעגט ער כסדר איבערחזרן. מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז גערשוני זיצט שוין ערגעץ אונטערן שלאָס, אָבער מיט גאָנצן האָבן מיר מורא געהאַט וועגן דעם צו ריידן, זעענדיק ווי טיף פיינלעך ער לעבט איבער די טויט־שטילקייט אַרום גערשונין.

פּלוצים אַן איבערראַשנדיקע שמחה: אויף אַ באַשטימטן אַדרעס אונדזערן איז אָנגעקומען אַ פּעקל פון רוסלאַנד באַקלעפּט מיט די פּאַר־שיידנסטע עטיקעטן פון גרעניץ־צאָל־אַמט, באַדעקט מיט שטעמפּלען, פּלאָמבעבערס אד״גל. אינעם פּעקל איז געווען אַ גרויסע בלעכענע פּושקע, אָנגעפּילט מיט אַסטראַכאַנער קאַוויאַר. אַ גרויס שטיק וואַקס־פּאַפּיר האָט באַדעקט דעם קאַוויאַר; אָט אונטער דעם וואַקס־פּאַפּיר זיינען געלעגן דריי דאָקומענטן, געשריבן מיט גערשוניס כאַראַקטעריסטישער האַנטשריפט. אינעם ערשטן דאָקומענט ווערט געשילדערט, ווי אַזוי לויטן באַפעל פון גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שחיטה אויף שטרייקנדיקע אַרבעטער אין זלאַטאוסט — 23 טויטע, ביז 200 פאַרוואונדעטע! דער צווייטער דאָקומענט — דער טעקסט פון טויט־אורטייל פון דער ס. ר.שער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויפן גובערנאַטאָר; דער דריטער — אַ מעלדונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַז דעם 6טן מאַי 1903, אין מיטן העלן טאָג, איז אינעם שטאָטישן גאָרטן, פאַר די אויגן פון אַ גרויסער מאַסע שפּאַצירנדיקע, אויסגעפירט געוואָרן דער טויט־אורטייל — מיט־גלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן דעם גובערנאַטאָר דערשאָסן מיט 9 קוילן...

איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ ליבע גאָצס אויגן האָבן געגלעט דימיטריס האַנטשריפט, — דעם זעלביקן דימיטרי, וואָס ער, גאָץ, האָט שוין געהאַלטן פאַר אַן אומגעקומענעם. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער איז געווען אַזוי זיכער דעריין, דאָס כמעט יעטווידע נאַכט פלעגט ער זען גערשונין אין חלום, — דאָ ווי אַ געשמידטן אין קייטן, דאָ ווי אַ פאַרפאַלגטן פון אַ פּאָליצייאישער באַנדע, דאָ אַ האַלב טויטן ערגעץ אויף דער שטיינערנער פּאַדלאָגע פון אַ טורמע־קאַמער... ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון די קאָשמאַר־חלומות אַ באַגאָסענער מיט אַ קאַלטן שווייס...

אַזעף פאַרטרעט גערשונין

רוסלאַנד האָט וואָס ווייטער אַלץ מער געפיבערט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווי ווייט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז געווען רייף, איז געווען דורכגענומען מיטן געדאַנק, אַז דער שטורעם איז נאָענט, — באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט: דער יוסטיץ־מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו האָט אין אַ געשפּרעך מיטן באַרימטן ליבעראַלן יוריסט יו. ר. העסען, געפרעגט ביי אים זיין מיינונג וועגן אויסגעפירטן אַטענטאַט אויפן אינערן־מיניסטער סיפּיאַגין: — „ס׳איז שרעקלעך!“ האָט דער ליבעראַל געענטפערט: — „שרעקלעך איז שרעקלעך — האָט אָפּגעענטפערט שטשעגלאָ־

וויטאָוו, אָבער דער הונט איז ווערט דעם שטעקן״... גאָץ איז ביז די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה געווען אויפגעטרייסלט, האָט זיך געריסן פאָרן קיין רוסלאַנד אויף אומלעגאַלער אַרבעט. ער פלעגט כסדר אין אינטימע געשפּרעכן טענהן: „מיר האָבן קיין רעכט אַנדערע צו שיקן אויף טויט, אַליין נישט ריזיקירנדיק״, — געפאָדערט, אַז נאָך עמיצער זאָל זיין אויפן אָרט אין רוסלאַנד גופא, ווי אַ דירעקטער פּאַרטרעטער פון גערשונין אויפן פּאַל ווען ס׳טרעפט מיט אים אַן אומגליק: „די צייט איז אַ ברענענדיקע, אויב נישט איצטער — ווען זשע?״ גערשוני האָט גוט געקענט און פאַרשטאַנען גאָצס פּסיכיק, גוט געוואוסט זיין געזונט־צושטאַנד, געוואוסט, אַז ער וועט אַרויספּוואַרפן אויף זיך אַזוי פיל אַרבעט, וואָס זיינע כוחות וועלן דאָס נישט קענען אויסהאַלטן, — און ער פלעגט דעריבער גאַנץ סובטיל איינריידן אים און ווירקן, אַז די צייט פאַר אים איז נאָך נישט געקומען, אַז זיין אַרבעט אין אויסלאַנד פאַר דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז נישט אַפּצושאַצן; ענדלעך האָט ער גאָצן באַשטימט ווי זיין ערשטן פּאַרטרעטער אין אויסלאַנד, וואָס דאַרף איבערנעמען זיין אַרבעט גלייך ווי נאָר דאָס וועט זיך פאָדערן.

ס׳איז געווען אמת, אַז זיין אַרבעט אין אויסלאַנד פאַר דער פּאַרטיי איז געווען אויסערגעוויינטלעך וויכטיק, קיינער ממש האָט נישט געקענט אים פאַרבייטן; אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ טייל אמת — פאַרוואָס מיר האָבן אים נישט געוואָלט לאָזן קיין רוסלאַנד; דער גאַנצער אמת איז געווען גרויזאָם און שרעקלעך — דאָס איז געווען זיין קראַנקהייט, וואָס האָט גענומען אַלץ מער פּראָגרעסירן. ער האָט געוואָלט דאָס באַהאַלטן פון אונדז און — אפשר פון זיך אַליין; ער האָט געוואָלט לעבן מיט דער אילוזיע, אַז ס׳איז נישט אַזוי געפערלעך. צום באַדויערן, האָבן ספּעציאַ־ליסטן־דאָקטוירים זיך געלאָזט פאַרפירן אויף אַ פאַלשן וועג, אַננעמענדיק, אַז דאָס זיצן אין דער פייכטער נעאַפּאָלער טורמע האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן רעוומאַטיזם אין די געלענקן. אַלע מעדיצינישע מיטלען, וואָס מ׳האָט אָנגעווענדעט האָבן נישט געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן. ס׳האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין קראַנקהייט איז אַ מין פּראָגרעסיווער פּאַראַליזש, וואָס נעמט אַן געפערלעכע פאָרמען: פריער האָבן די פיס אויפגעהערט צו דינען, פון די שרעקלעכע יסורים האָט ער נישט געקענט איינשלאָפן אָן מאָרפיום. פון קאָנוואולסיעס פלעגן די קני זיך אויפהויבן ביז איבערן קאָפּ. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, ווי נאָר די ווייטיקן פלעגן אָפּלאָזן אויף אַ קורצע צייט: אַרום שטול, צו וועלכן ער איז געווען צוגעשמידט, פלעגן זיצן חברים און פריינט, מע פלעגט נאָך אַלץ דיסקוטירן די „אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען״ פון דער רעוואָלוציע, וואָס דערנענטערט זיך שוין מיט שטורמישע טריט. דאָס שרעקלעכסטע

פּאַר גאָצן איז געווען דער באַוואוסטזיין, דאָס ער פּערזענלעך איז פּאַר־משפּט צו זיין הילפלאָז און פּאַסיוו ווי אַן אינוואַליד, — אַז ער וועט שוין נישט זיין בכוח איבערצונעמען די געפערלעכע אַרבעט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פאַל ווען זיין נאָנטסטער פריינט גערשוני זאָל אומ־קומען אָדער ווערן גענומען געפאַנגען.

דער ווייטזעעוודיקער גערשוני האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי ווייט גאָץ פּייניקט זיך מיטן געדאַנק וועגן זיין געצוואונגענער פּאַסיווקייט צוליב דער אומהיילבאַרער קראַנקהייט. האָט ער אים אַזוי גאַנץ סובטעל, ווי דרך אגב געגעבן אָנצוהערן, אַז „אויף יעדן פאַל", ווי נאָר ער, גערשוני, וועט אַרויס פון די רייען, — האָט ער באַשטימט ווי אַ געהילף צו אים, גאָצן, איינעם פון די אויסערגעוויינטלעכע פּראַקטישע טוער, וואָס איז שוין גוט באַקאַנט מיט זיינע וויכטיקע אויפטוען און אַרויסטרעטן אויפן געביט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — יעווגעני אזעף; „עס פאַרשטייט זיך, האָט גערשוני צוגעגעבן, אַז דאָס וועט זיין נאָר צייטווייליק, ביז וואַנען דו אַליין וועסט אָנקומען"...

ליגנדיק אין זיין קראַנקן־שטול, ליידנדיק די מוראדיקסטע יסורים, האָט גאָץ נישט אויפגעהערט צו ווייטיקן מיטן גורל פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַ גאַנצע ריי דורכפאַלן אין רוסלאַנד האָבן ביי אים, ווי ביי אונדז אַלעמען, כסדר געוועקט דעם שרעקלעכן חשד — אפשר זיצט אַ פּראָוואָקאַטאָר גאָר נאָענט לעבן אונדז?... מערקווערדיק, גראָד אין יענער צייט האָט מען אַנטדעקט די פּראָוואָקאַציע פון טאַטאַראָוון, וואָס איז שוין געווען אַ קאַנדידאַט אַריינגענומען צו ווערן אין צענטראַל־קאָמיטעט; אַזעף האָט דעמאָלט גוואַלטיק קריטיקירט די ספּעציעלע קאָמיסיע (איך, סאַווינקאָוו און באַך), וואָס האָט געפאַרשט דעם ענין טאַטאַראָוו — ער האָט געוואָלדעוועט, אַז זי פאַרשלעפּט די אַרבעט, אַז זי איז נישט דעצידירט, זי וואַקלט זיך, זי איז נישט זיכער פולשטענדיק אין טאַטאַראָווס שולד, נישט געקוקט אויף די באַווייזן... און מיר האָבן דעמאָלט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשד אויף אַזעפן אַליין, אונדז איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מיט טאַטאַראָוון האָבן מיר געטאָן בלויז אַ האַלבע אַרבעט, — אַז מ'האָט געדאַרפט אויך אונדזער קריטיקער קריטיקער פאַרבינדן מיט אים...

גאָץ האָט געגלויבט אין אַזעפן. נאָך די אויסערגעוויינטלעך געלונ־גענע אַטענטאַטן אויף פּלעווען און דעם גרויספירשט סערגיי, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד (און אויך די גאַנצע וועלט) און שטורמיש אויפגעהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פון דער גאַנצער פּאַרטיי, — האָט גאָץ זיך אויסגעדריקט, פאַרגלייכנדיק גערשונין מיט אַזעפן: „ביי אונדז איז געווען איין פירער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אַ ראָמאַנטיקער, אַ העלד און אַ פּאָעט אין איין נשמה. איצט האָט

אים פאַרטרעטן אַ צווייטער: אַ קאַלטער אויסגערעכנטער רעאַליסט און פּראַזאיקער. דער ערשטער איז אונדז געווען נענטער, האָט אויסגעזען שענער, אייגן, מער אינטים־קרובהשער. אָבער מ׳קען נישט וויסן — אפשר וועט דער צווייטער זיין מער געראָטן״. איך האָב געפילט, אַז אין גאַנצן איז פאָרגעקומען עפּעס אַ גרויזאַמער איינברוך: ער האָט געצוואונגען זיך אַליין צו פילן, אַז ער מוז קאַפּיטולירן פאַר דער טרויעריקער נויטווענדיקייט — „מ׳איז אויסגעקומען אָן מיר, מיין ליד איז שוין אויסגעזונגען״; ער, דער ערשטער פאַרטרעטער פון גערשונין אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז געבליבן אָן אויסגעשפּילטער — די אָרגאַניזאַציע פון די גראַנדיעזע טעראָר־אַקטן אין רוסלאַנד איז דורכגעפירט און אויסגעפירט געוואָרן אָן אים.

אַט וואָס גערשוני האָט געשריבן וועגן גאָצן: „ווי אַן אמתער סאָלדאַט פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַרמיי האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דער דיס־ציפּלין. אָבער די בענקשאַפט נאָך דירעקטער אַרבעט אין רוסלאַנד גופא האָט אונטערגעגראָבן זיינע כוחות און ער האָט אָנגעהייבן צאַנקען... דער ערשטער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט צעריסן די אויסלענדישע גרענעץ און דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער שטאַב האָט זיך אַ לאָז־געטאָן קיין רוסלאַנד. צו אונדזער גרויסן ווייטיק איז מיכאיל גאָץ, זייענדיק צוגעשמידט צום קראַנקן־שטול, מיטן טויט אין האַרצן, געבליבן אַן עלנדער אין אויסלאַנד, אָן אַרבעט. אָן אַרבעט האָט פאַר אים באַטייט — אָן לעבן... ער איז געבליבן פאַר דער פּאַרטיי אין אויסלאַנד ווי אַ אומ־געהייערע מאָראַלישע קראַפט. אָבער די דאָזיקע קראַפט האָט נישט אויס־געהאַלטן אָן אַרבעט און איז אויסגעלאָשן געוואָרן״. איך האָב גאָרנישט צו־צוגעבן צו גערשוניס ווערטער. ווען ס׳איז פאָרגעקומען אונדזער ערשטער, פאַקטיש דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר אין אימאַטרע, האָבן מיר, פינף אויסגעקליבענע אין צענטראַל־קאָמיטעט, איינשטימיק באַשלאָסן: מעלדן גאָצן, אַז אין פאַל ווען מיר אַלע וועלן אַרעסטירט ווערן — גיבן מיר אים איבער דאָס רעכט אויסצופירן די פונקציעס פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט ביז וואַנען ס׳וועט נישט לעגאַל אויסקליבן ווערן אַ נייער. קיין גרעסערן כבוד און קיין גרעסערע אָנערקענונג פאַרן גרינדער פון אונדזער פּאַרטיי האָבן מיר באמת נישט פאַרמאָגט.

דער טויט

איך דערמאָן זיך מיין לעצטע באַגעגעניש מיט גאָצן, נאָכן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, וואָס האָט פאַר דער גאַנצער עמיגראַציע אונדזערער, אָבער צום באַדויערן, נישט פאַר אים, — געעפנט דעם וועג צוריק קיין

רוסלאַנד, צו דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געגומען פונאַנדערוויקלען. אַ שאָטן פון טיפן טרויער האָט געשוועבט איבער אונדז; מיר האָבן זיך געגרייט, זיינען שוין געווען מיט האַרץ און נשמה אויף „יענער זייט", און ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל איצט זיך דערפילט ווי אַ האָפנונגס־לאָזער אינוואַליד. ער האָט געבעטן מיר זאָלן עפּעס זינגען; מיר האָבן געזונגען „ווען דער קיניג איז אַוועק אין קריג"... האָט ער אונדז פּלוצים איבערגעריסן: „און אויב מע וועט גלייך אַריבער צום סוף — ווען סטאַך איז אַראָפּ אין קבר?..." — דאָס האָט ער אונדז, וואָס פאָרן אַוועק געוואָלט וואָרענען. אָבער די סכנה האָט געשטעקט שוין אין אים גופא, אין די טיפענישן פון זיינע לעבנסוואָרצלען...

מער האָב איך שוין מיכאיל גאָצן נישט געזען. מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין רעכטן מיטן פון שטורעם, דער ווירבל האָט אונדז מיטגעריסן מיט אַ קאַפּשווינדלערישער שנעלקייט; ידיעות פון אייראָפּע פלעגן אָנקומען נישט רעגלמעסיק, זעלטן געהערט אַ פּאָר ווערטער וועגן גאָצן. אָנהייב זומער 1906 איז אַ חבר אַריין ווי נישט באַמערקט צו אים אין צימער, ער איז געווען דערשטוינט פון איבערראַשונג: אין גאָצס גאַנצער פיגור, אין פאַרגליווערטן אויסדרוק פון זיין פּנים איז געלעגן אַזאַ טיפער אומעט, אַזאַ צער און פּיין, אַז דאָס האַרץ האָט געקאָנט פּלאַצן... ס'האָט זיך שוין יעמאָלט אָנגעהייבן דער פּאַראַליזש אויך פון גאַנצן אונטערשטן טייל פון קערפּער, די הענט האָבן שוין קנאַפּוואָס געדינט. די גרעסטע ספּעציאַ־ליסטן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער מקור פון דער קראַנקהייט דאָס איז אַ געשווילעכץ, וואָס פּרעסט די צענטערס פון רוקן־מאַרך — אַ מין ראַק אָדער עפּעס ענלעכעס; דאָס האָט געזאָלט זיין פאַרבונדן מיט דער קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין רוקנביין בעת דער יאַקוטסקער שחיטה פון 1889; שוין דעמאָלט האָבן אים די דאָקטוירים געהאָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. קורץ פאַרן טויט האָט אים איינמאָל געזען אין דיסלדאָרף זיין חבר פון דער יאַקוטסקער דראַמע טערעשקאָוויטש: גאָץ איז געווען אויס־געדאַרט, געל, האָט אויסגעזען ווי אַ מומיע, וואָס בלויז די אויגן זיינען ביי איר געבליבן לעבן; ער האָט אים געזאָגט, אַז ס'האָבן זיך געפונען וועלט־באַרימטע כירורגן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַ האָפנונגסלאָזן פּרואוו צו ראַטעווען אים דורך אַן אָפּעראַציע. „אין אַ טאָג אַרום לייג איך זיך אַוועק אונטערן מעסער"... האָט גאָץ קוים אויסגערעדט.

די אָפּעראַציע, וואָס איז באַשטאַנען אין אויפעפענען דעם רוקנביין און אַראָפּנעמען פון מאַרך דאָס בייזאַרטיקע געשווילעכץ, איז אַדורך, ווי די ספּעציאַליסטן האָבן פאַרזיכערט, גלענצנד. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבן האָט באַזיגט דעם טויט. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט האָפענונג. גאָץ איז איינגעשלאָפן, כדי זיך אָנצונעמען מיט קרעפטן פאַר

אַ ניי לעבן. פריי פונעם קאָשמאר פון דער קראַנקהייט. ער האָט געשלאָפן שטיל, רואיק, אָבער שוין זיך נישט אויפגעכאַפּט — איינגעשלאָפן אויף אייביק...

פון אַלטן פאָטער האָט זיך באַקומען אַ בריוו, געשריבן עפּיש — רואיק: ער בעט מ׳זאָל מיכאילן ברענגען צו קבורה אויפן יידישן בית עלמין, ווייל „ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשעמט מיט זיין געהערן צום יידישן פאָלק". פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. מיכאיל ראַפאילאָוו־גאָצס קבר געפינט זיך אויפן יידישן בית עלמין אין זשענעוו, — אין דער שטאָט, וואו זיינע גייסטיקע כוחות האָבן זיך אַזוי פּרעכטיק פונאַנדערגעבליט און האָבן פאַר אים פאַרוואָרבן אין די רייען פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אייביקן אָנדענק און רום.

גריגאָרי געֶרשוני

גריגאָרי געֶרשוני
(1870 — 1908)

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט

הערש (אויף רוסיש גריגאָרי אַנדרעיעוויטש) געֶרשוני האָט זיך אַריינ־גערימן אין מיין אויסלענדישן לעבן פּלוצלונג, ווי אַ מעטעאָריט, וואָס פאַלט אַראָפּ פון הימל. איך האָב ביז דעמאָלט נישט געהערט אַזאַ נאָמען; אין רוסלאַנד גופא איז זיין נאָמען געווען באַקאַנט פאַקטיש בלויז אַ קליינעם קרייז פון די קומענדיקע פירער פון דער „פּאַרטיי סאָצ. רעוו.“

די ערשטע האָט אויף אים אָנגעטראָפן די „באָבע" ברעשקאָווסקאיא. זי האָט אין יענער צייט כסדר זיך אַרומגעטראָגן איבער גאַנץ רוסלאַנד — פלעגט זיך באַווייזן ערגעץ אין אַ שטאָט און תיכף ווייטער פאַרשווינדן אין די טיפענישן פון די רוסישע תהומים. זי פלעגט אומעטום „זוכן מענטשן", פלעגט זי געפינען אַ פּאַסיקן — פלעגט זי גלייך אַזעלכן רעקרוטירן פאַר דער געהיימער אַרמיי פון דער צוקינפטיקער פּאַרטיי ס. ר.

ברעשקאָווסקאיא פלעגט שפּעטער דערציילן, ווי אַזוי זי האָט, זייענדיק אין צפון־מערב קאַנט, אָנגעטראָפן אויף דעם פרידלעכן קולטור־טוער און פּאַרזיכטיקן פּראָוויזאָר גערשוני. „אַ ליכטיקער קאָפּ" — אַזוי האָט זי אים כאַראַקטעריזירט פאַר זיך אַליין. שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע צום באַרימטן שעף פון דער מאָסקווער „אָכראַנע", זובאַטאָוו, וואָס האָט געהאַט די פּאָליציייִשע אויפזיכט אויך איבערן גאַנצן צפון־מערב־קאַנט. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט אויך מיט גערשוניס פּערזענלעכקייט. ברעשקאָווסקאיא האָט שפּעטער עטלעכע מאָל אָנגעטראָפן אויף שפּורן פון איינעם אַ פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער מיטן נאָמען „דימיטרי". גלייכצייטיק האָט זי געהערט, אַז אין די דרום־שטעט באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אַ גוטער רעדנער, וואָס טרעט אַרויס אויף מאַסן־מיטינגען, בעת אַן אָנגעגליטע אַטמאָספער, ווי מאַסן־שטרייקן אד"גל.; ער פלעגט ממש באַצויבערן זיינע צוהערער; זיין נאָמען פלעגט ער אָפט בייטן אין פאַרשיידענע שטעט. די „באָבע" האָט צופעליק נאָכאַמאָל זיך געטראָפן מיט אים און דערקענט אונטער די פאַרשיידענע נעמען איר אַלטן באַקאַנטן פון מינסק דעם פּראָוויזאָר גערשוני.

די „באָבע" איז אָבער צו אונדז קיין אויסלאַנד נאָך נישט געהאַט געקומען. מיט איר האָט געהאַט פאַרבינדונגען דער ספּעציאַליסט אויף טראַנספּאָרטירן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון פּאַרייַן פון ס. ר. מענדל ראָזנבוים. זי האָט איינמאָל ראָזנבוימען געשיקט קיין מינסק, „צום כעמיקער און באַקטעריאָלאָגיסט גערשוני", אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גערשונין צוציען צו דער עסערישער באַוועגונג, רעקאָמענדירט אים ווי אַן אויסערגעוויינטלעכע שטאַרקע פּערזענלעכקייט. מענדל ראָזנבוים איז געקומען קיין מינסק, אָבער דער פּרואוו איז נישט געלונגען. גערשוני האָט זיך געהאַלטן אין רעזערוו. דעמזעלביקן איינדרוק, וואָס די „באָבע" האָט אַרויסגעטראָגן, באַגעגענענדיק זיך דעם ערשטן מאָל מיט גערשונין, האָבן געהאַט אויך פיל אַנדערע. אַזוי למשל, איז גערשוני איינמאָל אויפן וועג קיין רוסלאַנד אַדורכגעפאָרן בוקאַרעשט (רומעניע); געפאָרן איז ער צוזאַמען מיט ראָזנבוימען; זיי האָבן פאַרבראַכט ביי אַ געוועזענעם אַלטן עמיגראַנט אַן עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער, אַ פריינט פון באַקונינען,

אַרבאַרע, באַוואוסט אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אונטערן נאָמען ראַללי. ער האָט שטילערהייט מיט באַגייסטערונג אַ זאָג געטאָן ראָזנבוימען וועגן גערשונין: „דאָס איז דאָך אַן אָדלער!“ אין יאָר 1902 איז דער באַוואוסטער פּאַרטיי־טוער סליאָטאָוו אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד צו אַיינאָרדענען אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור, וואָס איז געבליבן שטעקן ביי דער גרענעץ; ער האָט געהאַט אַ סך צרות, ווייל די מאַשין האָט ביי דער גרענעץ נישט געקלאַפּט ווי געהעריק. גערשוני איז געקומען און אין צוויי טעג אַלץ איינגעאָרדנט, די ליטעראַטור איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע נייטיקע פונקטן. דער קאָנטראַבאַנדיסט, אַ פּויער, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אים: „אַן אמתער אָדלער!“ אַזוי האָט אים אויך סליאָטאָוו כאַראַקטעריזירט, באַשרייבנדיק די גאַנצע געשיכטע אין זיינע מעמואַרן.

איך דערמאָן זיך אַזאַ געשיכטע: איך בין אין בערן אַריינגעקומען איינמאָל צו זשיטלאָווסקין, וואָס איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע וועגן די אינטערעסן פון אַ שווייצאַרישן פאַרלאַג, וואו ער האָט געאַרבעט. פרוי זשיטלאָווסקי האָט מיר באַגעגנט אַ צערודערטע: ס'איז צו איר געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פּאַרשוין פון בערלין מיט אַ בריוול פון איר מאַן, ער פאָדערט זי זאָל אים געבן דעם אַדרעס פון מענדל ראָזנבוים. דער לעצטער האָט דעמאָלט געוואוינט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ, וואו ער איז געווען פאַרנומען מיט טראַנספּאָרטירן די אומלעגאַלע ליטעראַטור. זי האָט מורא צו געבן אַזאַ אַדרעס אַן אומבאַקאַנטער פּאַרשוין, האָט זי באַשלאָסן אַרויסצורופן ראָזנבוימען קיין בערן — זאָל ער אַליין באַשליסן. איצט ראָט זי מיר איך זאָל צוגיין צום אומבאַקאַנטן און זיך דערוויסן ווער דאָס איז. איך בין גלייך אַוועק אַהין — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ מיטגליד פון אונדזער פּאַרטיי טשעפּיק. איך האָב טאַקע זיי ביידן געפונען ביי דער „פּאַרברעכערישער אַרבעט“ — „אנטפּלעקן“ („אַרויסרופן“ האָט דאָס געהייסן אויפן קאָנספּיראַטיוון לשון) דעם אינהאַלט פון אַ בריוו פון רוסלאַנד, וואָס איז געווען געשריבן מיט כעמישן טינט; עס זיינען אויך געלעגן אויפן טיש עטלעכע פּאַספּאָרטן־ביכלעך, וואָס זיינען שוין געווען כעמיש „אויסגעוואַשן“ און מ'האָט געדאַרפט אַריינשרייבן אַ נייעם טעקסט — מיט איין וואָרט אַ געוויינטלעכע „קיך“ פון אַ קאָנספּיראַטיווער טעכניק. דעם אומלעגאַל געקומענעם פון רוסלאַנד האָב איך געטראָפן ביים רייניקן מיט אַ כעמישן שטאָף און פּרעסן זיינעם אַן אַלטן אנצוג.

איך מוז זאָגן, אַז דער געקומענער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אייגנאַרטיקן איינדרוק אויך מיט זיין אויסזען: אַ פלאַטשיקער שטערן אָפּגעוואָרפן אויף הינטן, דאָס מויל דריקט אויס אַ שטאַרקן ווילן, גלאַט ראַזירט ווי אַן אַקטיאָר, די באַוועגונגען האַסטיקע, אימפּעטיקע, קאָרג

אויף רייד, אָבער אַ מייסטער צו צווינגען ריידן זיין מיטשמועסער. ער הערט יענעם גאַנץ אויפמערקזאַם, קאָן קונציק קערעווען דעם שמועס אין דער געוואונטשענער פּאַר אים ריכטונג. אַ פּאָר מאָל בלויז האָבן מיר זיך געזען און ער האָט שוין אַלץ געוואוסט וועגן אונדז. איצט — זאָגט ער — פרעגט איר און איך וועל אייך דערציילן. און ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן.

איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד אין יאָר 1889. ס'איז דעמאָלט געווען שטיל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אמת, די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן געזאַמלט כוחות; ס'האָבן דאָ און דאָרטן עקסיסטירט די „קאַמף־פאַרבאַנדן צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס"; ס'האָט זיך אָרגאַניזירט דער יידישער „בונד" (1897); אין 1898 איז פאָרגעקומען אין מינסק דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס; אָבער פונעם דאָזיקן פּרואוו צו שאַפן אַ צענטראַלע אַלרוסלענדער אָרגאַניזאַציע איז געבליבן מערנישט ווי אַ „מאַניפעסט", וואָס ס'האָט אָנגעשריבן פּיאָטר סטרואווע; דאָס רוב מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר זיינען אַרעסטירט געוואָרן גלייך נאָכדעם. וואָס שייך די ס. ר. האָב איך געוואוסט נאָר פון דער קיעווער גרופּע, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען אייניקע גרופּעס פון דרום, ענדיקנדיק מיט וואָראָניעזש און די סאַראַטאָווער גרופּע (אַר־גונאָוו), וואָס האָט שפּעטער אײַנגעצן זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע (דער אַזוי גערופענער „צפון־פאַרבאַנד"). ער האָט אונדז דערציילט, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די דרום־גרופּעס, ס'האָט זיך געגרינדעט די „פּאַרטיי סאָצ. רעוו."; די מאָסקווער גרופּע האָט אָנגעהייבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „רעוו. ראָסיא"; דער דריטער נומער איז דורכ־געפאַלן אין דער דרוקעריי אין טאָמסק. ער האָט מיט זיך די דובליקאַטן פון די מאַנוסקריפּטן, מ'דאַרף דעם נומער שנעל אַרויסגעבן אין אויסלאַנד, שוין אָפיציעל ווי אַ צענטראַלן אָרגאַן פון דער פאַראייניקטער ס. ר.־ישער פּאַרטיי — ער האָט מיט זיך אויך דעם טעקסט פון אָפּמאַך וועגן דער פאַראייניקונג. מיר אין רוסלאַנד האָבן אונדזערס געטאָן, איצט דאַרפן דאָ אין אויסלאַנד זיך פאַראייניקן אין איין אָרגאַניזאַציע אַלע ביז איצט עקסיסטירנדיקע גרופּעס: די אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס, פאַראיין פון ס. ר., אַגראַר־סאָציאַליסטישע ליגע, דער פאָנד פון רוסישער פרייער פּרעסע אין לאָנדאָן אאַנ"ד.; זיי דאַרפן אויסבילדן אַן אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע וואָס פאַרטרעט די פּאַרטיי און דעם אַלרוסישן צענטראַל־קאָמיטעט. צי זייט איר מסכים דערויף? האָט ער גלייך אָוועקגעשטעלט די פראַגע.

איך האָב געענטפערט, אַז נישט בלויז איך, נאָר די גאַנצע ערנצטע עמיגראַציע וועט מיט פרייד אויפנעמען אָט די ידיעה. אָבער פאַרן ברייטן עולם איז דאָך נייטיק פאַקטן, באַווייזן, האָט איר אַזעלכע? האָב איך

געפּרעגט. דער אומבאַקאַנטער האָט עפּעס מאָדנע אַ שמייכל געטאָן: „וואו זאָל איך דאָס נעמען? ס'וועט שפּעטער שוין אָנקומען פון רוסלאַנד. דערווייל גיט מיר אַ קורצטערמיניקן קרעדיט"... איך בין געווען פאַר־וואונדערט הערנדיק פון אים, אַז ער ווייס אַלץ וועגן מיר, וועגן מיין ליטעראַרישער טעטיקייט, אַז מיינע אַרטיקלען אין זשורנאַל „רוסקאיע באָגאטסטוואָ" ווערן געלייענט זייער ברייט, אַז די יוגנט דיסקוטירט וועגן זיי; ער איז אויך געווען אין סאַראַטאָוו און צונויפגעזאַמלט ידיעות וועגן מיין טעטיקייט דאָרטן; ער ווייס וועגן מיינע דיסקוסיעס מיט די מאַרקסיסטן — מיט ליובאָ אקסעלראָד (אָרטאָדאָקס), מיטן בונדיסט גאָלדמאַן־ליבער, מיט ריאזאַנאָוו, סטעקלאָוו און פיל אַנדערע. אויף מיין באַמערקונג, אַז איך וואָלט געוואָלט זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד, נישט לעגאַל, פאַרשטייט זיך, ווייל מיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין אויסלאַנד איז דאָך גוט באַקאַנט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, — נאָר אומלעגאַל, האָט ער אויס־געדריקט גרויס פאַרוואונדערונג: סטייטש, דאָס אומלעגאַלע לעבן איז פול מיט סכנות — איין נישט ריכטיקער טריט און דער מענש איז אַ פאַר־פאַלענער. מען מוז די קרעפטן שאַנעווען, יעטווידער מוז דינען דער פּאַרטיי לויט זיינע בעסטע כוחות, יעטווידער אויף זיין פּאַסיקן אָרט; איך האָב דאָ אין אויסלאַנד אַ סך מער צוגעפּאַסטן פאַר מיר געביט פון אַרבעט, ווי אין רוסלאַנד, וואו איך וואָלט געהאַנגען צווישן הימל און ערד, כסדר געוואָגלט פון איין אָרט אויף אַ צווייטן ווי יעטווידער פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מענטש פון גרויסער וויכטיקייט, און געוואָרט מיט גרויס אומגעדולד דאָס צוריקקומען פון זשיטלאָווסקין און ראָזנבוימען, כדי פון זיי זיך צו דערוויסן — ווער איז ער דאָס אַזוינער. זשיטלאָווסקי האָט געהאָט דעם אמתן „ברוך הבא" פון זיין פרוי, ווען אויף איר פראַגע — ווער איז דאָס דער מאַן, וואָס ער האָט צו איר געשיקט נאָך ראָזנבוימס אַדרעס, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן בלויז דאָס, אַז ער הייסט „דימיטרי". צו האָט ער געהאַט אַ פּאַראָל, אַ שיפר, אַן אַדרעס פון אַ קאָנספּיראַטיווער דירה, אַן אַנדער סימן? — האָט זי געדונערט אויפן מאַן. „ניין! איז געווען זיין ענטפער: איך האָב זיך מיט אים געטראָפן ביים באַקאַנטן עמיגראַנט אין בערלין יעפּים לעוויט". דער לעצטער האָט אים טעלעפאָנירט, איינגעלאַדן צו מיטאָג. „איר וועט זיך טרעפן ביי מיר — האָט ער געזאָגט — מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, וואָס איז אַקאָרשט געקומען פון רוסלאַנד. ס'איז זייער וויכטיק, איר פאַרשטייט... נו, בין איך געקומען צו מיטאָג — האָט דערציילט זשיטלאָווסקי זיין פרוי — געווען אַ סך מענטשן דאָרטן, ערשט ווען אַלע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט לעוויט געזאָגט: נו, איך לאָז

איך ביידן אַליין, שמועסט וויפל אייער האַרץ גלוסט. דער גאַסט פון רוסלאַנד האָט גלייך צו מיר אַ זאָג געטאָן: מיין נאָמען איז דימיטרי, לאָמיר שוין אַריבערגיין צום ענין: וואו איז מענדל? איך בין געווען איבעררּאַשט, גענומען זוכן אין מיין פּאָרטפעל דעם אַדרעס, ערשט איך האָב אים פאַרגעסן אין שטוב אין בערן; נו, האָב איך אים געשיקט אַהער מיט מיין צעטעלע. אין אָוונט זיינען צו לעווין געקומען, חוץ דימיטרין, נאָך צוויי פערזאָן — מאַריא סעליוק פון צפון־פּאַרבאַנד און יענער דאַרמשטאַטער חבר, וואָס דו האָסט אים נישט איבעריקס ליב... נו, יעווגעני...

— ווייטער אזוף? האָט פרוי זשיטלאָווסקי געזאָגט מיט אומווילן.

— יאָ, אזוף, ער איז אָקאָרשט געקומען פון רוסלאַנד און דערציילט, אַז דאָרטן איז פאַרגעקומען אַ פאַראייניקונג...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען פון דער עסטרייכישער גרענעץ ראָזענבוים, וואָס פרוי זשיטלאָווסקי האָט אים אַרויסגערופן. ער האָט זיך באַגעגנט מיט דימיטרין זייער ווארעם, זיך צעקושט, ווי אַלטע באַקאַנטע. מענדעל האָט צוטריבן אַלע ספיקות פון וויערא זשיטלאָווסקי וועגן אומבאַקאַנטן. מיר האָבן דאָ צום ערשטן מאָל דערהערט דעם נאָמען: גריגאָרי גערשוני. זשיטלאָווסקי האָט זיך פאַרוואונדערט: גאָר אַזוי, איך האָב גאָרנישט געטראַכט, אַז ער איז אַן אונדזעריקער, אַ ייד... מענדעל האָט אונדז דערציילט, ווי אַזוי די „באַבע" האָט דעם ערשטן מאָל אַנטדעקט אין מינסק גערשונין; זי פלעגט אָפט אַריינקומען אין זעלבן הויז, וואו ס'האָט געוואוינט זיין ברודער, אַ דאָקטאָר — ספּעציאַליסט פאַר אויערן־נאָז און האַלדז־קראַנקהייטן. זי פלעגט זיך טרעפן מיט דער יוגנט, וואָס האָט דעמאָלט כסדר דיסקוטירט וועגן די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; די „באַבע" פלעגט שמועסן מיט דער יוגנט אויף די טעמעס. געזעגענענדיק זיך מיט גערשונין פאַר איר אָפּפאָרן פון מינסק, האָט די „באַבע" אים אָפּגערופן אין אַ זייט און געזאָגט: „וואָס וואַרטסטו? מ'זאָל דיך אַרעסטירן און פאַרפייניקן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג, אין שליסלבורג אָדער אויף קאַטאָרגע? פאָר אַוועק פון דאַנען, נעם אַן אַנדער פּאַספּאָרט, פאַרשווינד אונטער דער ערד... טו דאָס תיכף, פאַרזוים נישט קיין מינוט!... אָט פאַר וואָס — האָט געזאָגט ראָזענבאום — די „באַבע" האָט מיך געשיקט צו אים. ער האָט געפאָלגט איר געבאָט, געוואָרן אומלעגאַל, זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער נשמה אין דער אַרבעט. מיר האָבן שוין געוואוסט דעם נאָמען גערשוני, אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַשלאָסן תיכף דעם דאָזיקן נאָמען אַרויסוואַרפן פון זכרון, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער געבאָט פון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; ביי אונדז איז ער פאַרבליבן נאָר ווי דימיטרי.

גערשוני און די זובאַטאָווששינע

ווען גערשוני איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין אויסלאַנד, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ סך מאַטעריאַל וועגן דער „זובאַטאָוו־באַוועגונג" אין מערב־געגנט. אין די ערשטע נומערן „רעוו. ראָסיא", וואָס האָבן זיך שוין געדרוקט אין אויסלאַנד (נומערן — 4, 5), איז געווען פאַר־עפנטלעכט גערשוניס אַרטיקלען א. נ.: „די אַרבעטער־באַוועגונג און די זשאַנדאַרמען־פּאָליטיק"; אויף דער זעלביקער טעמע האָט ער געשריבן אין די ווייטערדיקע נומערן, אילוסטרירנדיק מיט אַ ריי פאַקטן פון פאַר־שיידענע געגנטן אין רוסלאַנד. זובאַטאָווס פּאָליטיק האָט ער געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער קאָרט פון דער צעטרייסלטער זעלבסטהערשונג, און האָט נישט ווייניק געאַרבעט אויף צו שלאָגן אָט די דאָזיקע קאָרט. אין מערץ 1903 האָבן מיר געפייערט אַ גרויסן זיג: מענדעל ראָזענבאום האָט געבראַכט צופירן די „באָבען" ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאיא קיין אויס־לאַנד, — ס'האָט שוין דער באָדן געבערענט אונטער אירע פיס און ראָזענ־באום האָט דאָס אָדורכגעפירט גלענצענד. די „באָבע" האָט דימיטרין אַריינגעפירט אין ציַיטווייליקן ס. ר.־אישן צענטער, וואָס איז געווען אין סאַראַטאָוו; ער האָט געפּאָלגט איר עצה פון אַמאָל, אין מינסק נאָך, און איז געוואָרן אומלעגאַל. ער האָט דער „באָבען" דערציילט אין סאַראַטאָוו, אַז פּאַקטיש האָט אים געצוואונגען צו ווערן אומלעגאַל זובאַטאָוו אַליין. און אָט ווי אַזוי:

זובאַטאָוו האָט, ווי זיין שטייגער איז דעמאָלט געווען, אַרויסגערופן צו זיך גערשונין און אָנגעהייבן מיט אים זיינע געוויינטלעכע „אינטימע" שמועסן; אויף אַזאַ אופן פלעגט ער אַריינציען אין זיין נעץ, איינשטעלן „אינטימע" באַקאַנטשאַפט מיט רעוואָלוציאָנערן און נישט באַמערקט פאַר זיי גופא פלעגן זיי ווערן זיינע אינפאָרמאַטאָרן וועגן גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זובאַטאָוו אַליין איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָס איז געווען פאָרמולירט פון עדואַרד בערנשטיין און איז געווען באַקאַנט אונטער נאָמען „בערנ־שטייניאַניזם". אים איז געלונגען צו ווירקן צווישן אַנדערע, אויף מאַניע ווילבושעוויטש פון מינסק; זי איז געווען זיינע אַן אָנהענגערין, פלעגט מיט אים פירן קאָרעספּאָנדענץ און אָנרופן מיט די נעמען פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע טוער פון „בונד" און אַנדערע, — פלעגט אין דער קאָרעספּאָנדענץ פירן דיסקוסיעס מיט זובאַטאָוון. אָט די היסטערישע מיידל פלעגט אין דער קאָרעספּאָנדענץ לויבן פאַר זובאַטאָוון פאַרשיידענע

פּערזאָנען, כאַראַקטעריזירן זיי אַמבעסטן און דערביי פּלעגט זי דערציילן וועגן זייער טעטיקייט. מער ווי דאָס האָט זובאַטאָוו און די „אָכראַנע" נישט געדאַרפט. אין דער „אָכראַנע" האָט מען זי גערופן אינטים „מאַניטשקע" און זי האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פאַרברעכערישע ראָל זי שפּילט. גערשוני האָט אונדז געשילדערט אַ בילד, ווי אַזוי אַ סך אויפריכטיקע און ערלעכע מענטשן זיינען דעמאָלט מאָראַליש צעבראָכן געוואָרן דורך זובאַטאָוון. מיט זובאַטאָווס הילף איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן דורך זיינע אָנהענגער אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — די „אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי", וואָס איר ציל איז געווען צו באַקעמפן דעם „בונד" אין יידישן ראַיאָן; זי האָט עקסיסטירט בלויז אַ קנאַפּע פּאָר יאָר.

גערשוני האָט ביזן סוף נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער מיגלעכקייט אַרויסצורייסן פון זובאַטאָווס נעגל אָט די טראַגישע און קראַנקע נשמה. ער וואָלט דרויף געדאַרפט אָפּגעבן אַ סך צייט, פיל מער ווי ער האָט געהאַט, זייענדיק אַליין דעמאָלט אין זובאַטאָווס נעגל. ער האָט זי אָבער געמוזט איבערלאָזן פאַר זיך אַליין און זיך פאַרנעמען מער מיט זיך — וואָס גיכער אַליין זיך אַרויסצורייסן. די עטלעכע וואָכן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מאָסקווע האָט ער געהאַט גוט צו געדענקען. מ'האָט אים געהאַלטן ווי אַפּיציעל אַן אַרעסטירטן, פּאַקטיש אָבער ווי אַ גאַסט; ער פלעגט קאָנען אַרויס שפּאַצירן אין גאַס; עס פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נאָכגעגאַנגען אַ „באַגלייטער". סוף כל סוף איז אים געלונגען צו פאַרשווינדן און ווערן אומלעגאַל.

אַ דרייסיק יאָר שפּעטער ווי גערשוני האָט אונדז דערציילט וועגן ווילבושעוויטש, האָב איך זיך געטראָפן מיט אָט דער טרויעריקער העלדין פון דער זובאַטאָוו־עפּאָפּייע. דאָס איז געווען אין פּאַלעסטינע. וואָס איז געוואָרן פון דער אַמאָל אַזוי באַגייסטערטער און עקזאַלטירטער מאַניע? אַ דאַרע, פאַראומערטע פרוי, די אַנטוישונגען אָן אַ צאָל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין איר צעקנייטשטן פּנים. זי האָט נישט ליב געהאַט צו ריידן, אויסגעמיטן די פּאַרסמטע זכרונות פון אַמאָל. זי האָט געאַרבעט אין אַ „קיבוץ", אַן איינפאַך, שווער לעבן פול מיט האָרעוואַניע. קענטיק, אַז די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר איר געשטאָרבן. ווען איך האָב געפּרואווט דערמאָנען גערשונים נאָמען, האָט איר געזיכט זיך באַלויכטן מיט אַ שוואַכן, אומעטיקן, קרענקלעכן שמייכל, וואָס האָט דאָך מילדער געמאַכט די שטריכן פון איר שטרענגן, כמורנעם פּנים.

זובאַטאָווס טאַקטיק איז געווען — אַריינטראָגן צעמישונג, צערודערונג, דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערן, אויסשפּילן די אַרבעטער קעגן דער אינטעליגענץ; די אַרבעטער דאַרפן זאָרגן בלויז פאַר אויסבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע, פּאָליטיק דאַרף זיי גאָרנישט

אינטערעסירן; פּאָליטיק טראָגן אַריין צו זיי די אינטעליגענטן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ פּאָליטישער ענדערונג, כדי איבערצונעמען די פּאָליטישע מאַכט. אין די אַרכיוון זובאַטאָווס האָט מען אין יאָר 1917 געפונען אַ סך דאָקומענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין טעטיקייט און די מענטשן, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט. אין איין דאָקומענט שרייבט ער: „די איניציאַטיוו פון דער רעגירונג אויסצובעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער נעמט אַוועק ביי די רעוואָלוציאָנערן זייער אַרמיי, ס׳בלייבט בלויז דער שטאַב אַליין. באַפרידיקט די באַדערפענישן פון די אַרבעטער און זיי וועלן נישט נאָר אַליין ווייכן פון פּאָליטיק, זיי וועלן אויך אַרויסגעבן אַלע רעוואָלוציאָנערן". געַרשוני האָט מורא געהאַט, אַז מע דערשאַצט נישט אין די עמיגראַנטישע קרייזן די געפאַר פון דער זובאַטאָווטשינע. זיינע געדאַנקען וועגן דעם האָבן אַרויסגעוויזן זיין שאַרפן פּאָליטישן חוש פאַר דערווירקלעכקייט און אַנאַליטישן מוח. אויפן סמך פון אַזעלכע אַרכיוו־דאָקומענטן האָט נאָך דער רעוואָלוציע דוד זאַסלאַווסקי, אַמאָל אַ רעכטער סאָצ. דעמ. — „בונדיסט", איצט אַ „קאַזיאָנער" באָלשעוויסטישער פּובליציסט, כאַראַקטעריזירט געַרשוניס רעלאַציעס פון זובאַטאָוון ווי אַזעלכע, וואָס „האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס צוליב זייער אויפריכטיקייט און ערנצטקייט; דאָרטן גיט געַרשוני אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם לעבן פון אַן אינטעליגענט אַ קולטורטרעגער אונטער די באַדינגונגען פון אַ פּאָליצייאישן רעזשים". „דאָ — שרייבט זאַסלאַווסקי — האָט געַרשוני זובאַטאָוון נישט אָפּגענאַרט; אַזוי איז טאַקע געווען מיט אים: פון די פּרוּוון פון לעגאַלער אַרבעט איז געַרשוני אַריבער צו רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אָבער דער טאַלאַנטפולער רעוואָלוציאָנער האָט קונציק אָפּגענאַרט דעם טאַלאַנטפולן אָכראַניק אין דעם עצם, אין דעם וועזנטלעכסטן עיקר... געַרשוני האָט תיכף זיך געכאַפּט און פאַרשטאַנען זובאַטאָווס צילן"...

אַז זובאַטאָוו האָט געליטן אַ מפּלה אין זיין פּרוּוו אַריינצוציען געַרשונין אין זיין נעץ — האָט מיר אויך באַשטעטיקט דער באַוואוסטער אָכראַניק מענשטשיקאָוו נאָכדעם ווי אויף דער גאַנצער וועלט האָט געשטורעמט מיט דער אַנטדעקונג פון אזעפס פּראָוואָקאַציע. מענשטשיקאָוו וואָס איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד מיט אַ גרויסן אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט וועגן אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן, האָט זיך שטאַרק געהיט אין אויסלאַנד די צאַרישע אַגענטן זאָלן אים נישט פּאַקן און זיך נוקם זיין אָן אים. איך האָב זיך מיט אים געזען אין באָרדאָ, אין איינעם פון די שטאָטישע סקווערן, האָב געדאַרפט האַלטן אין האַנט ווי אַ סימן אַ נומער פון דער פראַנצויזישער צייטונג „טאַן". מענשטשיקאָוו האָט באַשטעטיקט, אַז אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָבן אַלע גרויסע פּישן געהאַלטן,

דאָס זובאַטאָוו האָט מיט גערשונין גאָרנישט געקאָנט מאַכן; אַז גערשוני האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָל פון כלומרשט לאָזן זיך איינריידן פון זובאַטאָוון אַזוי, אַז ווי נאָר ער האָט באַקומען די פרייהייט, זומער 1901, האָט ער זיך תיכף גענומען צו אָרגאַניזירן די טעראָריסטישע טעטיקייט, איז געוואָרן אומלעגאַל. דאָס האָט מענשטשיקאָוו באַשטעטיקט אין זיין בוך „די אָכראַנע און די רעוואָלוציע", וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעגעבן. מאַניע ווילבושעוויטש האָט שיר נישט צעשטערט גערשוניס פּלאַן. ער האָט פּרובירט ריידן מיט איר גאַנץ אָפנהאַרציק; ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט אַלץ דערציילן זובאַטאָוון. זי האָט טאַקע אָבער אַלץ דערציילט, געוואָרנט זובאַטאָוון אין אירע באַריכטן צו אים, אַז „גערשוני נאַרט אים אָפּ, אַז ער וויל אויסנוצן אַלץ, וואָס זובאַטאָוו גיט פאַר לעגאַלער אַרבעט, אָבער פאַראַלעל דערמיט וועט ער פירן ווייטער אומלעגאַלע אַרבעט, אָבער נישט אין יידישן תחום המושב („טשערטאַ אָסיעדלאָסטי"), נאָר אין צענטראַל־רוסלאַנד". ווען זובאַטאָוו וואָלט נישט געווען אַזוי האָפערדיק ביי זיך צוליב זיינע דערפאָלגן, — וואָלט ער נישט געוואַרט לאַנג און אַנגענומען מיטלען צו מאַכן גערשונין אומשעדלעך. גערשוני איז בוכשטעבלעך געגאַנגען אויפן שאַרף פון מעסער, זיין גורל איז געהאַנגען דעמאָלט אויף אַ האָר, — געהאַנגען, אָבער זיך נישט איבערגעריסן...

גערשוני — דער גרינדער פון דער טעראָריסטישער „קאַמף־אָרגאַניזאַציע". — די ערשטע אַטענטאַטן.

נאָכן פאַרענדיקן מיט זובאַטאָוון האָט גערשוני זיך נאָך נישט אָפּ־געזעגנט איינגאַנצן מיטן מערב־קאַנט; ער איז אַהין געקומען עטלעכע מאָל, כדי צו פאַרענדיקן די פאַראייניקונג פון דער „אַרבעטער־פּאַרטיי פאַר דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון רוסלאַנד" (אַ גרופּע, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין מינסק) — מיט דער ס. ר.־אישער פּאַרטיי. דער פאַקטישער גרינדער פון דער גרופּע איז געווען דער אַלטער נאַראָדאָ־וואָלעץ יעפּים (חיים) האַלפּערן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער בלינדער" (ער איז טאַקע געווען כמעט בלינד); איינער פון די זיילן פון דער גרופּע איז געווען דער גוטבאַזיצער באַנטשאָסמאַלאָווסקי, אַ פריץ אַ רעוואָלוציאָ־נער, אויך דער אַלטער נאַראָדניק קאָוואַליק; די „באַבע" פלעגט אָפט אַריינפאָרן קיין מינסק זיך זען מיט זיי. די גרופּע האָט געהאַט צוויי געהיימע דרוקערייען אין מינסק און ניעזשין, — אויך אַ ריי אַרטיקע

אָפּטיילונגען אין ביאַליסטאָק, זשיטאָמיר, יעקאַטערינאָסלאַוו, אפילו אין פּעטערבורג; דאָס רוב מיטגלידער זיינען געווען פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט (אין ניו יאָרק לעבן נאָך עד היום צוויי אַמאָליקע מיט־גלידער — די ח״ח דאָרא און מאַקסים קאָווענסקי). נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון איר גרינדער יעפים האַלפּערן, האָט דאָך גערשוני דורכגעפירט אויפן צוזאַמענפאָר פון 1902 די פאַראייניקונג פון דער גרופּע מיט דער פּאַרטיי ס. ר. גלייכצייטיק האָט זיך אַריינגעגאָסן צו די ס. ר. די גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „רוסישע ס. ד. פּאַרטיי״ (צום אונטערשיידן פון דער רוסלענדער ס. ד. א. פּ., וואָס האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1898 אויפן צוזאַמענפאָר אין מינסק און וואָס אַ טייל אירער איז געווען דער יידישער „בונד״) מיט איר אָרגאַן „די אַרבעטער־פאָן״ (ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ). אויף אַזאַ אופן איז די פּאַרטיי ס.ר. אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט אַ סך נייע גרופּן; גערשוני האָט דערביי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל.

גערשוני איז אָבער אויך אַרויסגעטראָטן דעמאָלט אין דער פּאַרטיי ווי אַ דרייסטער אויפטוער און דורכברעכער פון נייע וועגן און מעטאָדן פון קאַמף — ער האָט גלייך ווי ער איז געקומען קיין אויסלאַנד אָנפאַר־טרויט אייניקע אָנפירנדיקע חברים זיינע באַהאַלטענע פּלענער אויפן געביט פון טעראָריסטישן קאַמף. ער האָט דאָס פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן: „אָנערקענענדיק אין פּרינציפּ די אומפאַרמיידלעכקייט און צוועק־מעסיקייט פון טעראָריסטישן קאַמף, לאָזט איבער די פּאַרטיי פאַר זיך דאָס רעכט אָנצואווענדן דעם דאָזיקן קאַמף דעמאָלט, ווען די געגעבענע אַרומיקע באַדינגונגען וועלן דאָס מאַכן פאַר מיגלעך״. ווי אַ דעקלאַראַציע פון דער פּאַרטיי האָט אַזאַ פאָרמולע אויסגעזען אַ ביסל מטושטש און צו פאָרמאַליסטיש; אָבער גערשוני האָט פון די גרופּן און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד נישט געהאַט קיין פולמאַכט צו גיין ווייטער; איז דאָס פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווי אַן אָפיציעלע דעקלאַראַציע (אין נ. 3 רעוואָל. ראָסיא).

עס זיינען אָנגעגאַנגען אַ סך דיסקוסיעס מיט גערשונין וועגן כאַראַק־טער און די אופנים פון טעראָר־קאַמף, וועגן צוקלייבן די פּאַסיקע מענטשן צו אַזאַ גראַנדיעזער אַרבעט, — אַ פאַרנעם, וואָס דאַרף זיך פאַרמעסטן מיט די כוחות און היסטאָרישן באַטייט פון דער „נאַראָדנאיא וואָליא״. אַ סך פון אונדז האָבן געהאַט ערנצטע ספיקות, צו האָבן מיר רעכט און קרעפטן דערצו. גערשוני האָט אויפגעוויזן, אַז כוחות פּאָטענציעלע זיינען פאַראַן איבער גענוג, והא ראיה — פּיאָטר קאַרפּאָוויטש, וואָס האָט דעם 14טן פעברואר 1901 דערשאָסן דעם בילדונג־ מיניסטער באָגאָלעפּאָוו. ער האָט פריער זיך גאָרנישט פאַרזיכערט מיט אַן אָפיציעלער סאַנקציע

פון דער פּאַרטיי אויף אַזאַ אַקט; די גאַנצע גרויסקייט, די גאַנצע מאָראַלישע שיינקייט פון זיין אַקט איז באַשטאַנען דערין — ער איז אַוועק און געטאָן דאָס, וואָס ס'האָט פון אים געפאָדערט זיין אייגענער געוויסן און דער נישט אָנגעשריבענער אורטייל פונעם געוויסן פון גאַנצן פאָלק. גערשוני האָט אונדז דערציילט, אַז נאָך קאַרפּאָוויטשעס אַקט איז אַוועק אַ רעקרוטירונג פון טעראָריסטישע קעמפער און אַז פון סעפּטעמבער אָן איז שוין די קאָמפּסגרופּע קאָמפּלעטירט און אירע באַשלוסן זיינען שוין אָנגענומען. פּאַרטרוילעך האָט ער צוגעגעבן (מיר זיינען געווען בלויז דריי — ער, איך און גאָץ ראַפּאַילאָוו): אויפן ערשטן פּלאַץ גייען ביי אונדז איצט סיפּיאַגין (דער אינערן־מיניסטער) און פּאָביעדאָנאָסצעוו (אויבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, דער זייל פון דער שוואַרצער רעאַקציע).

מיר האָבן איבערגעלעבט טעג פון שפּאַנונג. גערשוני איז אַוועק קיין רוסלאַנד; דאָרטן האָט זיך צעגאָסן אין די ערשטע מאָנאַטן פון 1902 אַ ברייטע כוואַליע פון סטודענטישע אומרוען, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וואָס פלעגן בלוטיק־ברוטאַל דערדריקט ווערן פון דער צאַרישער רעגירונג; דער אינערן־מיניסטער סיפּיאַגין האָט געפאָדערט פאַר זיך פון צאַר אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. ער האָט זיך געפירט ווי אַן אמתער דיקטאַטאָר; דעם 3טן מערץ זיינען אויף די גאַסן פון פּעטערבורג בלוטיק צעממיתט געוואָרן הונדערטער סטודענטן־דעמאָנסטראַנטן. ווי וועט זיך דאָס אַלץ אָפּרופן אויף אונדזער טאַקטיק? צי קומט דאָ נישט צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַ מאַסן־באַוועגונג און קאַמף פון איינצלנע יחידים־טעראָריסטן? ווי אַזוי וועלן האַנדלען דאָרטן, אין רוסלאַנד, גערשוני און די איבעריקע חברים? — דאָס זיינען אַלץ געווען פראַגן, וואָס האָבן אונדז געפּייניקט. פון גערשוניז פלעגן פון צייט צו צייט אָנקומען צו אונדז ידיעות — מיר האָבן געפילט, אַז דאָרטן קומט עפּעס פאַר אַ וואַקלונג, אפשר אַן אָפּהאַלט פון טעראָריסטישע אַרויסטרעטונגען... מיט אַ מאָל דעם 2טן אַפּריל אַ בליץ־ידיעה: סיפּיאַגין איז באַזייטיקט געוואָרן — דער סטודענט סטעפּאַן באַלמאַשאָוו האָט אים דערשאָסן!

די דאַטע פון 2טן אַפּריל איז אויסגעקליבן געוואָרן דערפאַר, ווייל אויף אָט דעם טאָג איז געווען באַשטימט די לעצטע זיצונג פון מיניסטאָרן־קאַבינעט. פּונקט איינס אַ זייגער איז סיפּיאַגין געקומען אין מאַרינסקער פּאַלאַץ און פּאָביעדאָנאָסצעוו איז אַרויס פון סינאָד. צו סיפּיאַגינען איז צוגעגאַנגען דער מיטגליד פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַלמאַשאָוו, אָנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטן מונדיר פון אַ יונגן אַדיוטאַנט. צו פּאָביעדאָנאָסצעוון האָט געדאַרפט צוגיין אַן אַנדער טעראָריסט — אַן עלטערער בכבודיקער גענעראַל, אַ פליגל־אַדיוטאַנט. מ'האָט אים אַרויס־

גערופֿן קיין פּעטערבורג דורך אַ ספּעציעלער טעלעגראַמע... מעשה שטן האָט דער טעלעגראַף פֿאַרטוישט די אותיות פֿון אַדרעסאַטס פֿאַמיליע־נאָמען, די טעלעגראַמע איז נישט אָנגעקומען און קיין פּעטערבורג איז קיינער נישט געקומען — פּאָביעדאָנאָסצעוו איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ זיכערן טויט. דער נאָמען פֿון טעראָריסט, וואָס האָט געוואָרט צו קומען קיין פּעטערבורג איז געווען דער אַלטער רעוואָלוציאָנער מיכאיל טשערניאַקאָווסקי.

מיר האָבן לאַנג נישט געדאַרפֿט וואַרטן אויף פֿאַסט־ידיעות פֿון גערשונין — ער איז אַליין געקומען, ווי אַלע מאָל אומדערוואַרט, ווי אַלע מאָל אָנגעטאָן אין אַ נייעם עלעגאַנטן קאָסטיום, מיט אַ לייכטן פּאַרטפֿעל אין האַנט אָנשטאָט באַגאַזש. ס'האָט געברויזט פֿון אים מיט מונטערקייט, גלויבן אין זיך און אין זיין אַרבעט; ער האָט אויך אונדז אָנגעשטעקט מיט זיין שטימונג און פֿעסטן גלויבן. צוזאַמען מיט גאַנץ האָט ער זיך געפֿרייט, וואָס אויף סיפּיאַגינס אָרט איז באַשטימט געוואָרן פֿאָן פּלעווע; דאָס איז די לעצטער קאָרט פֿון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפֿט; אין אונדזערע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פֿונעם תּליון פֿון דער „נאַראָדנאיא וואָליא". צום קאַמף מיט אים — האָט גערשוני אויס־געפֿירט — איז נייטיק אַ העכערע דינאַמיט־טעכניק.

די וויטערדיקע אַקטן פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטער גערשוניס אָנפֿירונג זיינען געווען באַשטימט. דער ערשטער האָט געדאַרפֿט באַש־טראָפֿט ווערן פֿאָן וואַל, דער ווילנער גובערנאַטאָר, וואָס האָט זיך דערלויבט צו באַשטראָפֿן מיט שמיץ די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע פֿון 1טן מאַי. דעם אַטענטאַט אויף אים האָט געזאָלט אויספֿירן אַ געוועזענער מיטגליד פֿון דער דערמאָנטער „אַרבעטער־פּאַרטיי צו באַפֿרייען רוסלאַנד" סטריגאַ; אָבער הירש לעקערט האָט דאָס אויסגעפֿירט פֿריער פֿאַר אים; ער האָט געשאָסן אויף פֿאָן וואַלן און אים פֿאַרוואונדעט בלויז אין פֿוס און האַנט. גערשוני האָט זייער געוויטיקט צוליב דעם, וואָס פֿאָן וואַל איז אָפּגעקומען מיט אַזאַ לייכטער שטראָף; אין נומער 7 „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא" פֿון יאָר 1902 האָט ער אָנגעשריבן זייער אַ וואַרעמען נעקראָלאָג־אַרטיקל וועגן דאָזיקן אַרבעטער־העלד.

דער צווייטער אַטענטאַט איז געווען באַשטימט פֿאַרן פֿירשט אָבאָלענסקי, וואָס האָט פֿאַרגאָסן דאָס בלוט פֿון די פּויערים אין פּאָלטאַווער גובערניע בעת די אַגראַר־אומרוען דאָרטן. דער אויספֿירער פֿון אַטענטאַט איז געווען פֿאָמאַ קאַטשור. זיין טרויעריקער גורל נאָכן אַטענטאַט האָט פֿאַר־שאַפֿט זייער פֿיל קרענקונג גערשונין און זיינע חברים. אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט גערשוניס פּראָצעס און זיין זיצן אין שליסעלבורגער פֿעסטונג.

דער דריטער אַטענטאַט, וואָס איז אויך אויסגעפירט געוואָרן דורך דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — דאָס איז געווען אויפן גובערנאַטאָר פון אופא באָגדאַנאָוויטש פאַר זיין באַרבאַריש דערשיסן פיל אַרבעטער אין זלאַטאָוסט בעת אַ שטרייק. ער איז דערשאָסן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג אויף איינעם פון די בולוואַרן אין אופא. דער הויפּט־העלד פון דאָזיקן אַקט איז געווען דער אַרבעטער דולעבאָוו, וועמען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן נאָך אַ שטאַרקער שיסעריי מיט זיינע פאַרפאָלגער; דער דירעקטער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען גערשוני, וועלכער האָט פאַרלאָזן אופא פאַר די אויגן פון דער גאַנצער צערודערטער זשאַנדאַרמעריע, שטייענדיק אויפן וואָקזאַל געאָרעמט מיט זיין „כלה״, אַרומגערינגלט פון „קרובים״ און אַנדערע באַגלייטער נאָך דער „חתונה״ און האַלטנדיק אין האַנט אַ גרויסן בוקעט בלומען...

דער אַרעסט אין קיעוו. — דער געריכט־פּראָצעס

די פּאַרטיי איז געווען שטאָלץ מיט דער טעטיקייט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטער גערשוניס אָנפירונג, וואָס האָט געקאָסט גאָר ווייניק קרבנות: נאָכן דערמאָרדן סיפּיאַגינען איז אין די הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי געבליבן בלויז דער אויספירער פון מאָרד באַלמאַשאָוו, מער קיינער נישט; דער טויט פון באָגדאַנאָוויטשן האָט קיין איינעם נישט איבערגעלאָזט ביי זיי; דאָס זעלביקע האָט אויסגעזען אין אָנהייב נאָכן אַטענטאַט אויף אָבאָלענסקין. וועגן די דערפאָלגן זיינע האָט אונדז גערשוני דערציילט אין מאַי 1902; ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אין אַ יאָר אַרום — 13טער מאַי 1903 — וועט ער שוין זיין אַרעסטירט. און געשען איז עס דורך אַ צופאַל, הגם אַ גאַנצער שטאָב שפּיאָנען איז געווען אָנגעשטעלט ספּעציעל אים צו פּאַקן. ער איז אַרומגעפאָרן פריי איבער גאַנץ רוסלאַנד נאָך די דערמאָנטע אַטענטאַטן, קיינער איז אים נישט נאָכגעפאָרן. ער איז געקומען קיין קיעוו. צו דער טוערין פון אָרטיקן קאָמיטעט ראָזאַליא ראַבינאָוויטש פלעגט אָפט אַריינקומען אַן אָרטיקער סטודענט ראָזענבערג, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ווי אַ שפּיאָן־פּראָוואָקאַטאָר אין דער אָרטיקער אָכראַנע. (אָט דער ראָזענבערג האָט געהערט צו דער יידישער סאָצ. פּאַרטיי, באַקאַנט אונטערן נאָמען „סערפּ״ — סיימאָוויצעס און איז שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך איר ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר). דער נפש האָט באַמערקט, אַז די אַטמאָספער אין שטוב איז עפּעס אָנגעזאָפּט מיט סענסאַציע, עס גייט אַרום פון האַנט צו האַנט אַ טעלעגראַמע, וואָס מ׳באַהאַלט פון אים אויס; איז ער גלייך אַוועקגעלאָפן

צו דער אָכראַנע און געמאָלדן: די ס. ר. וואַרטן עפּעס אויף וועמען! די אָכראַנע האָט גלייך געגומען זוכן אויפן טעלעגראַף און געפונען צווישן די דעפּעשן איינע אונטערגעשריבן „דאַרניצקי״; מ׳האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן פון פאַרדעכטיקן אינהאַלט, אַז דאָס איז געמיינט די באַן־סטאַנציע „דאַרניצי״, וואו מסתמא ס׳דאַרף זיך אַרויסזעצן אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט און ווען דאָס וועט געשען. פאַר גערשונין האָט מען אַוועק־געשטעלט אַ נעץ, וואוהין ער איז צופעליק אַריינגעפאַלן.

מען האָט אים געשמידט די הענט און די פיס אין קייטן, באַגלייט מיט 6 זשאַנדאַרמען־אונטעראָפיצירן און צוויי ראָטמיסטער־זשאַנדאַרמען, האָט מען אים געבראַכט קיין פּעטערבורג. דאָ האָט ער געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן וויצע־מיניסטער מאַקאַראָוו, וואָס האָט צו אים גערעדט אין פּלעווע׳ס נאָמען. זיי האָבן פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך מודה זיין, דאָס ער איז דער הויפּטפירער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע; מ׳האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט, אַז קיין טויט־אורטייל וועט ער נישט באַקומען. זיי איז אין לעבן געגאַנגען — האָט גערשוני שפּעטער דערציילט — אַז אַ ייד זאָל שטיין בראָש פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אָנפירן מיט דער טעראָר־אַרבעט. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. „מיין ענטפער פאַר פאָן פּלעווען איז: מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו אונטערהאַנדלען און זיך דינגען. זאָל ער טאָן וואָס צו אים געהערט — איך האָב מיינס געטאָן״. מיט אַ צייט שפּעטער איז פּלעווע אַליין, דער אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד, געקומען אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואו גערשוני איז געזעסן. פּלעווע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טיר פון קאַמער און אַ פרעג געטאָן גערשונין:

— איר האָט מיר וואָס צו זאָגן?

— איך?! האָט אַ קלונג געטאָן גערשוניס פעסטע שטים מיט אַזוי פיל צאָרן און פאַראַכטונג, — אַז פּלעווע האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

די אויספאָרשונג האָט געפירט דער פּראָקוראָר פאַר געהיימע ענינים טרוסעוויטש, וואָס האָט טאַקע פאַר זיינע פאַרדינסטן אין גערשוניס פּראָצעס דערגרייכט די העכסטע שטופע פון דער פּאָליציייאישער היערַ־אַרכיע — דעם פּאָסטן פון דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. שוין פון די ערשטע פאַרהערן האָט גערשוני זיך איבערצייגט, אַז עפּעס אַ פאַר־רעטערישע האַנט גרייפט דאָ אַן. ווער איז דער פאַררעטער?... טרו־סעוויטש האָט אויפגעהייבן דעם אייזערנעם פאָרהאַנג: „פּאַמאַ קאַטשור האָט זיך אויפריכטיק אין אַלץ מודה געווען!״ אָט די ווערטער האָבן מיט אייזיקער קעלט אַדורכגענומען דאָס גאַנצע וועזן גערשוניס.

קאַטשור, וואָס האָט געשאָסן אויפן גובערנאַטאָר אָבאָלענסקי און איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן אין שליסעלבורג, האָט זיך דאָרטן גייסטיק

איינגעבראָכן צוליב פאַרשיידענע מאַכינאַציעס פון דער זשאַנדאַרמעריע און איז דערפירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון אַ פסיכיש קראַנקן. מ׳האָט אים געוויזן גערשוניס פאָטאָגראַפיע אַ געשמידטן אין קייטן; ער האָט נישט געוואוסט דעם נאָמען גערשוני, ער האָט אפילו נישט געוואוסט דעם צונאָמען „דימיטרי״; מיט פאַרשיידענע רמזים און אָנצוהערענישן האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער מענטש אויף דער פאָטאָגראַפיע איז שוין אַ „פאַרענדיקטער״, אַזוי אַז ער דאַרף נישט מורא האָבן צו זאָגן אַלץ, וואָס ער ווייס וועגן אים...

אויף זיין אייגענעם פּראָצעס האָט קאַטשור זיך געהאַלטן זייער פעסט. אויך אין שליסלבורג האָט ער אויסגעקוקט צו זיין געזונט, ענערגיש און מוטיק. גלייך ווי ער איז אַריין אין פעסטונג, האָט ער געפאָדערט מ׳זאָל אים געבן אַרבעט; ווען מ׳האָט אים געענטפערט, אַז לויטן רעגולאַמין מוז מען די ערשטע צייט זיצן אין אַן איינצל־קאַמער, אָן שום אַרבעט, — האָט ער געענטפערט: נו, וועל איך אייך צווינגען מיר צו געבן אַרבעט! ער האָט אַ גאַנצע וואָך געפירט אַ הונגער־שטרייק און טאַקע אויסגעפירט — מ׳האָט אים אָפגעגעבן אַ באַזונדער קאַמער און ער האָט געאַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם.

מיט אַ פּאָר חדשים שפעטער, אין יולי, אַ געהיימניספולע פּראָוואָקאַציע; ווען קאַטשור איז געווען אין באָד, האָט מען אין זיין קאַמער געמאַכט אַ רעוויזיע און געפונען אַ... צעטעלע צו אים פון גערשונין (גערשוני האָט קיינמאָל אַזאַ צעטעלע נישט געשריבן). דער קאָמענדאַנט פון שליסלבורג האָט עטלעכע מאָל פאַרבראַכט מיט אים אין קאַמער אויג אויף אויג; עס איז אויך געקומען פון פעטערבורג עפעס אַ הויכער באַאַמטער (מסתמא טרוסעוויטש) און אויך זיך פאַרמאַכט מיט אים אין זיין קאַמער. מ׳האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעטאָן אין זשאַנדאַרמישע קליידער, קיינעם, נישט אויסגעשלאָסן די אָפיצירן און דעם קאָמענדאַנט, האָט מען צו אים נאָנט נישט צוגעלאָזט. מ׳האָט אים גענומען פלוצים און אַוועקגעפירט קיין פעטערבורג אין פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. שפעטער געבראַכט צוריק קיין שליסלבורג. ווינטער האָט מען אים ווייטער אַוועקגעפירט און מער שוין נישט צוריקגעבראַכט. אויף די ווענט פון זיין קאַמער האָט מען נאָכדעם געפונען אויסגעקריצט: „אַלץ איז פאַרלוירן, וואָס איז אין לעבן ביי מיר געווען הייליק״... „די נשמה איז פוסט״ אד״גל.

ווען מ׳האָט קאַטשורן אַריינגעפירט אין געריכט אויף גערשוניס פּראָצעס, זיינען אַלע געווען מוראדיק דערשיטערט — ער האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער מת... אויף די פראַגעס פון פאָרזיצער האָט ער לאַנג גאָרנישט געענטפערט. בלויז געקוקט שטאַר פאַר זיך; ערשט שפעטער אַ

ביסל האָט ער אַרויסגערעדט: וואָס האָב איך נאָך צו דערציילן?... שוין אַלץ דערציילט... נו, פרעגט... ווען מ'האָט אים אָנגעוויזן אויף גערשונין, וואָס איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונג־באַנק, האָט ער לאַנג זיך געוואַקלט, געענטפערט אויסמיידנדיק, אומבאַשטימט. פּלוצלונג האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן: „דאָס זיינען זיינע אויגן! קיינער אין דער וועלט האָט נישט אַזעלכע אויגן!...״ און איז געבליבן ווייטער זיצן אַ פאַרשטיינערטער.

די פאַרטיידיקונג האָט זיך געווענדט צום געריכט מיט אַ ביטע צו באַשטימען אַ פסיכיאַטרישע עקספּערטיזע איבער קאַטשורן. דאָס געריכט האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. פון די דאָקומענטן, וואָס גערשוני האָט באַקומען צו זען פון געריכט, האָט ער געקאָנט לייכט זיך דערקונדיקן — וואָס פאַר אַ סם טרוסעוויטש האָט אַריינגעפירט אין דער נשמה פון קאַטשורן און געמאַכט פון אים אַ פסיכיש צעבראָכענעם, גייסטיק צערודערטן, — האָט אַרויסבאַקומען פון אים יענע באַווייזן קעגן גערשונין, וואָס די זשאַנ־דאַרמען האָבן געדאַרפט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט באַלמאַשאָווס אַטענטאַט אויף סיפּיאַגינען האָבן די זשאַנדאַרמען געהאַט בלויז דאָס עדות־זאָגן פון אַ דינסט אין וויבאָרגער האָטעל, וואו באַלמאַשאָוו האָט געוואוינט פאַרן אַטענטאַט; די דינסט האָט אויפן פּראָצעס געזאָגט, אַז זי האָט געקוקט דורכן שלאָס־לעכל אין טיר און געזען זיצן ביי אים (ביי באַלמאַשאָוון) אַ מענטשן, וואָס איז „כמעט״ ענלעך צום אָנגעקלאָגטן (גערשונין), וואָס זיצט דאָ אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט גערשוניס פאַר־טיידיקער, דעם באַרימטן אַדוואָקאַט קאַראַבטשעווסקין, צו אַ וויציקער באַמערקונג פאַרן געריכט:

— הערן ריכטער! אויף דעם דאָזיקן „כמעט״ קענט איר גאָרנישט בויען, ווייל איר קענט דאָך אויך נישט מיין קליענט כמעט אויפהענגען״...

אַ צווייטער עדות די פאַררעטערין יורקאָווסקא האָט דערציילט, אַז בעת גערשוני האָט באַגלייט איר מאַן, דעם אָפיציר גריגאָריעוון, צו גיין אויספירן דעם אַטענטאַט אויף פאָביעדאָנאָסצעוון, האָט ער זיך מיט אים צעקושט און זאָל אים האָבן איבערגעצלמט... דער פאָרזיצער פון געריכט האָט באַמערקט דערביי גערשוניס שמייכל, — האָט ער שטרענג אויס־געדעדט דעם עדות: אַ ייד קאָן נישט צלמן!...

פון אַרכיוו־דאָקומענטן איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן, אַז קורץ פאַר גערשוניס אַרעסט האָט אזעף געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און זיך געדונגען פאַר גערשוניס קאָפּ, אויפוייזנדיק, אַז עס איז זייער אַ שווערער ענין אים צו כאַפּן; ער האָט געפאָדערט ווי אַ באַלוינונג אַן איינמאָליקע סומע פון פופציק טויזנט רובל. אָבער דער

נישטיקער סטודענט ראָזענבערג האָט אַרויסגעכאַפּט די מציאה און גע־קראָגן בלויז זיינע געווינטלעכע, אָרעמע פּאָר גראָשן פון אַ יודא — אַ פּאַררעטער... דער באַשולדיקונג־מאַטעריאַל האָט געהאַלטן זיבן בענד. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער מורא געהאַט צו פּאַרעפּענטלעכן אפילו דעם באַשולדיקונג־אַקט, ווייל דאָס וואָלט געווען גאָר פּשוט פּאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אפילו דעם געריכט־אורטייל האָט מען אין דער פּרעסע נישט פּאַרעפּנטלעכט — דער גאַנצער פּראָצעס איז געווען איינגעהילט אין געהיימניש.

דער אורטייל איז געווען: טויט־שטראָף!

אין דערוואַרטונג פון טויט. — שליסלבורג.

גערשוני איז שוין לאַנג, פּאַרן אַרעסט נאָך, געווען גרייט צום טויט — דאָס איז דאָך געווען דער לעצטער עטאַפּ פון אויסגעקליבענעם וועג, דער לעצטער מאַראַלישער זיג איבער ברוטאַלער פיזישער מאַכט. אויף וואָס האָט ער איצט נאָך צו וואַרטן — אויף באַגנעדיקונג? דאָס גיט מען דאָך נישט אומזיסט וועגן דעם דינגט מען זיך — אָבער נישט אַזעלכע ווי גערשוני, פּעלזנפעסטע גייסטיקע ריזן ווי זשעליאַבאָוו. אַ פּאָר טעג נאָכן טויט־אורטייל קומט אַריין צו אים אין קאַמער דער וויצע־מיניסטער מאַקאַראָוו, דער באַפולמעכטיקטער פון אלמעכטיקן פּלעווע. ער פּאַרפירט אַ שמועס וועגן טויט, יסורים, פּיין פון אַ רעוואָלוציאָנער אין דערוואַרטונג פון טויט — אַזעלכער גלויבט דאָך נישט אין אַ לעבן נאָכן טויט... גערשוני קוועטשט מיט די פּלייצעס: וועגן וואָס רעדט ער? — אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער צו דער רעגירונג, בעטן ענדערן דעם טויט־אורטייל... ער, גערשוני, וועט שוין געפינען אַ פאָרמולירונג, וואָס זאָל נישט דערנידעריקן זיין מענטשלעכע ווערדע...

גערשוני האַלט אין איין קוועטשן מיט די פּלייצעס. מאַקאַראָוו וואַרפט דאַן אַרויס זיין לעצטע קאָרט: אויב ער זאָגט זיך אַזוי האַרטנעקיג אָפּ, וועלן זיי מוזן אַרויסרופן זיינע עלטערן, קרובים, וואָס האָבן די פליכט צו מאַכן אַזאַ ווענדונג אָן אים! דאָ האָט שוין גערשוני אַ רעד־געטאָן גאָר מיט אַן אַנדער לשון! אַזוינס טאָן דאָס באַטייט חיהשע אכזריות; פּאַרשאַפן אומשולדיקע מענטשן אומזיסטע פּיין; זיי וועלן דאָך סיי ווי גאָרנישט פּועלן ביי אים. ער האָט גערעדט אַזוי שאַרף, אַז — ווי ער האָט אונדז שפּעטער דערציילט — אים האָט זיך געדוכט, דאָס ביי מאַקאַראָוון האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין האַרצן: מיט אַ שטילער שטים האָט ער געזאָגט: „גוט, זאָל זיין אַזוי ווי איר ווילט"... און אין אמתן האָט מען זיינע עלטערן

טאַקע נישט געטשעפּעט. אויך אים אַליין האָט מען געלאָזן צורו. ער האָט זיך געגרייט צום טויט... געהאָט מיט גרויס פאַרזיכט באַהאַלטן אַ פּאַרציע מאָרפיום — דאָס אויפן פאַל טאָמער וועט אויסקומען אויסצושטיין פייני־קונגען פאַרן טויט (אין דער רוסישער געזעלשאַפט זיינען לאַנג אַרומ־געגאַנגען קלאַנגען, אַז די פאַרמשפטע פאַר דערמאָרדן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט מען געפייניקט אַ טאָג פאַרן אויספירן די עקזעקוציע...). אזוי איז אַוועק איין וואָך נאָך דער צווייטער אין דערוואַרטונג... אָט איז שוין די דריטע וואָך געענדיקט, אָבער דאָס איז געווען די לעצטע וואָך פאַר פסח — אין אַזאַ צייט הענגט מען קיינעם נישט, איצט דאַרף מען זיך ריכטן... ווייטער קאָנטראָלירט ער צי דער מאָרפיום איז אין אָרדענונג...

איינמאָל אָן אָוונט, נאָכן קאָנטראָל... אַ טויט־שטילקייט הערשט אין קאָרידאָר פון דער פעסטונג, מיט אַ מאָל עפּעס פעסטע זיכערע טריט דערנענטערן זיך צו זיין טיר: „אַהער, אייער הויכקייט!" די טיר פּראַלט אויף; עס באַווייזט זיך פריער דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, גלייך נאָך אים דער פאָרזיצער פון מיליטער־געריכט, וואָס האָט גערשונין געמשפט — באַראָן אָסטען־סאַקען. אַ פייערלעכע שטילקייט... פון הינטן שטייען עטלעכע זשאַנדאַרמען מיט נייגעריקע פּנימער.

— הער גערשוני! איך האָב אייך געבראַכט די העכסטע צאַרישע באַגנאַדיקונג — אייך איז געשאַנקען דאָס לעבן...

אַ מינוט העכסטע געשפּאַנטקייט, וואָס ווערט איבערגעשניטן מיט גערשוניס אייז־קאַלטן טאָן:

— איך האָב וועגן דעם נישט געבעטן, איר ווייסט דאָך...

— יאָ, איך ווייס — האָט געענטפערט מיט אַ פאַרנעפּלטער שטים דער מאַיעסטעטישער באַראָן און זיך צוריק אַרויסגערוקט פון טיר.

שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון קבר, זיך געגרייט יעטווידע מינוט צו באַגעגענען דעם טויט, און מיטאַמאָל — צוריק צום לעבן!... גערשוני האָט איצט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן — די צווייטע שלאָפ־לאָזע נאַכט זינט ער איז אַרעסטירט געוואָרן; די ערשטע נאַכט איז געווען ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן קאַטשוראַס פאַרראַט...

ווידער זיינען אַוועק טעג און וואָכן אין פּסיכישער איינזאַמקייט, אין נשמה־גריבלעניש: ווי וועט אויסזען דאָס צוריק באַקומענע „לעבן", — אין וועלכן שטיינערנעם זאַק וועט ער לעבעדיקערהייט ווערן באַ־גראָבן, — מיט וואָס פאַר אַן אינהאַלט וועט דאָס דאָזיקע „לעבן" זיין אָנגעפילט?... דעם 29טן יולי ווערט די מאָנאָטאָנע שטילקייט צווישן די שטיינערנע ווענט פון טרובעצקאָי־באַסטיאָן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג איבערגעריסן מיט... 300 האַרמאַטן־שאָסן. דאָס האָט מען אָנגע־זאָגט אויף אַזאַ אופן די שמחה, אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן דער לאַנג

דערוואַרטער קרוינפּרינץ („נאַסלעדניק"). לכבוד אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער שמחה — האָט מען דערוואַרט פּאַרלייכטערונגען און ענדערונגען אינעם גורל פון די פּאָליטיש פאַרמשפּטע. גערשוני האָט שפּעטער מיט הומאָר דערציילט, אַז ער, דער רעוואָלוציאָנער, האָט אָפּט געכאַפּט זיך אַליין ביים שטאַרקן וואונטש, אַז די צאַרישע פאַמיליע זאָל דערלעבן אַזאַ שמחה... ווידער זיינען געקומען אין דער פעסטונג אַריין הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן און אָנגעזאָגט אויך גערשונין די „שמחה", אַז ער ווערט איבערגעפירט אין שליסלבורגער פעסטונג אָפּצוקומען זיין שטראָף — טורמע אויף אַ גאַנצן לעבן!

טויט־אורטיילן אויף גאָר וויכטיקע פּאָליטישע פאַרברעכער פלעגט מען אויספירן אין שליסלבורגער פעסטונג. די לעבעדיק באַגראָבענע אין די שטיינערנע זעק פלעגן זען, ווי ס'ווערן אויפגעשטעלט תליות און שפּעטער פונאַנדערגענומען. אַזוי איז עס געווען מיט באַלמאַשאָוון, וואָס האָט דערשאָסן דעם אינערן־מיניסטער סיפּיאַגין. מ'האָט שפּעטער דערציילט זיי, אַז ווען מ'האָט באַלמאַשאָוון אַריינגעפירט אין הויף און ער האָט פאַר זיך דערזען פון דער וויטנס די אַלטע מויער, וואו ס'זיינען געזעסן די אַלטע קרבנות און העלדן פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא", — האָט באַלמאַשאָוו אַרונטערגענומען די הוט, און האָט לאַנג, אין שטילן שווייגן, מיט יראת הכבוד געקוקט אויף די פענצטער־לעכער פון די קאַמערן: דער ערשטער און אויך לעצטער גערוס פונעם יינגסטן שילער און נאָכפאָלגער — צו די אַלטע לערער און וועגווייזער, וואָס האָבן פאַר אים געדינט ווי אַ מוסטער פון העלדישקייט און מסירת נפש פאַר דער גרויסער אידייע פון באַפרייען דאָס פאָלק.

אויף אַ גאָר מערקווערדיקן אופן האָט גערשוני זיך דערוואוסט, אַז פּלעווע איז דערמאָרדעט געוואָרן. ס'איז צו אים אַריין אין קאַמער דער נאַטשאַלניק פון פעסטונג, דערציילט אַ געשיכטע, אַז דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פירט אַן אויספאָרשונג וועגן אַן אומלעגאַלן בריוו, וואָס גערשוני זאָל האָבן אַרויסגעשיקט פון שליסלבערג. דערווייל האָט מען אים, דעם נאַטשאַלניק, נאָך נישט אויסגעפרעגט וועגן דעם, — וויל ער זיך מישב זיין מיט אים, גערשונין, ווי זאָל ער זיך האַלטן. גערשוני האָט געזאָגט דעם נאַטשאַלניק, אַז צום באַדויערן, האָט ער נישט געהאַט די מיגלעכקייט אַרויסצושיקן אַ בריוו אומלעגאַל, דאָס הייסט, אַז ס'איז אַ ליגן די גאַנצע געשיכטע, אַ פּראָוואָקאַציע פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, ווי דאָס פּאַסט טאַקע פאַר פּלעווען.

— יאָ, האָט זיך אָפּגערופן דער נאַטשאַלניק: דאָס איז געווען אַ גרויסער יעזואיט...

גערשוני האָט אויפגעבראַויזט: ער האָט דייטלעך געהערט, ווי דער

נאַטשאַלניק האָט געזאָגט „געווען״, — הייסט עס פּלעווע איז שוין נישטאָ, מע רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ פאַרגאַנגענהייט . . . ער האָט אָבער זיך נישט אַנטשלאָסן דעמאָלט צו פרעגן ביים נאַטשאַלניק פּרטים. מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט גערשונין, אַז מע פירט אים אַריבער אין דער אַלגעמיינער טורמע, ווייל פון דאָרטן זיינען שוין אייניקע באַפרייט געוואָרן, אַנדערע וואַרטן אויף זייער ריי. . . מען גייט — זאָגט ער — איינפירן אַ גאָסודאַרסטווענע דומע, עפּעס אַ מין קאָנסטיטוציע... גערשונין פּייניקט אַלץ די נייגעריקייט — וואָס איז געוואָרן מיט פּלעווען. ער גיט פאָרזיכטיק נישט מיר נישט דיר אַ פרעג: נישט שוין האָט פּלעווע געגעבן אַ קאָנסטיטוציע? דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַרומגעקוקט, הגם אין קאַמער איז חוץ זייביידן קיינער נישט געווען, און אַריינגעשעפּטשעט גערשונין אין אויער אַריין:

— וואָס פאַר אַ פּלעווע!... יענער איז שוין אויף שטיקער צעריסן מיט אַ באָמבע, און דער וואָס האָט די באָמבע געוואָרפן, זיצט דאָ אין קאַמער נישט ווייט פון אייך... סאַזאָנאָוו איז זיין נאָמען...

ביי גערשונין האָט שיר דאָס האַרץ נישט געפּלאַצט פון פרייד... ער קען גוט סאַזאָנאָוון — איינער פון דער גוואַרדיע אומשטערבליכע, וואָס ער, גערשוני אַליין, האָט צוגעקליבן... אָבער פאַרוואָס האָט מען אים נישט אויפגעהאַנגען? — וואונדערט ער זיך. „איצט זיינען אַנדערע צייטן״ — שעפּטשעט אים ווידער אַריין אין אויער דער נאַטשאַלניק. מ׳האָט סאַזאָנאָוון אויך איבערגעפירט אין דער אַלגעמיינער טורמע. אַ שאַרפער ליכטשטראַל האָט פאַר גערשונין אויפגעבליצט און באַלויכטן מאָמענטאַל אַלץ וואָס אין רוסלאַנד קומט איצט פאָר. . .

איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַן אויפרעגונג איך האָב פונאַנדער־געוויקלט איינעם פון די אומלעגאַלע בריוו, וואָס גערשונין איז שוין דעמאָלט געלונגען אַרויסצושיקן אויף דער פריי; איך האָב דערקענט זיין טייערע האַנטשריפט: „דער באָבעז, וויקטאָרן און אַלע נאָנסטע פריינט״... דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע ווענדונג צו דער פּאַרטיי, — גלענצנד אָנגעצייכנט די פּערספּעקטיוון פון דער צוקונפט, אָנגעמערקט אַ ריי געדאַנקען פון ריין פּראַקטישער נאַטור, — בכלל, די גאַנצע פילאָסאָפיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

מ׳האָט גענומען באַפרייען די אַלטע שליסלבורגער און אַרויסשיקן זיי קיין סיביר; צווישן אַזעלכע איז אויך געווען הערמאַן לאָפּאַטין, ווען גערשוני, ווי נאָר ער איז אַריין אין דער אַלגעמיינער טורמע, האָט איבערגעגעבן אַ באַגריסונג אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיי ס. ר. איינער פון גערשוניס פּאַרטיידיקער אויפן פּראָצעס, קאַראַבטשעווסקיס געהילף באַרט איז געווען דער זון פון הערמאַן לאָפּאַטין. זיין שטורמיש

לעבן פון אַן אומלעגאַלן קעמפער האָט אים נישט דערלויבט צו געבן דעם זון זיין ריכטיקן נאָמען, ביז וואַנען מ׳האָט אים אַרעסטירט, געמשפּט און באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין אַ שטיינערנעם זאַק אין שליסלבורג. באַרט האָט אונדז צוגעשיקט קיין אויסלאַנד דעם גאַנצן באַשולדיקונג־אַקט קעגן גערשונין און אויך זיין רעדע אויפן פּראָצעס; מיר האָבן דאָס פאַרעפנטלעכט. גערשוני, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין שליסלבורג איז זיין ערשטע אַרבעט געווען — איבערגעבן לאַפּאַטינען אַ גערוס פון זיין זון באַרטן, גערשוניס פאַרטיידיקער. דער אַלטער לאַפּאַטין האָט מיט־גענומען מיט זיך אויף דער פריי גערשוניס אַ באַגלייט־בריוו צו אים. דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו דער גאַנצער פּאַרטיי. אין דער דאָזיקער ווענדונג ווייזט ער אָן, אַז די פּאַרטיי ס. ר. קוקט אויף זיך ווי אויף דער גייסטיקער יורשטע פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא״; די יונגע פּאַרטיי האָט געהאַלטן פאַר איר אידעאַל, אַז דער גייסט, מוט, רעוואָלוציאָנערע אויסגעהאַלטנקייט פון דער אַלטער פּאַרטיי זאָל באַהערשן אויך אירע יונגע רייען.

מיט לאָפּאַטינען איז פאַרבונדן נאָך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון יענער צייט. מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן דאָזיקן אַלטן וועטעראַן איז געווען סוף 1905. „איך האָב צו אייך גאָר אַ ספּעציעלן ענין — האָט ער אָנגעהייבן נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבן גערוסן פון גערשונין און אַנדערע שליסלבורגער: פאַר מיין אַרעסט האָב איך אַוועקגעלייגט אין באַנק אויף אַ פרעמדן נאָמען אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס איך האָב געהאַט פון די פאָנדן פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא״. איך האָב איצט דאָס געלט אָפּגענומען צוזאַמען מיט פּראָצענטער, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן פאַר אַזוי פיל יאָרן. דאָ איז דאָס געלט און דער גאַנצער חשבון פון באַנק און דאָס באַנק־ביכל. דאָס דאָזיקע געלט — האָט ער געזאָגט — געהערט מיט רעכט צו דער פּאַרטיי ס. ר., וואָס איז די אמתע אידייאישע נאָכפאָלגערין פון „נאַראָדנאַיא וואָליא״.

אָט די באַגעגעניש האָב איך איבערגעלעבט ווי אַ היסטאָרישע גע־שעעניש. איך האָב זיך רירנד און האַרציק צעקושט מיט לאָפּאַטינען.

חבר „קאַפּוסטין״ — נאָכן אַנטלויפן פון קאַטאָרגע. — סאַווינקאָוו, אַזעף, און גערשוני. — דער טראַגישער טויט.

עס שטייט נאָך היינט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד אויף אונדזער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין טאַמערפאָרס: אַ פול געפּאַקטער זאַל מיט דעלע־גאַטן, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע עקן רוסלאַנד; דער

פּאַרזיצער מעלדט: „אַ וואָרט באַקומט אויסער דער ריי חבר קאַפּוסטין, וואָס איז אָקאָרשט געקומען צופאָרן״... נישט אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך גלייך געכאַפּט, וואָס עס מיינט דער פּסעוודאָנים „קאַפּוסטין״ — אַז דאָס באַטייט „קרויט״ (קאַפּוסטא אויף רוסיש), — אַ רמז אויף דער פּאַס קרויט, אין וועלכער גערשוני האָט געמאַכט זיין „רייזע״ פון דער אַקאַטויסקער קאַטאָרגע־טורמע אויף דער פריי אַרויס.

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז איבערגעלאָפן איבערן זאַל זיין נאָמען — אַ שעפּטשעניש פון פאַרוואונדערונג, באַגייסטערונג, אַלע אויגן זיינען געווענדעט צו דער טריבונע, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען דער לעגענדאַרער העלד. פון אויפרעגונג האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אָנהייבן ריידן; דער גאַנצער זאַל צוזאַמען מיט אים איז געווען איין פאַרגליווערטע געשפּאַנטקייט. ער האָט געגעבן אַן אַנאַליז פון די געשעענישן פון דער נאָנטסטער פאַרגאַנגענהייט, אַנגעמערקט די פּערספּעקטיוון פון דער נאָנטסטער צוקונפט; האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן כאַראַקטער פון דער אונטערערדישער אַרבעט, וואָס שאַפט סעקטאַנטישקייט, באַגרעניצטקייט, אומטאָלעראַנץ און קרענקלעכע ליידנשאַפט פאַר זעלבסט־איזאָלאַציע. דאָ האָט ער באַזונדערס שאַרף אַקצענטירט די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פון אַ פאַראייניקונג מיט דער רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי: זי געהערט דאָך שוין נישט איצטער צו אַ גרופּע אָנפירער בלויז, — זי איז אַן אייגנטום פון די ברייטע מאַסן אַרבעטער, און צו זייער געזונטן שכל און בירגערלעכן חוב זיינען מיר מחוייב צו אַפּעלירן פון איצט אָן. אין פאַראייניקונג ליגט דער זיג.

צו דעם מאָמענט, ווען גערשוני איז צוריקגעקומען אין אונדזערע רייען, האָבן מיר געהאַט אַ סך צו טראַכטן און זיך אָריענטירן אין אַ ריי נייע דערשיינונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן, און וואָס מ׳האָט באַצייכנט מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „די צעשטויבונג פון דער רעוואָלוציע״. דערמיט האָט מען געמיינט: די טענדענצן פון פאַבריק־ און אַגראַר־טעראָר (דערמאָרדן פאַרהאַסטע פּריצים, פאַבריק־מייסטערס אדג״ל.); די פּריוואַטע עקספּראָפּריאַציעס, דאָס אַרויפלייגן אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג עקסטרע שטייערן פאַר דער רעוואָלוציע, טעראָר־ און נקמה־אָנפאַלן אויף פּאָליציאַנטן, קאָזאַקן, קליינע באַאַמטע אאז״וו. גערשוני, פּונקט ווי גאַץ, האָט געפּאָדערט ווי ווייט נאָר מיגלעך אויסצומיידן קרבנות פון אומשולדיקע ביים אויספירן טעראָר־אַטענטאַטן; ער האָט שאַרף פאַראורטיילט די טאַקטיק פון די מאַקסימאַליסטן, וואָס האָבן אויפגעריסן די דאַטשע פון סטאָליפּינען און דערביי אומגעבראַכט אַ מאַסע אומשולדיקע מענטשן, וואָס זיינען געקומען צום מיניסטער מיט פאַר־שיידענע בקשות, ווענדונגען, — צווישן זיי קרובים פון אַרעסטירטע

רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געקומען זיך משתדל זיין פאַר זיי ביים מיניסטער. צוזאַמען מיט דער „באָבען״ איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די עקספּראָפּריאַציעס — אים איז געווען דערווידער אָנצופילן די פאַרטיי־קאָסע מיט געלט, וואָס איז באַשמוצט מיטן בלוט פון די באַאַמטע און סאָלדאַטן, וואָס האָבן דאָס געלט קאָנוואָירט און איבערגעפירט.

דאָס פיינלעכסטע פאַר גערשונין אין יענער צייט — נאָך זיין אנטלויפן פון קאַטאָרגע — איז געווען — דאָס צעפאַלן זיך פון זיין קינד, וואָס ער האָט געשאַפן — די קאַמף־אָרגאַניזאַציע; זי האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ צושטאַנד פון דעמאָראַליזאַציע און דעזאָרגאַניזאַציע, געווען פולשטענדיק פאַראַליזירט... ווי אַזוי איז דאָס געשען?

דער איבערברוך־מאָמענט אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, דאָס מיינט די נישט פאַרענדיקטע „רעוואָלוציע פון יאָר 1905״, איז אויך געווען אַן איבערברוך אין דער קאַריערע פון דעם גרעסטן פּראָוואָקאַטאָר אזעף. ער ווערט אַרעסטירט (אונטערן נאָמען „אינזשיניער טשערקאַס״, אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוגרייטן אַן אַטענטאַט אויפן אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ) גראָד אינעם מאָמענט, ווען ער איז פול מיט מורא, אַז זיין קאַריערע אין דער אָכראַנע איז שוין אַ געענדיקטע. מע שמועסט זיך אָבער מיט אים אַדורך, מע ציט אים צו ווייטער צו דער אַרבעט, מען אַרבעט אויס צוזאַמען מיט אים נייע באַדינגונגען און אופנים פון זיין „מיטאַרבעט״. מיט אים פירט איצט אָן דער זשאַנדאַרמען־גענעראַל געראַסימאָוו (ער דערציילט אגב דאָס גאַנץ גענוי אין זיינע מעמוארן, וואָס זיינען דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך); ביידע צוזאַמען אַרבעטן־אויס די פּלענער פון דער ווייטערדיקער טעראָריסטישער טעטיקייט, ביידע קאָאָרדינירן די טאַקטיק סיי פון דער אָכראַנע סיי פון די טעראָריסטן. אזעף האָט געגעבן אַ גאַראַנטיע, אַז טעראָר־אַקטן וועלן נישט אָנגעווענדעט ווערן קעגן דער צענטראַלער מאַכט; געראַסימאָוו זאָגט־צו אַזעפן צו היטן זיין רעוואָלוציאָנערן פּרעסטיזש דורך געבן אים די מיגלעכקייט צו ראַטעווען אין צייט יענע טעראָריסטן, וואָס וועלן זיך געפינען אין אַזעפס ספערע פון טעטיקייט... די פאַרטיי, וואָס האָט געפירט אַ טעראָריסטישן קאַמף איז אויף אַזאַ אופן געבראַכט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון פּאַראַליזש — נישט געקאָנט אויספירן קיין געלונגענע טעראָריסטישע אַקטן, אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט, די מאַשין האָט נישט געקלאַפּט — אַ גאַנצע ריי טעראָריסטישע אונטערנעמונגען זיינען דורכגעפאַלן; ס׳האָט זיך באַשאַפן אַן אַטמאָספער פון אומזיכערקייט, — אַן אַנטוישונג אין טעראָריסטישע מעטאָדן.

אַזעף האָט דעמאָלט געמאַכט אַן אַנטשלאָסענעם שריט. דורך סאַווינקאָוון, וואָס איז, נישט וויסנדיק דערפון, געווען אַ ווערקצייג אין אזעפס הענט,

האָט ער געמאָלדן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַזביידע אָנפירער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע גיבן זיך אָן אין דעמיסיע און צוזאַמען מיט זיי וואַרפן די אַרבעט אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די פּראַקטיק פון דער לעצטער צייט האָט באַוויזן, אַז מע מוז האָבן צו דער איצטיקער טעראָריסטישער אַרבעט גאָר נייע מעטאָדן, אַ נייע טעכניק, נייעם מענטשן־מאַטעריאַל אאז״וו. ביז וואַנען די נייע באַזעס וועלן געשאַפן ווערן מוז מען די אַלטע מעטאָדן אָוועקוואַרפן און זיך געזעגענען מיט זיי. איינער פון זייערע הויפּט־פּרינציפּן איז געווען — די טעראָריסטישע אַרבעט און איר׳ע אויספירער מוזן זיין פולשטענדיק איזאָלירט פון דער אַלגעמיין־פּאַרטיי־אישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, — אַנדערש — האָבן זיי געטענהט — קען נישט עקסיסטירן קיין שום ערנצטע קאָנספּיראַציע, וואָס איז דער הויפּט־יסוד פון טעראָריסטישער טעטיקייט. דער צענטראַל־־קאָמיטעט האָט נישט מסכים געווען מיט זייער קאָנצעפּציע. אַזעף און סאַווינקאָוו זיינען אָוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. גערשוני האָט זיך מיט זיי געטראָפן און ווידער אַ מאָל זיינען פאַרגעקומען די דיסקוסיעס וועגן די „נייע מעטאָדן״.

סאַווינקאָוו האָט אויף גערשונין געמאַכט זייער נישט קיין אנגענעמען איינדרוק; ער האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט: „לאָמיר אים לאָזן צורו איינמאָל פאַר אַלע מאָל — קיין שום גוטס פון אים וועט נישט אַרויסקומען״. דאַקעגן מיט אַזעפן האָט ער זיך מער דערנענטערט, האָט מסכים געווען צו גיין מיט אים אויף אַ „צענטראַלן אַקט״, וואָס האָט באַטייט — אויפן צאַר אַליין. אַזעף האָט זיך גענומען אָפּקערן פון סאַווינקאָוון און איז נענטער געוואָרן מיט גערשונין. שפּעטער איז שוין קלאָר געוואָרן פאַר וואָס: געראַסימאָוו האָט געפאָדערט אַזעף זאָל קומען קיין פּעטערבורג; נו, האָט ער זיך גענומען צוזאַמען אַרבעטן מיט גערשונין, כדי נישט צו בלייבן מיט „ליידיקע הענט״. חוץ דעם האָט נאָך גערשוני געהאַט גרויס זאָרג צו רעאַביליטירן אַזעפן, אויף וועמען — ווי ער האָט זיך דער־וואוסט — מע האָט געשמועסט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן פּאָליטיש כשר. גערשוני האָט אין אַזעפן געגלויבט ווי אין אַ הייליקן; דער איינציקער מיטל בטל צו מאַכן אַלע בייזע רייד — האָט ער געהאַלטן — איז גיין צוזאַמען מיט אַזעפן „אויפן צאַר״; וועט געלינגען — וועלן דאָך סיי ווי די אַלע רייד פאַרשווינדן; ווען נישט — וועלן זיי ביידע אומקומען און אַזעפס נאָמען וועט זיין ריינגעוואַשן...

אין שליסלבורג האָט גערשוני שטאַרק זיך געפּייניקט מיט ספקות, צי די טעראָריסטישע טעטיקייט, וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט איז אָוועק אויפן געהעריקן וועג און ברענגט נצחונות פאַר דער פּאַרטיי, — ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳וועט זיין אַ חרפּה פאַר דער פּאַרטיי אויב פּלעווע

וועט בשלום אָוועק אין דעמיסיע, האָבנדיק אויסגעפּירט זיין באַרוף — צו צעשמעטערן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אָבער צוליב דעם געלונגענעם אַקט פון סאַזאָנאָוון — מ׳האָט דאָך געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גרויסער פאַרדינסט פון אַזעפן — איז דער לעצטער אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן אין גערשוניס אויגן, אַז ער איז געווען צופרידן צו שטאַרבן אינאיינעם מיט אים אָבי אים ריינוואַשן פון שרעקלעכן בלבול! אַמאָל האָט אַזעף געפאָדערט פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פופציק טויזנט רובל פאַר גערשוניס קאָפּ; דער העסלעכער פּראָוואָקאַטאָר ראָזענבערג האָט דאָס געמאַכט פאַר ביליקער. איצט האָט אַזעף ווידער געהאַט די מיגלעכקייט אין זיינע הענט; גערשוני האָט זיך געגרייט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אים, זיי האָבן שוין געמיינזאַם אויסגעאַרבעט פּלענער; דאָס מאָל האָט ביים פאַררעטער אַרויסגעכאַפּט זיין רויב אַן אַנדער קאָנקורענט — גערשוניס קראַנקהייט.

גערשוני פלעגט אַ ביסל אונטערהינקען אויף אַ פוס. מיט גרויס מי האָבן מיר אים געצוואונגען צו דערציילן די געשיכטע: בעת מ׳האָט אים אין קיעווער טורמע פאַרשמידט אין קייטן, האָט דער האַמער אָנגעטראָפן אויף אַ פינגער פון פוס; די וואונד האָט גענומען פוילן; דער אומוויסנדער טורמע־דאָקטאָר האָט גענומען דעם פינגער שניידן; 26 מאָל האָט מען אים געשניטן אַזוי, אַז אין דער מאָסקווער „בוטירקע" האָט מען געמוזט דעם פינגער אינגאַנצן אַראָפּנעמען — ס׳האָט געדראָט אַ גאַנגרענע דעם גאַנצן קערפּער... ווען מיר האָבן אים פאַרגעוואָרפן, פאַר וואָס ער האָט אַזוי פאַרנאַכלעסיקט די קראַנקע פוס — האָט ער איראָניש געענטפערט:

— איך האָב זיך דעמאָלט געקליבן אויף דער תליה, — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט טראַכטן וועגן עפּעס אַ פינגער...

פון ווייטערדיקע שמועסן וועגן זיין רואינירטן געזונט־צושטאַנד נאָכן אַנטלויפן פון אַקאַטוי, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די „רייזע" אין דער קרויט־פאַס האָט דעמאָלט שיר נישט געקאָסט אים דאָס לעבן: ער האָט זיך שיר נישט דערשטיקט, געוואָרן דורכגענומען מיטן זאַלציקן עפּוש פון פאַרפוילטן קרויט; אַ האַלב טויטער איז ער אַרויסגעקראָכן פון פאַס אויפן סיבירער פראָסט, דער גאַנצער קערפּער האָט געברענט... ווען די דאָזיקע וואנדערונג זיינע האָט זיך געענדיקט, איז געקומען אַ שרעקלעכע רעאַקציע: הויכער בלוטדרוק, אָפּשוואַכונג פון אַלע נאָרמאַלע פונקציעס פון אָרגאַניזם, הויכער פּולס, אָפּטע הויכע טעמפּעראַטור. די דאָקטוירים אין פינלאַנד האָבן דעם קאָפּ פאַרלוירן — עס האָבן זיך געמערקט געפערלעכע סימנים פון עפּעס אַן אומבאַוואוסטער קרענק. מ׳האָט אָנגענומען עקסטרע מיטלען און אָוועקגעפירט אים אין דער שווייץ, וואָס פאַרמאָגט זייער פיל דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן. ער האָט

קוים איינגעשטימט צו פאָרן — בלויז אונטער איין באַדינג — נאָר אויף אַ קורצע צייט, ער קומט גלייך צוריק צום שלאַכטפעלד, וואָס וואַרט אויף אים...

גאָר גיך האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה: גערשוני איז אין שפּיטאָל, אַ לונגען־סארקאָמא (אַ בייזאַרטיקע געשווילעכץ), אַ טויט־אורטייל! ער איז געשטאָרבן אין צוריך דעם 17טן מערץ 1908.

און דעם 26טן דעצעמבער פון זעלביקן יאָר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אונטערגעשריבן די מעלדונג וועגן אזעפס פּראָוואָקאַציע. גערשוני האָט געהאַט דאָס גליק — נישט צו דערלעבן צו דער דאָזיקער שוואַרצער דאַטע אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי ס. ר. — פון אַזעלכע שרעקלעכע איבערלעבונגען האָט אים באַפרייט — דער טויט...

אָסיפֿ מינאָר



אָסיפֿ מינאָר
(1861 — 1932)

אויב מיכאיל ראפאילאָוו־גאָץ האָט געהערט צו דער האַנדל־אינדוס־טריעלער אַריסטאָקראַטיע ביי יידן, האָט אָסיפֿ מינאָר געהערט צו דער גייסטיקער. זיין פֿאָטער סאָלאָמאָן מינאָר האָט געענדיקט דעם ראַבינער־אינסטיטוט אין ווילנע, — אַן אינסטיטוציע, מיט וועלכער די דעמאָלטדיקע משכילים האָבן זיך געגרויסט ; ער האָט באַקומען די ראַבינער־שטעלע אין מינסק, שפּעטער איז ער אָנגעקומען אויף אַזאַ שטעלע אין מאָסקווע ; ער איז געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער אין רוסיש און די מאָסקווער יידישע

קהילה האָט געהאַט אַ גוטן שם צוליב אים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע אין קאַמף פאַר עטאַבלירן אין מאָסקווע אַ ריי יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געזאָלט זיין פאַרבונדן מיט דער קהילה; דערביי איז ער נישט מיד געוואָרן צו קעמפן מיט די קליינלעכע אנטי־יידישע גזירות פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן און נישט דערלאָזט עס זאָל זיך איינשטעלן אַ נאָרמאַל קהילה־לעבן.

דער ראַבינער מינאָר איז אויך געווען פאָפּולער ביי דער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו יידן און ער איז געשטאַנען מיט זיי אין אַן ענגן קאָנטאַקט בנוגע די פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו יידישקייט און צו דער רעכטלעכער לאַגע פון די יידן. ס׳איז באַוואוסט, אַז לעוו טאָלסטאָי האָט זיך גענומען ביי אים לערנען העברעאיש און תלמוד; זיין פרוי סאָפיא — ווי מקאָן זען פון אירע מעמואַרן — איז דאָס גאָרנישט געווען צום הארצן.

ווען אין מאָסקווע האָט גענומען קיניגן ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר דעם קייזערס ברודער דער גרויספירשט סערגיי, וואָס איז געווען באַ־וואוסט ווי אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער און אַ שונא ישראל, — האָבן זיך אויך פאַרן ראַבינער מינאָר אָנגעהייבן שווערע צייטן. ס׳איז באַוואוסט געווען סערגייס א ווערטל: „אין דער פראַוואָסלאַווער מאָסקווע קאָן נישט זיין קיין אָרט פאַר אַ יידישע סינאַגאָגע״. מינאָר האָט גראָד געאַרבעט אויף אויפבויען אין מאָסקווע אַ שיינע סינאַגאָגע, וואָס זאָל פּאַסן פאַר אַזאַ רייכער יידישער קהילה. די אַדמיניסטראַציע האָט אָבער נישט דערלאָזן דערצו; פאַרשיידענע שיקאַנעס און בייזוויליקע שפּיצלעך זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן, ביז איין מאָל איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון דער מאַכט: „באַזיי־טיקן די סינאַגאָגע, ווייל ס׳איז נישט פאַראַן אַ נויטווענדיקייט דערצו אין מאָסקווע״. מינאָר האָט פאַרגעלייגט די אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון דער קהילה אָנצוגעבן אַ קאָלעקטיווע ביטע; זיי האָבן אָבער מורא געהאַט זיך צו אָנטשליסן אויף אַזאַ טריט; האָט מינאָר אַליין אָנגעגעבן די ביטע צו דער מאַכט. דאָס האָט נאָכמער צערייצט די הערשער. קורץ נאָכדעם איז אָנגעקומען אַן אלערהעכסטער באַפעל פון צאַר: דעם מאָסקווער ראַבינער באַזייטיקן פון זיין אַמט, אַרויסשיקן אים פון מאָסקווע אין דער „טשער־טא״ (תחום המושב, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען) און פאַרווערן אים אויף שטענדיק אַרויסצופאָרן אויסער דער „טשערטא״...

אַט אַזאַ אומרואיקער קעמפערישער גייסט איז געווען דער פאָטער פון דער משפחה מינאָר. דער עלטערער זון, לאַזאַר, איז געוואָרן אַ וויסנ־שאַפט־מאַן אין אייראָפּעאישן מאַסשטאַב, אַ ספּעציאַליסט אויפן מעדיצי־נישן געביט פון נעוראָלאָגיע, מחבר פון העכער אָנדערהאַלבן הונדערט

ווערק, גרינדער פון דייטשן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „די ערגעבניסע דער נעאוראָלאָגיע" און מיטרעדאַקטאָר פון רוסישן „זשורנאַל פאַר נעאוראָלאָגיע און פּסיכיאַטריע". צוליב זיין יידישקייט האָט ער אין רוסלאַנד נישט געקענט גיין ווייטער ווי אַ פּריוואַט־דאָצענט פון אוניווערסיטעט און אַ לעקטאָר אויף העכערע פרויען־קורסן.

מינאָר אין בוטירקי־טורמע (1888)

דער צווייטער זון איז געווען אָסיפּ. ער האָט אויסגעקליבן דעם מאַרטירער־וועג פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער; דאָס האָט געוואָרפן אַ טרויער־שאָטן אויך אויף זיינע קינדער. זיין ערשט קינד, אַ מיידעלע פון 2 חדשים אַלט, איז פאַרפרוירן געוואָרן הינטער יאַקוטסק אויפן וועג קיין קאָלימסק, וואוהין די גרויזאַמע צאַרישע מאַכטהאָבער האָבן געצוואונגען איר מוטער צו פאָרן מיטן עטאַפּ אין אַ שנײדיקן פראָסט. זיין עלטסטער זון, איליא, איז געפאַלן אין רוסלאַנד בעתן בירגער־קריג נאָכן יאָר 1917; אַ צווייטער, לעוו, איז אומגעקומען אין אוקראַיִנע אויפן מאָכנאָווער פראָנט; נאָך אַ זון, אַלעקסאַנדער, אַ טאַלענטירטער מעדיקער און אַ טאָכטער, אסיא, פון די ערשטע רוסישע אַדוואָקאַטן אין פּאַריז, האָבן גליקלעך, צוזאַמען מיט דער מוטער, אויסגעמיטן די היטלער־אַבלאווע אויף יידן אין פראַנקרייך. אָסיפּס פרוי אַזוי ווי גאַנץ אלמנה

האָבן אין זייער פּריסטער יוגנט געהערט צו אַ סאָציאַליסטישן קרייז פֿון אַנדריי זשעליאַבאָוו.

פֿון זיין יוגנט אָן איז אָסיפֿ מינאָר געווען אַ טרייער חבֿר, אַ מיט־קעמפּער פֿון מיכאיל גאָץ; ביידע צוזאַמען האָבן זיי מיטגעמאַכט די טורמעס, דעם מאַרטירער־וועג קיין יאַקוטסק, די יאַקוטסקער שחיטה, — שפּעטער די פֿאַרצווייגטע טעטיקייט אין דער ס. ר.־ישער פּאַרטיי; מינאָר האָט זיך אַליין כאַראַקטעריזירט ווי אַ „סאָלדאַט פֿון דער רעוואָלוציע". מינאָרס ביאָגראַפֿיע דאָס איז די געשיכטע פֿון דער פּאַרטיי, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן; קיין ריין־פּערזענלעכע ביאָגראַפֿיע פֿאַרמאָגט נישט מינאָר. ער האָט אין דער פּאַרטיי, טאַקע ווי אַ זעלנער, געטאָן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפֿאָדערט צו טאָן אין געגעבענעם מאָמענט: געשריבן אַרטיקלען, רעדאַקטירט, אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען מיט זיין געוויינטלעכער, נישט געקינצלטער אויפֿריכטיקער שפּראַך; פֿלעגט פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע פּאַרטייען; אויסגלייכן אינערלעכע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע סכסוכים; פֿירן אינטימע געשפּרעכן מיט אַ חבֿר, וואָס האָט פֿאַרלוירן די גייסטיקע גלייכגעוויכט, — מיט איין וואָרט, וואו נאָר ס'איז אין געגעבענעם מאָמענט געווען נייטיק צו זיין — דאָרטן איז שוין געווען מינאָר ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן. פֿאַרן טויט האָט ער געבעטן נישט צו האַלטן קיין רעדעס אויף זיין לויה.

געווען עפּעס אין דער נשמה פֿון אָסיפֿ מינאָר אַ מין וואָרעמקייט, ס'האָט געשטראַלט פֿון איר מילדקייט, ליבלעכקייט, רואיקייט, וואָס האָט יעטווידן פֿאַרזאָרגט, אומרואיקן, פֿאַרביטערטן, וואָס האָט פֿאַרלוירן דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט — צוריקגעקערט צום נאָרמאַלן צושטאַנד, אָפּ־געפֿרישט, באַרואיקט. יעטווידער, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַ־רירונג האָט געפֿילט, אַז ער איז נישט פֿאַר אים בלויז אַ טויטע קאַטעגאָריע, אַן „עס־ער", אַ „סימפּאַטיקער", אַ „וואַקלדיקער", — ניין, ער איז אַ לעבעדיקע קאָנקרעטע אינדיווידואַליטעט, וואָס רופֿט אַרויס ביי אים אַן אויפֿריכטיקן אינטערעס, אַ האַרציקן חוש פֿאַר זיינע נויטן און באַדער־פֿענישן. מיט זיין מאַיעסטעטישער פֿיגור, הויכן שטערן, ברייטער פּאַטרי־אַרכאַלער באָרד, שטענדיק גוטמוטיקן שמייכל פֿלעגט ער וועקן צו זיך אינטימע ליבשאַפֿט ביי דער יוגנט. אפֿילו דער בייסיקער, אין זיך פֿאַר־שלאָסענער, כמורנער סליאַטאָוו פֿלעגט אויפֿשיינען מיט אַ שמייכל, רעדנדיק וועגן מינאָרן: „אונדזער יונגוואַרג מיט אָסיפֿ סאָלאָמאָנאָוויטש בראש"... פֿלעגט ער ליב האָבן זיך אויסצודריקן.

אין דער פּאַרטיי־טעטיקייט איז פֿאַראַן אַ פֿונקציע, נישט קיין גאַנץ לייכטע אָבער אַ דעליקאַטע, אויף וואָס אָסיפֿ מינאָר איז געווען באַזונדערס אַ ספּעציאַליסט מיט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון זיין נאַטור. נעמלעך — די

ראָל פון אַ ספּעציעלן באַפולמעכטיקן פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַר די ראיאָן־אָרגאַניזאַציעס („דאָס אויג פון צ. ק." — ווי מ'פלעגט עס איראָניש אָנרופן). מינאָר פלעגט אַזעלכע פונקציעס אויספירן גאַנץ סובטעל און טאַקטיש, — מ'האָט גאָרנישט געפילט, אַז ער פירט דורך עפּעס אַ קאָנטראָל; די חברים־טוער אויף די ערטער האָבן געפילט אין אים אַן „אייגענעם", נישט עפּעס אַ צוגעשיקטן פון „אויבן"; און ער אַליין האָט זיך אויך געפילט ווי אַן „אייגענער" סיי אין מערב־קאַנט, סיי אויף פּאָוואָלזשע אָדער קאַווקאַז. ער פלעגט קיינמאָל נישט זיין צופרידן מיט דער אַרבעט, פלעגט זיך ערגערן, בלאָזן, באַליידיקן, אָבער פון אונטער די געדיכטע אָנגעכמורעטע ברעמען פלעגט אַרויסקוקן גוטסקייט, קעגנ־זייטיקע פאַרשטענדעניש. פלעגט נישט מורא האָבן פאַר פעלערן: מ'דאַרף אָבער נישט זיין פאַרעקשנט און זיך האַלטן ביי די פעלערן. „קיין פעלערן מאַכט נישט בלויז דער, וואָס טוט גאָרנישט", — פלעגט ער ליב האָבן צו זאָגן.

דער לעבנס־וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער־מאַרטירער

אָסיפּ מינאָר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1861, דאָס היסטאָרישע יאָר ווען מ'האָט אין רוסלאַנד באַפרייט די פּויערים און אָפּגעשאַפט לייב־אייגנטום. שוין אין גימנאַזיע האָט ער זיך גענומען שטאַרק אינטע־רעסירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַקטיוו געוואָרן אין דער באַוועגונג איז ער זייענדיק אַ סטודענט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. די באַרימטע פּאַרטיי „נאַראָדנאיא וואָליא" האָט אין די סוף 70קער און אָנהייב 80קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט באַהערשט די מוחות און נשמות פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט; מינאָר איז געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי; צווישן די אַרעסטירטע סטודענטן־„נאַראָדאָוואָלצעס" איז אויך געווען אָסיפּ מינאָר און מיכאיל גאָץ (ראַפאַילאָוו). ביידע זיינען שפּעטער געוואָרן די אָנגעזעענע פירער פון דער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן".

מינאָר איז אָפּגעזעסן צוויי מאָנאַטן אין טורמע. אין פעברואַר 1884 האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט ביזן אורטייל; אין אָקטאָבער איז געקומען דער אורטייל — מען האָט אים פאַרשיקט קיין טולאַ, די באַרימטע שטאָט פון פאַבריקן פון געווער און סאַמאָוואַרן. דער יונגער מינאָר איז גלייך געוואָרן טעטיק צווישן די אַרבעטער פון דער אינדוסטריעלער שטאָט. ער האָט זיך דאָ אַרומגעזען, אַז כדי צו זיין ווי געהעריק אַ לערער פאַר די אַרבעטער, מוז ער אַליין זיך נאָך לערנען

און באַקומען אַ סך וויסן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין יאַראָסלאַוול און אָנגעקומען שטודירן אין דער דאָרטיקער הויכשול פאַר רעכט־וויסנשאַפט. די דאָזיקע הויכשול איז אויך געווען אַ נעסט פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע; אַ קרייז סטודענטן־נאַראָדאָוואָלצעס האָט געפירט אַן אומלעגאַלע טעטיקייט צווישן די אָרטיקע פאַבריק־אַרבעטער און אָפיצערן. אין יאָר 1885 ווערט מינאָר ווידער אַרעסטירט, ער זיצט אָפּ אין יאַראָסלאַווער און מאָסקווער טורמעס דריטהאַלבן יאָר ביזן אורטייל.

די באַדינגונגען אין טורמע זיינען געווען שרעקלעכע; דאָס איז געווען די צייט, ווען די „נאַראָדנאיא וואָליא" איז געווען צעקלאַפּט, די צאַרישע רעגירונג האָט איר גאַנצן ווילדן צאָרן אויסגעלאָזט צו די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אירע לאַפּעס. פון די 15 אַרעסטירטע צוזאַמען מיט מינאָרן סטודענטן זיינען אַ העלפט כמעט באַלד אומגעקומען. ער אַליין איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען און האָט גענומען פאָדערן מען זאָל צו אים אין איינצל־קאַמער אַריינזעצן נאָך עמעצן. ערשט אין דער מאָסקווער „בוטירקי"־טורמע, וואָס האָט געדינט ווי אַן עטאַפּן־טורמע („פּערעסילנע") פאַר דייעניקע, וואָס זיינען געווען פאַרמשפט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר, איז ער שוין געזעסן צוזאַמען מיט נאָך אַרעסטירטע.

ווען דער פאָטער מינאָרס האָט אָנגעפרעגט ביים פּראָקוראָר וועגן גורל פון זיין זון, איז דער ענטפער געווען קורץ: צען יאָר פאַרשיקונג אין סרעדנע־קאָלימסק, דער ווייטסטער צפון־פונקט פון מזרח־סיביר.

דער ווייטער וועג אַהין איז געווען אַ שוידערלעכער נע ונד. טויזנטער וויאָרסט האָט מען זיך געשלעפּט איבער די סיבירער וויסטעניש צופוס און אויף שלעכטע פּויערישע פורן. פיל דראַמאַטישע קאָנפליקטן זיינען אויפן וועג פאָרגעקומען צווישן די פאַרביטערטע, אויסגעמאַטערטע, פּסיכיש און פיזיש אויסגעשעפּטע אַרעסטאַנטן און זייערע היטער־באַגלייטער — דער „קאָנוואָי". ענדלעך האָט מען זיך דערשלעפּט ביז יאַקוטסק אַנהייב ווינטער. פון דאַנען צו זייער באַשטימונג־פּלאַץ — סרעדנע־קאָלימסק האָט מען זיך געדאַרפט שלעפּן נאָך דריי טויזנט וויאָרסט. די פאַרשיקטע האָבן געוואָלט בלייבן ווינטערן אין שטאָט און ערשט אין פרילינג זיך לאָזן ווייטער. די אָרטיקע נאַטשאַלסטווע האָט אָבער בייזוויליק — פּראָוואָקאַטאָריש געפאָדערט זיי זאָלן פאָרן ווייטער שוין באַלד, נישט געקוקט אויף די מוראדיקע פרעסט און שוואַכן געזונט פון אַ סך פון די פאַרשיקטע, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אויך פרויען מיט קליינע עופהלעך. ס'איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ בונט פון די פאַרשיקטע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיטן גוטן ווילן; ס'האָט זיך געענדיקט מיט דער „יאַקוטסקער שחיטה", וואָס האָט אַזוי אויפגעשוידערט די גאַנצע ציווילי־

זירטע וועלט און וואָס איך האָב געגעבן שוין באַשריבן אויבן אינעם קאַפּיטל וועגן ראַפּאַילאָוו־גאַץ.

מינאָר איז פֿאַרן אָנטייל אינעם ווידערשטאַנד פאַרמשפּט געוואָרן צו אייביקער קאַטאָרגע. זיין ערשט קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאַקוטסקער טורמע איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט ביי דער מוטער אויף די הענט, גלייך אויף דעם ערשטן אָפּ־שטעל נאָך יאַקוטסק. זיין קאַטאָרגע־טערמין האָט ער אָפּגעדינט פריער אויפן וועג קיין קאַלימסק. נאָכדעם האָט מען אים געזאָלט ברענגען קיין אקאַטוי. אָבער דער רושם, וואָס די יאַקוטסקער שחיטה האָט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט, האָט געצוואונגען די צאַרישע רעגירונג צו ווערן ווייכער און פאַרלייכטערן דעם גורל פון די קרבנות פון דער טראַגעדיע; די טערמינען פון די שטראָפן זיינען פאַרקלענערט געוואָרן. מינאָר איז אינגאַנצן אָפּגעווען אין סיביר 10 יאָר, אין יאָר 1898 איז ער צוריקגעקומען אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד, וואו ער האָט זיך געדאַרפט געפינען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, מיטן פאַרבאָט צו וואוינען אין די הויפּט־שטעט און אינדוסטריעלע צענטערס. מינאָר האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו ס׳האָט געוואוינט זיין פאָטער דער געוועזענער רב פון מאָסקווע. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 37 יאָר.

דער זייגער פון זיין לעבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט 15 יאָר צוריק, ווען דאָס לעבן האָט ערשט זיך גענומען פונאַנדערבליען מיטן גאַנצן חן פון פרישער יוגנט, — האָט איצט ווידער אָנגעהייבן גיין ווי פון דער מינוט ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיטן זעלבן יוגנטלעכן ברען האָט זיך מינאָר אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, אינטעליגענץ, אַרבעטער אין ווילנע, — אין דער שטאָט, וואָס איז געווען אַזוי רייך מיט רעוואָלוציאָנערן ברענשטאָף און קאַמפס־ענערגיע.

יעטווידער איינער, וואָס האָט אים דעמאָלט געזען אין ווילנע, האָט דערציילט ווי שטאַרק ס׳האָט אים געצויגן צו דער יוגנט און די יוגנט צו אים. עס האָט אים מיט דער יוגנט פאַרבונדן יענער גייסטיקער אומרו פון זוכעניש, פון שטרעבן צו אַנטדעקן עפּעס נייע ווערטן, אויסגעפינען נייע מיינונגען, בליקן. די ווילנער פּאָליציי האָט פאַרשטאַרקט די אויפ־זיכט איבער אים; זי האָט זיך מישב געווען, אַז ס׳וועט פאַר איר זיין בעסער פטור צו ווערן אינגאַנצן פון אַזאַ קלאָפּאָט; נאָך אַ יאָר צייט אין ווילנע איז מינאָר אַריבערגעשיקט געוואָרן ווייטער אין דער טיפער פּראָ־ווינץ — אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל סלוצק. ווען דער טערמין פון זיין פּאָליציי־אויפזיכט האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך באַזעצט אין קישענעוו. ער האָט דאָ געפירט אַ קאָכיק געזעלשאַפטלעך לעבן; אָבער אויך דאָ

האָט די פּאָליציי און שפּיאָנען אים נישט געלאָזט צורו. מינאָר האָט דאָס מאָל נישט געוואַרט, אַז די פּאָליציי זאָל אים כאַפּן אין איר נעץ — ער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

סוף יאָר 1902 איז מינאָר שוין אין בערלין. דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט זיין יוגנט־חבר מיכאיל ראַפאילאָוו גאָץ, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען דורכגעמאַכט די ערשטע יאָרן פון זיין רעוואָלוציאָנערער יוגנט־טעטיקייט, אַזוי פיל יאָרן פון געמיינזאַמע ליידן אין די טורמעס און אין סיביר. שווייץ און פראַנקרייך זיינען אין יענע יאָרן געווען צענטערס פון די אָרגאַניזירטע עמיגראַנטישע גרופּעס פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע אידייאישע ריכטונגען. דאָרטן זיינען געווען גייסטיקע לאַבאָראַטאָריעס, וואו ס׳האָט זיך אויסגעשמידט דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, — ס׳האָבן זיך געפירט אין שריפט און וואָרט טעאָרעטישע דיסקוסיעס, — עס זיינען דערשינען רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע צייטשריפטן און ביכער. זומער 1903 זעען מיר שוין מינאָרן אין זשענעוו; גראָד אין יענער צייט איז דאָרטן פאָרגעקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע״ און די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. מינאָר האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און איז געוואָרן טעטיק איןביידע אָרגאַניזאַציעס. לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט פון אַ קעמפערישן פּאָפּולאַריזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, איז ער געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער קעמפערישער צייטשריפט פאַר אַגיטאַציע „נאַראָדנאַיאַ דיעלאָ״; ער ווערט אויך מיטגליד פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פאַרנעמט אויך פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע אַמטן.

מינאָרס הויז איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אַלעמען, שטענדיק פול מיט מענטשן און מיט לעבן. די טיר האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעמאַכט, דער סאַמאָוואַר איז שטענדיק געשטאַנען אויפן טיש, גרייט פאַר געסט, דאָס רוב יונגוואַרג, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט מינאָרן און אויך ער האָט זיי ליב געהאַט און שטענדיק געווען מיט זיי פאַרנומען. ער פלעגט מיט דער יוגנט שטענדיק פירן דיסקוסיעס, פלעגט זי אָפט מוסרן און שטראָפן, פלעגט אָבער אויך כסדר זיין פאַרנומען מיט אַרויסהעלפן אַ יונגן עמיגראַנט — פאַר וועמען געפינען אַ וואוינונג, פאַר וועמען — אַרבעט, וועמען אַרויסהעלפן אין זיינע גייסטיקע בלאָנדזשענישן — געפינען דעם וועג צו זיך אַליין. ער פלעגט אויף אַלץ געפינען צייט און כוחות. זיין אימפּאָנירנדיקע מאַסיווע פיגור האָט שטאַרק דערמאָנט אַ פּאַטריאַרכאַלן ביבלישן נביא. אונטער זיין אויסערלעכער שטרענגקייט,

אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען איז שטענדיק געווען אַ מיטפּילנדיקער בליק און אַ גוטמוטיקער שמייכל. דעריבער, ווען די יוגנט פלעגט זיך אין עפּעס פאַרשולדיקן, פלעגט זי נישט פאַריבל האָבן אויף מינאָרן, ווען פון אַ ליבן גוטמוטיקן באַשיצער, פלעגט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מוראדיקן שטרענגן שטראָפער. זי האָט געפילט, אַז דאָס שטראָפט איר אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט זי ליב און וואַכט איבער איר. מינאָרס שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער יוגנט האָט געהאַט אַן אומגעהוירן ווערט פאַר דער פּאַרטיי.

אינטערעסאַנט זיינען אויך געווען די באַציאונגען צווישן מינאָרן און זיין אַלטן יוגנט־חבר גאָץ־ראַפּאַילאָוו. זיי פלעגן זיך שטענדיק קריגן, אַמפּערן און באַלד זיך איבערבעטן; דאָס איז געלעגן אינעם אונטערשייד פון זייערע ביידנס כאַראַקטערן. גאָץ איז פאַר מיר אַלעמאָל געווען אַ מוסטער פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנער; פאַר אַזעלכן האָט אים אויך געהאַלטן גערשוני. ער איז געווען אַ ליבער און באַצויבערנדיקער חבר, אַ טיף־ערנסטע נאַטור, שטענדיק געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אונדזערע שוואַכע מענטשלעכע פּלייצעס. זיין אויסערגעוויינטלעכע ריינקייט און אידעאַליסטישע מסירת נפש אין דינען די פּאַרטיי האָט אימפּאָנירט אפילו אַזעלכע שטאָלצע און „דעמאָנישע" נאַטורן ווי באָריס סאַווינקאָוו. מינאָר פלעגט זיך שטענדיק וואַרפן אַהין און אַהער. גאָץ האָט קיינמאָל נישט געוואָרפן זיין ענערגיע אין אַלע ריכטונגען, נאָר אַלעמאָל זי אָנגעווענדעט מיט מער סיסטעמאַטיש־קייט און אויסגעהאַלטנקייט. מינאָר איז געווען אַ דעמאָקראַט ביזן מארך פון די ביינער, האָט געמוזט מיט אַלעמען ריידן, זיך באַראַטן, דיסקוטירן; ער איז געווען אַן אמתער סלאַוו, אַ רוס לויט זיין נאַטור. גאָץ, פאַרקערט, איז געווען מער איינגעשלאָסן, נישט געהאַלטן פון דער רוסישער צע־פאָרנקייט, פון צופיל פּלוידערן.

דער אָנגעווייטיקסטער פּונקט פאַר מינאָרן איז געווען דאָס, וואָס גאָץ איז געווען דער איינציקער מענטש אין אויסלאַנד, וואָס האָט געוואוסט אַלע פּראַקטישע אָנגעלעגנהייטן פון דער טעראָריסטישער „קאָמפּאָרגאַניזאַציע" פון דער פּאַרטיי. מינאָר האָט געפאָדערט, אַז אַלע ענינים זאָלן דורכגיין דורכן גאַנצן אויסלענדישן קאָמיטעט. אָבער די „קאָמפּאָרגאַניזאַציע" איז אויך אין רוסלאַנד געווען שטרענג אָפּגעזונדערט־קאָנספּיראַטיוו; נאָך מער שטרענגער קאָנספּיראַטיוו האָט דאָס געמוזט זיין אין אויסלאַנד, וואו מענטשן זיינען געוואוינט צו פרייהייט און קאָנען זיך נישט היטן אַזוי שטאַרק מיט זייערע רייד און באַוועגונגען. גאָץ איז געווען דער שטרענג־סטער קאָנספּיראַטאָר. מינאָר, מיט זיינע טומלדיקע פּראָטעסטן, איז געווען געוויס אומגערעכט.

איך דערמאָן זיך די געשיכטע מיט אונדזערע „מאַקסימאַליסטן" און די ראָל פֿון מינאָרן ביים אָננעמען אַ דעצידירטע שטעלונג קעגן זיי. אַ גרופּע פֿון אַ פּאָר צענדליק יונגע לייט, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט די אידייען פֿון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם און אָנגענומען מאַקסימאַליסטישע מעטאָדן ווי פֿאַרכאַפּן פֿאַבריקן אין מאָמענט פֿון אַ רעוואָלוציע, עקספּראָפּריאַציעס, עקאָנאָמישער טעראָר אין שטאָט און דאָרף. אַ טייל פֿון אָט דער יוגנט האָט זיך גרופּירט אַרום דער „באַבושקאַ", וועלכע האָט זיך שטאַרק נישט פֿונאַנדערגעקליבן אין פּונקטן פֿון פּראָגראַם און האָט געהאַלטן, אַז „דאָס לעבן, די פּראַקטיק אַליין" וועט אין יעדן מאָמענט שוין אונטער זאָגן די בעסטע טאַקטיק. ווען די „באבושקא" איז אָפּגעפֿאָרן אויף אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור קיין אַמעריקע, איז די יוגנט־גרופּע געוואָרן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק און האָט אויף אַ קאָנפֿערענץ אָנגענומען אַ מאַקסימאַליסטישע רעזאָלוציע און עס פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. מינאָר האָט דעמאָלט געשטורעמט קעגן אונדז אַלעמען — פֿאַר וואָס מיר זיינען עפּעס אַזוי גלייכגילטיק צו אַזאַ געשעעניש. „מען מוז אַוועקוואַרפֿן אָט דעם גראָבהויטיקן „אָפּטימיזם" — האָט ער געליאַרעמט: אין רוסלאַנד ווערט פֿאַרשפּרייט זייער רעזאָלוציע, מען מיינט, אַז דאָס איז אַ רעזאָלוציע פֿון דער זשענעווער פּאַרטיי־גרופּע, דאָ געפֿינען זיך דאָך אַלע פּאַרטיי־פֿירער, ווי גאָץ, טשערנאָוו, שישקאָ, וואָלכאָווסקאי, מע וועט דאָך מיינען אַז מיר אַלע זיינען דערפֿאַר — אַז מיט אונטערצינדן, מיט אָנפֿאַלן קאָן מען שוין לייזן אַלע פֿראַגן. מען מוז באַלד פֿאַרעפֿנטלעכן אַ קעגן־רעזאָלוציע, אונטערגעשריבן פֿון אַלע אויסלענדישע פּאַרטיי־פֿירער; ער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אַליין אונטערשרייבן אַזאַ רעזאָלוציע און פֿאַרשפּרייטן אויב מיר וועלן דאָס נישט טאָן.

מינאָר האָט אונדז טאַקע געצוואונגען אָנצונעמען אַ שטעלונג; איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ רעזאָלוציע, וועלכע 16 פּאַרטיי־פֿירער האָבן אונטערגעשריבן. שפּעטער האָבן מיר געמוזט מודה זיין, אַז דער היציקער מינאָר האָט פֿאַראויסגעזען זאַכן גאַנץ קלאָר, פּונקט ווי די קאַלטבלוטיקע חברים זיינע. מיר האָבן אָנגעהייבן באַקומען פֿון רוסלאַנד פּראָקלאַמאַציעס פֿון די יונגע מאַקסימאַליסטן; דאָרטן זיינען געווען אַזעלכע לאָזונגען: „שלאָג די פּריצים, די קולאַקעס־פּויערים, די פּאָליציי־באַאַמטע, שלאָג זיי אַלעמען אָן רחמנות!" מינאָר האָט אונדז געוויזן די אויפֿרופֿן און זיך געהיצט: „נו, איר זעט! צי האָבן זיי אין אונדזער נאָמען דערצויגן רעוואָלוציאָנערן, אָדער גאָר רויטע פּאָגראָמשטשיקעס?"

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אונדזער פּאַרטיי־לעבן ביזן קאָנסטיטוציע־מאַניפֿעסט פֿון 17 אָקטאָבער 1905. די פּאַרטיי האָט זיך איצט אינגאַנצן איבערגעבויט און האָט אַלע פֿרייע קרעפֿטן געשיקט קיין רוסלאַנד. עס

האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּיבערדיקע טעטיקייט פון אַרויסגעבן ביכער, צייטונגען, אויסנוצנדיק כלערליי אומלעגאַלע, האַלב לעגאַלע און לעגאַלע מיטלען. צווישן די טוער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען טעטיק אין רוסלאַנד איז אויך געווען מינאָר. ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פאַרטרעטער פון צ. ק. אין קאַווקאַז, נאָכדעם האָט מען אים געגעבן אַ נייע אויפגאַבע: צוריק אויפשטעלן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון מערב־ראַיאָן. ווידער איז ער געווען אין ווילנע, וואו מיט 7 יאָר פריער, נאָך קאַטאָרגע און סיביר, האָט ער גענומען אָטעמען מיט די נייע שטי־מונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. פאַר די פאַרלאָרענע 7 יאָר איז ער געוואָרן נישט נאָר רייף אין יאָרן, נאָר האָט שוין פאַרמאָגט אַן אויס־קריסטאַליזירטע פאַרשטעלונג וועגן דער צוקינפטיקער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד און וועגן דער ראָל און קאַמף פון דער פּאַרטיי, — אַן ערפאַרענער פּאָליטישער פירער, וואָס פירט די פּאַרטיי־שיף דורך געפערלעכע וואַסערן, קעסלגרובן און פלאַכע זאַמדיקע פלעצער. ער האָט אין ווילנע איינגעשטעלט די פּאַרטיי־טעטיקייט, אויסגעבילדעט אַ ראַיאָן־קאָמיטעט און געגרינדעט אַ צייטונג פאַרן ראַיאָן. אויסגעפירט זיין אויפגאַבע, האָט ער זיך אומ־געקערט קיין מאָסקווע אָפּצוגעבן אַ באַריכט. דאָ האָט מען אים געגעבן אַ נייע אויפגאַבע — דורכקאָנטראָלירן די אַרבעט פון די פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציעס אין אוקראַינע. פון דאַנען איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד, וואו דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעמאָלט אָרגאַניזירט אין לאָנדאָן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ.

דער סוד פון אַ טייוולישער נשמה. — אַזעף וויל ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין קרבן.

מינאָר איז אַרויף אויפן דערנער־וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער אין דער טרויעריקער צייט פון דער „דעגאַיעווטשינע", ווען די „נאַראָדנאיא וואָליא" איז צוליב דעגאַיעווס פּראָוואָקאַציע דערפירט געוואָרן צום אָפּגרונט. זיין פעריאָד פון די „יונגע נאַראָדאָוואָלצעס" האָט איבערגעריסן דער צוקינפטיקער פאָטער פון פּראָוואָקאַציע זובאַטאָוו. אין דער פּאַרטיי ס. ר. האָט ער ווידעראַמאָל איבערגעלעבט דעם שוידער פון דער שרעקלעכער פּראָוואָקאַציע — די מעשה אזעף. און גראָד אין דער צייט, ווען די מכה פון דער לעצטער פּראָוואָקאַציע איז אָנגעוואָקסן און מע האָט נאָך אָבער נישט געוואוסט — וואו, אין וועלכן אָרט זי אויפצושניידן, — גראָד דעמאָלט האָט ער ווידער אונטערגענומען אַ שווערע, געפערלעכע רייזע קיין

רוסלאַנד מיטן צוועק אויפצושטעלן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און די פּאַרטיי־אַרבעט אין די געגנטן פון דער וואָלגע. ער איז מיט אַ צייט פריער געקומען פון רוסלאַנד, וואו ער איז אַרומגעפאָרן איבערן צענטראַלן און מערב־ראַיאָן, קאַווקאַז, אוקראַינע, נאָכדעם געווען אין אוסלאַנד, זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן. אָט די קאָנ־פערענץ האָט באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד פאַר אַ נייעם אָנגריף אויף דער רעגירונג. פריער פאַר אַלץ אינעם געגנט פון דער וואָלגע. פון דאָרטן האָט זיך צונויפגעקליבן אין אויסלאַנד אַ גרעסערע גרופּע יוגנט, וואָס האָט געבעטן ביים צענטראַל־קאָמיטעט צו דעלעגירן מינאָרן ווי זיין באַפולמעכטיקטן אויף דער וואָלגע. מינאָר אַליין האָט זיך געריסן צו פאָרן אויף דער וואָלגע. די רייזע גופא איז געווען אַ העלדישע משוגעת. ערשטנס, האָט וועגן דעם געוואוסט אַזעף. צווייטנס, איז אין דער גרופּע אריין איינע טאַטיאַנא צייטלין, וועלכע, ווי מען האָט שפּעטער אויסגעפונען, האָט געדינט דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. די גרופּע איז געווען פאַרמשפּט פון אָנהייב אָן, און זי איז געפאָרן אַנטקעגן די אויסגעשפּרייטע אָרעמס פון דער צאַרישער פּאָליציי.

מינאָר האָט אַליין דערנאָך דערציילט וועגן דער דראַמאַטישער סצענע, ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַזעפן. זיי האָבן פריער געהאַט אַ געשפּרעך וועגן די „בלבולים", וואָס בורצעוו האָט דעמאָלט געמאַכט אויף אַזעפן, אַז ער, אַזעף, איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַזעף האָט גערעדט וועגן דעם מיט אויפרעגונג, מיט טרערן אין די אויגן. זיי זיינען ביידע אָפּגעזעסן אין קאַפע ביז שפּעט ביינאַכט. דערביי האָט אַזעף „מיט אַן אויסדרוק פון ליידן אויפן פּנים" אַלץ געוואָלט אָפּריידן מינאָרן פון פאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל מען וועט אים דאָרטן געוויס כאַפּן און אויפהענגען.

מינאָר האָט זיך אויף דעם אַזש צעלאַכט און האָט געענטפערט: „ניט דו דאַרפסט ריידן אַזוי. וויפל מאָל האָסטו ריזיקירט מיטן לעבן, און דאָך האָסטו זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאַר. ניין, דאָס איז שוין באַשלאָסן. מאָרגן פאָר איך. אומזיסט רעדסטו מיך אָפּ".

אַזעף האָט זיך נישט איינגעשטילט. ער האָט באַגלייט מינאָרן אַהיים, האָט דעם גאַנצן וועג איינגעטענהט מיט אים. ער איז געשטאַנען מיט מינאָרן ביים טיר, געהאַלטן זיין האַנט, זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל נישט פאָרן. ענדליך האָט ער אים אַ קוש געטאָן און איז גיך אַוועק. דער־מאָנענדיק דאָס אין פופצן יאָר אַרום, האָט מינאָר דאָס געקענט דערקלערן נאָר מיט איין זאַך: „אין דער חיה אַזעף האָט דעמאָלט אויף איין מאָמענט גובר געווען דער מענטש". ווער ווייס?

מינאָר איז אַריבער די גרענעץ, און דעם 20טן דעצעמבער, 1908, איז ער שוין געווען אין סאַראַטאָוו. אויפן וועג האָט ער זיך דערוואוסט, אַז

מען האָט ענדגילטיק באַוויזן, אַז אַזעף איז אַ פּאַררעטער, און אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין פּאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג וועגן דעם, אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מען האָט אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענפּאָר פון דער געגנט, מען האָט באַשטימט אַ ראיאָן־קאָמיטעט, מען האָט איינגעשטעלט אַ דרוקעריי, געגרינדעט אַ צייטונג און צוגעגרייט אַ טעראָריסטישן אַקט אין קאַזאַן. און דעם 2טן יאַנואַר 1909, זיינען פּאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן, און די פּאָליציי האָט מיט אַמאָל צוריסן דעם גאַנצן געוועב, וואָס איז מיט פּיל מי געשאַפן געוואָרן. מינאָר איז אַריינגעפאַלן אין דער סאַראַטאָווער טורמע, די שרעקלעכסטע טורמע פון יענער צייט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די רעאַקציע האָט געזיגט, זי האָט געבושעוועט און זיך גרויזאַם נוקם געווען אָן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין די פּאָליציי־אישע לאַפּעס. מינאָר האָט דאָס שוין איינמאָל דורכגעמאַכט אין יאַקוטסק. איצט, אין סאַראַטאָוו, איז דאָס געווען נאָך פּיל ערגער. ער איז אָפּגעזעסן 192 טעג אין אַ פינצטערן קאַרצער, געווען שוין אויפן גרענעץ פון משוגעת. אין מערץ 1910 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו 8 יאָר קאַטאָרגע. די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים באַפרייט.

פּיל שטאַרקערע נאַטורן האָבן זיך געבראָכן אין יענער צייט; ס׳איז געווען פון וואָס אַריינצופאַלן אין פאַרצווייפלונג. מינאָרן האָט דאָס נישט געאַרט אַזוי פּיל — ער איז געבליבן פעלזנפעסט טריי דער פּאַרטיי און איר טעטיקייט. ער האָט נאָך געהאַט דאָס גליק צו דערלעבן די רעוואָלוציע פון 1917 און זען, ווי אַזוי די פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן די הערשערין איבער די מחות און נשמות פון דער מערהייט פון ריזיקן לאַנד און רייך מיט אַזאַ לעבנספּראַקטיק האָט ער אויך געקאָנט אַריבערטראָגן די נייע עמיגראַציע, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע; ער איז ווי אַ סאָלדאַט געבליבן טריי זיין פּאַרטיי, וואָס האָט געמיינט — טריי זיך אַליין.

אברהם גאָץ

אברהם גאָץ
(1885 — 1937)

אין אויסלאַנד צווישן רעוואָלוציאָנערע סטודענטן

מיכאיל ראפאילאָוו־גאָצס ייִנגערער ברודער אַבראַם האָט שטודירט אין אַ דייטשן אוניווערסיטעט, און פלעגט פון צייט צו צייט קומען באַזוכן ראַפאילאָוון אין דער שווייץ. קוקנדיק אויף זיי ביידן, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זון און נישט צוויי ברידער. מיכאיל האָט זיך באַצויגן צו אבראמען מיט אַ באַזונדערס פאָטערלעכער צערטלעכקייט; יענער האָט פון זיין זייט ממש פאַרגעטערט דעם עלטערן ברודער.

שוין אין יאָר 1896 — זייענדיק אַ גימנאַזיסט — האָט ער זיך גענומען אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע און אפילו רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען דעם ברודער מיכאיל איז שוין דערלויבט געוואָרן — נאָכן אָפּקומען זיין שטראָף פון קאַטאָרגע און פאַרשיקונג אין סיביר — צו וואוינען אין אייראָפּאישן רוסלאַנד און ער האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, האָט ער אויך גערופן אַבראַמען זיך צו באַזעצן אין אָדעס; דערצו האָט ער געדאַרפט זיך אָנגעבן, צו 20 יאָר, ווי אַ פריייוויליקער זעלנער, וואָס האָט דאָס רעכט אויסצוקלייבן פאַר זיך די שטאָט, וואו ער וועט דינען. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוואוינט צוזאַמען מיט מיכאילן אין אָדעס. שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין בערלין. ער איז אָנגעקומען אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט, וואָס זיין פּראָגראַם אין די דייטשע אוניווערסיטעטן האָט אַריינגענומען אין אַ גרויסער מאָס אויך מאַטעמאַטיק מיט כעמיע. ער האָט זיך זייער פאַרינטערעסירט מיט כעמיע, אָבער פון יאָר 1902 אָן — נאָכמער מיט דער רעוואָלוציע. ער פלעגט אַוועקגעבן פאַר דער פאַרטיי גרויסע סומעס געלט, וואָס ער פלעגט באַקומען פון זיינע רייכע עלטערן אויף שטודיום־צוועקן.

אין אַנדערע דייטשע אוניווערסיטעטן, למשל, אין האללע און היידלבערג, האָבן זיך גרופּירט אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרצווייגטער משפחה וויסאָצקי־גאָץ, די פאַטענטאַטן פון דער באַרימטער טיי־דינאַסטיע. זיי האָבן גרופּירט אַרום זיך נאָך יידישע סטודענטן, צווישן זיי אייניקע רוסישער, פון דער שטאָט פּענזע, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער עס־ערישער פּובליציסט ניקאָלאַי אווקסענטיעוו. עס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן די סטודענטן הייסע דיסקוסיעס אַרום די פילאָסאָפישע סיסטעמען פון קאַנט און העגעל, פון יידישן פילאָסאָף קאָהען; מ׳האָט זיך צעטיילט אויף קאַנטיאַנער (אַווקסענטיעוו) און העגעליאַנער (אבראם גאָץ); געווען אַ ריין עסטעטישע ריכטונג, פאַרטרעטן דורך מיכאיל צעטלין, — דער ערשטער אגב, וואָס איז געקומען צו אונדז אין רעדאַקציע פון „רעוו. ראָסיא" מיט אַ ליד וועגן אַקט פון הירש לעקערט. די זומער־וואַקאַציעס פלעגט דער דאָזיקער סטודענטן־קרייז פאַרברענגען אין דער שווייץ. אינעם קוראָרט פּיצנאַו, ביים פירוואַלדשטעטער אָזיערע. איך און ראַפּאַילאָוו האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן דאָזיקן קרייז סטודענטן. אַבראַם גאָץ האָט גלייך פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט זיך געפילט מיט אונדז ווי אַן אייגענער. נישט בלויז אידייאיש, נאָר אויך פאַקטיש איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי גלייך ווי זי איז געגרינדעט געוואָרן.

נאָכן דורכפאַל פון דער דרוקעריי אין טאָמסק און נאָך דער פּאָליצייאישער ליקווידאַציע פון דער אָרגאַניזאַציע אין סאַראַטאָוו, האָט אבראם געבראַכט קיין אויסלאַנד די דובליקאַט־מאַנוסקריפּטן פאַר די נומערן 3

און 4 „רעוו. ראָסיא״. ראַפּאילאָוו־גאָץ און מינאָר, וואָס זיינען געווען זייער אומרואיק וועגן ווייטערדיקן גורל פון דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, זיינען ספּעציעל געפאָרן קיין האלע און היידלבערג און געפּרואווט ווירקן אויף די סטודענטן (בראש פון דער סטודענטן־גרופּע זיינען געשטאַנען אַוקסענטיעוו, אבראם גאָץ און זענזינאָוו), זיי זאָלן פאַרוואַרפן זייער וויסנשאַפט און שטודיום און זיך נעמען צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, ווייל די פּאַרטיי לעבט איבער איצט אַ שרעקלעכן קריזיס. זייער מיסיע איז אָבער נישט געלונגען: די סטודענטן, אָנגעפירט פון אווקסענטיעוון, האָבן נאָך לאַנגע דיסקוסיעס באַשלאָסן, אַז זיי מוזן פאַרענדיקן זייער בילדונג אין אוניווערסיטעט און אַז זיי וועלן שפּעטער קענען מער נוצן ברענגען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זייענדיק דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן. אבראם גאָץ האָט נאָכדעם געשריבן צום ברודער, אַז הגם ער איז מסכים מיט די איבעריקע חברים־סטודענטן, אָבער פּערזענלעך שטעלט ער זיך צו יעטווידן מאָמענט אין רשות פון דער פּאַרטיי, ווייל סיי ווי שטעלט ער זיך אַנדערש נישט פאָר זיין צוקונפט ווי נאָר אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אַטענטאַט אויפן מאָסקווער גראַדאָנאַטשאַלניק גראַף שואוואַלאָוו

ווען איך בין געקומען קיין רוסלאַנד אין רעוואָלוציע־יאָר 1905, איז שוין די גאַנצע גרופּע געוועזענע סטודענטן, וואָס האָבן מיט אַ 2—3 יאָר פריער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אויף אומלעגאַלער אַרבעט, — געווען טעטיק אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אויף אונדזער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין אימאַטרא (פינלאַנד) האָב איך געזוכט צו געפינען אבראמען צווישן די דעלעגאַטן — ער איז אָבער נישט געווען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אים ביי מינאָרן און נאַטאַנסאָנען און זיך דערוואוסט אַט וואָס:

אבראם איז אַריין אין מאָסקווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ער האָט זיך נישט באַוויזן אויף עפּענטלעכע פאַרזאַמלונגען, מיט וועלכע גאַנץ מאָסקווע האָט אין יענער צייט געשטורעמט; ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן גאָר אַן אַנדער שטעג — האָט אָרגאַניזירט דעם אַטענטאַט אויפן מאָסקווער גראַדאָנאַטשאַלניק גראַף שואוואַלאָוו. דאָס איז געווען אַן אמתער בלוט־הונט, אַ טרייער תלמיד פון פּלעווען. פריער האָט אים פּלעווע געגעבן די מיגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיין ״שטאַרקע האַנט״ אין אָדעס, וואו ס׳איז

געווען אַזוי מעכטיק די אַרבעטער־באַוועגונג. ער פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס מיט צוויי נאַהייקעס אין יידע הענט, פלעגט זיך זידלען מיט די מיאוסטע ווערטער; פּאַר אים אין די אויגן פלעגט מען אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן ממיתן די אַרעסטירטע, שלאָגן מכת רצח מיט זעק אָנגעפּילטע מיט זאַמד, פּייניקן מיט אַלערליי עינויים, אַרויסלאָזן זיי קאַליקעס און גייסטיק קראַנקע.

אַבראַם גאָץ איז נאָך געווען אין זשענעווו, ווען אונדזער צענטראַלער אָרגאַן „רעוו. ראָסיאַ" האָט אויסגעדריקט דעם פּאַרדרוס, פּאַרוואָס שוואַ־לאָוון איז געלונגען בשלום אַוועקצופאָרן פון אָדעס און באַקומען נאָך אַ העכערע שטעלע ווי אַ גראַדאָנאַטשאַלניק פון פּעטערבורג. אַ דאַנק גאָצס גלענצנדיקער אָרגאַניזאַציע איז גראַף שוואַלאָוו באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט דורך דעם מיטגליד פון דער מאָסקווער קאַמף־דרוזשינע קוליקאָווסקי — מיט פינף רעוואָלווער־קוילן האָט ער אים אַוועקגעלייגט אַ טויטן. ווי ווייט אָט דער סאטראַפּ איז געווען טייער ביי דער צאַרישער מאַכט זעט מען דערפון, וואָס אויף זיין לויה זיינען געווען אָנוועזנד פיל מיטגלידער פון דער קייזערלעכער פאַמיליע; די גרויס־פירשטן אַליין האָבן געטראָגן דעם אָרון, אָפּגעבנדיק דערמיט גרויס כבוד דעם בלוטיקן הונט — איינעם פון די זיילן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם בלוטיקן בנין פון דער צאַרישער זעלבסהערשונג.

אַזעלכע פּאַראַד־לויות האָט מען שוין דעמאָלט מער נישט איינגעאָרדנט. דער נייער שעף פון דער אָכראַנע גענעראַל געראַסימאָוו (ער דערציילט דאָס אין זיינע זכרונות) האָט געמאָלדן דער צאַרישער פאַמיליע: „לויט די אויספאָרשונגען פון דער אָכראַנע גרייטן־צו די טעראָריסטן אַן אַטענטאַט אויפן לעבן פון צאַר; ווער די טעראָריסטן זיינען — ווייס נישט די אָכראַנע און קען קעגן זיי גאָרנישט טאָן; דאָס איינציקע, וואָס זי קאָן טאָן איז — ראָטן דער צאַרישער פאַמיליע נישט אַרויסגיין פון שטוב, אויב דאָס לעבן איז איר טייער"...!

אבראם גאָץ — דער „איזוואָשטשיק אליאָשא"

דער ערשטער געלונגענער פּרואוו האָט באַפליגלט אַבראַמען מיט ווייטערדיקע העכערע שטרעבונגען: מאָסקווע איז אים שוין געוואָרן ענג. אין די רעוואָלוציאָנערע נאָוועמבער־טעג 1905 אָרגאַניזירט ער אין פּעטער־בורג צוזאַמען מיט פּנחס רוטענבערגן די אַרבעטער־קאַמפּס־דרוזשינעס. ער ווערט אָנגענומען אין דער צענטראַלער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און באַקומט אַן אַמט פון אַ גאַסן־פורמאַן („איזוואָשטשיק") ביים פירן די צו־

גרייטונג־אַרבעט צום אַטענטאַט אויפֿן אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ. דער פּלאַן פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען — צוגלייך מיט דורנאָוואָן אַוועקלייגן אויך זיין מיטקעמפּער קעגן דער רעוואָלוציע דעם יוסטיץ־מיניסטער אַקימאָוו. אָט וואָס עס דערציילט אין זיינע זכרונות דער זשאַנדאַרמען־גענעראַל געראַסימאָוו וועגן די „איזוואָשטשיקעס", וואָס האָבן געהאַט דעם אַמט פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויסצושפּיאָנירן דאָס וואוין־אָרט און אַלע באַוועגונגען פֿונעם אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ, וועלכער איז פֿון דער עסעריזשער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט:

„אין מיטן אַפּריל 1906 זיינען מיר געווען פֿאַרנומען מיטן אַרומזוכן די טעראָריסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דורנאָוואָ; מיר האָבן געהאַט אַ גוט אויג אויף די סטאַנציע־הייפֿן פֿון די איזוואָשטשיקעס. עס איז שוין ביי אונדז פֿאַרצייכנט געוואָרן איינער, שפּעטער נאָך צוויי; מיר האָבן אויסגעפֿונען, אַז די דריי קאָמוניקירן זיך איינע מיט די אַנדערע, און נאָך מיט אַ פֿערטן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין זייער שעף. איינער פֿון אונדזערע עלטסטע אַגענטן האָט אָט דעם פֿערטן אַ נאָמען געגעבן „פּילי־פּאָווסקי"; פֿאַרוואָס? ווייל דאָס איז שוין אַן אַלטער באַקאַנטער: מעדניקאָוו האָט אַמאָל אויף איהם אָנגעוויזן אין מאָסקווע, אין דער קאָנדיטאָריי פֿון פּיליפּאָוון, ווי אויף איינעם פֿון אונדזערע וויכטיקסטע און טייערסטע געהיים־אַגענטן..."

געראַסימאָוו דערציילט ווייטער, אַז ער האָט נישט אָנגעהייבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס איז פֿאַר אַזאַ וויכטיקער אַגענט, ער האָט אַזאַ נאָמען „פּיליפּאָווסקי" נישט געהערט, אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָט אויך קיינער נישט געוואוסט, ראַטשקאָווסקי איז צערודערט, ער ווייס, אַז צווישן די טעראָריסטן, וואָס פֿירן די אַרבעט קעגן דורנאָוואָ האָט ער נישט אַזאַ אַגענט. געראַסימאָוו האָט דעריבער באַשלאָסן — דערוויילנישט טשעפּן קיינעם פֿון די דריי איזוואָשטשיקעס און אויך נישט די יעניקע, וואָס קומען מיט זיי אין באַרירונג. דעם פֿערטן אָבער (פּילי־פּאָווסקין) פֿאַרהאַלטן מיט גרויס פֿאָרזיכט, שטרענג געהיים און צו־שטעלן אים צו דער אָכראַנע. דער געהיימניספּולער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָנגערופֿן אינזשעניער טשערקאַס. ער האָט לכתחילה געלייקנט שטיין און ביין. עטלעכע טעג האָט מען אים געהאַלטן שטרענג געהיים אין אַ באַזונדער צימער אין דער אָכראַנע; ער האָט לסוף מסכים געווען צו דערציילן ווער ער איז, אָבער בתנאי, אַז זיין געוועזענער שעף ראַט־שקאָווסקי זאָל אויך זיין דערביי. ראַטשקאָווסקי איז געקומען; דער אינזשעניער טשערקאַס (דער לייענער וועט פֿאַרשטיין מסתמא, אַז דאָס איז געווען אזעף...) האָט געזידלט דעם דירעקטאָר פֿון פּאָליציי־דע־

פאַרטמענט און די גאַנצע אָכראַנע פאַר זייער אומפעאיקייט צו טאָן וואָס ממשותדיקס און דערפירט דערצו, אַז ער, דער פּאַרדינסטפולסטער גע־היים־מיטאַרבעטער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי האָט מיט זיי איבער־געריסן און איז אַוועק צו די טעראָריסטן! בקיצור אַזוף האָט זיך אי־בערגעבעטן מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, ער האָט געקראָגן עקסטרע פינף טויזנט רובל. די אָכראַנע האָט זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגן צו אַרעס־טירן די דריי איזוואָשטשיקעס, אַזעפס „קאָלעגן", כדי נישט צו קאָמ־פּראָמיטירן אים ביי די רעוואָלוציאָנערן. אויף אַזאַ אופן איז פונעם אַטענטאַט אויף דורנאָווא גאָרנישט געוואָרן, ס'האָט געהייסן — צוליבן צופעליקן אַרעסט פון אַזעפן, איינעם פון די אַנטיילנעמער.

אַבראַם גאָץ איז דעמאָלט אַוועקגעפאָרן קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, וואו ער האָט געדאַרפט שטודירן אַ מעגלעכקייט פון אַן אַטענטאַט אויפן צאַר אַליין. דאָ האָבן אים דערקענט אַ פּאָר שפּיאָנען פון באַקאַנטן „פלי־אָט־ריאַד" און אים אַרעסטירט. מע האָט אים אָבער נישט באַשולדיקט נישט אין אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט אויף שוואוואַלאָוון, נישט אין צוגרייטן אַ מעגלעכקייט פון אַן אַטענטאַט אויפן קייזער (צאַרסקאָיע סעלאָ); „מע האָט מיך באַשולדיקט — פלעגט ער זאָגן איראָניש — אין פאַרנעמען זיך מיט עסקים פון אַן איזוואָשטשיק"...

אויסטערלישע געשיכטעס פלעגט ער זיך אָנדערציילן וועגן זיין לעבן ווי אַן איזוואָשטשיק אויפן סטאַנציע־הויף פון די איזוואָשטשיקעס. ביי די „חברים־איזוואָשטשיקעס" און ביי אַלע אַרומיקע אין הויף איז ער געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „אליאָשא", מ'האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, איבערהויפּט די שיקסעס אַרום — אַ שיינער יונג, אַ קלוגער, אַ וויציקער, אַ לוסטיקער; ווען ער פלעגט פאָרן מיט זיין „ליכאַטש" (אַ פערד — אַ שנעל־לויפער), פלעגן זיך שיטן פונקען פון אונטער די פּאָדקאָוועס... דער באַלעבאָס פון הויף האָט אים געשדכנט זיינע אַ פּלימעניצע פאַר אַ ווייב... אויפן געריכט האָט אַבראַם געלייקנט, אַז ער זאָל האָבן געדינט ווי אַן איזוואָשטשיק אַ שפּיאָן ביי דער קאַמף־אָר־גאַניזאַציע; אָבער איינע פון די שיקסעס, אַ קעכין פון „הויף", וואָס איז געווען אין אים פאַרליבט, האָט אים „אַרויסגעהאָלפן": מ'האָט זי אַרויס־גערופן ווי אַן עדות אויפן פּראָצעס; דער פּאַרזיצער פון געריכט האָט אָנגעוויזן איר אויף אים און געפרעגט, צי קען זי אים; זי האָט אויפ־געהויבן די אויגן, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון שמחה: „אליאָשא!" האָט זי געשריען. און שוין דערציילט די גאַנצע געשיכטע וועגן „אליאָ־שאס" ראָל אויפן „איזוואָשטשיקעס־הויף". שפּעטער האָט די זעלביקע, ווען מ'האָט איר דערציילט וואָס דאָס איז פאַר אַ פּראָצעס און אין וואָס מ'האָט „אליאָשאן" באַשולדיקט, — האָט זי געוויינט און געזאָגט —

ווען זי וויס פריער וואָלט זי אַפילו אונטער אַ שבועה אַלץ געזאָגט, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרלייכטערן דעם גורל פון אַזאַ ווילן „אליאַשא"...

אויף קאַטאָרגע

אַבראַם איז פאַרמשפּט געוואָרן דעמאָלט צו 8 יאָר קאַטאָרגע, גע־ווען באַשטימט קיין אַלעקסאַנדראָווסק לעבן אירקוטסק; איידער ער איז געקומען אַהין, האָט ער פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין דער מאָס־קווער טורמע „בוטירקי". דער נאַטשאַלניק פון טורמע האָט פאַרשטאַנען ווי אַרויסצוציען פון דער מיליאָנען־פירמע „וויסאָצקי" גראָבע געלטער און אַ שפע פון די שענסטע און בעסטע פּראָדוקטן פאַר פאַרלייכטערן דעם גורל פון זייער קרוב דעם קאַטאָרזשניק. פון די פאַרלייכטערונגען האָבן פאַרשטייט זיך, שוין גענאָסן די נאָענטע חברים פון אַבראַמען, וואָס זיינען געזעסן מיט אים צוזאַמען.

אין אַ שווערער צייט, נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, איז אַבראַם גאָץ אַוועק אויף קאַטאָרגע. אַ געשמידטן אין קייטן האָט מען אים געפירט איבערן וויטן סיבירער שליאַך, מיט וועלכן זיין עלטערער ברודער מיכאיל איז מיט 20 יאָר פריער געגאַנגען קיין יאַקוטסק. זיין טערמין פון 8 יאָר איז ער אָפּגעקומען אין דער צענטראַ־לער קאַטאָרזשנער טורמע אַלעקסאַנדראָווסק, לעבן אירקוטסק. די דאָ־זיגע שווערע קאַטאָרגע־יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט גרינגער ווי אַנדערע אַ דאַנק זיין געבוירענעם טאַקט און ווירדיקן האַלטן זיך בנוגע דער נאַטשאַלסטווע. אין יאָר 1915 איז ער אַרויס אויף „פרייער פאַרשי־קונג" (וואָלנאיא קאָמאַנדא) און זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין דאָרף אוסאָליע ביי אירקוטסק, פון דאָרטן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער אירקוטסקער צייטונג „סיביר". די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים באַפרייט און ער האָט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פּאָלי־טישע פאַרשיקטע, צוריק באַקומען אַלע רעכט, איז געקומען אין זיין היימשטאָט און זיך אריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען פון זיין רעוואָלו־ציאָנערער נאַטור אין די כוואַליעס פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן ריזיקן לאַנד פון עק ביז עק.

אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע 1917

צוזאַמען מיט דער גאַנצער עמיגראַציע פון אויסלאַנד האָב איך גע־איילט פון לאָנדאָן קיין פּעטערבורג. אויפן וועג, אין שטאָקהאָלם, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו די ערשטע נומערן פון די פּעטראָגראַדער צייטונגען, און דאָ האָט זיך מיר גלייך געוואָרפן אין די אויגן דער באַקאַנטער נאָמען — א ב ר א ם ג א ָ ץ.

אין טאָרנעאָ, אויף דער צווייטער זייט רוסיש־שוועדישער גרעניץ, האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן. אין צאָל־אַמט האָט מען אונדז גאַנץ פלייסיק און גרינדלעך באַזוכט, ווי ס׳פירט זיך אין מלחמה־צייט, און מיר פאָרן ווייטער. עס ציען זיך די בערג און טאָלן, טייכן און אָזערעס פון פינלאַנד. די באַן שלינגט אייליק די ווייטע שטרעקעס. א־נדז אָבער דוכט זיך, אַז זי שלעפּט זיך פּאַמעלעך... ענדלעך זיינען מיר אין פּעטראָגראַד. עס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן די פיגור פון אַבראַם גאָץ. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט ווייניק וואָס זיך געענדערט. אָט וואַרטן אַלע אַרום אויף זיינע באַפעלן, אָנווייזונגען. איז ער דער פּעטראָגראַ־דער גראַדאָנאַטשאַלניק, אָדער די מאַכט אין פּעטראָגראַד האָבן פאַר־כאַפּט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן? — טראַכט איך.

און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, באַגריסט זיך, איילט שוין אַבראַם גאָץ דורכצופירן אַ געניי אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם פון דער אויפנאַמע. ער נעמט מיך אונטערן אָרים און פירט מיך איבער דער לענג פון וואָקזאַל. פון ביידע זייטן רויטע פענער, פּלאַקאַטן מיט אונדזערע פּאַרטיי־לאָזונגען „ערד און פרייהייט", „אין קאַמף וועסטו באַקומען דיינע רעכט", פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון אונדזער פּאַרטיי. מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט ביקסן „נאָ קאַראול". אַ סך מיליטערישע אָרקעסטערס, פייערלעכע באַגריסונגען, קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע... רעדעס אין אויפנאַם־זאַל, מאַסן־מיטינגען, רעדעס און באַגריסונגען פון געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן אויף דעם רייזיקן פּלאַץ, וואו ס׳הודזשען די קולות פון אויפגעשטורעמטע מאַסן מענטשן, אַ ים מענטשלעכע קעפּ... אָבער איך בין די גאַנצע צייט פאַרנומען מיט אַבראַם גאָצן אין זיין נייער ראָל, אַלס דער אָרגאַניזאַטאָר פון ריזיקע דעמאָנסטראַציעס, איינדרוקספולע, קינסטלעריש־דעקאָרירטע און דיסציפּלינירטע...

ווען מיר האָבן זיך, ענדלעך, אַרויסגעריסן פון דעם קלינגנדיקן, קאָלירפולן כאַאָס, און געצעס אויטאָמאָביל האָט אונדז געטראָגן איבער די גאַסן, האָב איך אַבראַמען פאַרוואָרפן מיט פראַגעס: וואָס איז דאָס

פּאַר אַ פּאַראַד? און ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס זיינען דאָך נישט די ערשטע פּאַרשיכורטע טעג נאָך דער רעוואָלוציע. ס'איז דאָך שוין אַוועק מער ווי אַ מאָנאַט נאָך דער רעוואָלוציע. צייט שוין אַ טראַכט צו טאָן וועגן איינשטעלן אַ נאָרמאַלן לעבן אין דעם אויפגעברויזטן לאַנד, צייט נעמען אויפבויען דאָס לאַנד, באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיטן טעגלעכן ברויט. און איר טוט נאָך הייטנט צונויפזאַמלען אויף די גאַסן אומענדלעכע מאַסן מענטשן. ווי שיקט זיך עס? איך פאַרשטיי נישט! די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך צוגעקוקט צו די פּאַראַדן, טראַכט איך, אַז מען דאַרף זיך געניטן פונאַנדערקלייבן אין דעם אַלעם. און איר, ווי עס זעט אויס, ווילט, פּאַרקערט, וואָס מער פּאַרטומלען, באַטויבן, פאַרבלענדן מיט די אַלע פייערווערק, אַז דער קאָפּ זאָל זיך פאַרדרייען. און צי דאַרף מען טאַקע אויף דעם פּטרן אַזוי פיל כוחות?

גאָן פּראָטעסטירט:

— נו, און אויב טאַקע אַזוי, איז וואָס איז דער אומגליק? אין אָנהייב אַפּריל האָבן די באָלשעוויקעס דאָ באַגעגנט לענינען. האָט איר געדאַרפט זען פייערווערק, פּאַראַדן, דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען! — וואונדערט זיך נישט דעריבער, וואָס אונדזער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן: מיר ווילן באַווייזן וואָס מ י ר קענען אויפטאָן. מיר ווילן באַווייזן, אַז די פּעטראָגראַדער אַרבעטער־מאַסן זיינען מיט אונדז, און נישט מיט די באָלשעוויקעס! דאָס איז דער פּאַרלאַנג פון די פּעטראָגראַדער אַר־בעטער. און דאָס איז די פראַגע פון דער ווירדע פון אונדזער פּאַרטיי. אייער צוג האָט זיך פּאַרשפּעטיקט און די אַלע פּאַרזאַמלטע האָבן שעהן לאַנג געדולדיק געוואַרט, זיי ווילן זען זייערע לערער און פירער. דאָס איז ·געווען דער ציל פון דער הייינטיקער באַגעגעניש. און זעט ווי די מאַסן האָבן זיך אויף דעם אָפּגערופן!

און איך האָב אויפמערקזאַם געהערט אַלץ, וואָס אַבראַם האָט מיר דערציילט, און קלאָר געמאַכט פאַר מיר די ענדערונגען וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין רוסלאַנד. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געפירט די גע־שפּרעכן אין אַבראַמס וואוינונג. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן ערשט פּאַרטאָג. די ערשטע נאַכט אין מיין היים נאָך אַ לאַנגער וואָגלעניש אין דער פרעמד. ווי גערן עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז אַ נייער לעבן טאָגט אויף אין מיין פּאַרוואָרלאָזטער היימלאַנד.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך געזען גאָצן שוין אין אַן אַנדער ראָל. ווי אַ שטורעם איז אַבראַם אויף מיר אָנגעפלויגן און האָט מיך אַוועקגעטראָגן:

— וויקטאָר מיכאַילאָוויטש, קומט מיט מיר! איר מוזט דאָס זען! איר מוזט. וואוהין? דאָ אין נאָענטן סעמיאָנאָווער פּאָלק. עטלעכע

ראָטעס „סעמיאָנאָווצעס" באַוואַכן וויכטיקע אַרעסטירטע פון דער צאַרישער רעגירונג. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז מ'וויל לינטשן דעם געוועזענעם קריגס־מיניסטער סוכאָמלינאָוון. דעם אמת זאָגנדיק, ווען דאָס פּאַסירט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע וואָלט דאָס מיר ווייניק וואָס געאַרט. אָבער איצט... איצט... וואָלט דאָס געווען אַ טויט־קלאַפּ דער רעוואָלוציאָנערער זעלבסט־דיסציפּלין פון אונדזער מיליטער, אומצוטרוי צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. נישט אמת? איר זייט מסכּים, האַ? איז קומט אין די קאַזאַרמעס פון דעם סעמיאָנאָווער פּאָלק. לאָמיר צונויפזאַמלען די סאָלדאַטן, אויפקלערן זיי. איר וועט מיר אַ סך העלפן. אַ נייער מענטש; מ י ר האָבן זיך שוין, גלויב איך, אַ ביסל דערעסן. איך גלויב, אַז איך וועט זיין אינטערעסאַנט אַרויסצוטרעטן פאַר אַ פּשוטן עולם, פאַר פאָלקס־מענטשן!

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַבראַם גאָצן האָט מען אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן געהאַלטן פאַר אַ „ספּעציאַליסט" אויף איינצאַמען, איינשטילן אויסברוכן צווישן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון דער הויפּט־שטאָט. אַבראַם גאָץ האָט געהאַט די באַזונדערע פעאיקייט צו באַאיינפלוסן און איינשטילן די אויפגעברויזטע ליידנשאַפטן פון די מאַסן. רואיק און אַנטשלאָסן פלעגט ער ריידן, איבערצייגן. נישט אַלעמען פלעגט דאָס געלינגען. אַ סך פלעגן מיאוס דורכפאַלן ביים ערשטן פּרואוו, און פלעגן זיך צוריקקערן פון אַזוינע „עקספּעדיציעס" אינגאַנצן אַנטוישטע, ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די אויפגעברויזטע ליידנשאַפטן. די ווילדע אויסרופן, געשרייען, דראָענדיקע קולאַקעס, פלעגן ביי זיי אינגאַנצן אָפּנעמען דעם לשון, און זיי פלעגן זיך צוריקציען. וואָס זשע איז געווען דער סוד פון אַבראַם גאָצעס דערפאָלג? דאָס איז געלעגן אין זיין בראַווקייט און אַבסאָלוטע דרייסטקייט. דאָס האָט אַרויסגעלויכטן פון זיינע אויגן, האָט זיך געשפּירט אין יעדן זשעסט, אין יעדער באַוועגונג. עס האָט זיך געפילט, אַז אַבראַם גאָץ איז די פאַרקערפּערונג פון אַ ווילן, וואָס בויגט זיך נישט און וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף אייביק. אָט דער ווילן האָט היפּנאָטיזירט, אַנטוואָפנט. חוץ דעם האָט דעם ווילן באַגלייט אַן אַבסאָלוטע אויסגעהאַלטנקייט. „אַן אייזערנע האַנט אין אַ סאַמעטענער הענטשקע". און דאָס איז נישט געווען געמאַכט, קינסטלעריש, נאָר אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין וועזן. ער איז פון דער נאַטור אַליין געשאַפן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אינערן־מיניסטער אין רעוואָלוציאָנערע צייטן. גאָץ אָבער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן פון וועלכן עס איז מיניסטאָרישן פּאָסטן. ער האָט עס מאָטיווירט, הויפּטזעכלעך, מיט זיין יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס קען

אויפּוועקן ראַסן־לײדנשאַפטן. די נישט יידישע חברים האָבן פּראָטעס־טירט; מיר האָבן אָבער געפילט, אַז מיר שטויסן זיך דערביי אָן אויף אַן עקשנות, וואָס מ׳קען נישט בייקומען.

אין דער שווערסטער פּראָבלעם, וואָס האָט זיך דעמאָלט געשטעלט פאַר דער רעוואָלוציע — פירן ווייטער די מלחמה און פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, — איז גאָץ געשטאַנען פעלזנפעסט דערפאַר, אַז די רעוואָלוציע איז פּייאיק צו פאַרטיידיקן די גרענעצן פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער היים, וואָס איז גלייכצייטיק די היים פון דער רעוואָלוציע. די צוויי ווייטערדיקע וויכטיקסטע פּראָבלעמען — די אַגראַר־פראַגע און די אַר־בעטער־פראַגע, זיינען פאַר גאָצן, ווי פאַר אונדז אַלעמען, געווען דער שטרויכלונג־שטיין, וואָס אים בייצוקומען זיינען געווען געוועןדעט אַלע אונדזערע אָנשטריינגונגען פון מוח און האַרץ. די צייטווייליקע רעוואָ־לוציאָנערע רעגירונג האָט באַקומען פון אַלטן רעזשים אַ ירושה פון אַ שרעקלעכן סאָציאַלן צושטאַנד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די רעוואָ־לוציאָנערע פרייהייט־לאָזונגען זיינען פאַר אַלע שיכטן פון דער באַפעל־קערונג געווען אַ סיגנאַל צו פאָדערן די דערלייזונג פון אַלע זייערע נויטן. דערצו מוז מען נאָך צוגעבן די שרעקלעכע פינאַנציעלע לאַגע פון לאַנד. רוסלאַנד האָט די מלחמה דעמאָלט געקאָסט 54 מיליאָן רובל טעגלעך, און צום סוף פון דעם בודזשעט־יאָר האָט דער מלוכה־דעפי־ציט דערגרייכט די קאָלאָסאַלע סומע פון פערציק ביליאָן רובל. דער אַפּאַראַט פון אויפמאַנען שטייערן איז זיך אינגאַנצן צעפאַלן. זינט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איז די הכנסה פון דירעקטע און אומדי־רעקטע שטייערן אַראָפּגענידערט צו נול. גאָץ איז כסדר געווען פאַר־נומען מיט אונטערהאַנדלונגען וועגן שטרייקן, — „באמת אַ קאַטאַרזשנע אַרבעט" — פלעגט ער זאָגן אַראָפּלאָזנדיק זיך אַ מידער, אַ צעבראָכענער. אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע זיינען סטרייקן געווען אַ פּערמאַ־נענטע דערשיינונג. ס׳איז געווען אוממעגלעך פעסטצושטעלן אַ מיני־מאַלן אַרבעטס־לוין. די אינפלאַציע איז שוין דעמאָלט געווען אין פולן ברען. די פּרייזן האָבן זיך כסדר געהויבן; דאָס, מיט וואָס מ׳האָט נאָך היינט געקענט, ווי עס איז, דורכקומען, איז שוין מיט אַ וואָך אָדער צוויי שפּעטער געוואָרן זייער ווייניק. די אַרבעטסגעבער האָבן פּראָטעס־טירט קעגן די „אומגעהערטע" פאָדערונגען פון די אַרבעטער, געסטראַ־שעט מיט לאָקאַוטס. די אַרבעטער, ווידער, האָבן געטענהט, אַז די מלחמה־פּראָפיטן פון די אינדוסטריעלער זיינען קאָלאָסאַלע. דער קעגנזייטיקער האַס האָט זיך צופלאַקערט און האָט פּאַראויסגעזאָגט אַ בלוטיקן בירגער־קריג, וועלכן עס איז שווער געווען איינצוצאַמען.

די אויפרעגנדיקע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון די מענטשן, וועל־

כע די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אַרויסגעטראָגן צו דער מאַכט, איז געווען איבער מענטשלעכע כוחות. און אבראַם גאָץ פלעגט זיך צערייסן אויף שטיקער. ער האָט געהאַוועט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז אַרומגעלאָפן פון איין מיטינג צום צווייטן, געוואָלט אויס־לעשן דעם העלישן פייער...

אבראַם גאָץ האָט זיך ניט איינמאָל פאַר מיר מודה געווען, אַז ניין־צענטל פון דער ווּיסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישער צוגרייטונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די דייטשע אוניווערסיטעטן, דאַרף מען אַרויסוואַרפן, ווי אַ נוצלאָזן באַלאַסט. מ׳דאַרף ערשט איצט, אין פלאַקער פון רעוואָ־לוציאָנערן אויפברויז, שאַפן נייע קאָנסטרוקטיווע אידייען, סכעמעס און פלענער, נישט אינגאַנצן פאַרענדיקטע, וואָס דאַרפן ערשט אויספּרובירט ווערן. מ׳דאַרף זאַמלען מאַטעריאַלן, אַרבעטן אין ביבליאָטעקן, בעת די פּראַקטישע אַרבעט לאָזט אויף דעם קיין צייט נישט.

עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבן כסדר פאַרנומען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. קערענסקי איז אַוועקגעפאָרן אויפן פראָנט. ער האָט געזוכט און געווּנישטערט, געוואָלט אָרגאַניזירן קאַמפספעאיקע דיוויזיעס, וואָס זאָלן קענען אַרויסרייסן די הויפּטשטאָט פון די באָלשעוויקעס. די איינציקע דיוויזיע, וואָס האָט געקאָנט עפּעס אויפטאָן, איז געווען די „ווילדע דיוויזיע", אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קראַסנאָוו, וועלכע גענעראַל קאָרנילאָוו האָט פריער געהאַט געשיקט קעגן קערענסקין. דאָרטן איז קערענסקי אַליין באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפאַנגענעם, און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט, ווייל די „פריינטלעכע" „ווילדע דיוויזיע" האָט אים גע־וואָלט איבערגעבן אין די הענט פון די באָלשעוויסטישע מאַטראָסן.

אַבראַם גאָץ האָט דערווייל אָרגאַניזירט די יוגנט פון די מיליטערישע שולן. ער האָט געוואָלט מיט זייער הילף פאַרגרינגערן קערענסקיס באַ־מיאונגען דורכצורייסן זיך קיין פּעטראָגראַד. אָבער אויך דאָ האָט דער שלימזל צוגעשפּילט די באָלשעוויקעס: דורך אַ פּראָוואָקאַציע איז דער באַפעל פון גאָצן און אָווקסענטיעוון צו די מיליטערישע שולן אויסגע־פירט געוואָרן פריצייטיק; דער גרעסטער טייל פון די שילער איז אומ־געקומען אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן.

אַבראַם גאָץ האָט זיך געוואָלט דורכרייסן צו קערענסקין. אויפן וואָקזאַל האָט מען אים אַרעסטירט און געבראַכט קיין סמאָלני, וואָס איז דעמאָלט געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט. דאָרטן האָט ער אַ לאַנגע צייט אַרומגעפירט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט אים באַגלייט, איבער דעם לאַבירינט פון די סמאָלני־קאָרידאָרן. אַלע, וואָס האָבן גאָצן באַגעגנט, פלעגן אים באַגריסן זייער פריינטלעך. אבראַם

גאָץ איז דעמאָלט נאָך אַלץ געווען דער וויצע־פּאַרזיצער פון אַלרוסישן סאָוויעט. גאָץ האָט איבערגעלאָזן דעם סאָלדאַט אין קאָרידאָר, זאָגנדיק, אַז ער וועט אַליין אויסגעפינען דעם צימער וואוהין ער דאַרף זיך מעלדן, און איז זיך רואיק אַרויס צום הויפּט־אַריינגאַנג, וואו עס האָבן געוואַרט רייען פון סאָוויעטישע אויטאָמאָבילן. דער שאָפער האָט צעעפנט די טירלעך פאַר דעם „וויצע־פּאַרזיצער", און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבער די פּעטערבורגער גאַסן.

און אין סמאָלני האָט זיך דער באַוואָפנטער סאָלדאַט אַרומגעבלאָנקעט איבער די קאָרידאָרן און אַלץ אַרומגעזוכט דעם אַרעסטירטן.

גאָץ איז נעלם געוואָרן...

די באָלשעוויקעס צעטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג

כמעט גאַנץ רוסלאַנד ווי אויך די רעוואָלוציאָנערע פּעטערבורג איז שוין געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אָבער אויסגעמאַכט אַ נישט באַדייטנדיקע מינדערהייט אין גאַנצן לאַנד. און אַט ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען די גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט עפענען.

די באָלשעוויקעס האָבן אין זייער פּרעסע אין דער הויפּטשטאָט און איבער גאַנץ רוסלאַנד געטענהט, אַז זיי באַציען זיך מיט גרויס רעספּעקט צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. זיי האָבן געשריבן, אַז אין דעם כסדרדיקן אָפּלייגן דאָס צונויפרופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג זיינען שולדיק זייערע קעגנער, די „עסערן" און די מענשעוויקעס, וועלכע ווילן אויף אַזאַ אופן פאַרכאַפּן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג. איצט, האָבן זיי געשריבן, זענען זיי קלאָר, אַז צונויפרופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג קען מען נאָר ק ע ג ן דעם ווילן פון דער צייטווייליקער רעגירונג.

און אַט איז געקומען דער טאָג פון ערעפענונג. די באָלשעוויקעס האָבן כסדר געמאַכט אַלץ נייע און נייע הבטחות, מיט דער ערעפענונג פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז געקומען די צייט מקיים צו זיין אַלע זייערע הבטחות. און עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך צו דערוואַרטן, אַז אַלע פּאָליטישע טוער, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויסבאַהאַלטן פון די באָלשעוויסטישע פאַרפאָלגונגען, וועלן איצט אַרויס פון אונטער דער ערד און שטעלן זיך פּנים אל פּנים צו זיי.

כדי צו פאַרזיכערן דער באָלשעוויסטישער מאַכט די פרייהייט פון טאַט און כדי צו קענען ווי געהעריק באַגעגענען די ווידערשפּעניקע פּאָליטישע טוער, וועלכע האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן, האָט

לענין געגעבן אַ באַזונדערע פולמאַכט דעם געטרייען מענטשן זיינעם, באָנטש־ברויעוויטשן. באָנטש־ברויעוויטשעס באַריכטן האָבן שטאַרק אויפגערודערט די באָלשעוויסטישע מאַכט. אין די באַריכטן זיינען געווען ידיעות, אַז „אין דער הויפּטשטאָט זיינען אָנגעקומען אַ גאַנצע רייע פּערזענלעכקייטן, וועלכע די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט געשטעלט אויסערן געזעץ". צווישן זיי קערענסקי און אַבראַם גאָץ. מ'האָט גלייך גענומען זיי נאָכשפּירן. אָבער סיי אַבראַם גאָצן, סיי קערענסקין האָבן די באָלשעוויסטישע טשעקיסטן נישט געקענט געפינען.

אין פּעטראָגראַד איז די באַפעלקערונג געווען שטאַרק אומרואיק. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען. מען האָט גערעדט, אַז דער סעמיאָנאָווסקער און פּרעאָבראַזשענסקער רעגימענטן און דער צווייטער עקיפּאַזש פון באַלטישן פלאָט וועלן אַרויסטרעטן מיט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג". מאַקסים גאָרקיס טעגלעכע צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן", וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס, אָבער האָט זיך דערלויבט פון צייט צו צייט צו קריטיקירן זייער אויפפירונג, האָט מודיע געווען, אַז אין אַלע קאָמיסאַריאַטן פון דער הויפּטשטאָט האָט מען אַרויסגעפאָדערט אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי. אין סמאָלני אינסטיטוט האָבן רויטע ארמייער בייטאָג און ביינאַכט באַוואַכט די געביידע. די פרידנס־דעלעגאַציעס פון דייטשלאַנד, עסטרייך, בולגאַריע און טערקיי, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין פּעטראָגראַד, האָט מען פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן אויף דעם פינפטן יאַנואַר געפינען זיך ערגעצוואו אַ „מער זיכערן פּלאַץ". לויט טראָצקיס דערינערונגען האָט לענין געפאָדערט, אַז מ'זאָל צו דער דערעפענונג פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אַרויסרופן קיין פּעטראָגראַד די „לעטישע שיסער". ער האָט מורא געהאַט, אַז דער רוסישער פּויער קען זיך נעמען וואַקלען. מ'דאַרף דאָ איצט האָבן „פּראָלעטאַרישע אַנטשלאָסנקייט", און דעריבער „מוז מען ברענגען אַהער איינעם פון די לעטישע פּאָלקן, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַרבעטער".

אָט ווי אַזוי באָנטש־ברויעוויטש שילדערט לענינס אויפפירונג אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג:

„וולאַדימיר א י ל י ט ש — לענין — האָט זיך געזעצט. ער איז געווען זייער אומרואיק און טויט־בלאַס. אין דער מוראדיקער בלאַסקייט פון פּנים און האַלדז האָט דער קאָפּ זיינער אויסגעזען אויסערגעוויינטלעך גרויס, די אויגן האָבן געברענט מיט אַ פיבערהאַפטן פייער... ער האָט זיך טיפער אַריינגערוקט אין פאַטעל, קאָנוואולסיוו צענויפגעדריקט די הענט און האָט מיט די גרויס־געוואָרענע אויגן געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן פון זאַל"... עס איז נישט געווען וואָס צושרעקן זיך.

אָבער נישט אומזיסט זאָגט דאָס רוסישע ווערטל: „אין שרעק ווערן די אויגן גרויס". אין דער רגע איז צווישן די באָלשעוויקעס פאָרגעקו־מען אַ צומישונג. מען האָט זיך געשעפּטשעט און געלאָפן מודיע זיין עטוואָס וויכטיקעס לעניגען אַליין. אין רעכטן מיטן פון זאַל איז געזעסן אַבראַם גאָץ, אַ מיטגליד פון דער „עסערישער" מערהייט פון דער גרינ־דונג־פאַרזאַמלונג, וועלכער איז פּלוצלונג אַזוי ווי פון אונטער דער ערד דאָ אויסגעוואַקסן. אַבראַם גאָצעס באַווייזן זיך אין טאַווּרישן פּאַלאַץ בעת דער דערעפענונג האָבן זיינע פריינט אויפגענומען ווי אַ זייער וואָגנדיקן אומזין. צום גליק איז געלונגען אַרויסצופירן גאָצן פון טאַווּרישן פּאַלאַץ נאָך איידער די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט.

נאָכדעם ווי די גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז צוטריבן געוואָרן, האָב איך זיך געטראָפן מיט גאָצן שוין אין מאָסקווע, וואוהין ס'זיינען אַרי־בערגעפירט געוואָרן אַלע רעגירונג־אינסטיטוציעס, ווי אויך די צענטראַלע רעגירונג, ווייל די דייטשן האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צו פּעטער־בורג. אויך דער צענטראַלער קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי איז אַרי־בער קיין מאָסקווע, מיר האָבן באַשלאָסן צונויפרופן אַ גרויסע קאָנ־פערענץ און אָנגעשטעלן די פראַגע: וואָס טוט מען ווייטער? אָבער שוין אין דעם ערשטן טאָג פון דער קאָנפערענץ זיינען מיר שיער נישט אַריינגעפאַלן. אונדזערע חברים האָבן פון די פּענצטער דערזען, ווי צו דער געביידע פון דער קאָנפערענץ איז צוגעפאָרן אַ ריזיקער לאַסט־אויטאָ־מאָביל מיט באַוואָפנטע רויט־אַרמייער. די באַוואָפנטע רויט־אַרמייער האָבן פאַרנומען דעם אַריינגאַנג פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואו די קאָנ־פערענץ איז פאָרגעקומען. זיי האָבן אַלע פריש־אָנגעקומענע אַריינגע־לאָזן, אָבער קיינעם נישט אַרויסגעלאָזן. אַלע דעלעגאַטן, אַן ערך 250, זיינען זיך צעלאָפן איבער פאַרשיידענע אודיטאָריעס, ווי זיי וואָלטן גע־קומען צו די לעקציעס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט. איינגאַנצן האָבן זיך דעמאָלט אין דער געביידע געפונען זיבעציק וווירקלעכע סטודענטן. די רויט־אַרמייער האָבן פאַרלאַנגט, אַז די סטודענטן זאָלן גלייך פאַרלאָזן די געביידע. מ'האָט אַרויסגעלאָזן נאָר די יעניקע, וואָס האָבן געקענט באַווייזן סטודענטן־בילעטן. די, וואָס האָבן נישט געקענט ווייזן קיין בי־לעטן, זיינען, הייסט עס, פאַרטיי־דעלעגאַטן, וועלכע דאַרפן אַרעסטירט ווערן. די רויט־אַרמייער האָבן אַלץ אַריינגעלאָזן די פאַרשפּעטיקטע דע־לעגאַטן. און אַבראַם גאָץ האָט גלייך גענומען אַרבעטן. צונויפגעקליבן עטלעכע צענדליק סטודענטישע בילעטן, האָט ער זיי צוטיילט צווישן די דעלעגאַטן, און ווען דער ערשטער טייל איז אַרויס אין דרויסן, האָט מען צונויפגענומען די סטודענטישע בילעטן און איינער פון די דעלע־גאַטן, כלומרשט אַ פאַרשפּעטיקטער, האָט זיך צוריקגעקערט אין דער

אוניווערסיטעט־געביידע און צוטיילט די סטודענטישע בילעטן צווישן אַנדערע דעלעגאַטן. אַזוי איז די אַרבעט געגאַנגען ביז דער לעצטער דעלעגאַט איז אַרויס אין דרויסן, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די גאַנצע קאָנפערענץ געראַטעוועט פון דער נעץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרשפּרייט. די „טשעקיסטן" האָבן זיך, ענדלעך, איבערציייגט, אַז קיין איין זייטיקער מענטש איז נישט געווען אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

מיר האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט איינצוהאַלטן די דעלעגאַטן, נישט לאָזן זיי צופאָרן זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם אומענדלעכן רוסלאַנד, און בכלל אָנהאַלטן דעם מוט און אָרגאַניזירטקייט פון דער פּאַרטיי ביז דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן אויסאַרבעטן אַ נייעם טאַק־טישן פּלאַן, וואָס זאָל ווי געהעריק ענטפערן אויף דעם צוטרייבן פון דער גרינדונג־פּאַרזאַמלונג. אויף דעם האָבן מיר אַלע געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. דאָס איז געווען די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט, אין צענטער פון וועלכן ס'איז געשטאַנען אַבראַם גאָץ. מיר האָבן באַשלאָסן נישט צונויפרופן קיין קאָנפערענץ אין פּעטראָגראַד. דער גרויסער סעמיאַניקאָוו זאַוואָד האָט אונדז איינגעלאַדן, פאַרזיכערנדיק אונדז, אַז די אַרבעטער וועלן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַרטיידיקן די מיטגלידער פון דער גרינדונג־פּאַרזאַמלונג. אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר דערזען, אַז אויפן טייך נעווע קלייבן זיך קליינע קריג־שיפלעך פון קראָנשטאַדט, און דאָס וואָלט די באָלשעוויקעס געגעבן אַן אויסרייד פאַר אַ מאַסן־אויסשלאַכטונג פון די אַרבעטער. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ צו גרויסער פּרייז פאַר אַ נצחון.

ס'איז ווידער אויפגענומען געוואָרן אַ פּלאַן צונויפצורופן די גרינ־דונג־פּאַרזאַמלונג אין אוקראַינע. די שלוחים, וואָס מיר האָבן געשיקט קיין קיעוו, זיינען געקומען מיט שלעכטע נייעס. די לידערס פון דער „אוקראַינער ראַדאַ" האָבן געהאַלטן, אַז רוסלאַנד האָט פאַרשפּילט די מלחמה. אַ סעפּאַראַטער פרידן מיט די צענטראַל מלוכות איז אומפאַר־מיידלעך. זיי, די חכמים פון דער „ראַדאַ", ווילן „געווינען פאַר זיך אַ סעפּאַראַטן פרידן", זיי זיינען אַפילו מסכים אויף אַ דייטשער אָקופּאַציע, אַבי נאָר פּטור ווערן פון די באָלשעוויקעס. נאַטירלעך זיינען אַלע פּלענער פון צונויפרופן די גרינדונג־פּאַרזאַמלונג אין אוקראַינע בטל גע־וואָרן. מיר האָבן געשיקט דעלעגאַטן אויפן דאָן און קאַווקאַז. דאָרטן האָט געבאַלעבאַטעוועט דער גענעראַל קאַלעדין, דאָרטן האָבן זיך גענו־מען פאָרמירן אָפּטיילונגען פון דער „פרייוויליקער אַרמיי". מיר האָבן זייער וויניק ערנסט גענומען קאַלעדינס שיינע רייד, און די פּלענער וועגן קאָזאַקישן דאָן און קאַווקאַז זיינען אויך בטל געוואָרן. מיט אַמאָל האָבן זיך פאַר אונדז געעפנט נייע פּערספּעקטיוון אויף דער צווייטער

זייט פון וואָלגע און אין די אוראַלער בערג. דעם וועג אַהין האָט געפירט דער סיזריאַנער בריק איבער דער גרעסטער סיבירער אייזנבאַן צום וויטן מזרח. מיט דעם וועג זיינען געגאַנגען די טשעכאָסלאָוואַקישע לעגיאָנען, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם רוסישן פראָנט, כדי אָנטיילצונעמען אויפן מערב־אייראָפּעאישן פראָנט. טראָצקי האָט געוואָלט אָנטוואָפּענען די טשעכן און פאַראייניקן זיי מיט דער ניי־פאָרמירטער רויטער אַרמיי, און אויב זיי וועלן זיך קעגנשטעלן, איבערגעבן זיי צו די דייטשן און עסטרייכער ווי פאַררעטער און דעזערטירן. זיי האָבן זיך אָבער געשטעלט אַנטקעגן און די אָנהענגער פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָבן זיי אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך. עס זיינען אויך געקומען דעלעגאַטן פון סאַראַטאָוו, וואָס האָבן פאַרטראַטן דעם מיטל־וואָלגע־ראַיאָן; אונדזער וואָלגער געגנט־קאָמיטעט האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער דעמאָקראַטיש־געשטימטער קאָזאַקן־אַרמיי פון אוראַל, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון מעסיקע סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן. אונדזער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אויפצוהויבן די פאָן פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אויפן אוראַל און אין סיביר.

דער בירגער־קריג

עס האָט זיך צעפלאַקערט דער שרעקלעכער בירגער־קריג, בעת וועלכן די טעריטאָריע פון סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַר אַ געוויסער צייט פאַרקלענערט געוואָרן ביז צו די גרענעצן פון דער פאַרצייטיקער „מאָס־קאָוויע". דאָס אַנטי־באָלשעוויסטישע רוסלאַנד איז צעטיילט געוואָרן אויף אַ גאַנצער רייע אָפּגעזונדערטע געגנטן מיט באַזונדערע רעגירונגען. אין יעדן געגנט האָט געפלאַקערט דער קאַמף פון פאַרטייען, וואָס האָבן גערעדט גאָר אויף „באַזונדערע לשונות". די פאַרטיי־קרעפטן האָבן אין די באַזונדערע געגנטן פאַרלוירן וועלכן עס איז קאָנטאַקט צווישן זיך. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן באַזיגט אַלע אַנדערע פאַרטייען בעת די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, האָבן זיך איינגעקויפט געגנוג שונאים און נישט־פאַרגינערס. אונדזער פאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט אַלעמען פאַראייניקן קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, האָט געמוזט כסדר מאַכן קאָמפּראָמיסן, האָט זיך געוואָרפן אין קעגנגעזעצטע עקסטרעמען, געקעמפט אַ פאַרביטערטן קאַמף אויף עטלעכע פראָנטן און האָט פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער איזאָלאַציע. אונדזער לאַגע איז געוואָרן שרעקלעך און ס'האָט זיך געדוכט, אַז פאַר אונדז איז קיין אויס־וועג נישטאָ. דער פעריאָד פון בירגער־קריג האָט אין אונדזערע רייען

איבערגעלאָזן אַ שטאַרקע ענדערונג אין דער באַציאונג צו אונדזערע גע־וועזענע פּאַרבינדעטע, וועלכע זיינען געבליבן אינגאַנצן גלייכגילטיק צום גורל פון דער רוסישער פרייהייט, און האָבן אויסגענוצט אין זייערע אינטערעסן פאַרשיידענע אַוואַנטוריסטן און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אום אָפּצושוואַכן רוסלאַנד און אַרומצאַמען זי מיט אַ „סאַניטאַרן־קאָרדאָן", מיט דעם האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, באַגנוגנט. אויף דעם באָדן האָט זיך אין אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און פּאַרטייען אַנגעהויבן אַ רעאַקציע קעגן זייערע פריערדיקע סימפּאַטיעס צו די עלאַיס און אַ שטאַרקע נייגונג שלום צו מאַכן מיט דער סאָוועטישער מאַכט. אין אונדזערע רייען האָבן אַרויס־געהאָלפן די באָלשעוויקעס די לינקע „עסערן", וועלכע זיינען אויסגע־נוצט געוואָרן פון די באָלשעוויסטישע יעזואיטן און שפּעטער זיינען זיי אַרויסגעוואָרפן געוואָרן ווי אַן אויסגעקוועטשטע לימענע.

אַבראַם גאָץ האָט זיך פעסט געשטעלט אויף דער פּאָזיציע פון „קאַמף אויף צוויי פראָנטן" אין דער פּאַרטיי גופא קעגןביידע אָפּנויגונגען — אי קעגן די אַזוי גערופענע לינקע עלעמענטן, אי קעגן די וואָס האָבן געוואָלט אויפלעבן די קאָאַליציע מיט די רעכטע, ליבעראַל־בורזשואַזע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַלטן דעם „דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם" פאַר אַ נישט קלענערן שונא, ווי דעם דיקטאַטאָרישן באָלשעוויזם.

וועגן אונדזער אַלגעמיינער אַרבעט אין מאָסקווע קען איך זאָגן נאָר דאָס: אין אונדזערע באַמיאונגען זיינען אַ סך כוחות פאַרלוירן געגאַנגען אין ניוועץ. מיר האָבן זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. אַבראַם גאָץ פלעגט אָפט באַזוכן די מאָסקווער אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אָבער די ידיעות, וואָס ער פלעגט ברענגען זיינען געווען זייער טרויעריקע. ווען ער פלעגט ריידן וועגן די טעותן פון דער באָלשעוויסטישער אינערלעכער פּאָליטיק, פלעגן די אַרבעטער זיין מיט אים איינשטימיק און פלעגן נאָך צוגעבן געננוג ביישפּילן פון דער אומגעלומפּערטער פּאָליטיק. אָבער פון דעם אַלעם, וואָס אַפילו די „עסערישע" אַרבעטער פלעגן אַרויסזאָגן און נישט דערזאָגן איז קלאָר געווען, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ אַ שטיקל האָפע־נונג, אַז פון דעם באָלשעוויסטישן עקספּערימענט קען נאָך עפּעס גוטעס אַרויסקומען. מיט דעם באַזוכן די מאָסקווער אַרבעטער־קוואַרטאַלן אַליין האָבן מיר זיך נישט באַגנוגנט. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַזאָרגן די אַר־בעטער מיט דער נויטיקער ליטעראַטור. דאָס שאַפן געהיימע דרוקערייען איז אָנגעקומען זייער שווער. די באָלשעוויקעס האָבן שטאַרק באַוואַכט די דרוקערייען און די זאַפּאַסן פון פּאַפּיר. ס'איז פּאַרגעקומען איין דורכ־פאַל נאָכן צווייטן. באַזונדערס פיינלעך איז געווען דער דורכפאַל פון אונדזער דרוקעריי, וואו ס'האָט זיך געדרוקט דאָס בלעטל „די פרייע שטימע פון רויט־אַרמייער", וועלכע אַבראַם גאָץ האָט איינגעשטעלט מיט

גרויס מי. נאָך פֿיינלעכער איז געווען דער דורכפֿאַל פֿון אונדזער „פּאַס־פּאָרטן־ביוראָ”, אָן וועלכער מיר זיינען געבליבן הילפֿלאָז. און מ׳דאַרף געדענקען, אַז די באָלשעוויקעס איז פֿיל גרינגער געווען ווי די צאַרישע זשאַנדאַרן, אַריינצושמוגלען אין אונדזערע רייען גענוג פּראָוואָקאַטאָרן און באָלשעוויסטישע „מיטאַרבעטער”, ווייל זיי האָבן געטאָן די אַרבעט אויס איבערצייגונג און מיט מער פֿלייסיקייט, ווי אין די צייטן פֿון די זובאַטאָווס און ראַטשקאָווסקיס.

איך וואָלט געקענט דאָ דערציילן זייער פֿיל פֿון די שווערע פּערזענ־לעכע ליידן, וואָס איך האָב דעמאָלט דורכגעמאַכט. אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. אַלץ, וואָס איך האָב דאָ דערציילט וועגן גאָצן, האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל, ווייל די געפֿאַר פֿון אונדזער אַרבעט, וואָס איז כסדר פֿאַרקלענערט געוואָרן אין שטח און פֿאַרנעם, האָט ענדלעך, מיך צושיידט מיט גאָצן שוין אויף אייביק. די כסדרדיקע דורכפֿאַלן פֿון די דרוקערייען, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פֿיל מי איינ־געאָרדנט, האָט אונדז איבערצייגט, אַז מען מוז די פֿאַרלעגערישע אַרבעט אונדזערע אַריבערטראָגן קיין אויסלאַנד. אַבראַם גאָץ האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויף זיך נעמען די אויפֿגאַבע. איך האָב דערקלערט, אַז חוץ דעם איז נויטיק צו שאַפֿן אין אויסלאַנד אַן אָרגאַניזיר־צענטער און כ׳האָב פֿאָרגעלייגט, אַז אַבראַם גאָץ זאָל פֿאָרן קיין אויסלאַנד. כ׳האָב זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַזאַ ווידערשטאַנד, אַז אַלע מיינע אַרגו־מענטן האָבן נישט געהאָלפֿן. דאָס האָט געהייסן, אַז אַבראַם גאָץ איז אַ פֿאַרמשפּטער... די רייזע מיינע קיין עסטאָניע, דאָס איינציקע לאַנד דורך וועלכן מ׳האָט זיך דעמאָלט געקענט שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, האָט מיך געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט אין דער לעצטער מינוט. באַלד נאָך מיין אָפּפֿאָרן זיינען אַריינגעפֿאַלן אין דער באַרימטער מאָסקווער טורמע „לוביאַנקע” אַלע מיטגלידער פֿון אונדזער צענטראַלן קאָמיטעט צוזאַמען מיט גאָצן.

מאַרטירערישער טויט אין אַ סאָוועטישער טורמע

דער „פּראָצעס פֿון די צוועלף צום טויט פֿאַרמשפּטע” — אַזוי האָט מען גערופֿן דעם באַרימטן פּראָצעס פֿון אונדזער צענטראַל־קאָמי־טעט, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מאָסקווע אין יאָר 1922. איך האָב שוין גענוי געשריבן וועגן דעם אין קאַפּיטל וועגן איליאַ רובאַנאָוויטש. דאָ וועל איך נאָר דערציילן, אַז אַבראַם גאָץ האָט געהאַלטן זיין דרשהינען אין געריכט ווי אַ וויכטיקע ערן־מיסיע, האָט געוואָרט מיט אומגעדולד אויפֿן פּראָצעס און בשום אופֿן נישט געוואָלט אויסמיידן אים.

ווען די אָנגעקלאָגטע זיינען שוין געזעסן אין טורמע איז פּאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַ קאָלעקטיווער בריוו פון אַלע צוועלף באַשולדיקטע, דעם 15־טן סעפּטעמבער 1921, (דעם בריוו האָט צוזאַמענגעשטעלט אַבראַם גאָץ), אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

„ווי טייער עס איז פאַר אונדז די אידייע פון דער גרינדונג־פאַרזאַמ־לונג, דעמאָקראַטיע, פאָלקס־הערשאַפט, וואָרפן מיר אָבער קאַטעגאָריש אָפּ יעדן אַריינמישן זיך פון אויסלענדישע רעגירונגען אין אונדזער קאַמף מיט דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אידייען דאַרפן אויסקעמפן די אַרבעטנדיקע מאַסן, אָבער טאָרן בשום אופן נישט אַרויפ־געצוואונגען ווערן מיט דער הילף פון אויסלענדישע אַרמייען, אָדער געשטעלט ווערן פון אויסלענדישע אַרמייען ווי אַ באַדינגונג פון הילף פאַר די הונגעריקע".

די סאָוועטישע גרויסע ענציקלאָפּעדיע שרייבט, אַז כאָטש אַבראַם גאָץ האָט פאָרמעל געקראָגן אַ טויט־אורטייל, פאַקטיש אָבער איז דאָס פאַרביטן געוואָרן מיט פינף יאָר טורמע און אַז שפּעטער איז ער אַמנעס־טירט געוואָרן: מ'האָט אים אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי און ער אַר־בעט אין „גאָספּלאַן", אין מלוכה־פּלאַן. שפּעטער האָט מען גענומען פאַר־שפּרייטן פאַלשע ידיעות, אַז מ'האָט אַבראַם גאָצן געזען אין דער מאָסקווער עפנטלעכער ביבליאָטעק אָדער אין קונסט־טעאַטער. איצט דערוויסן מיר זיך פון אַ סקאַנדינאַווישן סאָציאַליסט, וואָס איז מיט אַבראַם גאָצן און ליבערן געזעסן אין טורמע אין אַלמאַ־אַטאַ, אַז זיי ביידע זיינען דערשאָסן געוואָרן אין 1937 צוזאַמען מיט אַ סך פון זייערע חברים לויטן אורטייל פון אַ באַזונדערער באַראַטונג אין מאָסקווע. אָן קיין שום געריכט האָט מען זיי פאַרגעלייענט פון אַ פּאַפּיר דעם טויט־אורטייל.

אַבראַם גאָץ און ליבער האָבן פון דעם אויסלענדישן סאָציאַליסט גענומען אַ וואָרט, אַז ווען ער וועט באַפרייט ווערן זאָל ער וועגן דעם מודיע זיין זייערע פּאָליטישע פריינט. זיי זיינען ביז דער לעצטער מינוט געבליבן געטריי זייערע אידעאַלן, איבערצייגט אין דער פאַלשקייט און אומזין פון דעם לענין־סטאַלין וועג...

אָט ווי אַזוי ער באַשרייבט דאָס לעבן אין טורמע און דעם איינ־דרוק, וואָס פיל פון די אַרעסטירטע און ער גופא האָט אַרויסגעטראָגן פון די ביידע מאַרטירער:

„צו אונדז אין טורמע פלעגן כסדר אָנקומען נייע כוואַליעס אַרעס־טירטע. די איבערוויגנדיקע מערהייט זיינען געווען קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס, ס'פלעגן זיך דורכוואָרפן אויך אומפּאַרטייאישע. ס'איז אויך געווען אַ גרופּע רוסישע פּראָפעסאָרן פון פאַרשיידענע אוניווער־סיטעטן. אָבער גאָץ און ליבער האָבן זיך שטענדיק אויסגעטיילט פון

דער גאַנצער מאַסע אַרעסטירטע, ווי מענטשן פון גאָר אַן אַנדער וועלט. זיי האָבן געלעבט אין טורמע אין די זעלביקע שרעקלעכע באַדינגונגען ווי אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן: הונגער, נויט, שמוץ, אומפּליית פלעגן אַלעמען פּייניקן. ליבער איז געווען האַלב פּאַראַליזירט, ער האָט זיך נישט געקענט באַוועגן אָן זייטיקער הילף. דאָס רוב אַרעסטאַנטן זיינען געווען פאַרטאָן אין זייערע אייגענע צרות, האָבן נישט געקענט זיך אויפהויבן העכער פון פּערזענלעכע דאגות און אַ טראַכט טאָן אויך וועגן דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אין רוסלאַנד. אָבער גאָץ און ליבער האָבן אין טורמע ווייטער געלעבט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, האָבן כסדר געפירט צווישן זיך ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן סאָוועט רוסלאַנד, געמאַכט פּאַרגלייכן צווישן דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איר צייט און דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, דער עיקר וועגן נאָענטן גורל, וואָס דערוואַרט רוסלאַנד. אַזוי דיסקוטירט, ליגנדיק אַ גאַנצע נאַכט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אָן אונטערבעט, אָן צודעקן, מיט שרעקלעכע ווייטיקן אין גאַנצן קערפּער.

„אין די סאָוועטישע טורמעס האָט מען מורא געהאַט צו ריידן פריי, אַרויסזאָגן מיינונגען, געדאַנקען, ווייל ס'זיינען פאַראַן געגנוג מוסרים, וואָס טראָגן אונטער דער נאַטשאַלסטווע; מען באַקומט דעמאָלט העכערע שטראָפן, פאַרלענגערונג פון טערמין אדג"ל. ס'איז דעריבער שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס'האָבן געמאַכט אַט די ביידע טרעגער פון די אידעאַלן פון דער אַלטער אינטעליגענץ אויף דעם יינגערן דור קאָמוניסטן. ס'האָט זיך אָבער ביי זיי געוויס אויפגעוועקט — נאָך די רעדעס און לעקציעס פון די ביידע מאַרטירער גאָץ און ליבער — עפּעס נייע באַגריפן וועגן דעם וואָס דאָס איז סאָציאַליזם; אָן ספק איז ביי פיל פון זיי, ווי ביים מחבר פון די דאָזיקע איינדרוקן, אויפגעשוואומען אַן אינטערעס צו דער דאָזיקער אינטעליגענץ פון אַלטן דור, וואָס ווערט אַזוי גערודפט און געפּייניקט, און צו זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז שוין ביי אים אָוועקגעקומען דער גלויבן, אַז אויף דער וועלט זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פעאיק צו אַזאַ אומבויגזאַמען אידעאַליזם, ביי וועמען ס'איז נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער גלויבן אין סאָציאַליזם און זיין צוקונפט אין רוסלאַנד..."

אבראַם גאָץ האָט געלעבט ווי אַ העלד, געשטאָרבן ווי אַ מאַרטירער.

חיים זשיטלאָווסקי



חיים זשיטלאָווסקי
(1865 — 1943)

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט

איך האָב זיך באַקאַנט מיט זשיטלאָווסקין גאַנץ צופעליק. דער ערשטער עטאַפּ פון מיין רייזע קיין אויסלאַנד איז געווען ציריך (שווייץ). דאָ האָב איך זיך געגומען גוט אַרומקוקן און נישט געקאָנט געפינען קיין איינעם, וואָס זאָל מיר זיין כאָטש אַ ביסל נאָנט לויט זיינע פּאָליטישע אָנשוי־אונגען. דאָס רוב פון דער עמיגראַנטן־קאָלאָניע איז באַשטאַנען פון יונגע

סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס זיינען געווען פאַרכישופט מיט זייער, לויט מיין געשמאַק, גאַנץ פאַראיינפאַכטן פלאַבן מאַרקסיזם. זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין די רייסענישן און דיסקוסיעס צווישן די „אַלטע", פון דער „גרופּע פּאַר באַפרייאונג פון אַרבעט" און דער גאַנצער כמעט יוגנט. די ערשטע זיינען געווען מער רייף אין דעם זין וואָס זייער פּראָגראַם האָט אַרומגענומען אַלע צוקינפטיקע עטאַפּן פון דער באַוועגונג, אויף וועלכער זיי האָבן אויסגעקוקט און געוואַרט. די צווייטע — די יוגנט — האָט אויפגענומען בלויז די אָנהייב־פאַזע פון דער באַוועגונג, וואָס איז נאָך נישט אַרויס פון די ראַמען פון ריין־עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים־אונטערנעמער, — ווי מ'האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט: „אַ קאָפּיקע צום רובל".

דאָס וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך — די פּערעספּעקטיוו פון אַן אויפקומענדיקער אַגראַר־רעוואָלוציע — האָט זיך אַריינגעריסן אין באַוואוסטזיין פוןביידע קעמפנדיקע צדדים ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך סיי פאַר איינע סיי פאַר די צווייטע. אויב געוויסע עלעמענטן פון די „יונגע" האָבן זיך פון אָנהייב יאָ פאַראינטערעסירט מיט מיינע דאָרפישע פּערעספּעקטיוון, האָבן זיי אָבער גלייך געמוזט זיך אָפּטרייסלען דערפון ביי דעם איינעם געדאַנק — אַז די „אַלטע" אויטאָריטעטן וועלן אויפהויבן אַ שאַרפן קאַמף קעגן אַזאַ מין תחית המתים פון דער אַלטער שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבענער „נאַראָדניטשעסקער אַפּיקורסות".

דער וואָרטזאָגער פון די „אַלטע" אין ציריך איז געווען פּאַוול אַקסעלראָד. אַ מענטש מיט אַ פלינקן שכל האָט ער לכתחילה זיך באַצויגן צו מיינע געשיכטעס מיט אַן ערנצטן אינטערעס און — ווי מיר האָט זיך געדוכט — אָן שום פאָראורטייל. ער האָט אפילו געפּרואווט מיך צוריפּ־פירן מיטן אידייאיש־טעאָרעטישן קאָפּ פון די מאַרקסיסטן — מיט פלעכאַנאָוון, מיינענדיק, אפשר וועט אונדז געלינגען צו געפינען עפּעס אַ געמיינזאַמע שפּראַך און זיך דאַך „צוניפרידן". זיין האָפענונג האָט אים איינגאַנצן אָפּגענאַרט: ס'איז בלויז געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן מיר און פלעכאַנאָוון, וועלכער איז געווען זייער אַגרעסיוו געשטימט — מער גאָר נישט. שפּעטער איז געוואָרן נאָך ערגער. פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען דער מערקווערדיקער דריילינג — לענין, מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו; זיי האָבן פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פון די „אַלטע" און פון צייט צו צייט האָט זיך שוין געלאָזט הערן אין דער פּאָלעמיק דער קריגעריש־קאָמפּראָמיסלאָזער טאָן פונעם ערשטן פון די דריי. מיין ערשטע נאָענטקייט מיט אַקסעלראָדן איז געווען אָפּגעוועלקט איידער זי האָט נאָך באַוויזן זיך פאַנאַנדערצובליען.

ווען זשיטלאָווסקי איז געקומען פון בערן קיין ציריך האַלטן אַ

רעפעראַט, וואָס פלעגט פאָרקומען גאַנץ אָפט, — איז דאָס פאַר מיר געווען, ביי מיין ציריכער איינזאַמקייט אָן אמתער געווינס, איך וועל זאָגן נאָכמער — אַ מתנה פון הימל. איך בין געווען בוכשטעבלעך אויסגע־הונגערט צו זען עמיצן פון די אַלטע נאַראָדניקעס, וואָס זאָל זיין פייאיק זיך צו באַציען מיט סימפּאַטיע און אינטערעס צו די פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט באַוויזן אַ דאַנק די ערשטע פּרוּוון פון דער אַרבעט אין דאָרף אין טאַמבאָווער, סאַראַטאָווער און וואָראָנעזשער גובערניעס. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַרויס־געוויזן אַ לעבעדיקן אינטערעס צו אַזאַ אַרבעט און האָט זיך אפילו אָנגעשטעקט מיט מיין ענטוזיאַזם. איך האָב גאַנץ גערן פונאַנדערגעוויקלט פאַר אים מיינע פּלענער: פריער פאַר אַלץ שאַפן אין אויסלאַנד אַ ליטע־ראַטור, וואָס זאָל אין אַ גראַנדיעזן מאַסשטאַב דינען די צילן פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע, וואָס רוקט זיך אָן. איך האָב אים אגב אויסגעזאָגט דעם „סוד" וועגן דער עקסיסטענץ פון די פויערשע „ברודערשאַפטן", וואָס האָבן זיך געעפנט שנעל אויסבילדן אין די ערטער, וואו אונדזער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך געלאָזט פילן, — אַזעלכע „ברודערשאַפטן" האָבן געדינט ווי אַ מין אָרגאַניזאַציע־„קעמערלעך". דער ענטוזיאַסטישער זשיט־לאָווסקי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידייע און צוגעזאָגט אָפּצודרוקן דעם סטאַטוט פון אַזעלכע ברודערשאַפטן אין נאָענטסטן נומער „רוסקי ראַבאָטשי" (רוסישער אַרבעטער), אַ קליין זשורנאַלטשיקל, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן; גלייך נאָכדעם וועט ער אויפהויבן דורך זיין „פּאַריין" אַ גרויסע קאָמפּאַניע, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע רוסישע סאָציאַ־ליסטן צו דער דרינגענדיקער טאָג־פראַגע, נעמלעך: אַריבערטראָגן די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון פּראָגרעסיוון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט אויך אויפן דערווייל מער אָפּגעשטאַנענעם אַרבעט־מענטש אין דאָרף.

דאָס איז אָבער געווען נאָך נישט אַלץ, מיט וואָס דער נייער באַקאַנטער האָט מיר אַזוי אימפּאָנירט און געמאַכט אויף מיר אַזאַ סימפּאַטישן איינדרוק.

חוץ מיינע פּליכטן וועגן דער אָנגעהייבענער אַרבעט אין דאָרף, האָב איך קומענדיק קיין אויסלאַנד געהאַט נאָך אַ ציל, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו מיין פּערזאָן גופא. איך האָב פון מיינע יונגע יאָרן אָן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פילאָסאָפישע פּראָבלעמען. מיין געדאַנק־גאַנג אויפן דאָזיקן געביט איז געווען גלייכצייטיק ווייט פון דער אידעאַליסטישער שיטה פון פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מעטאַפיזיק, און אויך פון פאַראיינפאַכטן מאַטעריאַליזם, וואָס אין רוסלאַנד האָט דאָס דער ערשטער איינגעפלאַנצט פּיסאַרעוו. איך בין געווען באַקאַנט מיט דער אויסלענדישער קריטיק פוןביידע שיטות, אָבער בלויז אין די שמאָלע ראַמען פון דער פּראָגרעסיווער וועלט־ליטעראַטור. איך האָב גאַנץ שוואַך

געקענט די אויסלענדישע שפּראַכן, ס׳איז אויך געווען כמעט אוממעגלעך צו באַקומען ביכער פון אויסלאַנד, סיידן מ׳האָט געוואוינט אין די הויפּט־שטעט. אָבער אַהין אַריינפּאָרן איז מיר געווען פאַרווערט זינט איך בין אַרויס פון טורמע. די מחות פון דער רוסישער יוגנט האָט באַהערשט פון איין זייט דער מאַטעריאַליזם, איבערגעאַרבעט לויטן „דיאַלעקטישן מעטאָד״, אין גייסט פון מאַרקס און ענגעלס; פון דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען די אַנטווישטע מאַטעריאַליסטן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אויף די וועגן פון גאָגאָל־דאָסטאָיעווסקי און די סלאַוויאַנאָפילן; פונעם ניי־מאָדישן נעאָ־קאַנטיאַניזם און זיין דערקענטניש־טעאָריע האָבן זיי גענומען בלויז דעם סקעפּטיציזם און זיך אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט אין אימפּעטיקע זוכער פון אַבסאָלוטן אמת און טראַנסצענדענטאַלן באַוואוסטזיין, וואָס באַקומט זיך פון פריי־באַפליגלטער מיסטישער אינטואיציע. די יוגנט איז חוצפּהדיק. אין אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „פּראָבלעמען פון פילאָ־סאָפיע״ און „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. אָבער וואָס מער דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט, אַלץ דרינגענ־דיקער האָב איך געפילט, אַז איך מוז זיך אַליין מער באַוואָפענען מיט פילאָ־סאָפישן וויסן. אין אייראָפּע האָב איך געהאַט בדעה צו שטילן מיין דורשט נאָך פילאָסאָפישן וויסן און טרינקען פון די קוואַלן פון גייסטן פילאָסאָפישן געדאַנק — די שיטות פון שטרענגן פילאָסאָפישן עמפּיריזם פון יום, קאַנט, מאַך, אַווענאַריוס און אנד.

זשיטלאָווסקי איז פאַר מיר געווען אַ געקומענער פון יענער וועלט פון פילאָסאָפישן געדאַנק, וואוהין איך האָב זיך געריסן און געקלאַפּט אין אירע טירן. ער איז געווען מיט צען יאָר עלטער פון מיר — געבוירן אין וויטעבסק אין 1863, איך — אין 1873 אין נאָוואָזיבקאָוו הינטער דער וואָלגע. זשיטלאָווסקי האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין בערן מיט אַן אַטעסטאַט פון דאָקטאָר פילאָסאָפיע, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן צו אים גאָר אַ באַזונדערע אַכטונג. איך בין אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך זובאַטאָווס שפּיאָנען פון מאָסקווער אוניווערסיטעט ערשט ווען איך בין אַריבער פון ערשטן קורס יורידישער וויסנשאַפט אויפן צווייטן און פאַרגעזעצט מיין ווייטערדיקע אַלגעמיינע בילדונג אין... די ווענט פון פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. דייטש — די פילאָסאָפישע שפּראַך פון יענער צייט — האָט זשיטלאָווסקי געקענט ווי זיין מוטער־שפּראַך. איך — בלויז דאָס ביסל עלעמענטאַרע שפּראַך־וויסן, וואָס מ׳פלעגט באַקומען אין אונדזערע קלאַסישע גימנאַזיעס. אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר פלעגט ער באַנוצן אַ סך פילאָסאָפישע טערמינען, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען אפילו זייער באַטייט. גאַנץ נאַטירלעך דעריבער, אַז אין אַ סך פראַגן האָב איך געקאָנט דערוואַרטן פון אים ממש „אַנטפּלעקונגען״ און האָב געקוקט

אויף אים ווי אויף אַ לערער, פון אונטן אַרויף. ער איז בכלל געווען אַ פּשוטער מענטש, מיט איינפאַכע און גאַנץ סימפּאַטישע מאַניערן, האָט נישט פאַרמאָגט דעמאָלט קיין שום פּרעטענציעזקייט, זיך אויסשטעלן ווי אַ „גענעראַל" אד"גל. צו דער אויסערלעכער וועלט איז ער געווען געווענדט מיט דער „געזעענער זייט" פון זיין גייסטיקער פערזענלעכקייט. וואָס שייך דער פאַרקערטער זייט — און יעטווידער מענטש פאַרמאָגט דאָך אַזעלכעס — האָט מען דאָס געקענט זען ערשט אַ סך שפּעטער.

יענע עטלעכע טעג וואָס זשיטלאָווסקי איז געווען אין ציריך האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען, נישט אָפּגעטראָטן איינער פון אַנדערן. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן זיין גוטמוטיקע פריינטלעכקייט צו מענטשן, זיין שאַרפזין און זאָרגלאָזע אָפנהאַרציקייט. פאַר מיין אַוועקפאָרן האָט ער מיר שטאַרק צוגערעדט צו פאַרלאָזן דעם „אומעטיקן" ציריך און זיך איבער־קלייבן קיין בערן. ער האָט קודם כל איבערגעגעבן אין מיין רשות זיין רייכע ביבליאָטעק פון סאָציאָלאָגיש־פילאָסאָפישע ביכער, דער עיקר אין דער דייטשישער שפּראַך, ער האָט זיך אַליין פאַרגעלייגט צו זיין מיין וועג־ווייזער אינעם לאַבירינט פון די פאַרשיידענע סיסטעמען, שולן, ריכטונגען. גלייכצייטיק האָט ער מיר געראַטן תיכף זיך צו פאַרשרייבן ווי אַ סטודענט פון בערנער אוניווערסיטעט, כדי סיסטעמאַטיש שטודירן פילאָסאָפישע וויסנשאַפט, וועגן וואָס אגב איך האָב נאָך געטרוימט אין רוסלאַנד און אויך כדי זיך צו פאַרזיכערן אין פּראַקטישן לעבן מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם, פון וואָס ער האָט גאַנץ שטאַרק געהאַלטן (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט איבערגעטריבן אין דער הינזיכט).

איך האָב זיך לאַנג נישט געקווענקלט: אין ציריך האָט מיר קיין זאַך נישט פאַרהאַלטן.

אין דער עמיגראַנטישער קאָלאָניע אין בערן. — אידייאישער כאַאָס נאָכן אונטערגאַנג פון „נאַראָדנאיא וואָליא".

דאָס ערשטע יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בערן אין דער נאָענטער סביבה פון זשיטלאָווסקין (זעלטן געווען אַ טאָג, ווען מיר זאָלן זיך נישט האָבן געזען), איז געווען אַזוי צו זאָגן דער האָניק־חודש פון אונדזער פריינטשאַפט. ס'איז דוכט זיך, נישט געבליבן קיין איין פּראָגע, קיין איין מענטשלעך פּראָבלעם, וואָס מיר זאָלן נישט האָבן אַרומגערעדט און דורכדיסקוטירט. זיין פערזענלעכקייט האָט מיך זייער פאַראינטערע־סירט; אָבער צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט, אַז צוגלייך מיט

אידייאישע מאָטיוון, וואָס זיינען מיר נאָנט וועל איך געפינען ביי אים אויך עלעמענטן פון ערנצטער דיסהאַרמאָניע. דאָס האָט מיר אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן.

אין אויסלאַנד האָט זשיטלאָווסקי שוין פאַרמאָגט אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. אין זיין יוגנט — אין רוסלאַנד — איז געשען דער אונטערגאַנג פון מעכטיקן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאיא וואָליא", און ווען דאָרטן איז שוין אַלץ געווען פאַרוועלקט איז ער אַריבער קיין אויסלאַנד. אָבער אויך דאָ האָט ער שוין אָנגעטראָפן אויף די לעצטע פאַרצווייפלטע פרואוון פון די לעצטע מאָהיקאַנער (די וויכטיקסטע פיגור איז דאָ געווען הערמאַן לאָפּאַטין) אויפצולעבן די טראַגישע עפּאָפּייע פונעם דועל צווישן די טעראָריסטן און דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. דאָ האָבן נאָך געדרויכערט די לעצטע האלעוועשקעס פון רעוואָלוציאָנערן פלאַקער, וואָס האָט דאָ גאָרנישט לאַנג באַלויכטן רוסלאַנד. זשיטלאָווסקי האָט נאָך געזען ווי איינע נאָך די אַנדערע גייען אַראָפּ פון דער סצענע די געוועזענע טרעגער פון דער באַוועגונג: — טייל פון זיי פאַרדינסטפולע טראַגישע אינוואַלידן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל כוח אויפצוהאַלטן דעם נר־תמיד ער זאָל נישט ווערן אויסגעלאָשן אינגאַנצן; טייל צעשרויפטע, צערודערטע פון די לעצטע טראַגישע געשעענישן, אַנטמוטיקטע, אַנטוי־שטע. פון די לעצטע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט לעוו טיכאָמיראָוו, אַ טאַלאַנטפולער פובליציסט, אַן אַמאָליקער נאָענטער מיטאַרבעטער פון זשעליאַבאָוו, אַ מיטגליד פונעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאיא וואָליא", אפילו פון דער גאָר ענגער קערפּערשאַפט אירער — פון דער „אויספיר־קאָמיסיע".

טיכאָמיראָוו האָט איבערגעלעבט אַן אַלגעמיינעם קריזיס פון זיינע רעוואָלוציאָנערע בליקן, וואָס האָט זיך נאָכמער קאָמפּליצירט צוליב זיין קרענקלעכער שפּיאָנאַזש־מאַניע. ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיינע נייע שטימונגען אין אַ בראָשור: „וואָס דאַרפן מיר דערוואַרטן פון דער רעוואָלוציע", וואָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אין די עמיגראַנטישע קרייזן, צו וועלכע ס'האָט שוין אויך געהערט זשיטלאָווסקי; דאָס האָט זיי פאַרשאַפט זייער פיל אַנטוישונג און אַריינגעטראָגן אַ צעמישונג אין זייערע מחות און שטימונגען. ס'האָט געזאָלט אָפּגעוואָרפן ווערן זשעלי־אַבאָוס דעמאָקראַטישע קאָנצעפּציע: אויסקעמפן צוזאַמען מיט די ליבע־ראַלן אַ קאָנסטיטוציע, און דעמאָלט צוזאַמען מיט זיי אָדער אָן זיי אַריבער־גיין צו אַ פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער אַלטער אָרדענונג דורך אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, איבערגעבן דאָס גאַנצע ערד דעם פאָלק; שפּעטער שטופנווייז דערגיין דורך דער מיטאַרבעט פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ און דורך אַ ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס שטיצט זיך

אויף אַ קהלשן קאָלעקטיוון ערד־באַזיץ, צום איינפירן אויפן עוואָלוציאָנערן וועג אַ פאָלקס־סאָציאַליזם, וואָס אין זיינע יסודות ליגט די אַרבעט. לויט טיכאָמיראָווס נייער קאָנצעפּציע ווערט אינגאַנצן פאַרשוואונדן דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, זי ווערט קאָנצענטרירט אויף דורכצופירן אַ מלוכה־איבערקערעניש דורך געהיימע קרייזלעך, וואָס ווערן צעמענטירט, צענויפגעגאָסן ווי אַ מלוכה פון פאַרשווערער, וואָס שפּרינגט אַרויס אין אַ געהעריקן מאָמענט, פאַרמירט זיך אויס אָנשטאָט דעם פריערדיקן מלוכה־אַפּאַראַט, — נעמט אָן נייע פאָרמען, גיט אַרויס „רעוואָלוציאָנערע דעקרעטן״, וואָס זיינען פאַרפליכטנדיק פאַרן גאַנצן לאַנד; אַ מין רעוואָלוציאָנערער אַבסאָלוטיזם.

מיר האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן טיכאָמיראָווס קאָנצעפּציע. מיר האָבן געטרוימט זיך צוריקצוקערן צו זשעליאַבאָווס, אָבער באַזירט אויף אַ מער ברייטערן ווי ביז איצט מאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, וואָס האָט פאַקטיש געפעלט אין די צייטן פון „נאַראָדנאיא וואָליא״, אָבער וואָס איז איצט געוואָרן מער צייטיק, ווי מיר האָבן געגלויבט. וואָס האָט געמיינט ביי אונדז מאַסן־כאַראַקטער — דאָרפיש־פויערישע מאַסן? שטאָטיש־פּראָלעטאַרישע? אי די אי די אַנדערע.ביידע זיינען באַשטימט דורכן גאַנג פון דער געשיכטע צו ווערן צונויפגעגאָסן אין איין פאָלקיש־פלעבעיִשע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטנדיקע, וואָס וועט בילדן די מאַכט פון נייעם רוסלאַנד. מיר האָבן נאָך צוגעגעבן די קולטורעלע ליבעראַל־דעמאָקראַטישע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, וואָס מוזן און ווערן טאַקע געשטויסן אויף לינקס צוליב דער ברוטאַלקייט און רשעות פון דער צאַרישער זעלבסטהערשערישער ביוראָקראַטיע.

ס׳איז אמת, אַז די אויפפירונג פון די ליבעראַלן בעת דעם סאַמע קריטישן אָנגריף פון די רעוואָלוציאָנערן אויף דעם צאַרישן רעזשים, האָט נישט געקאָנט ביי אונדז אַרויסרופן צופיל אָפּטימיזם; יענע זיינען געשטאַנען ווי אין אַ זייט און האָבן איינגעטענהט מיט די מאַכטהאָבער: „גיט אונדז אַ קאָנסטיטוציע, אַנישט — וועלן זיי ווייטער וואַרפן באָמבעס״. די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט גענוג גרונט פאָרצוּוואַרפן די ליבעראַלן זייער פּאָליטישע אומרייפקייט און אומפאַרשטענדעניש. אָבער אין די רעוואָלוציאָנערע רייען זיינען אויך געווען שטימונגען, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פאַר דער רעוואָלוציע שפּילן נישט קיין ראָל די ליבעראַלן, זיי זיינען געווען אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו זיי, נאָכמער — אַנדערע האָבן געקוקט אויף זיי ווי אויף זייערע קלאַסן־פיינט; פאַר זיי איז דער עיקר געווען דער סאָציאַליזם, אָבער נישט דער פּאָליטישער קאַמף. דאָס איז געווען בעת די אידייאישע שטרייטן צווישן די „זעמלעוואָלצעס״ און „נאַראָדאָוואָלצעס״ פאַר און בעת דעם וואָראָנעזשער צוזאַמענפאַר (1879). נישט

קיין אַנדערער ווי אַזאַ קאַלירפולער רעוואָלוציאָנער ווי סטעפּניאַק־קראַוו־טשינסקי (מחבר פונעם בוך „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד") האָט דעמאָלט דעקלאַרירט, אַז „פאַר אונדז איז אַלץ איינס, צי ס'וועט זיין אַ קאָנסטיטוציע אָדער נישט, צי ס'וועלן זיצן ווי אויסדערוויילטע פּריצים, גלחים, זשאַנדאַרמען — מיר זיינען דערצו גאַנץ דיפערענט". און זשעליאַבאָוו האָט אין וואָראָנעזש אומזיסט געפּאָדערט זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ מין פּאָליטישן דיפערענטיזם.

זשיטלאָווסקי און די פּראָבלעם: סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף

מיר, די יונגע, די געבליבענע אָנהענגער פון נאַטאַנסאָנס פּאַרטיי „נאַראָדנאַיע פּראַווא", וואָס איז שוין געווען ליקווידירט דורך דער צאַרישער מאַכט, האָבן אין דאָזיקן פּונקט — וועגן באַטייט פון פּאָליטישן קאַמף — מסכים געווען מיט דער ליקווידירטער פּאַרטיי, הגם אירע פאָרמולירונגען זיינען בכלל גענומען געווען צעשוואומענע. אין דער לינקער לעגאַלער ליטעראַטור האָט די פּאָליטישע קאָנצעפּציע געשטיצט מיכאַילאָווסקי. מיר האָבן אין רוסלאַנד שוין געהאַט באַקומען זשיטלאָווסקיס זשורנאַלכל „רוסקי ראַבאָטשי" און האָבן בכלל מסכים געווען מיט אים, געהאַלטן אים פאַר אַן „אונדזעריקן", הגם מיר האָבן אים נאָך נישט געקענט. אויף דער עיקר־טעמע אונדזערע — וועגן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן סאָציאַליזם און פּאָליטישן קאַמף האָט ער אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט — ערשט אין יאָר 1898 — אַ בראָשור, וואָס האָט געהאַט פאַר אונדז זייער אַ גרויסן ווערט. אָבער אויך אין דער בראָשור איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן דער גאַוהדיקער טאָן וועגן ליבעראַליזם — אַז ער איז אַ טויטער פּרינציפּ, „וואָס האָט זיך אַליין איבערגעלעבט" און אַז אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבן לעבעדיק אין אים געהערט געזעצלעך דעם סאָציאַליזם. וואָס שייך סטעפּניאַקן זיינען צו אונדז דערגאַנגען קיין רוסלאַנד ידיעות, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון זיין אַפּאָליטיזם, מיט וואָס באַקונין האָט אים באַאיינפלוסט און איז געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהענגער פון זשעליאַבאָוו־מיכאַילאָווסקיס קאָנצעפּציע און אַז דער לאָנדאָנער „פאָנד פאַר פרייער פּרעסע אין רוסלאַנד" קלייבט זיך אַרויסצוגעבן אַ גרויסע פּאָליטישע צייטונג מיט סטעפּניאַק־קראַווטשינסקין ווי איר הויפּט־רעדאַקטאָר.

אָבער זשיטלאָווסקיס גרופּע האָט הייליק זיך געהאַלטן ביי איר זעלבשטענדיקייט און האָט זיך נישט געאיילט צוצושטיין צו קיין שום צד. סטעפּ־

ניאַק איז אינגיכן געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן טויט — איבערגעפאָרן דורך אַ צוג הינטער לאָנדאָן. אין זיינע לעצטע שריפטן פאַרן טויט, באַזונדערס אין דעם אינהאַלטסרייכן נאָכוואָרט צו זיין „אונטערערדישן רוסלאַנד" שטרייכט ער אונטער קלאָר און שאַרף, אַז ס'קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אָוועקשטעלן אויף דער היסטאָרישער סצענע (ווי אַ מין איבערחזרונג) דעם אַלטן נאַראָדאָוואָלטשעסקן פּלאַן — שטרענג זיך פאַרשליסן אין אונטערערד און צוגרייטן אַ פאַרשווערונג, וואָס זאָל דערפירן צום פאַרכאַפּן די מאַכט; דאָס וואָלט געווען, שרייבט ער, אַן אַנאַכראָניזם.

ביי סטעפּניאַקן איז פאַר אונדז געווען וויכטיק די אַלגעמיינע אידייע — פונאַנדערוויקלען און קאָנצענטרירן יעטווידע פאָרם פון אַרויסווייזן אַ געמיינזאַמען איינהייטלעכן פּראָטעסט פון דער געזעלשאַפט קעגן דער זעלבסט־הערשונג פון צאַריזם, — אויסנוצן דערביי כלערליי מינים און אופנים פון פּראָטעסט: פּעטיציעס, רעזאָלוציעס, דעקלאַראַציעס פון געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס, די אַזוי גערופענע „פּאָליטישע באַנקעטן", וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון מערב־אייראָפּעישן ליבעראַליזם. די ערשטע אָנדייטונגען אויף אַזאַ טאַקטיק האָבן מיר שוין געהאַט אינעם מאַניפעסט פון דער פאַרטיי „נאַראָדנאַיע פּראַוואָ" (טיוטשעוו־נאַטאַנסאָנס), וואו דאָס איז געווען פאָרמולירט ווי אַ רוף אָנטקעגנשטעלן זיך די דירעקטיוון פון דער מאַכט דורך „דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג". אומזיסט האָבן מיר אָבער געוואַרט אויף אַ ברייטער שטיצע פאַר דער דאָזיקער אידייע אויפן שוועל פון די 90קער יאָרן מצד דער מערהייט פון די פּאָליטישע גרופּירונגען פון דער רוסישער עמיגראַציע, נישט אויסשליסנדיק אויך זשיטלאָווסקיס „פאַריין". ערשט ווען די גרופּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דער פאַראייניקטער פאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און האָבן זיך אין איר אויפגעלייזט, איז אָנגעקומען דער מאָמענט אויסצופּרובירן אָט אַזאַ פּלאַן אין דער פּראַקטיק.

אין יאָר 1904 איז אונדז געלונגען צונויפצורופן איז פאַריז אַן אַל־געמיינעם צוזאַמענפאָר פון די אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פאַר־טייען פון רוסלאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט נישט געקענט אויסאַרבעטן איין פּראָגראַם — אַלע פאַרטייען, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט, וואָלטן גאָר נישט געוואָלט הערן פון איין אָרגאַניזאַציע מיט איין הויפּט־שטאַב, — דאָס וואָלט געווען ממש אַן אוטאָפּיע. דער צוזאַמענפאָר האָט געשאַפן בלויז איין פּראָנט פון יענע פאַרטייען, וואָס האָבן זיך דעקלאַרירט צו פירן גלייכצייטיק און פּאַראַלעל אַן שום פאַרבאַהאַלטן דעם קאַמף קעגן צאַרישן רעזשים; זיי פירן אָבער אויך דעם קאַמף, יעטווידע פאַרטיי באַזונדער אויף איר אופן, לויטן כלל: באַזונדער גיין, צוזאַמען שלאָגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען אנטשטאַנען די פראַגן — וועגן

אויסטיילן פאַר אַלע אָנטיילנעמער אויף אַזאַ מין איינהייטלעכן שלאַג־פּראָנט אַ געוויסן מינימום, וואָס זאָל זיין אָנגענומען פאַר אַלעמען. די פּראַגע, למשל, וועגן אַלגעמיינעם וואַלרעכט. פּילסודסקי, דער דעמאָל־טיקער פירער פון די פּוילישע סאָציאַליסטן האָט געהאַט ספקות צי די פּוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן, אָנגעפירט פון ראָמאַן דמאָווסקי, וועלן מסכים זיין אויף אַזאַ לאָזונג אין אַלרוסלענדער מאַסשטאַב; ער האָט דמאָווסקין אָוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראַגע און יענער האָט געענטפערט, אַז ביז איצט האָט זיין פּאַרטיי — די נאַצ. דעמ. — נישט געהאַט קיין געלעגנהייט פאָרמעל צו דערקלערן איר באַציאונג, אָבער אַז מ׳האָט איצט די פראַגע זיי געשטעלט דערקלערט ער, אַז זיין פּאַרטיי וועט באַשטימט יאָ אונטערהאַלטן אָט דעם לאָזונג און אָט די פאָדערונג, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט פונעם איינהייטלעכן פראָנט פון גאַנצן „טאַקטישן בלאָק״.

אַן ענלעכע פּראָבלעם האָט באַרירט מיליוקאָוו, פון דער רוסישער ליבעראַלער זייט. ער האָט דערקלערט, אַז אין פּרינציפּ איז ער מסכים פולשטענדיק מיט דער פאָדערונג פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, אָבער ער וואָרנט קעגן צוזיילן זיך מיטן דעקלאַרירן אָט די פאָדערונג; ער האָט פּערזענלעך דערקלערט, אַז איך זאָל חלילה נישט חושד זיין אים, אַז ער האַלט, דאָס מע דאַרף אַרומשניידן דאָס וואַלרעכט פון די נידעריקע קלאַסן. אָבער ער האָט מורא, אַז די אַנאַלפאַבעטישע און אומוויסנדיקע פּויערים־מאַסע וועט שיקן אין פּאַרלאַמענט גלחים און זעמסקע נאַטשאַלניקעס. צום גליק איז קעגן מיליוקאָוון אַרויסגעטראָטן זיין חבר פון פּאַריין „אָסוואָ־באַזשדיעניע״ פּיאָטר סטרוווע, וואָס האָט געהערט צו זייער דעלעגאַציע; די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן פון „אָסוואָבאָזשדעניע״ — פּירשט דאָלגאָ־רוקאָוו און דער פּובליציסט באָגוטשאַרסקי, — וואָס זיינען געקומען צום צוזאַמענפאָר דירעקט פון רוסלאַנד, האָבן אויך געשטימט מיט סטרווען און איבערגעשטימט מיליוקאָוון. די ליבעראַלן פון „אָסוואָ־באַזשדיעניע״ האָבן שפּעטער זיך צעטיילט אין דער פראַגע פון אַלגעמיינעם שטרייק. טאַקע דער זעלביקער סטרוווע, וואָס האָט אָפּאָנירט מיליוקאָוון אין דער פראַגע פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַלגעמיינעם שטרייק. דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט באַוויזן וואָס פאַר אַ שאַרפער און דערפאָלגרייכער קאַמפּסמיטל עס איז דער אַלגעמיינער שטרייק; אָבער די בירגערלעכע ליבעראַלן פון „אָסוואָבאָזשדעניע״ און אַנד. גרופּירונגען האָבן נישט פאַרטראָגן די „שטרייקער״.

ס׳האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן אַ שייד־ליניע צווישן די פּאַרשיי־דענע סאָציאַליסטישע און האַלב־סאָציאַליסטישע, אָבער דאָך אַנטשיידן רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען. אָט די עלעמענטן, וואָס זיינען נישט געגאַנגען

נאָך מיליוקאָוון און סטרוווען, וואָס זיינען געשטאַנען, ווי מ׳האָט דאָס דעמאָלט גערופן „לינקער פון די קאַדעטן״ האָבן געמוזט דורכמאַכן אידיי־אישע גלגולים, זיך שפּאַלטן, זיך קערעווען אַהין אָדער אַהער. אויך זשיטלאָווסקיס גרופּע האָט געהאַט דעם זעלביקן מזל. זי איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די אומפּאַרמיידלעכע, אומברחמנותדיקע פּראָצעסן פון דיפע־רענציאַציע, — פּראָצעסן, וואָס עס האָבן נישט געקענט אויסמיידן די עלעמענטן פון דער ליבעראַלער זעמשטשינע, וואָס איז אויך רייך געווען מיט אינטעלעקטועלע קרעפטן.

זשיטלאָווסקי און פלעכאַנאָוו. — זיין נייגונג צו פּאַראַדאָקסן.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז זשיטלאָווסקי איז אַרויסגעטרעטן אויף דער ארענע פון דער רוסישער עמיגראַציע ווי אַ באַקאַנטע פיגור, גראָד אין יענעם פּעריאָד, נאָך טיכאָמיראָווס אַנטוישונג און שפּעטערדיקן פאַרראַט, — ווען ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע — ווי אַזוי איבער־נעמען די ירושה פון „נאראָדנאיא וואָליא״, — נאָכן טויט פונעם לעצטן מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, די מערקווירדיקע רוסישע פרוי אָלאָוויאַניקאָוו־אָשאַנין און גסיסה־צייט אינעם לעבן פונעם פּאַטריאַרך פון דער נאראָדניטשעסקער עמיגראַציע פּיאָטר לאַוראָוו.

אַ צייט פריער פאַר זשיטלאָווסקין האָט דעם קאַמף קעגן טיכאָמיראָוון און די רעשטלעך פון נאַראָדאָוואָלטשעסטווע אויפגענומען פלעכאַנאָוו, וואָס האָט ווייט אַריבערגעשטיגן זשיטלאָווסקין מיטן פאַרנעם פון זיין טעאָ־רעטישער צוגעגרייטקייט, מיט דער קראַפט פון זיין אַנאַליטישן שכל, לסוף מיט זיין גלענצנדיקן פּאָלעמישן טאַלאַנט. אין די עמיגראַנטישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען פול געווען מיט יונגע רעוואָלוציאָנערן, האָט געקאָכט מיט די דיסקוסיעס און היציקע דעבאַטן צווישן די פאַרשיידענע נייע פראַקציעס, וואָס האָבן זיך גענומען אויספאָרמירן, — דעבאַטן און שטרייטן, וואָס פלעגן אָפט אָננעמען אַ היסטערישן כאַראַקטער. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען אַן אָפטער העלד אויף אַזעלכע קאָלאָניאַלע פאַר־זאַמלונגען; זיין נאָמען האָט מען גענומען דערמאָנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די נעמען פון טיכאָמיראָוו און פלעכאַנאָוו. אָבער אויף אַלץ איז פאַראַן אַ מאָס — פליגלדיקע ווערטלעך, פּאָלעמישער שאַרפזין, פּאָפּולער געוואָ־רענע ציטאַטן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַ שאַבלאָן און אפילו די לידערס פון די גרופּן האָבן פאַרלוירן זייער פּאַטאָס און שאַרפקייט.

פאַר זשיטלאָווסקין האָט זיך די לאַגע נאָכמער קאָמפּליצירט דורכדעם, וואָס זיין וואוינשטאָט בערן איז געווען צוגערעכנט צו דער זשענעווער

קעניגרייך, וואָס איז געווען אינגאַנצן באַהערשט פון נישט־געקרוינטן קיניג פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער עמיגראַציע פּלעכאַנאָוו. נישט אומזיסט איז ער געווען פאַררעכנט צו די געפערלעכסטע קעגנער אין ליטעראַרישע דיספּוטן. אין ווערטער־טורנירן האָט ער נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך מיט זיין אומברחמנותדיקן אָפּרעכענען זיך מיט יענע „עזות־פּנימער״, וואָס האָבן געהאַט די חוצפה אַרויסצוטרעטן קעגן אים און פּרובירן אָפּשוואַכן זיין אויטאָריטעט און פּרעסטיזש. דער עולם האָט געוואַרט — ווער פּשוט מיט נייגיר, ווער מיט באַהאַלטענער שאָדנפרייד — אויף דער באַגעגעניש צווישן פּלעכאַנאָוון און זשיטלאָווסקין. ס'איז געווען באַוואוסט, אַז פּלעכאַנאָוו האָט נישט פאַרגעסן זשיטלאָווסקין זיין העזה: אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענטפער אויף פּלעכאַנאָווס בראָשור קעגן טיכאָמיראָוון „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף״ מיט אַ קאָנטער־בראָשור — „סאָציאַליזם און דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט״ (אונטערן פּסעוודאָנים נ. גריגאָראָוויטש). מ'האָט איינגעזען אין דעם פּשוט פאַראַפראַזירטן נאָמען אַליין פון דער בראָשור עפּעס אַן אונטערגעשטראָכענע אַרויספאָדערונג צו פּלעכאַנאָוון.

פּלעכאַנאָוו האָט געהאַט אַזאַ געוואוינהייט: האָט ער איינמאָל באַוויזן, אַז ער האַלט וועמען פון זיינע קעגנער נישט אַן ערך נידריקער פון זיך (און זעלטן ווער האָט אויסגעמיטן צו באַקומען פון אים אַזאַ אָפּשאַצונג), — פלעגט ער ווייטער זיך שוין גאָרנישט באַמיען צו אַנאַליזירן מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט דעם עצם פון יענעמס אַרגומענטן; ער פלעגט פירן מיט אים אַ קאַצן־מויז־שפּיל, פלעגט אים באַהאַנדלען גרינגשעצנדיק, אויסלאַכן, חוזקן. זשיטלאָווסקין פלעגט ער ממש דערגיין די יאָרן מיט כסדר איבעראַנדערשן דעם נאָמען פון פאַריין, וואָס ער האָט געגרינדעט — „פאַריין פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״ פלעגט ביי אים אַרויסקומען סאָציאַליסטן־רעאַקציאָנערן אדג״ל. וואָס שייך דעם פּראָגראַם פון פאַריין — האָט ער געהאַלטן — אַז ס'לוינט זיך נישט דערמיט צו עסקן, ווייל „דער גאַנצער פאַריין קאָן זיך לייכט אויסזעצן אויף איין קאַנאַפּע״...

מיר האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט בייזיין אַזאַ מין באַגעגעניש צווישן זשיטלאָווסקין און פּלעכאַנאָוון; אָבער ער האָט מיך שטאַרק געבעטן צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג און זיך איבערצייגן מיט וואָס פאַר אַ נישט פּאַסיקע מיטלען מע באַמיט זיך אים צו דיסקרעדיטירן און דערנידעריקן. בין איך געגאַנגען. אָבער נאָכדעם געהאַט שטאַרק חרטה; די ווירקלעכקייט האָט אַריבערגעשטיגן אַלע מיינע ערגסטע דערוואַרטונגען. הגם זשיטלאָווסקי האָט אין דער דעבאַטע זיך באַמיט צו זיין איינגעהאַלטן, העפליך, קורץ און זאַכלעך, — האָט אָבער פּלעכאַנאָוו בשום אופן זיך נישט געקאָנט

אָפּזאָגן פון זיין ספּעציפישן מאַניער — זיין ברוטאַל צום קעגנער. אָט וואָס איך האָב אויסגעהערט און פאַרשריבן מיט גרינטלעכער פּינקט־לעכקייט:

— יעטווידער מאָל, ווען מיר קומט אויס צו זיין אין בערן, האָט אָנגעהויבן פלעכאַנאָוו זיין לעצטן וואָרט אין דער דיסקוסיע מיט אַ פּעסט זיכערן אָבער כלומרשט אַ גלייכגילטיקן טאָן, — קאָן איך זיין רואיק: איך האָב דאָ מיין אייגענעם שטענדיקן, איך וואָלט אפילו געזאָגט קאַזיאָנעם אָפּאָנענט (פון פובליקום שטימען: זשיטלאָווסקי!?...) יאָ, געוויס, איר האָט געטראָפן: אַ דאָקטאָר פילאָסאָפיע, — ווי ס'איז אָנגענומען צו זאָגן אַ גענעראַל פון אינפאַנטעריע אָדער קאַוואַלעריע — זשיטלאָווסקי. און אָט — אויף וואָס פאַר אַ טעמע מיינער אַ רעפעראַט זאָל נישט זיין, צי וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, צי וועגן די יסודות פון עסטעטיק ביי ביעלינסקין, וועגן דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי אָדער דער געפאַר פון אַ איראָפּעאישער מלחמה, — מיין אָפּאָנענט וועט נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט זיך אַוועקצושטעלן און אַרויסזאָגן אַ ריי באַמערקונגען, וואָס קלינגען פילאָסאָפיש און וויסנשאַפטלעך, קיין אונטערשייד צי פּאַסט זיך דאָס צו מיין טעמע צי נישט. און געוויס וועט ער שוין נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן מיין הויפּט־חטא: דאָס נישט קענען פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין בעסערער מיטל אויפצוהויבן די רעוואָלוציע אויף דער מאַקסימאַלער הויך, ווי נו, וואָס מיינט איר?... (אַ שטים פון פובליקום: טעראָר!?) יאָ, שטעלט זיך פאָר — איר האָט געטראָפן: טאַקע טעראָר! אָבער דאָס איז נאָך ווייניק — דווקא אָרגאַני־זירטער טעראָר, און דאָס איז נאָך אויך ווייניק — סיסטעמאַטישער טעראָר!... אָט דאָס זעלביקע, וואָס ס'האָט באַגייסטערט דאָ נישט לאַנג איינעם אַ חבר פון ד"ר זשיטלאָווסקי, בורצעוון, צו פראָקלאַמירן זיין נייעם גלויבן, אפילו זיין נייעם באַרוף: „איך בין נישט — זאָגט ער — נישט קיין סאָציאַליסט, אויך נישט קיין טעראָריסט, איך בין גאַנץ איינפאַך — אַ באָמביסט!"

און ביי אַ שטורמישן געלעכטער פון גאַנצן פובליקום איראָניזירט ווייטער פלעכאַנאָוו: „דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר שווער פעסטצושטעלן, ווער פון זייביידן איז מער פלאַם־פייערדיק: צי דער דאָקטער פון פילאָ־סאָפיע אָדער דער דאָקטער פון באָמבאָסאָפיע... אָבער די באַקאַנטשאַפט מיט זיי ביידן דערמאָנט מיר אַ בילד פון מיין יוגנט אין אַ ווייטער רוסישער פּראָווינץ. ס'איז דאָרטן געווען אַ בראַנדמייסטער, זייער אַ פּאָפּולערער אין שטעטל. געווייינטלעך האָט ער אויסגעזען ווי אַ האַלב פאַרשלאָפענע בריאה, אַ מענטש נישט פון דער וועלט; האָט מען אים אָבער אויפגעוועקט אפילו ביינאַכט פון אַ געשמאַקן שלאָף — פלעגט ער גלייך אויפשפּרינגען

און נעמען שרייען מיט באַנומענע קולות: „שטעל אָן די קישקע, שטעל אָן!״ אויך ד״ר זשיטלאָווסקי מאַכט גוואַלדן און פּאָדערט, דאַכט זיך, פון מיר אויך דאָס זעלביקע. און ווי זשע איז אויב איך פאַרמאָג נישט קיין מונדיר פון אַ בראַנדמייסטער און אויך נישט זיינע לונגען און געוואוינהייטן? טאָ זאָל שוין ד״ר זשיטלאָווסקי אַליין, אויב דאָס ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק, „אָנשטעלן די קישקע״, און אונדז לאָזט פריער זיך איבערצייגן, צי וועט ער דאָס מאַכן מיט דערפאָלג און צי וועט ער בכלל דאָס קענען מאַכן, דעמאָלט וועלן מיר זען, וואָס פאַר אַ רעזולטאַט דאָס וועט ברענגען!״...

פלעכאַנאָוו זעצט זיך אַנידער. דאָס גאַנצע פובליקום קייכט פון געלעכטער...

שפּעטער פלעגט זשיטלאָווסקי אָפט אַרויסטרעטן אויף די עמיגראַנטישע דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען; ער פלעגט גאַנץ אָפט הערן ווי איראָניש מע רופט זיך אָפּ אויף זיין אויסדרוק „מיר״ (פלעכאַנאָוו פלעגט כסדר אויסלאַכן די ס. ר., אַנווייזנדיק אויף זייער נישטיקער צאָל). אָבער ער איז נישט געווען פון די יעניקע, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין קאַשע און ווערן צעטומלט צוליב אַ וויץ, וואָס מען זאָגט וועגן זיי. ער האָט דעמאָלט פאַרטראַכט אַ פּלאַן פון אַ קאָנטראָפענסיווע קעגן דער מערהייט סטודענטן פון בערן, וואָס זיינען געווען געשטימט מאַרקסיסטיש; ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ספּעציעלן רעפעראַט וועגן די עיקרים פון סאָציאַליזם. איך האָב געוואַרט אויפן דאָזיקן רעפעראַט מיט גרויס אומגעדולד, אָבער אין דער זעלביקער צייט מיט אַ ביסל מורא. איך האָב געהאַלטן, אַז מען קען נישט ריידן וועגן סאָציאַליזם פון אונדזער היינטיקער צייט, נישט אונטערפירנדיק אַ סך הכל פון דעם, וואָס עס האָט אונדז געגעבן דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס — וואָס איז גאַנץ געבליבן פון זיינע פּראָגנאָזן און פאָראויסזאָגונגען — וואָס האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דער באַוועגונג און איז אַריין אין אייזערנעם אינווענטאַר פון סאָציאַליזם, — און וואָס דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אונטער אַ פּראַגע־צייכן און דאַרף שטרענג אַדורכקאָנטראָלירט ווערן. און דאָ האָט זיך פאַר מיר אויך געשטעלט אַן אַנדער פראַגע: צי איז שוין געקומען די צייט בכלל צו מאַכן סך־הכלען, צי איז שוין פאַר אונדז קלאָר אַלע פּראָצעסן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער באַוועגונג, אַז מיר זאָלן שוין קענען מאַכן די ריכטיקע אויספירן?

אָט די פראַגן האָבן אָבער ווייניק געקימערט מיין חבר. ער האָט פון פאָראויס באַשלאָסן אינגאַנצן זיי נישט צו באַרירן, לאָזן זיי אָן אַ זייט. צו וואָס זיך אַריינלאָזן אין טיפע חקירות, אין היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע טעאָריעס, אין פילאָסאָפישע סכעמעס? צום סאָציאַליזם קען מען צוגיין איינפאַך, מיטן פשוטן געזונטן מענטשלעכן שכל. פּונקט ווי אַ

יחיד בויט זיין לעבן אויף עלעמענטאַרע ראַציאָנאַליסטישע און אוטיליטאַרע יסודות, אָן פילאָסאָפיעס און טעאָריעס, — אַזוי דאַרף אויך די געזעל־שאַפטלעכע בויאונג זיין צוגעפּירט צו געוויינטלעכע נאָרמען פון געמיינ־זאַמער סאָציאַלער היגיענע. דאָס וועט זיין אַ „סאָציאַליזם פון פּשוטן געזונטן שכל״. אָט אַזאַ סאָציאַליזם דאַרפן די מענטשן האָבן.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון זיין רעפעראַט ביים גרויסן רוב פּובליקום איז געווען נישט קיין קלאָרער און האָט אפילו אַרויסגערופן אַ שטיקל פאַרוואונדערונג. מען האָט דעם רעפערענט פאַרוואָרפן מיט איראָ־נישע פראַגן ווי למשל: צי דאַרף מען האָבן אַקאַדעמישע בילדונג, כדי צו פאַרשטיין אָט דעם פּשוטן סאָציאַליזם פון געזונטן שכל, אָדער ס׳איז גענוג צו קענען בלויז לייענען און שרייבן? אַנדערע האָבן געשטעלט אַ מער האמעטנע פראַגע: וועלכער וועג צום סאָציאַליזם איז קירצער? דורכן קאַפּיטאַליזם אָדער דורך דער פויערישער געמיינדע־ווירטשאַפט („אָבשט־שינא״)? זשיטלאָווסקי האָט זיך נישט פאַרלוירן: ער האָט געענטפערט מיט איראָניע אויף איראָנישע פראַגן, — בכלל געווען טרעפלעך און שאַרפ־זיניק. סטודענטקעס פון מיינעם אַ קרייז, וואו איך פלעג זיי באַקענען מיט די הויפּט־פּרינציפּן פון עסעריזם, האָבן זשיטלאָווסקין דורך מיר געשטעלט די פראַגע: צי קאָן מען זיין אַ מאַרקסיסט און אין דער זעלביקער צייט נישט קיין סאָציאַליסט? פּיאָטר סטרוווע האָט אַזוי דערקלערט: ער איז אַ מאַרקסיסט אָבער נישט קיין סאָציאַליסט. לויט זשיטלאָווסקין קומט אויס, אַז מען קען זיין אַ סאָציאַליסט נישט קענענדיק און נישט אינטערע־סירנדיק זיך מיט מאַרקסיזם; עס הייסט, אַז מ׳קאָן אויסקלייבן איינס פון די ביידע — דאָס איז אַ זאַך פון געשמאַק?...

אָט אַזעלכע פראַגן האָבן אונדז כסדר אַרויפגעפירט אויפן וועג פון שמועסן וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון מענטשלעכן געדאַנק אין וועגן איינגעפונדעוועטע דאָגמעס, עיקרים, וואָס מ׳האַלט, אַז מ׳טאָר זיי נישט אָפּרעגן. אין די שמועסן פלעגט זיך אָפּט באַטייליקן אויך אַנ־סקי.

איינמאָל האָט זשיטלאָווסקי גענומען אונדז ביידן (מיר מיט אַנ־סקין) אויפווייזן, אַז מענטשן מיט אַ באמת אומאָפּהענגיקן געדאַנקן־גאַנג דאַרפן כסדר, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום זאַך, טראַכטן און איבער־טראַכטן פונדאַסניי טאַקע אַזעלכע שוין אָנגענומענע עיקרים, וועלכע מ׳האַלט שוין פאַר אלף־בית־אמתן. נעמט — זאָגט ער — למשל, דעם טייוול: ס׳איז דאָך אַן אָנגענומענע זאַך, אַז דער טייוול איז שולדיק אין אַלדאָס בייז, שולדיק פאַר גאָט און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. לאָמיר נעמען פאַרקערט: אפשר זיינען גאָר אַלע, סיי גאָט און סיי די מענטשהייט, שולדיק פאַרן טייוול? זייט נישט אַזוי אויפגערעגט! דערמאָנט זיך די געשיכטע מיט יודאַ איסקאַריאָטס פאַרראַט: אויב מיר האַלטן, אַז אָן די

יסורים און פּיין פון געקרייציקטן וואָלט דער מענטשלעכער מין נישט באַפרייט געוואָרן פון אדם הראשון׳ס זינד, — ווערט דאָך דערמיט אַליין אָביעקטיוו באַרעכטיקט יודאָס פאַרראַט. ווי אַזוי שטימט דאָס מיטן פאָלקס־ווערטל: „אַלץ קאָן מען מוחל זיין אָבער נישט יודאָס חטא!"

— חיים! האָט דאָ אַנ־סקי אויסגעשריען — וואָס שיטסטו אַזוי פיל מיט פּאַראַדאָקסן! דיר דאַרף מען אַריינזעצן אין אַן איינזאַמען טורעם פון העלפאַנט־ביין, זיך דאָרט און פאַרנעם זיך מיט מוח־עקוויליבריסטיק, מיט פאַנטאַסטיק, אָבער מיר דאָ אויף דער זינדיקער ערד דאַרפן האָבן אַ פשוט שטיקל שוואַרץ־ברויט און דאָס האָבן מיר אויך נישט — עס קלעקט נישט די חלה אויף המוציא...

— אָ, ווי אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו דערמאָנען זיך אָט די טרעפ־לעכע ווערטלעך אַנ־סקיס נאָכדעם ווי זשיטלאָווסקי איז אַוועק קיין אַמעריקע, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אונדז און מיר האָבן פאַרלוירן יעטווידן קאָנטאַקט מיט אים; פון צייט צו צייט פלעגן מיר הערן וועגן אַלץ נייע און נייע געדאַנקען־שפּרונגען זיינע. אַ פּאָר ביישפּילן וועט זיין גענוג. אינעם שוואַרצן יאָר 1908 איז אונדזער פּאַרטיי ביז די סאַמע טיפענישן אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב אַזעפס פּראָוואָקאַציע. זשיט־לאָווסקי האָט געהאַט דעם אומגליק נישט נאָר צו זיין דער ערשטער, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין זיין אויסלענדישן „פאַריין פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", — ער האָט אים אויך דער ערשטער געשיקט קיין מאָסקווע מיט רעקאָמענדאַציעס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען זיין שולד, נאָר אומגליק. אָבער גראָד אין יענער צייט, ווען די בעסטע מענטשן פון דער פּאַרטיי זיינען געווען צוזאַמענגעבראָכן צוליב דער שווערקייט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס האָט אויף זיי געפּרעסט, — האָט זשיטלאָווסקי אין אַמעריקע געפונען פאַר מיגלעך אַרויסצוטרעטן מיט אַן אַרטיקל, וואָס איז פול געווען מיט לייכטע סתם אויסגעדראָשענע השערות און האָט די גאַנצע טייוולישע געשיכטע פאַרגעשטעלט אַזוי, ווי אַזעף וואָלט געווען גיכער אַ קרבן פון עפּעס אַן איבערמענטשלעך־קונציקן פּלאַן, איידער אַ העסלעכע גיפטיקע שפּין אין מענטשלעכער געשטאַלט. מענטשן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס — נישט פאַרשטאַנען בלויז צו וואָס איז דאָס אים נייטיק געווען אַוועקצושטעלן דעם פּראָוואָקאַטאָר אויף שטאָלצעס און פאַרשטעלן אים ווי עפּעס „אַ שרעקלעך אינטערע־סאַנטע פיגור".

עס זיינען אַוועק יאָרן און וועגן זשיטלאָווסקין האָט מען ווייטער גענומען ריידן אין צוזאַמענהאַנג מיט גאָר אַ נייער סענסאַציע — וועגן היטלערן. אים האָט זיך פאַרוואָלט — ווי דאָס איז געווען זיין געוואוינהייט — פאַרצושטעלן אויך היטלערן גאָר אין אַן אַנדער ליכט, „נישט ווי אַלע"

—און ער האָט זיך טאַקע אויסגעגליטשט אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געפונען ביי היטלערן „רעלאַטיוון יושר", יעדנפאַלס פון זיין אייגענעם, היטלערס, שטאַנדפונקט. אָט די „רעלאַטיווקייט" האָט זיך דערערדט: האָט פאַרשטעלט די העסליכע טייוולישקייט פון נאַציזם, אַרויסרוקנדיק אויף דער אַוואַנסצענע זיין טיטאַניזם און דעמאָניזם...

די געשיכטע האָט צוגעגרייט זשיטלאָווסקין אַ גרונט פאַר זיין נייער סענסאַציע: נאַציזם און באָלשעוויזם האָט מען אַזוי לאַנג געהאַלטן פאַר צוויי קעגנזעצלעכע עקסטרעמען, צוויי היפוכים, אַז מ'איז געקומען ביכלעכ־וויז צו דעם לאָגישן אויספיר, דאָס צווישן זיי ביידע איז נישט פאַראַן עפּעס אַ דריטעס, וואָס זאָל זיי פאַרבינדן, ס'מוז זיין אָדער — אָדער. אָבער אָט איז געקומען דער סטאַלין־היטלער־פּאַקט, וואָס האָט אָט דעם „דריטן" געגעבן בלוט און פלייש. זשיטלאָווסקי האָט נישט געקענט נישט פאַרשטיין, אַז אָט דער פּאַקט איז אַ טויט־קלאַפּ פאַרן אַלוועלטלעכן יידנטום און אויך פאַרן אינטערנאַציאָנאַל. זשיטלאָווסקי מיט זיינע „ניואַנסן פון געזאַנק" האָט זיך אָן עצה געגעבן ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון אַזאַ טעמפּן ווינקל: דער באָלשעוויזם ווי אַ קעגנזאַץ צום נאַציזם קאָן זיין דער יסוד פאַרן קאַמף קעגן אים; היות דער היטלער־סטאַלין־פּאַקט האָט אויפגעהויבן די וואָג פונעם באָלשעוויזם אויף דער וועלט־אַרענע, איז דערמיט גופא די פּראָבלעם געליזט: דער פּאַקט האָט פאַרגרעסערט די קאָמפּעטענציקייט פונעם קברן פון „דריטן רייך", דאָס הייסט ווייטער, אַז פאַרן וועלט־פּראָגרעס איז דאָס נישט קיין חסרון, נאָר פאַרקערט, אַ מעלה; דער זייטיקער קלאַפּ פאַר די יידן און פאַרן אינטערנאַציאָנאַל — איז נישט מער ווי אַ זאַך אַ פאַרבייגייענדיקע, אַ פּרט פון דער צווייטער מדרגה... פאַר דער מאַיעסטעט פון דער סאָוועטישער מאַכט אין וועלט־מאַסשטאַב יוערט אַלץ פאַרטונקלט... זאָל זי פאַרכאַפּן אַ העלפט פינלאַנד, גאַנץ מזרח־פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע אַז"וו. — קלאָר, אַז דאָס זיינען טאַטן פון אַ יודא, פון אַ קין; אָבער די איבערמענטשלעכע מיסיע פונעם סטאַליניזם ווי אַ „ליקווידאַטאָר פון אַלע געהיימע און אָפענע אימפּעריאַליזמען", פון אַלע פאַלשע שלום־מאַכער, פון אַלע צעקראָכענע משרתים פון די בורזשואַזע געטשקעס — פון הומאַניזם און יושר, — דאָס איז אויף אַלץ מכפּר.

— אוי, חיים, חיים, עס וועט דיר קיין גוטס נישט ברענגען אָט די פאַרקאָכעניש דיינע אין פּאַראַדאָקסן! — פלעגט אָפט זאָגן אַנ־סקי. אָט די איינפאַכע ווערטער פלעגן אין מיינע אויערן אָפט קלינגען ווי עפּעס אַ מין אומעטיקע וואָרנונג. אָבער איך בין געווען איראַציאָנעל אָפּטימיסטיש און געגלויבט, אַז דאָס לעבן וועט אויסהיילן די קרענק.

זשיטלאָווסקיס פאַמיליען־דראַמע — זיין קריסטלעכע פרוי

אויף דער לאַטעריע פון לעבן האָט זשיטלאָווסקי באַקומען דאָס העכסטע געווינס, — דאָס איז געווען זיין יונגטלעכע ראָמאַנטישע ליבע מיט אַן עכט רוסישער פרוי ווערא סעווערינאָוונא, פון אַן אַלט־פּריצישער משפחה פון דרום־מערב־רוסלאַנד. איר חתונה מיט אַ יידן איז פאַר אירע עלטערן געווען עפּעס אויסטערליש־אומגעוויינטלעכעס, אָבער פאַר איר אַליין איז דאָס געווען גאַנץ געוויינטלעך, אין גייסט פון יענער עפּאָכע, ווען די יונגע פּרויען, טיפן פון טורגעניעווס העלדין העלענא (פון זיין ראָמאַן „נאַקאַנוניע"), האָבן זיך נישט געשראָקן צו צעברעכן די פון דורות איינגע־פונדעוועטע פאַמיליען־טראַדיציעס און איינאָרדענען זייער לעבן אַבסאָלוט לויט אַ נייעם שטייגער. מיט אַלע זייערע חושים האָבן זיי געשטרעבט זיך אַרויסצורייסן פונעם פּריציש־דאָרפישן לעבנסשטייגער, באַדעקט מיטן שימל פון דורות, זיך געריסן צו די הויכן פונעם אַל־מענטש, פונעם אַבסאָ־לוטן יושר, פריי פון יעטווידע איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן.

זשיטלאָווסקי האָט געוועקט אין זיין רוסישער פרוי אָט די געפילן פון אַלמענטשלעכקייט. דאָס איז אים אָנגעקומען לייכט, ווייל זיין אייגענע נשמה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַזאַ אייגנאַרטיקן קאָמפּליצירטן גוס. פּונקט ווי אַן אַנדערער גוטער פריינט מיינער, וואָס איך האָב דערוואָרבן אין אויסלאַנד ש. אַנ־סקי — ראַפּאָפּאָרט, איז אויך זשיטלאָווסקי געווען דורך און דורך ייד און גלייכצייטיק דורך און דורך אַ רוסישער „נאַראָדניק". אפשר מיט יענעם טיפן אונטערשייד וואָס ביי אַנ־סקין זיינען אָט די ביידע נאַטורן געווען גאַנץ, אומטיילבאַר, יעטווידע פאַר זיך אַליין; זשיטלאָווסקין אָבער איז אין לעבן גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו זאָגן וועגן זיך: „צוויי נשמות לעבן אין מיין ברוסט, און איינע וויל זיך אָפּטיילן פון דער צווייטער". אַזוי איז טאַקע אין עצם געווען מיט אַנדערע עלעמענטן און סטיכיעס פון זיין נאַטור.

זשיטלאָווסקי האָט געהערט צו יענעם יונגן יידישן דור, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די רוסישע גייסטיקע קולטור אין איר גאַנצן פּראַכט, מיט אַלע אירע טיף הומאַניטאַרע טראַדיציעס, מיט דער גאַנצער דרייסט־קייט פון איר קריטיק, מיטן גאַנצן שוואונג פון איר שעפערישער פאַנ־טאַזיע. ער האָט געגלייבט רוסיש בעסער און שענער ווי אַ געבוירענער רוס; ער האָט אין אַריסטאָקראַטיש־פּריצישן געמיט פון זיין פרוי אַריינ־געטראָגן ריין־נעקראַסאָווישע מאָטיוון — ליבע צו דער אַרבעטנדיקער פאָלקסמאַסע; גלייכצייטיק האָט זי געפילט, אַז דער אויסדערוויילטער פון איר האַרץ געהערט צו איינעם פון די עלטסטע פעלקער פון דער וועלט, וואָס זיין טראַגיזם האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין דער וועלט־

געשיכטע. זשיטלאָווסקי האָט אין יענער צייט פרייער און שענער גערעדט און געשריבן רוסיש ווי יידיש, האָט געטראַכט אייגנטלעך אויף רוסיש. זיין ערשט ווערק וועגן יידן — „געדאַנקען וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק" — האָט ער אָנגעשריבן אויף רוסיש (1887), — אָט די „געדאַנקען" זיינען געוויס געווען אַ סך מער וויכטיק און אינטערעסאַנט פאַר די יידן גופא ווי פאַר די זייטיקע רוסישע לייענער. אַ סך שפעטער, שוין אין אויסלאַנד, האָט ער אָנגעשריבן, אויך אויף רוסיש, אונטערן נאָמען „כאַשין" אַ מין ווענדונג־מאַניפעסט — „אַ ייד צו יידן," וואָס עס האָט אַרויסגע־געבן דער לאָנדאָנער „פאָנד פאַר פרייער רוסישער פרעסע." קיין וואונ־דער וואָס אין די אויגן פון זיין פרוי האָט ער אויסגעקוקט צו זיין מער רוס ווי די אַלע אַנדערע יונגע פראָווינציאַלן פון איר קרייז — גימנאַזיסטן, סטודענטן, יונקערס אד"גל.; זשיטלאָווסקי איז געשטאַנען לויט זיין גייס־טיקן פנים מיט אַ קאָפ העכער פון זיי אַלעמען.

דער אַלטער שפרוך — „זיי אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס" איז געווען צוגעפאַסט צו זשיטלאָווסקין. ער איז געווען אַן אייראָפעאיִשער דזשענטלמען, אַ קינד פון דער מאָדערנער דורכאויס וועלטלעכער קול־טור, וואָס איז דורכגעגאַנגען די אַלטע שול פון וואָלטער און רוסאָ. ער פלעגט כסדר אונטערשטרייכן, אַז אַ ייד ווערט נישט באַצייכנט נישט לויט זיין ראַסע, נישט לויט זיין רעליגיע, נאָר לויט זיין נאַציאָנאַלער קולטור; די רעליגיע האָט נישט קיין שום באַטייט; מע קאָן זיין אַ ייד לויט משה רבינו, מע קאָן זיין אַזעלכער לויט יעזוס קריסטוסן. ער איז געווען גרייט אָפן פאַר אַלעמען שיטן זיינע קללות אויף די יעניקע, וואָס רייסן איבער זייער פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק און זיינע היסטאָרישע ליידן. ס'האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז ער זאָל זיך שמדן, כדי חתונה־האָבן מיט וויערען לויט אַלע אָפיציעל אָנגענומענע ריטואַלן און כללים; זי אַליין וואָלט געקוקט אויף אים אין אַזאַ פאַל מיט פאַראַכטונג. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען און געפילט, אַז דעם טריט צום איבעררייסן מיט איר גאַנצער סביבה און משפחה און פאַרבינדן איר לעבן מיט אַ יידן, — אַז אַזאַ טריט מוז זי אַליין מאַכן. דאָס באַגייסטערטע און ענטוזיאַסטישע מיידל האָט זיך לאַנג נישט געוואַקלט. און וויערא סעווערינאַוונאַ איז אַראָפ פון דער סצענע, זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן, — זי האָט מיט אַלץ איבערגעריסן; איר אָרט האָט פאַרנומען וויערא זשיטלאָווסקאַ, אַן עמיגראַנטקע, אַ פרוי פון אַ יידן, אַ מוטער פון קינדער־יידן. זי האָט גאָר נישט געפילט אפילו, אַז זי ברענגט דאָ אַ קרבן; וואָס פאַר אַ קרבנות האָט מען שוין נישט געבראַכט אין יענער קרבנותפולער צייט!

איך האָב זיך באַקענט מיט וויעראַן אין יאָר 1900 אין בערן. לכתחילה איז איר פיגור געווען פאַרשטעלט פאַר מיר מיט דער פיגור פון איר מאַן

און איך האָב זי געקאָנט נאָר אויבערפלעכלעך. פון זייער דירה אויף ציגלערשטראַסע 35 איז די באַזוכער געווען באַקאַנט בלויז זשיטלאָווסקיס גרויסער אַרבעט־קאַבינעט, פול אָנגעשטעלט מיט פּאָליצעס ביכער פון פילאָסאָפישן און סאָציאָלאָגישן אינהאַלט, מיט אַ גרויסן שרייב־טיש און שופלאָדן געפּאַקט מיט מאַנוסקריפּטן פון פאַרשיידענע אָנגעהייבענע און נאָך נישט פאַרענדיקטע אַרבעטן. ער פלעגט געוויינטלעך פאַרטראַכטן ווערק אין אַ גרויסן מאַסשטאַב און גאַנץ אָפט זיי נישט קענען פאַרענדיקן טאַקע צוליב דער ברייטקייט און קאָמפּליצירטקייט פון דער טעמע. די צווייטע העלפט פון דער דירה איז געווען פאַרנומען מיט די קינדער; וויערא האָט אַזוי געפירט די שטוב־ווירטשאַפט, אַז די באַזוכער האָבן זייער זעלטן זיך געקאָנט אנשטויסן, אַז די שטוב איז פול מיט קינדער — ס'האָט געהערשט אַ מין שטילקייט ווי אין אַ טעמפּל פון אַ הייליקער עבודה.

איך בין אָפּגעווען אין בערן אַ יאָר צייט און ערשט צום סוף האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די ערשטע סימנים פון דער צווייטער זייט פון מיין פּריינטס לעבן, וואָס איז פול געווען מיט אַ ריי דיסאָנאַנסן, וואָס האָבן אָפט ברוטאַל געשטערט די געוויינטלעכע אויסערלעכע האַרמאָניע. גלייך פון ערשטן בליק האָט וויערא געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאָגערער אויסגעדאַרטער פרוי מיט איינגעפאַלענע באַקן און ברוסט; איר געזיכט איז געווען נערוועז אָנגעשטרענגט, באַזונדערס די אויגן, מיט אַן אויפ־געראַגטן גלאַנץ, שרעקעוודיקע; איר שטים האָט אויך געקלונגען נערוועז, געבראָכן. מיין ערשטע פרוי, סליאַטאַוו, אַן אויסערגעוויינטלעך צאַרטע נשמה, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן וויעראַן: „איך פיל, אַז די דאָזיקע פרוי טראָגט שוויגנדיק אין זיך איר אייגענע אַטמאָספער, פול אָנגעלאָדן מיט עלעקטריע; ס'איז מיר עפּעס אומרואיק מיט איר, פונקט ווי איך וואָלט געגאַנגען פאַרביי אַן אָרט, וואו ס'ליגט טיף באַגראָבן אַן אויפרייס־מינע". אויך אַזוי האָבן געפילט דאָס רוב פון אירע באַקאַנטע און פריינט. זי האָט געהאַט אירע פאַרערער, וואָס האָבן זי געהאַלטן פאַרן געוויסן פון „פאַריין סאָצ. רעוו." זי אַליין איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט דער טעטיקייט פון פאַריין, פלעגט כסדר פייניקן דאָ איינעם דאָ אַ צווייטן צוליב עפּעס אַן אומאָרדענונג אין זיין טעטיקייט; זי האָט אויך געהערט צו דער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע" און שפּעטער צום אויסלענדישן צענטער פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי ס. ר.

חיים זשיטלאָווסקי און שארל ראַפּאָפּאָרט

ווען זשיטלאָווסקי איז געקומען פון דער שווייץ קיין בערלין צוליב די אינטערעסן פון אַן „אַקאַדעמישן פאַרלאַג" — אַרויסצוגעבן אין דער

דייטשער שפּראַך ווערק פון אַ פילאָסאָפיש־סאָציאָלאָגישן און וויסנשאַפט־לעך־עקאָנאָמישן אינהאַלט, — האָט ער זיך דאָרטן געטראָפן מיט גערשונין. דער לעצטער איז אַקאָרשט געקומען פון רוסלאַנד ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָט זיך ערשט אויס־פאָרמירט נאָכן פאַראייניקן אַלע פאַרשיידענע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ביז דעמאָלט נישט געווען אָרגאַניזאַציאָנעל ענג פאַרבונדן. דורך גערשונין האָט די פּאַרטיי געראָפן אויך די אויסלענדישע חברים אויסצובילדן אַ פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע פון די אַלע גרופּעס, וואָס שטייען אויפן באָדן פון דער „רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער נאַראָדני־טשעסטווע", ווי דאָס האָט דעמאָלט געהייסן. אין אויסלאַנד האָט עקסיסטירט דער „פאַריין פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", בראש פון וועלכן אין בערן איז געשטאַנען זשיטלאָווסקי און אין פּאַריז — שאַרל (חנן) ראַפּאָפּאָרט. אויף דעם באָדן פון דער פאַראייניקונג איז אָבער אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי אומדערוואַרטע אינצידענטן, וואָס האָבן צעטרייסלט די גאַנצע לאַגע פון „פאַריין".

שאַרל ראַפּאָפּאָרט איז געווען דער שוואַכסטער פּונקט פון פאַריין. אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און אַ סך בילדונג, האָט ער אָבער זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינטלעכער טומלעניש. חוץ זשיטלאָווסקין, וועמען ער האָט פאַמיליאַר געהאַלטן פאַרן פּאַטענטירטן פילאָסאָף פון „פאַריין", האָט ער פאַרן פירנדיקן פּאָליטישן קאָפּ אין פאַריין אָנערקענט בלויז זיך אַליין. מיט אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע און רירעוודיקייט פלעגט ער זיך אַדורכשטופּן אויף די סאַמע וויכטיקע פּלעצער פון דער פּאָליטישער אוואַנסצענע; פלעגט ליב האָבן צו זיין פאַמיליאַר מיט די גרעסטע פערזענלעכקייטן, ווי למשל, זשאָרעס און ענלעכע, — פלעגט דאָס כסדר אונטערשטרייכן בעת פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און מאַניפעס־טאַציעס. אויסערלעך זייער מיאוס, מיט אומגעלומפּערטע שטריכן, — פלעגט ער דאָך ליב האָבן צו טראָגן אַ צילינדער און פאַראַדירן מיט זיין אָנטועכץ. זייער אַ שאַרפזיניקער, וויציקער, זיין שפּראַך און אויסדרוקן פלעגן טרעפן דעם קעגנער ווי מיטן שאַרף פון אַ מעסער. אָבער זיין אויסשפּראַך איז געווען נישט צום פאַרטראָגן, ער האָט פאַרמאָגט איין פאַרקריפּלטן אַקצענט אויף אַלע שפּראַכן, וואָס ער האָט גערעדט, עס פלעגט ממש רייסן די אויערן פון צוהערער. מ'האָט זיך וועגן אים געוויצלט: „ראַפּאָפּאָרט רעדט יידיש אויף אַלע שפּראַכן". אויף פראַנצויזישע אַרבעטער־פאַרזאַמ־לונגען פלעגן קעגנער אים אָפּט איבעררייסן מיט אַ פערז־אויסגעשריי: „ראַפּאַ־פּאָרט אַ ליאַ פּאָרט"! (ראַפּאָפּאָרט אַרויס פון זאַל).

די רייבונגען מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרט אין „פאַריין פון די ס. ר. אין אויסלאַנד" האָבן זיך אָנגעהייבן גלייך נאָכן אָנקומען פון גערשוני מיט די

דירעקטיװן, אַז אַלע אױסלענדישע גרופּעס זאָלן זיך פֿאַראײניקן און אױס־בילדן אײן אָרגאַניזאַציע. אין רוסלאַנד האָבן זיך פֿאַראײניקט דער צפֿון־פֿאַרבאַנד פֿון די ס. ר. מיט דער קיעװ־װאָראָנעזשער גרופּע; דער צפֿון־פֿאַרבאַנד האָט געהאַט אין אױסלאַנד זײַן פֿאַרטרעטונג דורך דעם „פֿאַרײן״ אין בערן; האָבן דעריבער געװיסע גרופּעס מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרט אין דער שפּיץ געהאַלטן, אַז דעם בערנער פֿאַרײן געהערט די מאָנאָפּאָל־פֿאַרשטײערשאַפֿט פֿאַר אױסלאַנד און אַז אַלע איבעריקע גרופּן דאַרפֿן זיך מיט אים צונױפֿגיסן. ראַפּאָפּאָרט האָט געדריקט אױף זשיטלאָװסקין ער זאָל אױך מסכּים זײַן דערמיט. גערשוני האָט אָבער געהאַט אינסטרוקציעס פֿון רוסלאַנד, אַז קײן שום גרופּע טאָר נישט מאָנאָפּאָליזירט װערן, — אַז אַלע גרופּעס זאָלן קומען צו אַ הסכּם און אױסבילדן די אױסלענדישע פֿאַרשטײערשאַפֿט געמײנזאַם, אױף אַ צוזאַמענפּאַר פֿון אַלע גרופּעס, דאַרט װעט אױך באַשלאָסן װערן דאָס אָרט פֿון בערנער „פֿאַרײן״ אין דער געמײנזאַמער אָרגאַניזאַציע.

נאָך גערשוניס אָפּפֿאָר צוריק קײן רוסלאַנד איז די פֿראַגע װעגן שאַרל ראַפּאָפּאָרט אַרײַן אין אַ שאַרפֿער פֿאַזע: ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגן זײַן אָנטײל אין גרינדונג־צוזאַמענפּאַר פֿון דער אױס־לענדישער אָרגאַניזאַציע. זשיטלאָװסקי האָט אומזיסט זיך באַמיט צו פֿאַר־טײדיקן זײַן פֿרײַנטס רעכט צו זײַן אױפֿן צוזאַמענפּאַר; ער האָט זיך אױך געװענדט צו מיר איך זאָל אים העלפֿן דערבײַ. איך בין געװען צו נאָענט באַפֿרײַנדעט מיט זשיטלאָװסקין, אַז איך זאָל אים קענען אָפּזאָגן דערין. נישט נעגירנדיק אַ סך פֿעלערן אין דער אױפֿפֿירונג פֿון ראַפּאָפּאָרטן אין פּאַריז, האָב איך דאָך געהאַלטן, אַז אינגאַנצן אים באַזײַטיקן פֿון דער פּאַרטײ װעט זײַן אַן עװלה, און אַז ס׳װעט זײַן בעסער אים יאָ האַלטן אינעװײניק, אונטער אַ חבֿרישן קאָנטראָל, דערנענטערן אים, — און אױף אַזאַ אופֿן װעט אים געלינגען אױסגלײַכן די ליניע פֿון זײַן האַלטונג, װאָס איז קאַליע געװאָרן צוליב דער שאַרפֿקײט פֿון זײַן כאַראַקטער און טעמפּע־ראַמענט. עס האָט נישט געהאָלפֿן. מיר בײדע, איך און זשיטלאָװסקי, האָבן זיך אָנגעשטױסן אױף אַ טױבע װאַנט. ראַפּאָפּאָרט איז צום צוזאַמענפּאַר נישט צוגעלאָזט געװאָרן. ער האָט צוגעשיקט אַ בריװ, פֿול מיט פֿאַרװאורפֿן און טענות און האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ מין פֿײערלעכן צוזאָג: ס׳װעט אַװעק אַ קורצע צײַט און ער װעט באַװײַזן מיט מעשׂים, אַז ער איז אַן ס. ר. מיט לײַב און לעבן, און אַז ער איז מער װערט צו טראָגן אַזאַ נאָמען אײדער פֿיל אַנדערע, װאָס האָבן געהאַט די דרײסטקײט אים אױסצושליסן!

אַ קורצע צײַט נאָכדעם האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מיר װערן אױס־געלאַכט פֿון אַלע זײַטן צוליב אונדזער אײַנשטעלן זיך פֿאַר ראַפּאָפּאָרטן. אין „איסקראַ״, דעם אָרגאַן פֿון לענין און פּלעכאַנאָװ, האָט זיך באַװיזן

ראַפּאָפּאָרטס אַן אַרטיקל, פול מיט זידלערייען און שאַרפע אָנפאַלן אויף זשיטלאָווסקין, זיין אַלטן פריינט, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגענומען פאַר אים און פאַרטיידיקט זיין רעכט זיך צו באַטייליקן אין צוזאַמענפאַר. ער חזרט איבער די אַלע וויצן און חוזק־מאַכן וועגן זשיטלאָווסקין, וואָס פלעכאַנאָוו האָט געלאָזט אין גאַנג אין זיינע רעפעראַטן. זשיטלאָווסקי האָט זיך פאַר־האַלטן אויסערלעך רואיק און געמאַכט אַ שיינע מינע צו ראַפּאָפּאָרטס מיאוסן שפּיל. אים האָט אָבער שטאַרק געקרענקט אַזאַ אַרויסטריט פון אַזאַ נאָענטן פריינט, ווי דאָס איז געווען ראַפּאָפּאָרט. די פריינטשאַפט האָט פאַרראַטן.

דער ריס אין זשיטלאָווסקיס פאַמיליען־לעבן

זשיטלאָווסקי פלעגט אָפט מיט מיר ריידן וועגן פאַמיליען־לעבן ביי יידן. ער פלעגט אַנטוויקלען דעם געדאַנק, אַז די גריכן און רוימער, די גרינדער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע שטייען אַ סך נידעריקער פון יידן אין זין פון סעקסועלער מאָראַל; דער יידישער פאַמיליען־קולט, משפחהדיקייט, ליבע צו קינדער — דאָס איז אַלץ פאַרשיידענע זייטן פון דער זעלביקער אוניווערסאַלער, געזונטער און ריינער באַציאונג צו זיווג, צו משפחה; דאָס אַלץ איז אָפט פאַרבונדן מיטן צענטראַלן פונקט פון יידישער מאָראַל — דער העכסטער ווערט פון מענטשלעכן לעבן. איינס — משפחה, קינדער — איז דער קוואַנטיטאַטיווער וואוקס פונעם דאָזיקן ווערט; דאָס צווייטע — די נאַציע — איז איר קוואַליטאַטיווער וואוקס; וויל אָן אַ נאַציאָנאַלער דערציאונג פונעם קינד אין דער משפחה, איז נישטאָ נישט קיין נאַציע און נישט קיין משפחה. זשיטלאָווסקי פלעגט ריידן אויף דער דאָזיקער טעמע מיט פיל ענטוזיאַזם. זיין פרוי וויערא פלעגט מיט באַגייסטערונג אים שטיצן. די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער דערציאונג פלעגט כסדר דיסקוטירט ווערן אין די ערנסטע סטודענטישע קרייזן פון בערן, וויערא פלעגט זיך באַטייליקן אין אַזעלכע דיסקוסיעס, פלעגט זיך פאַרטיידיקן לויט אירע כחות. דאָס זיינען אַלץ געווען שיינע ווערטער; די האַרבע פראַגע פון לעבן האָט זיי נישט געשווינט...

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט וויעראַן האָט זי געהאַט צוויי זין. איך האָב זיי געזען: ביידע זיינען געווען גאָרנישט — נישט קיין יידן, נישט קיין רוסן. זייער שפּראַך איז געווען דער זשאַרגאָן פון דער שוויי־צאַרישער גאַס פון יענעם קאַנטאָן, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען יידיש, נישט רוסיש; האָבן נישט געהאַט קיין אנונג נישט פון דער סינאַגאָגע נישט פון דער קירכע. איינער פון זיי איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן בעת

זשיטלאָווסקי איז גראָד געווען אויף אַ לאַנגער רייזע פון יענער זייט ים. ער איז געקומען קיין בערן און געפונען דעם קבר פון זיין זון אויפן... פּראָטעסטאַנטישן בית עלמין, מיט אַ צלם אויף אים. דאָס האָט אים שרעקלעך ווי געטאָן. אָבער ווער איז דאָ געווען שולדיק? נישט די מוטער דורך און דורך אַ רוסישע פּרוי האָט געקענט געבן די קינדער אַ דער־ציאונג אין נאַציאָנאַל־יידישן גייסט. עס זיינען צוגעקומען נאָך קינדער. אין יאָר 1903 האָט וויערא געבוירן דאָס זעקסטע קינד — אַ מיידעלע. איר גורל איז געווען גאָר אַ באַזונדערער — זי האָט זיך דערצויגן אין אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר. אַלץ האָט באַשלאָסן דער צופאַל... די נאַציאָנאַלע דערציאונג פון קינדער האָט אויסגעזען גאַנץ שיין בלויז אויפן פּאַפּיר. זשיטלאָווסקי האָט דאָס מיר מודה געווען מיט פולער אויפריכטיקייט. ער האָט געזאָגט: „מיינע יידן באַשולדיקן מיר אינעם ריס צווישן וואָרט און טאָט. וואָס בין איך שולדיק? איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פּעדאַגאָג. איך ווייס בלויז ווי וויכטיק ס'איז נאַציאָנאַלע דערציאונג פאַרן קינד בכלל און פאַרן יידישן בפרט. באַשטעלט ביי מיר לעקציע וועגן דעם וועל איך דאָס מאַכן אויסגעצייכנט. אָבער די נאַטור האָט מיר נישט באַשאָנקען מיט פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן. דאָס איז מיין אומגליק, אָבער נישט מיין שולד..."

זייער לעבן אין בערן איז אָוועק זייער שווער. פון זשיטלאָווסקיס ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פלעגט זיך דאָס רוב אויסלאָזן אַ טייך; קינדער זיינען צוגעקומען, די הוצאות זיינען געוואָקסן. וויערא האָט אויס־געהאַלטן אַ קיך־רעסטאָראַן פאַר דער סטודענטישער קאָלאָניע; אַ גאַנצן טאָג, פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט געווען אַריינגעטאָן אין דער נודנער, שווערער גרויער אַרבעט — פון איינקויפן אין דער פרי די שפּייז־פּראָדוקטן אויף די מערק ביז וואַשן דאָס געפעס אין די שפּעטע אָוונטן. זי איז אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרען אין דער גרויער פּראָזע פון לעבן, פאַרוואָרפן אפילו דאָס שרייבן לידער, וואָס פלעגן אַמאָל אין דער פרישער יוגנט איר געלינגען גאַנץ גוט; „איך האָב נישט קיין שום טאַלאַנט — פלעגט זי מיט פאַרצווייפלונג זאָגן — און ווען איך וואָלט אפילו געהאַט וואָלט ער אויך פאַרזשאַווערט געוואָרן פון נישט באַנוצן אים..." די דיסהאַרמאָניע אין משפּחה־לעבן איז כסדר געשטיגן. איר געמיט איז געוואָרן אַלץ פינצ־טערער; ביי אים האָט זיך געהאַלטן זיין „געזונטער אָפּטימיזם", ער האָט ליב געהאַט רו און געזעצטקייט. פאַר איר איז די שווערע אַרבעט געווען אַ מין אָפּיום; ער פלעגט ציטערן איבער זיין געזונט, פלעגט תמיד זיך עסקן מיט פאַרשיידענע מעדיצינען, וואָס פלעגט ביי זיינע נאָענטע אַרויס־רופן אַ פאַרלעגנעם שמייכל. פון זיי ביידן איז זי געווען אָם מערסטן אויסגעמאָגערט, קרענקליך, ער — האָט געזוכט קאָמפאָרט און באַקוועמ־

לעכקייט. זי פלעגט זיך שאַרף ערגערן צוליב אים, וואָס האָט אין דער יוגנט אַזוי פיל צוגעזאָגט און איצט נאַרט ער זיך אַליין אָפּ מיט זיינע כסדרדיקע פאַנטאַזיעס. איך פלעג שטענדיק באַמערקן, אַז אויף איר ווירקט ווי אַ סקריפּ פון אייזן איבער גלאָז זיין זעלבסטצופרידנקייט און געפּיעטש־טשעטקייט.ביידע זיינען געווען אויסגעצייכנטע מענטשן, זייער צוגעבונדנ־קייט איינער צום אַנדערן האָט נאָך אַלץ געהאַט טיפע וואָרצלען, אָבער דאָס שפּיל פון זייער לעבן איז געווען אָנגעשטעלט לויט פאַרשיידענע טענער.

פון מיין פריינט ש. אַנ־סקי — ראַפּאָפּאָרט האָב איך פלוצלונג באַקומען אַ ידיעה, אַז ער איז עקסטרא אַרויסגעפאָרן קיין בערן צוליב אַ שרעקלעכער דראַמע, וואָס דאָרטן איז געשען און אַז זיין באַליבטער פריינט חיים זשיטלאָווסקי איז שרעקלעך דערשיטערט דערפון און ער ווייסט נישט, צי וועט ער דאָס קענען איבערלעבן. איך האָב זיך גלייך דערוואוסט, אַז אַ נאָענטער פריינט פון ביידע זשיטלאָווסקיס, וואָס האָט געהאַלטן אים פאַר זיין לערער און איר פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכער האַרציקע אָבער אומ־גליקלעכע פרוי — איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. צווישן זיי ביידן ליגט איצט דער טויטער קערפּער פון זייער טייערן פריינט און זיי האַלטן, אַז זייער געמיינזאַם לעבן איז איצט צעשטערט ביזן גרונט און זייער פאַמיליען־הויז צעשמעטערט אויף שטיקלעך. גאַנץ בערן האָט גערעדט וועגן דער טראַגישער געשעעניש; קיינער האָט פון אַנהייב נישט געוואוסט, צי וועלן ביידע איבערלעבן אַזאַ טויט־קלאַפּ. ש. אַנ־סקי האָט אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן מיט זיין פריינט חיימען, איז מיט אים לאַנג אַרומגעפאָרן איבער פאַר־שיידענע ערטער אין דער שווייץ; ענדלעך האָבן ביידע מסכים געווען, אַז דאָס בעסטע פאַר זשיטלאָווסקין וועט זיין — אוועק פון דער שווייץ, פון אייראָפּע אויף שטענדיק, זיך באַזעצן גאָר אין אַן אַנדער אָרט און אָנהייבן פונדאַסניי אַ לעבן, וואָס זאָל מיט גאָרנישט דערמאָנען דאָס אַלטע, פאַר־גאַנגענע. אויך וויערא האָט געהאַלטן, אַז דער איינציקער וועג איז איצט — אינגאַנצן זיך פאַנאַנדערגיין; זי האָט באַשלאָסן זיך איצט אָפּגעבן דער דערציאונג פון די זעקס קינדער, וואָס זיינען געבליבן אויף אירע הענט. ער, חיים, וועט אפילו בלייבנדיק מיט איין קינד זיך נישט קענען קיין עצה געבן, וועט זיין הילפלאָז. זאָל זשע ער מיט פרייע הענט בויען זיין נייעם לעבן אין אַ נייעם אָרט...

זשיטלאָווסקי אין אַמעריקע

וואָס פאַר אַ ניי לעבן זשיטלאָווסקי זאָל איצט אָנהייבן און וואו — וועגן דעם האָט שוין געזאָרגט ש. אַנ־סקי; דאָס האָט געדאַרפט זיין אַמעריקע. און באמת — וואָס האָט זשיטלאָווסקי געהאַט צו פאַרלירן

אין אייראָפּע? פון זיין ס. ר.־שן „פאַריין" איז געבליבן בלויז אַ דערי־נערונג. מיט דער רוסישער פּאַרטיי איז ער געווען קידער־ווידער — די באַציאונגען האָבן זיך עפּעס נישט געקלעפּט. דאָס, וואָס מ'האָט דעם „פאַריין" נישט אָנערקענט ווי דעם אויסשליסלעכן פאַרשטייער פאַר אויס־לאַנד האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. די זעלביקע ווירקונג האָבן אויף אים די אינצידענטן מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרטן, וועמען ער האָט געהאַלטן, צוגלייך מיט זיך, פאַרן מיטגרינדער פון „פאַריין". זשיטלאָווסקיס אַרבעט־פייאיקייט האָט צוליב דעם שטאַרק געליטן. מערקווירדיק: פאַר דער „רעוואָלוציאָנאַיא ראָסיא" האָט ער די גאַנצע צייט נישט אָנגעשריבן קיין איין שורה. נישט האָבנדיק קיין לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעט אין רוסלאַנד, איז ער ווי אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון אַלעמען; מ'האָט ביסלעכווייז אים אָנגעהייבן פאַרגעסן.

איך מיט אַנ־סקין האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צוציען אים נענטער צו דער אַרבעט, ווי למשל — שאַפן אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אויף יידיש און איבערגעבן דאָס אים. אַנ־סקי האָט זיך טאַקע גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט, אָבער אַריינציען זשיטלאָווסקין, פאַנאַנדערטרייסלען אים — איז נישט געלונגען: „ס'האָט זיך אים עפּעס נישט געשריבן"! ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז זיינע אָדערן נייטיקן זיך אין פרישן בלוט — ער מוז האָבן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. מיר האָבן דאָך אַלע געזען ווי ער פלעגט פשוט אויפפלאַקערן ווען ער פלעגט קומען אין באַרירונג מיט מענטשן, וואָס זיינען ענערגיש טעטיק און פיבערן מיט די שאַרפע און צאַפּלדיקע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, — ווי ליידנשאַפטלעך און אומדערמידלעך ער דעבאַטירט מיט די טוער פון יידישן „בונד". בעת זיינע דיסקוסיעס מיטן טעמפּעראַמענטפולן יונגן בונדישן פירער ליבער (איך האָב שוין דערציילט וועגן זיין מאַרטירער־טויט צוזאַמען מיט אַבראַם גאָץ אין אַ סאָוועטישער טורמע —ביידע אומגעבראַכט געוואָרן פון די סאָוועטישע תלינים!) — האָבן מיר דייטלעך געקאָנט זיך איבערצייגן, אַז די קראַפט פון די בונדיסטן, אפילו פון די געוויינטלעכע טוער זייערע, איז טאַקע באַשטאַנען אין זייער ענגער פאַרבינדונג מיט די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, — ווייט נישט צום פאַרגלייכן זיי מיט זשיטלאָווסקין. מיר האָבן געזען, אַז די כוואַליע פון דער זובאַטאָווּשטשינע, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג אויף זיי זיך אויסגעגאָסן, האָט זיי נישט פאַרפּלייצט: די בונדיסטן זיינען אַרויס פון דאָזיקן שווערן קאַמף מיט אויפגעהייבענע קעפּ, צוריק פעסט צוזאַמענ־געשטעלט זייערע רייען; דאָס איז געווען דער כוח פון דער מאַסן־באַוועגונג. דאָס זעלביקע האָבן מיר געזען ביי אונדזער מענדל ראָזענבאַומען:

דאָס איז געווען דער סוד פון זיין דערפּאָלגרייכער און געפּערלעכער אַרבעט ביי דער סאַמע רוסישער גרענעץ.

זשיטלאָווסקי האָט אַזאַ אַרבעט נישט געקאָנט מאַכן: ס׳האָט זיך שוין געפילט דער עלטער, שוואַכקייט, קרענקלעכקייט, — די אָפּגעוויינט־קייט פון אומלעגאַלן לעבן, די צוגעוויינטקייט צו אַ רואיק לעבן, מיט קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייט. איז ביי אונדז געבליבן, אַז ער דאַרף אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ איז אַ ברייט פאַרצווייגטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, דאָ פולסירט אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג, דאָ וועט ער אָפּלעבן, פאַנאַנדער־וויקלען זיינע כוחות, אויסשפּרייטן זיינע פליגלען.

קיין אַמעריקע האָט זיך גראָד אין יענער צייט (1904) געקליבן צו פאָרן ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַ, די „באַבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע״. אין פּלאַן איז געווען — זי זאָל אַדרעסירן דאָ גרויסע פאַרזאַמלונגען פון יידישע מאַסן, וואָס זיינען באַוואוסט מיט זייער פילבאַרקייט און לעבעדיקן אינטערעס צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. זשיטלאָווסקי איז מיטגעפאָרן מיט איר, האָט געדאַרפט זיין סיי דער איבערזעצער סיי דער פאַרמיטלער צווישן איר און דער יידישער אוידיטאָריע, וואָס איז דער „באָבען״ געווען לחלוטין פרעמד און אומבאַקאַנט. די ווירקלעכקייט האָט אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. צווישן זשיטלאָווסקיס שווערע איבערלעבונגען אין דער שווייץ און זיין נייעם לעבן און טעטיקייט אין נייעם לאַנד — איז געלעגן אַ גאַנצער אָקעאַן. ער האָט ווי נייע פליגלען באַקומען. ענטוזיאַסטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, שטורמישע אָוואַציעס, פּרויען באַגיסן זיך מיט טרערן הערנדיק די „באָבען״, מען טראָגט איר אויף די הענט, די גרויסע זאַלן נעמען נישט אַריין אַלעמען, וואָס ווילן זיי הערן. פאַר זשיטלאָווסקין איז עס געווען אויסערגעוויינטלעך וויכטיק צו קומען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אין באַרירונג מיט אַזעלכע ענטוזיאַסטישע יידישע פאָלקסמאַסן. ס׳האָט אויסגעזען ווי פרישע בלוט האָט אָנגעהייבן פולסירן אין זיינע אָדערן.

די „באָבע״ פלעגט אויף די מיטינגען גאַנץ איינפאַך דערקלערן: איך בעט אייך — פרעגט מיר נישט וועגן פּראָגראַמאַטישע פּראָבלעמען, וועגן וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, — דאָס איז נישט מיין ספּעציאַליטעט. אויב דאָ וועלן זיך געפינען געניג מענטשן, וואָס האָבן אַ באַדערפעניש זיך צו אָריענטירן אין פראַגן פון פּאָליטישער פילאָסאָפיע און וועלט־אָנשויאונג פון אונדזער פאַרטיי — וועט דערמיט ערנצט זיך פאַרנעמען מיין חבר, וואָס באַגלייט מיר אויף מיין רייזע, וועמען איך רוף: מיין פילאָסאָף; אָט צו אים ווענדט זיך. זשיטלאָווסקי האָט טאַקע געהאַלטן אין אַמעריקע אַ סיסטעמאַטישן קורס פון צען לעקציעס; צו דער ערשטער לעקציע איז געקומען אַן עולם פון 700 מאַן (דער זאַל האָט מער נישט

אַריינגענומען); די לעקציעס האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן דער־פאָלג. מיר אין זשענעוו האָבן זיך אפילו געקליבן אַרויסגעבן דעם ציקל לעקציעס זיינע אין אַ רוסישער איבערזעצונג. אָבער עס האָט זיך אָנגערוקט די רעוואָלוציע פון יאָר 1905, אונדזער און אויך זשיטלאָווסקיס אויפ־מערקזאַמקייט איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער דאָזיקער גראַנדיעזער גע־שעעניש און אַלע אַנדערע קלייניקייטן האָבן געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אַן אַ זייט.

אין רוסלאַנד — אין 1906־7

זשיטלאָווסקי איז אַוועק קיין רוסלאַנד, אין זיין היימלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, וואו עס האָט זיך אויסגעפורמירט זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט. ער האָט קאַנדידירט צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע; האָט זיך באַטייליגט אין דער קאָנפערענץ פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ רוסלאַנד, וואָס אונדזער פאַרטיי האָט צונויפגערופן. ס׳האָבן אין דער קאָנפערענץ זיך געדאַרפט באַטייליקן פופצן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, אַ טייל פון זיי איז שוין געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי ס. ר., ווי למשל: די אַרמענישע דאַשנאַקצוטיונער, די גרוזינישע סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן, די עסטאָנישע ס. ר., די לעטישע; זשיטלאָווסקי האָט נאָך געקענט צוגעבן די ניי־געגרינדעטע „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי״ — די סיימאָוועס, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן אויף רוסיש „סערפּ״; ס׳האָבן אויך געדאַרפט צושטיין די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען פון דער ס. ר.־ישער פאַרטיי — די מוסולמענער פון פּאָוואָלזשיע, די טשוואַשן, אַסעטינער און אפילו די יאַקוטן.

צום באַדויערן, האָט די געשיכטע געשטעלט פאַר דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 זייער אַ קורצן טערמין; ס׳האָט זיך אָנגעהייבן דער באַרג אַראָפּ. אַ ריי פּאָליצייאישע מאַכינאַציעס האָבן נישט דערלאָזט זשיטלאָווסקין אַדורכגיין ווי אַ דעפּוטאַט אין דומע (פון זיין היימשטאָט וויטעבסק). אין דעם צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנשטאָט 15 זיך באַטייליקט בלויז 6; מ׳האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ קלענער קאָנפערענץ, וואָס האָט קיין גרויסן אויטאָריטעט נישט געקאָנט האָבן. איך בין געווען דער מחבר פון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער פאַרטיי ס. ר., אָבער איך האָב אויף דער קאָנפערענץ נישט געקאָנט שוין זיין; האָט מען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם נישט באַהאַנדלט, די קאָנפערענץ האָט זי געלאָזן אָפן, האָט אָנערקענט, אַז אַזאַ פּראָגראַם דאַרף נאָך „דיסקוטירט ווערן אין די אינערלעכע פאַרטיי־רייען״. די קאָנפערענץ

איז געווען אַ דורכפאַל. אונדזער פּאַרטיי־דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון צופעליקע מענטשן, וואָס האָבן קיין אויטאָריטעט נישט פאַרמאָגט. דער אַלטער מאַרק נאַטאַנסאָן האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פונעם לידער פון רעכטן פליגל פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) — פּילסודסקין; אָט זיי ביידע האָבן דאָס אויסגענוצט די סיטואַציע און אַראָפּגענומען די נאַציאָנאַלע פראַגע פון דער טאָג־אָרדענונג.

אונדזער פּאַרטיי־דעלעגאַציע האָט אויף דער קאָנפערענץ נישט פאַרטיידיקט אונדזער פּאַרטיי־פּראָגראַם; אומדירעקט האָבן די דאָזיקע פליכט געטון די ס. ר.־ן פון „סערפּ" (סיימאָוצעס), דאָס זיינען געווען זשיט־לאָווסקי און מאַרק ראַטנער. כדי כאָטש אַ ביסל צו פאַרריכטן די מערכה האָב איך פאָרגעלייגט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט פאַנאַנדערצושיקן אַ צירקולאַר צו אַלע אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואו זיי וועלן געבעטן צו געבן אויף די ערטער אַקטיווע הילף די אָרגאַניזאַציעס פון די סיימאָוו־צעס („סערפּ") און זיי שטיצן מיט אַלע מיגלעכקייטן. אויך דאָ האָט זיך באַקומען אַ קאָנפוז: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פיל סיימיסטישע אָרגאַני־זאַציעס אויף די ערטער האָבן זיך געהאַלטן פאַר מאַרקסיסטישע און האָבן מיט די ס. ר. קיין שום געמיינזאַמעס נישט געוואָלט האָבן, — זיי זיינען געווען אַ סך נענטער צו די סאָצ. דעמ. ווי צו די סאָצ. רעוו. אָט אַזאַ כאַאָס האָט געהערשט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען ווען די רעאַקציע האָט זיך גענומען פאַרשטאַרקן. זשיטלאָווסקי, אַנ׳אַנטוישטער, אַ צעבראָ־כענער איז צוריק אַוועק קיין אַמעריקע.

זשיטלאָווסקי און ראַפּאָפּאָרט אין זייערע לעצטע יאָרן

אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער האָבן געהאַט די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זשיטלאָווסקין און ראַפּאָפּאָרטן. איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם לעצטנס סקאַנדאַליעזן אַרויסטריט אין „איסקראַ" קעגן זיינע געוועזענע פּאַרטיי־חברים פון ס. ר. און קעגן זשיטלאָווסקין גופא, זיין אַלטן פריינט. מיר אַלע האָבן געברענט מיט שנאה צו ראַפּאָפּאָרטן. זשיטלאָווסקי אָבער האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גוטמוטיקער פאַרגעבענקייט, האָט אים מוחל געווען און צוריק איינגעשטעלט די פריערדיקע פריינטשאַפט. דער מהות פון זייערע כאַראַקטערן איז געווען פון גרונט־אויס פאַרשיידן; זייער לעבנסוועג איז געגאַנגען מיט צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, אָפט געבראָכענע, אויסגעקרימטע...

זשיטלאָווסקי איז געווען מער טאַלאַנטפול ווי ראַפּאָפּאָרט; מער גוט־

מוטיק, געזעצט; ראַפּאַפּאָרט — קאַנטיק, שאַרף, הזעהדיק. פון זשיט־לאָווסקין האָט געשלאָגן אַן אינערלעכע קאַלטקייט; יענער איז געווען מער אימפולסיוו, באַוועגלעך, איניציאַטיוו־פּייאיק. אין דיסקוסיע פלעגט זשיטלאָווסקי ליב האָבן צו פאַרנעמען באַפּעסטיקטע „פילאָסאָפישע הויכ־קייטן", ראַפּאַפּאָרט פלעגט דאָס אויסמיידן דורך קאַוואַלערסקע שפּרונגען, דורך אומגענג. ראַפּאַפּאָרט האָט זיין יוגנט־פריינט זשיטלאָווסקין מכבד געווען מיט אַ היבשער פּאַרציע חוזק, ווען ער אַליין איז אַריבער צו די מאַרקסיסטן. אָבער גאָר גיך האָט ער אויך זיינע נייע חברים איבערראַשט מיט אַ שאַרפן סיורפּרייז. ד. שוב אין זיין בוך „לענין" דערציילט, ווי אַזוי ראַפּאַפּאָרט האָט אין 1914 לענינען גופא מכבד געווען מיט אַ טרעפלעכער כאַראַקטעריסטיק:

„לענין האַלט נאָר זיך אַליין פאַר אַ סאָציאַליסט, און ווער עס טרעט אַרויס קעגן אים, יענער איז אויף אייביק פאַרמשפּט פון אים. ער פאַרנעמט אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער די זעלביקע לאַגע, וואָס סטאָליפּין האָט פאַרנומען אינעם צאַרישן לאַגער. אין טויט־שטראָף זעט ער דעם איינציקן מיטל צו פאַרזיכערן דאָס לעבן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פאַרטיי; דאָס איז אַ מענטש, וועלכער דערקלערט מלחמה יעדן איינציקן, וואָס דענקט נישט אַזוי ווי ער. אַנשטאָט צו קעמפן מיט זיינע קעגנער אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטי־שער פאַרטיי, דורך דיסקוסיעס, ווייס לענין נאָר פון געברויכן כירורגישע מיטלען, פון אָפּצאַפּן דאָס בלוט. קיין פאַרטיי וואָלט נישט געקאָנט עקסיסטירן אונטערן רעזשים פון אָט דעם סאָציאַלדעמאָ־קראַטישן קייסערל, וועלכער האַלט זיך פאַר אַן אויבער־מאַרקסיסט, אָבער וועלכער איז אין דערווירקלעכקייט אַן אַוואַנטוריסט פון העכסטן שניט. איך געהער נישט צו קיינע פון די קעמפנדיקע פראַק־ציעס. אָבער די לאַנגיאָריקע דערפאַרונג האָט אונדז געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז לענינס זיג וואָלט געווען די גרעסטע געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע. לענין וועט זי אַזוי פעסט צונויפדריקן אין זיינע אָרימס, אַז זי וועט אין זיי דערשטיקט ווערן".

איך האָב געטראַכט, אַז איצט זיינען שוין פאַר ראַפּאַפּאָרטן פאַר־אַ נבואה פון יאָר 1914 איז שפּעטער פולשטענדיק מקוים געוואָרן. מאַכט אַלע וועגן צום באָלשעוויזם, קאָמוניזם. אָבער גאָר אינגיכן האָב איך דערזען אויפן שער־בלאַט פונעם קעמפערישן פראַנצויזישן טעאָ־רעטישן זשורנאַל פאַר לעניניזם „רעוו. קאָמוניסט" דעם נאָמען פון זיין שעף־רעדאַקטאָר — שאַרל ראַפּאַפּאָרט!

און זשיטלאָווסקי? ער האָט גאַנץ לאַנג כסדר געטענהט: „נישטאָ קיין סאָציאַליזם אָן מאָראַל, ווי ס'איז נישטאָ קיין מאָראַל אָן סאָציאַ־

ליזם״; „לענינס מאָראַל איז די יעזואיטישע מאָראַל״. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז פאַר אים איז אַלץ גילטיק חוץ אַ פאַרבינדונג מיט אַזאַ מין יעזואיטישן קאָמוניזם אָדער קאָמוניסטישן יעזואיטיזם. וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן? מיר האָבן שפּעטער געזען זשיטלאָווסקין, ווי ער פּראָקלאָמירט זיך אָפן ווי אַ קאָמוניסטישער מיטלויפער!

ווידעראַמאָל ראַפּאָפּאָרט: ער האָט זיך געעלטערט. האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע ביי די קאָמוניסטן אין פראַנקרייך ווי דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער „קאָמוניסטישער רעוויו״; איז געווען געאַכטעט אין גאַנצן קאָמינטערן, אַן ערן־גאַסט אין מאָסקווע, פלעגט באַקומען אַ שטענדיקע פּענסיע ווי אַ פאַרדינסטפולער וועטעראַן פון דער רעוואָלוציע. וואָס נאָך האָט אים געפעלט? אָבער עס האָבן זיך אָנגעהייבן די „רייניקונגען״ אין קאָמינטערן, די טראַגיש־באַרימטע פּראָצעסן קעגן די וועטעראַנען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, קעגן לענינס נאָענטסטע מיטאַרבעטער און מיטקעמפער, — די גאַנצע וואַקכאַנאַליע פון די טויט־עקזעקוציעס. ראַפּאָפּאָרט האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט פּראָטעסטירט שאַרף, נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט די אומפאַר־שעמטע ליגנס, מיטן חוצפּהדיקן יעזואיטיזם, וואָס האָט פאַרפּעסטעט די גאַנצע אַטמאָספער. נישט געקוקט אויף זיינע גרויסע פאַרדינסטן איז ער אַרויסגעפלויגן פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון קאָמינטערן. דער אַלטער גייסטיקער נעוונדניק איז צוריק צוגעשוואומען צום סאָציאַליסטישן ברעג. איך האָב זיך מיט אים גראָד דעמאָלט געטראָפן, ווען איך האָב זיך געקליבן קיין אַמעריקע. ער האָט מיך געבעטן איבערגעבן זיין אַלטן פריינט זשיטלאָווסקין, וועלכער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט מיט אים צו קאָרעספּאָנדירן, — איבערגעבן אים אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען.

אין אַמעריקע האָב איך זיך געטראָפן מיט זשיטלאָווסקין. מיר האָבן געשמועסט וועגן קאָמוניזם, באָלשעוויזם, וועגן די אַמאָליקע צוועלף טויט־אורטיילן איבער אונדזערע חברים פון צ. ק. ס. ר., וועגן די „פּראָ־צעסן״, די טויט־אורטיילן איבער לענינס מיטקעמפער, וועגן טראָצקין און אַזוי ווייטער. וואָס האָב איך פון אים געהערט ווי אַן ענטפער דרויף? ער מיידט אויס צו ענטפערן פּראָסט און קאַטעגאָריש. ער דרייט מיט דער צונג: ער ווייס נישט אויף זיכער, צי די טראָצקיס, בוכאַרינס, זינאָוויעווס, קאַמעניעווס און אַנד. זיינען טאַקע שולדיק אין אַלץ, וואָס מ׳האָט זיי פאָרגעוואָרפן, — און אפשר זיינען זיי יאָ שולדיק?... אפילו דער ריינסטער און ערליכסטער אַמעריקאַנער פילאָסאָף־מאָראַליסט קאָן גאָר נישט פאַרשטיין וואָס עס קומט פאַר אינעם לעבן און אין דער אַרבעט

פון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, ער קאָן גאָר נישט אורטיילן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען... אאז״ו. אאז״ו.

איך האָב מיט אָן אָפּענעם מויל און אויסגעשטעלטע אויערן געקוקט אויף אים: צי רעדט דאָס דער אַמאָליקער חיים זשיטלאָווסקי און נישט עפּעס אַ נאַריש, נאַיוו, באַלעבאַטיש מיידל?... ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו זוכן מיט אים עפּעס אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

איך האָב געהאַט מיט אים נאָך עטלעכע באַגעגענישן דאָ, אָבער כ'האָב נישט קיין שום חשק צו דערמאָנען וועגן זיי. דאָס וואָלט נישט צוגעגעבן קיין איין־איינציקן ווערטפולן שטריך צום גייסטיקן פּנים פון מיין „אַמאָליקן״ זשיטלאָווסקין. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ ני־דעריקער און נידעריקער. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן און אַרויסגעטראָטן קעגן אים מיט אַ שאַרפן, פול מיט ביטערניש אַרטיקל: „פּנים אל פּנים מיט זשיטלאָווסקין״. ער איז צוליב דעם געווען שטאַרק צערודערט. דעם ביסל איבערגעבליבענע אונדזערע גע־מיינזאַמע פריינט האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אַרויסטרעטן מיט אַן ענטפער אין אַ ספּעציעלער בראָשור, וואו ער וועט אַלץ אויפקלערן און פאַרענטפערן. די בראָשור האָט זיך נישט באַוויזן; אויך אין זיין לי־טעראַרישער ירושה איז נישטאָ קיין שפּורן פון אַזאַ אַרבעט. און באמת, וואָס וואָלט ער געקענט ענטפערן?

זיין לעבנסוועג איז נישט געווען אויסגעשאָטן מיט רויזן. געוויסע פריינט אונדזערע אין דער שווייץ פלעגן זאָגן וועגן אים: זשיטלאָווסקי דאַרף האָבן נישט אַזאַ פרוי ווי וויערא סעווערינאָוונא, וואָס יאָגט פון זיך די נשמה אַרויס מיט שווערער אַרבעט; אַן אַנדערע וואָלט אים שוין געצוואונגען ער זאָל אַליין מער סיסטעמאַטיש און שטענדיק אַרבעטן. זשיטלאָווסקי האָט אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט; אויך פון נאַראַן האָט ער געהאַט קינדער; האָט געדאַרפט אויך שיקן שטיצע פאַר דער ערשטער פרוי און קינדער. אין אַמעריקע איז מען געוואוינט צו אַרבעטן. אויך חיים זשיטלאָווסקי האָט געאַרבעט, געווען פאַרוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן. ער פלעגט זיך דאָ שטענדיק קלאָגן, אַז די צייטונג־אַרבעט מאַטערט אים אויס, עס בלייבט נישט קיין צייט פאַר ערנצטער, שעפערישער אַרבעט, וואָס פאָדערט מער צייט, קאָנצענטרירטקייט. אויך זיין היימישע אַטמאָס־פער האָט נישט אָנטשפּראָכן; די אַלטע פריינט זיינען געוואָרן וואָס ווייניקער; זיינע פריינט זיינען זעלטן געווען אויך די פריינט פון זיין פרוי; זיין אידעאָלאָגיע איז איר געווען פרעמד און ווייט. די נייע פריינט זיינען געקומען ווי גאָר פון אַן אַנדער וועלט. זשיטלאָווסקין האָט מען שוין זעלטן געזען אַ שמייכלענדיקן, אַ פריילעכן, אַ האַרציקן ווי אַמאָל. ער פלעגט אָפּט זיין אומעטיק, אין אַ געדריקטער שטימונג —

די אַטמאָספער אַרום אים איז געוואָרן אַלץ שיטערער, אויסגעליידיקט...

ווי שטענדיק פלעגט ער אַרומפאָרן מיט רעפעראַטן איבער די שטאַטן און קענעדע; ער איז נאָך אַלץ געוועזן דער „באַרימטער זשיטלאָווסקי", אָבער די אוידיטאָריע איז שוין גאָר געווען אַן אַנדערע — אַ פּאַרשייַדנאַרטיקער עהב רב, מהאָט זיך געמוזט צו איר צופּאַסן... קלייבנדיק זיך איינמאָל אויף אַ לעקטשור־טור, האָט ער פלוצים גענומען זיך קלאָגן אויף אַלטקייט, — אַז דער „מלאך־המות" קאָן יעטוועדע מינוט אָנקלאַפּן אין זיין טיר... ער האָט געמאַכט אַ צוואה און אָפּגעשריבן זיין גאַנצן אַרכיוו און ביבליאָטעק פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ). ווי אַן אַלטער מיטגליד פון גערשוני־ברענטש פון „אַרבעטער־רינג", האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זיין קבר זאָל זיך געפינען אויפן בית־עלמין פון אַרבעטער־רינג. פון לעקטשור־טור איז ער שוין צוריק נישט געקומען — געשטאָרבן פלוצלונג גלייך נאָך אַ לעקציע. מ'האָט זיין קערפּער גע־בראַכט קיין ניו־יאָרק, פרעמדע מענטשן האָבן געמאַכט אים אַ שיינע לויה, געבראַכט אים צו קבורה אויף דעם בית־עלמין פון קאָמוניסטישן „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן". זיין אַרכיוו און ביבליאָטעק זיינען ערגעץ „פאַרפאַלן געוואָרן"... ערשט דורכן געריכט האָט דער ייוואָ אַרויסבאַקומען צוויי און צוואַנציק קאַסטנס — וואָס פריער האָט מען געטענהט, אַז זיי זיינען נישטאָ און קיינמאָל גאָר נישט געוועזן...